STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05333

NOAH PANDRE

Zalman Shneour

Permanent preservation of this book was made possible
by Moses Silverman & Betty Robbins
in honor of
Bernard Silverman's 80th birthday

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זלמן שניאור

☆

נח פאנדרע

זלמן שניאור

נח פאנדרע

ערשטער טייל: „עמי־הארצים"

פֿאַרלאַג „ניי־לעבן"
תל־אביב, תשכ"ט — 1969

זלמן שניאור
נח פאנדרע

ערשטער טייל
עמי־הארצים

©

אַלע רעכט געזיכערט

נדפס בישראל תשכ״ח

JEWISH HERITAGE LIBRARY
71-25 MAIN STREET
FLUSHING, NEW YORK 11367

דפוס „אור" בע"מ
לבנדה 36. טעל. 36910
תל־אביב

וווּ זענט איר?
(אַנשטאָט אַ הקדמה)

ווּ זענט איר אַצינד, איר דעמבענע יידן, מיט די ברייט־נאָזיקע שטי־וואלעס און מיט צעשוומענע, פאַרברענטע נעזער, ווי ביי לייבן? איר, באַלעגאָלעס, קצבים, נאָסקע־טרעגער, ליימער, זעגער...

אייער קול איז געגאַנגען ווי פון אַ פוסטן פאַס אַרויס, און אין אייערע קינדערשע אויגן האָט געשפּילט דער כוח פון לעבן.

עס האָט פון אייך שטענדיק געשמעקט מיט וואַלד, מיט דיעגעכץ, מיט קאָרענע מעל, מיט פרישע פעלן. און אַפילו ערב־שבת נאָכן באָד, בשעת איר זענט שוין מיט מזל אַריינגעקראָכן אין די געוועגטענע, שמאַל־געוואַרענע קאַפּאָטעס און סורדוקן פון אייערע חתונה־צייטן, האָט פון אייך געדאַמפט מיט געפּאַרעטע, בערעזאָווע בעזעמער, מיט קאָרע און מיט דער שפּע פון אַ פולער וואָך.

די סידורימלעך האָט איר געהאַלטן אין די הענט ווי מען האַלט געלינקע פיסקליאַטעס. מיט אַ צערטלעכקייט און מיט אַ רחמנות פון גבורים האָט איר זיי געהאַלטן און פרום געשאָקלט זיך איבער זיי. און מיט די זעלבע פאַרמאַזאַליעטע, צעשונדענע לאַפּעס האָט איר אומגעוואָרפן צען־פּודיקע משאות, פון שפּייכלער צום וואָגן און פון וואָגן צום שפּייכ־לער, ווי מען וואָרפט אום קניילכלעך פאָדעם. מיט איין פּאַטש איבער דער ליטקע האָט איר איינגעשטילט צעווילדעוועטע פערד, וואָס ווילן אין שפּאַן נישט גיין.

„עם־הארצים" האָט מען אייך גערופן. אין מערב־זייט, ביים טיר פון בית־מדרש זענט איר געזעסן באַשיידן און אונטערטעניק. יאָרן־לאַנג גע־וואַרט אויף אַן „עליה", וואָס פאַלט אַראָפּ פון בעלעמער, ווי אַן אָפּגע־גריזשעטער ביין, בשעת קריאת־תורה. גבאימלעך מיט אַ „מיחוש",

איידעמלעך אויף קעסט האָבן אויך אייך געקוקט פון אויבן אַראָפּ. און יונגע באַלעבאַטימלעך האָבן געדוצט אַפילו אייערע אַכציק־יעריקע אַלטע לייט.

זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז מען טאָר נישט עסן די גוטע, שמעקנדיקע עפּל און פאַראַכטן די שוואַרצע וואָרצלען פון עפּל־בוים; אַז מען טאָר נישט טרינקען קיין קלאָרע וואַסער און מבזה־זיין די מאָכיקע וועגט פונעם ברונעם.

איז אויסגעבראָכן אין שטעטל אַ שריפה, זענט איר האַלב־נאַקעטע די ערשטע געשפּרונגען לעשן. אַ מגיפה — זענט איר, טופּענדיק מיט די שווערע שטיוול, געלאָפן מינטערן די פאַרחלשטע. ציטערדיק און שטיל ווי יידענעס אַרומגעגאַנגען אַרום די „פאַרבייאיקע", און וועגן זיך נישט געקלערט.

האָט זיך אין אַ מאַרק־טאָג פאַרקאָכט אַ געשלעג מיט שכורע גויים — האָט איר זיך אָנגענומען פאַר שוואַכע קרעמערלעך, פאַר אלמנות, וואָס פאַרקויפן לעקעך און גרינס אויף די טישלעך, און דערנאָך געגאַנגען זיצן אין אָסטראָג פאַר די, וועלכע איר האָט באַשיצט.

דער באַהעלטער פון געזונט בלוט און פון ערדישע ליידנשאַפטן זענט איר געווען אין פאָלק ישראל. ווען נישט דער רויטער זאַפט אין אייערע שטאַרקע אברים, ווען נישט דער אור־אַלטער פייער אין אייערע אָדערן — וואָלטן אויף דער יידישער גאַס געבליבן בלויז מערידאַלניקעס, פאַרשפּיצטע, בטלנישע נעז, קרומע קעפּ, ווינט־מענטשן, אויסגעצוואָגענע לייבער פון פרומאַקעס, נעווראַסטעניקער...

די פונקען פון ליבע און פון לידער האָט א י ר באַהאַלטן. דאָס גליק פון אַרבעט האָט געטליעט אין א י י ע ר לייב, די בענקשאַפט נאָך פעלד און וואַלד קומט פון אייער ערדישער פּראָסטקייט, פון אייערע מעשות. דער ווילן דורכצוברעכן די לעצטע מויערן פון דער געטאָ שטאַמט אויך פון אייך. פון אייער מיטן האָט דער נייער קוואַל פון וועלט־באַפרייאונג אויפגעשלאָגן און צעגאָסן זיך איבער יונגע דורות. פונקט ווי אייערע על־טערן זענען אַרויפגעשטיגן אויפן באַלעמער צו דער תורה, אַזוי אייערע קינדער — אויף עשאַפאָטן. און פון הויכע תליות האָט איר אונדז אָנגעזאָגט דאָס אָנקומען פון נ י י ע צ י י ט ן.

פון אייערע גראָב־געפאַרבטע העמדער און האַלז־טיכער, פון די זוניקע נאַאיווע קווייטן און שפּרענקלעך אויף די ציצינע קליידלעך ביי אייערע הויך־ברוסטיקע ווייבער און שוועסטער, זענען נאָך עד־היום פאַרבליבן די

פריילעכסטע פאַרבן אויף די פּאָליטרעס און פּענזלעס פון אַ נייעם דור יידישע מאָלער.

דורך גאַנצע געשלעכטער פון דערשלאָגענע קרעמער און פּאַראומערטע שענקער האָט אייער גבורה, ווי זאַלץ, מאַרינירט די קראַנק־געוואָרענע יידישקייט. און אייער הומאָר האָט, ווי צוקער, קאָנסערווירט די פּירות פון יידישן לעבן. אָן אייער האַמעטנער איבערגעגעבנקייט, אָן אייער פּויערי־שער איינגעשפּאַרטקייט, וואָלטן זיי אינגאַנצן פאַרפוילט געוואָרן.

די קלענסטע צאָל פון „איבערלויפער", די אומשעדלעכסטע משומדים זענען פון אייך אָפּגעפאַלן, ווי זשאַווער פון הייס־געקאָוועטן אייזן... נישט אַזוי ווי פון די איידעלע קלאַסן, פון די לומדים, פון גבירים, פון די אויס־דערוויילטע. דאָרטן, אַז עס האָט אָנגעהויבן צו פוילן, איז עס געגאַנגען ביזן טיפסטן וואָרצל.

נאָר גענוג צו זינגען פון אייך! לאָמיך בעסער פון אייך דערציילן.

נח פאנדרע

1

צי „פּאַנדרע״ איז אַ כשרער פאַמיליע־נאָמען, צי אַ צונעמעניש, צי אַן אָנשפּיל אויף זיין גויאישקן אויסזען — דאָס קען מען אַצינד אויף זיכער נישט זאָגן. דער דור זיינער איז אויסגעשטאָרבן — דער קצבישער דור, פון וועלכן עס האָט געשלאָגן מיט רואיקייט און מיט גבורה אויף ד׳ אמות.

נאָר אַז ער האָט געהייסן נח, דאָס איז געוויס.

אַ קצב בן קצב. אין די באַקן איז אים געלעגן דאָס רויע פליישׁ און אין די אברים אַן אָקסענער כוח. דער גרויסער קיילער־האַק איז ביי אים געגאַנגען אין די הענט, ווי אַ געצייגל אין די פינגער פון אַ מייסטער. דער יאַטקע־קלאָץ פלעגט אויפציטערן ווען ער פלעגט צו איר צוגיין. אַ האַלבע זייט פון אַ בהמה פלעגט ער איבערקערן, ווי אַ נישט־דערבאַקענע מצה אין אויוון. אַלע קצבים האָבן פאַר אים מורא געהאַט. כאָטש ער איז נאָך דאַן קיין גאַנצע ניינצן יאָר נישט אַלט געווען.

מ׳האָט דערציילט, אַז ער האָט צוויי רויטע רייפן אויפן בויך — אַ דייטלעכער סימן פון זיין מורא׳דיקער גבורה. שמחה׳לע טורערו דער שכור — נח פאַנדרעס שכן אין די יאַטקע־געוועלבלעך — פלעגט נישט אַלעמאָל האָבן גענוג כוח צעקיילן די גראָבע קנאָכעס פון אַן אַלטן אָקס. מייסטנס נאָך אַ גוטן טרונק אין דער פאַריקער נאַכט... פלעגט ער הייזעריק צורופן זיין יונגן חבר פון פאַך:

— קום, העלף, ברודערקע!

נישט רעדנדיק קיין וואָרט גייט נח צו, לאָזט אַראָפּ די האַק איינס און צוויי און די זאַך איז געמאַכט, דער ביין איז געבראָכן. שמחה׳לע

טורערו מיט דער אָנגערוקטער באַראַשקענער פאַרשפּיצטער היטל איבערביידע אויערן אָן דער זייט גלאָצט פאַרגאַפט מיט זיינע פאַרלאָפענע אויגן. ער באַוווּנדערט נח׳ס קראַפט. פון גרויס באַגייסטערונג באַדאַנקט ער אים אויף קצבישן לשון אַזוי:

— אַי, פּאַנדרע, צוויי כאַלערעס מיט פיר „בן־פקועס״, דיר אין דער „צעפּצעפּעכע״ אַריין!

נח פאַררויטלט זיך אַ ביסעלע פון אַזאַ קצבישן קאָמפּלימענט און גיט שעמעוודיק אַ בורטש:

— אָבער געדענק, שמחה גנב, עס קומט פון דיר אַ טרונק בראַנפן!

און שמחה׳לע פאַרזיכערט אים מיט גרויס ליבשאַפט:

— וועסט קריגן, וועסט קריגן, אַ „סחרה״ דיר אין דיין טריפהנער רוּאהקע אַריין!

אָבער נישט די שווערע שינד־אַרבעט אין שעכט־הויז, נישט דאָס קיילען אין טאַטנס יאַטקע, נישט דאָס העלפן זיינע שוואַכערע חברים אויף די פאַרבלוטיקטע ברייטע קלעצער אַרום אים, איז געווען אָנצוצאַפּן זיין כוח און אויסצופאַרען פון אים די היציקייט פון אַ יונגן אָגער. יעדע דינסט־מויד, וואָס קומט מיטן קאָשעק איינצוקויפן, פלעגט פון אים קריגן אַ קניפּ און אַ בליאַסק מיט די גרויע גרויסע אויגן און מיט די ווייסע ציין. די מוידן פלעגן עס מקבל באהבה זיין פון אַזאַ שיינעם יונג ווי נח פּאַנדרע איז געווען. און טאָמער האָט איינע אומגערן אַ קוויטש געטאָן, פלעגט זיך אויף איר נח צעברומען מיט אַ משונה׳דיקן בת־קול, ווי פון אַ חורבה אַרויס:

— בהמה, האָסט דאָך געוואָלט שפּאַנדרע, טו נאַ דיר שפּאַנדרע!

דערביי נאָך אַמאָל אַ קוועטש געטאָן דאָס געקניפּענע אָרט.

מיט רויטע בלוט־פלעקן אויף די ווייסע קאַפּטלעך, און מיט בלויע פלעקן אויף די לייבער, אונטער די קאַפּטלעך, פלעגן די אויסגעפּאַשעטע, גבירישע דינסט־מוידן קומען אַהיים, פלעגן שטילערהייט באַטראַכטן נח׳ס צייכנס און געווען פאַר אים די כפרה. איין דינסט־מויד פאַר דער צווייטער האָט זיך כלומרשט געקלאָגט:

— ברוין און בלוי האָט ער מיך דאָך געמאַכט דער פּאַנדרע, אַ בראָך זאָל אויף אים קומען!

פאַרקאַטשעט איר חברטאָרין דאָס קאַפּטל און באַווייזט אַ יצר־חרע׳דיקן, טונקעלן פלעק אונטער דער סאַמע ברוסט. און די אויגן פלאַקערן איר דערביי. עס גייט איבער, נישט־ווילנדיק, אין אַ מין באַרימערײַ צווישן

סאלדאַטן, ווער עס האָט, פאַר גוט שיסן, באַקומען מער אויסצייכענונגען... וואָס מער אַזעלכע ליבע־צייכנס אַלץ נענטער, הייסט דאָס, איז מען צו נח׳ן, „אַ בייזע יאָר אויף אים!...״ אַלץ מער לייטזעליקייט, הייסט דאָס, האָט מען געפונען אין זיינע אויגן.

און נישט אומזיסט זענען די מוידן אַזוי פאַרקאָכט אין זיינע „קנייפּ־מעדאַלן״. אויסער דעם, וואָס ער איז אַזאַ גבור, איז ער נאָך אַ קראַסאַוויעץ אַ יונג. זיין שוואַרצע טשופּרינע פאַלט ווי אַ שטורעם אַראָפּ איבער זיין ווייסן, פּיר־קאַנטיקן שטערן, זיינע גרויע און אָפענע אויגן זענען איינגע־ראַמט אין שוואַרצע זייער לאַנגע וויעס. זיינע ליפּן זענען שטייף און שיין געשלענגלט אונטער שוואַרצע זיידענע וואַנסעלעך. און גיט ער אַן עפן אַ מויל — גיט עס אַ בלענד אין די אויגן פון ווייסקייט. עס באַקומט זיך דאָן אַ מין קליינער, פרישער רעגנבויגן פון שוואַרצע וואָנסעס, מאַלינע ליפּן, ווייסע ציין און ראָזיקע יאַסלעס. אמת, די באַקן זענען ביי אים אַ ביסל צו רויט. אויך מיר אַ חסרון! ווי דען־זשע זאָל אַ קצב אויסזען?

דערפאַר אָבער די שטיוול מיט די לאַקירטע כאַליאַוועס, וואָס ער טראָגט שבת און יום־טוב — אַ כפרה פאַר זיי אַלע קאַמאַשן מיט רעזינקעס און אַלע געוועבטענע הויזלעך פון די באַלעבאַטישע יאַלדן! „בוטילקעס״ (בוטלען) הייסן אַזעלכע שטיוול מיט לאַקירטע כאַליאַוועס, און זענען אין דער גרויסער מאָדע ביי קצבים און ווילע־יונגען. די הערצער פון דינסט־מיידלעך און נייטאָרינס ווערן פאַרפרעגלט און פאַרשרפעט פון זייער בליאַסק.

ביינאַכט, איך ענגע געסקעס, צווישן קרויט־גערטנער און סעדער, ווען מען דערהערט נח׳ס שטילן ברום־באַס און אַ פאַרשטיקטן ווייבערישן געלעכטער — ווייסט מען, אַז דאָס שפּילט ער זיך מיט זיינע כלות. וויפיל כלות האָט ער? מען דערציילט, אַז אַ רעכט שפּאַרעוודיק ביסל. זלידנע פאַרקרימטע באַלעבאָסטעס באַרעדן אים, און פרומע באַלעבאַטים טענהען, אַז מען האָט געדאַרפט אסרן זיין יאַטקע. וואָרום אַזאַ חברה־מאַן איז מסוגל אויף אַלץ... נאָר ביי די דינסט־מיידלעך וועט מען עפּעס אויספירן? זאָג זיי יאָ און זאָג זיי נישט — וועלן זיי אַלץ קויפן ביי נח פאַנדרען. און רעד מיט זיי און וואָרן זיי — וועלן זיי אַלץ טענהען, אַז אַזאַ ערלעכע זאַך ווי פאַנדרע איז גאָר אין שקלאַוו נישטאָ. יאָ, קנייפן, אַ בראָך צו אים, קנייפּט ער זיך, אָבער קיין יידישע טאָכטער וועט ער נישט אומגליקלעך מאַכן...

שטייען טאָקע אַרום זיין קלאָץ, אין דער פרי, טאָג־איין טאָג־אויס, אַלע

שיינע דינסט־מוידן מיט די קאַשיקעס אין די הענט און וואַרטן געדולדיק ביז נח וועט זיי אָפּוועגן אַ חלק פלייש און שענקען אַ קניפּ.

עס פאַרשטייט זיך, אַז פון שפּילן זיך צווישן טונקעלע גערטנער און קנייפּן זיך קען אַזאַ יונג, ווי נח, נישט געהאָלפן ווערן. נו, און אויב אָנהויבן זיך מיט אַ יידישער טאָכטער — מוז מען דאָך מיט איר גלייך חתונה האָבן. אָבער ווי אַזוי זאָל פאַנדרע חתונה האָבן, אַז דעם „פריזיוו" איז ער נאָך נישט אָפּגעשטאַנען?.... וואָלט דאָך געווען זייער ביטער. וואָס־זשע טוט אָבער גאָט? — זענען דאָ גויות אויף דער וועלט. זעט מען טאָקע ר' נח'ן אַרויסשלייכן זיך פון שייערס אויף „פּראַנצאָווקע" און פון איינזאַמע שפּייכלערס, וויט הינטער די גוישקע געסלעך. מענטשן מיט אויערן האָבן אַפילו געהערט פאַרדעכטיקע שטילע קולכער, וואָס רופן נח'ן נאָך; עפּעס גויִש־טרויעריק און פאַרבענקט רופן זיי:

— „נאַי, ראַדנאַי"!.. קום מאַרגן אויך!

די זעלבע מענטשן וואָלטן געקאָנט שווערן, אַז זיי האָבן אַפילו געזען, ביי אַט די מאָדנע באַגעגענישן, אויפגעצונדענע קאָפּ־טיכער, צעפּאַטלטע פלאַקסענע האָר, אויפגעריסענע העמדער פון גראָבן פּויערישן לייוונט... נאָר גיי קוק זיך ביינאַכט צו ווער דאָס איז און וואָס דאָס איז! נייגעריקע האָבן אַפילו יאָ געפּרוווט, האָבן זיי באַקומען אַ פּלעם איבערן האַלז און נאַקן און אַ שליידער אַוועק, אַז זיי האָבן שוין פאַרזאָגט אַ צענטן. הכלל, יידן, ווו מען זעט ביינאַכט פאַנדרעס שאָטן — דאַרף מען זיך האַלטן אויף אַ מייל פון דערוווייטנס!...

2

אָבער ניט־קוקנדיק אויף דעם, וואָס ביי נח'ן אַליין איז אַ פליישיקע גויע אין אַ מילכיקן שפּייכלער נישט אינגאַנצן טרייף, איז ער גופא דווקא אַ שטיקל מקפּיד אויף גויאישע צניעות. וואָרום ווו ער דערטאַפּט אַ שגץ מיט אַ פאַרליבטער שיקסע — טרייבט ער זיי אַרויס ווי הינער פון שטייג. און אָפּטמאָל, אַז עס איז אים גאָר פריילעך אויפן האַרצן, איז ער מכבד מיט קלעפּ אויך.

איינמאָל, ראַנעצקע, גייענדיק פון שעכט־הויז, האָט ער ערגעץ־ווו, הינטער קוסטעס, דערשמעקט אַזאַ גוישקן „ער" מיט אַ „זי". האָט ער זיי פעסט צוגעהאַלטן מיט איין לאַפּע, ווי מען האַלט צו צוויי איינגע־ביסענע גליטשיקע העכט, און מיט דער צווייטער האַנט צוזאַמענגעבונדן

זיי מיטן לאַנגן קצבישן גאַרטל — פונקט אַזוי ווי ער האָט זיי געפּונען, אַרויפגעוואָרפן דאָס פּאָרל אויפן פּלייצע און אַרומגעטראָגן זיי צאַפּלדיקע און שרייענדיקע איבער דער גאַנצער שטאָט, אַזוי ווי פּנחס בן אליעזר, אין חומש, האָט אַרומגעטראָגן דעם געשאָכטענעם איש־ישראל מיט דער גויע מיט זיינער, מיט דער „מדינית"... ער האָט אַזוי די לעבעדיקע, האַלב־נאַקעטע משא דערטראָגן ביזן גאַנעק פון קאַזיאַנעם ראַבינער און זיי דאָרטן אַראָפּגעלאָזן. פאַרוואָס גראָד ביים קאַזיאַנעם ראַבינער אויפן גאַנעק? עס איז געווען אַ שטיקל נקמה. דער שקלאָווער קאַזיאַנער ראַבינער האָט בשום אופן נישט געוואָלט אַרויסגעבן נח פאַנדרען אַ מעטריקע מיט אַ שטעמפּל. פאַנדרעס טאַטע האָט אַפילו געטענהט, אַז ער מוז עס האָבן נויטיק צום „פּריזיוו", כדי מאַכן נח'קען, באַצייטנס, אַ „ווטאָרע־לגאָטע", וואָס קומט אים לויטן זאַקאָן, מחמת נח'ס צווייטער ברודער איז מיט אַ סך יאָרן יינגער פאַר אים. און נעמט מען נח'ן אַוועק פאַר אַ סאָלדאַט בלייבט ער, דער קראַנקער טאַטע, אָן אַ שטיץ, און מען מעג די יאַטקע אינגאַנצן צושליסן.

דער קאַזיאַנער ראַבינער האָט אָבער געטענהעט, אַז טאַטע־מאַמע האָט פאַרגעסן מעלדן וועגן נח'ס ברית, און ער האָט נישט, פּשוט, וואָס אויס־צושרייבן פון די קאַזיאַנע ביכער... טאָ זאָל ער זיך שטעלן צום „נאַ־רוזשנעם־וויד"...

נאָר גיי שטעל זיך פאַר פאַניעס מבינים, זיי זאָלן דאָס אָפּשאַצן נח'ס יאָרן! אַז מיט פּופּצן יאָר האָט שוין דער יונג אויסגעזען ווי אַ בייבאַק פון צוואַנציק.

איז אַוועק אַ שנאה צווישן פאַנדרעס משפּחה און צווישן שקלאָווער קאַזיאַנעם ראַביז.

אַצינט, אַז דער ראַבינער מיט די ברילן איז אַרויסגעלאָפן אויף די געוואַלדן און געלעכטערס אויף דער גאַס, האָט נח גראָד געהאַלטן ביים אָפּבינדן זיין פאַרשמאַלצעוועטן קצבישן גאַרטל פון די צוויי גוישע לייבער; ער האָט גראָד געשטעלט פאַר עדות דעם גאַנצן אָננגעלאָף, ברומענדיק און זיך ווינטשעווענדיק מיטן עולם:

— מזל טוב, מזל טוב!... אָט! למען השם!... נישט פאַרגעסן! למען־השם איינשרייבן אין די קאַזיאַנע ביכער!

שמחת תורה האָט נח געהאַט אַ טבע צו נעמען אַן איבעריקן טרונק בראָנפן מיט שמחה'לע טורערו. און אַרומגענומען ביי די העלזער, אויפן פויערישן שטייגער, פלעגט ער, פאַנדרע, דער ריז מיט שמחה'לען דעם

אויסגעדאַרטן אָדערדיקן נפש אין דעם באַראַשקענעם היטל, אַוועקשטעלן זיך אונטער די פענצטער פון די ברוגז׳ע באַלעבאַטים, וואָס קויפן ביי זיי קיין פלייש נישט און גלויבן נישט זייער כשרות, אוןביידע פלעגן זיי „אַוועקלייגן״ אַ מאָדנעם „מי שברך״.

אָנגעהויבן האָט זיך דער „מי שברך״ מיט נח׳ס כשר׳ן נאָמען און ענדיקן האָט ער זיך געענדיקט מיט שדים ווייסן וואָס. דער דועט האָט זיך געקייטלט אומגעפּער אַזוי:

אלה תולדות נח!
פון בראָנפן קריגט מען כוח.
כוח קריגט מען פון בראָנפן,
ווערן זאָלסטו אַ דלפון!
אַ דלפון זאָלסטו ווערן
טאַנצן זאָלסטו מיט בערן.
מיט בערן זאָלסטו טאַנצן,
ליגן זאָלסטו אין פראַנצן.
אין פראַנצן זאָלסטו ליגן,
קדחות זאָלסטו קריגן,
קריגן זאָלסטו קדחות
פון קאַפּ א. א. וו.
ונאמר אָמן!

אָבער אָט די ווילדע שקאָצערייען זענען נאָך נישט בכוח געווען אָפּצוקילן פּאַנדרעס ברויזנדיקע, קצבישע בלוט. בשעת שמחה׳לע טורערו ליגט שוין אַ האַלב־גע׳חלש׳טער אונטערן פּלויט, ערשט דעמאָלט פאַרדאָפּלט זיך נח׳ס גבורה און זיין יינגלשע לוסטיקייט. אָדער ער לאָזט זיך אַוועק אין מיטן העלן יום־טוב פאַרמאַכן די לאָדן אין גאַנץ שקלאָוו, אָדער ער כאַפּט אַן אָצוּפּ מיט אַן עמער און נעמט זיך שעפּן וואַסער פון ברונעם און גיסן אויף דער ערד. ער טוט דאָס מיט אַזאַ ווילדן ברען, מיט אַזאַ מסירת־נפש, אַז באַלד שטייט ער שוין מיט זיינע לאַקירטע כאַליאַוועס אין אַ טייך וואַסער, און קיינער קען צו אים נישט צוגיין. באַלעבאַטימלעך אין יום־טובדיקע קאַפּאָטקעלעך שטייען אַרום „טייך״ און מאַכן מיט די הענט, ווי דערשראָקענע יידעלעך פאַר קריאת ים־סוף. פאַרגאַפט און דערשיטערט פון אַזאַ גבורה, וואָס גיסט זיך איבער אַלע ברעגעס, זענען נאָר די יידישע קינדער. זיי קוקן צו און שווייגן. זיי זעען אין פּאַנדרען און אין זיינע ווילדע שטיק אַ מין פאַרשטעלטן שמשון הגבור, וואָס רייסט אויס די טויערן

פון דער שטאָט עזה אין מיטן דער נאַכט און טראָגט זיי אַרויף אויף אַ באַרג; וואָס בינדט צוזאַמען דריי הונדערט פוקסן ביי די עקן מיט אָנגעצונדענע האָלאָוואַשקעס צווישן; וואָס צערייסט נייע פלאַקסענע שטריק אויף די אָרעמס. און אַ ברומיקן לייב — צווישן די ווייַנגערטנער... נאָר זיי, די חדר־ייִנגלעך, פאַרשטייען אים. זיי וואָלטן אַוודאי און אַוודאי אויך אַזוי געטאָן. נאָר זיי זענען נאָך צו קליין און שוואַך. מילא, פאַרלאָזן זיי זיך אינגאַנצן אויף נח פאַנדרעץ, אַז ער, הייסט דאָס, וועט מיט דער צייט צעשלאָגן די פלשתים און אויסלייזן אַלע יידן פון גוישקע הענט...

3

נאָר איינמאָל האָט געטראָפן אַ מעשה, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַ טומל אין שטאָט און דערנאָך אַזאַ געמורמל, אַז אַפילו אַנטציקטע חדר־ייִנגלעך האָבן פאַרלוירן יעדע האָפענונג אויף פאַנדרעץ, אַז ער וועט מיט דער צייט ווערן אַ „שופט” און וועט גליקלעך מאַכן אַלע יידן...

די מעשה איז אַזוי געווען: ציענדיק די געהויבענע קאַרעטע פון קלויסטער אַהיים, צום „הויפל”־צו, האָבן זיך צעטראָגן די פריצישע הייסע פערד. און די פריצטע אַליין, אַ דאַרע נקבה מיט לעבעדיקע שוואַרצע אויגן, איז שיער נישט געניזוקט געוואָרן. אין ווילדן געשלענגלטן גאַלאָפּ אין שטויב און געשריי, האָט מען נאָך געזען די פאַווע־פעדערן פון דעם פריי־צישן קוטשער מיט זיין רויטן אָנגעבלאָזענעם קאַרק. אָט־אָט פלאַצט ער פאַר אָנשטרענגען זיך ביים ציען די לייצעס. און אין דער ברייטער קאַרעטע וואַרפט זיך אַרום, ווי אַ געווענטעטע ליאַלקע, די פריצטע אַליין. זי שרייט און כאַפּט זיך מיט לאַנגע הענטלעך, אין ווייסע לייקענע הענטשקעס, אָט פאַרן זיץ און אָט פאַרן רויטן גאַרטל ביים קוטשער, און פאַלט צוריק. איר ווייסע פעטער־בורגער היטעלע מיטן שטרויס־פעדער קייקלט זיך אַראָפּ און פליט נאָך, נאָך דער קאַרעטע, ווי אַ גלגול. יידן און גויים לויפן נאָך צע־טומלטע און העלפן שרייען, ווי דער שטייגער איז. גראָד דאָ גייט אָן נח׳קע פאַנדרעס מ׳ט אַ פולן קאַשיק פלייש, וואָס ער האָט געהאַלטן אין פאַנאַנדערטראָגן זיינע באַלעבאַטים. האָט ער גלייך אַ וואַרף געטאָן דעם פולן קאָשיק און אָנגעכאַפּט די צעווילדעוועטע פערד מיט זיין שטאַרקער האַנט ביים צוים, אַ קירעווע אָן דער זייט און אַ שטויס צוריק די מיטלסטע האָלאָבליע אַזוי, אַז די גאַנצע קאַרעטע מיטן קוטשער און פריצטע האָבן געגעבן אַ פאַל אויף הינטן. ווייסער שוים האָט זיך געגאָסן פון די פערדישע

מיילער איבער פאַנדרעס אַרבל. ערשט דאָ זענען יידן און גויים געוואָרן גאָר כראַברע און האָבן אָנגעכאַפּט די קאַרעטע פון אַלע זייטן. אין ערשטן שטויביקן טומל און געשריי האָבן יידן געזען ווי די פריצטע מיט צוואָר־פענע האָר שטעקט אָפּ נח פאַנדרען דעם קצב־יונג, אַ הענטל אין אַ ווייסער לייקערנער הענטשקע און שמייכלט צו אים.

און אין אַ פּאָר טעג אַרום, פאַרנאַכטלעך, האָבן באַלעגאָלעס געזען ווי נח'קע פאַנדרע, אַן אויסגעצוואָגענער, אַן אויסגעפּוצטער, מיט זייגע לאַקירטע שבת'דיקע כאַליאַוועס, קלינגט אַן אין טויער פון „הויפל" און דער פנים ברענט אויף אים. דער סטאַראָזש, אין רויטן העמדל, עפנט אים, פאַרנייגט זיך ביז דער ערד, לאָזט אים אַריין און שליסט צו. נו, לכתחילה האָט מען געמיינט, אַז נח'קע פאַנדרע איז געקומען אָפּנעמען אַ מתנה, דערפאַר וואָס ער האָט דער פריצטע געראַטעוועט דאָס לעבן. „זאָלן מיר דאָס פאַרדינען אַלע וואָך, וואָס דער יונג וועט באַקומען אין יד אַריין"... אַזוי האָבן זיך יידן געווינטשעוועט. נאָר עס גייט אַריבער אַ וואָך און עס גייען אַריבער צוויי וואָכן און באַלעגאָלעס, וואָס קומען אָן פון שליאַך, ברענגען אַלע פאַרנאַכט די זעלבע נייעס, אַז פאַנדרע קלינגט נאָך אַלץ אין „הויפל", און דער גוישקער סטאַראָזש עפנט אים און ברעכט זיך פאַר אים אין דרייען. איז די זאַך געוואָרן אַ ביסל קשה: וויפיל איז דער שיעור צו נעמען מתנות ביי אַ פריצטע? עס איז אַ חרפה און אַ שאַנד פאַר דער גאַנצער שטאָט, אַ ייד זאָל אַזוי בעטלען ביי אַ גויע. בעסער לאָזן דאָס אויף אַן אַנדערש מאָל. מאלע וואָס עס טרעפט זיך. טאָמער דאַרף די שטאָט האָבן אַ טובה...

ביסלעכווייז האָט מען אָבער געגומען מורמלען, אַז... יאָ! אפשר גראָד פאַרקערט! אפשר נעמט ער גאָרנישט מער, דער קצב־יונג, קיין שום מתנות נישט, אפשר ברענגט ער גאָר מתנות איר, דער אַלטער שקורע... האָ־האָ! און צוריק רעדנדיק — איר נשמה איז דאָך אויך נישט קיין ראָזינקע. און אַז אַ פריצטע איז וואָס? אַן אלמנה איז זי דאָך און אין גוטס באָדט מען זיך. נח'קע האָט זי דאָך געראַטעוועט גראָד דאַן, ווען זי איז געפאָרן פון מאַנס קבר. ער ליגט דאָך באַגראָבן אין גרינעם קלויסטער אויפן הויף. נו, פאַנדרע איז אפשר אַ מיאוסניק? אַ גבר אַ יונג! בלוט און מילך! פריצישע נפקאס האָבן, זאָגט מען, גראָד ליב אַזעלכענע...

אָבער וואָס ווייטער אַלץ פינצטערער איז געוואָרן דאָס גערעד:

— ער וועט זיך שמד'ן, דער קצב־יונג! — האָט מען זיך געשושקעט.

— אָט וועט איר זען...

נאָר דערצו איז עס, חס־ושלום, נישט געקומען.

ווען נח פּאַנדרעס „גואישקייט" און קלינגען אין טויער פון הויפל איז פאַרגאַנגען גאָר ווייט, האָט עס מיטאַמאָל געפּלאַצט. און פון שטויב און רויך און פון אַלע נאַרישקייטן און רעדערייען איז אַרויס אַ ייד, אַ ווילער ייד, אַ געזונטער ייד. אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן!

פאנדרע ווערט א בעל־תשובה

1

נאָך די ימים־טובים, מיט די ערשטע טרוקענע פרעסטלעך, הויבט זיך אָן אין שקלאָוו דער פריזיוו.

פון די ווייטע וואַלאַסטן קומען אָן יונגע קורנאָסע שקצים מיט פלאַק־סענע קעפּ און אין נייע שעפּסענע פעלצן, מיטן פוטער אינעווייניק און מיט די געל־ און רויט־געפאַרבטע לעדערס — דרויסן. גייען זיי, קופּעסווייז, איבער די גאַסן און הוליען. איינער פון חברה־צקע שפּילט אויף אַ האַר־מאָשקע. צוויי, דריי גייען אַ „פּריסיאַדקע״ *) און די איבעריקע שרייען, געוואַלדעווען, גלאַט אין דער וועלט אַריין. ווו זיי גייען דורך, פאַרשליסן פאַרזיכטיקע יידן די העלצערנע קרעמעלעך, און ווייבער אויף טישלעך וואַרפן אַריין די אויסגעלייגטע בולקעס און לעקעכער אין אַ זאַק. מיידלעך באַהאַלטן זיך, און ביינאַכט גייען זיי איבערהויפּט נישט אַרויס פון שטוב. די לאַדן פון די פענצטער ווערן צוגעמאַכט ווי נאָר עס ווערט פינצטערלעך. די אָנגעצונדענע לאָמפּן זענען אַ צו־גוטער ציל פאַר שטיינער... וואָרום די גויאישע פריזיוווניקעס לערנען זיך, דערווייל־וואָס, שיסן מיט האַלבן ציגל אין יידישע שויבן אַריין. אין עטלעכע טעג אַרום פאַרטרייבט מען זיי סיי ווי סיי אין די קאַזאַרמעס צו עסן באָרשץ און צו כאַפּן קלעפּ מער ווי דאָס עסן איז ווערט. היינט וואָס האָבן זיי וואָס אָנצווווערן? דערנאָך גיי זוך זיי און רוף זיי צו אַ דין־תורה... איז גלייכער — מען הויבט זיך מיט זיי אײַנגאַנצן נישט אָן. נישט־קוקנדיק אויף אַזאַ פאַרזיכטיקייט קומט דאָ און דאָרטן פאַר אַ שלעגעריי. פּאַניע בלייבט פּאַניע. כאַפּט אַ דאָרפישער

---

* זיך־טאַנץ.

שגץ אַראָפּ אַ זהיבין *) פון אַ טישל אָדער אַ שטיק גויאישקן לעקעך, געמאַכט אויף פּאַטאָקע און מיט אַ סך געווירצן. מאַכט די בגזל'טע יידענע אַ גרויס געשריי. לויפן אָן קצבים און נאָסקע־טרעגער און זענען מכבד דעם גויאישקן פּריזיוניק מיט „טרוקענע". זיי פּאַטשן און ער פּרעסט. זיי שטורכן און ער לאָזט דעם שטיק לעקעך פון האַנט נישט אַרויס. ווי אַ מאַלפּע וואָס גנבעט ניס פון אַן ענגען שפּאַלט... ער קייקלט זיך שוין אויף דער ערד און די ציינער זענען אים פאַרשטירעט פון ווייטיק און פון פאַר־פּרעסנקייט, מיט אַ מורא'דיקן ביס לעקעך אין מויל. וואָרום ווו און ווען האָט ער דאָס געגעסן אַזאַ אַנטיק ווי געווירצטן לעקאך אויף פּאַטאָקע? שלאָגט מען אים ווי מען שלאָגט אַ חזיר ערב חגא, און ער שרייט און עסט. מסתמא לוינט עס אים... לויפן אָן זיינע חברים ראַטעווען אים. ערשט דאָ צעברענט זיך די אמתע מלחמה... וואָס דען! קצבים וועלן לאָזן פאַר־שעמען אַן אָרעמע יידענע?... און עס איז אַ גרויסער חידוש: די פּריזיוור־ניקעס באַפאַלן דאָך אַלעמאָל אין די צענדליקער, און די יידישע גבורים זענען געציילטע מענטשן, פונדעסטוועגן הערט מען אַלעמאָל שרייען די גויים... „קאַראַאול!" שרייען זיי און „ראַטויטשע!" און יידן גיבן די „טרוקענע" און שוויגן ווי די לעמער, און אַז די צוויי שלימזל'דיקע דעסיאַטניקעס, מיט די אָפּגעקראַכענע לאַמפּאַסן לויפן אָן, איז שוין נישטאָ קיין ייד אויף אַ רפואה. פּירט מען אַוועק אין סטאַן די צעמזיקטע שקצים און דער פּריסטאַוו קילט אויף זיי אָפּ זיין צעקאָכט האַרץ דערפאַר, וואָס אַזעלכענע דאָרף־יונגען האָבן אָנגעמאַכט אַזאַ טומל אין זיין רעזידענץ. און אַז מען וויל גאָר זיכער, גיט מען אים עפּעס אין יד אַריין, דעם שקלאָווער פּריסטאַוו, האַלט ער זיי אָפּ, די שקצים, אין סטאַן ביזן סאַמע פּריזיוו, כדי „ז י י זאָלן זיך נישט שלאָגן"... כאָטש לויטן אויסזען פון די שקצים זעט בכלל נישט אויס, אַז זיי זאָלן זיך האָבן געשלאָגן. אדרבא, מען וואָלט געקענט מיינען, אַז די יידישע קצבים האָבן זיי געבראָכן דיביינער און געלאָזן בלויע סימנים. נאָר אויף אַ מעשה פרעגט מען קיין קשיא נישט. דער פּריסטאַוו, דער כשר'ער שופט, דערלייגט דערצו אַוודאי און אַוודאי נישט.

שמחה'לע טורערו, נח פּאַנדרעס שכן, גייט פאַרנאַכט פון דער יאַטקע אַהיים, און אָנשטאָט אַ שטעקן האַלט ער, פּריזיוור־צייט, אין האַנט אַ קורצן אייזערנעם לאָם. אָנקלאַפּנדיק זיך אויף שטיינער קלינגט דער לאָם גזלניש

* גואישקע בולקע.

און מאָוימדיק. נאָר עס קען נישט שאַדן. אַ ביסל בראָנפן האָט מען דאָך נאָך דער אַרבעט געגומען. אין קאָפּ דרייט זיך און די טריט זענען נישט גאַנץ זיכער, און די אָנגערוקטע, שפּיציקע באַראַשקענע היטל איבער די אויערן, וועלכע ער טראָגט סיי זומער סיי ווינטער, רייצט די גוואישקע פּריזיוווניקעס צו טשעפּען זיך מיט אים, מאַכן חוכא־טלולא פון אַ יידל... מען האָט אים שוין איינמאָל אויסגעקויקלט אין בלאָטע ווי גרויס ער איז. פון דאַן אָן, גייט שמחה׳לע טורערו, פּריזיוו־צייט, מיט אַ לאָם אין האַנט. מאַלע וואָס עס מאַכט זיך. הלוואַי זאָל מען נישט באַדאַרפן!...

און איינמאָל, נאָך די ימים־טובים, האָט מען טאַקע געפונען, צווישן די קרויט־גערטנער, צוויי צעקאַליעטשעטע גרויסע שקצים־פּריזיוווניקעס. ביי איינעם איז אַפילו געווען איבערגעבראָכן אַ פוס. האָט מען שטילערהייט גערעדט, אַז דאָס איז שמחה׳לעס מלאכה. זיין לאָם, הייסט דאָס, האָט אָפּגעטאָן אַזאַ שטיקעלע אַרבעט. וואָרום ער איז דאָך אַ גזלן איז דאָס, נישט קיין ייד. אַ רצחן. נאָר גיי, הויב זיך אָן מיט שמחה׳לע טורערו! עס איז אים דען אַ מעשה צו קליין? און אונטערצינדן קען ער נישט? און שטעכן — פאַרגינט ער זיך נישט?

איז די מעשה מיט די פּריזיוווניקעס געבליבן „צווישן אייגענע". אַפילו דער פּריסטאַוו האָט זיך נישט געמישט. אַ פּנים חברה קצבים האָבן אים און דער פּריסטאַווזיכע פאַרשמירט דעם מויל מיט פרישע לונג־און־לעבערס, מיט פעטע זאַדיקעס און מיט מאַרכיקע פיס־נאהער...

גאָר אַנדערש פירן זיך אויף די יידישע פּריזיוווניקעס. זיי, געוועזענע חדר־יונגען, וועלן חס־ושלום פון די טישלעך נישט כאַפּן, שויבן אין די יידישע הייזער וועלן זיי נישט ברעכן, און נאָך יידישע טעכטער וועלן זיי אויף דער גאַס אַוודאי און אַוודאי נישט נאָכלויפן. אלאַ וואָס דען? — מען איז דאָך עפּעס פאַרט שטיקלעך פּריזיוווניקעס; אַ ביסל סקאַנדאַלעווען מוז מען דאָך... זענען זיי זיך משמח גאָר אויף אַן אַנדער אופן: אין די נגידישע הייזער, דאָרטן ווו עס זענען געמאַכט געוואָרן „לגאָטעס", מאַרשירן זיי אַריין מיט אַ בר־יטקייט פון קעסט־קינדער. נישט אויסווישנדיק די שטי־וואַלעס, פון דער נאָך־יום־טובדיקער בלאָטע, שפּרייזן זיי אַריין מיט אַ ברייטן ברוכים־הבאים גלייך אין זאַל אַריין. צוזעצן זיך זייער ברייטלעך אַרום טיש און הייסן דערלאַנגען עפּעס צובייסן און אַ ביסל בראָנפן. איז מען זיי מכבד איז גוט, אלא וואָס דען נישט — דאַן נעמט מען דעם נגידישן „לגאָטניק" מיט געוואַלד אין קאָמפּאַניע אַריין. און ער מוז זיך אַרומטרייבן מיט זיי, דאָס אויסגעפּעסטשעט בחורל, איבער אַלע גאַסן ביזן

סאַמע פּריזיוו... קויפן זיך אָפּ שקלאַוּוער באַלעבאַטים פון אַזאַ וואַרעמער גוט־ברודערשאַפט מיט וואָס מען קען. אָפּטמאָל קומט אויס אַרויסלייגן אויפן טיש די גוטע איינגעמאַכטסן, וואָס מען האָט זומער־צייט אָנגעגרייט, און די שטאַרקע נאַליווקעס פון קאַרשן און פון שוואַרצע יאַגדעס. און אַז מען וויל איינגאַנצן פּטור ווערן, מוז מען אַמאָל אַרויסנעמען עטלעכע קערבּ־לעך פאַר די אָרעמע פּריזיוויניקעס אויך. איך מיין, וואָס טוט מען נישט צוליב אַ קינד!... גייען די פּריזיוויניקעס אַוועק און די „לגאַטניקלעך" בלייבן זיצן אין שטוב, בחדרי־חדרים, בלאַסע און אָנגעשראָקענע, ווי נאָר יונגע מיידלעך פאַר דער חתונה... וואָרום מען קען נישט וויסן. די יידישע פּרי־זיוויניקעס קאָן זיך פאַרוועלן קומען נאָך אַמאָל.

נאָך אַזאַ נצחון, שלוקערצנדיק פון די גוטע געדיכטע איינגעמאַכטסן און פון די שטאַרקע נאַליווקעס, לאָזן זיך חברה־פּריזיוויניקעס אַרויס אויף דער גאַס מיט אַ קנאַק און מיט אַ פייף און מיט אַ געזאַנג און מאַרשירן אַוועק צו די אַנדערע גליקלעכע „לגאַטניקעס", כדי צו דערגיין זיי די יאָרן, זיי און זייערע אויסגעכאַליעטע טאַטעלעך און מאַמעלעך, אַ רוח אין זייערע זיידעס אַריין! מען מאַרשירט און מען קילט זיך דאָס האַרץ מיט לצנות׳דיקע לידער. אָנשטאָט אַ גויאישקע האַרמאָשקע פייפט דאָ אַ כוואַט אַ פּריזיוויניק מיט צוויי פינגער און אַנדערע „קלעזמער" פּאַטשן זיך אין די כאַליאַוועס צום טאַקט. דאָס געזאַנג איז פּונקט אַזוי פּאַראַדירט ווי די מוזיק. על פּי רוב ווערט געזונגען אַ נאָכגעמאַכט פאָלקס־ליד, וואָס יידישע מיידלעך זינגען אין שטוב נאָך טשאָלנט. ביי די יידישע פּריזיוו־ניקעס און ביי זייערע דיכטער קלינגט עס אָבער גאָר אַנדערש ווי ביי די מיידלעך. עס קלינגט מיט תליה־הומאָר און מיט ביטערער פרייִלעכקייט. פאַרן אַוועקגיין אין קאַזאַרמע. אָט למשל:

„אַזוי ווי ס׳איז ביטער, ליבע מוטער,
צו עסן בולקע אָן פּוטער,
אַזוי איז ביטער, ליבע מוטער,
צו פרירן ווינטער אָן אַ פוטער".

העלפט אונטער כאָר מיט אַ פּאַטשעריי אין די כאַליאַוועס און מיט אַ פייפן אויף צוויי פינגער:

„צו פרירן ווינטער אָן אַ פוטער...!"

צעקלאָגט זיך ווידער אַ פּריזיוויניק מיט אַ מיידלשן קול וואָס בענקט נאָך איר באַשערטן:

„אַזוי ווי ס'איז ביטער, ליבער פּאַטער,
צו פאַרבינדן דעם עק ביי אַ קאַטער,
אַזוי איז ביטער, ליבער פּאַטער,
צו צופּן ביים באָרד... אַ טאַטער!"

באַשטעטיקט דער כאָר אויף די כאַליאַוועס און אויף אַלערליי קעצישע קולות:

„צו צופּען ביים באָרד... אַ טאַטער!"

אַ שמחה און אַ פריידי איז אַזאַ מוזיק פאַר חדר־יינגלעך, וואָס גייען וואַרעמעס עסן, און אַ ציטערניש און אַ האַרץ־קלאַפּעניש פאַר באַלעבאַ־טישע „לגאַטניקעס", וועלכע זיצן באַהאַלטן בחדרי־חדרים.

2

אין דעם דאָזיקן נאָך יום־טובים, אַז עס איז אָנגעקומען פּאַנדרעס פּריזיוו, האָט ער דערפילט, אַז — ווער־ווער, נאָר ביי אים וועט קיין זכות־אָבות נישט אָנגיין. די מעטריקעס זענען נישט געמאַכט. דער קאַזיאָ־נער ראַבינער, דער כניאַק, האָט זיך דאָך איינגעשפּאַרט. און די רוסישע קאַזאַרמע וואַרט אויף אַזאַ יונגאַטש ווי ער. איז אַ סוף, הייסט דאָס, מיט קנייפּן די דינסט־מיידלעך, און אַ סוף מיט שטרוי־שייערן הינטערן שטאָט, ווו די גויות אין פאַרביקע קאָפּ־טיכלעך וואַרטן אויף אים אין די זומער־פאַרנאַכטן. אַ סוף מיט דער פריצטע אין הויפל... פיר יאָר נאָכאַנאַנד וועט ער מוזן לערנען דאָס, וואָס ער קען בעסער פאַר אַ גאַנצן סקאַדראָן סאָל־דאַטן, ווי למשל: רייטן, שפּרינגען, לויפן און אַלע איבעריקע יונישע חכמות. און ווי אַזוי לאָזט מען דאָס איבער אַ קראַנקן טאַטן מיט אַ יאַטקע אויף גאַטס באַראַט? וואָס וועט ער געפינען, אַז ער וועט אויסדינען? אַ פאַרשימלטן יאַטקע־קלאָץ און דעם טאַטנס קבר.

עס איז אים פאַרגאַנגען אַ ווייטיק, נח פּאַנדרען. ער האָט אויסגעפּרוּווט אַלע סגולות כדי צו באַרואיקן זיך: קודם כל האָט ער ביים קאַזיאָנע ראַבינער אויסגעשמירט דעם טויער און קליאַמקע מיט דיעגעכץ. דערנאָך האָט ער גענומען אַ גוטע כוסה מיט שמחה'לע טורערו צוזאַמען און פריי־לעכערהייט געכאַפּט שעפּן וואַסער פון ברונעם און גיסן אויף דער ערד — אַ ווילטאַג וואָס ער פאַרגינט זיך איין מאָל אין אַ יאָר, שמחת־תורה... דערנאָך איז ער אַוועקגעגאַנגען מיט אַ חברה־פּריזיוונִיקעס צום נייעם נגיד, וועלכער האָט היי־יאָר געשטעלט צום פּריזיוו אַ זונדל, אַ בלאַסן

„ווטאָראַ־לגאַטניק׳. דאָרטן האָט ער זיך געזעצט אויבנאָן אויף דער קאַ־נאַפּע, און גענומען טרינקען נאַליווקע מיט אַ טיי־גלאָז, און איין גלאָז האָט ער, אויף צו־להכעיס, אויסגעקערט איבער דעם טישטוך. דערנאָך האָט ער אויפגעזוכט דעם נייעם נגידס „לגאַטניק״ אין שלאָף־צימער און איבער־געקוליעט אים אין דער לופטן איינמאָל און צוויי מאָל, געמאַכט פון אים אַ מילעכל און אַריינגעוואָרפן אין דער נגידיכעס פּאַרבעטע בעט. דאָס אַלץ האָט אָבער נישט געהאָלפן. דער ספּעציפיש־יידישער שרעק פאַר דער סאָלדאַטשינע איז אַלץ געוואַקסן. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון שמחה׳לעס חברהשאַפט. און, אַז יענער איז צו אים צוגעשטאַנען גיין נעמען אַ פרישן טרונק בראָנפן, האָט אים נח פאַנדרע אָפּגעשטויסן:

— גיי, לאַטרע! אַז איך וועל ווערן אַ יון, וועסטו דער ערשטער ירשנען דעם טאַטנס קונים... גיי!

כדי אַראָפּנעמען פון זיך יעדן חשד, האָט שמחה׳לע טורערו געוואָלט צוזאַמענפירן אים מיט אַ „מאַכער״, וואָס וועט אים, פאַנדרען, מאַכן פייפן פון אַן אויער, אָדער פאַנפען פון נאָז, אָדער פינטלען מיט איין אויג, אָדער גאָר אַראָפּנעמען דעם גראָבן פינגער פון פוס „אָן אַ ברעקל ווייטיק״... שאַ! און אויב ער וויל, קאָן ער עס מאַכן גאָר ביליק, און מען דאַרף נישט האָבן קיין שום „מאַכער״.ביים האַקן פלייש קאָן ער זיך פאַרפאָרן מיט דער האַק איבער איין פינגער און געפטרט אַן עסק!.. נישקשה, ביז דער חתונה וועט זיך פאַרהיילן. אָט ער, שמחה׳לע, האָט אויך אַזוי געטאָן פאַרן פּריזיוו. ער זעט דעם מיטלסטן פינגער מיט דעם ביינדעלע, צי ער זעט נישט?... איז אָט —

אָבער פאַנדרעס געזונטער חוש האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן אַזעלכע מיטלען. אָפּצוטאָן איבער זיך אַליין אַזאַ מעשה האָט אים געעקלט, ווי טרייבערן פלייש פון אַ נבלה.

דער פאָטער זיינער, דער אַלטער פאַנדרע, האָט אים פון אויבן־אַראָפּ געגעבן אַן אַנדער עצה:

— זאָג תהילים, נח! תהילים...

האָט ער געפרווט זאָגן תהילים, נח דער פּריזיוווניק אין דער שטיל, פאַרטאָג, איידער גיין אין יאַטקע. אָבער זיין שרעק איז אַלץ געוואַקסן. אַ קינדערשע אָפּהענטיקייט האָט אים אַרומגענומען. ערגעץ־ווו איז אָפן אַ שוואַרצער טויער פון אַ קאַזאַרמע, וואָס שמעקט מיט טריפהנעם באָרשטש, און אַ גרויסע בייטש טרייבט אים אַן, אים פאַנדרען: „אַריין, שייגאַץ, אין

טויער אַריין!..." פֿאַר די אויגן זענען אויפֿגעשטאַנען אַלע מעשים־טובים זיינע, די הוליאַנקעס מיט שמחה׳לע טורערו, דאָס אָנקלינגען ביי דער פֿריצטע אין „הויפֿל", פֿאַלשע וואָג אין יאַטקע, אונטערגעלייגטע ביי־נער פֿאַר אָרעמע־לייט, נבֿול־פּה, שיקסעס... און מיטאַמאָל דערמאָנט ער זיך גאָר, אַז בשעת בדיקה אין שעכט־הויז האָט ער איינמאָל דערזען שטעקן אַ פֿאַרזשאַווערטע פֿען אין דער „צעפּעצעצע", ביי זיינער אַ געקוילעטער בהמה. האָט ער זי ממזריש־גיך אַרויסגעכאַפּט, דער בלינדעוואַטער שוחט — ר׳ אליהו זאָל עס נישט דערזען. ער איז דאָך אַזאַ מקפּיד ר׳ אליהו חסיד און טשעפּעט זיך צו יעדער קלייניקייט. אַזוי איז די בהמה אַוועק אָן אַ שום סרחה אין כשר... אַ שווייס האָט פֿאַנדרען באַגאָסן, און די פּסוקים פֿון תהילים האָבן אים געגומען טאַנצן פֿאַר די אויגן. נו, אַצינד האָט ער נישט מער וואָס צו בראָקן תהילים. דאָס איז דאָך די זעלבע זאַך, ווי עסן אום פּסח מצה מיט טריפֿהנעם באָרשטש. אַצינד ווייסט ער, אַז ער גייט אַוועק אין סאָלדאַטן און קוילעט אַוועק דעם אַלטן טאַטן מיט דער יאַטקע. און דאָ אין מאַרק הערט מען שוין, אַז מאָרגן — איבערמאָרגן פֿאָרן אַראָפּ פֿון מאַהליוו דער גענעראַל מיט די וואָיענע דאָקטוירים. עס איז אים, פֿאַנדרען, שוואַרץ געוואָרן פֿאַר די אויגן. עס העלפֿט נישט. מען מוז ציען אַ נומער. דעם גורל מוז מען ציען.

צומאָרגנס גאַנץ פֿרי האָט נח פֿאַנדרע נישט אויסגעהאַלטן און איז מיט זיינע ברייטע פּלייצעס און מיטן ריח פֿון רוי פֿלייש אַריינגעפֿאַלן צום מורה־הוראה אין שטוב. ער האָט דעם אַלטן מורה־הוראה געטראָפֿן זיצן אין טלית און תפֿילין, אין דער ציצענער, לאַנגער קאַפּאָטע מיט טערקישע קווייטן, אין זיין בלאַסער איידעלער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ געבנדזענע פֿעדער, און אַזוי פֿרום און שטרענג געפּערלט רבנישע אותיות׳לעך אין אַ ספֿר מיט איינגעבויגענע, פֿאַרצייטיקע בלוילעכע פּאַפּיר, דורכגעצויגן מיט קעלבערנע אָדערן ווי אַ ספֿר־תורה.

נישט אַנדערש, אַז דאָס שרייבט ער אַזוי זיין חיבור. דער אַלטער מורה־הוראה. ער שרייבט עס מיט גרויס כשרות און מיט גרויס יראת־שמים, און זעט אויס ווי אַן אליהו הנביא, וואָס שרייבט די תורה פֿאַר יידישע זינדיקע לייט, זיי זאָלן לערנען און בעסער ווערן...

דער „גוט מאָרגן" איז פֿאַנדרען געבליבן שטעקן אין האַלז ביים אָנבליק פֿון אַזאַ בילד, פֿאַרטאָג, ביי דער בלוילעכער ליכטיקייט פֿון פֿענצ־טער. ער האָט נאָר קוים געקענט אַרויסרעדן:

— רבי!...

און איז שטיין געבליבן.

מיט אַ מאָדנער רואיקייט האָט דער חסידישער מורה־הוראה אַוועק־געלייגט די געגדזענע פעדער און האָט מיט אָפענע גוטע אויגן אָנגעקוקט זיין באַגייגענדיקן גאַסט, וואָס זעט אויס, ווי פאַרקנאָטן מיט יאַטקע־בלוט, פון איין חלק ייד און פון צוויי חלקים גוי. נאָר אַפנים, ער האָט גלייך דערזען די גרויסע טרויעריקייט אין פאַנדרעס גרויע אויגן, וואָרום ער האָט שטיל אַ פרעג געטאָן:

— וואָס ווילסטו, מיין זון?

— איך, איך... — האָט נח גאַכגעשטאַמלט ווי אַ פאַרזינדיקט ייִנגעלע און ווייטער נישט געקאָנט רעדן.

דער מורה־הוראה האָט אַ צי געטאָן מיט זיין דינער נאָז, וואָס די וועגטלעך אירע קוקן זיך דורך ווי רויטלעכער וואַקס:

— ביזט אַ קצב?

נח פאַנדרע האָט ווי אַן אָקס אַ בויטש געטאָן מיטן שווערן קאָפּ.

— היסטו אָפּ כשרות? — האָט אויף אים דער מורה־הוראה אָנגע־שטעלט אַ פּאָר אַלטיטשקע, דורכדרינגענדיקע אויגן.

נח האָט דערפילט, אַז דער מורה־הוראה ווייס שוין אַלץ, נאָך איידער ער האָט אים עפּעס געזאָגט. האָט ער סאָפּענדיק, ווי אַ געקוילעטער אָקס, גענומען עפּעס באַלאַבעטשען. אַ וואָרט צו אַ וואָרט האָט זיך נישט גע־קלעפּט. פונדעסטוועגן האָט דער מורה־הוראה אויסגעהערט מיט אַ סך געדולד און מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן און צוגעשאָקלט מיטן „של ראש״ אויפן קאָפּ.

דאָס האָט נח פאַנדרען נאָך מער צוגעקוועטשט, ווייך געמאַכט זיין קצבישן קאַרק. האָט ער עפּעס גענומען דערציילן מיט בלוטיקע אויגן און מיט ליפּן פאַרלאָפענע מיט ווייסן שוים: מכח אַ „צעפּצעכע״... אַ שטאָלענע פּען... וואָס האָט זיך פאַרטשעפּעט ביים איינגאַנג אין דער גראָבער קישקע... אליה דער שוחט האָט נישט געזען... די בהמה איז אַוועק אין כשר... אַ פּריזיוו... די יאַטקע בלייבט אַליין... דער אַלטער טאַטע... פון זיין „לגאַטע״ איז גאָרנישט געוואָרן... דער קאַזיאָנער ראַבינער... רבי, רבי...

דער מורה־הוראה איז נאָך אַ ווײַלע געזעסן בלייך, מיט פאַרמאַכטע אויגן, אַ טויטער מענטש. אַ פאַרגליווערטער אליהו הנביא. נאָר פּלוצלונג האָבן זיך די טייטע אויגן אויפגעשפּאָלטן און בלאַסער שמייכל האָט אַ שיין־געטאָן פון אונטער די טונקל־גרויע וואָנסעס, וואָס גיסן זיך אַריין, ווי צוויי ריטשקעלעך, אין גרויסן טייך פון באָרד:

— ווי, זאָגסטו, האָט די פּען געשטעקט, אין דער „צעפּצעכע״? מיטן שפּיץ אַרויף צי מיטן שפּיץ אַראָפּ?

— מיטן שפּיץ אַרויף, רבי!

— און ווי טיף האָט זי געשטעקט, מיין זון?

— קוים, קוים, רבי, ווי אַ האַלב נאָגעלע די טיף, רבי!

דעם מורה־הוראה׳ס אויגן האָבן זיך אינגאַנצן אויפגעעפנט:

— נאַ, נאַ, בחזקת כשרת. כשר! שרעק זיך נישט!

— רבי, — האָט נח אויסגעשריגן מיט באַגייסטערונג — רבי, איך, איכל...

אָבער דער מורה־הוראה האָט אים רואיק אָפּגעשטעלט:

— גיי מיין זון, און גאָט וועט דיר העלפן!

נח פֿאַנדרע האָט ווי אַן אָקס אַ בויטש געטאָן מיטן שווערן קאָפּ. דער גוף האָט אינגאַנצן געציטערט. זינט ער לעבט האָט ער אַזאַ קינדערשע פרייד נישט געפילט אין אַלע אברים. ער האָט זיך געמוזט אָנהאַלטןביים טיש, כדי נישט אַנידערצופאַלן. ער וואָלט זיך נישט געשעמט וואָלט ער אַט דעם הייליקן מענטשן געכאַפּט אויף ביידע אָרעמס, ווי אַ תורה׳לע, און וואָלט אים אויסגעקושט אַלע גלידער.

— רבי, — האָט ער ווייטער גענומען שטאַמלען — איצטער אַרט מיך נישט, אַרט מיך שוין נישט... זאָל זיין סאָלדאַט, זאָל זיין נישט סאָלדאַט, אַבי, אַבי...

אָבער דער מורה־הוראה האָט שוין ווידער גענומען די געגנדזענע פעדער אין האַנט, אָנגעצויגן די סיווע ברעמען ווי צוויי זילבערנע בויגנס איבערן אַלטן ספר מיטן בלוילעכן פּאַפּיר. אַ סימן, אַז ער וויל שרייבן, אַ סימן, אַז מען מוז גיין.

נאָר אַז נח האָט שוין געהאַלטן די קליאַמקע פון טיר, האָט אים דער מורה־הוראה צוריק אַ רוף געטאָן:

— קום אַהער, מיין זון!

ווי אַ חדר־יינגעלע איז נח צוגעלאָפן צום רבס טיש. די געגנדזענע פעדער מיט אַ טראָפּן טינט אויפן שפּיץ איז געווען אָנגעשטעלט צום באַלקן, ווי אַן אויסגעדאַרטער פינגער, וואָס ווייזט נחן אין הימל אַריין, און דעם מורא־הוראה׳ס בלאַסע ליפּן האָבן צו אים לייטזעליג אַזוי גערעדט:

— אַז דער אויבערשטער וועט דיך, אים ירצה־השם, אויסלייזן פון גויעשע הענט — זאָלסטו זיך נעמען צו אַן אַנדער פרנסה...

נח איז ביי זיך אַראָפּגעפאַלן:

— רבי, איך װעל זײַן גוט, רבי, פֿון הײַנט אָן...

די געגנזענע פּעדער האָט אַ מאַך געגעבן פֿון אויבן אַראָפּ:

— איך גלויב דיר, מײַן זון! פֿונדעסטוועגן איז בעסער... װעסט משנה זײַן דײַן פּרנסה, װעסטו משנה זײַן דײַן מזל...

פּאַנדרעס אויגן און זײַן גראָבער קול זענען פּאַרלאָפֿן מיט טרערן:

— װאָס זאָל איך טאָן, רבי, װוּהין זאָל איך גײן...

— װאָס זאָלסטו טאָן?

— מײַן טאַטע, — אַ קצב — האָט נח גע'טענה'עט, — מײַן זײדע געװען אַ קצב, מײַן עלטער־זײדע אויך...

דער מורה־הוראה האָט, דאַכט זיך, גאָרנישט געהערט װאָס דער יונג רעדט צו אים. זײַנע אַלטיטשקע אויגן האָבן גוטמוטיק געבלאָנדזשעט איבער פּאַנדרעס פּלײצעס, איבער זײַנע שטאַרקע אָרעמס. דערנאָך האָט ער שטיל און קורץ אַרויסגערעדט, װי אָפּגעפּסקנט אַ האַרבע שאלה:

— װער אַ באַלעגאָלע!

פאנדרע ווערט א „שמייסער"

1

צוויי גרויסע נייעסן האָבן אין עטלעכע טעג אַרום פאַרקלונגען די קצבישע שול: ערשטנס, אַז אַזאַ גבר ווי נח דער קצב איז אַרויס פריי פון פּריזיוו; און צווייטנס — אַז ער וואַרפט אַוועק די יאַטקע און ווערט אַ באַלעגאָלע.

און אַרויס איז ער מיט אַ „בלויען בילעט" דורך אַ נס, וואָס טרעפט זיך איינמאָל אין אַ יובל. וואָרום נח פאַנדרע האָט אַרויסגעצויגן איינעם פון די גרעסטע נומערן. און גראָד איז דאָס יאָר געווען אַ גערעטעניש אויף יידישע פּריזיוווניקעס. גראָד דאָס יאָר איז מען זיך וויניק צעלאָפן קיין אַמעריקע, און פאַנדרע מיט נאָך עטלעכע בחורים זענען געבליבן אויסערן „פּאָבאָר", מיט גרויסע נומערן אין די הענט. נח אַליין האָט אין דעם געזען אַ צייכן פון הימל, דער מורה־הוראה׳ס ברכה... וואָרום ווי זאָל עס זיין אַנדערש? כמעט אַלע יאָר פלעגט דאָך צו דער יידישער קוואָטע פאַרפעלן, און עס פלעגן, נישט פאַר קיין יידישער שטאָט געדאַכט, אָנגע־רירט ווערן דריטע און צווייטע לגאָטניקעס, שפּייזער פון אַלטע טאַטעס און מאַמעס. קיין שום מעטריקע פון דעם קאַזיאָנעם ראַבין האָט דאָ גאָרנישט געקאָנט העלפן. און דאָס מאָל... הער אַ מעשה! דאָס מאָל האָט מען אַזאַ אייזערנעם יונג, ווי נח פאַנדרען, נישט געלאָזט אַפילו אויס־טאָן זיך. „סטופּאַי!" האָט מען צו אים געזאָגט און אַ פּאַטש געגעבן איבערן פּלייצע „סלאָבאָדען!".

צוזאַמען מיט פאַנדרען איז אַרויס פריי, אויך דורך אַ גרויסן נומער, יוסף דער שוסטער — אַ גידול אַ בחור, הויך און גרויס ווי עוג מלך הבשן, מיט אַן אָנגעשפּאָלטענער אויבערשטער ליפּ פון גרויסע שלעגערייען שמחת־

תורה... און כאַטש אַ קצב מיט אַ שוסטער זענען נישט קיין נאָענטע מחותנים, פונדעסטוועגן האָבן זיי ביידע, אַרויסגייענדיק פון „פריסוטסטוויע״, אַרומגעכאַפּט זיך קושן. און דער גאַנצער שקלאָווער מאַרק האָט זיך אַרויסגעשאָטן קוקן, ווי צוויי געזונטע בחורעצן פאַרלייגן האַנט אויף אַקסל און לאָזן זיך אַוועק אַ דריידל־טאַנץ אינמיטן דער האַלב־פאַרפרוירענער בלאָטע און אין מיטן מיטוואָך, עלף אַזייגער, פאַר אַנבייסן... די שמחה האָט אַרומגעכאַפּט אַפילו די אָפּגעגעבענע יידישע פריזיוניקעס. זיי האָבן זיך אַרומגעשטעלט אין אַ ראָד אַרום דעם גליקלעכן פּאָרל און געפּאַטשט לאַדאָזשקעס. קוקנדיק אויף אַזאַ שמחה, האָט זיך ביי די אָנגעפּאַרענע פויערים איבערגעדרייט אין קאָפּ. אונטער די מאַגערקעס, דער גאַנצער יידישער קאַלענדאַר: און זיי האָבן באַשלאָסן, אַז ביי יידן איז היי־יאָר ווידעראַמאָל אָנגעקומען דער „משוגענער יום־טוב״, עס הייסט: שמחת תורה, ווען אַלע קלוגע יידלעך מאַכן זיך נאַריש און עליע־דער־שוחט קייקלט זיך אויף דער ערד אינמיטן גאַס און טיילט בראָנפן אַלעמען, וועמען נאָר ער באַגעגנט; צי יידן, צי גויים, ס׳אַלץ איינס. האָבן זיי זיך מיט גרויס האָפענונג געקראַצט אין די פּאָטילניצעס, אויסגעקוקט די אויגן אויף עליע־דעם־שוחט מיט דער גרויסער פלאַש אין קעשענע פון קאַפּאָטע, און אַרויסגעוויזן איינער פאַרן צווייטן זייערע בקיאות:

— אשטשע שאליני פראַזדנעק!... הליאַד, איר ראזניק פרידיעט!*)

אָבער עליע דער שוחט, דער פייערדיקער חסיד, האָט וויַיזט אויס, דעם פויערישן לוח נישט אָנערקענט, וואָרום ער איז, מיט זיין גרויסער פלאַש בראָנפן, דאָס מאָל נישט געקומען.

בכלל איז היי־יאָר געווען אַ פריזיוו מיט משונה׳דיקע זאַכן. געגאָסן האָט זיך אין פּריסוטסטוויע מער געלעכטער ווי טרערן. אַפּנים טאַקע מחמת דער גרויסער גערעטעניש אויף יידישע פריזיווניקעס. סיי די מיליטער־דאָקטוירים — די באַקאַנטע רצחנים, סיי נאַטשאַלסטוואָ ביים טיש האָבן זיך מער „געשפּילט״ מיט יידישע בחורים, ווי „געקוילעט״ זיי.

איינער אַ דאַרינקער פריזיוווניק פון אַ דערבייאיקן קליינעם שטעטל, האָט דעם דאָקטאָר געוויזן אַ צעפּלעטשטן גראָבן פינגער, וואָס איז אים, נישט פאַר קיינעם געדאַכט, געווען אַריינגעוואַקסן אין סאַמע דלאָניע. מען האָט דעם פינגער געפּרווט ציען און נישט געקאָנט אַרויפציען.

---

* שוין נאָך אַמאָל דער „משוגענער יום טוב״... באַלד וועט קומען דער שוחט !...

— ווי לאַנג האָסטו אַזאַ פינגער, מאַשקע? — האָט אים דער מיליטער־דאָקטאָר אַ פרעג געטאָן.

— שוין באַלד דריי יאָר — האָט אים דאָס בחורל בראַוו אָפּגעענטפערט — אונטערגעפּאַלן אונטער אַ ראָד... גאָספּאַדין דאָקטאָר, און פון דאַן אָן —

— און ווי אַזוי איז ביי דיר פריער געווען? — איז דער דאָקטאָר געוואָרן זייער נייגעריק.

— אָט אַזוי — מאַכט דאָס בחורל און הויבט אויף דעם איינגעוואַקסענעם צעפּלעטשטן פינגער.

פונדעסטוועגן האָט מען אים נישט אָפּגעגעבן, דעם בחורל, נישט גוקם געווען זיך פאַרן שווינדל. וואָרום אויסער זיין איינגעוואַקסענעם פינגער פון פאַר דריי יאָרן איז ער נאָך געווען צו שמאָל אין די פּלייצעס, נישט געכאַפּט די מאָס אויף גאַנצע עטלעכע ווערשקעס. אין אַן אַנדער יאָר, אַזוי האָבן שקלאָווער לייט פון שטאָט־דומע געזאָגט, וואָלט אים אַזאַ מעשה נישט פאַרשוויגן געוואָרן, אַפילו ווען ער זאָל געווען זיין דיק, האָבן זיי געזאָגט, ווי אַ שטרוי.

אַ צווייטער שעפּעליאָווער בחור, אין בלויע שפּאַקולן, האָט זיך געמאַכט בלינד. וואָס הייסט בלינד! ער זעט נישט די ליכטיקע וועלט — האָט ער גע׳טענה״עט. ער זעט גאָרנישט...

— וואָס הייסט דו זעסט גאָרנישט! — האָט אים דער דאָקטאָר גענומען אויפן פאַרהער — למשל? פּרימיערנאָ?

— פּרימערנאָ?? — האָט דער בלינדער איבערגעפרעגט מיט אַ געזאַנגעלע און גענומען אַרומבלאָנדזשען מיט שטאַרע אויגן איבער די ווענט און איבער דער סטעליע — אָט, וואַשע בלאַגאָראָדיע, איר זעט דאָרטן אַ פּינטעלע?

— וווּ? — קוקט זיך אום דער דאָקטאָר אויף טשיקאַוועס.

— אָט דאָרטן אין ווינקעלע, אויפן באַלקן...

— עפּעס זע איך נישט! — רייבט זיך דער וואָיענער דאָקטאָר די אויגן.

— איר זעט נישט? — טייטלט אים דער בלינדער מיטן פינגער — אָט דאָרטן, נעבן שפּעלטל —

— אַ?

— אָט, אָט נעבן טשוועקעלע. אַ געפּגרטע פליג ווייזט אויס...

— אַך יאָ, — מאַכט דער דאָקטאָר — מיר דאַכט, אַז יאָ... איצט זע איך עפּעס אַזוינס, אַזעלכענעס —

— און איך, — מאַכט דער בלינדער און לאָזט אַפּ ביידע הענט ווי אַ פאַרפאַלענער מענטש — איך זע דאָס אינגאַנצן נישט! גאָרנישט זע איך...

און באַפרייט האָט מען אים פאָרט. און נישט גראָד פאַר זיינע אויגן, וואָס דערזעען אַפּילו נישט אַ פליג אויפן באַלקן, נאָר דווקא פאַר זיינע ציין. ווארום עס האָט זיך גאָר אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט נישט גענוג ציין אין מויל צו קייען דעם סאַלדאַטסקן ברויט.

נו, הענעך דעם זייגערמאַכערס בחורל — ווייסן דאָך אַלע, אַז ער איז נעבעך טויב ווי די וואַנט. ער וואָלט געקאָנט ברענגען פאַר עדות אַ האַלבע שטאָט און ביידע שקלאָווער דאָקטוירים מיטן „פערשל" צוזאַמען, אַז ער הערט נישט. נאָר גראָד איז אים איינגעפאַלן צו מאַכן זיך אין פּריסוטסוויע אַ סך טויבער ווי ער איז. צי מען האָט אים געפרעגט, צי מען האָט צו אים געשריען, צי מען האָט אים געטרובעט אין ביידע אויערן — אויף אַלץ האָט ער געהאַט איין צעשראָקענעם שאלה־תשובה: „הא? איך הער נישט!" און אַ סוף אַן עק. דערביי האָט ער נאָך פאַרריסן די ברעמען, ווי איינער זאָגט: „געוואַלד, וואָס מוטשעט מען מיך!"

לסוף, אַז די גויאישקע דאָקטוירים איז נמאס געוואָרן צו עוסקן זיך מיט אַזאַ קאַליקע, האָט מען צו אים גראָב אַ זאָג געטאָן:

— סטופּאַי דאָמאָי!

האָט הענעך דעם זייגערמאַכערס גלייך געכאַפּט די פיס אויף די פּלייצעס און גענומען לויפן.

— סטאָי! — האָט אים דער דאָקטאָר נאָכגעשריגן און געהייסן צו־ריקפירן, ביי אַ גרויס געלעכטער פון דער גאַנצער פּריסוטסוויע, — דו הערסט דאָך נישט. דו מאַשעניק איינער, היינט וואָס לויפסטו?

פונדעסטוועגן האָט מען אים אויך באַפרייט און אַן „איספּיטאַניע" *) פון עטלעכע וואָכן אין לאַזאַרעט, ווי מען וואָלט געטאָן אין אַן אַנדער יאָר. אַפּנים עס איז געיוען געגעבן אַ ווונק פון נאַטשאַלסטוואָ, ביים גרינעם טיש, מען זאָל היי־יאָר נעמען נאָר קערנדיקע יונגען און לאָזן לויפן אַלע שלי־מזל'ניקעס, אַלע אויערן־פייפער, אַלע אויגן־פינטלער, אַלע נאָז־פּאָנפער און קאָפּ־טרייסלער... אַז מען שמועסט, אַז מען האָט זיך היי־יאָר געבאָדן אין פּריזיוונ יקעס אַזוי, אַז אַזאַ גבור ווי נח פאַנדרע איז געבליבן ווי אַ פינפטער ראָד צום וואָגן. נישט אומזיסט האָט ער, זאָגט מען, צוויי רייפן אויפן בויך. דאָס איז, זאָגט מען, אַ סימן אויף מזל'דיקייט.

---

* אויספּרובירן.

2

אין דעם זעלבן אָוונט, נאָכן טאַנץ אינמיטן מאַרק, האָט פֿאַנדרע אַליין, ביי אַ גוט גלעזל משקה, באַשטעטיקט פֿאַר חברה־קצבים, אַז ער וואַרפֿט אַוועק די יאַטקע. די קצבים איז עס עפּעס אויסגעקומען זייער אויסטערליש: וואָס הייסט מען נעמט און מען וואַרפֿט אַוועק אַ ירושה־געשעפֿט פֿון אָבות־אבותינו? זיי האָבן אים חושד געווען, אַז ער מיט שמחה'לע טורערו האָבן שטילערהייט געמאַכט יד־אחת אַריינצוברענגען שחיטת־חוץ אָן קאַראָבקע. ביי אַזאַ כוח ווי נח האָט און ביי אַזאַ רציחה ווי שמחה'לע פֿאַרמאָגט — איז זיי דאָך ביידן קיין מעשה נישט צו קליין. צי אפֿשר האָט אים גאָר די פּריצטע „אָפּגעקויפֿט" פֿאַר זיך און ער גייט אָפּטאָן אַ „יענע מעשה". עס הייסט, פּראָסט און פּשוט, ער גייט זיך שמד'ן און לעבן מיט דער גויע אין „הויפֿל".

האָבן זיך חברה קצבים אויף אים אָנגעזעצט: הער, פֿאַנדרע, אונדז אַ טויט אָדער דיר אַ טויט, אָבער מאַך נישט קיין שטיק און מאַך נישט קיין אָנשטעלעניש און פֿאַרקאָך נישט קיין קאַשע מיט שמחה'לען, וואָרום קיין לעבעדיקער וועסטו פֿון אונדזערע פֿינגער נישט אַרויסגיין...

דערהערט אַזעלכע פֿאַרדאַכטן מיט אַזעלכע דיבורים, איז נח אויפֿגעשפּרונגען ווי אַ ווילדע חיה, און מיט איין לייכטן שטויס איבערגעקערט דעם שווערן דעמבענעם טיש מיט די פֿלעשער און גלעזער:

— איר סטראַשעט מיך גאָר?

מיט פֿאַרלייגטע הענט האָט ער זיי אַלעמען אָנגעקוקט, ווי אַ לאַמפּאַרט קוקט אַן אַ קופּע מייז, כאָטש די דאָזיקע מייז זענען אויך געווען נישקשה'דיקע יונגען מיט האַרטע פּלייצעס און מיט אָדערדיקע הענט.

— ווי פֿליגן וועל איך אייך צעקוועטשן, נבלות!

נאָר אין אַ רגע אַרום האָט אים דער כּעס אָפּגעלאָזן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן מורה־הוראה מיט דער גענזענער פּעדער אין האַנט, און האָט זיך צעשמייכלט אַ ביסעלע פֿאַרשעמט, מיט זיינע ווייסע ציין און ראָזעווע יאַסלעס אונטער די שוואַרצע וואָנסעלעך:

— נאַ, בקיצור... דער מורה־הוראה האָט מיר אָנגעזאָגט... ער האָט מיך געבענטשט האָט ער... אַז איך וועל אַרויס פֿון גויישע הענט זאָל איך וואַרפֿן די יאַטקע.

דערהערט אַזעלכע קלאָרע דיבורים, האָבן זיך די קצבים מיט דרך־ארץ פֿונאַנדערגערוקט, און נח פֿאַנדרע האָט אַ גיי־געטאָן איבער דעם איבער־

געקערטן טיש און צעבראָכענע פלעשער, ווי אַ לייב איבער חורבות. אַוועקגייענדיק אַז „אַ גוטע נאַכט", האָט ער נאָך אַ בורטשע געטאָן:

— אַ באַלעגאָלע ווער איך!

פון דענסטמאָל אָן האָט מען פאַנדרען מער אין יאַטקע נישט געזען. זיין חזקה, זיינע קונים, זיין קלייטל, זיין האַק און קלאָץ האָט ער אָפּגע־טראָטן זיין געוועזענעם שכן און חבר — שמחה'לע טורערו, און געמאַכט אַ ביסל מזומן.

נאָר ס'איז נישט אַזוי לייכט אַריינצופאָרן אין באַלעגאָלישן צעך מיט אַ שפּאָגל נייער קאַרעטע און מיט אַ פּאָר פריש־געשפּאַנטע אָדלערס. די אַלטע באַלעגאָלעס ווילן אויך פרנסה, זייערע פערד האָבן אויך ליב האָבער... נו, און לערנען די מלאכה דאַרף מען דאָך אויך! האָט פאַנדרע, ווי אַלע פורמאַנעס, פריער געמוזט ווערן אַ „שמייסער" ביי אַ צווייטן, ביי אַן איינ־געפונדעוועטן באַלעגאָלע; און געפונען האָט ער אַזאַ „שטעל" נישט ביי קיין אַנדערן ווי „סענדער פאַרדאָן", און נישט אָן דעם מורה־הוראה'ס הילף. און אויך דאָ זענען אים געשען נסים. וואָרום גלאַט אַזוי נעמט נישט אַ באַלעגאָלע אַ „שמייסער" אויפן האַלז. סיידן ער איז קראַנק, אָדער סיידן ער איז רייך, און האָט צוויי בוידן. אַזאַ „נגיד" איז אָבער פאַנדרעס באַלעבאָס נישט געווען.

ר' סענדער איז אַ הויכער, שטאַרקער ייד פון אַ יאָר זעכציק, מיט אַ געלבלעכן פּנים און מיט שיטערע געלבלעכע האָר, אָן איין גרויען פעדימל אין קאָפּ און באָרד. זיין נישט־גלייכע נאָז זעט אויס, מחמת איר געלבלעכקייט און בערגלדיקייט, ווי אַ גרויסער אָנגעטריפטער „צאַפּן" פון אַ וועקסענע ליכט. בשעת ער דאַוונט קומען נאָך צו איר צו אַ פּאָר לאַנגע שפּאַקולן מיט מעשענע האָלאַבליעס, און פאַרשטאַרקן נאָך די נישט־געזונטע פאַרב פון זיין פּנים. שלעפנדיק די פערד און בויד אַרויף אַ ליימיקן, גליי־טשיקן באַרג האָט ער זיך, מיט אַ סך יאָרן צוריק, „אָנגעריסן", און אָפּגעלעגן אַ צייט אין מאַהליוועער שפּיטאָל. און דאָס איז דאָך דער סוף פון אַלע באַלעגאָלעס, וואָס כראַברען זיך צופיל...

זינט דעמאָלט איז אים דאָס בלוט אַוועק פון די האַרטע באַקן. און פּנים און הענט זעען ביי אים אויס ווי דורכגעשלאָגן מיט זאַפּרען. אָבער נישט־קוקנדיק אויף דעם, האָט ער נאָך כוח ווי דריי יונגע באַלעגאָלעס צוזאַמען, און דער גאַנצער באַלעגאָלישער צעך האָט גרויס דרך־ארץ סיי פאַר אים, סיי פאַר זיין למדנות. מען רעדט אין צעך, אַז סענדער האָט אַמאָל געלערנט אַ פּרק משניות און אַז ער קען נאָך, ביז צו היינטיקן טאָג,

לייענען רשי־כתב ווי אַ וואַסער... יאָ, אָט וואָס ר׳ סענדער קען נאָך באַווייזן! ער איז דער איינציקער באַלעגאָלע, וואָס גייט אַוועק אַלע שבת, נאָך שלוש־סעודות, הערן „אַ קאַפּ חסידות״ ביים מורא־הוראה אין שטוב און טוט אָן, לכבוד אַזאַ געשעעניש, אַ צעפּליקטע אַטלעסענע זשופּיצע, וואָס האָט מחמת אַלטקייט אַ קאָליר פון שמעק־טאַבאַק. אָבער, אַז נישט־געניטע באַלעגאָלעס אין צעך ווערן נייגעריק און הויבן אָן אויסצופרעגן, וואָס פאַר אַ מין זאַך „חסידות״ איז און וואָס פאַר אַ טעם דאָס האָט, ענטפערט ר׳ סענדער אָפּ זייער קורץ, אַז מערינאָווע פערד גיט מען נישט שמעקן פון אַן אתרוג־פּושקע...

„פאַרדאָן״ איז נישט זיין פאַמיליע, נאָר אַ צונעמעניש. און רופן רופט מען אים אַזוי א ו נ ט ע ר ד י א ו י ג ן דערפאַר, ווייל ער איינמאָל האָט געפירט פון אָרשע קיין שקלאָוו עפּעס אַ פראַנצויזל, אַן „אינדזשי־ניערל״ מיט אַ האַרטן קאַפּעליוש און מיט לעדערנע טשעמאָדאַנעס. האָט אים יענער געזאָגט עטלעכע מאָל און זייער העפלעך עפּעס אַ מאָדנעם וואָרט אַזאַ. „פאַרדאָן, פאַרדאָן״ האָט ער אים געזאָגט... גיי ווייס, וואָס ער האָט דערמיט געמיינט! אָבער ר׳ כענדערן איז דאָס וואָרט גראָד געפעלן געוואָרן. האָט ער אים געפּרוּווט לאָזן אין גאַנג ביי דער „סטאַ־קע״ אין צעך, און אין באַלעבאַטישע הייזער, ביים דינגען זיך מיט „שוראַקעס״. איז געוואָרן אין גאַנץ שטאָט אַ גרויס געלעכטער: „שאַ, ר׳ סענדע־ לערנט זיך שוין גאָר פראַנצויזיש!...״ און וואָס מיינט איר איז געווען דע־ סוף? דער סוף איז געווען, אַז ר׳ סענדער האָט אויף די עלטערע יאָרן געקראָגן אַ קלעפּיקע צונעמעניש, פאַרזאָרגט פאַר דורי־דורות, אויף קינדער און קינדס־קינדער. ער — „פאַרדאָן״, דאָס ווייב — „פאַרדאָנויכע״, און די טאָכטער זייגע — אַ ביסעלע איידעלער — „פאַרדאָניכע״.

סענדער האָט געפּרוּווט נאָכלויפן מיט דער בייטש, געבן קלעפּ... ער אַליין האָט זיך שוין לאַנג אָפּגעטרייסלט פון אַזאַ פאַסקודנעם וואָרט, מיט וועלכן אַ פראַנצויז אין אַ האַרטן קאַפּעלוש האָט אים אָנגעשטעקט צווישן אָרשע און שקלאָוו. נאָר ס׳האָט שוין מער נישט געהאָלפן. שוין באַלד צען יאָר אַריבער און דאָס צונעמעניש לעבט און געדייעט אַרום ר׳ סענדערס הייזקע ווי אַלטע קראָפּיווע. נאָר עס מאַכט נישט אויס! מענטשן וואָס ווילן לעבן אויף דער וועלט וועלן אים קיינמאָל אין די אויגן דאָס צונעמעניש נישט זאָגן... און ר׳ סענדער בלייבט ר׳ סענדער. היינטיקע יונגע באַלע־בעסלעך וואָלטן זיך ביי אים געמעגט לערנען סיי יידישקייט, סיי פרומקייט, סיי שטאָט.

והא ראיה, נישט נאָר די באַלעגאָלעס האַלטן פון סענדערן, אַפילו אַזאַ למדן און אַזאַ באַלעבאָס ווי פעטער אורי, וואָס דאַוונט מיט סענדערן אין איין בית־מדרש און טרעפט זיך מיט אים שבת צו „חסידות״, ביים מורא־הוראה, אַפילו ער האַלט פון אים עולם ומלואו. און אַז פעטער אורי קומט זומער־צייט צופאָרן אַהיים מיטן פאַראָכאַד, וועט ער קיין אַנדער פאַיעטאָן, אויסער ר׳ סענדערס, נישט נעמען. און ווינטער, אַז מען דאַרף פאָרן צום באַן אין אָרשע, וועט ער קיין אַנדער בויד, אויסער ר׳ סענדערס, אויך נישט נעמען. עס איז שוין אַ חזקה אַזאַ.

דאַרף זיך גראָד הייאָר מאַכן, עס הייסט הײ־יאָריקן תשרי, פאַר פאַנדרעס פריזיוו, און פעטער אורין קומט אויס צו פאַרבלייבן איבער די ימים־נוראים אין ניזשני אויפן יאַריד. נישט ספּראַוועט זיך, ווייזט אויס, מיט די געשעפטן. נעמט ער און שרייבט אַן מומע־פייגען אַ בריוו, אַז זי זאָל בעטן סענדערן ער זאָל זיך מטריח זיין און אַכטונג געבן אויף זיינע דריי בנים, אין ליובאַוויטשער בית־מדרש, אַז זיי זאָלן זיך ראש־השנה און יום־כפור אויפפירן לייטיש: זיי זאָלן שטיין אויף אַן אָרט און דאַוונען מיט לייטן גלייך... בישקשה — אַזוי האָט פעטער אורי געשריבן — ער קען זיך אויף ר׳ סענדערן פאַרלאָזן מער ווי אויף אַנדערע, מער ווי אויף די יחסנים פון מזרח־וואַנט...

3

און סענדער פאַרדאָן האָט איבערגענומען די אפּוטרופּסות, איבער אוריס חברהצקע, זייער וואַרעם און זייער „ראַיעל״. ער האָט אויסגעשטעלט אוריס גמרא־בחור, זיין חומש־בחור און מוזיניקל האַרט ביי זיין באַלעגאָ־לישן טלית און קיטל, וואָס לאָזן זיך הערן מיט דיעגעכץ און מיט כאָמעט אַפילו ימים־נוראים, אַפילו פסח; מיט דעם זעלבן ריח, הייסט דאָס, וואָס וועפט זיך נישט אויס פון זיין הייזקע אַ קיילעכדיקן יאָר.

שטייט ער אַזוי, יום־כפור נאָך מוסף, איבער די דריי טייערע בחורימ־לעך, וועלכע האָבן אַ שם איבער דער גאַנצער שטאָט מיט זייערע ווילדע שקאָצערייען. זיין שווערן לעדערנעם ירושה־מחזור האַלט ער פעסט אין ביידע הענט, די מעשענע שפּאַקולן זענען אים טיף אַראָפּגעלאָזן ביזן לעצטן „אַרבעסל״ פון זיין וועקסענער נאָז, און זיינע וואַסערדיקע אויגלעך קוקן איבער די גראָבע גלעזלעך האַרב און פייערלעך, כדי צו זען צי די דריי מזיקים מ־שן גוט די בלעטער פון זייערע קליינע מחזורימלעך און

צי זאָגן זיי גוט נאָך, ווען דער חזן ענדיקט. דערזעט ער, אַז זיי גייען שלעכט אין שפּאַן — שטורכעט ער זיי אונטער און גיט זיי צו חשק מיטן קנעכל פון פינגער און מיט אַ האַסטיקן און ברומענדיקן: „נו־נו־נו!".

נאָר מחמת זיין געוווינהייט אומצוגיין מיט פערד — הערט זיך דאָס ביי אים אַ ביסל אַן ווי „ניאָ־ניאָ־ניאָ!" ווייניקסטנס אַזוי דוכט זיך אויס אוריס בנים, וועלכע שטייען און ווערן פאַרשוואַרצט פון זיין אַנטרייבעניש. ר' סענדערס אונטערגעגאַרטלטער טלית און קיטל אויף זייןברייטן גוף זעט זיי אויס ווי די דריי פּעלצן, איינס אויף איינס, וואָס ער טוט אויף זיך אַן ווינטער־צייט, בשעת ער לאָזט זיך מיט זיין בויד קיין אָרשע... מער נישט — וואָס דאָ, אַנשטאָט פערדישע הינטנס, זעט ער פאַר זיך די רוקנס פון דריי לאָשיקלעך, אוריס זשערעבטשיקעס, וואָס וואַרפן אומגעדולדיק מיט די פּלייצעס נאָך יעדן „נו־נו־נו" און נאָך יעדן שטאַרך, פּונקט עפּעס ווי אַ בייער כאָמעט וואָלט זיי געריבן, אָדער דער יאָך פון אַן ענגער דוגע מיט אַ גלעקל וואָלט זיי געדריקט... מער נישט — עס איז אַ מקום קדוש! אַז נישט וואָלט אַ סך גלייכער געווען אַנצוטרייבן די בריקנדיקע פאַרשווינד־לעך מיט אַ לייצע און געבן זיי צו פאַרזוכן דעם טעם פון אַ בייטש:

— היניאָ חדר־יונגען!

און גראָד דאַרף טרעפן, אַז דער חזן צעציקלט זיך ביים עמוד. ער צעקייט פּאַמעלעך אַ שטיקל פּיוט און לייגט אַריין דעם עולם אין מויל אַריין. וואָרום צו נעילה איז נאָך ווייט און דער טאָג איז לאַנג, און אין האַרצן נאַגט דער תענית. היינט, וואָס האָט ער זיך צו איילן? גרייזלט ער אַ פּסוק נאָך אַ פּסוק און צעציט דאָס „שטייגערל" בנעימות'דיק און קהל ענטפערט אָפּ נאָך יעדן פּסוק: „ד' מלך"*) אָדער „ד' מלך"**) אָדער „ד' ימלך לעולם ועד". און עס פאַלט זיי גאָר קיינעם נישט איין, אַז פעטער אוריס בנים גייט אַן אַ חלשות פונעם חזנס געפּיעשטשעטן ניגונדל און פון קהלס צובאַמקעניש, אָן אַ סוף און אָן אַן עק. און עס פאַלט גאָר קיינעם נישט איין, אַז אין קאָכשטוב־אַלמערל ליגט אָנגעגרייט פאַר אוריס בנים אַ קאַלטע פּאָלקע פון אַ כפרה מיט ווייסע חלה. אָבער העכער פאַר אַלע־מענס קולות הערט מען ר' סענדערס קול. וואָרום אויסער זיין באַלעגאָלישער פרומקייט מיינט ער נאָך מיטן הויכן „ד' מלך" אַנצוטרייבן אוריס חדר־יונגען אויך, זיי זאָלן נישט פאַרגעסן ענטפערן דעם חזן מיט קהל צוזאַמען,

* א' מאָלאָך.

** מעלעך.

אַזוי ווי אורי האָט געשריבן אין בריוו פון ניזשני... ציט זיך אַזוי פון עמוד דאָס חזניש מחיה׳דיק געזאַנגעלע, פּאַוואָליע, נישט געכאַפּט, און עס קלינגט די בלעכערנע עברי פון משונה׳דיקן פּיוט, אומגעפּער אַזוי:

— מנוסי מסה במלל ממללים!

דער חזן אָבער האָט צייט און דאָס האַרץ חלשט אים פון תענית און מתיקות. קומט ביי אים אַרויס:

— מע־נר־סיי־ווי, מאַ־וואַ־סאַ, במע־ווע לעל, מע־מאַ־וואַ־וואַל־לע־לים!

און דאָ וואַכט שוין סענדער פאַרדאָן איבער זיינע „לאַשיקעס”. ער איז אָנגעלאָדן ווי אַ האַרמאַט און קען זיך, אין זיין האַמעטנער פרומקייט, נישט דערוואַרטן ביז דאָס חזנדל וועט שוין אויסצאַצקען אַלע זיינע צאַצקעס. און ווי נאָר יענער האָט געענדיקט זיין לעצטן דריי־גאָרענדיקן דריידל, אַזוי גיט זיך עפּעס ביי ר׳ סענדערן ראַפּטום אַ ריס אָפּ, ער גיט אַ ברום אין בויך און ריטשע אין האַלדז און עס דערלאַנגט אַ טראָך מיט אַ דור־נערדיקן באַס:

— ד׳ מלך!*)

אוריס בנים זענען אָבער נישט אַזוי פרום און זייער כוונה איז בכלל נישט צוגעגרייט צו אַזאַ שאָס. בלייבן זיי שטיין אַלע דריי פאַרציטערטע און קענען נישט אַריינטרעפן מיטן „ד׳ מלך” אין פינטל אַריין. שאָקלט איבער זיי ר׳ סענדער דעם שווערן באַקיטלטן און באַ׳טלית׳טן קאָפּ זיינעם, האַסטיק און גערייצט, ווי אַ פערד ביי וועלכן עס איז אויסגעגאַנגען דער האָבער אין אונטערגעבונדענעם זעקל, און ברומט:

— נו־נו־נו!

דער חזן ציקלט זיך דערווייל ווייטער, און וואָס ווייטער אַלץ געמיט־לעכער. אַ מחיה צו הערן אַזאַ עברי:

— צרופי צרף בצקון מצאַ־וואַ־וואַ־קע־קים!

און ר׳ סענדערס האַרמאַט שיסט ווידער אָפּ הינטער די קינדערשע פּלייצקעס אַזוי, אַז עס רייסט זיך זיי אָפּ, שונאי ישראל, אין האַרצן:

— נו, נו, ד׳ ימלך לעולם ועד! נו־נו!

און יעדער עכברש באַקומט נאָך אַ שטויס־צו מיטן קנעכל פון באַ־לעגאָלישן פינגער.

מען קען נישט זאָגן, אַז אַזאַ ציען די נשמה פון איין זייט און אַזאַ האַסטיקער אָנטרייבן פון דער צווייטער זייט איז אוריס בנים שטאַרק

---

* גאָט האָט געקיניגט.

געפעלן געוואָרן. עס איז געקומען צו אַ קאַטאַסטראָפע. עס האָט געמוזט קומען... וואָרום ביי אַ ווייטערדיקן שאָס און שטאָרך האָט פּייווקע, אוריס חומש־בחור, מער נישט אויסגעהאַלטן און דערלאַנגט ר׳ סענדערן אַ בריק מיטן פּיסל אויף הינטן, ווי אַן אמתער צעיושעטער לאָשעק. און משמעות, אַז פּייווקע האָט אים אַרייַנגעטראָפן אין אַ זייער געפערלעכער שטעלע. וואָרום ר׳ סענדער פאַרדאָן האָט זיך נעבעך פאַרדרייט ווי אַ בויגל, אַזוי גרויס און שווער ווי ער איז, און האָט זיך אין טלית און קיטל פאַמעלעך גענומען אַראָפּזעצן אויף דער ערד. דער באַלעגאַלישער באָס האָט זיך פאַרענדערט אין אַ מין קוויטשעדיקן ווייבערישן אָכצן... באַרמהאַרציקע יידן, מיט פלעשער חלשות־טראָפּן, האָבן זיך גענומען שטופּן פון אַלע זייטן, און נייגעריקע ווייבער האָבן אַרויסגערוקט די זיידענע קאָפּ־טיכער פון עזרת־נשים. קולי־־קולות האָבן זיך געטראָגן:

— ער חלש׳ט!

— ר׳ סענדער! ר׳ סענדער!

— מינטערט אים!

— נעבעך דעם תענית נישט אויסגעהאַלטן!

— ר׳ סענדער!

עס איז נאָך געווען אַ גליק, וואָס אַלע זענען אין דעם טאָג געווען באַוואָפנט מיט פלעשער „טראָפּנס״, און וואָס יעדערער האָט געוואָלט מינטערן, באַווייזן זיין דאָקטאָריע... מען האָט זיך אָבער באַלד אַרומגעזען, אַז מיט אַזעלכע מיטלען וועט מען דאָ גאָרנישט מאַכן. וואָרום ביי ר׳ סענדערן האָט זיך גאָר, נישט פאַר קיין יידן געדאַכט, צעשפּילט זיין אַלטער „פּעלער״... און מען האָט אים געמוזט אַוועקפירן אַהיים אונטער די הענט.

ערשט שפּעטער, נאָך מעריב, האָט מען זיך דערוווּסט פון ר׳ סענדערס מויל, אַז נישט דער שווערער תענית איז געווען שולדיק, נאָר פּייווקע, פּייווקע אוריס בחורל, דער שייגאַץ, דער „בעזבאַטשקעוויטש״... און פּייווקע האָט טאַקע געכאַפּט די הייסע פּעטש, באַלד נאָך דער קאַלטער כפּרה, סיי פון דער מומע־פייגען, סיי פון ישראל דעם גבאי, וואָס האָט מומע־פייגען געבראַכט דאָס שיינע נייעס. און דערנאָך, אַז פעטער אורי איז געקומען אויף סוכות אַהיים, האָט ער פּייווקען די הויט אַראָפּגעשונדן. ר׳ סענדערן איז אָבער דערפון גרינגער נישט געוואָרן. און אין האַרצן האָט ער אַ נדר געטאָן מער קיינמאָל נישט איבערצונעמען די אַפּטראָפּסות איבער באַלע־באַטישע זשערעבטשיקעס, וואָס בריקן זיך גאָר ווען מען טרייבט זיי אָן אין דאַוונען. ער איז אַזוי אָפּגעלעגן שיינע עטלעכע וואָכן, העט־העט ביז

אין שקלאָוו האָט זיך געענדיקט דער פּריזיוו. די פערד זענען געשטאַנען אין שטאַל, געגעסן אומזיסטן האָבער און נישט געווען אַפילו ווער עס זאָל זיי שפּאַנען. אָבער ווער וועט דאָ גיין טראַכטן פון פערד, אַז עס האָט געהאַלטן מען זאָל דעם חולה אַוועקפירן אין מאָהליוו מאַכן אַן אָפּעראַציע. נאָר גאָט און זכות־אָבות האָבן געהאָלפן און מען איז זיך באַגאַנגען אָן אַן אָפּעראַציע. נאָר מיט אַ נייער „באַנדע". ר׳ סענדער האָט זיך געשטאַרקט און איז אויפגעשטאַנען אויף זיינע אַלטע פיס. דעם פריערדיקן כוח האָט ער נאָך אַפילו נישט געהאַט, נאָר צום מורה־הוראה אויף „חסידות" איז ער אַוועקגעגאַנגען.

באַלד נאָך הבדלה, האָט אים דער מורה־הוראה צוגערופן צו זיך, פאַנ־אַנדערגעפרעגט וואָס ער מאַכט און געגעבן אים אַן עצה ער זאָל צונעמען אַ „שמייסער"... שאַ! ער האָט פאַר אים אַ „מענטשן" האָט ער פאַר אים. ער איז אַקאָרשט אַרויס פון פּריזיוו און זוכט אַזאַ „שטעלע". ר׳ סענדער מוז אים קענען. ער הייסט נח... נח פאַנדרע.

— רביניו, — מאַכט ר׳ סענדער גאַנץ פאַרוואונדערט — ער איז דאָך גאָר אַ קצב!

— עס מאַכט נישט אויס... ער וויל ווערן אַ באַלעגאָלע...

סענדער פאַרדאָן האָט קיין סך קשיות מער נישט געפרעגט. אַז דער מורה־הוראה הייסט אים, מסתמא ווייסט ער.

אָט אַזוי איז פאַנדרע אַרויף קיניגן ביי סענדערן אויף דער פאַרלאָ־זענער „קעלניע" פון בויד. אין באַלעגאָלישן צעך האָט אַפילו קיינער קיין פּיפּס נישט געטאָן, וואָס אַזאַ גייער חברה־מאַן האָט זיך אַריינגעריסן אין זייער פּרנסה. וואָרום ר׳ סענדער איז אין צעך אַ מין גבאי, אַ פּאָרזיצנדער. און אַז ר׳ סענדער הייסט — מסתמא ווייסט ער...

ר׳ סענדער מוסרט זיינע פערד

1

זינט נח פאַנדרע איז אַרויף דוכנען אויף דער הויכער „קעלניע״ פון סענדער פאַרדאַנס בויד, איז ער גאָר געוואָרן אַן אַנדער מענטש, אַזוי זאָגן אַלע.

דאָס געדיכטע קצבישע בלוט האָט זיך אים, דאַכט זיך, אויסגעלויטערט. ער האָט אויפגעהערט צו טרייבן זיינע שטיק מיט שיקסעס אין די טונקעלע שייערן מיט היי, און דערטאַפּט מען אים אַמאָל אין אַ שמיטה מיט אַ צע־פאַטלטער גויע — שלאָגט ער זיך נישט. ער איז געוואָרן לייטישער. ער טרינקט נישט אַזוי אָפט ווי פריער, און מיט שמחה׳לע טורערו חברט ער זיך זייער ווייניק.

סענדערס „שודאָקעס״ קענען זיך גאָרנישט אָנלויבן פון זיין נייעם „שמייסער״. שטרוי בעט ער אויס אין בויד מיט אַ ברייטער האַנט. עלטערע יידן און יידענעס מיט קאַשיקעס העלפט ער אַריינקריכן און אַרויסקריכן פון בויד. באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ פירט ער די פערד מיט אַ שטאַרקער האַנט. עס טרייסלט נישט און עס גליטשט זיך נישט, ווען נח פאַנדרע שטעלט אונטער די פּלייצע, און דאָס טוט ער אָפטמאָל, ביי שלעכטע וועגן און געשמאָלצענעם שניי. ער וועט נישט דערלאָזן, ווי אַנדערע באַלעגאָל־טשיקלעך, זיינע בכבודיקע פּאַסאַזשירן, זאָלן מוחל זיין אַראָפּקריכן און טאָפּטשען אין קויט און אין בלאָטע. אַ כפּרה צען גויים פאַר זיין פּלייצקע! ביז וואַנען אַנדערע באַלעגאָלעס בעטן זיך איין ביי די דורכפאָרנדיקע פּויערים, יענע זאָלן העלפן שלעפּן די רעדער פון ליים, איז שוין פאַנדרע פאַרטיק מיט זיין אָנגעפּאַקטער בויד, איינער אַליין. „נאָר אָן טובות... ניאָ, ניאָ!״ אַזוי שרייט פאַנדרע צו די פערד און שפּאַרט זיך איין אין זייט פון

וואָגן. און די בויד רוקט זיך, אָן עין־הרע, ביז זי קריכט אַרויס פון דער טיפסטער בלאָטע.

צו ר׳ סענדערן פאַרדאָן און צו זיין „שמייסער״, האָבן זיך באַלד אַ שאָט געגעבן אַלע יחסנים פון שקלאָוו. ווו אַן איידעלע זאַך, ווו אַ ייד מיט אַ „מיחוש״ ווו אַ מעוברת ווייבל, וואָס האָט מורא פאַר טרייסלען, אָדער פאַר גיין, אין מיטן וועג, באַרג־אַרויף, צופוס — האָבן זיך גענומען שטופן פאָרן קיין אָרשע מיט סענדערס שמייסער. כאָטש קאָסטן קאָסט דאָס מיט אַ פאָר גילדן טייערער ווי ביי אַנדערע באַלעגאָלעס. סענדער האָט געמאַכט ברייטער די בויד. צוגעקויפט נאָך אַ פערד און שפּאַן. נאָר עס האָט נישט געקלעקט. אין וואָגן איז ביי אים שטענדיק ענג, ווי אין אַ הינער־שטייג.

סענדער פאַרדאָן אַליין האָט זיך פשוט גענומען אויסרוען אויף די עלטערע יאָרן, סיי פון זיין שווערער האָרעוואַניע, סיי פון זיין „פעלער״, נישט פאַר קיינעם געדאַכט, וואָס פייווקע אוריס האָט אים איינמיטן יום־כפור אַזוי צעוויטיקט... ער שטייט נאָר ביים איינשפּאַנען די פערד און קאָמאַנדעוועט: דערלאַנג מיר דעם כאָמעט! פאַרצי דעם שנאָל! ליאָפּע מיר אַריין דיעגעכץ אין אַקס! שיט צו האָבער אין זעקל!... און ביי נח פאַנדרען ברענט עס אונטער די הענט. ביי אַ גוטער פאַגאָדע זעצט זיך סענדער צו, צו נחן אויף דער קעלניע, און מען טרייבט די פערד צוזאַמען. ער לערנט נחן די חכמה פון אַן ערדיקן שליאַך, פון אַ שטיינערדיקן שאָסיי, פון אויס־קירעווען, פון באַרג־אַראָפּ, ער לערנט אים צום צענטן מאָל, ער מוז דאָך וויזן, אַז ער איז באַלעבאָס און אַז פאַנדרע איז בלויז אַ שמייסער. אָפּגע־פאָרן עטלעכע וויאָרסט, קוקט זיך סענדער אַרום, אַז נח קען שוין די מלאכה נישט ערגער פאַר אים — דעם אַלטן געניטן באַלעגאָלע, דעם עלטסטן אין צעך... און גיב נאָר אַ קוק! פאַנדרע הערט זיך פונדעסטוועגן צו מיט קאָפּ, פונקט ווי דער באַלעבאָס דערציילט אים דאָ סתרי־תורה. עס איז אַ דרך־ארץ פון אַזאַ געוועזענעם קצב! אָט אַזוי דאַרף טאַקע זיין!...

פאַרקלערט זיך אַ ווײַלע ר׳ סענדער, קוקט אָן דעם יונג פון אַ זייט. ציט אַרויס אַ פאַרשמאַלצעוועטן תהילימל פון בוזעם, זאָטלט אָן די מעשענע שפּאַקולן אויפן אַרבעסדיקן נאָז און „בראָקט״ שטילערהייט. די בויד שאָקלט זיך און סענדער מיטן תהילימל שאָקלט זיך מיט, ביז ער דרעמלט איין מיט אַ פסוק אין מויל און גיט זיך אַ כאַפּ־אויף מיט אַ צווייטן פסוק אין מויל. אַ בורטש אַריין אין תהילימל און אַ פּיק מיט דער נאָז, און אַ שריי־אויף און אַ ריס דעם קאָפּ פון תהילימל. אַ זיסע מידקייט און נאָך אַ זיסע־

רע אויפטשוכען זיך, בייטן זיך ביי אים כסדר... אָט דאָס הייסט הנאה האָבן אויף די עלטערע יאָרן!

און וואָס זאָל מען דאָ לייקענען! באַלעבאָס און שמייסער זענען איינער פון דעם אַנדערן שטאַרק צופרידן. יעדערער אין האַרצן זעט אין דעם איין דעם מורה־הוראה׳ס ברכה, זיין גוטע עצה, זיין ווונק... און יעדערער פון זיי מיינט, אַז דער מורה־הוראה האָט א י ם אויסדערווײלט, אים געוויזן אַ וועג צו פרנסה. ר׳ סענדער פאַרפעלט איצט קיין איינציקן שבת נישט. ער איז איינער פון די ערשטע, וואָס קומען צום רבין אויף חסידות. און שוין אַ פּאָר מאָל איז ער, נאָך הבדלה, צוגעגאַנגען צום מורה־הוראה, גע־ווונטשן אַ גוטע וואָך און געדאַנקט:

— רבי, — אַזוי האָט ער צו אים גערעדט, — איר האָט מיך געראַטע־וועט! דער פּאַנדרע איז אַ יונג, זאָג איך אייך, רבי! ער לאָזט דאָך מיך אַ פינגער אין קאַלט וואַסער נישט אַריינטאָן...

דער חסידישער מורה־הוראה האָט נאָר צוגעשאָקלט מיטן שטריימל און עפּעס פאַרסודעט צוגעשמייכלט; אַ מין ווונק ר׳ סענדערן, אַז מען דאַרף דערפון קיין סך נישט רעדן... און סענדער פאַרדאָן איז טאַקע געווען זיכער, אַז נאָר אַ רוח־הקודש האָט גערעדט אינעם רבין, ווען יענער האָט אים געגעבן די עצה, צו נעמען פּאַנדרען פאַר אַ „שמייסער״. וואָרום ווי קומט דאָס אַ רב צו וויסן, אַז פון אַ קצב־יונג וועט זיך אַרויסשיילן אַזאַ מזיק אַ משרת, וואָס פאַרשטייט אומצוגיין מיט פערד ווי אַ געבוירענער באַלעגאָלע?

אַ דאַנקבאַרקייט צום רבין האָט געטליעט אויך ביי פּאַנדרען אין האַרצן. נאָר ער האָט פשוט נישט געוווסט, ווי אַזוי ער זאָל דאָס אַרויס־ווייזן. וואָרום גיי, שפּרייז פּלוצלונג אַריין צום מורה־הוראה אין שטוב מיטן פעלץ און בייטש און מיט די וואַטאָווע פּלודערן, בשעת יענער זיצט גאָר מיט אַ גענדזענער פעדער אין האַנט און שרייבט חיבורים — און זאָג אים... וואָס זאָל ער אים זאָגן? וואָס פאַר אַ יידישן פנים וועט דאָס האָבן?...

אַנדערש ווי אין טלית און תפילין, מיט אַ גענדזענער פעדער אין האַנט, ווי אינעם טאָג פון פּריזיוו, ווען דער מורה־הוראה האָט אים געבענטשט, האָט זיך אים פּאַנדרע נישט געקענט פאָרשטעלן. האָט ער געוואַרט ביז עס וועט זיך עפּעס מאַכן.

און די שעה פון אָפּדאַנק איז געקומען.. ווען דער מורה־הוראה איז זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרן פון זיין יידישער חולאת, אָפּגעגאַנגען נעבעך מיט בלוט און געמוזט פאָרן קיין מאָהליוו מאַכן אַ „ריפּעראַציע״, האָט

ר׳ סענדער צוגעשטעלט אַ פרייע בויד מיט אַלע דריי פערד און שפּאַן. און נח פאַנדרע האָט מיט זיינע אייגענע הענט אַרויסגעטראָגן דעם רבין, זאָל לעבן, פון שטוב, ווי מען טראָגט אַ „זיבעטל" אין וואַטע; אַריינגעזעצט אים אין בויד און אַרומגעוויקלט מיט קאָלדרעס ווי אַן אתרוג אין פאַקליע, וואָס מוז זיך נאָך אויסגרינען...

באַגלייט דעם רבין קיין מאָהליוו האָט נאָר ישראל דער גבאי. און נח האָט די דרייסיק וויאָרסט־שאָסיי געפירט די בויד און אָנגעטריבן די פערד. איידער ר׳ ישראל האָט זיך אַרומגעקוקט, איז מען שוין געווען אין מאָהליוו. און ווער האָט דעם מורה־הוראה אַרויפגעטראָגן אויפן צווייטן שטאָק אין שפּיטאָל? ווייטער פאַנדרע. עס זענען אַפילו אַרויסגעלאָפן משרתים אין ווייסע פאַרטוכער און געוואָלט העלפן, נאָר פאַנדרע וועט דען לאָזן גויים צו האָבן אַזאַ הנאה פון רבין? און אַ מכה איז זיי ווייניק?

מיט דער זעלבער צערטלעכקייט האָט ער דעם מורה־הוראה מיט דער סיוועס באָרד אַרויפגעטראָגן אין זיין קאַמערל אין שפּיטאָל. און אַ גאַנצע וואָך דערנאָך איז אים פון דער דאָזיקער באַרירונג מיטן רבינס אויסגעמאָגערטן, הייליקן גוף, געשטאַנען אַ זיסע מאַטקייט אין אַלע זיינע שטאַרקע אברים.

— ווי איך בין אַ ייד! — אַזוי האָט ער, מיט טרערן אין די אויגן, דערציילט דעם באַלעבאָס זיינעם די טיפע איבערלעבונג — ער וועגט דאָך אַ לויט, ר׳ סענדער! אַן איידלקייט פון אַ מענטשן! שיך און זאָקן, אַ שטריימל ווי אַ באַק־דייזשע און אַליין איז ער גרינג ווי אַ שטרוי... אַ מחיה צו קוקן אויף אים! קוים וואָס ער גייט, קוים וואָס ער רעדט... ווי אַ פּיצל קינד. אַ מחיה צו נעמען אים אויף די הענט!

— בייס דיר אָפּ די צונג! — האָט אויף אים ר׳ סענדער אָנגעשריגן, — אָט דאָס הייסט ביי דיר אַ מחיה? דו גראָבער יונג דו!

— אָי, ר׳ סענדער, ווי איך בין אַ ייד! — האָט זיך פאַנדדרע געגומען טומלען, ווי אַ הייס־פאַרליבטער, — וואָס רעדט איר, וואָס? איר פאַרשטייט נישט, ר׳ סענדער! אָט... געהרגעט מעג איך ווערן דאָ, אויף אַן אָרט!

2

נישט מיט איינמאָל איז געקומען פאַנדרעס פאַרענדערונג. דער שנייי אין די וועלדער האָט אים זיין בלוט אָפּגעקילט, די פרייע ווינטן, צווישן

פעלדער, האָבן פון אים, ביסלעכווייז, אַרויסגעיאָגט דעם ריח פון יאַטקע, און דער ווייטער הימל האָט פאַרשאַרפט זיינע פאַרשווומענע אויגן.

אַרויף איז נח אויף דער קעלניע אָנהויב ווינטער, ווען עס כאַפּט פרירן אינדערפרי, און די פאַלדן פון דער בלאָטע ווערן פאַרהאַרטעוועט. מיט אַ שליטן קאָן מען נאָך נישט פאָרן, און מיט רעדער — טרייסלט אויס די נשמה. דענסטמאָל איז ער נאָך געפאָרן אונטער סענדערס השגחה און געקראָגן שטאַרקע בויך־ווייטיק פון אַזאַ טרייסלעניש. נאָר ער האָט זיך שטאַרק אונטערגעגאַרטלט, פאַרביסן אַ ליפּ און געטריבן. „ניאָ־ניאָ!" האָט ער זיך געכראַבּרעט און געשריען אויף די פערד. און געוואָלט האָט זיך אים גאָר שרייען: „אַי, מאַמע, ראַטעווע!..."

דערפאַר אָבער, אַ וואָך שפּעטער, ווען עס האָט אויסגעשאָטן אַ געדיכ־טער שניי און אַ זאַווערוכע האָט אים איבערגעזופּט און אַ פראָסט האָט אים אויסגעקאָועט — האָט זיך דער שליטן געגליטשט ווי אויף פּוטער. און פאַנדרע האָט צום ערשטן מאָל דערפילט, וואָס הייסט זיין אַ באַלעגאָלע אויף דער וועלט.

ער האָט, צום ערשטן מאָל, געפירט עטלעכע יידן צום אָרשער באַן. ער האָט דרייסיק וויאָרסט כסדר געטריבן סענדערס פערד דורך ברייליאַנ־טענע פעלדער, דורך וועגן אויסגעבעט מיט פּוך און מיט געשטויסענע גלאָז. ווייסע שטערנדלעך זענען געהאָנגען אויף פאַראַיאָריקע שוואַרצע אויסגעדאַרטע קוסטעס, און זילבערנע אוירינגלעך אויף די בעריאָזקעס. פּוכיקע הייבלעך זענען געווען אָנגעטאָן אויף פלעקענער, אויף די טעלעגראַף־סטאָלבעס און אויף די געפּאַסקעטע וויאָרסט־שטיינער אויפן וועג. ווו אַ שטיקל אייזן, ווו אַ פאַרזשאַווערטער טשוואָק האָט עס געשטאַרט מיט ווייסע חזיר־האָר און מיט גלעזערנע נאָדלען — פאַרקילטע קלאָרע שטראַלן אַרום אייזערנע שטערן... און איבער אַלץ און אַלעמען לויכט אַ קאַלטע זון. נאָר אָנשטאָט פייער שיסט זי מיט פראָסט, אָנשטאָט צו שמעלצן — פאַר־גליווערט זי. ביי יעדן פאַרקירעווען זיך אויפן גלאַטן שליאַך, סווישטשעט דער שליטן, ווי אַ גרויסע באַנדורע, בשעת מען רייבט זי אָן מיט קאַניפאָל. באַ! און מיט אַמאָל ווערט דאָס גאָר פינצטער, אַ ווייס־גרינע כמאַרע רוקט זיך אָן. די בויד איז אַריין אין ווינטערדיקן סאָסנע־וואַלד. די נאָדלדיקע, ברייטע לאַפּעס שטייען אָנגעלאָדן מיט פאַרפרוירענעם ווייסן שוים. אַזאַ שוים שלאָגן אָן ערב יום־טוב די ווייבער. די אשת־חילניצעס, פון אייער־ווייסלען. איידער זיי שטעלן זיך באַקן די צוקער־לעקעכער... דורכן וואַלד־וועג, ווי דורך אַ ריזיקער שפּאַקטיווע, קוקן זיך דורך די נאָך־ווייטערע

וועלדער. און יענע זענען דורכגעשלאָגן מיט אַ בלויען רויכל און מיט קילע קלעמעניש. עס כאַפּט אַזש צופּן ביי דער נשמה. פליט אַרויס די בויד פון וואַלד, ווי פון אַ גזלנישער הייל, און עס ווערט ווייטער ליכטיק. גלאָז־שטערנדלעך צעבליאַסקען זיך מיט טויזנטער חנ׳דלעך, צעווינקען זיך מיט מיליאָסן שמייכלעך. אַן אויסלעשעניש און אַן אָנצינדעניש פון טויזנטער שטיקלעך־ברעקלעך פאַרפרוירענע רעגנבויגנס. פאַראַיאַריקע בייטן פון גרויסע קרויט־גערטנער צעפּעכערן זיך ווי מוראדיקע פּוכאָווע פעכערס, מיט טייערע שטיינער באַפּליטערט און מיט שטרויס־פעדערן באַפּוצט. האַ־האַ־האַ, משוגע קאָן מען ווערן! גויות מיט געפלאַכטענע קערב פון ליקע (קאָרע) קומען אַן פון ערגעץ־ווו, שווימען אַרויס אויף זייערע ברייט־נאַזיקע לאַפּ־טיעס. אויף זייערע פּויערישע קעפּ זענען אָנגעדרייט גאַנצע פּעק מיט רויטע, וואַלענע כוסטקעס. גיבן זיי אַ בליאַסק אין ווייסן שניי, ווי לעבעדיקע מאָן־בלומען. מכשפות זענען דאָס גאָר, נישט קיין גויות! פון זייערע קאָרענע קערב הענגען אַפּטמאָל אַראָפּ געפרוירענע הענגלעך מיט „קאַלינעס” אָדער ריאַבינעס — אַ גאַשעריי פּאָר פאַרשמאַכטע מיילער, וואָס זענען שוין מיד פון די ווינטערדיקע קאַרטאָפליעס און זויערע אוגערקעס. אָבער די קאַלי־נעס ווי הייסע קוילן, וואָס מכשפות טראָגן זיי אין ליקענע קערב און ווערן נישט פאַרברענט. אַ־האַ־האַ! קוימענס רויכערן אין דער ווייטן, שוואַרצע וואָראָנעס קראַקען! אַן אָנשטעל איז דאָס, נישט קיין וואָראָנעס! זיי זענען יד־אחת מיט די גויות, מיט די קאַלינעס, מיט די רויטע כוסטעס — קראַקען זיי. ביאַ־ביאַ־ביאַ פּאַדלעס! אַ בראַנד זאָל זיך אין אייך אַריינכאַפּן!... ווער ווייסט, צי אָט די תמעוואַטע סוסים, וואָס פאָכען מיט די עקן, האָבן דאָ אויך נישט קיין חלק?...

אין אַלעקסאַנדריע, אויפן מיטן וועג, כאַפּט מען אַ טרונק בראָנפן ביי ר׳ שכנאַ׳ן אין שענק, און אונטער די פערדישע מאָרדעס בינדט מען אונטער זעקלעך מיט האָבער. אַזוי הייסט ר׳ סענדער. און פאַיען זיי טאָר מען נישט איידער זיי קילן זיך אָפּ פון לויף, אַז נישט, קריגן זיי אַ ציטערניש אין די פיס. אַזוי זאָגט ר׳ סענדער. די פערד דערקענען דעם אַלטן באַלעבאָס נאָכן ריח נאָך. ער מעג אַפילו שטיין פון הינטן. אָבער ווען פאַנדרע גייט צו, קרימען זיי אויף אים די גרויסע בלוי־שוואַרצע אויגן; לאָזן אַראָפּ די אויערן און שנאָרכען. זיי דערפילן אין זיינע אונטער־מלבושים דעם אַלטן ריח פון יאַטקע, פון פאַרטריקנט בלוט... כאָטש געבליבן איז פאַנדרען פון די קצבישע צייטן בלויז איין קורטקע. און אויך זי טראָגט ער אונטער אַ וואַלענע „דעליע” און אונטער אַ שעפּסענעם פּעלץ. אָבער סענדערס

פֿערד, וואָס זענען געוווינט צו דער פרייער לופט פון די פעלדער, דער־שמעקן עס. אַ חוש־הריח פון פיר־פיסיקע! ווי געפעלן אייך פּרעטענזיעס פון סוסים?... פֿאַנדרען פֿאַרדריסט דאָס. ער איז פון קינדווייז אָן געוווינט צו קוקן אויף אַ חיה מיט פיר פיס, ווי אויף אַ זאַך, וואָס מען קוילעט דאָס, ווען מען באַדאַרף. אַמאָל צוליבן פלייש, אַמאָל צוליב דער פעל, און דאָ גיב נאָר אַ קוק, ווי סענדער פֿאַרדאָן פּאַדיעט אַרום, אַרום אַזעלכע חיות! ער גלעט זיי אויף די העלזער און רעדט מיט זיי, ווי מיט זיין גלייכן! ווען דער יינגערער פערד, „שמענדריקע", ווי ר' סענדער רופט אים, מאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער וויל דעם באַלעבאָס אָפּרייסן אַן אַרבל — שרייט אויף אים ר' סענדער אָן: „ווערסט שוין אויפהערן צו פּראַווען דיינע טריפה"נע שטיק, צי נישט?" און „שמענדריקע" קערט אָפּ דעם קאָפּ, פלאַטערט מיט זיינע ווייכע שוואַרצע לעפצן און באַווייזט די גרויסע ווייסע ציין זיינע. און עס דאַכט זיך, אַז ער לאַכט־אונטער פון סענדערס קללה. ער ווייסט, אַז ס'איז אויף צופלייסן... דער עלטערער פערד, „שמאַרעוואָז", אַ גרויסע באַשעפעניש אין ברוינע און ווייסע פלעקן, איז גאָר אַ גרויסער מפונק, אַ גרויסער אויסקלייבער אויף עסן. מישט אים אונטער ר, סענדער, אויף טשיקאַוועס, אַ ביסל סעטשקע אין האָבער, שטייט ער, דער נאַשער, דער לאַנג־אויערנדיקער גאַסטראָנאָם מיטן אונטערגעבונדענעם זעקל, דרייט מיט די אויערן און גלאָצט מיט די אויגן אויפן באַלעבאָס, ווי איינער זאָגט: נישט געטראָפן דעם אָרט!... און קייען טוט ער נישט. פאַרשטעלט זיך ר' סענדער אַז ער איז אין כעס, גיט אים כלומרשט אַ שטורך, שמאַראָ־וואָזען, מיטן ברייטן נאָז פון שטיוול אין בויך און רעדט צו אים אַזוי: „שוין גאָר אַזוי? סעטשקע ביסטו קראַנק צו עסן? מאַרציפּאַנעס זאָל איך דיר געבן? אַן איידעם אויף קעסט ביסטו ביי מיר? דעם גייעם נגידס איידעם אפשר..." און „שמאַרעוואָז" שאָקלט אונטער מיטן גרויסן קאָפּ, ווי ער וואָלט פערדיש־שטום אָפּגעענטפערט: „אָט־אָט, באַלעבאָס, געטראָפן איז פינטל! טאַקע אַן איידעם אויף קעסט!... מאַרציפּאַנעס!..."

„דזשירקעליכע", די קליאַטשע, סענדערס דריטער פערד, איז עפּעס גאָר אַ מאָדנער נפש. שטיל איז דאָס און אונטערטעניק, קיין קאַטאָוועס פּראַווערט עס נישט און קיין אויסקלייבערין אויף דער אַכילה איז עס אויך נישט. נאָר ס'האָט אַן אַנדער טבע. ווי נאָר מען שטעלט זיך אָפּ, כאַפּט עס אַ ציטער. נאָר ס'וואָלט געוואָלט מען זאָל זי איינדעקן מיט קאָלדרעס, מיט ראַגאָזשעס, מיט שמאַטעס. די וועלט איז איר ווייניק! און דערפאַר טאַקע רופט זי ר' סענדער „דזשירקעליכע". ס'איז אַן אָנשפּיל אויף אַ שקלאָ־

וועד קבצנטע מיט פּונקט אַזאַ צונעמעניש, וואָס פּוצט זיך אויך מיט פּינף פאַרלאַטערטע קליידלעך, איינס קירצער פאַר דאָס אַנדערע, און מיט דריי צעריסענע זשאַקעטלעך. אָט אַזוי גייט זי איבער די הייזער. און רק זי קלאָגט זיך, אַז ס׳איז איר קאַלט, אָט־אָט וועט זי דערפרוירן. און רק זי בעטלט בגדים, אַן אַלטן קאָפּטל, אַ פּאַטשיילע מיט לעכער, אַ צעפּליקטע וואַטאָווע קאַצאַווייקע אָן קנעפּ. אַלץ איז ביי איר רעכט, ביי דער טראַג־טשיכע, אַבי נאָר מען קען עס אַרויפציען אויף זיך.

ווי נאָר מען גיט אַ זאָג: „טפּררו״ און מען שטעלט זיך אָפּ ביי אַ שענק אויפן וועג, אַזוי הויבט שוין אָן „דזשירקעליכע״, סענדערס קליאַטשע, צו קלאַפּן מיט אַ פּאַדקאָווע און צו טרייסלען מיט דער פּעל פון ליטקע. דאָס גיט זי אַנצוהערעניש, אַז ס׳איז איר נעבעך קילבלעך און ס׳וואָלט געווען אַ יושר דער באַלעבאָס זאָל זי איינדעקן.

ר׳ סענדער דערקענט באַלד די טעלעגראַף־צייכנס פון זיין קליאַטשע, וואַרפט ער איר איבערן רוקן אַן אַלטע לעכערדיקע קאָלדרע און רעדט צו איר אַזוי:

— האָסט שוין קיין צייט נישט, דזשירקעליכע? אַ „קאַליעלע״ איז אויף דיר אַנגעפאַלן, אַ ציין־טרייסלעניש? נאַ!... טראַסקעט נאָך אַלץ מיטן קאָריקל? אַ קאָלדרע איז דיר ווייניק! אַ טכוירענע ראָטאָנדע וועל איך דיר באַשטעלן ביי זשאַמע דעם סקאָרניאַק. אַ פּיזעמנע פוטער וועל איך דיר אויסשרייבן פון ניזשני. סטאָי, סטאָי! שטיי שוין, שטיי אין קרענק!

נח פאַנדרע לאַכט פון פולן האַלז, דערהערנדיק ווי ר׳ סענדער טענה׳ט זיך אויס מיט זיינע סוסים. אָבער ר׳ סענדער פאַרדאַן אַליין קוקט אים אָן אַזוי ערנסט, פּונקט ווי ער וואָלט פאַראיבל געהאַט, וואָס דער „שמייסער״ מאַכט חוזק פון זיין לייבלעכער משפּחה. און נח ווייסט נישט, צי קוקט דאָס אַזוי ר׳ סענדער מיט אַן אמת, צי אויף צופלייסן. האַקט פאַנדרע אָפּ זיין קצבישן געלעכטער און קערט אָפּ דעם קאָפּ.

ביסלעכווייז געוווינט זיך אָבער פאַנדרע צו די פערד. ער לערנט זיך ביי ר׳ סענדערן ליב צו האָבן די פיר־פיסיקע ברויט־געבער. ער דערקענט, אַז אַ פערד האָט שכל. ס׳האָבן נאָר מלמדים פאַרשוועכט דעם פערדס כבוד, זידלענדיק זייערע תלמידים, די פאַרשטאָפּטע קעפּ זייערע... אַ פערד פאַר־שטייט אַ סך. ער איז פלייסיק און געטריי. ער קען ווערן ברוגז, ער קען זיין פריילעך. ער פאַרעקשנט זיך, אַז ער וויל. ער קען שטיין פאַר־טראַכטערהייט, ווי אַ מעקלער נאָכן יאַריד, מיט אַן אונטערגעבויגן פיסל. ער קען ליב האָבן, ער קען זיין דאַנקבאַר פאַר אַ גלעט און פאַר אַ גוט

וואָרט.. הכלל, אַ סך גראָבע יונגען וואָלטן זיך געמעגט ווינטשן האָבן אַזוי פיל פיינקייט, וויפל אַ געכאָליעטער פערד; אַזוי פיל גוטסקייט. פאַנדרע וואָלט דאָס גאָר קיינמאָל נישט געגלויבט. ער האָט זיך ביסלעכווייז אויס־געלערנט ביי ר׳ סענדערן צו אונטערפּאַטשן דעם אָפּגעמאַטערטן פערד אויפן רוקן און פילן, מיט הנאה, די גלאַטע וואַרעמקייט פון דעם פערדס פעל, ווי עס צאַפּלט אונטער די גראָבע מאַזאָליעס פון דער דלאָניע. ס׳איז אויך אַ נחת צוצוקוקן זיך מיט וואָס פאַן אַן איידלקייט אַ פערד טרינקט פון עמער. עס מעג אים ברענען דער דאָרשט, וועט ער נישט „שאָרבען״, ווי אַ קליינשטעטלדיקע יענטעוואַטע בהמה, וואָס פאַר אַ „פּאָמינעס״ מען רוקט איר נישט אונטער. מוטנע וואַסער וועט אַ סוס נישט טרינקען. דווקא קלאָרע, קאַלטינקע גיב אים!... דעם דעק פון עמער מוז ער זען מיט זיינע אייגענע פערדישע אויגן. און אויך דענסטמאָל ציט ער דאָס וואַסער מיט די שפּיצן ליפּן, ווי דורך אַ שטרויעלע, נאָר דער נייער בגיד פון שקלאָוו פאַרגינט זיך אַזוי צו טרינקען; אַז ער טרינקט זעלצערסקע מיט סאָק, ציט ער דאָס דורך אַ גלעזערנע רערל אַזאַ, וואָס ער האָט געבראַכט פון מאָהליוו. אַנדערש פּאַסט אים נישט.

ר׳ סענדער, גזלנים און א בער

1

אַ מעשה מיט גזלנים

נאָך פורים־צייט ווערט שוין דער שניי אויפן שאָסיי ווייכער; דער שליטן מיט דעו׳ בויד גליטשן זיך נישט אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין. ווו־נישט־ווו, אין גריבלעך, שטייט אַ קאַלט וואַסערל, פול מיט שטיקלעך אייז. ווי צעבראָכענע שויבן שווימען די שטיקלעך איבערן וואַסער. אינ־דערפרי הענגען נאָך ווייסע צעפּלעך אויף די דאָרפישע סטרעכעס פון ביידע זייטן שליאַך; און בייטאָג, אויף דער זון, קאַפּעט פון זיי, ווי פון חלבנע איבערגעקערטע ליכטלעך, מיט טראָפּנדלעך פייער. ס׳זעט אויס, אַז מ׳האָט זיי אָנגעצונדן איבערגעקערטערהייט. טריפט פון זיי אַזוי אַרויס דער גאַנצער חלב אין פייער. מען געלאָשן זיך ווי געברענט, ביז זיי צע־שמעלצן זיך אינגאַנצן...

הויבט אָן דער וועג קאַליע צו ווערן. פּאַסאַזשירן מיידן אויס אַזאַ שליטן־וועג ווי נאָר זיי קענען. זיי פּאַרטרויען די באַלעגאָלעס אָפּצופירן זייערע סחורות צום אָרשער באַן, אָדער אָפּנעמען זיי דאָרטן. קומט אָפּטמאָל אויס צו טרייבן די בויד אָן „שודאַקעס", מיט בלויז קאַסטנס סחורה, זעקלעך מעל און שאָר ירקות. נוצן אויס די באַלעגאָלעס אַזאַ געלעגנהייט און טרייבן די פערד — נישט בייטאָג, ווען דער שניי שמעלצט זיך, נאָר צו פאַרנאַכט־צו, ווען עס כאַפּט פרירן, ווען די בלאָטקעלעך ציען זיך איבער מיט אייז. גליטשט זיך דאַן די בויד אַ סך בעסער און אַ סך גיכער. אַליין איז מען רואיקער. ברוגזדיקע באַלעבאַטים טרייבן נישט אין האַלז און נאַקן. יידענעס מיט קוישן קרעכצן נישט.

אָט אין אַזאַ פּאָר פּסח׳דיקן וועטער, פאַרנאַכטלעך, זיצט זיך ר׳ סענ־דער אויף דער קעלניע מיט נחת פאַנדרען זיין „שמייסער״. די בויד איז געפּאַקט מיט סחורות פאַר שקלאָווער קרעמער, און אַ „שודאַק״ איז אויף אַ רפואה נישטאָ. פאַנדרע טרייבט די פערד אויף דעם שליאַך, צווישן אָרשע און שקלאָוו, און דער באַלעבאָס זיינער זיצט נעבן אים, גוט איינגע־דעקט און האָט נישט וואָס צו טאָן. זאָגן תהילים איז שוין צו כמורגע. דער שניי אונטן און דער הימל אויבן — האָבן איין בלאָטיקן אויסזען. נעמט ר׳ סענדער אַ טיפּן שמעק טאַבאַק און צערעדט זיך. ער פאָרט דאָך שוין, געלויבט דער אויבערשטער, צווישן אָרשע און שקלאָוו און צוריק שוין גוטע פערציק יאָר. האָט ער וואָס צו דערציילן וועגן יעדן בוים אויפן וועג, וועגן יעדן שטיין, וועגן יעדער הייזקע, וואָס באַווייזט זיך אין דער־ווייטנס. און דאָס איז שוין אַ באַקאַנטע שוואַכקייט פון עלטערע באַלע־גאָלעס: אַלע מעשות האָבן מיט זיי אַליין געטראָפן; אויב נישט מיט זיי אַליין — איז מיט זייערע טאַטעס, אויב נישט מיט די טאַטעס, איז מיט די זיידעס. וואָס דען! ווי היינטיקע יונגע באַלעגאָלעס, וואָס קענען נאָר דעם „שליאַך״, ווי אַ לאָשעק, און אַ ביסל ווייטער — ווייסן זיי נישט ווער עס האָט זיי „באַטערכעט״...

— געוועזן איז דאָס... — אַזוי האָט ר׳ סענדער אָנגעהויבן דערציילן — געטראָפן האָט דאָס דאָ אין וועלדל, פאַר „אַלעקסאַנדריע״, אין וועלכן מיר פאָרן באַלד אַריין. אַצינד איז דאָס אַ וועלדל. אַמאָל איז דאָס געווען אַ דעמבענער וואַלד. אַ פינגער נישט אַריינצושפּאַרן. האָט מען אים אויס־געהאַקט, אַ שריד ופליט איז פון די דעמבעס נישט געבליבן. אַוועקגעפירט זיי אין די גרויסע שטעט, זאָגט מען, צו מאַכן פון זיי מעבל, זאָגט מען... און אָפּגעוואַקסן איז אַ „דערינער״ סאָסנע־וועלדל. זאָלן זיך די וועווערקעס מיט אים פרייען!

איז אָט, דורך דעם אַמאָליקן וואַלד, האָט דער טאַטע מיינער, ר׳ זימעל, עליו השלום, געפירט די פּאָטשט פון שקלאָוו קיין אָרשע און פון אָרשע קיין שקלאָוו. די באַן איז נאָך דענסטמאָל אין אָרשע נישט געגאַנגען. בריוו און פּאָסילקעס זענען געגאַנגען מיטן אָקס אָדער מיטן שליטן. געגאַנגען מיט עטאַפּן: איך — גיב איבער אָרשע, אָרשע גיט איבער סמאָלענסק, אָדער אויף וויטעבסק. און אַזוי ווייטער און ווייטער, ביז עס דערגייט צו מאָסקווע און צו „פּייטערבאַרג״. היינטיקע צייטן וואָלט מען אַזאַ פּאָטשט גערופן „אָקסן־פּאָטשט״. נאָר דעמאָלט האָט מען זיך נישט געקאָנט אָפּוווּנ־דערן, ווי גיך „פּאָויטעלסטווע״ שטעלט צו אַ בריוו. כאָטש אַ בריוו פון

מאָסקווע — אַהער איז געגאַנגען דריי וואָכן און פון ניזשני — נאָך לענגער.

און אָט — פּירט דער טאַטע, עליו השלום, אַ פולע בויד מיט פּאַסיל־קעלעך, אַלע מיט אַדרעסן וו׳גאַראַדו, אָט אַזאַ און אַזאַ „גאָספּאַדיניו״ אָט אַזאַ און אַזאַ. פּיין. ווי עס באַדאַרף צו זיין... אַ פולע בויד!... איבערגעצויגן מיט געפּעכטע לייוונטער איז געווען די בויד. אַזוי האָט „פּראַוויטעלסטווע״ פאַרלאַנגט; פרעמדע פּאָסילקעס זאָלן זיך נישט פאַרנעצן. די אַדרעסן זאָלן נישט צעשוווּמען ווערן.

קאַלט איז גראָד געווען — אַ סכנה. אינמיטן טבת. בוימער האָבן גע־קלונגען ווי בלעך. די ביינער האָבן געקנאַקט. האָט זיך דער טאַטע, עליו־השלום,באַוואָרנט ווי עס געהערט צו זיין: מיט אַ וואַטאָווען לייבל און מיט געשטעפּטע וואַטאָווע מייטקעס. און פון אויבן — אַ וואָלענע קורטקע מיט אַ פּאָר גראָבע באַלעגאָלישע מכנסים, פאַרשטייסטו מיך. און איבער דעם — אַ נייעם שעפּסענעם פעלץ, וואָס כאַפּט אַרום די לענדן און לאָזט זיך אַראָפּ אין פאַלדן ביזקעי די פיאַטעס. און איבערן פעלץ אַ בורקע, פאַרשטייסטו מיך, פון די אמתע סאָלדאַטסקע סחורה, וואָס מען קויפט אָפּ, פון הינטן־אַרום, ביי דער ,אינטענדאַנסטווע״ *) אין מאָהליוו. און איבער דער בורקע, ווייטער אַ פעלץ — אַן אַנטיק זאָג איך דיר. אַן אָפּגעטראָגענער אַפּילו, אָבער פון יענע סאָרטן פאַררעגנטע און פאַרטריקנטע פעלצן, וואָס אַז מען טוט זיי אָן מאַכן זיי אָן אַ רעש און אַז מען טוט זיי אויס — בלייבן זיי שטיין אין ווינקל, ווי „אַ סוכה אויף קנעפּ״, מיט אַ מורא׳דיקן קאָלנער־האָר — אָנשטאָט סכך.... און אָט דווקא, אין אָט די דאָזיקע אַמאָליקע פעלצן, זאָג איך דיר, איז געבליבן די גאַנצע וואַרעמקייט, זאָג איך דיר!... נו, היינט די שפּיציקע וואַטאָווע היטל, פון דרויסן מיט באַראַשקע און פון אינע־ווייניק מיט קאַץ, וואָס גליטשט זיך אַראָפּ ביז איבער די אויערן, אַז עס איז אַ מחיה. און איבערן היטל אַ וואָלענער שאַרף, פאַרבונדן מיטן קנופּ אונטערן באָרד. און אַרום שאַרף — די דריי קאָלנערס פון צוויי פעלצן און איין בורקע צווישן. ועל כולם — אַ קאָזאַצקער באַשליק מיטן שפּיץ אַרויף. אַ טורעם!... שאַ... פאַרגעס נישט די ברייטע שטיוול, אינעווייניק געדעקט מיט האָזן איבער צוויי פּאָר וואָלענע זאָקן, וואָס דערגרייכן ביז די קני, און די גוטע ראַשעיער וואָליקעס — איבער די שטיוול. אַ העלפאַנט, זאָג איך דיר, וואָלט זיך נישט געמעגט שעמען מיט אַזאַ פּאָר פיס... היינט

---

* צושטעלער פון מיליטער.

די גאַרטלען! אַרום יעדן פעלץ אַן אַנדער פאַרטל, מיט אַן אַנדער קאָליר, כדי נישט צו פאַרקילן דעם בויך. נו, ווייניקער ווי צוויי פאַר הענטשקעס קאָן מען דאָך נישט אָנטאָן. לעדערנע און וואָלענע. וכל למרבה הרי זה משובח, ווער עס טוט אָן דריי פאַר ווערט די פינגער אוודאי נישט אָפּפרירן! די וואָלענע הענטשקעס — אינעווייניק און די לעדערנע פון אויבן. אַלע נאָר מיט איין גראָבן פינגער. און אַז דער אָנגעטאָענער לעדערנער פינגער האָט זיך געטאָן אַ ריר, האָט זיך געדאַכט, אַז אַ בלינדע קליאַטשע האָט אַ דריי געטאָן מיט אַן אויער. ייִנגלווייז האָט זיך מיר דאָס שטענדיק אַזוי אויסגעדוכט... אָט אַזוי, פאַרשטייסטו מיך, נחקע, פלעגט מען אַמאָליקע יאָרן אַרויספאָרן ווינטער צייט אין וועג אַריין. נישט ווי די הייַנטיקע זייַדענע באַלעגאַלטשיקלעך, וואָס טוען אָן אַ ווייבערישן קאָפּטל מיט אַ פּראַנצעוואַטן פעלצל, מיט אַ טאָטעריש היטעלע, אַ קיילעכדיקס. און הענטשקעלעך שיטערינקע, דווקא מיט אַלע פינף פינגער... „דריזשנען" זיי טאַקע פאַר קעלט ווי די שלח־מנות־טרעגער. „שצאָגלס" געוואָרן, צו אַלדי קאַדיק!

איז אָט אַזוי אָנגעטאָן און אָנגעפּעלצט און אַרומגעבונדן פאָרט ער אַריין, דער טאַטע מייַנער, עליו־השלום, אין אָט דעם וועלדל, ווו מיר פאָרן איצט. דער טאַטע זיצט, אַן עין־הרע, ווי אַ סטאָג היי אויף דער קעלניע; און צו אים צוגעטוליעט זיצט אברהמעלע, דער שמייסער זייַנער, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן! און טרייבט אָן די פערד. פאַר „שודאַקעס" האָבן זיי קיין אָרט נישט געהאַט, ווייל די בויד איז געווען פול געפּאַקט מיט „פּאָסילקעס" און מיט פאַרחתמטע קעסטלעך סחורות פון אָרשער פּאָטשט. אָפּגעפאָרן ביזקל מיטן וועלדל בשלום, ערשט מיטאַמאָל — סטאָי! אַ וועלכענע פיר געזונטע גויים, אין פּאָדיאָווקעס, מיט לאַנגע שטיוואַלעס, לויפן אַרויס פון ביידע זייטן וואַלד און האַלטן אָפּ די פערד. זיי שרייען עפּעס, סקאַליען די צייַנער אויפן טאַטן, עליו השלום. נאָר שריי הייַנט, שריי מאָרגן, אַז ער איז אַרומגעוויקלט, אַן עין־הרע, מיט דריי קאָלנערס אַרום די אויערן און פאַרבונדן מיט אַ באַשליק. נאָר די שפּיץ נאָז זעט זיך אַרויס. מייַנט דאָך דער טאַטע, עליו השלום, אַז דאָס ווילן זיי אונטערפאָרן מיט דער בויד ביז קאָפּוסט — אויפן וועג קיין שקלאָוו. וועט ער עפּעס נעמען מאַכן מחזקות מיט די חזירים? אַז די בויד איז געפּאַקט מיט פּאָסילקעס, און פירן פירט ער דאָס פאַר „פּראַוויטעלסטווע". איז ער ביי זיך תקיף! גיט ער אַ שטאַרך דעם „שמייסער" זייַנעם, אברהמעלען, און אַ „בוקע", ער זאָל, הייסט עס, טרייבן די פערד ווייטער און נישט אַרייַנ־

לאָזן זיך אין שמועס מיט די ערלים. ערשט דאָ דערזעט דער טאַטע, נישט היינט געדאַכט, אַז ביי זיין „שמייסער״ זענען אויסגעגלאָצט ביידע אויגן פאַר שרעק. ער גיט אַ קוק אַראָפּ צו די ערלים — יענע ציען פון די כאַליאַוועס די גוטע מעסערס, און די צוימלעך פון די פערד לאָזן זיי דערוויל פון האַנט נישט אַרויס. און איידער מען גיט זיך אַ קער — כאַפּן זיך אַרויף צוויי פון זיי אויף ביידע פליגלען פון שליטן און הויבן אָן טרענען די בויד מיט די מעסערס. פון די שניטן גיבן זיך אַ שאָט פּאָסיל־קעלעך אין שניי אַריין, ווי עפּל פון אַ לעכערדיקן זאַק. קומט אברהמעלע דער שמייסער אַ ביסל צו זיך. ער גיט זיך אַ שטעל־אויף אויף דער קעלניע, הויבט אָן ציען די לייצעס און שמייסן די סוסים מיט אַלע כוחות, כדי זיי זאָלן זיך ראַפּטום אַרויסרייסן פון די פרעמדע גויאישקע הענט. אָבער בזה הרגע שפּרינגט צו אים צו, פון הינטן, איינער פון די ערלים, וואָס טרענען די בויד און דערלאַנגט אים, נישט היינט געדאַכט, אַ זעץ מיטן מעסער איז נאַקן. דורך אַלע קאָלנערס איז דער מעסער דורכגעגאַנגען. אברהמעלע איז, פאַרשטייט זיך, נישט געווען אַזוי אָנגעטאָן ווי דער טאַטע. בלויז וואָלענע קאָלנערס זענען דאָס געווען. האָט דאָס אים נעבעך געטראָפן אין ריכטיקן אָרט. ער האָט נאָר געגעבן אַ הויב מיט ביידע אָרעמס, געמאַכט „קכי״, ווי אַ געקוילעטע גאַנדז, להבדיל, די לייצעס און בייטש־שטעקל זענען אים פון די הענט אַרויסגעפאַלן און גלייך נאָך זיי — אברהמעלע אַליין. קאָפּ איבער האַלדז אונטער די האָלאָבליעס צווישן די פערדישע פיס. ווי אַ מענטש, וואָס וואַרפט זיך שווימען, איז ער אַראָפּגעפאַלן, און מער קיין פּיפּס נישט געטאָן.

דערזעט דער טאַטע, עליו השלום, אַזאַ מעשה — גיט ער זיך אַ בוכצע, ווי גרויס ער איז, מיט אַלע דריי פּעלצן און מיט די וואָליקעס אין בויד אַריין, וואַרפט זיך אַרויף מיטן בויך אויף די פּאָסילקעס, קלעמט זיך אין זיי איין מיט אַלע כוחות, און שרייט פון די קאָלנערס פון זיינע מיט קולי־קולות, איינמאָל פאַר אַלעמאָל: ער וועט נישט דערלאָזן מען זאָל ראַבע־ווען „קאַזנאַ״! איינמאָל פאַר אַלעמאָל: דאָס געהערט „קאַזנאַ״!...

ווערן עפּעס די גזלנים נתפעל פאַר „קאַזנאַ״?... ווו קאַזנאַ, וואָס קאַזנאַ? אַז דאָ איז סאַמע אינמיטן וואַלד, מער ווי שניי און דעמבעס זעט מען קיינעם נישט. טרענען די גזלנים אָפּ די גאַנצע בויד, ברעכן אָפּ די רייפן און פּרוון דעם טאַטן, עליו השלום, אַראָפּקייקלען פון די פּאָסילקעס. נאָר ריר אים און ריר, להבדיל, אָט דעם בוים פון וואַלד. אַז אַליין איז ער גרויס און שווער, קיין עין הרע. אויף מיר געזאָגט געוואָרן! און די

דריי פּעלצן מיט די שטיוול מיט די וואַליקעס וועגן אויך עפּעס, האַ? און איינגעקלעמט האָט ער זיך אין די פּאָסילקעס ווי אַ בער, און ברומען ברומט ער פון אַלע קאַלנערס נישט מיט זיין קול... האָבן די גזלנים נישט געמאַכט קיין לאַנגע מחזקות און גענומען באַאַרבעטן אים מיט די מעסערס, ווו ווער עס האָט געקענט דערלאַנגען. איינער אין רוקן, דער צווייטער אין האַלדז, דער דריטער אין די פּיס, דער פערטער אין... איך בעט איבער דיין כבוד, פאַרשטייסט דאָך אַליין, ווו מען מיינט. זיי האָבן געהאַקט מיט די פיר מעסערס ווי אין קרויט אַריין. נאָר, גיי נעם דורך דריי פּעלצן, מיט לייבלעך, מיט קאַלנערס, מיט קורטקעס! די אייזערנע שפּיצן האָבן זיי צעבויגן, די בלאַנקע שאַרפן האָבן זיי צעראַצט, ביזן הייסן שווייס האָבן זיך די גוים אָנגעהאָרעוועט און מער ווי די הויט, געלויבט דער אויבער־שטער, האָבן זיי דעם טאַטן עליו השלום, נישט צעשטאָכן. ליגט דער טאַטע אונטער זיינע פּעלצן מיטן רוקן אַרויף און פּילט, אַז דאָס בלוט רינט אים אונטערן העמד אין וואַרעמע ריטשקעלעך. נאָר ער רירט זיך נישט פון אָרט און שרייט אין איין קול: „עס איז פּאַר קאַזנאַ! ראַטעוועט!... ראַטעוועט!... עס איז פּאַר קאַזנאַ...״ ביז דער אויבערשטער האָט געהאָלפן און ס'האָט זיך דערהערט אַ קלונג פון אַ גלעקל. אַ צווייטע בויד איז אָנגעפאָרן אַנט־קעגן, פון שקלאָוו אויף אָרשע. און געזעסן זענען אין בויד נישט קיין אַנדערע ווי יאָשע קאַזיאַל מיט די בנים מיט זיינע. קושע־בראַנד קענסטו? איז דאָס איינער פון זיינע בנים. זיין טייערער מוזיניקל איז דאָס. אַ סך שפּעטער איז ער ביי יאָשען געבוירן געוואָרן. נאָר עס איז געווען אַ שיינע חברהצקע אָן איבּ אויך! אַריינפאַלן צו זיי צווישן די פינגערלעך, איז גאָרנישט געווען פון די געשמאַקע זאַכן. האָבן אָבער די גזלנים נישט געוואַרט ביז מען וועט זיי אָנטאָן כבוד און זענען זיך צעלאָפן. גיי זוך דעם פּאַראַיאָריקן שניי!

האָבן יאָשע קאַזיאַל מיט די בנים אָפּגעפירט דעם הרוג, אברהמעלען נעבעך, מיטן טאַטן קיין קאָפּוסט, צוועלף וויאָרסט פּאַר שקלאָוו. מילא אברהמעלען, אונדז צו לאַנגע יאָר, איז שוין נישט געווען וואָס צו מינטערן. די צונג איז אים, נישט פּאַר קיינעם גערעדט, געווען אַרויסגעהאָנגען. ער איז שוין לאַנג געווען אָפּגעגאַנגען מיט בלוט, פאַרקילט נעבעך און האַרט ווי קאָרע. האָט מען זיך גענומען צום טאַטן, עליו השלום. ער איז געלעגן אַ געחלשטער. אַז מען האָט אים גענומען אויסטאָן די פאַרבלוטיקטע פּעלצן, האָט ער זיך אויסגעטשוכעט אַ ביסל און גענומען יאָמערן: „אַי, אַי, צעשניטן דעם נייעם פּעלץ! אַזאַ נייעם פּעלץ צעשניטן!...״ מאַכן צו אים די באַלע־

גאַלעס, יאָשע מיט די בנים הייסט דאָס: „זאָרגט זיך נישט, ר׳ זימעל, פאַרן פעלץ, זאָרגט זיך בעסער פאַר אייער הויט!...״ „מיין הויט, מאַכט דער טאַטע, עליו השלום, און שאָקלט מיטן קאָפּ, וועט זיך אָם ירצה השם פאַר־היילן. אָבער דער פעלץ! אַזאַ פעלץ!...״ און פאַלט ווייטער אין חלשות. פון ווייטיק און צעטומלעניש האָט ער אָן אַברהמעלען זיין „שמייסער״ אינגאַנצן פאַרגעסן. ער איז געבעך אַליין אָפּגעגאַנגען מיט בלוט. פון קאָפּ ביזקל די פיס איז ער געווען צעשטאָכן. האָט מען אים גענומען מינטערן און אָפּרייבן זיין נאַקעטן לייב מיט בראָנפן. אַמאַליקע רפואות! טשוכעט זיך דער טאַטע, עליו השלום, אויס פונעם שאַרפן ריח און פונעם ברענען און זאָגט צו די באַלעגאַלעס אַזוי:

— „וואָס גיסט איר מיר עפּעס אַזוי פיל משקה פון דרויסן? גיסט מיר בעסער אַריין אינעווייניק...״ כע־כע־כע! אַזוי האָט ער טאַקע געזאָגט, עליו השלום: „וואָס גיסט איר מיר עפּעס פון דרויסן?...״

„שמענדריקע״, דאָס ייִנגסטע פערדל, האָט דערווייל גענומען פאַר־וואַרפן דעם קאָפּ אויף הינטן און טשירען מיט די גרויסע ציין פון אונטער דער אויבערשטער ליפּ. האָט זיך נח פאַנדרען, ר׳ סענדערס שמייסער, אויסגעדוכט, אַז שמענדריקע הערט זיך אויך צו צום סוף פון דער מעשה, און העלפט ר׳ סענדערן לאַכן פון זיין טאַטנס חכמה. האָט ער אים נישט פאַרגינעריש שטאַרק אַ צי געטאָן ביי דער לייצע און אַ געשריי געטאָן:

— ניאָ, ניאָ, ממזר! דיין עסק אפשר? ניאָ, ניאָ!

און האָט גאָרנישט באַמערקט, אַז ביסלעכווייז הויבט ער זיך אָן צוגע־וויינען רעדן מיט די פערד, אַזוי ווי ר׳ סענדער, זיין באַלעבאָס. אַ ביסל אין כעס, וואָס שמענדריקע האָט אים איבערגעשלאָגן אינמיטן צוהערן זיך, האָט ער אים נאָך מוסיף געווען מיטן בייטש איבער דער ליטקע און נייגעריק אַ פרעג געטאָן ביי ר׳ סענדערן:

— איז ער, הייסט דאָס, געבליבן גאַנץ, ר׳ זימעל, דער טאַטע אייערער!

— גאַנץ ווי אַ ריבן! עליו השלום... די דריי פעלצן האָבן אים דאָך גאָר געראַטעוועט! אַ היינטיקער באַלעגאַלע, אין אַ הייניטיקן פעלצעלע זאָל דאָס באַקומען אַזאַ פאַרציע מעסערס — וואָס וואָלט פון אים געבליבן? געהאַקטע „קאָנקלעטן״ וואָלטן פון אים געבליבן... די פּאָסילקעלעך, פרעגסטו? — פון זיי האָט אויך קיין האָר נישט געפעלט. אַלץ גאַנץ געווען, אַז דער מאָהליווער פּאָטשטמייסטער האָט דערהערט די מעשה, ווי יידן האָבן זיך מוסר־נפש געווען פאַר „קאַזנאַ״, האָט ער געהייסן אַרויסגעבן

„נאַגראַדעס״. דעם טאַטן, עליו השלום, צען זילבערנע רובל, און דער אלמנה פון שמייסער — אַ בלאַנקן פינף־און־צוואַנציקער. נישקשה, עס איז איר צונוץ געקומען!...

יאָ, אַמאָל האָט פראַוויטעלסטווע געלעבט בעסער מיט יידן. היינט וועלן זיי דיר אויך געבן פירן פאַסילקעס! נאַגראַדעס וועלן זיי דיר געבן!...
נאָר אַברמהעלע, נעבעך, איז שוין פון דער נאַגראַדע נישט געהאָלפן געוואָרן. ליגט אויפן קאַפּוסטער בית־עלמין, אין די פאַרבלוטיקטע קליידער האָט מען אים, נעבעך, מקבר געווען. אַזוי האָט דער רב געהייסן...

— אוי, אוי, באַלעבאָס! — קראַצט זיך פאַנדרע מיטן בייטש־שטעקל אונטער דער וואַטאָוועער ווינטער־היטל, — געדאַרפט אָנטרעפן אויף מיר, די גזלנים! וואָלט איך מיט זיי געלערנט בלק, וואָלט איך...

— באַלעבעטשע נישט! — האָט אויף אים סענדער אָנגעשריען. — עס גייט צו נאַכט. אין אַ בייזער שעה זאָל נישט זיין אויסגערעדט... ניאָ, ניאָ!
— האָט ער זיך מיט אַ מאָל צעשריען אויף „שמענדריקען״, — סמאַרקע מיר נישט מיט דיינע „פּימפּערלעך״ און קוק זיך מיר נישט אום, ווי אַ נייער חזן אויף קהל!... פאַר „קאַפּוסט״ וועל איך דיר קיין האָבער סיי ווי סיי נישט געבן!...

2

אַ מעשה מיט אַ בער

עטלעכע וויאָרסט פאַר קאַפּוסט איז שוין געוואָרן גאַנץ פינצטער. נאָר דער שניי אויף די לאַפּעס פון די נאָדל־בוימער האָט נאָך בלאַס געלויכטן. אַ פרעסטל האָט דורכגענומען דעם ווייכן שניי אויפן שליאַך, און די בויד האָט זיך גוט געגליטשט.

און ר׳ סענדער האָט דערזען מיט וואָס פאַר אַ נייגיר נח פאַנדרע הערט זיך צו צו זיינע רייד, האָט ער זיך אונטערגעוואָרעמט מיט אַ גוטן שמעק טאַבאַק און האָט דערציילט אַ צווייטע מעשה:

— און אָט־אָ־דאָ אין וואַלד, פאַנדרע, ווי דו קוקסט, האָט זיך אַמאָל „פאַרנאַדיעט״ אַ בער... אַן אמתער בער! דו ביסט נאָך דענסטמאָל אויף דער וועלט נישט געווען. איך אַליין בין נאָך געווען אַ יינגל, אַקאָרשט נאָך „בר־מצוה״. האָט דער טאַטע, עליו השלום, געגומען זוכן פאַר מיר אַ תכלית, מאַכן מיך פאַר אַ באַלעגאָלע, נעמען מיך אויף דער קעלניע.

אַפּריער — ביזקל קאַפּוסט און צוריק, דערנאָך — ביז אַלעקסאַנדריע. וואָרום אין אָנהויב האָט מיר אויסגעטרייסלט די נשמה. בויכווייטיק האָב איך געקראָגן פון די ריעדער, און שווינדלעניש — פון דעם שליטן. כ׳בין ערשט אַרויס פון ישיבה, ווו כ׳האָב, פאַרשטייסטו מיך, געלערנט אַ בלאַט גמרא. בין איך געווען שוואַך פון שטענדיק זיצן ביי דער הרובע. און ביז די לופט אין פעלד האָט מיר „פּאַליובעט״, איז אַריבער אַ שטיק צייט. און אַט... ווי איך דערצייל דיר, האָט זיך דאָ פאַרפירט אַ בער. אַלע האָבן פון אים געערעדט און קיינער האָט אים נישט געזען. עפּעס אַ פּאַסטוך האָט פון אים דערציילט, אַ קעלבל האָט ער אים צעריסן. נאָר ווו, וואָס, ווען? דאָס האָט קיינער נישט געוווסט. דער פריץ פון „הויפל״ איז אַרויס אויף אַן „אַבלאַוויע״ מיט הינט און מיט יעגער און מיט ביקסן, ווי עס באַדאַרף צו זיין. געשמעקט, געזוכט, געניששטערט. דריי טעג און דריי נעכט, געבראָכן די ביינער די גויים און געשמיסן די גויות אין אַלע דערפער, ווו ער איז דורכגעגאַנגען, אַלץ ווי עס באַדאַרף צו זיין, און דעם בער האָט ער פאָרט נישט דערטאַפּט. איז שטיל געוואָרן. מאַלע וואָס אַ פּאַסטוך אַ שכור דערציילט! אפשר איז עס גאָר געווען אַ וואָלף און אפשר איז גאָר קיין קעלבל נישט צעריסן געוואָרן, אפשר האָט דאָס דער פּאַסטוך אַליין געמאַכט בורא־מיני־מזונות איבער דעם קעלבל. ער, זיין גויע מיט זיינע ממזרים. איבערגעלאָזן פּיסלעך מיט אויערן און געמאַכט אַ געוואַלד. מען קען אַזעלכע מעשיות!...

דאַרף זיך אָבער טרעפן, אַז דער בער זאָל טשיקעווען דווקא אויף אונדזערע פערד, גראָד אויף אונדזערע. נאָר דער אויבערשטער האָט אונדז מציל געווען. אָט וועסטו באַלד הערן!...

און וויסן דאַרפסטו, אַז אָסיען־צייט, איידער רבי „בער״ מיט זיין טייערער פוטער בעט זיך אויפן גאַנצן ווינטער און לייגט זיך אָפּרוען אין זיין נאָרע מיט דער לאַפּע אין מויל — האָט ער ליב גוט אַריינצואכלען, ווי ס׳געהער צו זיין. ס׳״זאָל אים קלעקן אויף גאַנצע פינף חדשים... איז איידער ער פאַרפאַסט זיך, ווערט דאָס אַ גזלן, אַ ראַזבאָיניק, אַ „הלעיטנו״, אַ פרעסער און אַ זויפער. די וועלט איז אים ווייניק. דערטאַפּט ער אַ ווילדן בינשטאָק אין וואַלד, פאַרמאַכט ער די אויגן מיט כונה, כדי די בינען זאָלן אים נישט בייסן, און פרעסט אויף די האָניק מיט דעם וואַקס מיט די אייער־לעך פון דער „מאַטקע״, אַלץ מיטאַנאַנדער. מייז איז מייז! און ניסלעך איז ניסלעך, און געפּגרטע פיש ביים ברעג טייך איז אויך רעכט. אַבי אָנשטאָפּן די בערישע קישקע. דענסטמאָל איז אַ גרויסע סכנה צו באַגעג־

גענעץ זיך מיט אים. דערטאַפּט ער אַ פאַרבלאָנדזשעטע בהמה׳לע, קוילעט ער זי אַוועק מיט איין פּאַטש פון דער לאַפּע. דעם ערשטן טאָג עסט ער אויף אירע אייטער מיטן לעבער מיט די נירן. דעם טאָטן זיינעם וועט דער רבי „בער״ פאַרקויפן פאַר אַ פּאָר נירן!... ס׳איבעריקע פאַרשאַרט ער צווישן קוסטעס און קומט אויף מאָרגן אָן אויסגערוטער, אָן „אויסגעפּאָ־פּענער״ און פרעסט ווייטער, מיט פאַרשטאַנד און מיט ישוב־הדעת. אַזוי עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד, ביז עס בלייבט נישט קיין שריד ופליט פון דער גאַנצער בהמה׳לע...

פאָרן מיר אַזוי, דאָ, נאָך קאַפּוסט, מיטן טאַטן, עליו השלום. דער אָסיען־וועג איז שלעכט און אויפן האַרצן איז שפּלדיק. די בלעטער פאַלן, די פערד — קוים וואָס זיי שלעפּן זיך אין בלאָטע. נישט געווען דעמאָלסט היינטיקע שאָסייען. גלאַט אַזוי זיך געווען אַ וועג, דורכגעריבן פון גויעשקע פורן, מיט גריבער און מיט גאַנצע פאַלדן קויט, שמאָל און טיף צווישן די בוימער. געווען ערטער, ווו די פורן האָבן געמוזט אָפּוואַרטן ביז די אַנטקעגן־געקומענע וועלן דורכפאָרן.

שלעפּן מיר זיך אַזוי, גראָד אויפן שלעכטסטן שטיק וועג, צווישן צוויי ווענט מיט הויכע בוימער. און מיט אַמאָל דערהערן מיר הינטער זיך אַ טרומייט מיט אַ קנאַק פון אַ נאַהייקע. וואָס איז? דרייען מיר זיך אום און כאַפּן אַ קוק הינטערן בויד, — ערשט, ס׳איז אַ „שטאַפעט״! דעם פריצס אַ דינער. פון „הויפּל״ געשיקט עפּעס איינקויפן אין אָרשע, אָדער אָפּשיקן פאַרחתמעטע בריוו קיין מאָסקווע. דער שוואַרץ יאָר ווייסט אים דאָרטן! נאָר געפלויגן איז ער, דער „שטאַפעט״, רייטנדיק אַ צעהיצטער, אַ פאַרפלאָמטער. אָנגעלאָפן אויף דער ברייטער בויד אונדזערער, האָט ער געגומען שמייסן מיט דער נאַהייקע און טרומייטערן אויף איר מיט אַ וויל־דער רציחה. פונקט ווי ס׳וואָלט געווען עפּעס אַ לעבעדיקע זאַך. מיר זאָלן פאָרן גיכער, האָט דאָס געהייסן, וואָרום ער קען נישט דורכפאָרן. נאָר גיי, טרעט אים אָפּ דעם וועג אין איין מינוט! אַז פון איין זייט שטייען דעמבעס מיט גליטשיקע, הויכע וואָרצלען און פון דער צווייטער זייט ציט זיך אַ קאַנאַווע — פול מיט וואַסער. קיין פרייען שפּאַן ערד נישט געווען, ווו זיך אַ קערעווע צו טאָן. דערזען, אַז דאָס טרומייטערן און שמייסן הינטער דער בויד העלפט נישט — האָט דער „שטאַפעט״ גענומען זידלען זיך אין טאַטן אַריין, און אין דער מאַמען אַריין און אין דער מאַמעס מאַמען אַריין, אַלץ אויפן גויעשקן שטייגער. און — „זשידי!״ און „זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ!״ און „אַטראָדיע זשידאָווסקע״... און נאָך

אַזעלכע שיינע ווערטלעך. לסוף איז ער זיך מיישב, כאַפּט אַרויס אַ פּיסטאָל און שיסט אויס.. אין דער לופט אַפּנים. וואָרום ס׳האָט קיינעם נישט געשאַדט. נאָר אַ הילכיקער ווידער־קול האָט געענטפערט פון וואַלד אַרויס און כ׳וואָלט געמעגט שווערן, אַז עפּעס האָט דאָרטן אַ ברום־געטאָן באַלד נאָכן שאָס. אָבער ווער זאָל ליגן אין קאָפּ צוצוהערן זיך, אַז דאָ פון הינטן, יאָגט און פלאָגט אַן ערל מיט אַן אמתן פּיסטאָל אין האַנט און שרייט אויף די ציין: „דאַראָהו זשידי!״, אַז נישט וועט ער באַלד דערשיסן אי אונדז, אי אונדזערע קרעציקע פערד...

דערהערט דעם שאָס מיט דעם ווידער־קול פון וואַלד, איז דער טאַטע, עליו השלום, גריך געוואָרן ווי אַ בלאַט. האָט ער זיך איינגעהויקערט און גענומען שמייסן די פערד מיט אַלע כוחות, גענומען זוכן אַ ברייטערן אָרט, ווו צו נעמען זיך אַן אַ זייט. און דאָ שיקט אונדז גאָט צו אַ „סטיעזש־קע״, וואָס פאַרנעמט זיך פון שליאַך באַרג־אַרויף און אין דער קרום, ווי אַ קלין אין וואַלד אַריינגעשטאָכן. גיט דער טאַטע אַ צי מיט ביידע לייצעס און אַ טרייב אַריין די פערד מיט אַ האַלבער בויד אין דער קרומער סטיעזשקע אַריין. בלייבן מיר אַזוי שטעקן נישט אַהער און נישט אַהין. און דעם פּריצס „שטאָפּעט״ צעיאָגט זיך, לויפט דורך, ווי אַ בליץ, און איז נאָך מכבד, פאַרביירייטנדיק, דעם טאַטן, עליו השלום, מיט דער באַהייקע איבערן קאָפּ. שיעור אַן אויג אים נישט אַרויסגענומען. קאַראַבקען מיר זיך, מיט בויד און פערד, אויף צוריק, ווו, וואָס? די פערד שטעלן זיך דובאָם און די רעדער גייען נישט. נאָר דער „שטאָפּעט״ אַליין פאַבריקעוועט אַצינד פראַנק און פריי אויפן שליאַך, און אונדז געלאָזן שטעקן אין סטיעזשקע, ווי אין קלעם. האָפּ, האָפּ, האָפּ! ער רייט אַוועק און טרומייטערט, דאַכט זיך. איז אים דאָך גאָר ווויל ווי די וועלט!... האַ? נאָר מיט אַמאָל דערזעען מיר, אַז עטלעכע קלאַפּטער הינטער אים רייסט זיך עפּעס אַרויס אַ שוואַר־צע חיה פון צווישן די בוימער. ווי אַ כמאַרע האָט זי זיך אַרויסגערוקט און זיך צעדונערט: „בר־הר־הו!..״ מיט עטלעכע שפּרונג האָט זי אָנגעיאָגט דעם „שטאָפּעט״, אַרויפגעוואָרפן זיך אויפן הינטן פון זיין פערד, און מיט ביידע פאָדערשטע לאַפּעס אַ ריס געטאָן צו זיך. און ווו רבי „בערל״, פאַרשטייסטו מיך. גיט אַזאַ ריס מיט ביידע לאַפּקעלעך, וועט שוין קיין גראָז אויף דעם אָרט מער נישט וואַקסן. אַ געמויערטע וואַנט וועט ער דיר אומוואַרפן, נישט נאָר אַ לעבעדיקע זאַך. האָבן מיר טאַקע גלייך דערזען, אַז דער פערד האָט זיך אין מיטן גאַלאָפּ געשטעלט דובאָם, מיט אַ צעפּלאָ־שעטער גריווע אין מיט אַ צעשפּרייטן עק. ער האָט נאָר מורא׳דיק אַ הירזשע

געטאָן און איבערגעקוילעט זיך אויף הינטן, מיט זיין רייטער, מיט דעם טרומייט און מיט דער נאַהייקע, קאָפּ־אַראָפּ צוזאַמען. נאָר דער „שטאַ־פּעט" איז, ביים פאַלן, אָפּגעוואָרפן געוואָרן אָן אַ זייט. און פון אונטער דעם צעקאַליעטשעטן פערד האָט זיך די שוואַרצע חיה ווידער אַמאָל אַרויסגעריסן, אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, געשטעלט זיך אויף די הינ־טערשטע פיס, ווי אַ גידול אַ מענטש, להבדיל, און מיט איין זעץ האָט זי דעם פערד אויפגעשפּאָלטן דעם בויך און אַרויסגעלאָזט אים אַלע קיש־קעס. דאָס פערדעלע האָט נעבעך גלייך געגומען מאַכן מיט די פיס, ווי אַן איבערגעדרייטער זשוק... אַ רחמנות געווען צו הערן זיין כאָרכלען און הירזשען פאַר דער גסיסה. אַ רגע האָט דאָס געדויערט. נאָר מיר האָבן דאָס אַלץ געזען, פון דער הויך, פון דער קעלניע אַראָפּ; און די סטיעזשקע, ווו מיר האָבן זיך איינגעקלעמט, איז אויך געווען אַ סך העכער פון שליאַך... זעען מיר, ווי דער ערל, דעם פּריצס שטאַפּעט, ליגט דאָרטן, אויסגעצוי־געגנערהייט, עטלעכע טריט פון בער, ווי ביים טאַטן אין ווייגאָרטן. און ניכאַי וואָלט ער נאָך געשוויגן און אָוועקגעקראַבקעט זיך — שרייט ער נאָך דער חזיר: „ראַטויטשאַ!..."*)

פאַרגעסט רבי בער דעם פערד, מיט דעם אָפּענעם לונג־און־לעבער, און לאָזט זיך גיין צום ערל. ער וואָלט אים אוודאי דורס געווען, גלייך אויפן אָרט, פאַר זיינע געוואַלדן רבי בער האָט פיינט, אַז מען שטערט אים אינמיטן דער סעודה. אָבער איין לאַפּע זיינע האָט זיך אים פאַר־פּלאָנטערט אינעם פערדס געדערים, אַ בלוטיקע קיסקע האָט זיך אים פאַר־דרייט אַרום די נעגל ווי אַ רויטער מאַטיק פאַדים. פאָכעט רבי בער מיטן קאָפּ און מיט דער לאַפּע, ווי אַ מענטש, להבדיל, וויל זיך אָפּטרייסלען פון גליטשיקן פּלאָנטער און ריטשעט מיט רוגזה. אויף אונדזערע פערד צי־טערט די שקורע פון רבי בערלס „זמירות". אַ שווייס האָט פון זיי אַרויס־געזעצט, די קעפּ האָבן זיי באַהאַלטן צווישן פיס און שנאָרכן מאַוים׳דיק... דערזעט אָבער גלייך דער טאַטע, עליו השלום, אַז אַ מענטש איז אין סכנה, אַן ערל אַפילו, וואָס שיסט און שלאָגט יידן, אַ גוי אַ פּאַרך, נאָר אַ מענטש! פאַרגעסט ער אויף זיינע אייגענע פערד און אויף מיר אַליין, להבדיל, כאַפּט אַרויס פון בויד עפּעס אַ ליידיקע בלעכערנע כלי, שפּרינגט אַראָפּ פון קעלניע און הויבט אָן צו טראַסקען אין בלעך מיטן בייטש־שטעקל. הימל עפן זיך! אָט אַזוי טראַסקענדיק מיט אַלע כוחות, לאָזט ער זיך לויפן צום

* ראַטעוועט!

ערל און צום בער. און אַ טאַראַראַם האָט ער אָנגעמאַכט מיט זיין בלעך — מתים וואָלט ער געקענט אויפוועקן. אין וואַלד הילכט אָפּ, פאַרשטייסטו מיך, אַזאַ ליאַרעם פון אַ בלעכענעם פויק אַ סך שטאַרקער.

דערהערט אַזאַ מזמור — האָט זיך רבי בער גלייך אַראָפּגעלאָזט אויף אַלע פיר. נאָר איין רגע'לע האָט ער זיך אומגעקוקט אויף הינטן, אַ צי געטאָן לופט מיט זיין חזירישן שנוק און געכאַפּט לויפן הינקענדיק אויף די קרומע לאַפּעס אַראָפּ שליאַך. ווי אַ פּלימעניק נאָך ירושה איז ער געלאָפן. געוועזן אַ טריאַטער צו קוקן, ווי ער האָצקעט זיך אַוועק אַזוי גיך־גיך, מיטן ברייטן הינטן. אָקאָרשט אַ מורא'דיקע חיה און מיטאַמאָל גאָר אַ דער־שראָקענע הינקענדיקע יידענע... האָסט אפשר געזען ווי עלקע די גבאיטע, מיט דער קורצער פיסל, האָט זיך געלאָזן לויפן מיט איר פולן קאָשעק אין מאַרק... אָט דעמאָלסט, בשעת די „ציִשיליסטן" האָבן אין שקלאָוו געוואָרפן באָמבעס לעבן דער „קאַנצעלאַריע" און אין מאַרק איז געוואָרן אַ בהלה... האָסט נאָך אפשר געהערט ווי זי האָט געשריען אַוועקהינקענ־דיק: „אַי, יידן! צו מיינע קראַנקע פיס פאַסט נאָך מען זאָל מיר געבן מיט אַ באָמבע!..." אַ? אָט פּונקט אַזוי האָט אויסגעזען רבי בער, אַנט־לויפנדיק אויפן אָרשער שליאַך. און אינמיטן דערינען איז ער זיך מיישב, רייסט זיך אַריין אין וואַלד אָן אַ זייט, און נישטאָ, באַהאַלטן זיך... נאָר סימנים נאָך זיך האָט ער יאָ איבערגעלאָזן... גאָר פיינע סימנים! וואָרום רבי בער, דאַרפסטו וויסן, אַז ער דערשרעקט זיך פלוצים, קריגט ער גלייך אויפן אָרט אַ שוואַכן מאָגן, ווי אַן עלטערער פּראַצענטניק, וואָס באַקומט אַ ידיעה, אַז מען האָט אים אָנגעזעצט... דער טאַטע, עליו השלום, האָט מסתמא דעם סוד געוווסט און איז אים אַריינגעפאָרן, רבי בערן, מיטן בלעכענעם באַראַבאַן אינמיטן אָנבייסן...

דערזען, אַז די חיה איז אַנטלאָפן, האָב איך זיך שוין מער נישט איינגעהאַלטן, אַראָפּגעשפּרונגען פון דער קעלניע און געלאָפן העלפן דעם טאַטן. קודם כל האָבן מיר ביידע גענומען דעם „שטאָפּעט" פאַר די הענטעלעך, אויפגעהויבן אים און אַוועקגעפירט צו אונדז אין בויד אַריין. ער האָט געבויטשעט מיטן קאָפּ, אויסגעלונקען זיך, אַפּנים, האַלז־און־נאַקן פאַלנדיק פון פערד.

דערנאָך, אַז דער ערל איז אַ ביסל געקומען צו זיך, האָט ער זיך צערעוועט, האָט ער זיך. ווו פריערדיקע רוגזה, דער גאַנצער פּאַראַד מיטן טרומייטער? איצט האָט ער שוין געטרומייטערט אויף די אייגענע כלים. אויסגעווישט זיך די אויגן מיטן אַרבל, אויסגעסמאַרקעט זיך — האָט ער

זיך נאָך אַ ביסל געריבן דעם נאַקן, אויפגעשטאַנען און געהאָלפן אונדז אַרויסשלעפּן די פערד מיט דער בויד פון דער סטיעזשקע, ווו זיי האָבן זיך פאַרקלעמט, טאַקע דורך זיין שיסעריי און דורך זיין נאַהייקע, מיט וועלכע ער האָט דעם טאַטן, עליו השלום, אָנגעשראָקן. נאָר ס׳איז געווען אַ נס, מיר האָבן באַשיינפּערלעך געזען, אַז דעם ערל אויפן פערד האָט אונדז דער אויבערשטער צוגעשיקט, ווי אַ רפואה פאַר דער מכה. וואָרום ווען ער, דער חזיר, פאַרלויפט אונדז נישט דעם וועג, וואָלט רבי בער אונדזערע אייגענע פערד אויף שטיקער צעריסן. און אפשר, חס וחלילה, אונדז אַליין.

קוים מיט צרות אַרויסגעפירט די פערד אויפן שליאַך — איז געבליבן, אַז מען זאָל זיך פאַרקירעווען צוריק קיין קאָפּוסט. וואָרום דער בער האָט זיך געקענט ערגעץ־ווו פאַרטייען, אויף אָרשער וועג, און טשיקעוועט אויף אונדז. געזאָגט — געטאָן. אַ קנאַק מיט דער בייטש און צעיאָגט די פערד אויף אַלע רגלים. צוריק קיין קאָפּוסט.

אין קאָפּוסט איז גלייך געוואָרן אַ געפילדער: „ר׳ זימל צוריקגעקומען! אַ שטאָפּעט! אַ בער!...״ די מעשה האָט פאַרקלונגען גאַנץ שטאָט. דער פּריסטאַוו איז גלייך געקומען צולויפן אין צעך פאַנאַנדערפרעגן. ס׳האָבן זיך צוזאַמענגענומען גויים מיט העק, מיט ווידלעס, מיט קאָסעס און מען האָט זיך בקאָמפּאַניע אַוועקגעלאָזן אויפן אָרשער שליאַך. נאָכגעגאַנגען איז מען נאָך די צייכנס פון שיטערע מיסט, וואָר רבי בער האָט נאָך זיך איבערגעלאָזן. ער האָט זיך גאָר־גאָר באַנאַרישט רבי בער. עטלעכע וויאָרסט ווייטער, נאָך דער פאַדלע פונעם צעריסענעם פערד, האָט מען אים דערטאַפּט דעם תנא־ברא, ווי ער פאַרגראָבט זיך אין אַ נאָרע צווישן קוסטעס און ברומט, אָפּגעשוואַכט פון שרעק און פון קראַנקן מאַגן... האָבן אים די גויים געטאָן רעכט. אָפּגערעכנט זיך מיט אים פאַרן פערד, פאַרן „שטאָפּעט״, פאַר אונדז אויך. די פעל זיינע האָט אָפּגעקויפט דער פּריץ פון הויפל. און זיין פלייש האָבן די גויים צעטיילט צווישן זיך, געברויכערט און געפרעסן און פאַסמאַקעוועט זיך. זיי זאָגן, די גויים, אַז בערישע ליטקעס זענען זיס ווי צוקער. טפו! גיי גלויב זיי!... נו, און דער טאַטע, עליו השלום, האָט געקראָגן פון פּריץ אַ פּאָר קערבלעך מיט אַ פּאַטש איבערן פּלייצע. אַ דאַנק, הייסט דאָס, פאַרן „שטאָפּעט״, וואָס ער האָט אים אָפּגעראַטעוועט. דער געראַטעוועטער ערל אַליין האָט פאַר אים די היטל געריסן, גענייגט זיך און געבוקט זיך, ווו נאָר ער האָט דעם טאַטן באַגעגנט. אַז ער האָט חתונה געהאַט, דער גויעץ, איז ער, מיינסטו, אפשר

נישט אַראָפּגעקומען צום טאַטן מיט זיין פלוניתטע, מיט אַ פלאַש ווישניאַק, און געקלאַפּט זיך אַ האַלב־שכורער אין האַרצן: „ווען נישט דו, „זימליא״ (זימל) וואָלט אין׳ שוין לאַנג געלעגן אין דער ערד מיט די ביינער מיט מיינע טריפה׳נע. דאָס האָט מיך גאָט געשטראָפט מיטן בער פאַר מיין שמיץ מיט דער באַהייקע, זימליא...״ אַזוי האָט ער זיך, דער ערל, געקלאַפּט על־חטא פאַר זיין יונגער פלוניתטע אין די אויגן און געווישט זיך די טרערן... שאַ! נח, „דזשירקעליכען״ אונדזערער איז, דאַכט זיך. קאַלט גע־וואָרן. זי מאַכט שוין מיט אַ זייטל, די אַלטע שקראַבע. דו זעסט דאָך, זי וואָלט שוין געווען אַ בעלן אָנטאָן אַ סאַמעטענע קאַפּאָטע מיט וואָלענע פלודערן. ניאָ, ניאָ, טראַנטשיכע!

פון דער מעשה איז געווארן אן אמת

1

נאָך קאָפּוסט איז דער וואַלד געוואָרן געדיכטער, און די נאַכט איז צוגעפאַלן. סענדערס בויד, פול מיט סחורות, האָט זיך געגליטשט אויפן שאָסיי, צווישן צוויי גרינע מויערן פון סאָסנעס, באַלאָדענע מיט שניי. סענדערס פערדלעך, אַלע דריי, האָבן דערפילט, אַז דעם גרעסטן טייל וועג איז מען שוין דורכגעפאָרן, זענען זיי געוואָרן פריילעכער אויפן לויף. בפרט „שמאַרעוואָז", דער פרעסער, וועלכער איז געשפּאַנט געווען אין די האַלאָבלעס צווישן „דזשירקעליכען" — סענדערס קליאַטשע — און צווישן זיין יונגן תכשיט „שמענדריקע". „שמאַרעוואָז" האָט שוין דערפילט, מיט צען וויאָרסט פריער, די וואַרעמע שטאַל און דעם פולן צעבער מיט האָבער, אָן „סעטשקע"... האָט ער זיך פון באַגייסטערונג געשמיסן מיטן ברוינעם עק איבער די ווייסע פיס אין געלע „עפּל" און געסטאַרעט זיך, געצויגן מיט אַלע כוחות. נח פאַנדרע, וואָס האָט שוין געקענט אַ ביסל אַלע שטיק פון סענדערס סוסים און געלערנט זיך רעדן מיט דעם באַלעבאָס ווערטלעך, האָט „שמאַרעוואָזן" אַ פּיק געטאָן מיטן בייטש־שטעקל אין הינטן און אַ זאָג־געטאָן צו סענדערן אַזוי:

— הען, ווי ער שטעלט רגלים! ס'האָט זיך אין אים צעשפּילט די טריפה'נע קישקע...

ר' סענדער האָט אָבער אַ שמעק געטאָן טאַבאַק און אים גאָרנישט געענטפערט. ס'האָט אים אַ ביסל פאַרדראָסן פון פריער, וואָס נח נעמט זיך נישט שטאַרק צום האַרצן נישט דעם געשטאָרבענעם „שמייסער", וואָס גזלנים האָבן געהרגעט ביי סענדערס טאַטן אין בויד, נישט דעם טאַטנס וווּנדן, נישט דעם טאַטנס המציאה מיטן בער... פאַנדרע האָט זיך אַפילו גוט

צוגעהערט, מיטביידע אויערן, מיט דרך־ארץ. נאָר אָן איבעריקע התפעלות! פּאַרקערט, ער האָט גאָר געזאָגט, דער קצב־יונג, אַז ער וואָלט זיך געוואָלט באַגעגענען מיט די גזלנים, אַנשטאָט אַברהמעלע־שמייסער, וואָלט ער מיט זיי געלערנט בלק...

— אַ שטיק שטיין! — טראַכט ביי זיך ר׳ סענדער און כאַפּט אַ קוק, פון דער זייט, אויף פּאַנדרעס פּלייצע, אויף זיין איינגעטוליעטן פּנים. — אַלץ איז ביי אים האַרט און בולט, ווי געגאָסן פון טשוגון. אַ קצב־יונג בלייבט אַ קצב־יונג.

איין זייט בוימער האָט זיך דערווייל אָפּגערוקט פון וועג. אַ וויסט פעלד האָט זיך גענומען ציען ביי דעם דאָזיקן זייט פון שליאַך. ס׳איז געוואָרן נאָך טונקעלער און כמורנער. ס׳האָט געפעלט, פון איין זייט, דער שניי אויף די בוימער, וואָס האָט פריער אַ ביסל מער געלויכטן, און טרויע־ריק איז געוואָרן. אין דער סומנער פינצטערניש האָבן זיך נאָך געהעצקעט די דריי פערד אין שפּאַן, ווי די רוחות. ווי דריי קורצע כוואַליעס האָבן זיי זיך געוויגט: איין כוואַליע אַרויף, די צווייטע אַראָפּ. און צוועלף פּאָדקאָוועס האָבן געקלאַפּט צום טאַקט, אַ מאָדנעם פּאָדקאָווע־שטייגערל האָבן זיי אויסגעקלאַפּט...

סענדערס בויד האָט זיך פּאַרקירעוועט און אַ קאַלטער ווינט האָט מיטאַמאָל גענומען בלאָזן פון הינטן; פון דאָרטן — ווו דער געפרוירענער דניעפּער שלענגלט זיך ערגעץ־ווו. די פערד האָבן גענומען דרייען מיט די אויערן און ציען שטאַרקער די לופט מיט די ברייטע נאָזלעכער.

— ס׳אַ נס, — טראַכט ביי זיך ר׳ סענדער, — וואָס די לעצטע יאָרן הערט מען דאָ נישט פון וועלף. אַז נישט איז דאָס אַ פּאַסקודנער ווינטל. פון הינטן בלאָזט ער, ווי דורך אַ טרובע; לאָזט נישט צו קיין ריח פון וואָלף צו די פערדישע נעזער...

נאָר ער האָט זיך אָפּגים דעם אָוונט אַריינגענומען אין קאָפּ אָפּצו־שרעקן פּאַנדרען, רירן אים, דעם שטיינערנעם קצב־יונג. פּאַרגעסט סענ־דער, אַז אָקאָרשט האָט ער אַליין אָנגעשאָלטן נח פּאַנדרען, וואָס ער „רופט אַרויס" גזלנים צו דער נאַכט־צו, שלאָגן זיך מיט זיי.. און הייבט אָן אַ נייע מעשה.

— פּאַנדרע! מיראָן דעם „לעשניק" (וואַלד־שומר) האָסטו געקענט? ביסט נאָך אַפילו דאַן געווען אַ שנעק, נאָר האָסט אים נאָך געדאַרפט געדענקען. אַ וורעד אַ גוי געווען „עליו הסנאַבל!" אַ יאַגדע האָט ער אַ יידיש קינד א״ך וואַלד נישט געלאָזט קלייבן. אהא, געדענקסט טאַקע?...

וואָס דען? דו װעסט אום־שבת נישט גיין קלייבן יאַגדעס אין וואַלד, בשעת באַלעבאַטישע קינדער לערנען פּרק... אָנגעשטעלט האָט מיראָנען דער פּריץ פון „הויפּל״, ער זאָל אים היטן דעם וואַלד. גויים זאָלן קיין בערוועגעס נישט גנבענען, האָלץ נישט האַקן, סכך פאַר יידישע סוכּות פונעם יעלניק נישט קלאַפּן. האָט ער אים אויסגעבויט אַ הייזקע — האָט אים דער פּריץ אויסגעבויט. אַ וויאָרסט פינף פון דאַנען האָט זי געמוזט ערגעץ־ווו זיין, עטלעכע וויאָרסט פאַר שקלאָוו... וואָס רעד איך — אַ הייז־קע? אַ פּריץ וועט גיין בויען אַ „לעשניק״ אַ הייזקע! יענער איז געווען קאַרג ווי אַ הונט. אַ שפּענדל האָט ער געזשאַלעוועט. אַ „זעמליאַנקע״ איז דאָס געווען! האַלב אין דער ערד, מיט אַ בלעכערנער פּושקע, אָן אַ דנאָ, אָנשטאָט אַ קוימען. אָט אַזאַ פּאַלאַץ האָט דאָס דער פּריץ מיראָנען אויס־געבויט, און אַן אַלטן ביקס האָט ער אים געגעבן, וואָס מאַכט אָן מער רעש ווי ער טרעפט... „נאַ! אָט האָסטו! און טאָמער קומט אַ כאַמרוליע האַקן אַ בוים — דערשיס אים אויפן אָרט!... „אי יאַ אָטוויעטשאַיו!...״ *) איך דער פּריץ, הייסט דאָס.

איז אָבער דער מיראָן גאָר געווען אַ המן, אַ צורר היהודים. וואָרום, דאַכט זיך, ווער ווייסט דאָס נישט, אַז יידן האַקן נישט קיין בוימער און גנבענען נישט קיין האָלץ. ס׳איז נישט קיין יידישע מלאכה, ווו האָט אַ ייד העק און זעגן און שליטנס אויף צו שניידן און פירן געהילץ?... אָבער מיראָן פלעגט זיך טשעפּען צו יידן. אַ קאָפּ האָט ער נישט געלאָזן אויפהויבן. פאָרן יידן פון אַ יאַריד — איז רעכט אונטערגנבענען זיך צווישן די בוימער, אויפן שליאַך, און שיסן אין דער לופטן... כּדי יידן זאָלן זיך, שונאי ישראל, אין האַרצן אָפּרייסן, יידישע פערד זאָלן זיך „איספּודזשען״ און צעטראָגן פאַר שרעק. פאַרבלאָנדזשען זיך יידישע קינדער ביים קלייבן יאַגדעס אַ ביסל אָן אַ זייט, ערשט אהא! מיראָן, דער קורנאָסער, וואַקסט אויס מיטן ביקס און לאָזט זיך נאָך זיי לויפן. פריער שרייט ער זיי נאָך „לאָווי! לאָווי!״ (כאַפּ! כאַפּ!) דערנאָך, אַז זיי זענען ווייט, שיסט ער אויס אין דער לופטן און צעלאַכט זיך נאָך, דער מיאוסער ערל, פון זיין חכמה. קינדער פלעגן קומען אַהיים טויט מיט די ביינער, אָפּטמאָל, נעבעך, מיט נאַסע מייטקעלעך פאַר שרעק...

דאַרף זיך איינמאָל מאַכן, אַז ער טוט אָפּ אַזאַ שפּיצל מיט איצע־חסידל. האָסט אים נישט געקענט? ווי קומסטו אים צו קענען! דער

---

* און איך בין פאַראַנטוואָרטלעך!

„חוזר" פונעם קאָפּוסטער רבין געווען. פּאַנדרע! וואָס אַ „חוזר" איז ווייסטו דאָך, ברוך השם, אויך נישט... אַ „חוזר" איז אַן איבערזאָגער ביים רבין, זאָל לעבן. דהיינו: דער רבי זאָגט אָפּ אַ שטיק חסידות און דער „חוזר" געדענקט. וואָס הייסט געדענקט! וואָרט אין וואָרט, ווי פון סידור אַרויס. אַ פּינטעלע וועט ער דיר נישט פאַרפעלן. שפּילסט זיך מיטן זכרון פון אַ „חוזר"? דערבייַ — אַ חלוש, קען דאָך אומעטום נישט זיין. איז אָט! פּאַרט אַרום דער חוזר און טיילט איין די חסידות פון קאָפּוסטער רבין אין אַלע שטעטלעך. אונדזער מורה־הוראה, זאָל לעבן, מיינסטו פּאַרט אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק אין קאָפּוסט אַריינכאַפּן אַ שטיק נייע חסידות? ס׳וואָלט אים נישט געקלעקט די חלה אויף המוציא. די עטלעכע רובל אַ וואָך וואָס ער נעמט... היינט איז דאָ ר׳ ברוך דער חוזר. אַמאָל איז געווען ר׳ איצע זער „חוזר". איז אָט, פּאַרט זיך אַזוי ר׳ איצע, עליו השלום, טרעפט ער, הייסט דאָס, ר׳ איצע, „מיט די האַלאַבליעס אין מנחה אַריין". ס׳איז זומער־צייט און ס׳הויבט אָן צו ווערן פינצטערלעך. האָט דאָך ר׳ איצע דער חוזר מורא, ער זאָל נישט פאַרפעלן אַ מנחה־דאַווענען. בעט ער דעם באַלעגאָלע, ער זאָל אַ ווײַלעצקע בלייבן שטיין און ער אַליין, ר׳ איצע, קריכט אַראָפּ פון וועגל, רייבט זיך אָפּ די הענט מיט פייכטע גראָז, גייט אַריין ביחידות אין וואַלד, אַ ביסל ווייטער פון שליאַך, און שטעלט זיך לעבן אַ בוים שמונה־עשרה. ס׳איז שטיל אַרום. אַ מחיה. ר׳ איצע שאָקלט זיך און דער בוים אויבן, שאָקלט זיך אויך. ר׳ איצע, עליו השלום, האַלט שוין אין בוקן זיך ביי „מודים אנחנו"... און מיטאַמאָל, אינמיטן־־דערינען: „טראַך — טראַך — טאַראַ — ראַך!...

אָט וואָס אַן ערל קען אָפּטאָן!... פאַרשטייסט דאָך, מסתמא, אַליין, אַז ס׳איז געווען מי־ראָן, דער לעשניק. דאָס האָט ער, דער ערל, אונטער־געטשיקעוועט ר׳ איצע־חסידל ביים דאַווענען אונטערן בוים. און אינמיטן דבקות, אינמיטן התבודדות, אויסגעשאָסן אין דער לופטן. דער באַלעגאָלע האָט ר׳ איצע־חסידל געפונען אַ געחלשטן, מיטן פּנים אין שישקעס, מיט אַ בלוטיקן בייל אויפן שטערן, צעקלאַפּט זיך, אַפּנים, ביים פאַלן. געמיינט שוין, שונאי ישראל, אַז ער איז אַ הרוג. מ׳האָט אים קוים אָפּגעמינטערט.

איז אָט, זאָגט מען, אַז ר׳ איצע דער חוזר איז געקומען צו זיך האָט זיך דערוווסט ווער ס׳האָט אים דאָס אָפּגעטאָן אינמיטן שמונה עשרה, האָט ער, זאָגט מ׳ען, געשאָלטן דעם ערל, אַז וועלף זאָלן אים אויפפרעסן און, אַז נאָר די שטיוול זאָלן פון אים בלייבן אַלס סימן... כדי אַלע זאָלן

וויסן, אַז ס׳האָט אים דער אויבערשטער באַצאָלט, אים און נישט קיין אַנדערן...

ווינטער־צייט, אין עטלעכע חדשים אַרום, פאַר חגא, הויבט זיך אָן ביי די גויים אַ שלעפּעניש און אַ טובלעניש פונעם „יוזעל״. און ביי יידן, להבדיל, אַמאָליקע צייטן, פלעגט מען פאָרן צום רבין אויף „ניטל״ *), נעמען אַ ביסל משקה ביים רבינס טיש און זינגען אַ ניגון. פאַרקאָכט זיך ביי מיראָנען די טריפה׳נע בלוט... פון גלח האָט ער געוווּסט, אַז יידן האָבן געטאָן דאָס רעכט דעם „יוזעל״ זייערן, און אַז יידן פאָרן מיט שליטן צום רבין קיין קאַפּוסט אין דער נאַכט פון זייער חגא, האָט ער אויך געוווּסט. האָט זיך אין אים אָנגעצונדן אַ העליש פייער, האָט זיך אין אים. איינמאָל פאַר אַלעמאָל: היינט ביינאַכט מוז ער מאַכן אַ יידן פּאַר אַ קאַליקע! האָט ער קודם־כל גוט „אַריינגעגאָסן אין לאָמפּ״, כדי אָננעמען זיך מיט טריפה׳נער גבורה, און דערנאָך אָנגעלאָדן דעם אַלטן קרעמנאָוון ביקס מיט שראָט. נישט מיט קוילן, נאָר מיט שראָט!... ווי מען גייט שיסן פויגלעך. טאַקע מיט דער כוונה צו קאַליעטשען, נישט דערשיסן אויף טויט — נאָר קאַליעטשען. מען האָט דערנאָך געפונען דעם ביקס — ווייסט מען. לעבן די צעגריזשעטע שטיוול האָט מען דעם ביקס געפונען...

געמאַכט די שיינע הכנות, גייט זיך מיראָן אַרויס פון זיין זשעמלאַנקע מיט צעשפּרייטע טריט און מיטן ביקס פאַרוואָרפן הינטערן פּלייצע, מעשה גבור, און רוקט זיך צווישן די פאַרשנייטע בוימער צום שליאַך, אפשר וועט אַ יידישע פורל אָנפאָרן. וועט ער שוין וויסן וואָס צו טאָן, וועט ער זיך אָפּרעכענען פאַרן „יוזעל״ וועט ער. און ווי ער גייט אַזוי, — ערשט עס באַווייזט זיך אים צווישן די בוימער אַ גרינער פייערל, דערנאָך צוויי פייערלעך. נאַ, טראַכט זיך מיראָן אין זיין שכורן קאָפּ, קוים דערוואַרט זיך אויף אַ זשידאָווסקע שליטן מיט אַ לאַמטערנע, מיט צוויי לאַמטערנעס, מיט דריי לאַמטערנעס... גיב נאָר אַ קוק, וויפל גרינע לאַמטערנעס! אַ שמחה אויף יידן! געהרגעט אונדזער גאָט און פרייען זיך. וואַרט, וואַרט!...

און, רעדנדיק צו זיך אַזוי, קריכט ער מיט די ידים נאָכן ביקס, הינטערן פּלייצע. נאָר פון די עטלעכע גרינינקע פייערלעך זענען דערווייל געוואָרן גאָר אַ סך פייערלעך. זיי האָבן זיך צעשאָטן אַרום אים. ווו ער גיט זיך אַ קער, דערזעט ער גרינע פייערלעך. פון די גוי־ישע סימנים!...

---

* „ניטל״ — אַ חסידישער יום־טוב, אַ מין צולהכעיס־פּאַראַדע אויף סילוועסטער.

און באַלד דערהערט ער שוין אין שניי עפּעס ווי גניבה׳שע טריט און אַ מאוימדיקן שטילן וואָיען. פון די געשמאַ־קע זאַכן! עפּעס גאָר נישט קיין יידישע קולות, וואָס?... הויבן אָן אונדזער מיראַנטשיקן צו לויפן קאַלטע יאַשטשעריקעס איבערן רוקן. ערשט דאָ טשוכעט ער זיך אויס. נאָר צום שיסן קומט עס נישט. וואָרום ווו וועט ער דאָ שיסן? אַז רבי וואָלף מיט ר׳ „וועלוולען״, מיט „וועלוועליכען״ מיט די קליינע „וועלווע־לעך״ זענען שוין לעבן אים... ער וויל לויפן, נאָר ווו וועט ער דאָ לויפן? אַז ער איז אַליין פאַרקראָכן צווישן די געדיכטסטע בוימער און איז אַרומ־גערינגלט מיט דער שיינער חברה פון אַלע זייטן. הויבט ער אָן פּאָכען מיטן ביקס אַהין און קלאַפּט זיך אָן אָן אַ בוים, מיטן ביקס אַהער — און קלאַפּט זיך ווייטער אָן אָן אַ בוים...

די ערשטע, פאַרשטייט זיך, דערנעענטערט זיך צו אים די וואָלפיכע. וויסן דאַרפסטו, אַז מען טרעפט זיך, חס־ושלום, אין וועג מיט וועלף — האָט מען פריער פאַר אַלץ צו טאָן מיט דער נקבה מיט זייערער. זי גייט דאָס פאָראויס, ז׳, הייסט דאָס, איז ביי זיי די גאַנצע אשת־חיל, פירט אָן מיטן ראַזבאָי אינמיטן וואַלד. זי מאַכט דאָס די ערשטע ברכה איבער דער שחיטה. און נאָך איר — פאַלן שוין אָן די זכרים... נישט איינער און נישט צוויי און נישט דריי, מיט די שיינע אויגעלעך, פון די גר־וטע סים... האַ???

— אַזוי האָט פלוצלונג ר׳ סענדער איבערגעריסן זיינע „סימנים״ — קוק! פאַנדרע! וואָס איז דאָס דאָרטן? ווי איז מיר נישט געשען! קוק, קוק! שמע ישראל!...

2

געוועזן טאַקע וואָס אָנצוקוקן. צווישן די סאָסנעס, ביים עק פון דעם זייטיקן פעלד אין וואַלד, זענען טאַקע אַרויסגעשפּרונגען צוויי גרינע, שוועבלדיקע פייערלעך; און נאָך זיי — צוויי פּאָר קלענערע פייערלעך... נאָר איידער נח פאַנדרע האָט זיך אַ ריר געטאָן, האָבן שוין די פערד דערשמעקט די חיות, האָבן זיך מאוימדיק צעהירזשעט און די גריוועס האָבן זיך זיי געשטעלט דיבאָם. צעיאָגן זיך און אַנטלויפן איז שוין נישט געווען ווו. די וועלף האָבן זיך, ווייזט אויס, געדעקט מיטן ווינט, וואָס בלאָזט פון הינטן, און אָפּגעשניטן זיי דעם שליאַך גאָר פלוצלונג. נאָר איין „שמענ־דריקע״, דער יינגסטער פערדל, האָט זיך געכאַפּט רייסן, וואַרפן זיך, ווי אַ בן־יחיד פאַרן אָפּשמייסן אים. „דזשירקעליכע״ און „שמאַרעוואַז״ זענען

מיט אַ שפּרונג אויף צוריק שטיין געבליבן, אַראָפּגעלאָזן די קעפּ צו די פֿאָדערשטע פֿיס, עפּעס אַזוי טרויעריק, מיושבדיק. נאָר די שקורע האָט אויף זיי אײַנגאַנצן געציטערט. „דזשירקעליכע״, די קליאַטשע, האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט, וואָס די מאַמע האָט איר אַמאָל אָנגעזאָגט, וואָס מען טוט ביי אַזאַ צרה... און האָט צעוויגט אירע שווערע פֿאָדערשטע פֿאָדקאָ־ווען, געגומען קלאַפּן מיט זיי אין שנייאיקן שליאַך אַרײַן. זעץ נאָך זעץ, זעץ נאָך זעץ. קוקנדיק אויף איר, האָט „שמאַרעוואָז״ אויך געגומען טראַסקען מיט די פֿיס, און נאָך אים האָט זיך שוין „שמענדריקע״ אויך צעכראָבעט און געגומען נאָכטאָן זיי ביידן. אַלע דריי האָבן זיך דערביי אויסגעדרייט אין די האַלאָבליעס ווי אַ פֿעכער, רעכטס און לינקס און „שמאַרעוואָז״ אײַנדערמיטן, כדי אויסצוציען דעם פּראָנט, און מיט די פֿיס באַוועגט, ווי שערער־יונגען מיט גרויסע שערן. טאָמער שפּרינגט־צו אַ וואָלף צו די אַראָפּגעלאָזטע העלזער זאָל ער, דערוויילע־וואָס, כאַפּן מיט אַ פֿאָדקאָווע איבערן קאָפּ.

ביים שוואַכן אָפּשיין פֿון שניי האָט זיך פֿון דער זייט באַוויזן אַ וואָלפֿיכע, אַזוי גרויס ווי אַ קאַלב. כמעט אויסגעצויגן אויפֿן בויך האָט זי געגנעהערט, ווי אַ קאַץ, ווען זי קריכט צו אַ פֿויגעלע. די מאָרדע מיט די פֿאַרשניטענע אויערן האָט די וואָלפֿיכע געהאַלטן צווישן די לאַפּעס און די שווערבלדיקע אויגן קוקן קרום אַרויף צו די פֿערד. ווי די פֿערד — צו איר, אַזוי קוקט זי צו די פֿערד. און נאָך איר צוויי יונגע וועלף — לערנען זיך, אַפּנים, פֿון דער מאַמען, מאַכן איר נאָך. ס׳איז אַלץ וועלפֿישע סטראַטעגיע, כדי אָנשרעקן די פֿערד צום טויט; וועלפֿישער היפּנאָז איז דאָס, כדי די קרבנות זאָלן גאָר קיין תקומה נישט האָבן, נישט האָבן קיין כוח צו שטעלן זיך אַנטקעגן.

דאָס אַלץ האָט גאָר געדויערט איין מינוט. אַ מינוט פֿון פֿאַרשטאַרונג ביי ר׳ סענדערן און צעטומלטקייט ביי נח פֿאַנדרען. די פֿערד האָבן אין דער מינוט נישט געפֿילט קיין האָר איבער זיך, האָבן זיי אַליין געזוכט ווי זיך צו באַשיצן. דער פֿערדישער חוש פֿון זייערע אור־עלטערן האָט זיי געלערנט. אָבער אין דער צווייטער מינוט איז שוין פֿאַנדרע געקומען צו זיך. מיט איין פֿלינקן בויג האָט ער אַרויסגעכאַפּט, פֿון אונטער דער היי אין בויד, דעם שווערן אײַזערנעם לאָם, מיט וועלכן מען לענט אונטער דעם שליטן ווען ער בלייבט שטיין אויף אַ גליטשיקן באַרג־אַראָפּ, און מיט וועלכן מען הויבט אויף די שווערע קוליעס סחורה פֿון וואָגן, ווען מען דאַרף זיי אַרויסקייקלען. ער האָט אַ נעם געטאָן דעם לאָם אין דער

רעכטער האַנט, ווי אַ קאָזאַק זיין פּיקע, און די לייצעס אין דער לינקער האַנט. דערביי האָט ער זיך אַ שטעל געגעבן, ווי גרויס ער איז, מיט איין פוס אויף דער קעלניע און מיט דער צווייטער פוס אויף אַ האַלאַבליע. אַצינד זאָל זי קומען די „וועלוועליכע״ מיט אירע בנים!...

און די וועל־יועליכע האָט זיך נישט געלאָזט בעטן. פּאַמעלעך, ווי אין טריאַטער, הויבט זי אָן צו הויבן די פאַרשפּיצטע מאָרדע פון צווישן די לאַפּעס. און הויבנדיק אַזוי די גרינע פייערן פון די אויגן, ציט זי אויס אַ מאוימדיקן וואָי. וועלכער ווערט אַלץ שטאַרקער, וואָס העכער זי הויבט אויף דעם זשעדנעם קאָפּ. און עס דאַכט זיך, אַז זי ציט די פייערן, אין די אויגן, און דאָס וויסטע וואָיען — פון דער שנייאיקער ערד אַרויס... און נאָך איר, די געטרייע בנים אירע, טוען אַלץ נאָך וואָס די מאַמיכע טוט. אַזוי אַ פּאָר מאָל נאָכאַנאַנד. אַ וואָיע און אַ קריך־צו, אַ קריך־צו און אַ וואָיע.

— או—או—ווו—או!... — ציט זיך דער וועלפישער הונגעריקער געוויין איבערן וויסטן שטיק פעלד אין וואַלד. אַזוי פאַרוואָגלט און אכזריותדיק הערט זיך עס אָן. ווי ווען חיות־יתומים וואָלטן זיך געקלאָגט פאַר די צוויי מענטשן אויף דער קעלניע: מיר ווילן דען צערייסן אייערע פערד? מיר זענען טויט הונגעריק! ווײַ—ווײַ—ווײַ!...

אַ גרויל איז פאַנדרען דורכגעלאָפן איבערן רוקן. דער זעלבער גרויל האָט זיך, דאַכט זיך, איבערגעגעבן די פערד דורך די לייצעס... ווייל די פעל האָט אויף זיי אָנגעהויבן דריבנע צו ציטערן, און אַ מין פערדישער פאַרשטיקטער קרעכץ האָט זיך געריסן פון זייערע אַראָפּגעלאָזטע נאָז־לעכער.

פאַנדרע האָט דערפילט, אַז מען טאָר אַצינד קיין איינציקע רגע נישט פאַרלירן. האָט ער, כמעט נישט־ווילנדיק, שטאַרק אַ צי־געטאָן מיט דער לינקער האַנט די לייצעס, נישט אַרויסלאָזנדיק דעם לאָם פון דער רעכטער, און שאַרף אַ פייף געטאָן מיט די ליפּן, איבערגעשניטן די סוסים זייער הינערפלעט...

די פערד האָבן גלייך דערפילט אַ האַנט פון אַ מענטשן און פון אַ באַשיצער איבער זיך, האָבן זיי אַלע דריי, ווי צוזאַמענגערעדט זיך, ראַפּטום אַ ריס געטאָן די בויד פון אָרט און, הירזשענדיק און מיט אַראָפּ־געקוועטשטע אויערן, צעטראָגן זיך, ווי די רוחות, גלייך אויף די וועלף, גלייך אויף זיי.

פונעם שטויס איז ר׳ סענדער געקומען צו זיך און גענומען שרייען:

„אַטו! אַטו! אַטו!...״ אַ סגולה צו וועלף איז אַזאַ געשריי. „אַטו! אַטו!...״ האָט פּאַנדרע אונטערגעכאַפּט מיט אַ ברום־באַס און, שטייענדיק אויף דער קעלניע, אָנגעצילט זיך מיטן לאָם אין דער קרום. און ווידער צעגאַרגלט זיך, ווי פון אַ פּיסטער פאַס אַרויס:

— אַ־טו־או! אַ כאַלעריע אין אייך!

פון אַזאַ פּלוצלעכן געשריי און אָנפּראַל פון דער בויד, האָבן זיך די וועלף אַ מאָרדעווע געטאָן אויף צוריק, געלאָזן דורכלויפן די שליטן. נאָר באַלד האָבן זיי זיך געכאַפּט, אַז די וועטשערע מיטן געשמאַקן פערדן־שווייס, אַנטלויפט פון זיי, האָבן זיי זיך אַלע דריי אַ לאָז געטאָן נאָכיאָגן. די וואָלפיכע פון איין זייט, די וועלפעלעך פון צווייטן זייט.

כוח האָט מער די וואָלפיכע און כיטרעקייט — אויך. פאַרלויפט זי די פערד דעם וועג, אָט־אָט, דאַכט זיך, ווערט זי צעטראָטן! אָבער פון אונטער די פערדישע פאָדקאָוועס גיט זי זיך שלאַנגיש אַ דריי־אויס און צילט זיך אַ כאַפּ צו טאָן „דזשירקעליכען״, די „קליאַטשע״, ביים אַראָפּגעבויגענעם האַלדז...

ר׳ סענדערן האָט אַ שווינדל געטאָן אין די אויגן. אַלץ האָט זיך אים אויסגעמישט: די האַלב־משוגענע יללה פון די וועלף, דאָס צאַפּלדיקע הירזשען פון די פערד, דאָס סקריפּען פון בויד, דער געקלאַפּ פון די קאָפּיטעס. גאָר נאָענט לעבן אים האָבן זיך אויפגעריסן צוויי וועלפּישע פּיסקעס מיט פאַרסקאַליעטע ציינער. „שמע ישראל!״ באַלעבעטשעט ר׳ סענ־דער מיט האַלב־געחלשטע ליפּן... און אינמיטן מיש־מאַש גיט, דאַכט זיך, פּאַנדרע, זיין שמייסער, אַ ברום פון בויד און, שטייענדיקערהייט, אַ שטויס מיטן שווערן לאָם פון די קאָזלעס אַראָפּ, און גלייך באַך דעם אַ מאַך מיטביידע אָרעמס, ווי מיט פליגלען. ער פליט דאַכט זיך!... אַ מוראַדיקע יללה שאַלט אויף פון אונטערן שליטן. און די פערד צעשפּרינגען זיך אַלץ ווילדער, אַלץ ווייטער און ווייטער אין אַ מין געשלענגלט גאַלאָפּ. האַלדז און נאַקן וועלן זיי באַלד ברעכן! „שמענדריקע״ שלעפּט לינקס און „דזשיר־קעליכע״ גיט זיך אַלע ווילע אַ וואָרף אויף רעכטס. און „שמאַרעוואָז״ — אינדערמיטן קען זיך קיין עצה נישט געבן. און מיטאָמאָל ווערט סענדערן שוואַרץ פאַר די אויגן. ער זעט מער נישט קיין ווייסן שליאַך. די בויד גיט זיך אַ זעץ און בלייבט שטיין. ר׳ סענדער גיט זיך אַ האַצקע אויף הינטן, קוים וואָס ער דערכאַפּט זיך מיט ביידע הענט פאַר דער קעלניע. שטיקער שניי פאַלן אים איבערן קאָפּ פון די צעטרייסלטע בוימער. בלייבט ער אַזוי זיצן, איינגעקלאַמערט, ווי אויף אַ משופּע׳דיקן דאַך. ער קוקט

זיך אום — די פערד האָבן די בויד פאַרטראָגן, צווישן סאָסנעס, אויף אַ באַרג־אַרויף אין שטייען. זיי שנאָרכן נאָר ווי צעריסענע בלאָז־זעק, און... נישטאָ מער קיין וועלף! אָבער אויך פּאַנדרע איז מער אין שליטן נישטאָ.

ר׳ סענדער הויבט אָן צו טאַפּן אַרום דער קעלניע, ווי אין היגער־פלעט. אַ קאַלטער שווייס זעצט אים אַרויס פון אונטער זיין וואַטאָווער באַלעגאַלישער היטל: געוואַלד, רבונו של עולם! וואָס טוט זיך דאָ היינט אַרום אים?...

ר׳ סענדער גיט אַ כאַפּ די אָפּגעלאָזענע, פאַריתומטע לייצעס, וועלכע זענען אָקאָרשט געווען ביי פּאַנדרען אין זיין שטאַרקער האַנט, און איצטער שלעפּן זיי זיך אַראָפּ־קעלניע, אויסגעטונקט אין שניי... ער פּרוּווט אַ צי־טאָן אַהער, אַ צי־טאָן אַהין. נאָר ס׳איז אָן אומזיסטע טרחה! די פערד האָבן זיך פאַרקלעמט צווישן די ביימער, פאַרקראָכן ביזן האַלדז אין משופּע׳דיקן באַרג שניי. זיי שנאָרכן נאָר און וואַרפן מיט די קעפּ און מיט די צע־פלאָשעטע גריוועס, ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט אָפּטרייסלען פון אַ גרויסן איבערגעלעבטן שרעק, אויסטשוכען זיך פון אַ שווערן חלום... אָבער פּאַנדרע, נח פּאַנדרע, איז נישטאָ!

דרייט סענדער אויס דעם קאָפּ אויף הינטן און צעשרייט זיך מיט געבעט, ווי הושענא־רבה אַרום בעלעמער!

— נח! נח! ניי־עך!

ענטפערט אים פון וואַלד אַ ווידערקול. קרימט אים איבער אין דער וויסטער פינצטערניש:

— ניי—איי—עך!

— געוואַלד געשריען! — שעפּטשעט ר׳ סענדער מיט אָפּגעשטאַר־בענע ליפּן, — זיי האָבן דאָך אים פאַרצוקט דעם יונג... דאַכט זיך אַליין געזאָגט — נישט רעדן אין אַ בייזער שעה... אַ גלגול האָט מיך געצויגן פאַר דער צונג: וועלף! וועלף!... טו, נאַ דיר וועלף!...

פון די פערד האָט געזעצט אַ ווייסע פּאַרע. פון „דזשירקעליכעס" מויל, וועלכע איז געווען פאַרקלעמט פּאַפּעריק, צווישן צוויי שטאַמען, האָט געקאַפּעט מיט געדיכטע שטיקער שוים... זי האָט געקרימט איין אויג צום באַלעבאָס, מיט צער־בעלי־חיים געקייקלט דאָס ווייס־אַפּל, ווי אַ האַרט־געקאָכטע איי: — „ר׳ סענדער, מיר איז קאַלט! כ׳וועל מיך נאָך חס־ושלום צוקילן!..."

ר׳ סענדערן איז אָבער גאָרנישט געלעגן אַצינד אין קאָפּ צו טרייבן

קאַטאָוועס מיט זיין קליאַטשע. מיט ביטערניש האָט ער זיך דערמאָנט אָן דער מעשה מיטן בער, וואָס ער האָט היינט דערציילט פאַנדרען פאַרנאַכט... און ווי דעם טאַטנס פערד האָבן פאַרטראָגן די בויד אין אַ שמאָלער סטעזשקע אין וואַלד. אויך דאָס איז מקוים געוואָרן. אָט האָסטו דיר אַ „סטעזשקע״! נעכטיקן וועט ער דאָ היינט...

— נח! נח! — האָט ער זיך אַ פאַרצווייפלטער צעשריען אין דער נאַכט־אַריין.

— ניי—עך! — האָט אים איבערגעקרימט דער ווידערקול פאַראיידלט זיין באַלעגאָלישע שטים: אָט אַזוי דאַרף מען שרייען אין פינצטערן וואַלד. נישט ווי דו, גראָבער־יונג!

נאָר גלייך נאָכן ווידער־קול האָט סענדער דערהערט אַ שוואַכע שטים ערגעץ־ווו אין דערווייטנס:

— ...ע־ע־נ־דע־ער!

אַ ציטערניש פון פרייד האָט סענדערן דורכגענומען אַלע גלידער: ס׳איז דאָך נח! ער לעבט דאָך דער יונג! ער איז גאַנץ!... מיט מי און מאַטערניש, ווי אַ גרויסער אַלטער זשוק, האָט זיך ר׳ סענדער מיט אַלע זיינע פעלצן, יוי־נישט־איז אַרויסגעקראַבקעט פון דעם משופּע׳דיקן שליטן, געלאָזן די פערד אויף גאָטס באַראָט, געכאַפּט לויפן אָפּזוכן דעם שליאַך. און לויפנדיק געשריען מיט אַלע כוחות:

— נח! נח!

— סע־ענדער! — האָט זיך שוין גאַנץ קלאָר דערטראָגן פאַנדרעס קול פון וואַלד.

— הע? וואָס איז? — האָט זיך סענדער צוגעהערט. ער וואָלט געמעגט שווערן, אַז פאַנדרעס קול ברומט מיט נצחון. עפּעס גאָר נישט ווי ביי אַ פאַרצוקטן מענטשן!

— ✡ —

צו־מאָרגן, גאַנץ פרי, איז שטאָט געגאַנגען אויף רעדלעך. אין שקלאָ־ווער מאַרק, לעבן באַלעגאָלישן צעך, אויפן ברודיקן שניי — איז געלעגן אויסגעצויגן אַ גרויסע, גרויע חיה, מיטן געלן בויך אַרויף. אירע ציינער זענען געווען אייסגעשטשירעט און פאַרבלוטיקט, אירע לאַפּעס — צוזאַ־מענגעקאָרטשעט און פאַרגליווערט. און דער האָריקער עק — אויסגע־שטרעקט. דורך איר צעקאַליעטשעטן האַלדז־און־נאַקן איז איר געווען דורכגעשטאָכן אַ שווערער אייזערנער לאָם; כדי דער עולם זאָל זען באַשיינפּערלעך, ווי אַזוי פאַנדרע האָט די חיה דערהרגעט... און גלאָט —

אַ קשיה אויף אַ וואָלף, טאָמער פאַרטאַיעט ער זיך. טאָמער לעבט ער אָפּ. טו ליג־זשע אַז דו ליגסט!

דער העלד פון טאָג, נח פאַנדרע אַליין, האָט זיך נישט געוויזן. מחמת באַשיידנקייט איז ער בעסער געשטאַנען אין צעך, ביי דער סטאָיקע, און געמאַכט אַ כוסה מיט חברה־שמייסער. אָנשטאָט אים, מיטן בייטש־שטעקל אונטערן אָרעם, איז, אינמיטן אָנגעלאָפּענעם עולם, געשטאַנען ר׳ סענדער פאַרדאָן מיט זיין אייגענעם כבוד און האָט פּאַוואָליע און פּאַדראָבנע דערציילט, וואָס פאַר אַ נסים ס׳האָט מיט זיי געטראָפן פאַריקע נאַכט, אין קאָפּוסטער וואַלד; און וואָס פאַר אַ שוואַרצע גבורה ער האָט אין זיך אָט דער נח פאַנדרע — זיין שמייסער. ווער זאָל עס גלויבן? פליענדיק הענדום־פּענדום מיטן בויד און מיט די צעווילדעוועטע דריי פערד האָט ער נאָך פאַרטיק געמאַכט אַזאַ שטיקעלע אַרבעט. מיט איין האַנט און שטייענדיקערהייט, איז ער אָט דער „וועלוועליכען" פאַרפאָרן מיטן לאָם אין גאַ־גל אַריין, האָט זי, ווי איר זעט „אָטראַזו" (גלייך) צוגע־שפּיליעט צו דער ערד... אמת, מחמת האַסטיקייט האָט זיך פאַנדרע, במחילה, אַליין איבערגעקוליעט און איז אַרויסגעפלויגן פון שליטן. און טרעפט ווי אַזוי? מיטן קאָפּ דער וואָלפּיכע אויפן בויך, כאַ־כאַ! אַן אַנדערן וואָלט זי נאָך מיט די געגל אַליין דורס געווען. נאָר פאַנדרע איז גלייך אויפגע־שפּרונגען און גענומען זעצן איר מיט די שטיוואַלעס אין פאַרנט.. אָט ווי איר זעט! אַלע ריפּן האָט ער איר צעבראָכן. אַ לאַטקע געמאַכט פון איר. האָבן די קלענערע וועלפלעך דערזען, אַז די אשת־חיל איז געפאַלן. זענען זיי פון פאַנדרען אַנטלאָפן, ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט... אַז מיר האָבן זיך דערנאָך נאָך אַ שעה שרייען, געפונען אין וואַלד, איז ער אויף מיר אָנגעגאַנגען, אָט דער פאַנדרע, אַ צעפלאַמטער, אַ צעיאַכמעטער, מיטן לאָם אויפן פּלייצע. און אויפן שפּיץ לאָם פון הינטן איז אים אַראָפּגעהאָנגען אָט די „וועלוועליכע". ווי אַ הענגל פיש ביי זלמן דעם פישער. זי האָט נאָך געמאַכט מיט די לאַפּעס, אָט בריה׳כע און דאָס טריפה׳נע בלוט האָט איר נאָך גערונען איבער פאַנדרעס פעלץ. אַז די פערד האָבן דערשמעקט דעם ריח פונעם דערהרגעטן וואָלף, האָבן זיי ווייטער געוואָלט צעטראָגן די בויד. מיט מאַטערניש האָבן מיר די דריי סוסים אַרויסגעפירט אויפן שליאַך, פון צווישן די בוימער אַרויסגעשלעפּט, און וואָרף געטאָן זיי דעם געהרגעטן וואָלף צו די פיס, נאַט, פערדישע קעפּ, זעט! „שמענדריקע" מיינער האָט אים נאָך מכבד געווען מיט דער קאָפּיטע איבערן קאָפּ. וואָס זאָגט איר, פאַרענדיקט סענדער, ווי ער האָט זיך דאָס צעכראַבעט מיין

תכשיט? אויף אַ געממיתטן וואָלף איז אַזאַ לאָשעק ווי „שמענדריקע״ אויך אַ גבור !....

פעטער־זשאָמע, דער סקאַרניאַק, האָט אָפּגעקויפט די פעל. פאַר די פאַר קערבלעך, וואָס פאַנדרע האָט אָפּגעלייזט, האָט ער מכבד געווען אַלע באַלעגאָלעס אין צעך און האָט אינגאַנצן געוווּנען זייער האַרץ. וואָרום פון דאַמאָלסט אָן האָט מען אים אַריינגענומען אין „חברה בייטש״ און ער איז געוואָרן אַ זייעריקער. מ׳האָט געקריגן דרך־ארץ פאַר פאַנדרען. און יידישע דינסט־מיידן האָבן אים נאָכגעקוקט פון די פענצטערלעך אין אַלע גאַסן.

אָבער מער פאַר די באַלעגאָלעס און מער פאַר די דינסט־מיידלעך האָבן פון אים אָנגעקוואָלן די יידישע חדר־ייִנגלעך. זיי האָבן אַלעמאָל פאַרגעטערט פאַנדרעס גבורה, אַפילו דאַן, ווען ער איז נאָך געווען אַ לאָטרע, אַ קצב־יונג; ווען אַלע האָבן נאָך זיין נאָמען נישט געקענט הערן. זיי, חברה קליינוואַרג, האָבן אַלעמאָל געהאַלטן, אַז פאַנדרע איז אַ פאַרשטעל־טער שמשון־הגבור אין אַ פאַרשמאָלצעוועטער פאַדיאָווקע... אָבער אין איין העלן טאָג ווען ער נאָך אויפשטיין און אויסלייזן שקלאָווער יידן פון גלות... אַצינד, נאָך דער מעשה מיטן וואָלף, האָבן זיי געזען באַשיינפּערלעך: כי הוא זה! אַז ס׳איז טאַקע ער, שמשון־הגבור, עליו־השלום, מיט די ביינער... זיינער אַ גלגול! און דער וואָלף — דאָס איז דער יונגער לייב, וואָס שמשון האָט צעריסן מיט די בלויזע הענט! איי וואָס, ווו איז דער האָניק, וואָס שמשון הגבור האָט דערנאָך אַרויסגענומען פון לייבס בויך, לויפּנדיק צו אַ שיקסע קיין תמנה? יאָ, טאַקע, ווו איז דער האָניק? דער האָניק, דאָס איז דער שיטערער דיעגעכץ, מיט וועלכן פאַנדרעס פינגער זענען שטענדיק אויסגעשמירט. עפּעס מאָדנער האָניק! שוואַרץ־ברוין איז ער, דער האָניק, ער עפּושט אונטער און לאָזט זיך שווער אָפּוואַשן. נאָר אויף אַ גיבור פרעגט מען קיין קשיות נישט.

פאַנדרע חתנט זיך

1

און ר׳ סענדער האָט אויפגעהויבן זײַנע שפּאַקולן מיט די מעשענע האַלאַבליעס און דערזען, אַז נח פאַנדרע איז אַ יונג מיט ביינער, אַז וואָס ער טוט איז מיט מזל־ברכה, און פאַר וואָס ער נעמט זיך — ברענט דאָס ביי אים אונטער די הענט. וועלף ווילן אים צערייסן — פאַרקויפט ער זייער פעל, באַלעגאָלעס פאַרגינען אים נישט זיין נייע פרנסה — ווערט ער גאָר ביי זיי דאָס אויבערשטע פון שטויסל. דער מורה־הוראה אַליין האַלט פון אים, און חשובע באַלעבאַטים שלאָגן זיך פאַר אַן אָרט ביי אים אין בויד. איז אים גאָר איינגעפאַלן, ר׳ סענדערן, אַז מ׳דאַרף אים פאַרשדכנען, פאַנדרען ; און מיט וועמען ? טאָקע מיט דער אייגענער מוזינקע, מיט מערינקען.

מ׳וואָלט פריער מיט אַ יאָר געווען רעדן זיין טאָכטער אַזאַ שידוך, וואָלט ער צוויי מאָל אויסגעשפּיגן. ערשטנס, איז נח פאַנדרע, פאַר זיין פּריזיוו, געווען באַקאַנט אין גאַנץ שטאָט אַלס אַן אויסוואורף, אַ לאָטרע, שמחה׳לע טורערוס חברל, אַ חשוד ביי פרומע יידן אויף טריפה... און צווייטנס, האָט גאָר ר׳ סענדער געטראַכט פון אַ בן־תורה, פון אַן אָרעמען ישיבה־בחור אויף קעסט. די עלטערע טעכטער אויסגעגעבן אַלעמען פאַר באַלעגאָלעס, דעם טאַטן, ר׳ זימלס יחוס חס־ושלום נישט פאַרשוועכט, זיין „פירמע״ איז צעך נישט קאַליע געמאַכט... אָבער קיין קדיש נאָך זיך לאָזט ער פאָרט נישט איבער. נישט געבענטשט האָט אים דער אויבער־שטער מיט זכרים. טאָ זאָל כאָטש אַן איידעלער איידעם זאָגן נאָך אים

קדיש, אָן גרייזן!... קומט גאָר אַ געוועזענער קצבֿ־יונג און צעדרייט אים, ר׳ סענדערן, אַלע זיינע פּלענער אויף די עלטערע יאָרן.

נאָר איידער ר׳ סענדער טראַכט נאָך פרעגן אָן עצה ביים חסידישן מורא־הוראה — האָט זיך שוין פֿאַנדרע אַליין לאַנג געזוכט אַ דרך, ווי אַזוי באַקאַנט צו ווערן מיט ר׳ סענדערס טאָכטער, ווי אַזוי איר געפעלן צו ווערן.

מערע, סענדערס מיזינקע, איז אַ הויכע און אַ שלאַנקע מויד, מיט אַ לאַנגן טונקל־בלאָנדן צאָפּ און מיט ברוינע פייערדיקע אויגן. פֿאַר איר זעלטענעם וווקס רופט מען זי „מערע די הויכע״, און נישט פֿאַרגינערינס האָבן איר געגעבן אַ צונעמעניש: „בוטשאַן״, מחמת אירע מאָגערע פיס. מען איז אין שטעטל נישט געוווינט, אַז אַ פּאָר מיידלשע, געטאָקטע פיס זאָלן אַרויסקוקן פון אונטערן פראָסטן קליידל, וואָס מען פֿאַרקאַשערט ביים פראַניען גרעט אויפן ברעג אָזיערע. ווי אַ פּאָר פֿאַלקעס, ווי פון אַ ווילדער, זעלטענער פויגל, האָבן מערעס פיס אַרויסגעקוקט. און האָט זי נאָך אָנגעטאָן אירע רויטע וואָלענע זאָקן, האָט זי ביים גרעט־וואַשן אויסגעזען פון דערוויטנס טאָקע ווי אַ „בוטשאַן״, וואָס שטייט אין געמוי־זעכץ און בויגט זיך אַראָפּ נאָך אַ זשאַבקעלע. פֿאַר אַ וויאָרסט האָט מען זי געקענט דערקענען. אָט דאָס זענען פיס?... ווייבערישע פיס דאַרפן בטבע זיין דיק, אָן עין־הרע, קיילעכדיק און שווער ווי די ליימענע מילכיקע קרוגן, אָט דאַמאָלסט איז דאָס אָן „אָסאָבע״, אַ נקבה, אַ פֿאַרשוין...

אָבער נח פֿאַנדרען, וועלכער איז אַליין געווען פולבלוטיק, אָנגעגאָסן, און האָט געטראָגן אויף דיביינער אַ האַרטן אָדערדיקן לייב, זענען דווקא שטאַרק געפעלן געוואָרן אָט די דינע געטאָקטע איקרעס פון מערעס פיס, זיי האָבן אים דערמאָנט דעם גאַנג פון אַ יונגער קליאַטשע, דעם שפרונג פון יונגע געפענטעטע ציגעלעך, וועלכע ער האָט אַזוי פיל אַריבערגעטראָגן אויף די פלייצעס אין שעכטהויז... פריער... אַמאָל... ווען איז דאָס געווען?

מיט אַ באַזונדער חנודיקער פלייסיקייט, מיט אַ באַזונדער „עלעגאַנץ״ שפּאַנט נח איין די פערד, ווען מערע קוקט אַרויס פון סענדערס הייזקע, ווען איר בלאָסער, לאַנגלעכער פּנים באַווייזט זיך אין דעם פויערישן פענצטער מיט פיר שייבלעך... ער שטופּט דאַן אַריין די שווערע הינטנס פון די פערד צווישן די האָלאָבליעס, ווי קינדער אין קונע; ער פֿאַרוואַרפט די שווערע כאָמעטן איבער די פערדישע קעפּ און העלדזער און טרעפט אָן ווי מיט אַ רינג אויפן פינגער. ער פֿאַרשנאַלט און פֿאַרשנורט די גראָבע רימענע פּאַסן אַרום די האָלאָבליעס און אַרום די פערדישע בייכער, ווי

אַ גנידישער יונגערמאַן פּאַרציט זיינע שנור־שיך... און זאָל זי דאָס כאַטש איין מאָל אַ שמייכל־טאָן. אָט די דאָזיקע „מערע די הויכע!“ נח איז נישט געוווינט צו אַזאַ קאַלטקייט. נח איז געוווינט, אַז מיידן זאָלן זיך לאָזן קנייפּן און איינגעמען פאַר אים די כפּרה. און אָט די דאָ — קוקט אַלץ צו, אַלץ וואָס ער טוט, מיט אַ פּאָר ברוינע, פרעמדע אויגן — ווי נישט זי מיינט מען דאָס... און גאָר פּלוצים גיט זי אַ וואָרף מיטן צאָפּ, ווי אַ יונגע קליאַטשע מיטן געפלאָכטענעם עק, ווען זי טרייבט פון זיך אַ צוגעגעסענע פליג, און נישטאָ! אַוועק פון פענצטער... הען, אַ פּאַראַד אַ ביסל!

נחן האָט דאָס געגומען פּאַרדריסן. ער האָט אויף מערען געגומען זוכן חסרונות. זי איז דאָך באמת הויך און דאַר. עס פּאַסט גאָר נישט פאַר אַ נקבה. און בלאָס איז זי, ווי אַ געשיילטע קאַרטאָפל. קיי און שפּיי... געמעגט אַ ביסל בעסער אויספּאַשען זיך ביי ר׳ סענדערן אין שטוב. ער, פּאַנדרע, זאָל זי אַ נעם טאָן אין די ידים, קנאַקט זי ביי אים ווי... אַ פרישע מצה, ווי אַ טרוקענע דראַניצע. זי ווערט דאָך ביי אים חלשן אין די הענט, ווערט זי דאָך. וואָס טויג אים, פּאַנדרען, אַזאַ ווייבל? ער דאַרף חתונה האָבן מיט אַ מויד — בלוט און מילך זאָל זי זיין! געזונט ווי די ערד, אַקער און פּאַרזיי און טאָפּטשע! ס׳אַלץ איינס. עס וואַקסט...

אַזוי האָט זיך פּאַנדרע געוואָלט מיאוס מאַכן סענדערס מוזינקע, גע־לייגט זיך אַליין בוימלדיקע פּלאַסטערס אויפן האַרצן. אָבער דער ווייטיק איז פון דעם געוואָרן נאָך גרעסער. אַ בענקעניש כאַפּט אים אַרום אָפּט־מאָל אין וועג, אויף דער קעלניע, ווען ער דערמאָנט זיך אָן איר. און פון אירע חסרונות ווערן גאָר מעלות. איר בלאַסקייט, דאָס קומט דאָך — טראַכט ער זיך — דערפון, וואָס זי זיצט צופיל אין שטוב. ר׳ סענדער וויל דאָך שפּילן דעם אמתן חסיד. ביי אים ווערט אַ טאָכטער נישט אַרומ־לויפן מיט שניידער־יונגען, ביי אים ווערט אַ טאָכטער נישט טאַנצן מיט בחורים אויף פרעמדע חתונות, און שבת, נאָך טשאָלנט, ווערט זי זיך נישט לאָזן קנייפּן אין פּראַנצאַאָווקער וואַלד פון „חתנים“, און ווערט זיך בייגאַכט נישט שושקען צווישן די גערטנער, ווי דאָס טוען פּראָסטע מיידלעך. סענדער איז אַ שטרענגער טאַטע. זיצט אין שטוב. סענדערן איז גוט. ער פּאַרט זיך אַרום איבער פעלדער און וועלדער, באַמקעט ביים מורה־הוראה, פּרעפּלט אין בית מדרש... און דו, מערינקע — זיץ אין שטוב! די לופט פון זיין הייזקע און דער ריח פון זיינע כאַמעטן ליגן איר אין די ביינער. אָבער ווען מען מאַכט אַזאַ „בוטשאַן“ מיט לאַנגע פיס חתונה און מען

קאָרמעט זי אונטער, און מען גלעט זי און מען האָלובעט זי, און מען פאָרט מיט איר אַמאָל אַרויס הינטערן שטאָט איינקויפן היגער און אייער ביי די גויים, אַ יידענע ווי אַ צימעס וואָלט דאָס דאָך געוואָרן! אַ קראַסאַוויצע וואָלט דאָך דאָס געוואָרן! — אַ — אַ.... כאָליערע דיר, „דזשירקעליכע", אין די ביינער אַריין!"

נח פאַנדרע מוז אויסלאָזן זיין כעס צו סענדערס קליאַטשע. וואָרום דאָס האַרץ הויבט אים אָן צו קלאַפּן פון אַזעלכע מחשבות. עס גייט אים אויס לופט און די שטאַרקע ציין פאַרשטשירען זיך אים פון ווייטיק. ס׳איז אַ ווייטיק, וואָס מען ווייסט נישט ווו ער זיצט און האָט נישט קיין נאָמען און ציט, פונדעסטוועגן, דעם „קליאַק" פון די ביינער.

„דזשירקעליכע" גיט, לויפנדיק, אַ בריק מיט דער הינטערשטער קאָפּיטע אין הילצערנעם פאָרנט פון וואָגן. דאָס ענטפערט זי אויף פאַנדרעס שמיץ מיטן בייטש. דאָס הייסט: אויב דו, באַלעגאָלע, ביסט „פאַרפרעגלט" אין סענדער מויד, היינט וואָס שלאָגסטו מ י ך ? שלאָג בעסער ד י ך אַליין! קאָפּ אָן וואָגן שלאָג!

פאַנדרע פאַרשטייט זייער גוט „דזשירקעליכעס" טראַסק מיט דער קאָפּיטע אין קעלניע, אונטער זיינע פיס, און פאַרשעמט זיך אַ ביסל. באמת, וואָס האָט ער צום פערד?... ער איז דאָך שוין מער נישט דער פריערדיקער קצב־יונג, וואָס האָט געקוקט אויף יעדער באַשעפעניש, ווי אויף אַ זאַך, וואָס אַז מען דאַרף שעכט מען דאָס... יעדער חיה טוט וויי. מאַלע וואָס אַמאָל איז געווען, פאַרן פריזיוו... מיט אַ יאָר צוריק האָט ער נאָך געפירט קצבישע ליבעס מיט דינסט־מוידן און מיט שיקסעס הינטער די גויעשע שייערס. די צעשוווּמענע לייבער, די שווערע בוזימס, די אָנגעגאָסענע פיס, די רויטע צעהיצטע פנימער, די דיקע בייכער... מיט איבערגעפּראַלטע מילך האָט פון זיי אַלעמען געשמעקט, טריה׳נע מיילער האָבן זיי אַלע געהאַט. און אָט די מערע, מערינקע די הויכע, זי האָט אויך אַ פּאָר עפּל הינטער איר שטוביקער ציצענער קאָפּטל, אונטער דער בלויער ציצענער קאָפּטע אין קוויטן. אַ פּאָר קליינע עפּל מיט שפּיציקע הענגלעך, אָקאָרשט פון בוים אָפּגעריסן און אונטערן בוזים באַהאַלטן. אָן עפּעלע רעכטס און אָן עפּעלע לינקס. ווי די שפּיזן שטעכן זיי אים, ווי צוויי פּיאַווקעס ציען זיי אים ביים האַרצן... ווו באַהאַלט מען זיך פון זיי?...

2

אַ פּאָר מאָל האָט שוין פאַנדרע אויפגעעפנט דעם מויל צו אָנהויבן

מיט איר אַ שמועס. נאָר אַרויסקומען פּלעגט ביי אים עפּעס אַ קול, ווי פון אַ חורבה אַרויס. דורך ווינטן און שנייען איז דער קצבישער קול נאָך רויער געוואָרן, פאַרווילדעטער. און מערע, דערהערנדיק אַזאַ לשון, גיט אַ וואָרף מיטן לאַנג צאָפּ און גיט אַ פרעג: „וואָ־אָס?" אַזוי געצויגן און פרעמד, אַז נחן פאַלט איין דער מאַמעס־מוטערס מילך.

אַז פאַנדרע איז נצול געוואָרן פון וואָלף און האָט אים פאַרטאָג גע־בראַכט אַ טויטן צו שלעפּן, אויפן שפּיץ לאָם, האָט ער אים קודם־כל אויסגעשפּרייט נעבן סענדערס הייזקע. נאָ, האָט ער זיך געטראַכט, אָט דאָ וועט זי שוין אַ קוק טאָן און וועט בעסער ווערן, זי וועט שוין רעדן מיט אים...

אַ ביסל האָט ער געטראָפן. מערע איז טאַקע נייגעריק געוואָרן. זי איז אַרויסגעלאָפן, פאַרוויקלט אין אַ פאַטשיילע און די ברוינע אויגן זענען איר געווען אויפגעריסן, מיט לאַנגע בלאַסע פינגער האָט זי אַ ריר געטאָן דעם שליימיקן, שוואַרצן וואָלפישן שנוק, אַ פּרווו געטאָן די שאַרפקייט פון די אויסגעשקאַליעטע רייסציינער. און, אַז ר׳ סענדער האָט דערווײַלע גענומען דערציילן, וואָס ער, פאַנדרע, האָט דאָ אָפּגעטאָן, ווי אַזוי ער האָט געראַטעוועט די פערד, און דערשטאָכן די וואָלפיכע מיט סכנת־נפשות, האָט זיך נחן געדוכט, אַז מערעס אויגן האָבן אַ בליץ געטאָן מיט באַוווּנ־דערונג. אַזוי גליקלעך איז נאָך פאַנדרע קיינמאָל אין לעבן נישט געווען. פון זיינעטוועגן האָט ר׳ סענדער אַזוי געמעגט שטיין מיטן בייטש־שטעקל און דערציילן ביז פאַרנאַכט. אָבער מערעס קוק האָט אים צופיל שכור געמאַכט ס׳האָט זיך אים פאַרדרייט אין קאָפּ, ער האָט פאַרלאָרן די ווערדע פון אַ גבור. און, מעשה־יינגל, גענומען קאַטשען די געהרגעטע חיה אויפן שניי, גענומען חנדלען זיך, וואַרפן זי פון רוקן אויפן בויך און פון בויך אויפן רוקן. ער האָט אַליין געפילט, אַז ער טוט אַ נאַרישקייט, אַז זיין כראַברען זיך איצט איז אינגאַנצן איבעריק, אַז אַזוי טוען נאָר קליינע יינגלעך, ווען עלטערע מיידלעך קוקן אויף זיי... נאָר אָפּהאַלטן זיך האָט ער מער נישט געקענט. דערהערט ער מיטאַמאָל, ווי מערע גיט שטיל אַ זאָג צו סענדעריכען, צו איר קליינטשיקער פאַרקנייטשטער מאַמעלע:

— שלעפּט זיך אַרום מיט זיין וואָלף, ווי מיט אַ טאָרבע...

נחן האָט ילייך אַ זעץ געטאָן דאָס בלוט אין פּנים. ער האָט זיך פּלוצלונג פאַרשעמט פאַרן גאַנצן צוזאַמענגעלאָפענעם עולם, וואָס קוקט אויף אים. דער געפּגרטער וואָלף און די גאַנצע גבורה, וואָס ער, פאַנדרע, האָט באַוויזן, נעכטן אין וואַלד, זענען אים מיטאַמאָל נמאס געוואָרן,

ווי אַ שפּילעכל ווערט נמאס אַ דערוואַקסן קינד. און טאַקע, באמת, וואָס איז דאָ פאַר אַ גבורה, אַ וואָרף טאָן אַ שווערן לאָם און דורכשטעכן אַ חיה? קינדער טוען דאָס מיט אַ נאָדל און מיט אַ פליג אויך...

דערפאַר, שפּעטער, אַז מען האָט דעם געהרגעטן וואָלף געבראַכט אין מאַרק, פאַרן צעך, איז פאַנדרע מער אויף דער גאַס נישט אַרויס, דעם נאָז האָט ער זיך געשעמט צו באַווייזן. ער איז בעסער געשטאַנען אין צעך ביי דער סטאַיקע מיט חברה יונגע באַלעגאָלעס און געגאָסן אין זיך איין גלעזל נאָך דער צווייטער. איינע נאָך דער צווייטער. און אין האַרצן האָט געגנאָגט...

דערנאָך זענען אָנגעקומען די טעג פון „בעזדאָראָזשיצע”, פאַר פּסח־צייט, ווען דער שניי שמעלצט זיך און די וועגן ווערן פאַרגאָסן, און דער שליאַך ווערט צעשוויינקט און פול מיט גריבער. קיין שליטן קען זיך נישט גליטשן און קיין ראָד קען זיך נישט דרייען. און האָרעווען מוז מען מער ווי אַ פערד. פאַר דער קרעטשמע „אַלעקסאַנדריע”, אויף דעם מיטן וועג קיין אָרשע, מוז מען זיך איינשפּאַנען צוזאַמען מיט די סוסים און העלפן שלעפּן דעם וואָגן באַרג־אַרויף, מען רייסט זיך די געדערים. און אַהיים קומט מען צוריק פאַרשפּריצט און פאַרדריפּעט ביזקל גאַרטל. מען מוז קודם־כל וואַשן די פערד, דערנאָך, להבדיל, זיך אַליין. מען מוז נאָך דערביי אַכטונג געבן, אַז די אויסגעמאַטערטע פערד זאָלן דערביי נישט כאַפּן קיין קאַלטן טרונק. אַז נישט זאָגט ר׳ סענדער, קענען זיי, חס־ושלום, קרעפּירן. דער עיקר „שמענדריקע”, אַ יונג פערדל, ערשט אָנדערהאַלבן יאָר אין שפּאַן. אַ ציטעריקע זאַך, אַן „איידימל אויף האָבער”...

נאָך אַזאַ טאָג פון האָרעוואַניע פאַלט מען אַנידער אויף דעם געלעגער ווי אַ שטיין. און ווען מען ליגט עס דעמאָלסט אין קאָפּ — מערע, ווי זי קוקט און וואָס זי זאָגט?... איבעריקנס, זינט פאַנדרע האָט זי געהערט אַ זאָג־טאָן סענדעריכען, אַז ער שלעפּט זיך אַרום מיטן וואָלף, ווי מיט אַ טאָרבע, ברענט אין אים אַ ביטערע שנאה צו איר... מיטן בייטש וואָלט ער זי צעפּאַסעוועט, אַזאַ דראַניצע מיט פויגלישע פיס, אַזאַ פגירה, אַזאַ בלייכע נאָז, אַזאַ מילכיקע לאָקש, אַזאַ —

נאָר דאָ, ווי אויף צו־להכעיס, האָט זיך מיטאַמאָל צעשפּילט דער זומער. די ערד איז ווייך געוואָרן און אויך פאַנדרעס האַרץ איז ווייכער געוואָרן. טונקעלע בענקענישן האָבן זיך אין אים צעבליט.

הינטער די אָרשער ברעמלעך הויבט זיך אָן אַ גרינער גן־עדן, וואָס פאַנדרע האָט, אַלס קצב־יונג, כמעט ווי נישט געקענט. די גויעשקע

כאַטקעס. זייערע גרויע שייערן און ברודיקע שטאַלן זענען צעוואָרפן אין דער גרינקייט פון דער וועלט, ווי קופּעס מיסט. נאָר וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט אַ דערפל? ס׳איז אַ טראָפּן אין שקלאָווער אָזיערע. שפּיי אין דניעפּער וויפל דו ווילסט! דער דניעפּער בלייבט אַלעמאָל בלוי...

פאַרביי אַ געמויזעכץ פאָרט פאַנדרע דורך מיט זיין וואָגן און מיטאַמאָל גיט זיך די גאַנצע לופט אַ צאַפּל, אַ מאָדנער טרוקענער געמורמל צע־שפּרייט זיך. פּרר... פּררר... פּררררר!... דאָס האָבן די פערד איבערגעשראָקן, אינעם גרינעם איייער, אַ גאַנצע מחנה מיט „זומער־שניידערלעך״, אַזעלכע מיני היישעריקלעך מיט גרין־גאָלדיקע, לאַנגע בייכלעך און מיט דורכזיכ־טיקע טאָפּלטע פליגעלעך. ווי אַ גלעזערנע נעץ האָבן זיי זיך אַ הויב געטאָן און צעשאָטן זיך אויף אַלע זייטן, מיט אַן איידעלן קלונג פון צע־ריסענע שפּינוועבס, און צעגאַנגען זיך, ווי אַ געדיכטע זיסקייט, אין דער קלאָרער לופט... האָלטסט אָפן דעם מויל, פאַנדרע? ס׳איז דיר נישט די יאַטקע, נישט דאָס פינצטערע שעכט הויז, האַ? ס׳איז דיר נישט געקוילעטע קעלבער אין דער בלוטיקער האַלב־פינצטערניש, ווו עליע דער שוחט ווישט, ביי אַ נאַפט־לעמפּל, דעם בלוטיקן ברייטן חלף אָן אַרבל פון העמד, פון אונטער דער ראַצעמאָרענער קאַפּאָטע אַרויסגעצויגן... אַ וועלט בליט, אַ וועלט פרייט זיך, נחקע! „און גאָטס דערבאַרעמדיקייט רוט אויף אַלע זיינע באַשעפענישן״, ווי די מאַמע האָט אַמאָל געלייענט אין טייטש־חומש... ניאָ, ביאָ, שמאַרעוואָז!...

ביי אַ צווייט פליין, אינגאַנצן פאַרשאָטן מיט ראָמאַשקע־בלימעלעך, האָט זיך נח מיט זיינע פערד אַריינגעריסן אין אַן אסיפה פון ווייס־גרינע פלעדערלעך. די גאַנצע אסיפה האָט אויפגעפלאַטערט אין דער לופט אין ציק־צאַקן, צעצאַפּלט זיך, צעפליגלט זיך, צעהוידעט זיך, צעקייטלט זיך אין געבראָכענע קייטלעך. פון צעטומלעניש זענען עטלעכע געבליבן שטיין, אַ רגע׳לע, אויפן שוואַרצן כאָמעט פון פערד, באַטראַכט אַ ווײלע די לאַנגע און ווייטער געפלויגן... נחן האָט זיך געדוכט, אַז די ווייסע ראָמאַש־קע־בלימעלעך האָבן זיך אָפּגעריסן פון די גרינע שטענגעלעך און פליען... אַ טייל לעבט, אַ טייל וואַקסט. ווו זענען די לעבעדיקע און ווו זענען די בליענדיקע? נח האָט אַ ווײלע געמוזט פאַרזשמורען די אויגן. אַזוי האָט דאָס אים פאַרוווּנדערט. צוריק אויפגעעפנט די קוקערס וויאָ, וויאָ!... אַ דאַנק דעם מירה־הוראה און געלויבט איז גאָט! אַוועק — פון דער יאַטקע.

און וואָס אַ וויאָרסט ווייטער, אַלץ מער נייע זומערדיקע חידושים.

מען פאָרט אַריין אין וואַלד — איז דאָ גיט עס אַ זעץ אין נאָז מיט אַ שאַרפֿן ריח פֿון שוואָמען. דאָ — מיט ביטערע מאַנדלען, דאָ — מיט אָנגעוואַרעמטע בעראָזעווע קאָרע, וואָס דערמאָנט אַ ביסל אָן פּסח׳דיקן ספּירט, און דאָ פֿאַרשמעקט עס מיט סאָסנע־פּעך. עס בייטן זיך די ריחות, ווי עס בייט זיך די לופֿט אַליין. דאָ אָטעמט דער וואַלד הייס און דאָ קיל און דאָ לעבלעך. דאָ גיט ער אַ הויך מיט פֿייכטקייט פֿון אַ קעלער. און דאָרטן — מיט אַ טרוקנקייט פֿון אַן אויבער־שטיבל, ווו ווייבער טריקענען באָב און פֿאַסאָליעס. עס ווענדעט זיך נאָר, וואָס פֿאַר אַ בוימער דאָ זענען, וואָס פֿאַר אַ קרייטיכער און וואָס פֿאַר אַ געדיכטקייט פֿון די קוסטעס. ווי אַ געלער זומער־טייוועלע קאַראַבקעט זיך אַ העל־ברוינע וועווערקע אויף אַ שטאַם פֿון אַ הויכער סאָסנע. כאַפּט זיך אַרויף גאַנץ הויך און הויבט אָן שפּרינגען פֿון איין בוים־קרוין צום צווייטן. באַהאַלט זיך אַ רגע׳לע און טשיקעוועט אַרויס מיט שוואַרצע אויגעלעך און מיט אַ שוואַרצער מאָרדעלע אויף די דורכפֿאָרער — אונטן. וואָס זאָגט אַ שטייגער פֿאַנדרע און זיינע סוסים אויף אירע קונצן? און איר פּוכיקער עק שאָקלט זיך אַזוי שטיפֿעריש: אַנו, פֿאַנדרע, וואָלסט אפשר געוועזן אַ בעלן כאַפּן מיר?

דער פּיקהאָלץ לאָזט זיך הערן: טוק־טוק־טוק... טרוקן און מיט התמדה קלאַפּט ער. און מיטאַמאָל גיט ער, אַפּנים, אַ קלער, אַז ס׳איז נישטאָ מער וואָס צו האַקן מיט דער דלאָטע, אומזיסט אומנישט. גיט ער אַ פֿלי, ווי אַ פּעקעלע קאָלירטע פּעדערין. און ס׳גלויבט זיך גאָר נישט, אַז דאָס איז אַ לעבעדיקער פֿויגל, גיכער איז דאָס אַ צו־שטאַרק־אָנגעפֿאַרבטע צאַצקע אויף אַ פּויערישן זומערדיקן יאַריד...

עס טרעפֿט זיך אויך, אַז צווישן די בוימער ביים שליאַך לויפֿט דורך אַ יונגער פֿוקס, הערט זיך צו שטייענדיק אויף דריי פֿיס, גיט אַ פּאַך מיטן רייכן עק און מאַכט פּליטה... נישט אַנדערש, אַז ער איז אַנטלאָפֿן ביי זשאָמען דעם סקאָרניאַק פֿון וואַרשטאַט, פֿון אַ פֿאַס מיט קוואַשעס... און אָט לעבט ער זיך און זוכט חברטאַרינס! אַ יונגער וועלפּל טרעפֿט זיך אויך. אָבער זומער־־צייט איז קיינער פֿון זייער חברה נישט געפֿערלעך. זיי האָבן געגוג וואָס צו פֿרעסן און וואָס צו נאַשן אין וואַלד, ווייכן זיי אויס מענטשן, ווו נאָר זיי קענען...

און פֿאַרנאַכט, אַז מען פֿאָרט צוריק פֿאַרביי דעם געמויזעכץ, ווו די „זומער־שניידערלעך״ זענען זיך אין דער פֿרי צעפֿלויגן — קלינגט עס און עס טאַראַדייקעט און עס גראַגערט און עס גערגלט. אונטער אַ געלבלעך

ליכט פון אַ לבנה־סערפּ, אָפּגעשייערט ווי שבת׳דיקע מעשענע לייכטער... דאָס זענען „ליוהאַשקעס״ (פרעש), וואָס פאַרגייען זיך אין טרעלן, אויף מיני פיאָלן מיט גומענע לעכלעך: „טררררר...״ אין נידעריקן טאָן און „טררר״ — אין הויכן שטייגער, און ווייטער אַראָפּ און ווייטער אַרויף... דער אָטעם גייט זיי גאָרנישט אויס! און אינמיטן זיי קוואַקען די גרויסע פרעש; אָכצן אין קרעכצן, ווי אַלטע בעלי־עבירות, ביי וועלכע דער יצר־הרע איז גרויס, בעוונותינו הרבים, און דער קול־נגינה איז הייזעריק, „קוואַ־קוואַ״ און נאָכאַמאָל „קוואַ־קוואַ״. ס׳הייסט: „אָך, אָך, כאַ! זאָלן אונדזערע שונאים אַזוי כוח האָבן צו לעבן, ווי מיר האָבן כוח צו קוואַקען. נאָר מ׳מוז! די קאָנקורענץ!... אַז נישט וועלן די יונגע אַלע נקבות אויס־כאַפּן... אָך, קוואַ־קוואַ־קוואַ!

און פאַראַן אַזעלכע מיני פרעש, וואָס „קאַרטעווען״ מיטן אָנגעבלאָ־זענעם האַלדז. אָנשטאָט אַ ריש זינגען זיי מיט אַ „כייש״, ווי וואָלינער גבירה׳טעס, מיט דרייגאָרנדיקע גאָידערס... „קוכיי, קוכיי״, זינגען זיי בנעימותדיק און מיינען: „קוריי״, „קוריי״! און גיי טרעף, וואָס זיי ווילן דערמיט לאָזן אָנצוהערן!... ס׳איז אַ גאַנצער מיש־מאַש פון קאַפּעלעס און אינסטרומענטן, ווו מען פאַרהערט יונגע און אַלטע משוררים און יעדער וויל זיין אַ חזן און זינגט פאַר זיך, וויל איבערשרייען דעם צווייטן. און פונדעסטוועגן גיסט עס זיך צוזאַמען אין איין זמירות... און אינעם גאַנצן פאַרהאַוועטן טומל, הערט זיך דייטלעך אַ קלאָרער, קילער און איידעלער קלונג, ווי מען זאָל געוווען שנעלן מיט ווייכע נעגל אין קרישטאָלענע, דינע גלעזער: „גלינק־גלונק, גלונג־גלינג...״ דאָס זענען דווקא די מיאוסע זשאַבעס, וואָס שפּרינגען קענען זיי נישט, נאָר קריכן. און ברענען אָפּ די פינגער, ווי מיט שייד־וואַסער, ווען מען רירט זיי אָן... נאָר אַ קול האָט זיי דער רבונו־של־עולם געשענקט איינס אין אַ מדינה. באַהאַלטן זיי טיף אין נאַסן גראָז דאָס, וואָס איז מיאוס, און לאָזן הערן דאָס, וואָס איז שיין:

— גלינג־גלון! גלינק־גלין!

פאַנדרע האָרכט און לאָזט אָפּ די לייצעס. דער איידעלער, טרויעריקער געקלאַנג, דער קילער טאָן, צווישן אַזוי פיל שטיפעריי און קרעכצעניש, צופּט אים ביים האַרצן. דאָס גאַנצע געמויזעכץ דערמאָנט אים אָן אַ „בור־טשאָן״, וועלכער שפּאַצירט זיך דאָ אַרום, אינדערפרי, אויף רויטע לאַנגע פיס, און דער „בוטשאָן״ דערמאָנט אים אָן מערען, אין אירע רויטע זאָקן... זיין שנאה צו איר ווערט ווייך און טוט וויי, שטאַרק וויי, ווי אַ געשוויר

פֿאַרן פּלאַצן... אך, מערע, מערע! אירע פֿויגלישע פּיס, אין די רויטע זאָקן, וואָלט ער דאָך אַרומגעכאַפּט, אָט דאָ אינמיטן פֿעלד, אין נאַסן גראָז... און זאָל זי נאָר שטיין איבער אים אַ הויכע, אַ דאַרע, ווי אַ „בוטשאַן", נאָר איר לאַנגער צאָפּ זאָל זיך אַראָפּלאָזן איבער אים און קיצלען אים אין האַלדז... געוואַלד, מערע!

זי וויל נישט, זי וויל יאַ...

1

קומט פֿאַנדרע אַהיים נאָך אַזאַ זומערדיקן דרייסיק־וויאָרסטיקן פּאָר, פֿילט ער, ווי די לעצטע שיריים פֿון דער יאַטקע וועפּן זיך פֿון אים אינ־גאַנצן אױס. די פֿאַרשמאַלצעוועטע פּאָדיאָווקע, וואָס האָט אַזוי געשראָקן די פֿערד מיטן ריח פֿון פֿאַרטריקנט בלוט, האָט ער שוין לאַנג אָוועקגעוואָרפֿן. נאָר אין לייב און אין די אָדערן איז נאָך אַלץ עפּעס געבליבן, וואָס עס איז פֿרעמד דער גרינער וועלט און פֿרעמד סענדערס פֿערד. און אָט, אין דעם דאָזיקן זומער, איז דאָס קצבישע „עפּעס" אינגאַנצן פֿאַרפֿלויגן, אויס־געפּאַרעט זיך, אויסגעשוויצט פֿון פֿאַנדרעס האַרטן לייב. פֿאַנדרע האָט באַשיינפּערלעך געזען, אַז די נאָז האָט זיך אים געביטן. און אַז דער חוש־הריח האָט זיך ביי אים פֿאַרשאַרפֿט. ער האָט אַליין געגומען פֿילן, אַז זיין אָנגעוואָרעמטע באַלעגאַלישע כאַלמידע גיט זיך אָפּ מיט אַ נייעם ריח פֿון קימל־ברויט, פֿון דיעגעכץ און וואַלד...

איינמאָל, נאָך אַזאַ פֿאָרן דורכן וואַלד און פֿעלד, איז ער אַריין אין יאַטקע צו זיין געוועזענעם שכן און גוטן־ברודער — צו שמחה׳לע טורערו, האָט אים, פֿאַנד׳רען, פֿאַרכאַפּט דער אָטעם פֿון זיסלעכן געשטאַנק — אַ געמיש פֿון געפּרעיעטע בלוט און אַלטע קנאָכנס. ס׳האָט אים געגומען שניידן אין די שלייפֿן, ווי פֿון אַ טשאַד. ער האָט זיך קוים אַרויסגעדרייט פֿון שמחה׳לעס גוט־ברודערשאַפֿט, פֿון זיין פֿלאַש בראָנפֿן, פֿון זיינע לאַפּעס מיט די בלוטיקע נעגל, וועלכע האָבן אַ טבע צו פּאַטשן איבערן פּלייצע, און איז אַוועק. שמחה׳לע האָט אַפֿילו געמאַכט אַ זויערע מינע. אָבער ער, נח, איז אַוועק. רבונו־של־עולם! ווי אַזוי האָט ער דאָס דאָ געקענט פֿאַר־ברענגען גאַנצענע זומער־טעג, אין גרעסטע היצן?... יאָ, אַצינד פֿאַרשטייט

ער, פֿאַרהוזאָס די פערד פֿלעגן ניסן פֿון זיין אַלטער פֿאַרשמאַלצעוועטער פּאַדיאָווקע. אַצינד פֿאַרשטייט ער, פֿאַרוואָס „שמענדריקע״, דאָס „איידימל אויף האָבער״ פֿלעגט לעבן אים טרייסלען מיטן פֿערדישן קאָפּ און קאָפּ־רייזנע אויסציען די אונטערשטע ליפּ, ווי ער וואָלט זיך געפּיעסטשעט: „ניין, ניין: איך וויל נישט אַזאַ שמייסער״...

די רויטע פֿליישיקע פֿאַרב האָט אַנגעהויבן צו פֿאַרשווינדן פֿון פֿאַנ־דרעס געזונטן פּנים. אַ ברוינקייט פֿון צייטיקע וואַלד־ניס האָט זיך געלייגט אויף זיינע האַרטע באַקן און אויף זיין געגאָלטער בלויער געמבע מיט דער גריבעלע. אַצינד, אַז ער האָט אויפגעעפֿנט אַ מויל מיט ציין, האָט דאָס געבליאַסקעט ווי פֿרישע, גוט־געשיילטע יאָדרעס. אַפּעטיטלעך און דאַרפֿיש. סיי פֿון די אויגן, סיי פֿון צווישן די ליפּן איז אַוועק יענער גלאַנץ פֿון אַ צעלאָזענער חיה, דער וואַלד האָט זיך לאַנג געאַמפּערט מיטן שעכט־הויז און איז אים בייגעקומען...

און דאָ האָבן שוין פֿאַרעכאָדן גענומען גיין איבערן דניעפּער און די פֿאַרענישן מיט פֿערד קיין אָרשע זענען געוואָרן זעלטענער. די פֿערד האָבן אָנגעהויבן עסן אומזיסטן האָבער. האָט מען צוויי פֿון זיי געפּענטעט און געלאָזן ארומהינקען איבערן גראָז, לעבן אָזיערע, און נאָר איין פֿערד געשפּאַנט אין דער אַלטער בריטשקע. אַמאָל „דזשירקעליכען״, די קליאַטשע, אַמאָל „שמאַרעוואָזן״ און אַמאָל „שמענדריקען״. צוויי לײדיקגייער — אויף גראָז, איינער וואָס אַרבעט — אויף האָבער. אין דער בריטשקע האָט מען געפֿירט „שודאָקעס״ צום פֿאַרעכאָד, און פֿון פֿאַרעכאָד אַהיים. סיידן מיטן דניעפּער זענען אנגעקומען „בערלינעס״, אָנגעלאָדענע מיט זעקלעך מעל, מיט געברענטע ציגל און מיט ליימענע כּלים; אָדער פּוסטע לייוועס — וואָס מען מוז אָנלאָדן מיט האָלץ, מיט געפּרעסטע פּענקע און מיט „ליקע״ און מען לאָזט גיין אויף קיעוו. דאַמאָלסט זענען סענדערס אַלע דריי פֿערד פֿאַרנומען. ס'וואָלט געווען אַ פֿערטער — וואָלט ער אויך געהאַט וואָס צו טאָן. פֿאַנדרע אַרבעט דאַן אַ גאַנצן טאָג ביים דניעפּער, און באַלעגאָלעס באַוווּנדערן זיין גבֿורה. מיט וואָס פֿאַר אַ לייכטקייט ער וואַרפֿט די צענ־פּודיקע זעקלעך, און ווי גרינג עס קומט אים אָן אַרויפֿקייקלען אַ פֿולע פֿאַס הערינג אויף דער משופּעדיקער ברעט, וואָס שפּאַרט זיך אָן, אָן סענדערס וואָגן. זיי באַמערקן גאָרנישט, אַז פֿאַנדרע טוט עס מיט אַ מין באַהאַלטענער ביטערניש. אַז ער טוט דאָס, ווי אַ שטאַרקער יונג, וואָס וויל עפּעס פֿאַרשיטן, פֿאַרדעקן, נישט זען מער פֿאַר די אויגן. באמת האָט זיך נח פֿאַנדרען געדוכט, אַז דאָס פֿאַרשיט ער מיט שווערע זעק, מיט

קאַסטנס און מיט פעסער „מערע די הויכע" מיט איר צאָפּ... זי איז אָבער הויך ווי אַ „באַטשאַן"; און דער קאָפּ אירער, מיט די ברוינע האַרטע אויגן, שטעקט נאָך אַלץ אַרויס פון דער גרויסער קופּע מיט סחורות, וואָס ער וואַרפט איבער פון די אָנגעקומענע „בערלינעס". שווער צו פאַרשיטן זי, אַט די דאַרע מויד מיטן בלאַסן פּנים. קיין געדעכעניש פון איר זאָל נישט בלייבן... פון הערינג־פעסער, פון מעלענע זעק, פון קוליעס מיט טאַראַנ־קעס, פון בינטלעך ליקע, פון אומעטום קריכט אַרויס איר פויגלשער קאָפּ. פון פאַנדרען גיסט זיך דער הייסער שווייס, און „זי" רייצט זיך נאָך מיט אים:

— שלעפּט זיך אַרום מיט זיין וואָלף, ווי מיט אַ טאַרבע!...

2

פאַר מנחה, ווען נח איז אָוועקגעפאָרן צום פאַרעכאַד, האָט ר׳ סענדער פאַרדאָן געקוקט דורך די מעשענע שפּאַקולן אין אַ ספרל און געוואַרט אויף אַ גלאָז טיי. ער האָט געלייענט מיט אַן אויסגערוטער מינע די וווּנדערלעכע מעשיות וועגן בעש"ט, און מיט איין אויער צוגעהערט זיך, ווי די מויד זיינע פּאַרקעט זיך אין קיך, אַרום דעם בלעכערנעם טשייניק. עפּעס איז זי די לעצטע צייט, שווייגעדיק זיין מויד, אַ ביסל צו שווייגע־דיק. צי האָט זי זיך „טשאַסאַם" נישט פאַרפרעגלט אינעם שמייסער? אַזאַ בוגרת ווי זי... אַ יונג מיט ביינער איז ער דאָך. נישטאָ וואָס צו רעדן! נאָר זי וועט דען זאָגן דעם אמת? סענדערס אַ טאָכטער... די גאוה! אַז ער וועט וועלן, וועט זי נישט וועלן; און אַז זי וועט וועלן, וועט ער נישט וועלן... אַט אַזוי בלייבט מען זיצן ביז די גרויע צעפּ. ער קען זי דען נישט, זיין מוזינקע, וואָס פאַר אַ סחורה׳קע דאָס איז? גייט, דאַכט זיך, אַרום ווי אַ באַטשאַן און דראַפּעט זיך, ווי אַ קאַץ. ווען לייבעצקע, דער דאַמסקער שניידער, האָט זי געוואָלט אַ טשעפּ טאָן, האָט זי דאָך אים צעקראַצט דעם גאַנצן פּרצוף־פּנים. אַ גאַנצינקע וואָך האָט ער זיך געשעמט אויף דער גאַס אַרויסצוגיין. וואָרום אַלע האָבן אים געפרעגט, ווי טייער איז ביי אים אַן אַרשין וויבערישער „דראַפּ"?...

אַז פון פאַנדרעס זייט אין קיין מניעה נישטאָ, האָט ר׳ סענדער געפילט. ער האָט דען קיין אויגן נישט? אָט דאָ, סוף ווינטער, בשעת מען האָט געבראַכט אין בויד דעם געהרגעטן וואָלף, און מערע איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב. האָט זיך שוין פאַנדרע אַ ביסל צופיל געכראַבעט. און אַזוי

איז דאָך, פאַנדרע, אַן עניו, האָט פיינט באַרימען זיך. איז דאָס אים, סענדערן, געווען אַ ביסל קשה... דערנאָך האָט ער באַמערקט, ווי די מויד האָט אַ לאַך געטאָן צו דער מאַמען, און פאַנדרע האָט זיך אָנגעבלאָזן ווי אַן אינדיק. און זינט דעמאָלט ברוגזט ער זיך אויף איר. קיין גלאַטע זאַך איז דאָס נישט. ווען זיין מויד מיט די הויכע פיס וואָלט אים נישט געהערן געפעלן, וואָלט ער נישט געהאַט וואָס צו ברוגזן זיך, כע־כע...

מערע די הויכע איז דעם טאָטן אַריינגעפאָרן אינמיטן פון זיינע מחשבות מיט אַ הייסער גלאָז טיי. אָוועקגעשטעלט די גראָבע גלאָז פאַר זיין ספרל. סענדער האָט גלייך אַ רוק געגעבן די מעשענע שפּאַקולן אויפן שטערן, אַ צי געגעבן מיט זיין אַרבעסדיקער נאָז, אָנגעשטעלט אויף זיין מויד אַ פּאָר כיטרע, בלויע אויגעלעך, און פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן:

— איז ווי?.. געפעלט ער דיר גאָר נישט?

פון אַזאַ קלאָץ־קשיה האָט זיך מערען אַ וואָרף געטאָן די פאַרב אין פנים. פונדעסטוועגן האָט זי די ברוינע אויגן נישט אַראָפּגעלאָזט. זי האָט אויסגעהאַלטן דעם טאָטנס קוקעלע.

אין איר רויט־ווערן האָט אָבער סענדער געזען אַ גוטן סימן: זי ווייסט, הייסט עס, וועמען מען מיינט... און, נישט פאַרלירנדיק קיין רגע׳לע, האָט ער געקאָוועט דעם אייזן, ווען ער גליט נאָך:

— אַזאַ יונג ווי ער... אַזאַ מויד ווי דו... דו טראַכסט גאָרנישט פון אַ תכלית...

מערעס רויטקייט איז געוואָרן געדיכטער. זי האָט דעם טאָטנס קוק מער נישט אויסגעהאַלטן. אַ וואָרף געטאָן מיטן צאָפּ, ווי אַ קאַפּריזנע חיה מיטן עק, אויסגעדרייט זיך און אַריינגעשפּרייזט מיט אירע לאַנגע געטאָקטע פיס אין קיך אַריין. ערשט דאָרטן, הינטער דער אויסגעקאַלכטער ווענטל, האָט זי באַקומען לשון:

— מיט דיין שמייסער? אַזוי לאַנג קרענקט ער...

ר׳ סענדער איז אַ האָר נישט נתפּעל געוואָרן פאַר מערעס שילטן זיך. ער איז אַמאָל אַליין געווען אַ בחור, אַ בלאָנדער גבר אַ יונג, און מוידן זענען פאַר אים אויסגעגאַנגען... געדענקט ער, אַז אַזאַ מין ווייבערישע קללה הערט זיך אָפטמאָל אָן ווי אַ ברכה. למשל, ווען אַ שעמעוודיקע, פאַרקאָכטע מויד וויל אַ זאָג טאָן: „אַ געזונט אין דיינע ביינער!" רייסט זיך ביי איר גאָר אַרויס: „אַ בראָך זאָל דיך אָוועקלייגן!" וכדומה נאָך אַזעלכע מיני פאַרביטענע יוצרות. האָט דערפאַר ר׳ סענדער מיטן זעלבן כיטרען שמייכעלע און מיט די ברילן אויפן שטערן אַראָפּגעלאָזט זיין

אויסגעהאָרעוועטע האַנט אין דער טיפער קעשענע פון די הויזן, פּאַוואָליע אַרויסגעצויגן פון דאָרטן אַ שטיקעלע קאַנדל־צוקער, וואָס זעט אויס ווי אַ געלבלעך שטיקל גלאָז. פּאַוואָליע געמאַכט שהכל, אָפּגעביסן מיט זיינע אַלטע שטאַרקע ציין אַ פּיטשעמאָנטשיקן שטיקעלע פון דער געלב־לעכער „פּאַטשערקע״, און מיט גרויס פאַרגעניגן אַ זופּ געטאָן. שמייכלענ־דיק און אָפּוואַרטנדיק מיטן צווייטן זופּ, האָט ער אויסגעצויגן אַ שפּאָטישע פראַגעלע, ווי אַן עלטערער וואָס רייצט זיך מיט אַ קינד:

— איז... מערע, ווילסטו נישט? ניי—ן?

און מערעס בת־קול האָט אים גלייך אָפּגעענטפערט פון קיך, נאָכ־קרימענדיק אים·

— ניי—איין!

— טאָ דאַרף מען נישט! — מאַכט סענדער גאַנץ רואיק און זופּט ווייטער. וועדליק מערעס ניגון און אויסציען דעם „ניין״, האָט סענדער פאַרשטאַנען, אַז ס'איז נישט אַזוי געפערלעך ווי מען קען מיינען... מען דאַרף נאָר גיין מיט חכמה, נישט געאיילט, נישט צופיל טשעפּען זיך מיט איר... נאָ! מיט דעם מורה־הוראה, צווישן מנחה און מעריב, קען מען זיך שוין היינט דורכרעדן. טאַקע היינט. וואָרום שבת, נאָך חסידות, קען מען גאָר צום מורה־הוראה נישט צוטרעטן מיט אַזעלכע ענינים. אַלע באַלע־באַטים דרייען זיך אַרום אים. עס פּאַסט נישט.

אַרויסגייענדיק צו מנחה־דאַוונען, האָט זיך אָבער ר' סענדער נישט געקענט איינהאַלטן און נאָך אַמאָל אַ טשעפּע געטאָן זיין מוזינקע:

— איז, ווי זאָגסטו? ניין?... טאָ דאַרף מען נישט!

אַ קוש געטאָן די מזוזה און אַרויס.

3

אין יענער זומער־פאַרנאַכט, נאָכן לעצטן פאַרעכאָד, איז נח אָנגע־קומען מיט דער בריטשקע, אויסגעשפּאַנט „דזשירקעליכען״ און גע'עוסק'ט זיך ביי ר' סענדערן אין פּירהויז. קיינער איז אין שטוב נישט געווען. ר' סענדער איז אַוועק צו מעריב. סענדעריכע — אויפן מאַרק, און מערע איז אויך ערגעץ־ווו אַרויס, איינקויפן אויף וועטשערע. אַ שטילקייט איז געשטאַנען אין שטוב און אַ מאָדנע פּוסטקייט אין פּירהויז. נאָך אַ טאָג אַרבעט האָט נחן די דאָזיקע פּוסטקייט געדריקט. אַן אומעט איז אים באַפאַלן. נישטאָ מערע!... ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט זי שוין

לאַנג, זייער לאַנג נישט געזען. האָט ער זיך אַ נעם געטאָן פּוצן מיט געריבענע ציגל די מעשענע טיילן פון כאָמעט. מיט אַ טעמפּער עקשנות האָט ער געפּוצט אין אַ פינצטערן ווינקל פון פירהויז.

און מיטאַמאָל קומט אָן „מערע די הויכע". זי אַליין! מיט אירע געטאָקטע פיס... אַריינשפּרייזנדיק פון דער ליכטיקער גאַס אין דער האַלב־טונקלקייט האָט זי נחן נישט באַמערקט און אָנגעגאַנגען גלייך אויף אים מיט אַ גרויסן קימלדיקן לאַבן ברויט אונטערן אָרעם. אין נח'ס, דורך וואַלד און פעלד פאַרשאַרפטע נאָז, האָט אַ זעץ געטאָן דער ריח פון פרישן ברויט, אויסגעמישט מיטן אָטעם פונעם מיידלשן געוואַרעמטן גוף. ווי אַ כשוף, ווי אַ ליבע־געטראַנק האָט דאָס אים אַ זעץ־געטאָן אין קאָפּ און ער האָט דערשפּירט אַ זיסע שווינדלעניש. ווי אַ מענטש, וואָס וואַרפט זיך אין פייער ראַטעווען דאָס, וואָס אים איז טייער, האָט ער נישט אויסגערעכנט זיין באַוועגונג און זיין כוח, און פּלוצלונג אַרומגעכאַפּט מערעס לאַנגן גוף מיט זיינע אייזערנע אָרעמס. דער פרישער לאַבן ברויט האָט אַ קנאַק געטאָן. מערע אַליין האָט אַזש אַ קוויטש געגעבן ווי אַ געשטיקטע קאַץ „מי־אי..." פון ווייטיק? פון שרעק? פון צניעות? אפשר פון אַלע דריי זאַכן צוזאַמען. נאָר אויפן שטיל האָט זי זיך געכאַפּט, ווו זי איז אין דער וועלט, האָט זי זיך אויסגעבויגן, ווי אַן אָנגעטראָטענע קאַץ, באַפרייט דעם לינקן אָרעם און אַראָפּגעלאָזן פאַנדרען אַ נישט־געלונגענעם פּלעם איבערן צעהיצטן פּנים, אין דער קרום, פון איין אויג צום נאָז אַראָפּ. נחן האָט זיך גלייך גענומען שיטן מיט רויטע און גרינע פונקען פון איין קוקער און פון נאָז האָט עפּעס גענומען קאַפּען... אויף אַזאַ גבורה פון אַזאַ מאָגערער, בלאַסער מיידל ווי מערע איז, האָט זיך פאַנדרע נישט גערעכנט. נישט אומ־זיסט, הייסט דאָס, וואַקסט זי פון סענדערן — דער אַמאַליקער גבור אין באַלעגאַלישן צעך... און מערע אַליין האָט גלייך באַמערקט, ווי אכזריותדיק, נישט־ווייבעריש זי האָט נחן געשלאָגן איבערן פּנים, מיט די נעגל אין דער קרום און אַזוי נישט־געשיקט, אַז זי האָט אים צעמזיקט אַ ברעם און געקלאַפּט די נאָז ס'האָט איר אַ טיאַכקע געטאָן אין האַרצן, פונדעסטוועגן האָט זי אים בייז אויסגעזונגען איבערן סאַמע אויער:

— גו—וט? וואַ—אָס?

אינעם תהו־ובהו פון פונקען און פאַרבלענדעניש האָט נח קוים באַ־מערקט, אַז מערע האָט זיך אינגאַנצן באַפרייט פון זיינע אָרעמס, אַז זי באַטראַכט דעם צעקוועטשטן לאַבן ברויט און די רויטע פלעקן אויף איר

פאַרטוף... הייסט עס, אַז דער ברויט און דער פאַרטוף אַרן איר מער, ווי זיין אויג און נאָז...

אַ ווילדע רציחה האָט אויפגעפלאַקערט אין נחן! די רציחה פון פריער־דיקע טעג, ווען ער האָט נאָך געקיילט שווערע זייטן־פלייש אויף דער יאַטקע־קלאָץ צוזאַמען מיט שמחה׳לע טורערו, און געקניפּט דינסט־מוידן, און געמאַכט „מי שברך״ דעם נייעם נגיד אונטערן פענצטער... האָט ער מערען אַ כאַפּ געטאָן פאַרן אָרעם, העכער איבערן עלענבויגן, אויסגע־שטשירעט זיינע ווייסע ציין און אַ הויב־געטאָן אין דער צווייטער האַנט אַ שווערן שטיק רימען פון כאָמעט, וואָס ער האָט אָקאָרשט געפּוצט. נאָך אַ רגע — און ער וואָלט זי דורס געווען, די הויכע מויד מיטן לאַנגן צאָפּ. אָבער מערע איז געשטאַנען פאַר זיין נישט־פאַרלאָפענער אויג בלאָס, ווי קרייד, האָט אים האַרט אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר שטאַר־געוואָרענע קעצישע קוקערס, און שטיל, כמעט פאַרוואונדערט, געמרוקעט צו אים:

— מיך — שלאָגן? אַ מיידל וועסטו שלאָגן?

נח האָט זיך גלייך אויסגעניכטערט פון זיין רציחה,ביידע הענט זענען אים ווייך געוואָרן, אָפּגעלאָזן זיך. פאַר אים איז געשטאַנען אַ שטאַרקערע חיה ווי ער אַליין. אין אַ קליידל אַפילו און מיט אַ פאַרטוף, אָבער אַ שטאַר־קערע... אַ שוואַכקייט איז אים באַפאַלן, אַ ליפּ האָט ביי אים אַ ציטער געטאָן, ווי ביי אַ באַליידיקט יינגעלע, און ער האָט זיך גענומען בעטן:

— מערע, מערינקע... האָב מיט מיר חתונה...

ער האָט אַפילו נישט באַמערקט, ווי משונה׳דיק־נאַריש ער מוז איצטער אויסזען מערען מיט זיין פאַרליבעניש, מיט זיין צעהאַקטער ברעם און מיט בלוט אונטערן נאָז. פאַרקערט, ער האָט גאָר געפילט אַ מאָדנעם פאַרגעניגן... ניין. זאָל זי טאַקע זען, אַזאַ בלייכע מויד ווי זי איז, ווי שוואַך און נישטיק ער איז אַנטקעגן איר... ווי פאַנדרע? וואָס פאַנדרע? אַ הונט איז ער, אַ וואָרעם... זאָל זי אים אַ בריק טאָן, זאָל זי אים צעטרעטן מיט איר פויגלשן פוס.

מערע האָט אויסגעהערט זיין געבעט און קוים אַ שמייכל געטאָן:

— מיט דיר?... מער גאָרנישט?...

און באַלד געגעבן זיך אַ דריי־אויס, אַ וואָרף מיטן צאָפּ און אַ זאָג געטאָן גאַנץ שטיל. אָבער שוין אָן קראַפּס, אָן שטאָלץ, כמעט שטאַמלענדיק:

— אַז נישט.. נישט דערלעבן... זאָלסטו... פאַנדרע...

און גלייך אַריינגעלאָפן אין שטוב און אַ טראַסק געטאָן מיט דער טיר,

פונקט ווי זי יואַלט דערמיט געוואָלט צוגעבן מער וואָג צו אירע שוואַכע ווערטער:

— נישט דערלעבן זאָלסטו!

3

נח האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אינמיטן פּירהויז, אויף צוויי צונויפגעלייגטע כאָמעטן. ער האָט זיך געווישט די צעבלוטיקטע נאָז, געפּינטלט מיט דער געשוואָלענער אויג און געפילט, אַז אָט אָט ווערט ער דערשטיקט. אַ סוף!... ס'איז אַ סוף מיט פֿאַנדרען!... ווי אַ געשמיסענער ייִנגעלע, וואָס כראַבּרעט זיך, האָט ער זיך קוים איינגעהאַלטן נישט צו פֿאַנאַנדערוויינען זיך...

ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט ווייסט ער נישט. אַ מינוט, צי צוויי, צי אַ האַלבע שעה... ער ווייסט נאָר, אַז מיטאַמאָל האָט די שטוב־טיר ווייטער אַ סקריפּ־געטאָן, און מערע האָט זיך אַרויסגערוקט. פֿריער אַ קאָפּ, דערנאָך — אַ פּלייצע, דערנאָך איז זי אינגאַנצן אַרויסגעגאַנגען. אין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ נאַסן האַנטוך.

נישט רעדנדיק קיין וואָרט, האַלב־שעמעוודיק און האַלב מיט אַ מין אַרויסרוף, איז זי צוגעגאַנגען צו פֿאַנדרען, אַריינגעשטעלט זיך מיט ביידע פֿויגלשע פֿיס צווישן זיינע שטאַרקע צעשפּרייטע קני אויף די כאָמעטן, און גענומען אַרומבינדן דעם נאַסן האַנטוך אַרום נחס שטערן, פֿאַרכאַפּנדיק דערביי אין דער קרום זיין צעהאַקטע ברעם און אויג.

לויט דעם, ווי מערע איז צו אים צוגעגאַנגען און מיט וואָס פֿאַראַ זיכערקייט זי האָט זיך אים געשטעלט צווישן די קני, האָט פֿאַנדרע דער־פֿילט, אַז ס'איז געשען אַ נס... ער, פֿאַנדרע, איז אַ פֿערד מיט פּאָדקאָוועס, מער גאָרנישט!... מערע איז ז י י נ ע! זי וועט זיין זיינע!... מ'עט נאָך לעבן, פֿאַנדרע!

דער קאַלטער האַנטוך האָט אים אינגאַנצן אָפּגעפרישט. די קאַלטקייט פֿון וואַסער און דער ברענענדיקער שמערץ אין אויג האָבן זיך אויסגעמישט ווי זיס מיט זויער. ציטערנדיק, ווי אַ ייִנגל, האָט ער שוואַך, אָן כּוח, אַרומ־גענומען מערעס פֿיס, אונטער די קני... מער האָט ער, זיצנדיק, נישט געקענט דערלאַנגען. דאָס מאָל האָט זי זיך שוין מער נישט געבריקעט, געלאָזן זיך. פֿון די נידעריקע כאָמעטן האָט ער אויפגעהויבן זיין נישט פֿאַרבונדענע אויג צו מערען. זי האָט אים אויסגעזען הויך, הויך, אַ סך העכער ווי זי איז... כּדי צו דערגרייכן צו איר האָט ער פּאַוואָליע גענומען

הויבן זיך פון זיין זיץ, דורכלאָזנדיק מערעס שלאַנגיקן גוף דורך זיינע אָרעמס, ווי דורך אַ ווייכן רינג. די דאָזיקע באַוועגונג האָט זיך אויסגעצויגן אין איין לאַנג גלעט איבער מערעס רוקן, איבער איר זומערדיקער דינער קאָפּטל. אויפגעהויבן זיך — איז פאַנדרע אויסגעוואַקסן און האָט זיך דערפילט אַלס א י ר ־ ג ל י י כ ן. יאָ, אַצינד מעג ער זי שוין אַרומנעמען אַ ביסל שטאַרקער, אַצינד מעג ער:

— מע—רינקע! מעריינע—לע!

מערע האָט אָנגעקוקט מיט צוויי ברוינע אויגן פאַנדרעס גאַנצע אויג, זיין פאַרבונדענע קאָפּ, און האָט אַפילו קיין שמייכל נישט געטאָן, וואָס פאַנדרע דער גבור, דער וואָלף־ווערגער, זעט אויס אַזוי נעבעכדיק. נאָר אירע ביידע שוואַרצאַפּלען האָבן זיך פאַנאַנדערגעצויגן און געברענט, ווי ביי אַ קאַץ, וואָס שרעקט זיך אַ ביסל פאַרן קאָטער. איין קליין ווערטעלע האָט זי אים נאָר געשענקט:

— נו?

דאָ האָט זיך שוין פאַנדרע מער נישט געקענט איינהאַלטן, און זיך איר איינגאַנצן דערקלערט אין „אייביקער ליבע":

— מערע, די הערסט, מערע... אַ נכפה זאָל מיך כאַפּן דאָ אויף אָן אָרט!

— ✡ —

אַז ר׳ סענדער איז געקומען, נאָך מעריב, אַהיים און אין פירהויז אָנגעטראָפן נח פאַנדרען מיט אַ פאַרבונדענעם אויג, האָט ער קודם־כל אַריינגעקוקט אין דער אָפענער שטוב־טיר, דערנאָך אַ קוק געטאָן אויף פאַנדרען, דערנאָך אַרויפגעכאַפּט די מעשענע שפּאַקולן אויף דער אַרבעסדיקער נאָז, און ערשט דערנאָך שטיל אַ פרעג געטאָן:

— וואָס עפּעס — דאָס?

— ס׳איז גאָרנישט, — מאַכט פאַנדרע, — געפאַלן איבער די שנאָלן... פון כאָמעט די שנאָלן...

— אַזוי גאָר? איבער די שנאָלן?

אַ שמייכעלע האָט זיך דערביי צעשטיפּט ביי ר׳ סענדערן אונטער די געלע וואָנסעס, וואָס ווילן נישט גרוי ווערן. אָקאָרשט, אין בית־מדרש, האָט ער געערעדט מכוח זיין מערען און מכוח פאַנדרען מיטן מורה־הוראה. און יענער האָט אים געגעבן אַ ברכה. איז אָט... צי האָט שוין די ברכה נישט אָנגעהויבן מקוים צו ווערן?...

נישט רעדנדיק מער קיין וואָרט, איז ר׳ סענדער צוגעגאַנגען צו דער שטוב־טיר און האָט זי פאַרמאַכט. און, רייבנדיק זיךביידע הענט, איז ער צוגעטרעטן, אין דער האַלב־טונקלקייט, האַרט צו פאַנדרען:

— זאָג נאָר דעם אמת, נח... מיר קענסטו דאָך זאָגן, ווי אַן אייגענעם טאַטן... אפשר איז דער כאָמעט געווען גאָר אַן אַנדער זאַך...

פאַנדרע האָט אים אָנגעקוקט מיט איין גאַנצער אויג, אין דער קרום, ווי אַ האָן אויף אַ האָבערל: גיב נאָר אַ קוק! ער האָט שוין דערשמעקט דער אַלטער תרח... נאָר גיי דערצייל אים מעשיות!... ער האָט זיך געמאַכט תמעוואַטע:

— וואָסער זאַך?

האָט אים ר׳ סענדער פאַרטייטשט געלאַסן, זייער געלאַסן:

— כ׳מיין... אפשר האָט גאָר דער כאָמעט געטראָגן אַ קליידל?...

פאַנדרע האָט עפּעס געגומען מעקען: „ווו־ וואָס? ווען?״.

אָבער ר׳ סענדערן אַרט דאָס נישט, ער רעדט זיך דאָס זייניקע:

— זע, פאַנדרע... אָסטאָראָזשנע! זי קען דיר נאָכאַמאָל ביידע אויגן אויך אויסקראַצן... וועסט זיך אויף דער גאַס נישט קענען ווייזן. שוין געווען אַזעלכע מעשיות...

האָט פאַנדרע דערזען, אַז דער באַלעבאָס איז גאָרנישט אין כעס, האָט ער זיך שוין צעלאַכט מיט אַ מויל ווייסע ציין און מיט איין אָפענעם אויג.

האָט ר׳ סענדער אויסגעטאָן די מעשענע שפּאַקולן, זייער מיושבדיק אויסגעהערט פאַנדרעס געלעכטער, געגעבן אַן עפן די שטוב־טיר און אַריינגעשריען:

— זע, מערע! איז ווילסטו שוין! יאָ—אָ?

— יאָ—אָ!... — האָט אים מערעס קול איבערגעקרימט פון קיך אַרויס.

אַזוי איז פאַנדרע, אין אַ מזלדיקער שעה און אָן שום הילף פון אַ שדכן, געוואָרן אַ חתן.

עס ברענט ביים נייעם נגיד!...

1

נאָך דער חתונה האָט סענדער פֿאַרדאָן אָפּגעגעבן פֿאַנדרען און מערען זיין טאָכטער אַ האַלבע שטוב און „אַ האַלבע בויד״, און אַלץ איז אַוועק כשורה. אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס פֿאַנדרע איז אַצינד געוואָרן אויס שמייסער, אַן אײדעם ביי סענדערן, איז ער פונדעסטוועגן נאָכגעגאַנגען זיין געוועזענעם באַלעבאָס, ווי אַ יונגער זשערעבעץ נאָך אַ קילער, אָפּ־געאַרבעטער קליאַטשע, מיט דריבנע טריטעלעך און מיט דרך־ארץ. נישט ווי די באַלעבאַטישע יונגעלייטלעך, וואָס ווי נאָר זיי באַקומען דעם נדן אין האַנט אַריין, אַזוי הויבן זיי אָן צו פֿאָבריקעווען און צו קריגן זיך מיט שווער און שוויגער. אַלע שבת און יום־טוב זיצט זיך נח זייט־ביי־זייט מיטן שווער אין בית־מדרש און לאָזט זיך ווייזן אַ „היי אין סידור״ — ווו מען האַלט און וואָס מען דאַרף זאָגן. צו קריאת־התורה גייט ער נישט אַרויס אין שול־הויף צו טרייבן קאַטאָוועס, ווי אַלע פּראָסטאַקעס טוען. נאָר ער בלייבט זיצן מעשה־סטאַטיק אויף אַן אָרט. און נאָכן דאַווענען וואַרט ער אָפּ געדולדיק ביז ר׳ סענדער וועט זיך אָפּבאָמקען און אָפּשפּייען „עלינו״ און ביז ער וועט זיך דורכשטופּן מיט זיין באַלעגאָלישן „גוט־שבת״ צום מורה־הוראה. זיך אַליין האָט נאָך פֿאַנדרע געהאַלטן פֿאַר נישט־גענוג דערוואַקסן, פֿאַר נישט גענוג פרום, ער זאָל זיך אויך גיין שטופּן צום מורה־הוראה, ווי דאָס טוען די עלטערע לייט. סיידן ער באַגעגנט דעם מורה־הוראה אויף דער גאַס. פֿאַנדרע ווערט דערביי אַלעמאָל רויט. ווי אַ חדר־יינגל, ווען ער באַגעגנט זיין רבין: ער גיט פֿאַרשעמט אַ ברום־אָפּ זיין „גוט־שבת, רבי!...״ און דאָס האַרץ קלאַפּט אים דערנאָך...

אַלץ גייט כשורה... נאָר מיטן נייעם וואָלענעם טלית האָט ביי פֿאַנדרען

געטראָפן אַ שטיקל סיבה. שבת נאָך חתונה, אַז מען האָט אים אויפגערופן צו דער תורה, האָט פאַנדרע פון אויפרעגונג אַ צי־געטאָן איין אַראָפּגע־רוקטן ברעג איבער דער ברייטער פּלייצע. ער האָט נאָר, ווי ער זאָגט, אַ צי געטאָן אַ קאַפּעלע, אַ האָרעלע נישט מער, פונדעסטוועגן האָט דער נייער וואָלענער טלית געפּלאַצט, און גראָד ביים דאָפּלטן נאָט, דאָרטן ווו עס געפינען זיך די זעקעלעך פאַר די ציצית... עס האָט געגעבן אַזאַ פּלאַץ, אַז ר' סענדער, זיין שווער, האָט אים געמוזט אָנכאַפּן פון הינטן:

— טפררו, פאַנדרע! אַ טלית איז נישט קיין כאָמעט!

קומענדיק דערנאָך אַהיים צו טשאָלנט, האָט זיך פאַנדרע געשעמט צו קוקן מערען, זיין יונג ווייבל, אין פּנים אַריין. וואָס וועט זי, אַ שטייגער, זאָגן צו אַזאַ איידעלן איינשפּאַנען זיך אין אַ נייעם דובראַוונעם טלית?... אָבער מערע האָט דערזען דעם גוואַלד־ריס אויפן שוואַרץ־געפּאַסקעטן וואָל, און האָט נאָר אַ שמייכל געטאָן. נחן האָט זיך אַפילו אויסגעדוכט, אַז זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ מין מידער ליבשאַפט. מערע אַליין האָט נאָך געפילט איבער זיך פאַנדרעס שטורמישע גבורה. זי האָט געוווּסט, אַז זי מוז אַלעמאָל נחן דערמאָנען, אַזוי ווי מען דערמאָנט אַ שטאַרק קינד, אַז מען מוז זיך אומגיין פּאַוואָליע, רחמנותדיק מיט אַזעלכע שוואַכע צאַצקעס, ווי אַ ווייב איז, ווי אַ נייער טלית — וועלכער שמעקט נאָך מיט דובראַוונע...

נאָך הבדלה האָט זי דורכגעצויגן אַ דינעם פאָדים דורך אַ דינער נאָדל און האָט זיך ביים לעמפּל אַוועקגעזעצט צירעווען דעם געפּלאַצטן אָרט. איר לאַנגער גאָלדיק־טונקעלער צאָפּ און די שוואַרץ־בלויע פּאַסן פון טלית האָבן זיך געגאָסן איבער איר יונג־ווייבערישן שויס און איבער איר ווייסן שבתדיקן פאַרטוך אַראָפּ צו דער פּאָדלאָגע. איר הויכער האַלדז מיטן קליינעם קאָפּ זענען געווען איינגעבויגן איבער דער אַרבעט. די ליפּן זענען איר געווען פרום פאַרשלאָסן, די נאָדעלע האָט געבליצט צווישן אירע מאָגערע פינגער, און דער גוואַלד־ריס אין טלית איז געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער, ביז ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרמאַכט. מען זאָל געווען זיין מיט צוויי פאַר אויגן וואָלט מען אויך נישט דערקענט.

אַז פאַנדרע האָט דערזען, ווי די פּאַסן פון זיין שמעקעדיקן טלית גיסן זיך איבער מערעס שויס און ווי קונציק זי פאַרגלעט זיין „פעלער", וואָס ער האָט געמאַכט, האָט אים אָנגעכאַפּט אַ גלוסטעניש און אַ בענקעניש און אַ נאָגעניש אין האַרצן. מערע זאָל אים געווען איצט זאָגן: „שפּרינג אַראָפּ פון דאַך אין ברונעם", וואָלט ער געשפּרונגען. נישט קענענדיק מער איינ־האַלטן זיינע געפילן, האָט ער, מיט זיינע ביידע לאַפּעס, אַרומגעכאַפּט מע־

רעס קאָפּ, ווי אַ לייב כאַפּט אַרום אַ פּיסקליאַטע. אַט־אַט שלינגט ער זי איין. זיין הייסע גלוסטעניש האָט זיך אויסגעדריקט אין אַזאַ לשון:

— פּאַיעטאַנטשיק!... אַ כאָליערע אין מיר און אַ געזונטעלע דיך איןביידע זייטעלעך אַריין.

דאָס איז דער העכסטער גראַד פון פּאַנדרעס ליבשאַפט. ווען זיין הייסקייט צו זיין יונג ווייבל דערגרייכט גאָר אַ הויכע מדרגה, באַנוצט ער זיך מיט אויסטערלישע ווערטער. וואָס אויסלענדישער, וואָס משונה׳דיקער, וואָס ווייניקער טייטש — אַלץ מער וואָג האָט דאָס פאַר אים און פאַר זיין האַמענטער באַגייסטערונג. אַ סך גראַבלעכע ווערטער זענען אים פאַר־בליבן פון דער צייט, ווען איז נאָך געווען אַ קצב. אַנדערע האָט ער זיך אָנגעהערט אַצינד, אין באַלעגאַלישן צעך. און גלאַט אַזוי מאָדנע ראַשי־תיבותן — נישט־געשטויגן נישט־געפלויגן. מישט ער זיי אַלע צוזאַמען און שפּילט אויף זיי מערען, ווי אויף נאָטן: עסקאַדראָנטשיק, האַלאַבליעלע, צעפּצעכעלע, בן־פּקועה׳לע, אַן אַרטיליעריעצקע דיר אין דיביינדעלעך! אַ קרימינאַלטשיק דיר אין די ליטקעלעך...

צום אָנהויב האָט זיך מערע געקרימט, אָנגעשטעלט אויף אים די ברוינע אויגן און געוואָרפן מיטן צאָפּ, ווי אַ פוקס מיטן עק. אָבער דערנאָך האָט זי זיך מיט איין אויער גענומען צוהערן צו זיי. איר ווייבערישער געהער האָט אין די דאָזיקע ווערטער גענומען כאַפּן אַ טייטש, וואָס נאָר זיי ביידע, זי און נח, פאַרשטייען עס... אין יעדן אַזאַ משונה׳דיק ווערטל איז געלעגן אַ שטיק רויער כוח. און מערע האָט דאָס אויפגענומען אין זיך, אין איר מאָגערן גוף, אין איר בלאַסן געזיכט און אין אירע פרומע מידות, ווי אַ לעכצנדע ערד נעמט אין זיך אויף אַ וואַרעמען רעגן. אויך נחס גבורה איז איר צום אָנהויב נישט באַקומען. פונקט ווי אַ צו־שטאַרקער רעגן באַ־קומט נישט אַן אויסגעטריקנטער ערד. אַ קורצע צייט נאָך דער חתונה איז זי נאָך מאָגערער געוואָרן און איז אַרומגעגאַנגען אַ צעדריקטע, אַ צע־שטורעמטע. מיט בלויע קרוהעס אונטער די גרויסע אויגן און מיט אַ מידער פאַרגליווערטקייט אין די גרויסע שוואַרצאַפּלען. אָבער ביסלעכווייז האָט זי זיך גענומען אויסגלייכן, אויפבליען. דורך געהיימע רערן, וואָס נאָר מאַן און ווייב קענען זיי, איז פּאַנדרעס פולבלוטיקייט אַריין אין אירע בלוילעכע אָדערן. די פּלייצעס אירע זענען קיילעכדיק געוואָרן. אַ רויט־לעכער גלאַנץ האָט זיך גענומען דורכשלאָגן דורך אירע מאַטעווע האָר. דער קוק איז געוואָרן זיכערער און די לעצטע סמנים פון שטורעם און שאַטנס זענען פאַרשוווּנדן פון אונטער אירע אויגן־עפּל. און שבת, ווען

זי פלעגט אָנטאָן דעםברייטן געפּאַלדעוועטן, ווייסן ציץ־קליידל מיט די רויט־בלויע בלימעלעך און אויף די פּלייצעס — דער מאַמעס ברוסט־טוך מיט טערקישע קווייטן, פלעגן יונגע באַלעגאָלעס, פּאַנדרעס חברים, איינ־נעמען אַ מיתה־משונה. זיי האָבן אָבער מורא געהאַט קוקן צו שטאַרק, צו ווינקען — אוודאי און אוודאי נישט. הויבט זיך אָן מיט פּאַנדרען!... אַפילו נישט־פאַרגינערינס האָבן וועגן מערען מער נישט גערעדט, ווי וועגן אַ „באָטשאַן" מיט הויכע פיס. מען דאַרף שוין זיין אַ רשע־מרושע צו רופן אַזאַ הויכע און שיינע יונגע ווייבל „באָטשאַן", אָדער "פּאַרדאַניכע". ניין, פּאַנדרע האָט זיך מיטן שידוך גאַרנישט אָפּגענאַרט.

נאָר פון על־חטא ווערט מען דאָך נישט פעט און פון פאַרליבעניש איז נישטאָ קיין גריבעניס... אויסער זיין הייסער ליבשאַפט האָט טאַקע פּאַנדרע צוגעזען, אַז מערע זאָל אַ ביסל מער עסן, זי זאָל זיך געוויינען צו נעמען אין מויל אַריין, נישט ווי אַ צעקראַכענע באַלעבאַטישע טאָכטער, נאָר ווי פּאַנדרעס ווייב. יאָ, אַז געגעסן געקאָכטע לעבער צו וועטשערע, זאָל זיין געשניטן פון שטיק און געגעסן. און אַז געזופּט מילכיקן קרופּניק, זאָל זיין געזופּט. נישט פון אַ פלאַטשיקן טעלער, נאָר פון אַ שיסל. און אַז געריבן ווייסן צוואָרעך מיט שוואַרצן ברויט, זאָל זיין געריבן. און כדי עס זאָל זיך גוט גליטשן, בייסט מען צו מיט אַ פרישער אוגערקע. אַזוי האָט ער מערען געלערנט. און כדי הירזשענע קאַשע זאָל זיין באַטעמטער — דאַרף מען זי באַשיטן מיט אַ ביסל מעל־צוקער. נאָר נישט געשעמט זיך! און מערע האָט געפאָלגט און ס'איז איר טאַקע גוט באַקומען.

פּאַנדרע באַגנוגנט זיך אָבער נישט מיט היימישע מאכלים אַליין. פון די קצבישע יאָרן אָן איז ער געוווינט צו עסן אַ סך פלייש. און פאַרנדיק מיט דער בויד איבער די שליאַכן מאַכן זיך מציאות, גוטע זאַכן. איז אַט ברענגט ער מערען אַ פרישן קעלבערנעם לונג־און־לעבער, וואָס שמחה'לע טורערו, זיין געוועזענער חבר, האָט אים פאַרקויפט פאַר האַלב געלט; דאָ האַנדלט ער פאַר איר איין אַ קערבעלע רויטע יאַגדעס, פון בעראַזעווע ווייסע קאָרע געפלאָכטן, און דאָרט — אַ מאַנדל פרישע שלאַיען, אָקאָרשט פון וואַסער, מיט בלויע, פעטע רוקנס. שוואָמען איז שוואָמען, און אייער איז אייער. און פרישע באָב צום קרופּניק איז אויך נישט קיין שלעכטע פּאַטראַווע. און אַז מערע בייזערט זיך אויף אים כלומרשט אָן, וואָס ער גיט אויס פיל געלט אויף דער אכילה, דערקלערט איר פּאַנדרע דעם שכל פון עסן, קצביש:

— „אַרטילעריעצקע"... שטאָפּ גוט די קישקע וועט זי דיר נישט צעקריכן אין טשאָלנט...

אָדער באַלעגאָליש:

— מריינעלע! אַז מען שמירט נישט, פאָרט מען נישט!

2

אַ זומער איז אַוועק און אַ ווינטער איז געקומען. דער דניעפּער איז איינגעפרוירן געוואָרן, די פּעראָכאָדן זענען געבליבן שטיין. און פּאָנדרעס בויד האָט זיך ווייטער געגומען גליטשן אויף דעם שליאָך, צווישן שקלאָוו און אָרשע. נאָר אַצינד איז דער שליאָך „זיינער" און די שודאָקעס — זיינע. אויס שמייסער!... אַצינד איז פּאָנדרע אַן איידעם און אַ האַלבער באַלעגאָלע. ווארום אַן אָפּמאַך איז דאָ צווישן אים און ר' סענדערן, אַז אַלץ וואָס מען פאַרדינט טיילט מען זיך אויף דער העלפט.

ר' סענדער פאָרט ווינטער־צייט זעלטן־ווען אַרויס. ער רוט זיך אויס און וואַרעמט זיינע אַלטע ביינער אויף דער לעזשאַנקע אין שטוב. גרין זענען די אַלטע קאַכל פון דער אַלט־מאָדישער לעזשאַנקע, ווי פּאַליוועגע טעפּ, און אויסגעגלעט און ווארעם זענען זיי. און אַז ס'ווערט אַ ביסל צו הייס — זעצט מען זיך אַוועק אין יאַרמולקע און מען זאָגט תהילים. מערע טראָגט צו אַ גלאָז טיי. דער וואַנט־זייגער, מיט איין וואָג און מיט אַ שיקסע און בלומען אויפן ציפער־בלאַט, סטאַרעט זיך מיט אַלע כוחות צו האַלטן צייט פון פלייש־זאַלצן און פון מנחה־דאַווענען... לויפט ער מיט זיין אומרו, ווי מיט איין פיסל פון אַ הינקענדיקן אונטער־שמש, טיק־טאַק, טיק־טאַק, זייער פאַרהאַוועט. אָבער ער פלייסט זיך שוין צופיל. אָדער ער פאַרלויפט, אָדער ער דערלויפט נישט, אָדער ער בלייבט גאָר שטיין... טוט אַן ר' סענדער די מעשענע שפּאַקולן און קוקט אַרויס אויף דער גאַס. ער האָט זיך זיינע סימנים אין הימל פון דער צייט, ווען מען האָט נאָך נישט געברויכט קיין זייגערס. פון טאַטן ר' זימל, עליו השלום, און פון דאָרף־גויים, להבדיל, האָט ער דאָס בירושה. ער האָט זעלטן־ווען אַ טעות. גייט ער צו צום פאַרהאַוועטן זייגערל, ווי מען גייט צו אַ ווייסן־חברהניק, גיט אַ שטופּ דעם ווייזער, ציט־אָן די איין־איינציקע וואָג — אָנגעגאָסענע בליי אין אַ מעשענער טרייבל אָן אַ דנאָ — גיט, מיט אַ שמייכעלע, אַ קוק אויף דער אויפגעמאָלטער שיקסע און ציפערבלאַט און מאַכט: „באַם־באַם־

באם...״ אויף חסידיש שטום־לשון הייסט עס: געלויבט דער אויבערשטער!
אַ רואיקע עלטער, אַ גוטע עלטער, אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן!

אָפטמאָל קומט פֿאַנדרע אָן פֿון אָרשער באַן שפּעט בייַנאַכט, ביז מען פירט פֿאַנאַנדער אַלע „שודאַקעס״, ביז מען שפּאַנט אויס די פערד און מען שטעלט זיי אַוועק אויף האָבער — באַווייזט דער פֿאַרהאַוועטער וואַנט־זייגערל נאָך צוועלף.

דאָס מאָל, איבערן גרויסן פֿראָסט, איז עס אויסגעקומען נאָך שפּעטער. מען קען די פערד נישט פֿאָיען אין אַ גרויסער קעלט, איידער זיי קילן זיך נישט אָפּ. איז פֿאַנדרע אַריינגעפֿאַלן אין שטוב אַ דערפרווירענער, אָן אָנ־געהאָרעוועטער, אַן אויסגעהונגערטער. מערע איז אין די חדשים, לייגט זי זיך פרי אין בעט. סענדער און סענדעריכע כראָפּען שוין לאַנג אין דער צווייטער האַלבער שטוב, הינטערן פֿאָראַוואַן. מיט זיינע בערישע פיס און מיט זיינע ברייטע שטיוואַלעס וויל פֿאַנדרע גיין אויף די ציפּקעלעך, כדי נישט אויפוועקן מערען. פונדעסטוועגן מאַכט ער אָן אַ רעש, ווי אַ געפּאַד־קאָוועטער משא־פערד אויף שטיינער. דערהערט ער, אַז מערע שלאָפט נישט, בויגט ער זיך איין איבער איר בעט און פֿרעגט:

— נו?

— נו־נו? — ענטפערט אים מערע האַלב־פֿאַרשלאָפן און געהיימ־ניספול.

— דו הערסט, עסקאַדראַנטשיק, — מאַכט פֿאַנדרע — אַ געזונט דיר אין די זייטעלעך, כ׳וואָלט עפּעס געגעסן, אפשר איז דאָ אַ קאָפּ מילכיקע „קאַסע״? קאַלטע „קאַסע״... (קאַשע).

מערע הויבט אויף פֿון גרויסן פֿאָוועלע־קישן אַ קליין קעפּל מיט אַ דיקן פֿאַרפּלאָכטענעם צאָפּ:

— וואָס עפּעס ק אַ ל ט ע „קאַסע״?

דערקלערט איר פֿאַנדרע זיין פּלוצלעכע ליידנשאַפט צו קאַלטע מילכיקע קאַשע, מיט אַ ברומיקן גוטמוטיקן שעפּטשען, אַזוי:

— דו הערסט דאָך, מריינעלע, שטייט היינט קושקע־בראַנד, דער פּרעסער, לעבן אָרשער וואָקזאַל און שלעפּט רעטשקענע שוואַרצע קאַסע פֿון אַ האַלאַטשיק באַגאָסן פֿון אויבן מיט מילך... שלעפּט מיט אַ לאַנגער סקאָרינקע און טשמאָקעט... איז דאָך אָבער קאַלט, די שוואַרצע קאַסע מיט מילך איז פֿאַרקילט, דער האַלאַטשיק איז שמאָל... היינט גיי עס אַזאַ קאַסע פֿון האַלאַטשיק!... זאָג איך, קושקע, זאָג איך, גיב, זאָג איך, כ׳וועל דיר העלפן עסן קאַס׳ן פֿון האַלאַטשיק. כ׳האָב, זאָג איך, אַ הילצערנע לעפל...

ריטשעט ער, קושקע, ווי אַ הונט אויפן ביין. גיי, זאָגט ער, פּאַנדרע, אין דר׳ערד מיט דיין לעפל! כ׳וועל דיר נישט געבן קיין קאַסע, כ׳האָב, זאָגט ער, אַליין אַ קאַפּ קאַסע. גיי, זאָגט ער, צו דיין יידענע... זי איז אַליין אַ גוטע קאַסע, אַ הייסע קאַסע, וועט זי דיר געבן, זאָגט ער, קאַסע... און די באַלעגאַלעס אַ־ום הי־הי־הי, צעהירזשען זיך, ווי די פערד אויפן יאַריד... זאָג איך: הער נאָך, קושקע, זאָג איך, גיי דו אין דר׳ערד מיט דיין קאַסע!... ווי, זאָג איך, מ י ט דער קאַפּ קאַסע, אַזוי זאָג איך, אָ ן דער קאַפּ קאַסע. כ׳האָב דיך, זאָג איך, אין פּאַליאַווע מיט דיין גאַנצער קאַסע! נאָר מיין ווייב זאָלסטו נישט טשעפּען... וואָרום כ׳וועל, זאָג איך, באַלד מאַכן פון דיר אַ רויטע קאַסע מיט מילך... וועסטו געדענקען קאַסע! הערסט?... שיער נישט געקומען צו אַ געשלעג. באַלעגאַלעס האָבן זיך אַריינגעמישט. קאַסע־קאַסע, קאַסע־קאַסע!... דרומלט זיך מיר אַ גאַנצן טאָג מילכיקע קאַסע אין קאָפּ...

מערע ווערט אינגאַנצן וואַך. זי דערשרעקט זיך פאַר פּאַנדרעס מעשה און פאַר זיין וועלן זיך שלאָגן מיט קושקען. זעצט זי זיך אין בעט און טענה׳ט צו איר מאַן אַזוי:

— שוין גאָר שלאָגן זיך איבער מילכיקע קאַשע? דאַרפסט קליאַנטשען ביי קושקען פון זיין האַלאַטשיק?... האָסט נישט וואָס צו עסן?...

דערזעט פּאַנדרע זיין מערען אין העמד, מיט אירע אויפגעבליטע פאַר־קיילעכדיקע אבר־ים, מיט איר גאַנצער נאַכטיקער פאַרגאָדעטקייט ביים לעמפּל, פאַרגעסט ער זיין הונגער, די מילכיקע רעטשקענע „קאַסע” וואָס האָט זיך אים געגלוסט. אַן אַנדער הונגער כאַפּט זיך אין אים אויף. נעמט ער זי אַן פאַר ביידע פלייצעס.

— אַ־אַ! ס׳אַר אַ קאַלטע הענט! — קאַרטשעט זיך מערע.

און פּאַנדרע טוט און וואַרעמט זי מיט הייסע אויסטערלישע צונע־מעניש:

— „טרעמאָמעטערל”, כאַליעריעצקע, צעפּצעכעלע, קאַטשאַנטשיק, צוויי געזונטעלעך דיר אין די פיס און איין גרויסע כאַליערע אין מיר אַריין...

קנייטשט זיך מערע צוזאַמען און באַהאַלט זיך לאַכנדיק אונטער דער קאָלדרע:

— גיין שוין גיי! האָסט דאָך געוואָלט עסן, איז גיי, נעם פאַרנט אין אויוון אַ טעפּל פליישיקע פאַסאָליעס און עס!

דערמאָנט זיך פּאַנדרע, אַז ער איז טאַקע הונגעריק. דעקט ער מערען איין, וואַשט זיך שטילערהייט, שלעפּט אַרויס פון אויוון אַ טשוהונענעם

טאַפּ פּאַסאָליעס, פון אַלמערל — אַ הילצערנע לעפל מיט אַ לאַבן ברויט און רייבט געשמאַק, אויף אַ ברעג טיש. אַ יונגער פערד, איבער היי־יאַריקן האָבער, וואָלט געמעגט מקנא זיין פּאַנדרעס אַפּעטיט, זיינעציין... מערע הערט זיך צו מ־ט פאַרגעניגן, ווי דער אַלט־געבאַקענער ברויט קנאַקט און ווי פּאַנדרעס הילצערנע לעפל גרונטעוועט זיך אַלץ טיפער אינעם טאָפּ פּאַסאָליעס. „אַ כפּרה, זאָגט נח, צען האַלאַטשיקעס מיט מילכיקע קאַסע" און רייבט ווייטער. דער פּנים גיסט זיך אים אָן מיט אַ געדיכטער רויטקייט פון אַזאַ געשמאַקער מלאכה און די גרויע אויגן בליצן מיט צופרידנקייט. זיין גרויסע לעפל קלאַפּט זיך אָן אַפּעטיטלעך, מיט אַ טעמפּלעכן קלונג, אָן די קלעפּיקע ווענטלעך פון טשוהונענעם טאָפּ. דער קלונג ווערט אַלץ הילכיקער און הילכיקער, אַפּנים דאָס געדיכטע געקעכץ ווערט אַלץ ווייניקער. מערען אַליין הויבט אָן ציען דאָס האַרץ. עס פאַרגלוסט זיך איר פאַרזוכן. זי איז דאָך אין די חדשים... דרייט זי זיך אויפן גלעגער, ביז זי האָלט נישט אויס און בעט אַ ביסעלע פאַרשעמט:

— נח, דערלאַנג מיר אַ לעפל פּאַסאָליעס... אויב דו האָסט נאָך...

לויפט צו פּאַנדרע און דערלאַנגט איר אויף אַ טעלערל:

— נאַ, נאַ, פאַרטעפּיאַנטשיק, מריינעלע, כ'האָב שיער־שיער נישט אויפגעגעסן, אַ כפּרה זאָל איך ווערן...

— הער זיך אויף צו שילטן! — בייזערט זיך מערע און פאַרזוכט די קאַלטע, אָפּגעשטאַנענע, זויערלעכע פּאַסאָליעס. דער אַפּעטיט פאַרגייט איר גלייך אויפן אָרט. לויט פּאַנדרעס געשמאַקן קייען האָט זיך געדוכט, אַז דאָס האָט אַ טעם גן־עדן... ווו איז אַהינגעקומען דער טעם? נישטאָ. פאַרשווונדן אין דער נאַכט אַריין... ווערגט מערע אַראָפּ אַ פּאָר פּאַסאָליעס פון יוצא־וועגן, און שטופּט אָפּ דאָס טערערל.

— שוין? — וווּנדערט זיך פּאַנדרע — אָט פון אַזאַ אַכלען ווילסטו געהאָלפן ווערן?

אָבער מערע שטופּט שוין דאָס טערערל מיט אַ זויערער מינע. זי זאָגט אים, אַז עס קען איר נישט־גוט ווערן. ער זאָל זי לאָזן צורו...

— אָהה... — מאַכט פּאַנדרע מיט טיפן פאַרשטאַנד. — אַזוי גאָר!... ווי האָלט עס מיט אונדזער זשערעבטשיק?

אָבער מערע דרייט זיך צו אים אום:

— גיי, גיי! בענטש בעסער אָפּ!

גייט פּאַנדרע צוריק צום ברעג טיש, עסט אויף דער ווייבס שיריים, און זאָל זיך דאָס אים אַפילו אַ שלוקעכץ טאָן נאָך אַזאַ גאַנצן טשוהונענעם

טאָפּ מיט אָפּגעשטאַנענע פּאַסאָליעס און נאָך אַ האַלבן אַלט־געבאַקענעם ברויט. ער גיט זיך נאָר אַ רייב בײדע לאַפּעס, פון פראָסט און האָרעוואַ־ניע — צעברענטע און פאַרהאַרטעוועטע דלאָניעס. דער צופרידענער ריב מאַכט אַן אַ רעש, פּונקט ווי מען וואָלט געשײלט אַ געזאַלצענע טאַראַנקע מיט אַ טעמפּן קיך־מעסער: ריץ־ריץ!... און זיין גרונטאָווגע זאַטקייט דריקט נח אויס מיט אַזאַ לויב־געזאַנג פאַרן בענטשן:

— נו, געלויבט דער אויבערשטער! אָפּגעגעסן...

3

ער הויבט אָן צו ברומען. מער אין זיך אריין ווי אויפן קול. פאַנדרע בענטשט...

נאָר די וואַרעמקייט פון שטוב, די נאַענטקייט פון זיין ווייב, און די גוטע פאַרדייאונג צעגיסן זיך אים ווי אַ שלאָפטראַנק אין די אָנגעפּרוירענע, שטאַרקע אברים. ער איז מיד, ווי אַ פערד נאָך אַ טאָג אַקערן. און ער דרעמלט איין, איבערן טיש, מיטן קאָפּ איבער די אָרעמס, שוין ביי דער צווייטער ברכה, ביי „על הארץ ועל המזון..."

...עס אָטעמט זיך און עס כראָפּעט זיך און מען פאַרט!... עס שווימען פערד, האַלאַטשיקעס מיט מילכיקע קאַשע, מערעס קײלעכדיקע באַטעמטע פּלייצעס... און אין מיטן־דרינען רייסט מען אים גאָר איבער, אין רעכטן מיטן זיסקייט:

— נח! נח! בענטש שוין אָפּ און לייג זיך שלאָפן! דיין בעט איז אויסגעבעט.

מערעס קול.

כאַפּט זיך אויף נח מיט אַ ברום און צעלויפט זיך:

— אומהו... אַט־אַט!... „על הארץ וויי, וו... ועל המ... המ::: המזון::::"

אָבער דער דאָזיקער כוח פון אויפכאַפּ און פון צעלויף האַלט נישט לאַנג אָן „מראם־מראם־מראַם־מראַם"... אַזוי בורטשעט אין אים אַ ווײלע נישט קלאָר דאָס ווייטערדיקע, פאַרשווומענע בענטשן און ער אַליין דרעמלט ווידער איין.

...פון בויד קריכט אַרויס אַ גרויסער טאָפּ מיט פעטע פּאַסאָליעס. ער און מערע זיצן קעגנאיבער אין די בלויזע העמדער, מיט הילצערנע נייע לעפל אין די הענט. דער טאָפּ אינמיטן. אַזוי עסן זיי און לאַכן. ער אַ לעפל, זי אַ לעפל. ער אַ לעפל, זי אַ לעפל. דערווײלע־וואָס קיצלט ער זי אין זייט

מיט איין באַרוועסער פוס. צוויי פאַרגעניגנס אויף איין מאָל. אָבער זי וויל נישט, זי שרייט גאָר:

— נח! נח! וואָס פּאַר אַ כּראַפּן ביים טיש! טו זיך אויס!

— האַ? — גיט זיך נח אַ ריס אויף. ער שטאַרקט זיך, ווי אַ לייב. ער האַלט קאָפּ. ס'איז בלאָטע! מען וועט אים פון דרך, ווי אַ בלינדן פערד, נישט אַראָפּפירן. ער געדענקט גוט, אַז ער האַלט נאָך אינמיטן בענטשן. ענטפערט ער מערען ווי אין הינערפלעטס:

— אומהו... אָה!... על הארץ וויי... ועל המזון, מראם־מראם־מראָם:::

— נח! אויסגעבע—עט!

אָן אַקציע היינט מיטן אָפּבענטשן ס'איז א כשוף! ער קען פון שפּאָן נישט אַרויס. ער רייסט זיך צו דער וואַרעמער פערענע און דער כאָמעט, דער „על הארץ ועל המזון", האַלט אים צוריק, סטאָי, ברודער! אָנגעפּרעסן זיך, ווי אַ גוטער גוי, און נישט אָפּגעבענטשט? טפּררררו!!

גיט זיך פאַנדרע אונטער — ביסט געדעכט ווי די וועלט!

— נח! ניי—אָך! בים־באָם, בים־באָם, בים־באָם!

פונוואַנען האָט זיך דאָ גענומען אַ קלויסטער? פון מערען איז גאָר געוואָרן אַ משונה'דיקער גלאָק. און זי וואַקסט נאָך אויס... זי וואַקסט. זי איז דאָך אויף דער צייט, אָן עין־הרע!... מען דאַרף לויפן! מען דאַרף זיך אויסטאָן! די בעט איז דאָך אויסגעבעט! נאָר צוליב וואָס רייסן ביים האַלדז, טרייסלען אים!...

— ניי—אָך! אוי, אוי!

נישט באַשערט געווען פאַנדרען אויסצורוען זיך היינטיקע נאַכט, נאָך אַזאַ פּראָסטיקן טאָג, נאָך אַזאַ האָרעוואַניע, נאָך אַזאַ טאָפּ מיט לעבלעכע פּאַסאָליעס. וואָרום ווען ער גיט זיך נאָכאַמאָל אַ כאַפּ מיטן „על הארץ ועל המזון"... דערזעט ער גאָר, אַז מערע שטייט לעבן אים אין בלויזן העמד, מיט אַ צעשראָקן פּנים, און רייסט אים ביים קאָלנער. און סענדער, זיין שווער, לויפט גאָר פּלוצים אַרויס פון הינטער דעם פּאַראַוואַן אין יאַרמולקע און אין תחתונים. און אויף דער גאַס קלינגט מען! מען קלינגט...

פאַנדרע גיט זיך אַ ריס און אַ שטעל־אויף אויףביידע פיס. נאָר איין רגלע שאָקלט ער זיך נאָך, ווי פון שכרות, און באַלד איז ער שוין אינגאַנצן אויסגעטשוכעט:

— מערע! שווער! וואָס איז דאָס?

— קוים אויפגעוועקט דיך! — שרייט מערע, — דו זעסט דאָך! עס ברענט! אָט־אָט קוק!...

אין די פאַרפרוירענע שייבעלעך, מיט די פראָסט־קווייטן, גלימערט אַ בייזע רויטקייט, וואַקסט זיך פאַנאַנדער, ווי אַ גיפטיקע רויז. דער גלאָק פון קלויסטער ק״ינגט מאוימדיק, און דער רויטער אָפשיין וואַקסט. איינס דערנערט, דאַכט זיך דאָס צווייטע.

פאַנדרע גיט אַ שפרונג אין קאָכשטוב און שלעפט אַרויס זיין האַק פון אונטער דעם מילכיקן בענקל. ס׳איז די האַק פון אַ פאַזשאַרניק. וואָרום פאַנדרע געהערט צו חברה „פרייע פייערלעשער״. און איז איינער פון די בעסטע קלעטערער בשעת אַ שריפה, אויף ברענענדיקע דעכער, אויף היל־צערנע טרעפּן. מיט איין ריס פון פאַזשאַרנעם קרוק לייגט פאַנדרע איין אַ פלאַקערנדיקע בערווענע וואַנט, פליקט אָפּ לאַדנס און טירן ווי זשאַברעס פון אַ געבראָטענעם הערינג. אַז פאַנדרע לויפט אָן אויף אַ שריפה צעכראַ־ברעט זיך אַשקענאַזי, דער לערער, דער שקלאָווער בראַנדמייסטער, מיט גאָר אַ נייער פרישקייט:

— פאָדאָ־וואַי!

דערזעט מע׳רע דעם פאַזשאַרנעם האַק אין נח׳ס האַנט — ווערט איר אַ ביסל קאַלאַמוטנע. וווהין וועט ער דאָס לויפן? אַ נישט־אויסגערוטער, אַ פאַרשלאָפענער. אינמיטן דער נאַכט!

— נח, — הויבט זי אָן צו ציטערן — כ׳ האָב מורא! בלייב אין שטוב!...

— מריינעלע, וואָס רעדסטו? — בעט זיך ביי איר נח, לייגט פאַוואָליע אַוועק דעם האַק, הויבט אויף זיין האַלב־נאַקעטע ווייב, ווי אַ פעקל וואַטע, אויף די אָרעמס און לייגט זי אַריין צוריק אין בעט, דעקט זי איין. — „וואָס רעדסטו?״ — בעט ער זיך ביי איר ווייטער און כאַפּט אויף זיך אַרויף די אַלטע פאָליאָווקע. — יידן ברענען. מען מוז געבן ראַטונעק, און דו —

פון גאָס קאַראַבקעט זיך אַריין ר׳ סענדער מיטן פעלץ איבער די תחתונים און מיט די וואַליקעס אויף די באָרוועסע פיס און זאָגט, אַז ס׳דאַכט זיך אים, עס ברענט ביי די יאַטקעס, דאָ גאָרנישט ווייט, דריי גאָסן פונדאַנען, ביים נייעם נגיד, דאַכט זיך...

— ביים נייעם נגיד? שרייט אויף פאַנדרע. — אוי וויי, שווער! איך האָב אים דאָך אָקאָרשט געבראַכט אין בויד פון אָרשע... מיין „שודאַק״!

און פאַרגעסנדיק אָן ווייב און שווער, אָן שלאָף און בענטשן, לאָזט ער זיך לויפן דורך דער שטוב־טיר אין פירהויז אויף פראָסטיקער, בלוי־טונקעלער גאָס. די שווערקייט פון פאַזשאַרנעם האַק אין דער האַנט גיט אים צו מער פרי־שקייט, מער האַסטיקייט, לויפט ער, אין די ברייטע, נישט

באַקוועמע שטיוואַלעס פון וועג, אַזוי לייכט ווי אַ ייִנגל. ער לויפט ראַטעווען זיין „שודאַק". ער איז באַלויכטן מיט דעם בייזן אָפּשיין פון דער שריפה און איז באַוואָרפן מיט טומלדיקע און שווערע בים־באָמס פון קלויסטער־גלאָק... עס הודזשעט שוין ערגעץ־ווו, גאָרנישט ווייט. אויף דער צווייטער גאַס הערט שוין כּאַנדרע, אַז מען שרייט גאַנץ דייטלעך:

— עס ברענט !... פּאָזשאַ—אַר !

— ביים נייעם נגיד ! ביים נייעם נ—אָ—גיד !

א „מורקע"

1

שטאַמען שטאַמט דער שקלאָוור נייער נגיד פון אַן אָרעמער משפחה, און רופן האָט מען אים אַמאָל גערופן: „חיימקע דער תבואה־הענדלער". געווען איז ער אַ ייד אַ קבצן, אָבער אַ געזונטער, אַן אַדערדיקער מיט אַ געדיכטער קוטשמע האָר און מיט אומרואיקע אויגן, וואָס זוכן שטענדיק פּרנסה. ווען מען צו געבן עסן איז גראָד געווען. אַ גרויסע כאָפּטע קינדער מיט פאַרגרעבטע פּנימער און מיט קויטיקע האָר האָבן זיך אַרומגעדרייט אין שטוב. האָט מען געהאַנדלט, מיט וואָס ס'האָט זיך געמאַכט. נישט דווקא מיט תבואה. ס'רעדט זיך נאָר אַזוי — „חיימקע דער תבואה־הענדלער". מ'האָט געהאַנדל'ט מיט ליקעס, מיט חזיר־האָר, מיט שוועמלעך, מיט פלאַקס, מיט מאָן, מיט אוגערקעס. און דאָס אַלץ האָט נישט געקלעקט צו געבן עסן צו־זאַט אַ ווייב און אַ גוזמא מיט מיידלעך און יינגלעך. אין חדר פלעגן זיינע קינדער קומען אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, צע־שראָקענע פון זייער אָרעמקייט און פון דער חוצפּה פון באַלעבאַטישע יינגלעך, וואָס גייען אין גאַנצע מייטקעס. זיי האָבן זיך שטענדיק געטוליעט אין די ווינקעלעך. נאָר ס'האָט נישט געהאָלפן. אַז דער רבי ווערט אין כעס, שמייסט ער די באַלעבאַטישע תלמידים פון יוצא־וועגן, און צו זיי, צו חיימקע דעם תבואה־הענדלערס יונגאַצל, לאָזט ער אויס דאָס גאַנצע האַרץ, די גאַנצע היץ פון זיינע „לאָקשן"...

נישט־פאַרגינער דערציילן אַפילו, אַז מחמת גרויס אָרעמקייט האָט די חיימכע, די שפּעטערדיקע נגידת'טע, געלאַטכנט, איינמאָל פרייטיק, אַ פישל אין מאַרק און פאַררוקט אין קאָשיק. און די פיש־יידענע האָט זי געפּאַקט, אַרויסגעשלעפּט דאָס געלאַטכנטע פישל מיט גרויס חרפּה

און געטוקעט דער חיימכע אין פּנים מיט דעם שליימיקן שנוק פון פיש, אויסגעשמירט איר נאָז און באַקן, און די שפיכת־דמים איז געווען גרויס. פון גרויס עגמת־נפש האָט זיך ביי דער חיימכע צעגאָסן די גאַל. אַ קראַנקע געלקייט האָט זיך געלייגט איבערן געזיכט און אין די ווייסלען פון די צעשראָקענע אויגן. אַ לאַנגע צייט איז עס געשטאַנען אויף איר הויט ווי קינס שטעמפּל: „אָט גייט זי, די, וועלכע מען האָט געשלאָגן אין פּנים מיטן געגנבעטן פישל!...״

און מיטאַמאָל איז געשען אַ נס. דער אויבערשטער אַליין האָט מער נישט פאַרטראָגן דעם צער פון דער חיימכע און אָפּגערעכנט זיך מיט אַלע אירע באַליידער. אירער אַן עלטערער ברודער, וואָס איז אַמאָל אַוועק פון דער היים, איז געשטאָרבן אין אַמעריקע און איבערגעלאָזן זיין אייניקער שוועסטער אַ ירושה, אַ שווערע מטבע. גערעדט האָט מען, ווי דער שטייגער איז, פון „מילי־מיליאָסן״... נאָר געזירשנט האָבן די חיימכע און חיים דער תבואה הענדלער — אוודאי דרייסיק טויזנט רובל, אויב נישט מער.

אין משך פון צוויי־דריי יאָר זענען געשען גרויסע וווּנדער. פון חיימקען איז געוואָרן „ר׳ חיים, דער נייער נגיד״, און פון זיין אַלטער הייזקע, אַנטקעגן די יאַטקעס, איז, ווי פון אַ שוואַרצן, פאַרפוילטן קערן, אויסגעוואַקסן אַ גרויסע נייע שטוב מיט צוויי געווייסטע קוימענס, מיט גרינע פענצטער־לאָדנס און מיט אַ גרינעם גאַניק. אין שטאַקעטל *), פאַרן שטוב, האָבן זיך זומער געבליט געלבע און רויטע בלימעלעך; אין ווינטער־צייט זענען אין די טאָפּעלע פענצטער געווען אַריינגעשטעלט, נישט פּימפּערלעך מיט זאַלץ, אָדער גלעזלעך מיט לויט־עסיק, ווי ביי אַלע באַלעבאַטים, נאָר דווקא כל־ערליי ליאַלקעלעך, מיט צאַצקעלעך, מיט בהמה׳לעך און הירשעלעך. אַלע אויסגעבעקט אויף גרינעם מאָך, אָדער אויף ווייסער וואַטע, צווישן פּאַפּירענע בלומען... דאָס, וואָס אַנדערע באַלעבאַטים פאַרגינען זיך נישט אויסצושטעלן אַפילו אין די גלעזערנע אַלמערס, לעבן די פּסחדיקע בעכערלעך, האָבן זיך ר׳ חיים און די חיימכע פאַרגונען אויסשטעלן אין די דאָפּלטע פענצטער... ניין! וואָס אַ נייעם נגיד קען איינפאַלן! אַפּנים ס׳האָט זיך ביי אים פון גרויס ווויל־טאָג גערירט אַ קליאָפּקע אין מוח...

די אמתע הנאה פון דער דאָזיקער מענאַזשעריע, אין די טאָפּלטע

---

* פּאַליסאַד.

פּענצטער, האָבן געהאַט שקלאָווער חדר־יינגלעך. גאַנצע שעהן האָבן זיי געקענט אָפּשטיין ביי דעם הויז פון דעם נייעם נגיד. די פנימלעך אַריינ־געשטעקט צווישן די גרין־געפאַרבטע, שיין־פאַרפוצטע פלעקענער אין שטאַקעט. די געפרווירענע נעזלעך רינען און די נייגעריקע אויגעלעך קוקן און קוקן און קענען זיך נישט אָנזעטיקן... אָבער די קינדער פון דעם נייעם נגיד האָבן נאָך נישט פאַרגעסן דאָס אמאַליקע אָפּלאַכן פון זיי, אין די באַלעבאַטישע חדרים, דאָס צופּן זיי פאַר די קויטיקע האָר, דאָס אָנטרעטן זיי אויף די לעכערדיקע שיך... רעכענען זיי זיך אַצינד אָפּ מיט אַלע יינגלעך, מיט זייערע אַמאָליקע חברימלעך. זיי פאַרגינען נישט זייערע אַמאָליקע פייניקער, יענע זאָלן הנאה־האָבן פון אַזאַ אומזיסטן „טריאַטער", פון אַזאַ אויסשטעלונג אין ז י י ע ר ע נייע פענצטער. עפענען זיי אויף שטילערהייט אַ פאַרטקע, הינטער די שיינע ווייסע פאַרהאַנגען, און טרובען אַרויס אויף דער גאַס:

— אַוועק פון דאַנען, שלעפּער!

און פאָלגט מען נישט, דאַן פליען אין קאָפּ שאָלעכץ פון אייער, ווע־רעמדיקע אַרבעס וכדומה נאָך אַזעלכע מיני „קאָנפעטיע". אַך, יאָ! די חוצפה איז ווי אַ הונט. ווו ס'איז דאָ מער צו עסן, אַהין לויפט ער... פריער האָט מען מיט זיי, חיימקע דעם תבואה־הענדלערס קינדער אַזוי געטאָן; היינט זענען זיי, ר' חיים דעם נייעם נגידס קינדער, און טוען דאָס מיט אַנדערע... יאָ. היינט זענען זיי שוין אויסגעפּוצט אין נייע מייטקעלעך פון גוטן שעוויאָט און אין טונקל־בלויע מאַטראָזקעלעך מיט ווייסע קאַנטן און אין קאַפּעלייּשלעך מיט פאַרביקע שפּרענקעלעך. אַ רובל, זאָגט מען, אַ קאַפּעליושל האָט די נייע נגידיתטע געצאָלט אין מאָהליוו אין אַ נייעם מאַגאַזין, באַלד ווי מען גייט אַראָפּ פון פאַרעכאַד.

יאָ, אויסגעפּוצט זענען אַצינד דעם נייעם נגידס קינדער ווי די פרינצן, אָבער דערפאַר איז זיי אָפּגעקראָכן די געזונטע פאַרברענטע פאַרב פון פנים. די פנימלעך האָבן זיך ביי זיי אויסגעצויגן, די שלייפן איינגעפאַלן, און בלויע אָדע־לעך האָבן זיך באַוויזן אויף די פאַרבלאַסטע גבירישע נעזלעך. נישט פאַליובעט האָט זיי, אַפּנים, די נייע נגידישקייט פון טאַטע־מאַמע. די נייע כעטע קעסט האָט זיי, ווייזט אויס, פאַרשאַדט. זעט מען טאַקע, אָפּטמאָל, דעם גויעשקן סטאַראָזש פון דעם נייעם נגידס הויף, ווי ער לויפט אַ פאַ־סאָפּעטער אין אַפּטייק און צוריק. מען שטעלט אים שוין מער נישט אָפּ און מען ציט אים נישט נייגעריק ביי דער צונג אין אַ גע־בראָכענעם פויער־ישן רוסיש. מען ווייס שוין ברוך־השם, אַז ס'איז גאָרנישט.

ביים נייעם נגידס קינדער האָבן זיך צעשפּילט די בייכעלעך פון דער נגי־דישער קעסט. מער גאָרנישט.

2

ביי ר׳ חיימען אַליין האָבן גענומען אויספאַלן די האָר. די „לבנה״ האָט גענומען אויפגיין אין זיין פריערדיקער געדיכטער קוטשמע. ביז ס׳איז געוואָרן אַ פליך, גאָר אַ געהויבענער פליך! אַ גלאַנציקער און אָן אומ־אָנגענעם־בלאָסער, ווי ביי אַ מענטשן, וואָס ליידט אויף אַ געוויסער יידישער חולאת. אָבער, פונקט ווי אויף צו־להכעיס אַלע באַלעבאַטים פון גאַס און צו־להכעיס דעם פליך, האָט ער גענומען אָרומשפּאַצירן פאַרן שטוב אָן אַ היטל, אין בלויזן כאַלאַט. אויסגעשטעלט, אַזוי צו זאָגן, דעם פרומען הימל די איבערגעקערטע, מילכיקע און נאַקעטע „שיסל״ פון קאָפּ. אָט אַזוי וויל איך, ר׳ חיים, דער נייער נגיד, און טוט מיר עפּעס!

געזאָגט האָט ער אַפילו פאַר לייטן, אַז דער דאָקטאָר האָט דאָס אים געהייסן, מחמת ער, ר׳ חיים נגיד, זיצט אַצינד צופיל אין שטוב אויף איין אָרט. אָנשטאָט אַרומצולויפן אַ פאַרשמייעטער, אַ פאַרשוויצטער ווי פריער, אין זון און אין ווינט און אין רעגן... האָט דאָס אים פאַרשאַדט. ליידט ער דערפאַר שטענדיק אויף קאָפּ־ווייטיק, „מיגרענע״ — אַזוי רופט דאָס אָן דער דאָקטאָר. אָבער באַלעבאַטים האָבן פאַרט נישט געגלויבט: „נאַ דיר גאָר אַ נייע מין רפואה! גיין אָן אַ היטל איז שוין אויך אַ רפואה! אַ רפואה צו גויעשקייט אפשר... נאָר אָט, אַלע גוים גייען דאָך אָן היטלען און האָבן פונדעסטוועגן גויעשקע קעפּ״.

ניין. ס׳איז געוויס נאָר אויף צו־להכעיס. וואָרום אויב נישט אויף צו־להכעיס, וואָלט ער דען גענומען אַ גוי אַ משרת אין שטוב אַריין. וואָס איז? אַ יידישע דינסט־מיידל איז אים ווייניק! אַזאַ בריה, ווי זי איז — ריקליע, דעם נייעם נגידס דינסט־מיידל! ס׳איז נאָר מחמת גנידישקייט, מחמת בלאָזעניש... מחמת דעם זעלבן טעם האָט ער, דער געוועזענער תבואה הענדלער, אויסגעווייסט די קוימענס איבערן דאַך... וואָס איז? פון אַ רויטן קוימען גייט דען נישט קיין רויך?... אַלאַ וואָס דען? גאָרנישט! נאָט אייך ווייסע קוימענס און פלאַצט!... שאַ! און צוליב וואָס, איך בעט אייך, האָט זיך דער נייער נגיד גענומען פוצן, אינמיטן וואָך, אין אַ שוואַרצן ראָק מיט אַ שפּענצער און מיט העלע געפּאַסקעטע הויזן? און צוליב וואָס האָט ער גענומען רויכערן פאַרטיקע פּאַפּיראָסן מיט פּראָבקעס, וועלכע

ער טראָגט צו צום מויל זייער פּאַרזיכטיק און זייער נגידיש. מיט דער גאַנצער פלאַך פון דער דלאָניע?... איז שוין קיין קשיה נישט, וואָס ער האָט אַריינגענומען אין שטוב מיכאַלקען, אַן אויסגעדינטן גויעשקן יון. ס׳איז קלאָר, ווי דער טאָג, ס׳איז אַלץ מחמת גאוה, אַלעמען אויף צו־להכעיס!...

גאָס און מאַרק האָבן געקייט און איבערגעקייט דעם גויעשן משרת ביים נייעם נגיד און נישט געקענט פאַרדייען. נישט געקענט פאַרשטיין דעם שׂכל, צוליב וואָס מוז דאָס אויסגיסן די פּאָמעניצעס, אויפקלאַפּן די פּערענעס, אויסבעטן דער בהמה, אויסלופטערן די בגדים, דווקא אַן אויס־געדינטער יון?... פון פאַרדרוס האָט מען גענומען רעדן, אַז ביים נייעם נגיד אין שטוב פאַרמוטשעט מען דאָס דינסט־מיידל. וואָרום אַ גאַנצן טאָג ברענט זי זיך דאָך, נעבעך, אין קיך, קאָכט און באַקט פּאַר די נגידישע בייכלעך, הינדעלעך און לאָטקעלעך און יאָכעלעך. אָט וויפל אין שטוב קעפּעלעך, אַזוי פיל פענדעלעך און טעפּעלעך, בלינטשיקלעך מיט געבאַקטע עפּעלעך. פון טאַטע־מאַמע שוין אָפּגערעדט... דאָס דינסט־מיידל פאַרשילט זיך פּשוט די יאָרן פון אַזאַ קוכמייסטערסקע... אַזוי האָט מען דערציילט מכּוח דער אַכילה, און מכּוח דאַוונען — נישט קיין פריילעכע זאַכן. אינדערוואָכן שטייט אים נישט אָן, דעם נייעם נגיד, צו גיין דאַוונען מיט דעם ערשטן, צי מיט דעם צווייטן מנין — נאָר שבת! שבת טוט ער אַ טובה גאָט און שטאָט, און קומט צוגיין מיט די געפּאַסקעטע הויזן אין דער מתנגדישער שול. און דאָס אויך נאָך שחרית... פריער, ווי צו מוסף שטייט אים נישט אָן!... מען האָט אַפילו דערציילט, אַז ער שיקט זיין אויסגעדינטן יון פרעגן ביים אונטער־שמש, ווו מען האַלט אין דאַוונען... און אַז איינמאָל, שבת פּאַר מוסף, איז דער ערל געקומען צו לויפן צום נייעם נגיד אַ פּאַרסאָפּעטער:

—זשיוואָ כאָזיאַאין! אוזשע קילטשוט מעניע אי טאַביע!*)

— וואָס הייסט? — האָט זיך דער נגיד פאַרוווּנדערט — ווער רופט דאָס אונדז?

— ספּיוואָק! — האָט אים דער ערל דערקלערט — מיכאַלקאָ אי חיים!

דאָס האָט געזאָלט הייסן, אַז דער חזן זאָגט שוין איבער די שמונה־עשׂרה פון שחרית און ער האַלט שוין ביי „מכלכל חיים“...

מיט דער נייער נגידיתטע אַליין, מיט דער חיימכען, איז עס אויך

---

* גיכער, באַלעבאָס, מען רופט שוין מיך און דיך!

נישט בעסער געגאַנגען. זי האָט זיך אַפילו געגאָסן גאָלד אין האַלדז, גע־וואָרן דיק ווי אַ באַק־דייזשע, אָבער דער פּנים איז איר דערפון ווייסער נישט געוואָרן. די מאַטע געלקייט פון אַמאָל, זינט דער מעשה מיט דער געגנבעטער פישל, זינט די שפיכת־דמים אינמיטן מאַרק, איז איר פון אונטער דער הויט נישט אַוועק. חישין דעם דאָקטאָרס פּאַיעטאַנדל, בלייבט שטיין פּאַרן נייעם נגידס שטוב צוויי מאָל אין דער וואָך. אַלע מאַנטיק און דאָנערשטיק. דאָס היילט, דער יונגער דאָקטאָר, די גאַל ביי דער נייער נגידיתטע. ער וויל זי מאַכן שענער מיט כלערליי רפואות, און עס העלפט נישט. דער פּנים ביי דער חיימכע ווערט אַלץ געלער און די אויגן פינצטערער. די ירושה האָט איר נישט פּאַליובעט, אַזוי ווי חיימען, איר מאַן, אַזוי ווי די קינדער זייערע. „אָט... אַזוי ציען שקלאָווער בייזע צינגער אַ מוסר־השכל, געווען ציין איז נישט געווען קיין ברויט; אַצינד זענען דאָ געבראָטענע אינדיקעס, איז נישטאָ קיין ציין, קיין לייב און לעבן... אך, טאַטע־ליבער, פאָטער־זיסער!״.

3

איינמאָל, אינמיטן ווינטער, שבת פאַר מוסף, איז מיכאַלקע, דעם נייעם נגידס גויאישקער משרת, אַריינגעלאָפן אין דער מתנגדישער שול און האָט אָנגעמאַכט צווישן די דאַוונער אַ גאַנצן האַרמידער. דאָסמאָל האָט ער נישט געפרעגט ביים אונטער־שמש, ווו דער „ספּיוואַק״ האַלט אין דאַוונען. ניין. דאָסמאָל האָט ער, אין נאָמען פון נייעם נגיד און אין זיין אייגענעם כשרן נאָמען, געבעטן ראַטונעק... דהיינו: לאַנגע האַנטוכער, וואָרום אַזעלכע לאַנגע האַנטוכער, ווי אין בית־מדרש, זענען ביי באַלעבאַטים אין גאַנץ שטאָט נישטאָ... אויף וואָס, אַ שטייגער, דאַרפסטו, מיכאַלקע און דיין כאַזיאַאין בית־מדרש האַנטוכער?... דעם כאַזיאַאינס בהמה איז געפאַלן!.. ערשט נעכטן ביינאַכט האָט זי זיך אָפּגעקעלבט און היינט קאָן זי מער נישט שטיין אויף די פיס...

די נייעס האָט אַ ביסל אָפּגעפרישט די געמיטער פון די מתנגדישע דאַוונער, וואָס זענען שוין געווען אַ ביסל מיד פון דעם איינטאָניקן מורמלען אין סידור, פון דער שטאַרקער וואַרעמקייט אין שול. דעם נייעם נגידס בהמה איז געווען אַ שם־דבר אין שטאָט, אָט די גרויסע פעטע בהמה פון טיראָלער פּאַראָדע, אינגאַנצן אַ ברוין־רויטע ווי נוס, מיט איין ווייסן פלעק אויף דער בהמה׳שער צורה, מיט די קורצע שטאַרקע הערנער און מיטן

דאָפּלטן גאַידער פון אַן אַלטער גבירה, מיט די שווערע אָנגעגאָסענע ווייס־ראָזעווע אייטער און מיט די קליינע פעסטע ציצן, איז אַלעמען געווען באַקאַנט. שקלאָווער נישט־פאַרגינער האָבן דער זעלבער בהמה שטענדיק נאָכגעקוקט מיט שאַרפע אויגעלעך אויף „טאָמער יאָ״... אפשר וועט דאָרט געלינגען צו געבן דער בהמה די אמתע עין־הרע, זי זאָל אויפהערן צו גיסן מיט מילך און פוטער אין די האַלאַטשיקעס פונעם נייעם נגיד... נאָר עס האָט זיך קיינמאָל נישט איינגעגעבן. ריקליע, די יידישע דינסט־מויד, וועלכע איז אירע באַלעבאָטים געטריי, ווי אַ הונט, גייט אַלעמאָל אַרויס מקבל פנים זיין די טיראַלער בהמה, ווען יענע קומט פון סטאַדע, און פאַרשטעלט איר די פולע אייטער מיטן ברייטן פאַרטוך; שפּייט אַפילו אָפּטמאָל אויס פון סגולה־־וועגן... און אָט! פלוצלונג אינמיטן שבת! מנא... עס האָט זיך, ווייזט אויס, סוף־כל־סוף פאַרט איינגעגעבן, אַז שטאָט זעצט זיך אַן אויף אַ בהמה צו געבן איר אַן עין־הרע, מוז עס סוף־כל־סוף האָבן אַ שטיקל פעולה. וואָרום אָט האָט זי זיך אָפּגעקעלבט און געבליבן ליגן!...

וויבאַלד שטאָט האָט אויסגעפירט, האָט מען שוין קיין האַנטוכער נישט געזשאַלעוועט. נישט נאָר דער אונטער־שמש אַליין האָט זיך באַטייליקט אין דער הייסער מצוה פון „עזוב תעזב עמו...״ *) אַלע אַרום מיכאַל־קען, האָבן געהאָלפן אויפזוכן האַנטוכער, די פייכטע, גענוצטע, צווייקלאָפּטער־לאַנגע האַנטוכער פון שול, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט אשר־יצרס און מיט שמעק־טאַבאַק פון אַ סך הענט. קלייבן טוען די גענוצטע האַנטוכער אין אַ פינצטערן, שטויביקן לאָך הינטערן בעלעמער. פונדעסטוועגן האָט קיינער נישט געזשאַלעוועט איינצושמירן די לכבוד־שבת געוואַשענע הענט. נו, עס פאַרשטייט זיך, אַז יעטוועדער ייד, וועלכער האָט אַרויסגע־שלעפּט אַ פייכטן האַנטוך פון הינטערן בעלעמער, איז דורך דעם אַליין געוואָרן אַ קאַנדידאַט צו לויפן ראַטעווען דעם נייעם נגידס בהמה. איז מען געלאָפן נאָך מיכאַלקען, איבער דער גאַנצער גאַס, מיט אַרויסגע־שטרעקטע ציינגער און מיט לאַנגע בית־מדרש־האַנטוכער אין די הענט. און ווייבער, אין שבת׳דיקע קאָפּ־טיכלעך, מיט אַ ברענענדיקער נייגע־ריקייט אין די אויסגעשטאַרטע אויגן, זענען אַרויסגעלאָפן פון טירן און טויערן און נאָכגעשריגן:

— יאָשע! בעניע! אָרע! מלך! פיניע!

---

* אין אַ פסוק אין חומש: אַז אַ בהמה פאַלט ביים צווייטן, אַפילו ביי אַ פיינט, איז אַ מצוה צו העלפן אויפהויבן זי.

— וווהין לויפט מען דאָס עפּעס?
— פאַר וועמען האַנטוכער?
האָבן די מצוה־יידן, לויפנדיק, געשטילט דעם ווייבערישן דורשט:
— ששש־אַ!
— דעם נייעם נגידס בהמה ז'געפאַלן!
— קען זיך נישט אויפהויבן!
— געקעלבט זיך און.. ששש־אַ!
— די טיראַלער בהמה!
און ווייטער געלאָפן זייער פאַרהאַוועט, נאָכשלעפּנדיק נאָך זיך די פייכטע בית־מדרש־האַנטוכער איבערן שנייי.
אין דער גרויסער האַלב־טונקעלער שטאַל, אויף אַ הויפן פרישן שטרוי, איז געלעגן די יולדת, נעבעך, דעם נייעם נגידס בהמה. ווי אַ באַרג פלייש איז זי געלעגן, אַ טרויעריקע, אַ מאַטע. דער ווייסער פלעק אויף איר בהמהשער צורה האָט איר צוגעגעבן אַן אויסדרוק פון איבערגעשראָקנקייט. פון אָט דער מאַמקע פון בלאַסן־שרעק, האָבן נאָר אַרויסגעקוקט אַ פּאָר גרויסע פאַרנעפּלטע מאַמע־אויגן... מיט אַ שטומען קוק פון אַ „פאַרביי־איקער", האָבן די דאָזיקע פאָר אויגן געקוקט צום רויטן בייקעלע, וועלכער סטאַרעט זיך אַוועקצושטעלן אויף די דינע ציטערדיקע פיסלעך און קאָן נישט. ווי פון יוצא־וועגן האָט די בהמה אָפּטמאָל אַרויסגעשטעקט די לאַנגע צונג. געפרוווט אַ לעק טאָן איר ניי־געבוירענעם נפש, אַ גלעט טאָן אים כאָטש איין פיסל... און נישט דערגרייכט. האָט זי מיט אַ טיפן בויך־זיפץ צוריק אַריינגעצויגן די שליימיקע צונג, פאַמעלעך, אָן כוח, ווי איינער זאָגט: „פאַרשפּילט די וועלט..." און ווייטער געקוקט אויף איר בן־יחידל מיט אַ מענטשלעכן צער אין די מוטנע אויגן. געזעגנט זיך, דאַכט זיך שטומערהייט מיט איר ניי־געבוירענעם, וואָס דאַרף באַלד ווערן אַ יתום; פון דער מאַמעס בויך איינער אַליין אויף דער וועלט... אר־הו־וף!...
אָט דער שטומער צער, באַגלייט מיט די בהמהשע זיפצן, האָט צע־נומען אַפילו די נישט־פאַרגינער, וואָס זענען אָנגעלאָפן איי־וווּנדער. די גראָבע נייגעריקייט האָט זיך באַלד אויסגעוועפּט, און אַלע האָבן, אין איילעניש, געגומען צוזאַמענבינדן די עקן האַנטוכער; איין בית־מדרש־האַנטוך צום צווייטן. מיכאַלקע, דער ערל, האָט קאָמאַנדעוועט, און שבת'־דיקע יידן האָבן געפאָלגט. ער, מיכאַלקע, איז דאָך עפּעס פאַרט אַ מענטש פון דאָרף און ווייסט בעסער, ווי צו געבן ראַטונעק קראַנקע בהמות.
די צוזאַמענגעבונדענע האַנטוכער האָט מען דורכגעצויגן דורך דער

קראָקווע פון שטאָל און אונטער דער בהמהס אויפגעלאָפּענעם בויך, און אַזוי אַרום געגומען זי הויבן, מיט פּאַראַייניקטע כוחות, אויף די בית־מדרש־האַנטוכער, ווי אויף ברייטע פּאַסן. מען האָט אַזוי לאַנג געצויגן, ביז די קראַנקע בהמה האָט זיך גערירט פון איר טרויעריקן געלעגער און גענומען ביסלעכווייז פאָרן אין דער הויך, ביז זי איז געבליבן שטיין אויף אירע שוואַכע קלאָען. עס רעדט זיך אַזוי: „געבליבן שטיין...״ אייגנטלעך איז זי געבליבן הענגען אין דער לופטן נאָכגעבנדיק, גלייכגילטיק, די שבת׳דיקע יידן צו טאָן מיט איר גרויסן גוף אַלץ, וואָס זיי ווילן. נאָר אירע אומעטיקע מאַמע־אויגן האָט זיך נישט אָפּגעקערט פון איר בייקעלע, וועלכער האָט זיך טיפּשעוואַטע געשטופּט מיט זיין נישט־זיכערער מאָר־דעלע אין אירע שווערע אייטער און זיך אַלץ נישט געקאָנט קיין עצה געבן, ווי צו זויגן, ווי צו לעבן אויף דער וועלט אָן דער מאַמעס הילף...

אַז די בהמה איז געבליבן הענגען אויף די ברייטע האַנטוכער, האָט מען זיך גענומען פרעגן: וואָס טוט מען ווייטער? דער נייער נגיד מיט זיין בכבודיקן פליך אַליין און די נגידיתטע מיט איר גאַליקן פנים זענען אָנגעקומען אין שטאָל מבקר חולה זיין זייער טיראָלער בהמה. האָבן אָנגעלאָפענע שבת׳דיקע יידעלעך און יידענעס, מיט אַ נייער פרישקייט, גענומען אַרומפאָרען אַרום דער הענגענדיקער קו און אַרום אירע פאַר־זאָרגטע באַלעבאַטים. און עצות האָבן זיך גענומען שיטן פון אַלע זייטן. יעטוועדער איז געוואָרן אַ ידען אין בהמה׳שע חולאתן, אַ געניטער וועטע־רינאַר.

— אַ קוואָרט געקאָכטע האָבער זאָל מען איר געבן אויף אַן אַלטער זאַסלינקע!

— אַ לוסטע ברויט מיט סאַזשע!

— וואָס באַלעבאַטשעט איר? די ערשטע מילך דאַרף מען איר אָפּמעלקן און באַשמירן די אייטער און אויערן!

— עס זענען באַבסקע סגולות! די בעסטע זאַך — אַ חלבנע ליכטל אין דער „פּאָדכוואָסטניצע״!

— קאַראָסין איז בעסער! דאָס טרייבט דעם שתן!

— מ׳וואָלט געדאַרפט קריגן אַ לעבעדיק מייזל... די בהמה זאָל זיך דערשרעקן. זי זאָל אָפּגיין מיט „קאַל״... איז זי אַ געהאָלפענע!

— ווי געפעלט אייך אַ רפואה? אַ מעוברתע יידענע וועט איר שרעקן מיט אַ מייזל, נישט אַ בהמה!

— ווער פרעגט אייך?

— וואָס שטופּט איר זיך?

צעהיצטע עצות־געבער זענען שיער נישט פאַרפאָרן איינער דעם צווייטן אין די בערד, געכראַבּרעט זיך מיט בהמהשע קענטעניש פאַרן נייעם נגיד מיט זיין חיימכע, ביז מיכאַלקע, דער אויסגעדינטער יון, דער אַמאַליקער פויער, איז אַרויס פון די כלים:

— דאַסיטש, דזשאַדי! — האָט ער זיך צעשריגן — לאָזט אַצינד די סקאָטינע צורו! מען דאַרף איר געבן אַ לעבלעכן טרונק אי דאַסיטש!*)

וואָלט זיך אפשר דערמיט געענדיקט די גאַנצע בהלה. דאַרף אָבער אַ נישט־גוטער אָנטראָגן פון אַ הינטער־גאַס שמחה׳לע טורערו, דעם קצב, מיט דעם באַראַשקענעם שפּיציקן היטל, וועלכע ער טראָגט איבער די אָפּגעביסענע אויערן, סיי ווינטער סיי זומער. ער האָט דערזען דעם געלויף און, ווי אַ וואָלף, דערשמעקט פונדערווייטנס אַ קראַנקע קו, אַ גוטן פאַר־דינסטל אויף דער פולער וואָך... איז ער אַריין אין שטאַל מיט אַ ברומיקן גוט־שבת און מיט אַ פּייערדיקן קוקעלע... נאָר רעדן גלייך פון פאַרקויפן די בהמה, פאַר האַלב־געלט אויף שחיטה, האָט ער נישט געקענט. ערשטנס, איז דאָך נאָך שבת אויף דער וועלט. און צווייטנס, האָט ער פון דער פּראַקטיק געוווּסט, אַז מיט באַלעבאַטים טאָר מען גלייך אויפן שטעל נישט רעדן פון אַוועקקוילענען אַ בהמה, אַ מילכגעבערין. מיט נייע נגידים, אוודאי און אוודאי נישט. האָט ער זיך נאָר באַלעקט, ווי אַ וואָלף הינטער אַ הויכן צוים מיט ציגן... מיכאַלקעס עצה מיט דעם לעבלעכן טרונק איז אים בכלל נישט געפעלן געוואָרן. ער קען אים נאָך, דער ערל, קאַליע מאַכן ביז הבדלה דעם גאַנצן געשעפט... האָט ער גענומען „דרייען מיט עק״ פאַר דעם נייעם נגיד מיט דער נגידיכע אין שטאַל, פאַרשטעלט זיך פאַר אַ גרויסן פאַרזאָרגער פון קראַנקע בהמות:

— וואָס דרייט ער אייך, ר׳ חיים, אַ כאַליאַווע! — האָט ער זיך צעברומט מיט זיין וועלפּישן קול, און אָנגעוויזן מיט זיין אויג אויף מי־כאַלקען, — ר׳ גרשונען דאַרף מען רופן! ר׳ גרשון „קעלבערנע יאַצרע״... ער איז דאָך עפּעס אַ רופא פון בהמות... אַ טעווע... אַ „וועטענאַר״ רופט מען דאָס... ווו וווינט ער? שאַ! באַלעבאָסטע, אָט לויף איך אים שיקן צו אייך, אַהערצוצו... אָט־אָ, באַלעבאָסטעצקע... אָט לויף איך שוין..

* און גענוג.

4

די נייע נגידיתטע, מיטן זויערן פּנים, איז דאָך נישט מחויב צו וויסן, אַז גרשון־קעלבערנע־יוצרע איז יד־אחת מיט אַלע קצבים אין שטאָט, אַז ער „דינט זיי צו” ביי קראַנקע בהמות... כאַפּן די קצבים אַ גוט פּאַר־דינסטל נאָך אַזאַ אייליקער שחיטה — קריגט אויך גרשון־יאָצרע אַ פּאָר גילדן, אַ פונטלע פלייש אַ צוגאָב, אַ שטיק לונג־און־לעבער, אַ האַלבן מילץ. און דערפאַר טאַקע האָט ער ביי די קצבים אַליין אַ צונעמעניש „יאָצרע”, ווייל ער ציט זיין שלימזלדיקע חיונה פון בהמהשע און קעלבערנע יוצרות...

דאָס איז אַ הויכער, איינגעבויגענער ייד, פון אַ יאָר זעכציק, מיט אַ הויכן, איינגעבויגענעם שטעקן אין האַנט, מיט זייער אַ מיאוס פּנים פון אַ באָבע־יאַכנע, צעקנייטשט און כמעט אָן אַ באָרד. אַזוי שיטער זענען די עטלעכע סיווע הערלעך, וואָס זענען אים צעשאָטן איבער די אַראָפּ־הענגענדיקע באַקן און איבער דער געמבע. זיי זענען אַזוי קויטיק, ווי זיין פּנים, די סיווע הערלעך, און זעען זיך דערפאַר נישט שטאַרק אָן פונדערווייטנס... זיי מאַכן אים נאָר דאָס פּנים אַנגעשוואָלענער. אָפּגע־לעבטער ער טראָגט אַ לאַנגע פאַרסמאָרדעטע קאַפּאָטע פון אַן אומבאַקאַנטן שטאָף און פון אַן אומבאַקאַנטן שניט, איבערגעכאַפּט מיט אַ דינעם גאַרטעלע, אַ פאַרשמאָלצעוועט היטל מיט אַ צעקרימטן קאַזיראָק. בשעת ער גייט, קוקן זיינע שלאַנגישע אויגלעך נאָר אויף דער ערד, און זיין יענטעוואַטע פּנים איז דערביי אָנגעשטרענגט מיט אַ מינע פון אַ מענטשן, וואָס פילט אַ שלעכטן טעם, וואָס האָט אָקאָרשט פאַרזוכט ריצנאייל. און עס דאַכט זיך, אַז דאָס גייט ער אַזוי איינגעבויגן אונטער אַ לאַסט פון עבירות, וואָס ער האָט אומגעבראַכט מיט זיין דאָקטאָריע און געמאַכט מען זאָל זיי קוילענען פאַר דער צייט. און אפשר... ווער ווייסט? אפשר נאָך אַ סך האַרבערע עבירות...

אָט דער דאָזיקער אַלטער בעל־עבירה, גרשון־יאָצרע, איז דאָס אָנגע־קומען צום נייעם נגיד קורירן זיין טיראָלער בהמה. מיט אַ קרעכצנדיקן גוט־שבת איז ער אַריינגעטרעטן אין שטאַל און מיט אַ קול — פּונקט ווי מען ברעכט אַן אַלטע דראַניצע. קודם־כל האָט ער געבעטן מען זאָל אים לאָזן אין שטאַל איינעם אַליין מיט דער בהמה, וועט ער קענען בעסער „אַרבעטן”. ארו־סגייענדיק האָבן נאָר די באַלעבאַטים געזען, אַז גרשון־יאָצרע פאַרקאַטשעט איין פאַרמאָרדעטן אַרבל; און פון אַרבל, ווי פון

אַ קויטיקער שייד, ציט זיך אַרויס אַ לאַנגע, אַלטיטשקע האַנט, אויסגעדאַרט, און פונדעסטוועגן בויגיק, ווי אַ שלאַנג, מיט בלויע אָדערן־פּלעקן. אַ מאָדנע האַנט מיט אַ פאַרקלעמטן הייפּעלע זאַלץ צווישן די רויטע פינגער...

וואָס ער האָט דאָרטן מיט דער בהמה „געאַרבעט" — ווייסט מען נישט. נאָר אַז ער איז אַרויס פון שטאַל, מיט אַ מינע פון אַ מענטשן, וואָס האָט אָקאָרשט אויסגעטרונקען אַ קעלישאָק ריצנאייל, איז דאָס הייפּעלע זאַלץ פאַרשוווּנדן. און דעם פייכטן אָרעם מיט די פאַרפאַסקודיטע פינגער האָט זיך „יאָצרע" געווישט מיט דער פּאָלע פון זיין אייגענער קאַפּאָטע, וועלכע דינט אים צו אַלערליי באַדערפענישן. אָפּגעווישט די מיאוסע לאַפּקע, זאָגט ער, אַז ער מוז רעדן מיט דעם נייעם בגיד און מיט דער נייער נגידיתטע. אויג אויף אויג מוז ער מיט זיי רעדן. ער האָט זיי, מאַכט ער, עפּעס צו זאָגן... און דאָס קולכל זיינס ברעכט זיך ביי אים אין איינגע־בויגענעם האַלדז, ווי אַן אַלטע דראַבניצע.

האָט מען אים פאַרבעטן אין קאָכשטוב, אויג אויף אויג מיט דעם באַלעבאָס און באַלעבאָסטע. וואָס ועט איר זאָגן גוטס, ר' גרשון?... וואָס זאָל ער זאָגן? אָך־כיע־כיע, נישטאָ מער וואָס צו זאָגן, נישטאָ, אָך־כיע־כיע. די בהמה איז אַ „מורקע". זי וועט נישט דערלעבן ביז האַלבע נאַכט, וועט זי נישט. ער האָט איר אַ טאַפּ געטאָן די געדערים, אָך־כיע־כיע. זיי ברענען ווי פייער, די געדערים... וואָלט געוועז גלייכער מען זאָל זי באַלד, נאָך הבדלה, פאַרקויפן אויף שחיטה. וויפיל מען וועט געבן זאָל מען נעמען. און דעם בייקל קען מען קאָרמענען אַן אַכט טאָג מיט אַ ראָזשיק, אָך־כיע־כיע. וואָרום פאַר אַכט טעג טאָר מען אים דאָך נישט קוילענען...

אויסגעהערט אַזאַ באַריכט, איז די נייע נגידיכע גרין געוואָרן. זי האָט זיך פון אויפרעגונג צוגעזעצט אויף אַ נישט־־טרוקענעם שטול אין קיך און צעקוויטשעט זיך אויפן מאַן:

— חיים, דו הערסט? אויס בהמה! אַ סוף מיט דער בהמה!

גרשון־יאָצרע האָט זיך דערווייל אַרויסגעמאַכט. מען כאַפּט זיך צו דער בהמה אין שטאַל. ערשט זי איז שוין טאַקע אַ „מורקע". אָקאָרשט האָט זי נאָך געקוקט מיט צוויי אויגן, אַציגד קוקט זי נאָר מיט איין אויג אויף איר בייקעלע, און סאָפּעט שווער. און פון הינטן, איבער די אייטער, טריפּט איר אַ ריטשקעלע בלוט מיט צעגאַנגענע שטיקלעך זאַלץ. פונוואַנען בלוט אינמיטן־דערינען?... מען טראָגט איר צו לעבלעכע וואַסער צום מויל — טרינקט זי נישט און נעמט דעם קאָפּ נישט אַוועק. נאָר אירע נאָזלעכער דישען זיך אינעם וואַסער. אַ צער־בעלי־חיים צו קוקן! ערשט

שפּעטער האָט מען זיך געכאַפּט, אַז דער טעווע... „וועטענאַר", גרשון־יאַצרע, האָט זי אַזוי גוט און אַזוי ערלעך געהיילט; אַזש מחלל־שבת געווען צוליב אַזאַ שווערער ילדות, להבדיל.

5

ס'האָט נאָר קוים־קוים געגומען טליען דאָס ערשטע שטערנדל אין אשיקן ווינטער־הימל — ערשט שמחה'לע טורערו, מיט זיין באַראַשקענעם היטל איבער די אויערן, איז שוין דאָ. ביי אים איז שוין נאָך הבדלה; און אַנשטאָט זיין שבת'דיקן פּאַלטאָ טראָגט ער שוין זיין קצבישע, וואָכעדיקע פּאַדיאָווקע. „גוט־וואָך, מאַכט ער, ר' חיים! גוט־וואָך, באַלעבאָסטע!... אפשר וועלן מיר אָפּפטרן דעם עסק?"... „וועלכע עסקים האָבן מיר דאָס מיט אייך?" בלאָזט זיך אָן די נגידיכע.

— וואָס הייסט וועלכע עסקים, באַלעבאָסטע־לעבן? גרשון, יאַצרע האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז אייער בהמה איז אַ „מורקע"...

נאָר אָפּנים נישט נאָר אים אַליין האָט „יאַצרע" אָנגעזאָגט, אַז ס'איז פאַראַן אַ „מורקע". יאַצרע דאַוונט אין דער קצבישער שול; האָט ער, מן־הסתם, אַלעמען „אָנגעמורקעט" דאָרטן שטילערהייט, יעטווערן על־פּי־סוד. וואָרום איידער שמחה'לע טורערו האָט נאָך אָנגעהויבן גיין אויף אַ דרך מיט די נייע נגידים, מכוח זייער בהמה, האָבן זיך דורך טיר און טויער אַ שאָט געגעבן אַלע קצבים פון שטאָט, אַלע אין וואָכעדיקע פּאַדיאָווקעס, מיט זילבערנע רובלס אין די הויזן־קעשענעס און מיט אַ וואָכעדיקער, קצבישער תאווה אַוועקצוקוילענען דעם נייעם נגידס בהמה און פאַרדינען עטלעכע גילדן...

די גרויסע קאָכשטוב האָט געגומען זשומען פון זייערע וואָכעדיקע קולות. פּונקט ווי בייזע פליגן — אַ נבלה זענען זיי באַפאַלן. די קראַנקע בהמה הענגט נאָך, קוים אַ לעבעדיקע, אויף די שול־האַנטוכער אין שטאַל, און דאָ דינגט מען זיך שוין איבער איר הויט און פלייש. פּופצן רובל... אַכצן רובל... צוואַנציק רובל... עס האַלט שוין באַלד ביי אַ פינף־און־צוואַנציקער אַזאַ פעט שטיקל סחורה, ווי זי איז, איז זי דאָס ווערט אַפילו אַ שעה פאַרן טויט. דער נייער נגידיתטע איז אָבער נישט גוט געוואָרן פון אַזאַ מקח. פון דעם צער צו פאַרלירן צוואַנציק קוואָרט מילך אַ טאָג, אַזאַ מילכגעבערין... איז זי אַוועק צו זיך אין שלאָף־צימער, גענומען וואַלעריאַן־טראָפּנס אויף אַ שטיקעלע צוקער און זיך אויסגעצויגן אין

בעט. די איינציקע, וועלכע האָט זיך באמת גענומען צום האַרצן די בהמה גופא, איז געווען ריקליע, ריקליע די דינסט־מויד אינעם נייעם נגידס הויז. זי איז געשטאַנען הינטערן אויוון אין קאָכשטוב, צוגעהערט זיך צו די מיאוסע דינגענישן צווישן קצבים און באַלעבאָס און געוויינט אין פאַרטוך אַריין: ,אַזאַ בהמהלע, אַזאַ טייערינקע בהמהלע! אָפּגעקעלבט זיך אין אַ בייזער שעה. עין־הרע געגעבן... די אויגן זאָלן זיי אַלעמען אַרויס!..״

מיט אַ ביטער־ער שנאה האָט ריקליע אַרויסגעטשיקעוועט פון פאַרטוך, צווישן איין כליפּ און דעם צווייטן, אַנגעקוקט מיט עקל די גזלנישע, צעפלאַמטע פנימער פון די קצבים און דעם טרוקענעם בליק ביים באַלע־באָס מיט זיינע אָפּגערונענע באַקן, פון צופיל איינגענומען מאַגן־רפואות... ניין! ווען זי וואָלט געווען אַ נגידיתטע, וואָלט זי זיך איבער עטלעכע רובל אַזוי מיאוס נישט געמאַכט... זי וואָלט בעסער געלאָזט די בהמהלע אויסגיין אין שטאַל, לעבן איר נייי־געבוירענעם בייקל, אויב עס איז באַשערט... אָבער פאַרקויפן אויף טריפה וואָלט זי נישט בשעת יענע גוססט, בשעת יענע —

ריקליע האָט זיך אַרויסגעמאַכט פון דער וואָכעדיק־באַלויכטענער קאָכ־שטוב, געלאָפן איבערן פינצטערן הויף, כדי נאָך אַמאָל אַ קוק טאָן אויף דער קראַנקער בהמהלע מיטן ווייסן פלעק אויפן פנים, אויפן בייקל, וואָס וועט באַלד פאַריתומט ווערן...

קיינער פון די שטוביקע האָט אָבער נישט געוווסט, אַז מיכאַלקע, דער גויאישער משרת זייערער, האָט די גאַנצע צייט אויך נישט געשלאָפן. באַלד נאָך דעם, ווי גרשון־יאָצרע האָט אַזוי דעליקאַט און אַזוי איידל אונטערזוכט די בהמה מיט אַ הייפּעלע זאַלץ אין פויסטעלע, האָט מיכאַלקע גענומען מאַכן זיינע אייגענע רפואות. געשטויסענע קאָניפּליעס האָט ער דורכגעזייט דורך אַ סיטע מיט וואַרעמען וואַסער; און די גרינלעכע מילך, וואָס האָט זיך דערפון באַקומען, האָט ער, פון אַ גרויסער דריי־קוואָרטיקער פלאַש, אַריינגעגאָסן דער בהמה אין גאָרגל אַריין. די פאַרלייגטע צונג האָט ער איר אויסגעווייבן מיט בראָנפן; און אַלע ווייטיקדיקע ערטער, נאָך אַזאַ שווערן קעלבן זיך — מיט וואַרעמען חלב. די בהמה האָט איבער זיך געלאָזן טאָן אַליז, וואָס מען וויל, נאָכגעבנדיק מיט אַלע אירע גרויסע אברים. פונקט ווי זי וואָלט געווען פון גומע.. דערנאָך האָט זיך מיכאַלקע גענומען פאַרן אָפּגעשוואַכטן בייקל. מיט ביידע הענט האָט ער אים אַרומ־גענומען דעם בייכל, אויפגעהויבן אים אויף די שפּיצן קאָפּיטקעס און געלערנט אים זויגן די קראַנקע מאַמע זיינע, וועלכע הענגט אויף די ברייטע

שול־האַנטוכער. דאָס בייקל האָט ביסלעכווייז אָפּגעצויגן די אָנגעשוואָלענע אייטער, און די בהמה האָט אַ בורטש געטאָן פון גרויסן בויך. צום ערשטן מאָל פאַר אַ גאַנצן טאָג האָט זי אַרויסגעלאָזט פון זיך אַ קורצן „מו״ אפנים, ס׳איז איר אַ ביסל גרינגער געוואָרן.

אין שטאַל איז שוין געוואָרן גוט פינצטער. און מיכאַלקע האָט אָנגעצונדן אַ לאַמטערנע. די בהמה האָט גענומען שטאַרק פינטלען מיט די פייכטע אויגן... אויך אַ גוטער סימן!

מיכאַלקע האָט זיך אָבער אַלץ נישט געקענט באַרואיקן. ער האָט אַרומגעפּאַדיעט אַרום דער בהמה און איינציקווייז אָפּגעריבן איר די שוואַכע נאָכגיביקע פּיס. און מיטאַמאָל האָט ער דערפילט, אַז דאָס בהמהשע פלייש אונטערן פעל ווערט האַרטער, די קני שפּאַנען זיך אָן. האָט ער ביסלעכווייז גענומען אָפּלאָזן די קניפּן פון די לאַנגע האַנטוכער...

אין דער זעלבער צייט האָט שוין דער משא־ומתן מיט די קצבים געהאַלטן ביים גריקלעכן סוף. שמחה׳לע טורערו האָט זיך איינגעשפּאַרט — ער מוז אָפּקייפן די „מורקע״. אַ מין נכפה האָט אים גענומען. ער מוז היינט ביינאַכט קוילענען דעם נייעם נגידס בהמה. אַ רובל איז קיין געלט נישט, און צוויי זענען בלאָטע. ער איז אַרויפגעלאָפן ביז ניין־און־צוואַנציק קאַרבן. אַלע קצבים זענען אָפּגעשטאַנען. „שמחה, וואָס טוסטו?״ — האָבן זיי צו אים געשריגן. — „פאַר אַ „מורקע״ ?...

— איך הער דיך ווי דעם יורקע! — האָט זיי שמחה׳לע געענטפערט צום גראַם. און אויפגעהויבן די לאַפּע זיינע צו געבן אַ פּליאַסק דעם נייעם נגיד אין דער אויסגעכאַליעטער דלאָניע אַריין:

אין דער זעלבער רגע האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעך־פריידיקער קוויטש. דאָס איז ריקליע, די דינסט־מויד, אריינגעלאָפן:

— באַלעבאָס! די בהמה האָט זיך געשטעלט!

דער נייער נגיד האָט אַ ריס געטאָן זיין איידעלע האַנט, און שמחה׳לעס פּאַטש איז געפאַלן אין דער לופטן.

ווער האָט אונטערגעצונדן?

1

אַז די קראַנקע בהמה שטייט שוין אויף די פיס, האָט באַשטעטיקט אויך מיכאַלקע — דעם נייעם נגידס משרת. ער איז אַריינגעלאָפן נאָך ריקליע דער דינסט־מויד, אַ צעהיצטער און האָט אַ רעווע געטאָן:

— סציט, כוואַלאַ טע־עבאָזשע! (זי איז שוין משתין, געלויבט דער אויבערשטער!).

האָט דער נ״יער נגיד געלאָזט שטיין אַלע קצבים אינמיטן קאָכשטוב און געלאָפן זען די גענעזענע בהמה זיינע, מיט די אייגענע נגידישע אויגן.

האָט די נייע נגידיתטע דערהערט אַזעלכע פריילעכע אויסגעשרייען און גלייך פאַרגעסן אָן איר קאָפּ־ווייטיק. זי האָט געכאַפּט לויפן פון שלאָף־צימער גלייך אין הויז אַריין; פאַרשפרייטנדיק הינטער זיך אַ שווערן ריח פון פאַרפום און פון וואַלעריאַן־טראָפּנס.

מען לויפט אַריין אין שטאַל — ערשט עס איז אַן אמת! די מתנגדישע שול־האַנטוכער, אויף וועלכע די בהמה איז געהאָנגען אַ גאַנצן שבת׳דיקן טאָג, זענען אויפגעבונדן, די בהמה שטייט אויף אַלע פיר קלאָען, לעקט איר בייקעלע און כאַפּט אַלע ווײַלע אַ טרונק וואַרעמען קלייען־פּאָליע, וואָס שטייט נעבן איר אין אַ מולטער. דאָס בייקל אַליין האָט זיך שוין אַ ביסל אויסגעלערנט זויגן. שטופּט ער זיך מיט דעם לעקישן מאָרדעלע אין די פולע אייטער, כאַפּט אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרטן, שפּייט אָפּ, פאַר־כלינעט זיך און כאַפּט ווייטער.

שמחה׳לע ט״רערו, וועלכער האָט שוין אָט־אָט געהאַלטן ביי אָפּקויפן די „מורקע" פאַר אַ דרייסיק קאַרבוינים, איז געבליבן שטיין אינמיטן קיך, ווי אַן אָפּגעשמיסענער. אַלע קצבים, וועלכע זענען הינטערשטעליק געבליבן

מיטן מקח, האָבן אים נאָך אויפגעהויבן „באַ־אוראַ״... אַ צעקאַכטער האָט ער אַ ציִ־געטאָן דעם פאַרשמאַלצעוועטן גאַרטל. טיפער אַנגערוקט דאָס באַ־ראַשקענע היטל איבער די אויערן, און בורטשענדיק עפּעס, אַרויסגעלאָזט זיך מיט שווערע טריט צו די באַלעבאַטים אין שטאַל. „ער מוז אַ קוק טאָן״, אַזוי האָט ער געבורטשעט, „צי עס איז נישט קיין מאַכערייקע... וואַרט, וואַרט!״...

ביי דעם געלן שיין פון דער לאַמטערנע האָט ער דערזען אַ גאַנצע בהמהשע מלוכה. די גרויסע בהמה מיטן גאָידער שטייט אינמיטן שטאַל, ווי אַ מלכה, און שוואַרצע מענטשעלעך — די גאַנצע משפּחה פונעם נייעם נגיד — פאַדיען אַרום איר אַרום... איז, הייסט דאָס, פון זיין אָפּמאַך מיט גרשון „יאָצרע״ דעם טעווע... „וועטענאַר״, גאַרנישט געוואָרן! אַרויסגעריסן ביי אים פון אונטער די הענט אַזאַ מציאה! ריקליע, אַ רוח אין איר באַבען אַריין, מיט איר קוויטש... און מיכאַלקע, דער מיאוסער גוי מיט זיינע קולות, האָבן אים קאַליע געמאַכט דעם גאַנצן עסק.

שכור פאַר כעס האָט ער אָנגעכאַפּט ריקליען פאַרן האַנט.

— וואָס מישסטו זיך, דו, ממזרת? — האָט ער זיך צעברומט — איכל, איכל דיר!...

ריקליע האָט מיט שרעק אַ ריס געטאָן דעם אָרעם, און די גאַנצע משפּחה פונעם נייעם נגיד איז אָפּגעשפּרונגען פון שמחה׳לען ווי פון אַ גזלן. אָבער שמחה׳לע האָט זיי נישט געלאָזט קומען צו זיך.

— ר׳ חיים! — שרייט ער צום נייעם נגיד און די אויגעלעך לויפן אים אַרום, — די בהמה איז דאָך מיינע!

— דיי—נע?! — וווּנדערט זיך דער נייער נגיד.

— חרטה איז נישט מעשה סוחר! — גיט שמחה׳לע אַ ברום און אַ גיי צו צו דער בהמה, ווי ער וואָלט זי געוואָלט אָנכאַפּן ביי די הערנער.

אָבער די נייע נגידיכע האָט זיך געשטעלט צווישן אים און דער בהמה, מיט איר װעלבן און פינצטערן פּנים און נישט דערלאָזן..

— חיים, חיים! — האָט זי זיך צעקוויטשעט צום מאַן — וואָס וויל דאָ אָט דער?

— אַזוי גאָר? — מאַכט דער נייער נגיד צו שמחה׳לען גאַנץ רואיק, — מיין בהמה איז שוין דיי—נע?... מיכאַלקע, וואַרף אים אַרויס פון שטאַל!...

מיכאַלקע איז גלייך אָנגעגאַנגען אויף שמחה׳לען מיט זיין צעפּאַטלטן קאָפּ פלאַקסענע האָר.

— נו, סטופאַי, רעזניק, ז׳ באַהאַם! (גיי, קצב, מיט גאָט!).

דאָס טריפה׳נע בלוט האָט אויפגעקאָכט אין שמחה׳לען. ער האָט פאַרשטשירעט די ציין, ווי אַ הונט, ביי וועלכן מען רייסט אַרויס אַ פעטן ביין פון צווישן די לאַפּעס. אפשר נאָך אַריינפּאַרן דעם מורנו ר׳ חיים נייער נגיד אין באָק? ע־עך! צופיל ווייבער שטייען דאָ אַרום! די נגידיכע, די דינסט־מויד, דעם נייעם נגידס מיידלעך... שמחה׳לע האָט זיך פּייַנט צו שלאָגן פאַר ווייבער אין די אויגן. האָט ער נאָך אַ קריץ־געטאָן מיט די ציין, אַ קוק־געטאָן אויף מיכאַלקען, אַ קוק אויף דעם נייעם נגיד און בורטשענדיק, אויסגעדרייט זיך צום טיר פון שטאַל:

— אַ קאַטעריַנקע וועל איך מאַכן פון אייער בהמה!

אַרויסטרעטנדיק אין דער נאַכט אַריין, ווי פון אַ באַלויכטענעם קאַסטן, האָט ער זיך גראָב צעלאַכט:

— אַ בהמה וועט איר האָבן? האַ־האַ... אַ קדחת וועט איר האָבן!

מיכאַלקע איז אים נאָכגעגאַנגען און געוואָלט צוקלאַפּן הינטער אים די שטאַל־טיר. איז דער זעלבער רגע האָט אַ רויטער, ביינערדיקער קולאַק, גיך ווי אַ בליץ, אַ שטויס געטאָן אין שפּאַלט, צווישן טיר און בערווענעוואַנט, און אַ ריב געטאָן מיכאַלקען אין זייט. ווי אַן אייזערנער דריי־פונט, וואָס מען צעוויגט אויף אַ שטריק, האָט אים דער קולאַק געטראָפן. מיט אַן אָפענעם מויל האָט ער אַרויסגעלאָזט די קליאַמקע פון האַנט און אַ פאַל געגעבן אין שטרוי.

2

איצט האָבן זיך די ראָלן געביטן: די בהמה האָט זיך געשטעלט פעסט אויף די פיס, און מיכאַלקע, דער רופא אירער, האָט זיך געלייגט און נישט אויפגעשטאַנען עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד.

אַז גוטע מענטשן האָבן זיך דערוווּסט, וואָס שמחה׳לע טורערו האָט דאָ אָפּגעטאָן און ווי אַזוי ער האָט געסטראַשעט, האָבן זיי דעם נייעם נגיד געגעבן אַן עצה צו היטן די בהמה, ווי אַן אויג פון קאָפּ. ביי שמחה׳לען איז דאָך קיין מעשה נישט צו קליין! און אַ מעסער דער בהמה אין בויך וועט ער נישט אַריינרוקן? און אונטערשיקן גנבים וועט ער זיך אפשר שעמען? אַלס אַן אויפגאַב האָט ער שוין דאָך מכבד געווען מיכאַלקען אונטער דער לעפּעלע, איבערגעקערט אים די בעבעכעס אין בויך... איז אָט, זעט!...

— נו, און ז'ער פריסטאַוו איז אַ הונט? — פרעגט געלאָסן דער נייער נגיד און גלעט זיך זיין גאָלדענעם פינגערל מיטן גרינעם שטיין אויף דער אויסגעכאַליעטער האַנט. זינט ער איז געוואָרן אַ נגיד טראָגט ער אַ פינ־גערל מיט אַ גרינעם שטיין.

האָט מען איבּ נאָאַמאָל געגעבן אַן עצה בעסער נישט צו טשעפּען זיך מיט שמחה'לען. פאַרמסרן אים? חס־ושלום! איי וואָס, דער גוי? מיכאַלקע? נישקשה, אַ חזירישער ביין! עס וועט זיך שוין ביי אים פאַרהיילן.

האָט דער נייער נגיד געשוויגן. און נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער סקאַנדאַל איז אָפּגעלאָפן אַזוי גלאַטיק, האָבן זיך די קצבים, מיט שמחה'לע טורערו בראש, געפילט באַליידיקט אין זייערע טיפסטע געפילן. ס'טייטש, אַ נגיד זאָל ברעכן זיין תקיעת־כף! אַ נגיד זאָל אַרויסרייסן אינמיטן דערינען די האַנט און חרטה האָבן! איבער עטלעכע רובל, איבער אַ „מורקע"! פע!...

דעם נייעם נגידס שווייגן האָבן זיי אָנגענומען אַלס אַ שוואַכקייט, אַלס מורא; זענען זיי געוואָרן חוצפּהדיקער. ריקליען האָט מען געלאָזט שטיין אין יאַטקע מער ווי אַלעמען. „קאָנסט וואַרטן!" — פלעגן זיי איר זאָגן. „מיר, ביי דיין באַלעבאָס אין קאָכשטוב, האָבן מיר מער געוואָרט. יאָ!" און שמחה'לע טורערו פלעגט איר נאָך נעמען לעבער, ריקליען, דעם נייעם נגידס טרייע דינסט־מויד.

— זאָג שוין אויס דעם אמת! פלעגט זיך מיט איר שמחה'לע טשעפּען, — מיט דער ירושה ביי דיין באַלעבאָס איז שוין מסתמא באַלד אַ סוף, העז? אַ נגיד שעמט זיך נישט חרטה האָבן אינמיטן פאַרקויפן אַ „מורקע"... מסתמא אויסגעזליוקעט שוין דאָס ביסל געלט אין זישינקען טייעלע, פאַר־שפּילט אין „פּירפּעראַנס" מיטן אַפּטייקער...

ריקליע שלינגט אַראָפּ אַ טרער. זינט די „מורקע" האָט זיך געשטעלט אויף די פיס, לאָזן די קצבים אויס דעם כעס צו איר. נאָר זי דינט דאָך עפּעס ביים נייעם נגיד אין שטוב. פּאַסט איר נישט צו שילטן זיך מיט אַזעלכע יונגען, שווייגט זי.

העלפט שמחה'לען דינגען אַן אַנדער קצב, אַ שכן אין יאַטקע:

— וועסט זען, ריקליע, מירן מירצעשעם באַלד האָבן אַ „נייעם קבצן..."

דאַרף זיך נאָך גראַד מאַכן און קיין שקלאָוו פאָרט אַראָפּ אַן „אַגענט"... אַזוי האָט ער זיך פאַרגעשטעלט דער אַראָפּגעפאָרענער יונגערמאַנטשיק מיט דעם קיילעכדיקן בלאָנדן בערדל, מיט די לעבעדיקע אויגן און מיט

דעם גרויסן, לעדערנעם פּאַליאַרעס אונטער דער פּאַכווע, און מיטן האַרטן קאַפּעליום אויפן קעפּעלע. אויף דער אכסניה, ווו ער שטייט איין, האָט ער דערציילט, אַז ער סטראַכירט פון שריפות, פון מגיפות, פון וואַסער און פון האָגל. אַלע קענען ביי אים, סוף־כל־סוף, נתעשר ווערן. מען דאַרף נאָר אַ קאַפּעלע געהרגעט ווערן, אַ ביסעלע אָפּברענען, אַ האַרעלע דערטרונקען ווערן) געניזוקט ווערן אויף דער באַן אין אַרשע, מער גאָרנישט... זיין „אַבצעסטווע", אַזוי פאַרזיכערט דער יונגערמאַנטשיק, צאָלט פאַר אַלץ. און טאָמער גלויבט איר נישט, כאַפּט ער אייך אַרויס פון פּאַליאַרעס צעטעלעך מיט געדרוקטע ביכעלעך אויף רוסיש און אויף פויליש, פאַרשאָטן מיט ציפרעס, ווי מיט אַ שוואַרצן מאָן, און אָנגעצאַצקעט מיט מענטשלעך און מיטהייזעלעך, אַז עס ווערט שוואַרץ פאַר די אויגן. געטראָפן וועמען צו פירן אין באָד! שקלאָווער יידן וועלן אים דען גלויבן ?... און הויבט ער אָן וועמען־נישט־איז איינצורעדן מיט זיינע שריפות און מגיפות — שלאָגט מען איבער אינמיטן מיט אַן איידעלע עצה: ער זאָל זיך בעסער אָפּבייסן די צונג...

גייט ער אום, דער יונגערמאַנטשיק, איבער שקלאָווער גאַסן, נישט איין טאָג און נישט צוויי און נישט דריי, און לייגט די ציינער אויף דער פּאָליצע. קיינער וויל זיך נישט פאַרסטראַכירן. ער הערט נאָר, היינטערן רוקן, ווי מען גיט אים קאָמפּלימענטן, אַז ער גייט אויף איין זייט גאַס, טייטלט מען מיט פינגער אויף דער צווייטער זייט:

— אָט גייט דער אַגענט...

— וואָס איז דאָס — „אַגענט"?

— אַ פאַרזאָרגער פון יתומים!

— פריער דאַרף מען פאַרברענט ווערן, דערנאָך צאָלט ער.

— זאָל ער אָקאָרשט באַווייזן אויף זיך אַליין...

אָבער דאָס פּנים פון אַגענטל איז געוועזן אַזוי האַרט, ווי זיין קיילעכ־דיקער קאַפּעליוש. ער האָט אַפילו נישט געקוקט אין יענעם זייט. ער האָט זיך אַפילו נישט אַ קרים געטאָן. ער האָט קליישטעטלדיקע יידן געקענט צו גוט. „וואַרט! — האָט ער זיך געטראַכט און געדריקט די לעדערנע טעקע זיינע צום האַרצן. איר וועט זיך נאָך ביי מיר בעטן!..."

ער האָט געוואָרפן אַן אויג אויף דעם נייעם נגידס הויז, אויף זיין גרויסן הויף מיט דער ברייטער שטאַל, אויף די פאַרצעלייענע צאַצקעלעך אין די דאָפּלטע פענצטער... האָט ער שטילינקערהייט פאַנאַנדערגעפרעגט וועגן באַלעבאָס פון הויז, ווער ער איז און וואָס ער איז; און איינמאָל,

אינמיטן הוּאַרמעס, איז ער אַרויפגעקומען צום נייעם נגיד מיט זיין לע־דערנער טעקע און מיט זיין צינגעלע אויף שרייפלעך. פון דער פּראַקטיק האָט ער געוווּסט, אַז נגידים זענען גוט און ווייך בשעת זיי האַלטן אינמיטן דער אכילה. שפּעטער, נאָך וואַרמעס, איז די זאַך אַ ביסל געפער־לעכער, ווייל נגידים האָבן בטבע נישט־קיין־גוטע פאַרדייאונג...

ער האָט, אַפּנים ריכטיק געטראָפן, דער „אַגענט" מיט די לעבעדיקע אויגעלעך, וואָרום אין עטלעכע טעג אַרום האָט די גאַנצע גאַס דערזען, אַז דער „אַגענט" דראַפּעט זיך אויף אַ לייטער, צוגעשטעלט צום נייעם נגידס הויז, און שלאָגט צו צום וואַנט אַ קיילעכדיקע, גרינע בלעך מיט אַ גאָלדענעם אַנקער. אַ סימן, אַז דאָס הויז איז שוין פאַרסטראַכירט אין דער „אַבצעסטווע". דער אַגענט, הייסט דאָס, האָט אויסגעפירט דאָס זייניקע.

האָבן שונאים דערזען דאָס צוגעקלאַפּטע גרינע בלעכל, האָבן זיי געפּרוּווט אויסטייטשן, אַז קיין גלאַטע מעשה איז דאָס נישט. ווי באַלד דער נייער נגיד מוז זיך שוין סטראַכירן, איז אַ סימן, אַז עס האַלט שוין ביי אים, מיט זייע עשירות און מיט זיין ירושה, גאַנץ שמאָל... מן־הסתם האָט ער עפּעס אין זינען!...

אַלס אַ ראיה האָט מען דערציילט, אַז דער אַגענט, „וועלכער האַלט דעם בויך אין די הענט", האָט אים, דעם נייעם נגיד, געוואָלט פאַרסטראַ־כירן קעגן וואַסער אויך, קעגן האָגל און ערד־ציטערניש. נאָר אויף די ענינים האָט זיך דער נייער נגיד נישט געלאָזן.

— אָט האָט איר זיך דאָך פאַרסטראַכירט קעגן פייער, — האָט אים דער אַגענט אַריינגעטענה'ט, — היינט פאַרוואָס־זשע נישט — פון ערד־ציטערניש, פון האָגל, פון...

— וואָס רעדט איר, וואָס? — האָט אים דער נייער נגיד איבערגע־שלאָגן. — א י ר זאָלט דאָס זאָגן! פייער איז דאָך אין אונדזערע הענט, אָבער ווו וועל איך נעמען ערד־ציטערניש?

די אַלע ריידערייען האָבן, אָבער, נישט געקענט אָפּשוואַכן דעם איינדרוק, וואָס דאָס גרינע בלעכל, אויף דעם נייעם נגידס שטוב, האָט געמאַכט אין שטאָט.

קוקנדיק אויף איר, אויף אירע גיילדענע אותיות, אויף איר גאָלדענעם אַנקער, וואָס לויכטן צווישן די צוויי נגידישע פראָנט־פענצטער, ווי אַ רי־זיקע קאָקאַרדע פון אַ מוראַדיק־גרויסן טשינאָווניק, האָבן זיך יידן דערמאָנט אָן זייערע אייגענע הייזקעס מיט די דראַניצע־דעכער, וועלכע שטייען אָן שוץ אין דער גרויסער וועלט. און ס'האָט זיי אָנגענומען אַ חשק צו סטראַ־

כירן זיך, אָנקלאַפּן אַזאַ מין קאָקאַרדע אויף זייערע הילצערנע ווענט. די גרויסע קאָקאַרדע פון דער רייכער „אַבצעסטווע", וואָס זאָרגט זיך אַזוי פאַר יידישע הייוער...

האָט מען דעם אַגענט, מיט דעם האַרטן קאַפּעליושל, גענומען מקרב זיין, געבעטן ביי אים די געדרוקטע בלויע צעטעלעך מיט די ווייסע העפ־טעלעך, וואָס זיי האָבן פריער נישט געוואָלט אַפילו נעמען אין די הענט און אויף וועלכע זיי האָבן פריער געקוקט קרום ווי אויף מיסיאָנערסקע ביכלעך...

און דער אַגענט פון דער „אַבצעסטווע" האָט גנאָדיק געצויגן די צעטעלעך פון זיין שוואַרצער, לעדערנער טעקע, און מיט אַ שמייכעלע געטיילט אַלע נייגעריקע. און אַזוי זיך, דרך־אגב, פאַרשריבן יעגעמס נאָמען אין אַ ביכעלע.

און באַלעבאַטישע מיידלעך האָבן פאַרטייטשט די צעטעלעך מיט די העפטעלעך, וואָס די טאַטעס האָבן געבראַכט פון דער גאַס, און געגעבן צו פאַרשטיין, וואָס מען מיינט דאָ.

אַפריער האָט זיך פאַרסטראַכירט זאַווע דער רייכער מילנער; זיין הילצערנע מיל אויף דעם ברעג־דניעפּער, דערנאָך זיין שטוב אויך. נאָך אים האָט זיך פאַרסטראַכירט ישראל דער גבאי. און באַלד נאָך אים — פּעטער־אורי און פּעטער־זשאַמע. ביידע ברידער אין איין טאָג. פאַרט אויפגעקלערטע מענטשן, וועלכע פאָרן אַלע יאָרן אין ניזשני אויפן יאַריד! זיי פאַרשטייען זיך שוין גראָד אין די דאָזיקע זאַכן!...

נאָך זיי איז שוין די זאַך געגאַנגען גאָר נישקשהדיק. אַ העלישע תאווה פון סטראַכירן זיך האָט אָנגענומען שקלאָוווער באַלעבאַטים. מען האָט געקלאַפּט גרינע קאָקאַרדעס אין די ווענט. אייזנקרעמער האָבן גע־לייזט פאַר טשוועקעס. און דער אַגענט איז געזעסן ברייטלעך ביי זיך אין צימערל, אין אכסניה, און יידן זענען געקומען צו א י ם.

3

וואָכן זענען אַריבער און שנייען און אייז האָבן זיך געלייגט, ווי אַ בליי, איבערן שטעטל. זיי האָבן געמאַכט פאַרגעסן די „מורקע", שמחה־לעס סטראַשונקעס דעם אַגענט פון דער „אַבצעסטווע".. ריקליע האָט מער נישט געציטערט מען זאָל דער בהמה קיין שלעכטס נישט טאָן. און דער נייער נגיד איז זיך רואיק געפאָרן קיין אָרשע אין פאַנדרעס בויד און איז צוריקגעקומען.

אָבער גראָד אין יענעם אָוונט, ווען פּאָנדרע איז אַזוי שפּעטלעך גע־קומען צוריק מיט זיין בויד אַן אָנגעהאָרעוועטער, אַן אויסגעמאַטערטער, זענען צוויי שטאָטישע פּויערים געגאַנגען אין אַ הינטער־גאַס, נישט ווייט פון די יאַטקעס. ד׳ערזעען זיי, ביי דער בלינדער וואַנט פונעם נייעם נגידס שטאַל, שטייט אָנגעשפּאַרט אַ ייד. מיט אַ באַראַשקענעם היטל איבער די אויגן און אויערן און מאַכט אַ דעכעלע איבער אַ פּייערל. ער וויל, אַפּנים, פאַררויכערן אַ פּיפּקע און באַשיצט זיך פון ווינט.. ס׳איז אַפילו אַ ביסל שפּעט צו רויכערן פּיפּקעס, נאָר קיין גרויסער חידוש איז עס אויך נישט. גייען די גוים ווייטער. אָבער ווי נאָר דער ייד מיט דער באַראַשקענעם היטל דערהערט זייערע טריט, אַזוי רוקט ער אָן זיין היטל נאָך טיפער, בלאָזט אויס זיין שוועבעלע און גייט אַוועק אָן אַ זייט, הינטערן ווענטל פונעם נייעם נגידס פּאַרקאַן — אויך אָן סכנה.

אָבער אָפּגייענדיק אַ האַלבע גאַס ווייטער, דערטראָגט פלוצלונג דער קאַלטער ווינט צו זייערע פּויערישע נעזער אַ ריח פון אַ שינדל־דאַך. זיי וואָלטן געמעגט שווערן, אַז דער רויך זעצט פון שטאַל, ווו זיי זענען אַקאָרשט פאַרבייגעגאַנגען. יאָ, פון דער זעלבער שטאַל, ווו דער ייד אין דעם טיפן באַראַשקענעם היטל האָט אָקאָרשט געוואָלט פאַררויכערן זיין פּיפּקע און אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט. אומקערן זיך צום זעלבן אָרט אַ קוק טאָן האָט זיי נישט דערלאָזן זייער איינגעבוירענע, פּויערישע שרעקעוו־דיקייט, האָבן זיי, מיט די טאָרבעס, אָנגעקלאַפּט אין די ערשטע לאָדנס פון אַ שלאָפעדיקער יידישער הייזקע און האָבן זיך צערעוועט איבער דער וויסטער גאַס:

— האָריט׳! האָריט׳! (עס ברענט! עס ברענט!).

4

ווער עס האָט קיינמאָל נישט געהערט, ווי אַ קלויסטער־גלאָק קלינגט אינמיטן דער נאַכט אין אַ פאַרשנייטער הילצערנער קליין־שטעטעלע, דער ווייסט נישט, וואָס הייסט אומעט, פאַרוואָרפנקייט אָן האָפענונג. דער ווייסט נישט דעם שרעק פון אַ שוואַכיקן מענטשן אין דעם ים פון נאַכט. און אינמיטן דעם דאָזיקן שרעק — אַ מאָנסטרום! אַ ברענענדיקע שטוב...

אַ גאַנצע באַלעבאַטישקייט, אָפּטמאָל ירושה פון אַ סך דורות, ברענט און גייט אַוועק מיט רויך. און אַ גויִעשער גלאָק קלינגט איבער דעם אונ־טערגאַנג. אַ גויִשקע באַגרעבעניש פון אַ יידישער שטוב... שטערן ווינקען

זיך איבער קאַלטבלוטיק, און הילף קומט אָן פּאַמעלעך, טראָפּנווייז. פון די פינצטערע געסקעס קומט זי אָן. שוואַרצע מענטשעלעך לויפן און טראָגן זי איבערן שניי. און אַז זי קומט שוין אָן, איז נישטאָ וואָס צו ראַטעווען. סיידן נאָר באַשיצן די שכנישע דעכער, זיי זאָלן זיך נישט אָנצינדן.

נח פּאַנדרע, דער „פּרייער פייערלעשער", איז געלאָפן געבן ראַטונעק. מיטן האַק אין דער האַנט איז ער געשפּרונגען איבער שנייאיקע קאַנאַווקעס, פּאַרגעסן, אַז ער האָט אָקאָרשט געחלשט שלאָפן און אַז מערע זיין ווייב, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט אין בעט, איז אין די חדשים און האָט שטאַרק מורא. ער איז אָנגעלאָפן אויף דער שריפה איינער פון די ערשטע. ביי דעם נייעם ־גיד האָט געברענט די שטאַל. דאָס פייער האָט דערווייל נאָר אַרומגעכאַפּט יענע האַלבע שטאַל, וווּ עס ליגט אָנגעגרייט היי און שטרוי פאַר דער בהמה. דער שווערער הייבל פון שניי, וועלכע ליגט אויפן דאַך, האָט נישט געלאָזט דער פייער זאָל זיך אויסברייטן צו גיך. נאָר פון איין דאַך־ווינקל האָט געזעצט אַ שרויפיקער פלאַם, געשרויפט זיך מיט רויט־באַליכטענעם געדיכטן רויך אין פּראַסטיקן שוואַרצן הימל אַריין. די דראַניצעס האָבן געקנאַקט, ווי מצות אונטער ריזיקע ציין. און פון אונטער דער גאַנצער סטרעכע האָט געזעצט אַ געדיכטער רויך און ס'האָט געשאָסן מיט שטיקלעך איבערגעברענטע היי, ווי מיט ראַקעטן.

די שטוב־מנטשן זענען אַלע געווען דרויסן. מיכאַלקע האָט געשלעפּט אַ גרויסן קאַסטן איבערן גרינעם גאַניק, די עלטערע טאָכטער — אַ פּערענע... די קינדער האָבן געוויינט, די נגידיתטע האָט געקוויטשעט. פון די „וואָלנע פּאַזשאַרניקעס" זענען נאָר דערווייל אָנגעלאָפן עטלעכע באַלמעלאָכעס, עטלעכע באַלעגאָלעס. קושקע בראַנד מיט אַ פּעסל וואַסער אויף זיין פורל, יוסף דער הויכער, פּאַנדרעס חבר צום פּריזיוו מיט אַ קישקע איבערן אַקסל. אומבאַקאַנטע יונגע־לייט, וואָס האָבן אויסגעזען קליין און נעבעכדיק אויף דעם שאַרפן גרונט פון דער שריפה און נאַכט, האָבן שוין געקאַטשעט וואַסער פון אַ צווייטער פּעסל. אָבער דער דינער שטראַל פון וואַסער האָט נישט געלאָשן, נאָר געזאָטן און געשיפּעט אינעם פייער און צוגעגעבן דעם שוואַרץ־רויטן רויך עטלעכע ווייסע טענער פון פּאַרע.

פון אַלע געסקעס האָט מען דערווייל געהאַלטן אין איין לויפן, די לאַנגע קוקערס פון דער פּאַזשאַרנע האָבן זיך שוין געטרייסלט אויף אַ פור ערגעץ־ווו גאָר נאָענט. הינטער דער בלינדער וואַנט פון דער ברענענדיקער שטאַל, וואָס איז אָפּגעטיילט פונעם נייעם נגידס שטוב דורך אַ שטיק

פּאַרקאַן, איז געשטאַנען ריקליע, די דינסט־מויד.. פאַר גרויס שרעק האָט זי געפּאַכעט דעם פייער מיט אַ ברעג פאַרטוך און געיאָמערט:

— די בהמה׳לע! אוי, די בהמה׳לע!

ערשט דאָ האָט פּאַנדרע פאַרנומען אַ דערשטיקט רעווען פון אַ קו. דעם נייעם נגידס בהמה האָט דאָס גערעוועט. זי איז געווען איינגעשפּאַרט אין דער צווייטער האַלבער שטאַל און נישט געקענט אַרויס. אַלע האָבן אַן איר פאַרגעסן. נאָר איין איינציקע ריקליע האָט זיך אַן איר דערמאָנט און באַקלאָגט זי לעבעדיקערהייט.

— מר־הו!... — האָט זיך געטראָגן אַ געשריי דורך דער בלינדער וואַנט פון שטאַל.

פּאַנדרע האָט אַ שוידער געטאָן. דאָס אומגיין מיט סענדערס פערד האָט שוין לאַנג ווייך־געמאַכט זיין קצביש האַרץ... מיט אַן אויג פון אַ געניטן פּאָזשאַרניק, האָט ער אָפּגעמאָסטן דעם שטח צווישן דער ברע־נענדיקער שטאַל און צווישן דעם נייעם נגידס הויז. נאָר עטלעכע מינוט זענען געבליבן, ביז דאָס פייער וועט זיך דערקלייבן צו דער צווייטער האַלבער שטאַל, וווּ די בהמה איז איינגעשפּאַרט. קיין איינגאַנג צו איר איז אָבער דאָ, דרויסן, נישטאָ. כדי צו עפענען די שטאַל, מוז מען אַריין אין הויף. עס הייסט: מען מוז לויפן צו דער שטוב, דורכשטופּן זיך צווישן קופּעס מענטשן און קאַסטנס. אַרויפלויפן די טרעפּ פון גאַניק, אַראָפּלויפן דורכן קאָרידאָר אין הויף, און ערשט דאַן עפענען... ניין! צו מאַכן אַזאַ אומוועג איז שוין צו שפּעט.

נישט טראַכטנדיק קיין סך האָט פּאַנדרע אַ זעץ געטאָן מיט דעם שפּיציקן זייט פוז זיין פּאָזשאַרנעם האַק אין פּאַרקאַן, אַריינגעשלאָגן אים ווי אַ קרוק און אָנהאַלטנדיק זיך פאַר דער הילצערנער הענטל, אַרויפגע־קלעטערט שווער און פלינק, ווי אַ בער. באַלד איז ער שוין געזעסן רייטנדיק אויף איינעם פון די גראָבע סלופּעס, וואָס בינדן צוזאַמען די פּאַרקאַן־ברעטער אין גלייכע פיר־עקן.

— אָט באַלד, ריקלינקע! — האָט ער מיט אַ קורצן אָטעם געטרייסט דעם נייעם נגידס דינסט־מויד, — אָט־אָ, נאָך אַ ווײַלענקע...

דעם פּאָזשאַרנעם העקל האָט ער פאַררוקט אין גאַרטל און מיט אַן אויסערגעוויינלעכער אָנשפּאַרונג פון ביידע הענט, האָט ער אַ ריס־געטאָן דאָס אויבערשטע, שווערע, פיר־ווינקלעכע ברעט, וואָס איז געווען איינ־געקלעמט צווישן צוויי ענגע סלופּעס. מיט אַ קראַך האָט זיך דאָס ברעט געריסן פון אָרט. דער פּאַרקאַן האָט אויפגעעפנט אַ מויל, ווי אַ גרויסע

מגושמדיקע שער. און דאָס שווערע ברעט האָט זיך אַראָפּגעגליטשט צו דער שנייאיקער ערד.

— היט זיך, ריקליע! — האָט פּאַנדרע געשריגן און גענומען זיך פאַר דעם צווייטן ברעט.

מיט יעדן שטיק צעוואָרפענעם פּאַרקאַן איז פּאַנדרע אַראָפּ אַלץ נידעריקער און נידעריקער און אין אַ מינוט אַרום האָט זיך צווישן ביידע סלופּעס געעפנט אַ ברייטער איינגאַנג, אַ מין פיר־קאַנטיקער איינבראָך אין אַן איינגענומענער פעסטונג.

— צו מיר, קינדער, צו מיר! — האָט זיך פּאַנדרע צעברומט צו זיינע חברים־פּאָזשאַרניקעס.

דאָס פעסל מיט דער קישקע האָט גלייך גענומען קריכן צו אים. פּאַנדרע האָט מער נישט געוואַרט, ער האָט אַ שפּרונג געטאָן איבערן צע־וואָרפענעם פּאַרקאַן און איז אַריין אין הויף.

5

אינם ביטערן רויך, וואָס דער ווינט האָט אויף אים געבלאָזן פון דער זייט שטאַל, האָט נח אָנגעטאַפּט די קליאַמקע. זי איז שוין געווען וואַרעם...

די טיר צו דער בהמה׳ס אָפּטיילונג אין שטאַל איז נישט געווען פאַר־שלאָסן. אָבער אויפרייסן זי איז נישט געווען מעגלעך. שוועל און פּריטעלקע האָבן נישט געלאָזט. די טיר האָט זיך געעפנט צום איבעווייניק־צו. און די דרייסיק־פּודיקע, צעשראָקענע בהמה האָט זיך, ווייזט אויס, איינגע־שפּאַרט מיטן הינטן צום איינגאַנג — נישט אַהין, נישט אַהער; באַר געטאָן און געברעוועט און געהוסט אין רויך. דאָ, אין הויף, האָט שוין דאָס פייער איבערגעכאַפּט די גאַנצע שטאַל אין דער קרום, פון דאַך ביזן פונדאַמענט, אַזוי, אַז איין דרייעק מיטן גאַנצן דאַך האָבן שוין געפלאַקערט; און דער אונטערשטער דרייעק מיט דער פּריטעלקע פון דער בהמה׳ס טיר, האָבן זיך שוין געווריכערט. קיין רגע האָט מען מער נישט געטאָרט פאַר־לירן. פּאַנדרע איז זיך צעלאָפן, און מיט זיין גאַנצער משא פון לייב און גבורה אָנגעפּראַלט, מיט איין פּלייצע, האַרט אויף די אייזערנע פּעטליעס פון טיר. די אייזנס האָבן אַ קרעכץ־געטאָן. אַ פּאָר שרויפן זענען אַרויסגע־שפּרונגען. נאָך אַזאַ צווייטער שטויס — און די טיר האָט זיך אָפּגעריסן, אומגעדרייט זיך אויפן מיטן, ווי אויף אַן אַקס, און אַ פאַל געטאָן. און

מיט איר צוזאַמען איז פּאַנדרע מיטן קאָפּ און האַלבן גוף אַריינגעפאַלן אין רויך און אין פּאַרע פון דערהיצטע מיסט. ער איז אָבער גלייך אויפ־געשפּרונגען.

פון דער שטאַל־לאָך האָט איצט אַרויסגעשטעקט דער ברייטער הינטן פון אַ טיראָלער קו. אירע הינטערשטע פיס זענען שווער און פאַרעקשנט געווען איינגעשפּאַרט אין שוועל און עס האָט צווישן זיי, פון אונטער די אייטער, געדאַמפט און געררויכערט, אַזוי, אַז פּאַנדרע האָט זיך געמוזט פאַרזשמורען.

ער האָט בלינדערהייט געפּרוווט אָנכאַפּן די בהמה פאַרביידע ליטקעס. נאָר ער האָט זי נישט געקענט רירן פון אָרט. אין איר בהמה׳שער פאַר־צווייפלונג, ווי אַלע קי בשעת אַ שריפה, האָט זי פאַרוואָרפן דעם הער־ניקן טעמפּן קאָפּ צווישן די געקניטע פאָדערשטע פיס, הוסטענדיק און רעוועדיק, בויך מיט רויך און פּאַרע פון מיסט:

— מו־הו! קכי־כי!

איינגעקאָרטשעט, ווי אַ גרויסער קנויל פליש, און איינגעשפּאַרט אין שוועל מיט דעם הינטער־טייל, איז זי דריי מאָל שווערער געוואָרן, ווי זי איז, ריר די וואַנט און ריר זי!...

ריקליע און די פּאַזשאַרניקעס, וועלכע זענען דערווייל אָנגעלאָפן דורכן איינגעבראָכענעם פּאַרקאַן, האָבן דערזען, אַז פּאַנדרע טוט עפּעס אַ משונהדיקע זאַך. באַהאַלטנדיק נאָז און אויגן פון רויך, האָט ער זיך פלוצלונג געגעבן אַ זעץ אויפן שוועל פון שטאַל מיטן נאַקן צו דער בהמה״ס הינטן. אַזוי, זיצנדיק, האָט ער אַ הויב־געטאָן אירע ביידע הינטערשטע קאָפּיטעס און פאַרוואָרפן זיי איבער זיינע פּלייצעס. צוהאַלטנ־דיק אַזוי אירע ביידע שווערע ליטקעס אויף זיין ברוסט, האָט ער זיך גיך אויפגעשטעלט, ווי אַ גרויסע שטאַלענע ספּרוזשינע, און גענומען שלעפּן מיט אַלע כוחות. איצט האָט שוין די דערשראָקענע האַלב־דערשטיקטע בהמה מער נישט געהאַט קיין שטיץ, און האָט נאָכגעגעבן...

די קישקע האָט דערווייל גענומען אַרבעטן איבער פּאַנדרען. און פונעם ווירבל רויך און פונקען און וואַסער־שפּריצן האָט זיך פריער באַוויזן אַ פאַרריסענער עק פון אַ קו, דערנאָך פּאַנדרעס צעפּאַטלטער קאָפּ אונטערן עק, מיט צוויי שווערע הינטער־ליטקעס פון אַ בהמה, וועלכע וואַרפן זיך, ווי אין ניכפּע, אויף זיין ברייטער ברוסט. אָבער פּאַנדרע האַלט זיי פעסט מיט זיינע שטאַרקע לאַפּעס, די קלאָען זאָלן אים נישט מזיקן... און נאָך זיי, פון הינטן, שלעפּט זיך נאָך אַ לאַנגער בהמה׳שער גוף. אַ הערניקער

פאַרסמאָליעטער קאָפּ, מיט אַרויסגעשטאַרצטע אויגן, רויכערט, פון גרויסע נאָזלעכער, מיט אַ געדיכטן רויך, וואָס ער האָט אָנגעאָטעמט אין די לונגען... און אָט דער צווייטער האַלבער גוף גליטשט זיך אין שניי, אויף צוריק, מיט צוויי פאָדערשטע אויסגעשפּרייטע פיס... דאָס האָט עפּעס אויסגעזען ווי אַ משונהדיק לעגענדאַרישע חיה, אַ געמיש פון מענטש און קו און דראַקאָן מיט צוויי קעפּ פון פאָרנט און פון הינטן. די מענטשישע קאָפּ פאָכעט מיט אַן עק און די בהמה'שע — שפּייט מיט רויך...

אַזוי איז די דרייסיק־פודיק שרעקעניש געקראָכן נאָך עטלעכע טריט, איז שטיין געבליבן און צעפאַלן זיך אויף צוויי חלקים. פון דעם פאָדערשטן חלק איז געוואָרן... נח פאַנדרע! און פון דעם הינטערשטן — דעם נייעם נגידס בהמה...

— כאָ־כאָ־כאָ! — האָבן זיך די פּאָזשאַרניקעס צעלאַכט פון די בייכער אַרויס.

אין דער זעלבער רגע, איז דער גאַנצער ברענענדיקער דאַך פון שטאַל איינגעפאַלן און אָפּגעשאָטן מיט פונקען אַלע פּאָזשאַרניקעס. דער געלעכטער איז פאַרשטומט געוואָרן. אַלע האָבן באַשיינפּערלעך דערזען אין וואָס פאַר אַ גרויסער סכנה פאַנדרע איז אָקאָרשט געווען. צוליב פרעמדע האָב און גוטס, צוליב אַ בהמה, האָט ער איינגעשטעלט זיין געזונטן קאָפּ...

די קישקע האָט גענומען אַרבעטן און גיסן אין דעם צוזאַמענגעפאַלענעם פלאַקער פון בערוועגעס און שטרוי און דראַניצעס; געשיפּעט, ווי שמאַלץ, אויף אַ הייסער סקאָווערדע. דערפאַר אָבער האָט די גראַטעוועטע בהמה אַ לעק־געטאָן איר אייגענעם אָפּגעסמאַליעטן נאָז. אַ לעק אין איין נאָז־לאָך, אַ לעק אין צווייטן... און מיט גרויס התפעלות און דאַנקבאַרקייט צעמוקעט זיך איבערן גאַנצן הויף, איבער דער קישקע און מענטשלעכע קולות:

— מו־הו־ו!

און צוריק אַריינגעצויגן דעם פייפנדיקן אָטעם, ווי אין אַ געלעכערטן בלאָז־זאַק אַריין.

דאָס האָט זי געבענטשט „גומל"... פון איר בהמה'שן סידור „גומל" געבענטשט.

א נייער פריסטאַוו

1

אין יענעם ווינטער, עטלעכע חדשים פאַר דער שריפה ביים נייעם נגיד, איז אין שקלאָוו אָנגעקומען קיניגן אַ נייער פריסטאַוו; אַ שיינער יונגאַטש, מיט פאַרדרייטע קופערנע וואָנסעס און מיט אַ שטרענגען, קרומ־לעכן קוק פון בולטע אויגן, ווי ביי ניקאָלאַי דעם ערשטן — דער אַמאָלי־קער כאַפּער פון יידישער קינדער... ניקאָלאַי דעם ערשטנס פאָרטרעט איז דורות־לאַנג געהאָנגען אין דער שקלאָווער פאָטשט. און דער אַלטער פאָטשטמייסטער האָט פאַרגליכן דעם פאָרטרעט מיט דעם פרצוף־פנים פון דעם נייעם פריסטאַוו, ווען יענער איז געקומען אָפּגעבן אים דעם ערשטן וויזיט... דער פאַרגלייך איז דעם יונגן פריסטאַוו, ווייזט אויס, שטאַרק געפעלן געוואָרן, וואָרום זינט דעם האָט ער זיך אַ נעם געטאָן נאָכצומאַכן דעם פנים פון אַמאָליקן קיסר מיט אַלע פיטשעווקעס. די באַקן־באָרדן האָט ער זיך געוווינט צו פאַרקעמען פון אויער צום שלייף, דעם כאָכאָל — אָנגעפּאָמאַדיעט און דורכגעפירט אַ שטעגעלע, פון דער זייט. די אויגן — געהאַלטן שטענדיק אָנגעבלאָזן, דעם פנים — פאַרשטיינערט. פונקט, ווי די ציין וואָלטן אים תמיד וויי געטאָן, נאָר ער האַלט זיך איין, און... קיניגט איבער שקלאָווער יידן.

דורות־לאַנג האָבן פריצים אָנגערייצט אויף יידן זייערע בייזע הינט. ליגט זיי דער שרעק פון כלבים אין ס׳בלוט. און דער פחד פאַר ניקאָלאַי דעם ערשטן — ־ער כאַפּער פון זייערע חדר־ייִנגלעך — ליגט זיי, אַפּנים, אויך טיף אין די ביינער... וואָרום, ווי נאָר יידן האָבן דערזען דעם נייעם פריסטאַוו מיט די אָנגעבלאָזענע אויגן און מיט די פאַרדרייטע דראָטענע וואָנסן און מיט די קונציק־פאַרקעמטע גויאישקע פאותן — באַקן־באָרדן,

וועלכע זענען פאַרדרייט פון די טריפה׳נע אויערן, ווי אַ „מירכא״ און אַ „טפּחא״, להבדיל, האָט זיי אַ טיאַכקע געטאָן אין האַרצן... ס׳האָט זיך זיי מתדמה געווען אַ פאַרגעסענע גזלנישע צורה אין אַ שינעל מיט עפּאָ־לעטן. אהא! אַזאַ פאַרטרעט הענגט דאָך טאַקע עד־היום אין דער אַלטער פּאָטשט, ביים פּאָטשטמייסטער אין קאַמער...

— עס וועט זיין אַ האַרבער „אדון״! — האָבן זיך יידן אויפן מאַרק געשושקעט.

— וועט נישט זיין קיין „נעמער״!

— איר זעט דאָך! המן מיט די ביינער...

און כך־הוה. באַלד האָט מען דערזען, אַז דער יונגער פּריסטאַוו האָט זיך צוגעכאַפּט מאַכן נייע פאַראָנדקעס. דעם אַלטן בערוועגע־בריקל, איבער דער גרויסער קאַנאַווע, זאָל מען אים פאַרריכטן!... האָט מען תיכף־ומיד פאַרריכט דעם בריקל: צוויי לאַמטערנעס, דווקא צוויי, זאָלן אים ברענען אויפן מאַרק ביז האַלבע נאַכט!... נאַ דיר, פּריצל, צוויי לאַמטערנעס מיט קאַראָסין־לאָמפּן און בייזער זיך נישט! — די קהלשע בית־הכנסא׳ס זאָל מען אים ריין מאַכן און פאַרגיסן מיט קאַרבאָלקע! — שאַ, שאַ! אָט־אָ רייניקן מיר, אָט־אָ גיסן מיר קאַרבאָלקע מיט וואַפּנע. שמעק, אויב דו גלויבסט נישט!... דעם אייז אַרום די ברונעמער זאָל מען אים אַרומהאַקן! וואָרום עס איז אַ סכנה פאַר קינדער!... כע־כע, אַ נייער פאַרזאָרגער פון יידישע קינדער! פונדעסטוועגן האָט מען דעם פּריסטאַוו אויך דעם קאַפּריז נאָכגעגעבן.. אַבי עס זאָל זיין שטיל. מען האָט געמיינט, אַז ער וועט קאָמאַנדעווען־קאָמאַנדעווען און וועט שטום ווערן. אַזאַ טבע האָבן שוין אַלע נייע פּריסטאַוועס אין שקלאָוו פון ימים־קדמונים אָן. אַ פריער בייזערן זיי זיך, מאַכן פּאַראַד, טרייבן אָן אַ מורא, כדי ווייזן נאַטשאַלסטוואָ אין מאָהליוו זייער טריישאַפט צום קיסר ירום־הודו. דערנאָך פאַרזוכן זיי אַ ביסל פּסח׳דיקן ספּירט און פרעסן זיך אָן מיט גריבענעס און מיט יידישע גע־פילטע פיש, ווערן זיי ווייך און וואַרעם, די אויגעלעך ווערן זיי פאַרשוווּמען מיט גוטסקייט. הויבן זיי אָן צו נעמען אין יד־אַריין. זיצן גאַנצענע טעג און נעכט און שפּילן קאָרטן מיטן פּאָטשטמייסטער, און שיקן אָנשטאָט זיך די „דעסיאַטני־קעס״ זייערע...

נו, מיט די דעסיאַטניקעס גיט מען זיך שוין אַן עצה.

האָט מען געמיינט, אַז אַזוי וועט אויך זיין מיטן נייעם „אדון״. ערשט עס הויבט זיך גאָרנישט אָן. וואָס מער מען גיט אים נאָך, אַלץ מער בייזערט ער זיך, אַלץ מער טשעפּעט ער זיך. אַצינד פאַרלאַנגט ער שוין

גאַר, מען זאָל אָפּקערן די הורבעס מיסט צווישן די קראָמען, נאָך יעדן מאַרק־טאָג. דערנאָך שטייט אים נישט אָן, וואָס מען גיסט אויס די פּאָ־מוניצעס פאַר די שוועלן און אינמיטן די גאָסן פון זיין רעזידענץ. אַ גרוב, זאָגט ער, דאַרף יעדער באַלעבאָס אויסגראָבן הינטער זיין שטוב און דאָרטן גיסן די פּאָמינעס. האָבן יידן גענומען גראָבן גריבער הינטער די בלינדע ווענט פון זייערע הייזער. נאָר דאָס מאָל האָבן זיי שוין געפּאָלגט און געשאָלטן. וואָרום די ערד איז געווען געפרוירן און די אַלטע־גראָב־אייזנס האָבן זי נישט גענומען. מילא, האָבן יידן געבורטשעט גראָבנדיק: גריבער פאַר די פּאָמינעס וועלן מיר שוין ווי־נישט־איז אויסגראָבן, אָבער ווען גראָבן מיר שוין אויס אַ גרוב פאַר אַזאַ פּאָמוניצע, ווי דו!...

און ווענען זיי האָבן געמיינט מיטן „דו" פאַרשטייט מען דאָך מסתמא.

אָבער, איידער די גריבער, הינטער די שטיבער, זענען פאַרטיק גע־וואָרן, ערשט — אהא! ער האָט שוין, דער טריפה'נער המן, אַ ניי שטיקל אַרבעט: אין ר' ישיעלעס חורבה האָט געפּלאַצט אַ ציגל־וואַנט, זאָל מען זי אים אינגאַנצן איינוואַרפן, אַז נישט, מאַכט ער דעם מתנגדישן־רב, דעם יורש פון ר' ישיעלעס חורבה, אַ פּראָטאָקאָל! יאָ, דעם אמתן פּראָטאָקאָל!... און אַרום די יאַטקעס דרייען זיך אַרום צופיל הינט, ווילדע קרעציקע הינט, אָן אַ באַלעבאָס.. זיי זענען אַ סכנה, זענען זיי פאַר קליין און גרויס. זאָל מען זיי אָפּסמען? ווו זאָל מען נעמען סם? עס איז נישט זיין עסק. זאָלן זיך חברה־קצבים צוזאַמענגעמען און דערהרגענען דאָס רעשטל כלבים מיט די ...עק, מיט די בולעוועס! עס איז נישט זיין עסק... וואָרום, אַז נישט, וועט ער ווייטער מאַכן אַ פּראָטאָקאָל וועט ער...

האָט שטאָט דערזען, אַז דער פּריסטאַוו האָט זיך אָנגעזעצט נישט אויף קאַטאָוועס, און, אַז עס איז אַ מעשה אָן אַן עק, האָט מען זיך געמאַכט האַרץ און גענומען „שמירן".

2

אויף שמירן „נאַטשאַלסטוואָ" איז דאָ איינער אין שטאָט. יאָשקע דער שערער איז זיין כשרער נאָמען. מיטן געוועזענעם פּריסטאַוו איז יאָשקע אויך געווען אַ גאַנצער כל־ולך. אַרויפגעפירט אים, דעם בייזן פּריץ, אויף אַ דרך־הישר, באַקאַנט אים מיט יידן, וואָס „גיבן"; געמאַכט אים פאַר אַ שטיקל מענטשן, פאַר אַ „נעמער". טו זאָל ער דעם נייעם פּריסטאַוו אויך מדריך־זיין. נישקשה, יאָשקע וועט דערצו דער באָבעס ירושה נישט דערלייגן.

נאַר יאַשקע דער שערער איז אַ דיפּלאָמאַט אַ ייד. ער וועט נישט לויפן צום פּריסטאַוו מיט אַ ברוך־הבא און שטופּן אים געלט אין לאַפּע. פּע! אַזוי מאַכן פּאַרטאַטשעס. אַ פּריער גאָלט מען דעם פּריסטאַוו און מען פּאַקט אים אַריין אין די וואָנסעס דעם בעסטן פיקסטואר (פּאָמאַדע) און מען נעמט קיין געלט נישט. וואַשע בלאַגאָראָדיע! אַזוי און אַזוי גאָלן וועט ער די מאָרדע פון זיין „בלאַהאָראָדיע" מיט כל־הכבוד, נאָר אָן געלט, „פּאַ־דרוזשעסקי!" פון גרויס פריינטשאַפט הייסט דאָס...

האָט אָבער דער אָפּגעגאָלטער נייער פּריסטאַוו אַ קוק געטאָן אויף זיין נייעם פריינטל מיט אַ פּאָר אָנגעבלאָזענע אויגן, אַז יאַשקען איז קאַלט געוואָרן אין מאָגן. האָט ער, נישט ווייסנדיק ווי אַזוי, צוגענומען דעם גילדן, וואָס דער פּריסטאַוו האָט אים אַ וואָרף געטאָן אויפן שפּיגל, אַ טאַפּ געטאָן דאָס בערשטל, העט אַ מעשה! דער אדון האָט אפילו נישט געוואַרט ביז מען וועט אים אָפּפּוצן דעם קאָלנער. אַוועק אָן אַ גוטן־טאָג...

האָט יאַשקע געזען, אַז פון דער זכרישער זייט גייט נישט, האָט ער זיך גענומען צושאַרן צו דער ווייבערישער זייט פון פּריסטאַוו, צו זיין שוואַכערן טייל, צו דער פּריסטאַווויכע. אַ שיינע, יונגע גויע איז דאָס געווען, מיט אַ שוואַרצן צאָפּ האָר און מיט רויטע פלעקן אויף די טאָטערישע באַקן־ביינער. בשעת דער פּריסטאַוו איז אַוועק אויפן מאַרק — טשעפּען זיך צו יידן, האָט איר יאַשקע דורך דער הינטער־טיר געבראַכט אַ פּאָר פעטע געקוילעטע און אָפּגעפּליקטע גענז, אָט, כע־כע, אַ מתנה פון יידישע שכנים!... האָט אָבער די פּריסטאַווויכע פאַרצויגן איר רויטן פּיסקל און געגערעדט צו יאַשקען אויף ריין־פּעטערבורגער לשון:

— אך, אָסטאַוויטיע... אָסטאַוויטיע „פּאַזשאַלעסטווע"!... — אַזוי האָט יאַשקע דערנאָך איבערגעגעבן דעם ריין־פּעטערבורגער לשון „אָסטאַוויטיע פּאַזשאַלעסטווע" — און האָט זיך צו אים אומגעדרייט מיטן צאָפּ.

פון גרויס האַרצווייטיק, וואָס די שתדלנות איז אים נישט געלונגען, האָט יאַשקע דער שערער געהייסן זיין ווייב אויספּרעגלען ביידע גענז און זיפּצנדיק אויף יידישע צרות האָט ער זיי אַליין אויפגעגעסן.

אויפגענאַשט די לעצטע גריבענע מיט ציבעלע־שאָלעכץ איז יאַשקען דעם געניטן שתדלן, איינגעפאַלן, אַז אפשר זאָל מען גאָר אָנהויבן פון סאַמע אונטן, פונעם פּריסטאַווס דינער, פון סטעפּאַנען — אַ דראָווניק און אַ שיק־יונג ביים פּריסטאַוו אין הויז. זאָל ער זיך נאָר, דער ערל, אָנפרעסן מיט יידישן מאכל און דערציילן זיין פּעטערבורגער באַלעבאָסטע — דער פּריסטאַווויכע, וועט זיך איר אפשר אויך פאַרוועלן...

געטראַכט און געטאָן. מיט אַ פּאַלומעסיק געפּילטע פיש און מיט אַ גוט פלעשל משקה, האָט זיך יאַשקע אונטערגערוקט צום פּריסטאַווס משרת, ווען קיינער איז אין שטוב נישט געווען. „אָט, מאַכט דער שערער, נעם, סטעפּאַן, פאַרזוך פון אַ יידישער חתונה געבליבן!... וועסט זיך נישט פאַרסמען״!...

— כי־הי! — גיט סטעפּאַן אַ הירזשע, ווי אַ פערד, קוקט זיך פאַר־וואָליע אַרום. גיסט אַריין אַ רעכטע גלעזל און איז זיך שוין מכין צו פאַרבייסן פון די פיש מיטן אייגענעם פליישיקן גאָפּל, עס הייסט — מיט די פינגער. טראָגט אָבער אָן אַ נישט־גוטער די פּריסטאַוויכע פון גאַס אין אַ היטעלע מיט צעפלאַמטע בעקעלעך פון קעלט. סטעפּאַנס אויסגע־שטרעקטע פויערישע פינגער האָבן זיך גלייך אַראָפּגעגליטשט פון פּאַלו־מעסיק צו די רויטע לאַמפּאַסן אויף זיין קורטקע. געגומען טאַפּן זיך די פּאַלע.

— העטאָ שטאָ זאַ בעזאָבראַזיע! — איז די פּריסטאַוויכע אָנגעפאַלן אויפן יידן און גוי מיט איר פּעטערבורגער לשון — וואָס איז דאָס עפּעס ראַנעצקע פאַר אַ שיכורן! האַ?

דערזעט זי דעם פּאַלומעסיק מיט געפּילטע פיש און גיט פּריציש אַ צי מיטן פּלאַטשיקן נעזל:

— וואָס שטינקט עס דאָ אין שטוב אַזוי מיט ציבעלעס?... האַדאָסט!

אָט וואָס אַ מרשעת מיט אַ היטעלע פאַרשטייט אין יידישע פיש.

דער ערשטער איז געקומען צו זיך סטעפּאַן, וועלכער האָט אָקאָרשט, דאַכט זיך, געטרונקען פון דעם יידנס משקה און געהירזשעט. נעמט ער זיך פלוצים אויספיינען פאַר זיין באַלעבאָסטע:

— סטופּאַי אָטסיודאַוואַ! — מאַכט ער צו יאַשקען און גיט אים אַ ווייז צום טיר, ווי מען ווייזט אַ בעטלער.

האָט יאַשקע דער שערער מיט גרויס חרפּה צוגעדעקט דעם פּאַלו־מעסיק און אַוועקגעטראָגן אים און זיך אַליין דורך אַלע טירן פון פּריסטאַווס דירה און, טרויערנדיק, וואָס קהלשע שליחות האָט זיך אים אויך דאָס מאָל נישט איינגעגעבן, האָט ער, נעבעך, מיט כריין און מיט טרערן, אַליין אויפגעגעסן די גאַנצע פיש און געגעבן קהל זיין לעצטע עצה, מען זאָל גיין „נאַ פּראַלאָם״!... מען זאָל דעם „אדון״ אַליין אַרייַנ־שטופּן אין האַנט די מטבע! און וואָס עס וועט זיין וועט זיין...

האָט מען אַ ביסל געקווענקלט צו מאַכן יאַשקען דעם שערער פאַר אַ שליח מיט דער מזומענער מטבע. מ׳האָט דאָך שוין, ברוך־השם, געזען,

וואָס עס איז געוואָרן פון די צוויי גענז און פון די פיש מיטן פסח׳דיקן ספּירט. אַפילו דעם פּאַלומעסיק האָט יאָשקע נישט אָפּגעבראַכט... נאָר קיין בעסערער קריכער פאַר אים איז דאָך פאַרט נישטאָ. האָט מען זיך געמאַכט האַרץ און מ׳האָט זיך געמאַכט אַ סימן: ווער יאָשקע דער שערער ווערן אַ חבר־לאַפּ מיט דעם נייעם פּריסטאַוו, אַזוי ווי מיט דעם פריערדיקן, איז אַ סימן, אַז די לאַ־יחרץ־געלט איז אָנגענומען געוואָרן. אלא וואָס דען — נישט? יאָשקע וועט קומען צוריק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער נאָז, וועט מען דאָך שוין ממילא וויסן, אַז דער „אדון״ האָט די ממתקים נישט אָנגענומען, און מען וועט נישט דערלאָזן יאָשקע זאָל זיי אַראָפּלאָזן צו זיך אין קעשענע. עס איז דאָך נישט סדום!

צום אומגליק איז אָבער יאָשקע אינעם זעלבן טאָג געקומען צו מנחה אין בית־מדרש עפּעס גאָר־גאָר נישט מיט אַלעמען. רויטע פלעקן זענען ביי אים געשטאַנען אין די באַקן, ביי דער געשווירענער באָרד זיינער; און די אויגן אַן ברעמען האָבן ביי אים געפינקלט. נישט רעדנדיק קיין וואָרט, האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון בוזעם די צוויי פינף־און־צוואַנציקער, אָפּגעגעבן דעם גבאי און עפּעס אַ מעקע־געטאָן. האָט מען אים געפרעגט „וואָס״? האָט ער געענטפערט „דאָס״. האָט מען אים ווייטער געפרעגט „סטייטש״? האָט ער, ברוגזוראהייט, געענטפערט: „קושט אַ בייטש״! איז מען צו אים צוגעשטאַנען. האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט און גאַנץ גראָבלעך דערקלערט, אַז... מער צום פּריסטאַוו גייט ער נישט!... האָט מען אים דאָך ערשט גענומען אויפן צימבל. האָט זיך יאָשקע דער שערער אויסגעדרייט און גענומען בראָקן „אשרי יושבי ביתך״...

ערשט צו מעריב האָט מען זיך דערוווּסט פון שפּעט־אָנגעקומענע דאַווענער, אַז זיי האָבן מיט זייערע אויגן געזען, ווי מען האָט יאָשקען מיט גרויס כבוד אַראָפּגעפירט אין „סטאַן״, ביים פּריסטאַוו, פון אַלע טרעפּ. אָן אַ היטל איז יאָשקע געווען און צוויי דעסיאַטניקעס האָבן אים אונטערגעפירט מיט גרויס פּאַראַד, און אַ דריטער האָט אים נאָך מכבד געווען מיטן קני, ווו מען באַדאַרף, געגעבן אים אַן „אונטער־פּלעצל״, אַזוי, אַז יאָשקע איז געפלויגן אין שניי ביזקל מיטן גאַס און די קאַראַקולענע היטעלע זיינע האָט מען אים ערשט שפּעטער נאָכגעוואָרפן... אַפנים דער פּריסטאַוו אַליין האָט אַזוי געהייסן.

האָט יאָשקע דער שערער דערזען, אַז מען שושקעט זיך, איז ער ביי זיך גאָר אַראָפּגעפאַלן און האָט אַליין דערציילט די גאַנצע מעשה. ער האָט נאָך צוגעגעבן, אַז דער המן, דער נייער פּריסטאַוו, האָט נאָך

געטופּעט אויף אים מיט די פּיס און געשריגן אויף אים: „קאַק — קאַק — קאַק ווי סמעיעטע!" ווען נישט די פּריסטאַוויכע וואָלט דאָס ביים „קאַק" אַליין נישט געבליבן. מען וואָלט אים נאָך געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל. די פּריסטאַוויכע האָט זיך אויף אים מרחם געווען, נישט דערלאָזן...

3

זענען די הערצער ביי יידן איינגעפאַלן. מען האָט שוין דערזען, אַז מ'האָט דאָ צו טאָן מיטן אמתן צורר־היהודים. און מ'האָט אַרויסגעדרונגען, אַז דאָס האָט פּראַוויטעלסטווע דערשמעקט, אַז דעם פריערדיקן פּריסטאַוו האָבן יידן געפּרעגלט אין געגנזענע שמאַלץ, באַגאָסן מיט בראָנפן און באַשמירט אים די אויגן מיט האָניק. כדי ער זאָל נישט זען, וואָס מען באַדאַרף נישט און נישט הערן, וואָס עס קען פאַרשאַדן. איז אָט האָט מען אים משלח געווען און צוגעשיקט דעם אמתן גוי... און אויסער דעם האָבן זיך דאָך אין שטאָט, ברוך־השם, פאַרפירט די פיינע בחורימלעך מיט די העמדעלעך און גאַרטעלעך און מיט די געדרוקטע אשר־יצר־פּאַפּירלעך — די „ציסילישטן". האָט מען אַראָפּגעשיקט אַ „צורר" מאַכן אַ טאָלק... צי דער נייער פּריסטאַוו וועט מאַכן ביי אַזעלכע בחורימלעך אַ טאָלק — איז נאָך אַ גרויסע שאלה. נאָר צרות, אָך־כאַ־כאַ, וועלן שוין יידן האָבן!...

און טאַקע באַלד נאָך יאַשקעס חרפּה האָט מען דערזען, אַז עס ווערט אַלץ ערגער. די שקלאָווער דעסיאַטניקעס, וועלכע זענען נאָך פון אבות־אבותינו אָן אומגעגאַנגען אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן, מיט בלויזע מע־שענע בלעכלעך אויף די פאַרלאַטעטע פּאַדיאָווקעס, האָט דער נייער פּריסטאַוו אויסגעפּוצט אין נייע געווענטענע פאָרמעס מיט רויטע לאַמפּאַסן און מיט נייע טוכענע קאַרטוזן, מיט רויטע אָקאָלישקעס און מיט קאָקאַר־דעס. פאַר אַ וויאָרסטע האָט מען זיי איצט געקאָנט דערקענען. און נייע לעדערנע „סומקעס"*) האָט ער זיי געגעבן אונטער די פּאַכוועס. גייען זיי אַזוי אַרום גאָר גדלותדיק איבערן מאַרק און שטעקן די נאָז אומעטום. אין די נייע גאַרניטערס פון סטראַזשניקעס פילן זיי זיך גאָר אַנדערש אָט די פאַרהוקעטע־און־פאַרטוקעטע ערלים. גאַנצע „יאַ־טעבע־דאַמס" זענען דאָס געוואָרן. קוקן אויף יידן פון אויבן אַראָפּ. אַ וואָרט טאָר מען מיט זיי נישט אויסרעדן. ווי נאָר עפּעס אַ האָר — מישן זיי זיך אַריין און

---

* טעקעס.

זאָגן אַ דעה. אָט אַנומלטן, האָט זיך אַ טעפּערקע און אַ געגנזלערקע צעפּאַטשט, און אַרייַנגעפּאָרן איינע דער צווייטער אונטער די קאָפּ־טיכלעך, באשר אַ הון, אַ קוואָקעכע האָט אַ פּלי־געגעבן פון דער גענזלערקעס קויש און צעבראָכן אַ נייעם פּאָליאַוועגעם טאָפּ... נו, איז עס אויך דעם סטראַזשניקס עסק? משמעות, דער נייער פּריסטאַוו האָט אים אָנגעזאָגט, אַז עס איז יאָ זיין עסק. וואָרום „ליקשיי„ (אַלעקסיי׳ מיטן בלעכל, דער אַלטער שיריים־פּרעסער פון יידישע טשאָלנטן און אַצינד דער סטראַזשניק אין נייעם גאַרניטער, איז אונטערגעשפּרונגען, מעשה־קאָזאַק, און פּאַנאַנדערגעריסן ביידע צעקאָכטע יידענעס מיט געוואַלד. האָבן אים די קעמפּערישע יידענעס גענומען שילטן אויף מאַמע־לשון און שרייען אויף אים, אויף „ליקשייען”, ער זאָל בעסער גיין פרעסן איבערגעבליבענע קאַלטע קאַשע פון טשאָלנט, עס איז נישט זיין „קלאָפּאָט” איז עס נישט!... האָט זיך אָבער ליקשיי גלייך אַ שטעל געגעבן אין דער פּאָזע פון גאָר אַ גרויסן בעל־דרשער און אָפּגעקלאַפּט די צעהיצטע יידענעס אַ דרוש און אַריינגעשטעקט אין דרוש אַ פּסוק מיט אַן „אימענעם יעוואָ אימפּעראַטאָרסקאָוואָ וויעליטשעסטוואַ...” און „פּאָ זאַקאָנו...” דאָס טיפּע רוסיש האָט אים אַליין צענומען. פון זיסער אויפרעגונג און פון איבערגעגעבנקייט דעם קיסר האָבן זיך ליקשייען געשטעלט טרערן אין די אויגן, און דער קול האָט אין אים געציטערט.

האָבן די צעפּאַטשטע יידענעס דערהערט אַזאַ נייעם לשון, זענען זיי שטיל געוואָרן, ווי די לעמער אָי, שלעכט! אַז עס האַלט שוין אַפילו ביי ליקשייען ביי „יעהאָ אימפּעראַטאָרסקאָיע...” איז ביטער! יידן טראָגט אייך בעסער אָפּ!...

טאָמער האָט נאָך געפעלט, דאַרף זיך גראָד אין יענער צייט אַראָפּכאַפּן דאָס אַגענטל פון דער „אָבצעסטווע” און שמועסט איין יידן מען זאָל זיך ביי אים סטראַכירן. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס פון דעם נייעם נגיד, ווען נישט ער, דער פליכעוואַטער נגיד, זאָל געוועזן אָנגעהויבן, וואָלט דאָך קיינער דעם אַגענט אויפן שוועל נישט אַרויפגעלאָזט. עס האָט זיך אָבער דעם נייעם נגיד פאַרוואָלט האָבן אַ גרין בלעכל מיט אַ גאָלדענעם „יאַקאָר” אויפן הויז. נו, האָט זיך אַנדערע יידן אויך פאַרוואָלט...

אַז דאָס אַגענטל פון דער „אָבצעסטווע” האָט איבערסטראַכירט אַ רעכט ביסל באַלעבאַטישע הייזער און אָנגעקלאַפּט גרינע בלעכלעך אויף די ערוונע־ווענט, האָט ער אַ פאָך־געטאָן מיט זיין קאַסטאָרענער שליאַפּקעלע „אַ גוטן טאָג!” און נישטאָ.

אַנשטאָט אים, אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, איז אַראָפּגעקומען פון מאָהליוו, פון דער זעלבער „אַבצעסטווע״, עפּעס אַ נייער נפש. דאָס מאָל — אַ גוי, מיט אַ הויכן האַלדז און מיט אַ הויכן גומענעם קראַגן און מיט אַ פּאָר שטעכיקע אויגן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז אַ קאָנטראָליאָר פון דער „אַבצעסטווע״... איז ער אַרומגעגאַנגען דער „גאָנער״, איבער אַלע יידישע פאַרסטראַכירטע הייזער, געשטאַכן מיט די אויגן און נאָכאמאָל פאַרשריבן די נעמען פון די באַלעבאַטים, אָנהויבנדיק פונעם נייעם נגיד און ענדיקנדיק מיטן באַלעגאַלישן צעך, וועלכער האָט זיך אויך פאַר־זיכערט. אַזוי האָט זיך סענדער פאַרדאָנען, דעם עלטסטן פון חברה־בייטש, פאַרוואָלט...

וואָס זאָג איך: „פאַרשריבן די נעמען״? נאָר די נעמען? ער האָט אויסגעפרעגט, דער קאָנטראָליאָר, פון אונטערן נאָגל. ווען פאַרסטראַכירט? פאַר וויפיל פאַרסטראַכירט? מיט וואָס מען באַשעפטיקט זיך?... ער האָט נאָכגעקוקט די אויוונס, צי זיי זענען גאַנץ, נאָכגעפרעגט זיך, וויפיל מאָל אין יאָר מען רייניקט די קוימענס...

אויסגעפרעגט אַלעמען און אויסגעשטאָכן מיט די אויגן — האָט מען דערנאָך געזען דעם זעלבן פאַרשוין, מיטן גומענעם קראַגן, ווי ער גייט אַריין צום פּריסטאַוו איינמאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל. ביז ער איז אַוועקגעפאָרן.

באַלד נאָך זיין אַוועקפאָרן האָט זיך דער פּריסטאַוו גענומען טשעפּען צו יידן גאָר אויף אַ נייעם שטייגער. די דעסיאַטניקעס זיינע האָבן גע־נומען צושטיין צו די פאַרסטראַכירטע באַלעבאַטים, צי מען האָט שוין לאַנג גערייניקט די קוימענס צי נישט? טאָמער מער ווי עטלעכע חדשים, זאָל מען גלייך רייניקן. וואָרום עס איז אַ סכנה! די סאַזשע קען זיך אָנצינדן... אַ נייער מחותן מיט יידישע קוימענס! — אי וואָס? אויף די דעכער ליגט דאָך נאָך דער שניי, איז דאָך קיין סכנה נישטאָ, עס זאָל כאַפּן ברענען, און דעם קוימענקערער ווילט זיך אויך נישט קלעטערן אויף די גליטשיקע דעכער... אָבער דער פּריסטאַוו וויל נישט וויסן. מען זאָל רייניקן!...

דערנאָך האָט ער געהייסן זאָגן דורך זיינע סטראַזשניקעס, אַז ביי יעדן פאַרסטראַכירטן הויז זאָל מען אַוועקשטעלן אַ פעסל מיט וואַסער! מאלע וואָס עס מאַכט זיך... אי, וואָס ווינטער ווערט דאָך דאָס וואַסער פאַרפרוירן און צערייסט די הילצערנע רייפן און צעשיט די קליאָפּקעס — אַרט דאָס אים נישט! אויב הילצערנע רייפן זענען שוואַך — טאָ זאָל

מען איינהאַנדלען אַלטע פעסער פון הערינג. אַזעלכע פעסער זענען מיט אייזערנע רייפן, וועלן זיי אויסהאַלטן. אין זשידאָווסקן מאַרק, זאָגט ער, וואַלגערן זיך אַרום געגוג פוסטע פעסער. די הערינג־הענדלער וועלן זיין צופרידן פטור צו ווערן פון זיי. דער מאַרק וועט אויך רייגער ווערן, און די הילצערנע הייזער וועלן זיין זיכערער... און גיי טענה זיך אויס מיט אַ צורר־היהודים! ביז וויעסנע אַפילו וויל ער נישט וואַרטן...

האָט שטאָט געזיפצט און געקויפט אַלטע הערינג־פעסער. אַן אויס־כאַפּעניש איז געוואָרן אויף הערינג־פעסלעך מיט אייזערנע רייפן. הערינג־הענדלער זענען בײַ זיך געוואָרן זייער האָפערדיק. אין שטאָט האָט פאַר־שמעקט מיט זאַלציקן זשאַווער און מיט צעווייקטן אַלטן הערינג־ראָסל. דאָס איז ווינטער־צײַט אַזוי. הײַנט ווי זיס וועט עס נאָך שמעקן אינמיטן זומער?

און זאָוול דער קוימענקערער האָט אויך נישט צוגעלייגט. פאַר קריכן אויף פאַרשנייטע און פאַראייזטע דעכער האָט ער געריסן אַ דאָפּלטן מקח און געלייגט אין די פאַרסאַזשעטע פּלודערן. די ציינער האָבן בײַ אים דערבײַ געגלאַנצט פון שוואַרצן מויל אַרויס ווי צעקייטע קעז. נתעשר איז ער געוואָרן, זאָוול דער קוימענקערער!

האָט זיך שטאָט סוף־כל־סוף געכאַפּט, אַז דער קאָנטראָליאָר פון דער „אַבצעסטווע״ האָט עפּעס מיטן פּריסטאַוו אָפּגעמאַכט: אַז דאָס האָט ער, אַפּנים, אָנגעבעטן דעם פּריסטאַוו אַכטונג צו געבן אויף יידישע הייזער, זיי זאָלן נישט אַוועק מיטן רויך, „אַבצעסטווע״ זאָל נישט ליידן קיין היזקות... בכן — פון מאַכן „בורא־מאורי־האש״ איז שוין אָפּגערעדט!... ווען מען ווילט זיך דאָס אָנהויבן מיט אַזאַ חברה?

— אָט וועט איר זען, — האָבן זיך פאַרסטראַכירטע יידעלעך געשושקעט, — ס'איז אַן „אַבצעסטווע״ אויף נעמען, נישט אויף געבן. אַ גאַנץ לעבן וועלן מיר צאָלן, און אַז עס וועט זיך, חס־ושלום, עפּעס מאַכן, אַ שטוב וועט אַוועק מיט פייער, וועט מען אונדז אויסצאָלן מיט אַ פייג. אַ פּראָטאָקאָל וועט אונדז דער פּריסטאַוו מאַכן...

האָבן זיך עטלעכע קלוגע באַלעבאַטים געוואָלט אײַנגאַנצן אָפּזאָגן פון סטראַכאָווקע. לאָי מיך צורו מיטן צאָלן און זאָל זיך די שיינע „אַבצעס־טווע״ צונעמען צוריק איר גרין בלעכל מיט דעם „יאַקער״ און גיין צו אַלדי קאַדיק מיט אירע פאַרזאָגעכצן. מען האָט מקנא געווען באַלעבאַטים, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט אײַנרעדן, וועלכע האָבן זייערע הילצערנע הייזקעס נישט פאַרסטראַכירט. און דעם נייעם נגיד האָט מען געשאָלטן

מיט טויטע קללות: ער, נאָר ער איז עס שולדיק! ער האָט דאָס דער ערשטער איינגעפירט די מאָדע פון סטראַכירן זיך, און אַלע, ווי די בהמות נאָך אַ בייק, זענען אים נאָכגעגאַנגען...

איז אָבער באַלד אַראָפּגעקומען פון מאָהליוו דער קאָנטראָליאָר מיטן גומענעם קראַגעלע און מיט די שטעכיקע אויגן און געבראַכט מיט זיך צושלעפּן די פּאַפּירן, וואָס די פאַרסטראַכירטע באַלעבאַטים האָבן אונטער־געשריבן. „אייער אונטערשריפט, האָט ער פּאַוואָליע געפרעגט, צי נישט?...״ „אונדזערע!״ האָבן דערשראָקענע יידעלעך באַשטעטיקט. היינט פאַרוואָס צאָלט איר נישט? — פאַרוואָס צאָלן מיר נישט? אַזוי און אַזוי איז די מעשה, הערינג־פעפער מוזן מיר קויפן, קוימענס מוזן מיר רייניקן אינמיטן ווינטער... מיר זענען געוואָרן אויס באַלעבאַטים איבער אייגענע הייזער. דער פּריסטאַוו לאָזט אונדז נישט לעבן...

— ס׳איז נישט אונדזער עסק! — מאַכט זיך דער ערל תמעוואַטע, — „אָבצעסטווע״ מישט זיך נישט אין דעם פּריסטאַווס ענינים און דער פּריסטאַוו מישט זיך נישט אין אונדזעריקע. פון די פּרעמיעס נאָך אַ שריפה, אויב איר ווילט, קענט איר זיך אָפּזאָגן, אָבער צאָלן סטראַכאָווקע מוזט איר... אָט איז אייער התחייבות אויף אַזוי פיל און אַזוי פיל יאָרן... און טאָמער צאָלט איר נישט ביסלעכווייז, וועט „אָבצעסטווע״ אויפמאָנען דורכן „סוד״ פאַר אַלע יאָרן מיטאַמאָל...

אָט וואָס פאַר אַ חתונה דער יידישער אַגענטל, מיט דער קאָסטאָרענער שליאָפּקעלע, האָט דאָ אָנגעמאַכט! געכאַפּט די אונטערשריפטן, איבער־געגעבן אַ שטאָט מיט יידן אין גויעשקע הענט, און אַליין איז ער בעלם געוואָרן. זאָל ער זיך נאָר יאָווען נאָכאַמאָל אין שטעטל! ווי אַ הערינג וועט מען אים צערייסן.

אָבער דאָס אַגענטל האָט זיך מער אין שטאָט נישט באַוויזן. און יידן האָבן געזיפצט, געצאָלט סטראַכאָווקע און געציטערט פאַרן פּריסטאַוו. געהיט זיך מיט הייסע קוילן און מיט שוועבעלעך און מיט פּאַפּיראָסן, געפוצט דעם קוימען ווי אַן אבן־טוב. וואָרום ווי נאָר עפּעס אַ האָר, אַ פונק אין סאַזשע, אַ פייער פון אַ הייפל שטרוי, אַ צו־שטאַרקער ערב־שבתדיקער רויך פון אַ יידישן קוימען, אַ פלאַקער פון ווייסע־חברה׳ניקעס ביים ברעג אַזעו״ע אינעם אויסגעטריקנטן טראָסטניק — ערשט אַהאַ! דער נייער פּריסטאַוו מיט זיינע אָנגעבלאָזענע אויגן און מיט די דראָטענע וואָנסעס איז שוין דאָ!... ברוך־הבא, ער שרייט שוין, ער ליאָמערט שוין! אויב ס׳איז נישט פאַרזיכערט — איז נאָך נישקשה. טאָמער אָבער איז

אַ הויז אין יענעם אָרט פאַרסטראַכירט, אַזוי גיט ער, דער המן, אַ גלאַנץ מיט זיינע גזלעוואָיסקע אויגן און אַ קלונג מיטן שווערדל: „דו איצקאָ, דו בערל, אַזוינער און אַזוינער!... וואָס איז דאָ פאַר אַ מעשה, האַ? סטראַכאָוועקע ווילסטו אָפּנעמען, אַ? „פּאָד סוד" וועסטו ביי מיר, „זשידאָוור־סקאַיאַ־מאָרדאַ", אָוועקגיין. אָט וואָס!"

אָט אַזוי צעשרייט ער זיך, דער המן, איבער דער גאַס; ווער רעדט נאָך, אַז דערביי שטייען גויים אָן היטלען און הערן צו זיין דרשה, איז ער ביי זיך גאָר געהויבן. ער ווייזט דאַן באַשיינפּערלעך, ווי מען דאַרף געוועלטיקן איבער יידן. שרייט ער, דער צורר־היהודים, און מען ווייסט נישט וועלכן פייער פריער צו לעשן, צי די סאַזשע, וואָס האָט זיך אָנגע־צונדן אין קוימען, צי דעם פייער, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן ביים פּריסטאַוו אין זיין טריפה׳נער גרגרת...

„אַרעסטאָוואַט יעוואָ!״

1

אין יענער ווינטער־נאַכט, ווען ביים נייעם נגיד האָט זיך אָנגעצונדן די בהמה׳שע שטאַל, איז גראָד געווען אַ גויעשע שמחה׳לע ביים פּאָטשט־מייסטער. אינעם גרויסן נידעריקן זאַל פון דער אַלטער פּאָטשט האָט זיך פאַרזאַמלט די סמעטענע פון שקלאָווער גויעשקייט. דער אויבער־לערער פון דער שטאָטישער שול, דער גלח, דער גאָלאָוואַ פון דומע און דער נייער פּריסטאַוו מיט זיין פּריסטאַוויכע. צי ס׳איז געווען מינינעס ביים פּאָטשמייסטער אַליין, צי ביי זיין טאָכטער — אַ בוגרת אַ שיקסע מיט אַ בלאַסן געזיכט און מיט רויטינקע ווייַנפּערלעך אויפן שטערן — דאָס איז קיין גרויסע נפקא־מינא נישט. אַבי מען האָט גוט אַריינגעגאָסן, גע־טרונקען לחיים פאַרן קייזער, וועלכער לעבט און פאַרן אָנדענקען פון די קיסרים, וואָס זענען שוין לאַנג געשטאָרבן און וועמענס פּאָרטרעטן עס הענגען אַרום אין אַלע חדרים פון פּאָטשט, און פאַרלאַנגען אונטער־טעניקייט אַפילו נאָכן טויט... נו, צווישן אייגענע האָט זיך אַפילו דער נייער, שטרענגער פּריסטאַוו אונדזוערער נישט געשעמט און גענומען אַ קאָפּעלע. אַפריער מיטן גלח, דערנאָך מיטן פּאָטשטמייסטער, דערנאָך מיט אַלע איבעריקע זכרים און נקבות, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף אַזאַ שמחה. אַריינגיסנדיק האָט ער געקוקט אויפן פּאָרטרעט פון ניקאָלאַי דעם ערשטן, וואָס איז, ווי מען זאָגט, געווען ענלעך צו אים. און דערפאַר טאָקע, האָט ער זיך לכתחילה געזעצט פּונקט אַנטקעגן דעם דאָזיקן פּאָר־טרעט, כדי צו הנאה האָבן פון זיך אַליין און זען זיך, אין די קייזערלעכע בולטע אויגן און אין די דראָטענע וואָנסעס, ווי אין אַ שפּיגל.

אַ מאָדנע זאַך! מיט יעדער פרישער כוסה האָט דער פּריסטאַוו באַ־

שיינפּערלעך געזעָן, אַז ער ווערט אַלץ ענלעכער און ענלעכער צום צאַר ניקאָלאַי דעם ערשטן. טשאַרט וואָזמי! די זעלבע באַקנבאַרדן און דער זעלבער שטערן און דער זעלבער אָנגעבלאָזענער, שטרענגער קוק... עפּעס אַ מין כישוף! מן־הסתם איז דאָס נישט אומזיסט... ער פילט אַליין, אַז ער האָט אין זיך ווונדערלעכע כוחות פון אַ הערשער. מאַהליוּוער נאַטשאַל־סטווא האָט דאָס נישט געגוג אָפּגעשאַצט. מען האָט אים פאַרשיקט אין אַט דער „פּאָהאַנער" שקלאָוו. נאָר ס'מאַכט נישט אויס. ער וועט נאָך באַווייזן, וואָס ער קען! ער וועט זיך דערדינען! אַ גאָרנישט איז יענער סאָלדאַט, וואָס האָפט נישט ווערן אַ גענעראַל. דערווייל מאַכט ער אָרדענונג צווישן די „זשידאָווסקע־מאָרדעס", אָבער וואָס פאַר אַן אָרדענונג! עס בליאַסקען אין אַלע ווינקעלעך הערינג־פּעסער אָנגעגאָסענע מיט וואַסער. ער וועט יידעלעך נישט דערלאָזן אונטערצינדן און נעמען סטראַכאָווקע. ס'איז בלאָטע! די קוימענס זענען אומעטום געריינוקט. די אָפּטריטן פאַר־גאָסן מיט וואַפּנע און מיט קאַרבאָלקע. די בריקלעך, איבער די קאַנאַווקעס, זענען פאַרריכט אויפן זשידאָווסקן חשבון. דער דומע האָט אַ קאָפּיקע נישט געקאָסט. די יאַטקע־הינט זענען אויסגעסמט און זייערע פּאַדלעס ליגן אין איין רייע אויפן ברעג אָזערע. זומער וועט ער נאָך אַרויסלאָזן אַ פּריקאַז, אַז יעטוועדער זשידאָווסקער באַלעבאָס זאָל איינפלאַנצן בוימלעך נעבן שטוב. בעריאָזקעס, ליפּקעס און בעז... ער האָט דאָס שוין אָפּגערעדט מיטן גאָלאָווא פון שטאָט. אַ גאָרטן וועט ער מאַכן פון שקלאָווער בלאָטעס. די זשידעס זענען דאָס גאָרנישט ווערט! נאָר אָרדענונג איז אָרדענונג און סלוזשבאַ איז סלוזשבאַ! אָט וואָס, פאָטער צאַר ניקאָלאַי דער ערשטער! ביז נאַטשאַלסטווא וועט דערזען... אַז, אַז, אַז... אַה? —— האָט זיך דער פּריסטאַוו מיטאַמאָל אויפגעכאַפּט פון זיינע הויכע הערשערישע מחשבות — מען קלינגט? טשטאָ טאַקאָיע?

טשטאָ טאַקאָיע? אַז מען קלינגט בייטאָג איז על־פּי־רוב אַ חגא און אַז מען קלינגט אינמיטן דער נאַכט, איז מסתמא אַ שריפה! געסט קוקן אין די פענצטער. מען עפנט אַ טיר. מען הערט שרייען „פּאָזשאַר!" וואָס דען? יידעלעך פון פאַרסטראַכירטע הייזער וועלן אים דען לאָזן רואיק איינזיצן, נעמען אַ ביסל בראָנפן מיט גוטע קריסטן?... בייטאָג און ביינאַכט איז פון זיי קיין רו נישטאָ. אָט האָט ער זיך נאָר צוגעזעצט אַ ווײַלע און פאַרזוכט אַ ביסל ריאַבינאָווקע, ערשט אַהאַ!... מען קלינגט! די הינטישע זין האָבן זיך שוין פאַסטאַרעט... ניט אומזיסט האָט אים די מאָהליוּוער „סטראַכאָוואָיע אָבשצעסטווע" אָנגעזאָגט, ער זאָל אַכטונג געבן... דאַ־אָס!

(יאָ!) בייטאָג ברענט ביי זיי אין די קוימענס און בייגאַכט — די הייזער. אָט, אַ פּאָלק! מען קלינגט, האַ?... וואַרט, וואַרט, ער וועט זיי ווייזן די סוקיני־סינעס! — אַזוי האָט דער פּריסטאַוו זיך אַליין אונטערגעוואָרעמט. און שאָקלענדיק זיך אַ ביסעלע, איז ער אויפגעשטאַנען פון טיש און מיט פאַרגאָסענע אויגן און מיט אַ הייזעריקן קול אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— אַלעקסיי! הרישקאָ!

זיינע צוויי דעסיאַטניקעס, אין די נייע שינעלן, וואָס ער האָט זיי אויסגעכלאָפּאָטשעט אין מאָהליעוו, זענען גלייך אַרויסגעשפּרונגען פון קיך, ווו זיי האָבן געלעקט און געזליאָקעט, מיט דעם פּאָטשטמייסטערס דינסטן, אַלע שיריים, וואָס זענען געבליבן פון די געהויבענע געסט. מיט פולע אונטערגעשּנירטע בייכער האָבן זיי זיך געלאָזן לויפן נאָכן פּריסטאַוו, זייער האַר. ער — פאָראויס, זיי — נאָך אים. ער — צוהאַלטנדיק זיין לאַנגע שאַשקע מיט איין האַנט, זי זאָל זיך אים נישט פּלאָנטערן אונטער די פיס, זיי — אונטערהאַלטנדיק די פולע בייכער, וואָס זענען נישט געוווינט צו אַזוי פיל אַכילה אויף איין מאָל. ער, מעשה־העלד, ווי אַן אָפיציר פון ניקאָלאַי דעם ערשטנס צייטן, מיט אַ הויכער פּאַטריאָטישער באַגייסטערונג, וואָס פירט זיין ראָטע צו שטורמען דעם שונא אַרום סעוואַסטאָפּאָל... און זיי, די סטראַזשניקלעך, ווי פאַרזינדיקטע נשמות, מיט זייערע פּנימער, וואָס מען שלעפּט, נעבעך, אינמיטן דער נאַכט, שדים ווייסן וווהין, כדי צו מאַכן פון זיי העלדן, וואָס לויפן אין שניי, ווי די סיבירער הינט; וואָס שטופּן פאַנאַנדער הונדערטער אָנגעלאָפענע יידעלעך, וואָס לאָזן נישט גנבענען, וואָס לעשן שריפות...

אַזוי האָבן זיי זיך אַלע דריי אָוועקגעהעצקעט, אין די לאַנגע שינעלן, צו מאַכן פאַראָנדעק אויף אַ יידישע שריפה, נאָך האַלבע נאַכט.

2

פאַנדרע האָט אָקאָרשט געראַטעוועט דעם נייעם נגידס טיראָלער בהמה. יענע איז געשטאַנען אינמיטן טומל און האָט זיך באַטראַכט, צי אַלץ איז ביי איר אין אָרדענונג. קודם־כל האָט זי פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און אויסגעצויגן די מאָרדע צום עק: יאָ. דער עק, געלויבט דער אויבער־שטער, איז גאַנץ. זי האָט אַפילו געפּרוווט אַ שמיץ־טאָן מיט אים אין ביידע באָקעס. יאָ, עס שמייסט זיך, נישט צו פאַרזינדיקן און די באָקעס זענען אויך גאַנץ. דערנאָך האָט זי מיט איר לאַנגן צונג געפּרוווט אַ לעק־

טאָן די אייגענע צוגעסמאַליעטע נאַזלעכער. אַך, דאָס אַ ביסל דאָסיק. עס טוט ווײ, עס שמעקט מיט געבראַטענע פעל!... אָבער, מיט גאָטס הילף, עס וועט זיך פאַרהיילן! אַבי מיטן לעבן און מיט די הערנער אַרויס פון פייער. מו—הו—הו.

די פּאָזשאַרניקעס זענען דערווייל צוגעטרעטן צו דער האַלב־איינגעפאַלענער שטאַל, ווער מיט אַ קרוק, ווער מיט אַ האַק, ווער מיט אַן עמער וואַסער, ווער מיט אַ קישקע, און באַלד זענען שוין פון דער גאַנצער שטאַל געבליבן עטלעכע בערגלעך האַלאָוועשקעס. ווען נישט די פּאָר וועגענער שטרוי, אינמיטן דעם פאַרברענטן בנין, וואָלט שוין געווען אַ סוף פון דער גאַנצער שריפה. די קופּעס האַלב־פאַרברענטע שטרוי האָבן זיך נאָך הייס געטליעט און געררויכערט, ווי אַ קרוכלע פייערדיקע מאַסע. אַ מין ריזיקער שטרודל פון פייער, רויך און שטרוי און פּריסיק, האָט זיך נאָך אַזוי געהאַלטן אינמיטן דעם צעפאַלענעם בנין, געשאָטן מיט סנאָפּעס פונקען און אויסגעלאַכט זיך פון דעם שקלאָווער אָנגעשפּאַלטענער פּאָזשאַרנער קישקע...

פּאַנדרע אַליין האָט נאָך שווער געסאָפּעט. נאָך דער אָפּגעטאָגענער שטיקעלע מלאכה, ווי אַרויסשלעפּן אַ לעבעדיקע איינגעשפּאַרטע בהמה, פּאָר די הינטערשטע פיס פון אַ ברענענדיקער שטאַל, האָט אים פאַרפעלט לופט. ער האָט זיך געריבן אַ באַק, וווּ די צעשראָקענע בהמה האָט אים אַ טערבענץ געטאָן מיט איין הינטערשטע קאָפּיטע... די נייע נגידיכע האָט זיך צו אים צוגעקייקלט מיט איר דיקן לייב און איר דיקער פוקסענער ראָטאָנדע, און האָט אים געדאַנקט. איר שטענדיק־זויערער פּנים איז אַצינד, ביים לעצטן אָפּלייכטן פון דער שריפה, געווען ווי באַשמירט מיט האָניק.

— דו זעסט דאָך, נח, — האָט זי נגידיש געדוצט, — אָט ערשט האָסטו דאָך מיין מאַן געבראַכט צופירן אין בויד פון אָרשע. אויף אַ שיינער שמחה איז מיין מאַן אַנגעפאָרן, קוים געלייגט זיך שלאָפן, ערשט מען שרייט גאָר: „פּאָזשאַר! וואָס זאָגסטו עפּעס דערצו?... מען האָט זיך אָנגעזעצט אויף אונדז! אפשר מער אויף אונדזער בהמה ווי אויף אונדז...

פּאַנדרען איז שטאַרק געפעלן געוואָרן דאָס, וואָס די נגידיכע נעמט אים אַזוי היימיש אַריין אין דער קאָמפּאַניע פון איר מאַן און פון איר בהמה, וואָס זי האָט צו אים אַזאַ צוטרוי און טיילט זיך מיט אים מיט אירע פאַרדאַכטן. ער האָט פאַרשטאַנען וועמען זי איז חושד, ווער ס'האָט זיך „אָנגעזעצט" אויף דער בהמה... זי מיינט נישט קיין אַנדערן

ווי שמחה׳לע טורערו, זיין אַמאַליקן חבר פון יאַטקע. שמחה׳לע איז אַלץ געווען אין כעס פאַר דער „מורקע״, וואָס האָט זיך אים אַרויסגעגליטשט פון אונטער די הענט... אַ קשיה אויף שמחה׳לען! אַז שמחה׳לע דער שכור „פאַרליבט״ זיך אין אַ בהמה, מוז ער זי קוילענען אויף פלייש. אויב נישט אויף כשרע איז אויף טריפה. איז נישט אויף טריפה — איז גלאָט גע־שאָכטן, געברענט... קיין לעבעדיקע וועט זי שוין פון זיינע הענט נישט אַרויס. נאָר נח פּאַנדרע וועט דאָך קיין אַלטן חבר נישט אַרויסגעבן. מאַכט ער צו דער נגידיתטע אַזוי:

— אפשר האָט מען אין שטאַל, נאָכן אויסמעלקן, פאַרגעסן אַ לאָמפּ. די בהמה האָט אפשר אַ בריק־געטאָן — די בהמה...

די נגידיכע האָט מיטאַמאָל צוריקגעקראָגן איר זויערן פּנים.

— ווו לאָמפּ? וואָס לאָמפּ? ווען לאָמפּ? — איז זי אויף אים מיטאַמאָל אָנגעפאַלן. אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז זי האָט אים אָקאָרשט געדאַנקט פאַרן ראַטונעק. — אַ נייער דעה־זאָגער! לאָמפּ־סמאָמפּ!... הויב נאָר אָן — וועלן דיר אַלע טייערע שכנים אונטערפידלען! ווער גייט דאָס אין שטאַל מיט אַ לאָמפּ? ביי אַ ליכט אין לאַמטערנע מעלקט מען די בהמה. די קינ־דערשע לאַמטערנע וואָס זיי נעמען אין חדר. די לאַמטערנע שטייט שוין לאַנג אין שטוב. ווילט זיך אים דווקא אַ לאָמפּ!...

פּאַנדרע האָט זיך געקנייטשט אונטער דער נגידיכעס מוסר, ווי אונ־טער אַ שעפל קאַלט וואַסער. המ... אויסגערעדט זיך! דעם צונג האָט ער זיך פריער געמעגט אָפּבייסן!...

נאָר אויסהערן דעם גאַנצן מענה־לשון ביזקל סוף איז אים נישט אויסגעקומען, ווייל אויף דער גאַס איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ נייער טומל און אַן אָנגעלאָף, ווי ביים אַנהויב שריפה. די קולות האָבן זיך געטראָגן פון אַרום דעם נייעם נגידס גאַניק, איבער דער איינגעפאַלענער שטאַל:

— דער פּריסטאַוו לויפט!

— דער המן!

—ביידע סטראַזשניקעס אויך!...

— יידן אַנטלויפט!

— הו־הו! — ער האָט זיך גאָר אויסגעצויגן!

מען ווייסט נישט עד־היום, וואָס מיט דעם רשע, מיטן נייעם פּריס־טאַוו, איז דאַן געשען. צי דאָס איז צו אים דערגאַנגען די רכילות, אַז דער נייער נגיד האָט שוין זיין גאַנצע ירושה פאַרשפּילט אין קאָרטן און קלייבט זיך „אָפּנעמען סטראַכאָווקע״... צי דער המן איז געווען שכור

און אין כעס, וואָס די שריפה האָט אים איבערגעשלאָגן אין רעכטן מיטן שמחה ביים פּאָטשטמייסטער. נאָר דאָס ווייסט מען אויף געוויס, אַז נישט דערלויפנדיק ב׳זקל דעם נייעם נגידס הויז, אויפן האָרבאַטן בריקל פון קאַנאַווע, האָט זיך דער העלדישער פּריסטאַוו פאַרפּלאָנטערט, מיט דער אייגענער, לאַנגער שאַשקע צווישן די פיס, און זיך אויסגעצויגן מיט זיין גאַנצן כבוד, מיט די עפּאָלעטן און מיט דעם זילבער־גרויען שינעל, פאַר אַלע יידן אין די אויגן.

מיט די ווייכע פאַראַדנע הענטשקעס האָט ער זיך אָנגעכאַפּט פאַר ביידע זייטן בריקל, כדי נישט אַראָפּקייקלען זיך אין קאַנאַווע און אויס־געשמירט זיי, במחילה, אין פרישע פערד־מיסט. יידן האָבן זיך גענומען טוליען איינעם צום אַנדערן און אָפּרוקן זיך, כדי נישט צו זען דעם המן אין זיין גרויסער חרפה. נאָר ווי אויף צו־להכעיס האָבן אַ פּאָר גאַסן־יונגען, פון מיטן־עולם, אויסגעשריען „האָפּ!״ בשעת דער פּריסטאַוו האָט זיך אויסגעגליטשט, און „פּאָפּ״! — בשעת ער האָט זיך מיט זיין אייגענעם כבוד גענומען אויפהויבן. ווייל די סטראַזשניקעס האָבן קיין חוצפּה נישט געהאַט אָנצורירן דעם כבוד פון פּריסטאַווס זילבער־גרויען שינעל... און אַז זיי האָבן שוין יאָ געקראָגן מוט, דערזעענדיק ווי זייער אויבער־האַר הויבט זיך אַליין, און געוואָלט אים העלפן, האָט ער זיי מכבד געווען מיט די לאַקירטע פּריסטאַוו־שטיוול אין די בייכער אַריין און אַ קוויטשע־געטאַן עפּעס נישט מיט זיין קול:

— סקאָט—י! (בהמות!).

האָט מען שוין דערפילט, אַז דער המן איז באמת אין גרויסן גרימ־צאָרן. די יוכע האָט אין אים, אַפּנים, געקאָכט, וואָס שקלאָווער יידן האָבן זוכה געווען צו זען, ווי זייער האַר און פּריסטאַוו ליגט איבער דער קאַנאַווע. ער אַליין האָט, אַפּנים, אויך געמוזט דערהערן דעם „האָפּ״ און דעם „פּאָפּ״, מיט וועלכן מען האָט באַגלייט זיין אַנידערפאַלן און אויפ־שטיין.. וואָרום אָנגעלאָפן איז ער, מיט נישט־גאַנץ זיכערע פיס און מיט שיכורן שוים אויף די ליפּן, אויף דער האַלב־איינגעלאָשענער שריפה; ווי אַ ביישער רוח איז ער אָנגעלאָפן און גלייך אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— ראַסטופּיס, זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ! אַ גדיע כאַזיאַין? (רוקט זיך פאַנאַנדער, זשידאָווסקע מאָרדעס! ווו איז דער באַלעבאָס?).

חיים דער נייער נגיד, וואָס האָט זיך אָקאָרשט איבערצייגט, אַז די בהמה, געלויבט דער אויבערשטער, איז געראַטעוועט און די שטוב וועט אויך בלייבן גאַנץ, איז זיך בנעימותדיק אַרויסגעטראָטן פון צווישן די

אַרויסגעשלעפּטע פּעק און קאַסטנס, בנעימותדיק דערנענטערט זיך צום בייזן פּריסטאַוו, מיט דעם גוטן באַבראַוון קאַלנער איבערן פוטער און, שוין מיט אַ פּאָר טריט פריער, האָט ער אַראָפּגעכאַפּט די סייבעלנע היטל פון פליך און פאַרנייגט זיך:

— וואַשע בלאַגאָראָדיע, יאַ כאַזיאַין! (אייער בלאַהאָראָדיע, איך בין דער באַלעבאָס!).

וואָלט דער פּריסטאַוו — דער המן, געווען ניכטער, וואָלט אים אַזאַ בנעימותדיקע באַנעמען זיך פון אַ יידן געוויס אָפּגעקילט דאָס האַרץ. אָבער ער איז פּאָרט געווען „מלא" פון דעם פּאָטשמייסטערס כיבוד און פון ניקאָלאַי דעם ערשטנס פּאָרטרעט. ער האָט, טרינקענדיק, אַזוי גוט נאָכגעמאַכט דעם פּאָרטרעט... און מיטאַמאָל... מיטאַמאָל מיאוס אַנידער־געפאַלן, אויסגעמירט און פאַרפּאַסקודיעט אַזאַ געלונגענע, לעבעדיקע קאָפּיע, פאַר אַלע יידן אין די אויגן... אין אַלע זשידאָווסקע אויגעלעך האָבן אָנגעצונדן געשאַנצט פריילעכע פייערלעך — אָפּשפּיגלונגען פון דער זשידאָווסקער שריפה. נאָר אין זיין נישט־ניכטערן קאָפּ האָט זיך דאָס צוזאַמענגעגאָסן אין אַ סך צו־להכעיס־געלעכטערלעך, געלעכטערלעך, גע־לעכטערלעך. צוזאַמענגעגאָסן זיך מיט אַלע פאַרדאַכטן קעגן יידישע שטיקלעך, ווי דער „קאָנטראַליאָר" האָט אין אים אַריינגערעדט... איז ער דערפאַר אויף דעם נייעם נגיד אָנגעפאַלן, נישט געענטפערט אים אַפילו אויפן גוט־אָוונט:

— און ווער האָט אונטערגעצונדן? דו—ו! זאָג?

דעם נייעם נגידס אויסגעצויגענע באַקן האָבן זיך נאָך מער אויסגעצויגן. אַ צעטומלטער האָט ער אַ ווײַלע געשוויגן, ווי געשלאָגן מיט דעם פּריס־טאַווס שאַשקע איבערן קאָפּ. און דערנאָך קוים־קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— יאַ? ניע... ניע זנאַיו!... ני... ניקאַק ניע זנאַיו! — האָט ער זיך באַלד אַליין פאַרריכט, ווי אַ זעלנער פאַר אַן אָפיציר.

— ניע זנאַיעש? — —האָט אים דער פּריסטאַוו גיפטיק איבערגע־פרעגט און אַ דריי־געטאָן איין דראָטענע וואָנסע, — כאַ־כאַ! און פאַר־סטראָכירט ביסטו?

— פאַרסטראָכירט.

— שוין לאַנג, אַז דו האָסט זיך פאַרסטראָכירט, סוקין־סין?

דער נייער נגיד האָט אַ טראָט געטאָן אויף צוריק. שוין גאָר „סוקין־סין"? (הינטישער זון). ער האָט זיינע נגידישע אויערן נישט געגלויבט. זינט ער איז געוואָרן דער „נייער נגיד" אין שטעטל האָט אַפילו נאַטשאַל־

סטוואָ געהאַט פּאַר אים דער ערשטער די היטל אויסטאָן. האָט ר׳ חיים אַ הויב געטאָן אַ ביסל דעם קאָפּ, נגידיש אַ צי געטאָן מיט דער נאָז און אין טיף־רוסיש שטאָלץ אַ פרעג געטאָן:

— קאַק־טאַק?...

ס׳הייסט ווי אַזוי דערוועגסטו זיך אָנרופן מיך מיט אַזאַ נאָמען?

— וואָט־קאַק? — האָט דער פּריסטאַוו אַ קריץ געטאָן מיט די חזיר־רישע ציינ׳ און אַ דריי געטאָן די צווייטע וואָנסע. — מאַלטשאַט, זשידאָוו־סקאַיאַ מאָרדאַ, ווען איך רייד!... ווער האָט אונטערגעצונדן?

— איך ווייס נישט. — האָט דער נייער נגיד קאַלט געענטפערט. — איך קום ערשט פון אָרשאַ מיטן שליטן. דער באַלעגאָלע איז אויך דאָ. ער ווייסט...

— אַזוי?... — האָט אים דער פּריסטאַוו איבערגעקרימט, — ערשט געקומען פון אָרשע? פּאָנימאַיעם! (מיר פאַרשטייען). איז ווען האָסטו געהייסן אונטערצינדן?

ר׳ חיים האָט געמאַכט אַ שאַרפע באַוועגונג. אַ טראַט געטאָן פאָראויס. נאָר יידן אַרום האָבן אים אַ ביסל אָפּגעקילט:

— האַלט אייך איין, ר׳ חיים! דער אדון איז בגילופין... איר זעט דאָך!...

אָבער אינגאַנצן האָט זיך שוין דער נייער נגיד נישט געקענט איינ־האַלטן. דער נגידישער האָנאָר האָט אין אים אָנגעשפּאַרט:

— וואַשע בלאַגאָראָדיע! נאַ קאַקאָם אָסנאָוואַניע? ווי אַזוי רעדט איר דאָס עפּעס אַזוינס? איך... איך... איך...

דעם פּריסטאַווס שיכורער פּנים איז אינגאַנצן ברוין געוואָרן. אַ שוים האָט אים אַרויפגעשפּאַרט פון אונטער די דראָטענע וואָנסעס:

— קאַ—אַק? — האָט ער זיך הייזעריק צעקוויטשעט און אַ שפּאַן געטאָן צום נייעם נגיד.

און יידן האָבן דערזען, ווי דעם פּריסטאַווס שווערע האַנט, אין דער ווייסער איינגעשמירטער הענטשקע, האָט זיך אויפגעהויבן אין דער לופטן און אַראָפּגעלאָזט זיך... אָבער נישט דערגרייכנדיק ביז צום נייעם נגידס באַק, האָט די דאָזיקע האַנט פּלוצלונג אַ שפּרונג געטאָן אָן אַ זייט, ווי אָן אָפּגעוואָרפענ׳ער שטיק האָלץ. אַ צווייטע האַנט האָט איר איבערגע־קרייצט דעם וועג, נישט דערלאָזן צום פּאַטש.

די צווייטע האַנט האָט געהערט נח פּאַנדרען.

3

געשען איז דאָס אַזוי: אויפן נייעם טומל איז פֿאַנדרע אָנגעלאָפֿן פֿון נייעם נגידס הויף אַ פֿאַרשוואַרצטער פֿון רויך, אַ צעפֿאַטלטער, אַ מידער, מיט אַ צעקראַצטער באַק פֿון דער בהמה׳ס קאָפּיטע. אין אַ בייזער מינוט איז ער אָנגעלאָפֿן און דערזען, אַז דער שיכורער פּריסטאַוו וויל גאַר שלאָגן זיין קונד, זיינעם אַ „שודאָק״... און וועמען? נישט קיין אַנדערן, ווי ר׳ חיימען, דעם נייעם נגיד פֿון שטאָט. וויי געשריען!

יידן אַרום זענען געשטאַנען און געגלאָצט, אָבער פֿאַנדרע האָט נישט דערלאָזן. ער האָט נאָר איין קאָפּעלע אָפּגעשטויסן דעם פּריסטאַווס האַנט, איז זי געפֿלויגן אָן אַ זייט ווי אַ טרוקענע שפּאָן. פֿאַנדרע אַליין האָט מיט תחנונים אַריינגעקוקט אין דעם פּריסטאַווס שיכורע אויגן:

— וואַשע בלאַהאָראָדיע! עטאָ וויעד חיים! (אייער בלאַהאָראָדיע, ס׳איז דאָך חיים!).

געמיינט, אַז דערמיט וועט ער דעם פּריסטאַוו גאָר־גיך אויסניכטערן, עפֿענען אים די שיכורע אויגן זיינע, ער זאָל זען, וואָס ער טוט. דער פּריסטאַוו אָבער, דער המן, איז גרוי־בלאָס געוואָרן, ווי זיין שינעל. אַ פֿאַרוווּנדעטער האָט ער אַ קוק געטאָן אויף זיין אייגענער האַנט, וועלכע איז אָפּגעשפּרונגען, אַ קוק געטאָן אויף פֿאַנדרעס פֿאַררויכערטן פּנים, מיטן האַק אין באַלעגאַלישן גאַרטל, און פֿאַרסקאַליעט די פֿאַדערשטע ציין, ווי אַ הונט אויפֿן קייט.

— טי־טי־טי־טי!... — האָט ער פֿון גרימצאָרן גענומען דריבנע שיטן אויף פֿאַנדרען, זאַאיקען און קוויטשען פֿון הייזעריקן האַלדז אַרויס. ער האָט געפֿילט, אַז אַזאַ מין סאָרט קוויטשען איז גאָר נישט מעשה־הערשער, און ענלעך צו ניקאָלאַי דעם ערשטן איז עס אַוודאי נישט. און דאָס האָט אים נאָך מער צערייצט. האָט ער אַ טאָפּ געטאָן דעם אַרבל פֿון דער אָפּגעוואָרפֿענער האַנט און נישט אָנגעטאָפּט דעם יונישן קנאָפּ מיטן צוויי־קעפּיקן אָדלער, וועלכער איז דאָרטן געווען אָנגענייט. דאָס האָט אים אינגאַנצן געראַטעוועט די מערכה...

ער האָט זיך גלייך אויסגעצויגן, ווי אַ סאָלדאַט, וואָס דערזעט אַ באַגרעבעניש פֿון אַ גענעראַל, און האָט הויך און פֿייערלעך אויסגערופֿן:

— אָפּגעריסן מיר אַ פּאָפּאָנע!

מיטן אייביקן באַהאַלטענעם שרעק פֿאַר אַ בלבול, האָבן יידן דערפֿילט מיט וואָס דאָס שמעקט, און פֿאַוואַליע גענומען אָפּרוקן זיך פֿון פּריסטאַוו.

די גאַנצע מענטשן־ראָד איז געווען באַלויכטן מיט דעם לעצטן אָפּשיין פון דער שריפה. און צוריקווייכנדיק איז אויף איר דער רויטלעכער גלאַנץ אויסגעלאָשן געוואָרן. נאָר פּאַנדרע אַליין איז געבליבן שטיין אינמיטן דער באַלויכטונג, נאָענט צום פּריסטאַוו, און ווי אַ באַצויבערטער געקוקט צו אים מיט אויסגעלופּעטע אויגן. ער האָט קלאָר נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער המן מיינט מיט זיין „אָפּגעריסענע פּאַפּאַנע״, און וועמען ער מיינט...

מיט איין פאַרשמירטן פינגער פון דער ווייסער הענטשקע האָט דער פּריסטאַוו אָנגעוויזן אויף נחן, און זיין הייזעריקער האַלב־שיכורער קול האָט אַצינד געקלונגען נאָך פייערלעכער ווי פריער:

— אַרעס־טאָ־וואַט יעווא!

געציילטע חברות... קענטיק, אַז דער ערל פרעגלט זיך פאַר הנאה, וואָס אַצינד האָט ער דאָ דערטאַפּט די אמתע עבירה, דעם וואָרצל פון אַל־דאָס־בייז ביי יידן און האָט אַ גרונט פאַר וואָס צו קאָכן זיך מיט הייליקן צאָרן.

די צוויי שלימזלדיקע דעסיאַטניקעס „ליקסיי״ און הרישקא, האָבן זיך, פלאָנטערנדיק אין די נייע שינעלן, צוגעשאַרט מיט אַ זייטל צו פּאַנדרען. און נישט זיכער, ווי צוויי צעשראָקענע אונטערפירער, אָנגענומען אים פאַרביידע אָרעמס. ווער פּאַנדרע איז און וואָס פאַר אַ גבורה דער דאָזיקער ייד טראָגט אין זיך, האָבן זיי גוט געוווּסט.

פון איבעראַשונג איז פּאַנדרע געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטער. אָבער באַלד האָט ער דערפילט די גויעשקע לאַפּעס אויף זיינע לעדערנע אַרבל. נישט אויסגעשלאָפן און פאַרהאָרעוועט, ווי ער איז געווען, איז אים דערפון אָנגעגאַנגען אַ חלשות. האָט ער אַ דריי געטאָן מיט ביידע פּלייצעס, אָפּצושאָקלען זיך פון דער נישט־גוטער באַרירונג. און באַלד זענען ביידע סטראַזשניקעס געלעגן אויסגעצויגן אויף דעם צעטראָטענעם שניי.

— פּאַנדרע! — האָבן אים דערשראָקענע יידעלעך געגומען וואָרענען פון אַלע זייטן.

— הויב זיך נישט אָן מיטן אדון!

— דו זעסט דאָך ער איז בגלופין!

— שטעל זיך נישט אַקעגן!

— עס איז גאָרנישט, פּאַנדרע! מיר זענען עדות...

— דעם יונישן קנעפּל האָט ער גאָר פריער אָפּגעריסן...

— ער איז געפאַלן איבער דער קאַנאַווע... דאָרטן...

— אַצינד טשעפּעט ער זיך... פּאַניע!
— פֿאַנדרע, זיי אַ מענטש!
דער פּריסטאַוו האָט אָבער איבערגעריסן אַלע יידישע גוטע עצות:
— מאַלטשאַט, זשידאָווסקי מאָרדי! — האָט ער אַ טופּ געטאָן מיטן לאַקירטן שטיוול, — וואָס גלאַגאָטשעט איר דאָ? איר ווייסט וואָס דער זשיד האָט אָפּגעטאָן?
אָנגעשריען אויף אַלעמען, האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו פֿאַנדרען, פֿאָכענדיק מיטן אַרבל פֿון שינעל:
— אַך, טי סוקין־סין! רייסן פּאָפּאָנעס ביי נאַטשאַלסטווע! שלאָגן פּאָליציי בשעת זי פּירט אויס איר „אָביאַזאַנאָסט״! (פּליכט). וואַ־אַ־רט!...
סטראַשענדיק אַזוי, האָט ער נאָך אַרויסגעכאַפּט זיין שאַשקע פֿון שייד און צעברומט זיך אויף זיינע סטראַזשניקעס:
— הרישקאַ, אַלעקסיי! שטייט אויף, סוויניאַטשע מאָרדעס! אַרעס־טאָ־וואַט יעוואָ!
פֿאַנדרע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ ווי אַ שמשון־הגבור, וואָס לאָזט זיך פֿענטן, ווען קהל הייסט... ביידע אַרבל האָבן אים שוין ווייטער אָנגעהאָנגען די ביידע דעסיאַטניקלעך. דאָס מאָל האָט ער זיך געלאָזן.
פֿונעם גאַנצן געמורמל אַרום דערהערט זיך מיט אַמאָל דעם נייעם נגידס בנעימותדיקער קולכל:
— צוליב וואָס?... נישט געדאַרפֿט זיך אָנהויבן מיט נאַטשאַלסטוואָ...
ענטפֿערן אים גלייך, אויפֿן שטעל, אַנדערע קולות, עזות־פּנימער, אַפּנים:
— ער האָט זיך אָנגעהויבן? ווער האָט זיך אָנגעהויבן?
— איר האָט זיך אָנגעהויבן!
— פֿאַר אייך גייט ער אין סטאַן!
— שוין גאָר פֿאַר מיר?
— פֿאַר אייך!...
פֿאַנדרע האָט אויפֿגעהויבן זיין פֿאַררויכערטן פּנים און שאַרף אָנגע־קוקט דעם נייעם נגידל אין זיין טייערן פּוטער. אָט פֿאַר דעם צעקראָ־כענעם נפֿשל האָט ער זיך דאָס איינגעשטעלט, איינגעלייגט דעם לעבן פֿאַר זיין בהמה און פֿאַר אים אַליין... מיט אַ כמורנעם קוק האָט ער אַרומ־גענומען דאָס גאַנצע רעדל יידן און דערפֿילט מיטאַמאָל, אַז מען אַרעסטירט אים פֿאַר ז י י אַ ל ע מ ע ן... צו אים אַליין לאָזן זיך אויס אַלע צרות פֿון הייניקער נאַכט. אפֿשר גאָר אַ ריס־טאָן זיך און צעפּאַטשן

אַלעמען, אַז בערד און נעזער זאָלן פליען אין דער לופטן?... נייך, פּאַנד־רע! מאַר נישט קיין מחזקות! נאַטשאַלסטוואָ און יידן הייכן גיין — טאָ גיי!...

פון דער טומלדיקער ראָד מיט מענטשן, אויפן גרונט פון דער טליענ־דיקער שריפה, האָט זיך אָפּגעריסן אַ קופּקעלע און געמומען שפּאַנען אין דער נאַכט אַריין. פּאַנדרע, אַ ריזיקער, אַן אָנגעפּעלצטער, אַ פאַררויכער־טער, אַ מגושמדיקער, האָט זיך געלאָזט פירן פון צוויי קליינע סטראַזש־ניקלעך אין סטאַן און פון הינטן, ווי אַ בייזער רוח, איז נאָכגעגאַנגען דער פּריסטאַוו מיט זיין בלויזער שאַשקע, כדי צו מאַכן וואָס מער איינדרוק אויפן אַרעסטירטן און אויף אַלע יידן, וועלכע זענען געבליבן פון הינטן.

אַ באַרג פון פרעמדע ווילנס האָבן פּאַנדרען צוגעדריקט... פון דעם קאַלטן טאָפּ פּאַסאַליעס, וואָס ער האָט מיט אַ שעה צוריק אַזוי געשמאַק אַריינגעגעסן, האָט אים איצט אָפּגעשלאָגן אַ ביטער־זויער טעם אין מויל. דאָס האָט אים דערמאָנט אָן שטוב, אָן מערען, זיין ווייב, וועלכע איז איצט אויף דער צייט, איינע אַליין אין בעט... איינע אַליין — מערינקע.

אַ פינצטערניש איז אויף אים מיטאַמאָל אָנגעפאַלן. אַן אינעווייניקסטע פינצטערניש האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דער קאַלטער פינצטערניש פון דער נאַכט אַרום אים. וואָס ווייטער פון דער שריפה, אַלץ שווערער איז אים געוואָרן אויפן האַרצן. ס'האָט זיך אים געגומען דוכטן, אַז אַזוי גיך וועט ער מערען, סענדערן און די פערדלעך נישט זען...

— מאַרש, מאַרש! — האָט אים דער פּריסטאַוו אונטערגעטריבן פון הינטן. אויף זיין בלויזער, אויפגעהויבענער שאַשקע האָט געברענט דער לעצטער אָפּשיין פון דער יידישער שריפה.

אונז צו לאנגע יאר!

1

צווישן שקלאָווער משוגעים פאַרנעמט חיה־שרה׳קע דעם אויבנאָן. ערשטנס דערפאַר ווייל זי איז אַן איינגעבירגערטע משוגענע. איר מאַמע, זאָגט מען, איז אויך געווען משוגע און אַרומגעלאָפן אויף דער עלטער אַ נאַקעטע איבער די גאַסן. האָט די טאָכטער אירע אַ חזקה אויף משוגעת. און צווייטנס: האָט מען אין שקלאָוו אַ ביסל פחד פאַר איר גענזאַנגעלע, ווי פאַר אַ בייזער נבואה. אַלעמאָל איז דאָ אַ פאַרשטעקטער מיין אין די קורצע שורה׳לעך, וואָס זי זינגט אויס, אַ ווונק אויף שלעכטע זאַכן, וואָס זענען געשען, וואָס וועלן נאָך געשען. ניין, קיין גוטס וועט חיה־שרה׳קע נישט אָנזאָגן. דאָס ווייסט מען שוין פון לאַנג אָן. פענצטער שליסן זיך, ווען מען דערהערט איר נגונדל. נאָר עס העלפט נישט. אירע פאַסקודנינקע ווערטעלעך ווערן כמעט אַלעמאָל מקוים.

שטאַמען שטאַמט זי פון אַ באַלעבאַטיש הויז און משוגע, זאָגט מען, איז זי געוואָרן נאָך אַ שווערן קינפעט. איר מאַן, זוסיע דער מילכיקער, פאַרקויפט נאָך עד־היום קעז און פוטער אין זיין הילצערנער קרעמעלע אין מאַרק. ער האָט שוין חתונה געהאַט אַ צווייטן מאָל מיט אַ שווייגנדיקער שוואַרצער יידענע. אָבער חיה־שרה׳קע האָט נאָך דעם „גנאָד פון זיין יוגנט" נישט פאַרגעסן. טויט־משוגע ווי זי איז, שטעלט זי זיך נאָך אָפטמאָל אַוועק אין אַ מאַרק־טאָג, אַקעגן זיין קרעמעלע, אַנטבלויזן איר ווייסן אָפגעהאַנגענעם בוזעם און זינגט אים אויס אַ לידעלע פון בענקשאַפט און משוגעת.

פֿאַר די קעז און פֿאַר די פּוטער.
דאָ, אויכעט דאָ.
„ניטשיינע" *) האָב איך אַ כאַפּ געטאָן
דאָ, אויכעט דאָ.
פֿאַר דער באָרד און פֿאַר דער פּערינע
דאָ, אויכעט דאָ...

האַלב מאַרק לויפֿט זיך צוזאַמען אויפֿן בייז־ווּנדער. און חיה־שׂרה׳קעס געוועזענער מאַן, זוסיע דער מילכיקער, וואַרפֿט זיין געוועזענער ווייב אין קאָפּ אַריין שטיקער פֿאַרשימלטע גאָמולקעס, שאָלעכץ פֿון אייער, און וואָס עס מאַכט זיך אונטער דער האַנט. אָבער פֿאַרטרייבן זי קען ער נישט.

אַמאָל, זאָגט מען, איז זי געווען אַ שיינע, אַ געזעצטע ווייבל, נאָר אַצינד איז דאָס אַ האַלב־נאַקעטע באַשעפֿעניש מיט אַ לאַנגלעכער שווערער געמבע און מיט אַ סך לאַך־קנייטשלעך אַרום די אויגן. קוקנדיק אויף איר, דאַכט זיך, אַז זי האָט זיך יאָרן לאַנג, אָן אויפֿהער, געקאַטשעט פֿאַר געלעכטער און דאָס לאַכן איז איר, אויף דאָס גאַנצע לעבן, פֿאַרגליווערט געוואָרפֿן אויפֿן אָפּגעברענטן פּנים. טונקען זיך אירע גרויע, כיטרעוואַטע אויגלעך אינעם פֿאַרגליווערטן געלעכטערל, ווי בלויע טראָפּנס וואַסער אין שמאַלץ. זי דאַרף זיך נאָר עפּעס דערמאָנען, מען ברויכט זי נאָר אַ קיצל טאָן — לעבט אָפּ דאָס פֿאַרגליווערטע לאַכן. די שטאַרע לאַך־קנייטשן צעוויגן זיך און צעשפּילן זיך, און פֿון האַלדז רייסט זיך דער פֿאַרטאַיעטער „כי־כי־כי" מיטן באַקאַנטן געזאַנגעלע צוזאַמען:

פֿאַר די קעז און פֿאַר די פּוטער
דאָ, אויכעט דאָ...

צעפּעפּענען זיך אירע פֿליישיקע תּאווה׳דיקע ליפּן, און אירע ווייסע שיטערע ציין שטאַרצן אַרויס, און עס אַנטפּלעקן זיך אירע שטאַרקע ראָזעווע יאַסלעס. דאָס איז אַלץ, וואָס עס איז איר געבליבן פֿון אַמאָליקע צייטן, ווען זי איז נאָך געווען „קלאָר", ווען זי איז נאָך געווען זוסיע דעם מילכיקערס ווייב.

אין שפּיטאָל האָט מען איר אַמאָל אָפּגעשניטן די האָר. מען האָט נאָך דאַן געהאָפֿט, אַז זי וועט געזונט ווערן. דערנאָך האָט מען זיך

---

* אומגערן.

פון איר מיאש געווען און אַרויסגעלאָזן זי, מיט איר מאַנסבילש־געשוי־רענעם קאָפּ און מיט איר משוגעת, אויף גאָטס וועלט, איינע אַליין. זעבען איר די האָר אָפּגעוואַקסן אין טרוקן־שוואַרצע משונה׳דיקע גרויזן. נאָך מיט אַ סך יאָרן צוריק, איידער מען האָט נאָך אַפילו געטראַכט פון דער מאָדע אַ־לאַ־גאַרסאָן, האָט שוין חיה־שרה׳קע געטראָגן אַזאַ קאָפּ האָר. דערצו נאָך צעפּאָטלט און אויפגעברויזט, ווי מען זעט אָפּט ביי משוגעים. אונטער אָט די דאָזיקע גרויזן האָבן אירע שטאַרקע ציין געבליאַסקעט מיט אַ באַזונדער הונגעריקער ווייסקייט. און, אפנים, אַז איר משוגענער קאָפּ האָר, אירע מילך־ווייסע ציין און גראָבע נעגער־ליפּן האָבן נאָך געפונען אַ סך געהיימנישפולע בעלנים. וואָרום, נישט קוקנדיק אויף אירע טראַג־טעס און אויף איר שווערער משוגעת, איז זי יאָר־איין יאָר־אויס געוואָרן טראָגעדיק. דער איבערפלוס פון ליידנשאַפטן קאָכט אין די שטילע שטעט־לעך, אין די הי־נטער־גאַסן, ביי די אויסגעהונגערטע גראָבע־יונגען. ווי אַ שוואַרצער סם, אין געשלאָסענע קעסלען, קאָכט אָט די ליידנשאַפט. דער יצר־הרע אַליין מישט זי, און אירע פינצטערע כוחות עסן־אויף און פאַרדייען אַלץ; אַזוי ווי באַלאַגערטע, אין אַ פעסטונג, עסן־אויף און פאַרדייען מייז און האַלב־געפגרטע קעץ... עס האָבן זיך שטענדיק געפונען בעלנים, וואָס האָבן חיה־שרה׳קען פאַרשלעפּט אין ר׳ ישיעלעס הורבה, אין וואַלד, צווישן שייערן. און ווען די שפּעט־געלאָפענע בהמות קעלבן זיך אָפּ און ווען די וואָראַבייטשיקעס הויבן אָן לייגן זייערע אייעלעך, לייגט זיך אויך חיה־שרה׳קע אַוועק אין קינפעט און האָט אַ קינד. עס געפינען זיך שוי־ן גוטהאַרציקע גבאיטעס, וואָס באַזאָרגן זי, ווי אַ יולדת, אַ וואָך אָדער צוויי. דערנאָך לאָזט מען זי אַרויס, זי זאָל גיין וווהין די אויגן טראָגן זי. גייט חיה־שרה׳קע אַרויס מיט אַ געלעכטערל אויף דער פרייער קויטיקער גאַס. פון איר פעקל שמאַטעס, וואָס זי טראָגט מיט זיך שטענדיק אַרום, שטעקט אַצינד אַרויס אַ קעפּעלע פון אַ מענטשלעכער באַשעפעניש — חיה־שרה׳קעס נישט כשרע קינד. הוידעט די משוגענע מאַמע דאָס פעקעלע אויף די אָרעמס, די באָרוועסע פיס טאָפּטשען אין בלאָטע, דאָס אָרעמע קעפּעלע איבערן פעקל שאָקלט זיך און קוויטשעט, און אַ משוגענע לידל באַרויקט דאָס קוויטשענדיק קעפּעלע:

„ניטשיינע" האָב איך אַ „האָב"־געטאָן
דאָ, אויכעט דאָ.
פאַר דיין קעפּל, פאַר דיין פיסל
דאָ, אויכעט דאָ.

פאַר דער הון און פאַר דער יאַיכל

דאָ, טאַקע דאָ.

זאָגן יידן־למדנים, אַז געבוירן ווערט דאָס קינד אַ געזונטע. נאָר, אַז סע זויגט ביי דער מאַמען די משוגענע מילך ווערט עס אויך משוגע. וואָלט געווען אַ יושר, מען זאָל דאָס קינד אָפּנעמען און געבן זויגן פון אַ ראַזשיק. אַזוי זאָגן שקלאָווער יידן און צופּן זיך די בערד מיט חכמה, ווי אמתע גמרא־קעפּ, וואָס ווייסן אַלץ, אַפילו דאָקטאָריע... נאָר אָפּנעמען דאָס קינד ביי דער משוגענער נעמט קיינער נישט אָן. נישטאָ אויף דעם קיין בעלנים.

דערווייליע צעשמעלצט זיך דאָס לעצט ביסל שניי אין די קאַנאַוועס, עס עפענען זיך אויף און וואַקסן אויס די ארומגעפּרוירענע ברונימער. און פאַר די ברונעמער ווערן אַוועקגעשטעלט גרויסע קאָריטעס צום פּאָיען פערד. ווייל דער זומערדיקער יאַריד דערנענטערט זיך און עס ווערט אַ דוחק אין וואַסער און אין עמערס פאַר אַלע אָנגעקומענע פערד. באַנוצט זיך, די ערשטע, חיה־שרה׳קע די משוגענע מיט די אָנגעגאָסענע קאָריטעס, באָדט דאָרט און רייניקט איר פּיצל קינד. קוויטשעט דאָס קליינע באַשע־פעניש מיט קולי־קולות פאַר קעלט און חיה־שרה׳קע טוקט זי און וואַשט זי. זי זינגט איר דאָס געשמאַק־לידעלע און אירע אויגן שווימען אין לאַכעדיקע קנייטשעלעך. זי פרעגלט זיך פאַר נחת, די משוגענע מאַמע. שטייען באַרעמהאַרציקע יידענעס אַרום דער קאָריטע ביים ברונים, די וואָלענע פאַטשיילעס איבער די קעפּ און נעז, זיפצן פאַר גרויס צער... און זאָל זיך דאָס כאָטש איינע פון זיי אָננעמען פאַר דאָס געפּייניקטע קינד. דאָס זעט זיי עפּעס אויס, ווי אַ קו וואָלט גערייניקט איר קעלבל מיט דער לאַנגער צונג. אַזוי, הייסט דאָס, מוז עס שוין זיין און אַנדערש קען עס נישט זיין.

איינמאָל און צווייגמאָל געלינגט חיה־שרה׳קען אויסצובאָדן דאָס נפשל און דערהאַלטן דאָס ביים לעבן. און דאָס דריטע מאָל דערטרינקט זי עס, באָדנדיק אין קאָריטע. אָדער דאָס קינד אַליין גייט איר אויס פאַר קעלט אונטער די משוגענע האַרטע הענט. און זאָל דאָס איין באַרמהאַרציקע יידענע לאָזן פאַלן אַ טרער. גאָרנישט. אַזוי, אַפּנים, מוז עס שוין זיין...

דערטרונקען דאָס קינד — פאַרקנעפּלט חיה־שרה׳קע איר ווייסן אָפּ־געהאַנגענעם בוזעם און ווערט ווידער אַ פרייער מענטש. אַצינד גיט זי זיך אָפּ מיט שטאָט. טאָפּטשעט אַרום מיט באָרוועסע פיס אין אַלע גאַסן און טראָגט, זינגענדיק און טענצלענדיק, פאַנאַנדער, „די פּאַטשט״, מיט

ווינקען, מיט מינעלעך, מיט געלעכטערלעך, און שטאָט, ברוך־השם, ווייסט שוין, אַז קיין גוטס וועט חיה־שרה׳קע נישט אָנזאָגן. דער גלגול, וואָס לאַכט אין איר, רעדט מיט האַלבע ווערטער, ווי דער פּאַרצייטיקער אָראַקול. נאָר ווייסן ווייסט מען שוין, אַז ערגעץ־ווו איז געשען אַ צרה.

2

אויף די גאַסן האָט שוין אַ בלאָז געטאָן מיט פרילינג. אין די הייזקעס האָט שוין גענומען שמעקן מיט זויערן שצאַוו. נאָר ביי סענדער דעם באַלעגאָלע אין שטוב איז נאָך חושך. די ווינטערדיקע אָפּגעלאָזנקייט ליגט נאָך אין אַלע ווינקעלעך. פֿאַנדרע זיצט פעסט אין אָסטראָג און וואַרט אויף זיין משפט. און קיינעם ליגט נישט אין קאָפּ אַריינצולאָזן דעם וויעסנע־ווער אין שטוב. אומזיסט קלאַפּן די אָנגעשוואָלענע צווייגלעך פון דער בעריאָזקע ביי סענדערס פויערישער פענצטערל, צימבלען די אויפגע־שפּאָלטענע קנאָספּן אין די קליינע שייבלעך: „שוין צייט אַרויסנעמען די דאָפּלטע פענצטער״!... קיינער הערט זיי נישט, קיינער פאָלגט זיי נישט. די באַלעבאַטים ליגן פאַרנורעט אין די ווינטערדיקע שאָטנס און וואַרטן, וואַרטן...

ערשט היינט, נאָכן אָנבייסן, האָט זיך מערע, פֿאַנדרעס ווייב, געמאַכט האַרץ. זי איז אין זעקסטן חודש און די שווערע שטוב־אַרבעט קען זי מער נישט טאָן, האָט זי זיך גענומען פאַר אַ גרינגערע מלאכה. אויפן טרפה׳ן בענקל איז זי אַרויפגעקלעטערט און שניידט אַרום, מיט אַ שפּיץ־מעסער, דאָס צייטונג־פּאַפּיר אַרום די ארומגעקלעפּטע דאָפּלטע ווינטער־פענצטער־לעך. שרייט צו איר סענדעריכע, איר קליינינקע מאַמעלע, אַז זי זאָל נישט פאַרגעסן, אַז זי איז אין די הויכע חדשים, אַז זי זאָל נישט קריכן אויף בענקלעך. ענטפערט איר מערע: נח זאָל אַזוי, רבונו־של־עולם אַרויס גאַנץ פון די גויעשע הענט, ווי זי וועט בלייבן גאַנץ...

סענדער פֿאַרדאָן זיצט דערביי און מישט זיך נישט אַריין. ער קוקט אין זיין אַלטן תהילימל, דורך די מעשענע שפּאַקולן, און מאַכט מיט די ליפּן. זינט מען האָט פֿאַנדרען, זיין איידעם, אַרעסטירט, אויף דער שריפה ביים נייעם נגיד, זאָגט ער אַלע אינדערפרי תהילים, פ אַ ר אָנבייסן אויפן ניכטערן האַרצן און נאָכן אָנבייסן. ער זאָגט און זאָגט און קיין ישועה איז נאָך אַלץ נישטאָ. עס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אַ פּלאָנטער מיט גויעשע עדות. מיט בלבולים, מיט שדים ווייסן וואָס... עס העלפט נישט,

וואָס אַ סך ייִדן האָבן געזען, ווי דער האַלב־שיכורער פּריסטאַוו האָט זיך, במחילה, אַליין אויסגעגליטשט אויפֿן בריקל איבער דער קאַנאַווע, און האָט, מסתמא פֿאַלנדיק, אָפּגעריסן אַ יונגישן קנאָפּ פֿון אַרבל... דער פּריס־טאַוו מיט זיינע דעסיאַטניקעס, מיט נאָך עפּעס פֿאַרדעכטיקטע שיכורע גויעצלעך האָבן זיך אָנגעזעצט: איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל: פֿאַנדרע און פֿאַנדרע! ער, הייסט דאָס, האָט דאָס דעם פּריסטאַוו געשלעפּט פֿאַרן אַרבל, ע ר האָט אָפּגעריסן... פֿון פֿאַנדרעס אָפּשטויסן דעם פּריסטאַווס אָרעם, ער זאָל נישט שלאָגן דעם נייעם נגיד, איז אויסגעוואַקסן אַ קרי־מינעלער פּראָצעס, מיט אַ משפּט אין אָקרושנאַי־סוד אין מאָהליוו, און דער משפּט שלעפּט זיך ווי פֿון פּעך, און ווערט אָפּגעלייגט פֿון חודש צו חודש.

מיט תהילים־זאָגן אַליין איז ר׳ סענדער פֿאַרדאָן נישט יוצא געווען. ער האָט אויפֿגעהויבן אַ געוואַלד אין ליובאַוויטשער בית־מדרש: ס׳טייטש, ייִדן, ס׳איז דאָך סדום! מען זאָל לאָזן פֿאַנדרען זיין איידעם פֿאַרפֿוילט ווערן אין אָסטראָג, פֿאַר וואָס, פֿאַר ווען? דערפֿאַר וואָס ער האָט זיך איינגעשטעלט פֿאַר אַ ייִדן!... געוואַלד געשריִען!

האָבן זיך חשובֿע באַלעבאַטים אַ נעם געטאָן קלייבן געלט, אויף אַן אַדוואָקאַט, אויפֿן בעסטן אַדוואָקאַט אין מאָהליוו. האָבן ייִדן אָפּגעשעטעקט אין דער רויטער פֿאַטשיילע, יעטוועדער וויפֿל ער קען. נאָר אַז מען איז געקומען נאָך אַ נדבה צום נייעם נגיד אַליין, צוליב וועלכן פֿאַנדרע איז אַריינגעפֿאַלן אין גויעשקע הענט, האָט זיי די זויערע נגידיכע אַרויסגעטראָגן פֿון שלאָף־צימער אַ פּאַפּירענעם דריי־רובלדיקע און געזאָגט, אַז ר׳ חיים דער נייער נגיד פֿילט זיך נישט מיט אַלעמען... האָבן די גבאים דאָס דריי־רובלדיקע נישט אָנגענומען און געזאָגט, אַז זיי וועלן קומען אַן אַנדערש מאָל. זענען זיי געקומען אַן אַנדערש מאָל און אַ דריטן מאָל, ביז וואַנען זיי האָבן דעם נגיד דערטאַפּט ביי אַ פּרעפּיראַנס מיטן אַפּטייקער, מיטן קאַזיאָנעם־ראַבינער און מיטן שטאָט־פֿעלדשער. אַלע אַן היטלען, מיט פֿאַרשוויצטע פּליכן. זייער פֿאַרהאַוועט. „אַזוי און אַזוי, ר׳ חיים, איז די מעשה. פֿאַנדרע ויצט. עס פֿעלט געלט פֿאַרן אַדוואָקאַט...” האָט זיי דער נייער נגיד מיט אַ טרוקענער מינע דערלאַנגט דעם זעלבן דריי־רובלדיקן, וואָס זיי האָבן שוין איינמאָל צוריקגעשיקט. ס׳טייטש, ר׳ חיים, האָבן די גבאים געטענה׳ט, צוליב אייך זיצט ער דאָך, דער פֿאַנדרע, פֿאַר אייך האָט ער זיך דאָך איינגעשטעלט!...

— און ווער האָט אים געבעטן? — האָט דער נייער נגיד אַ הויב

געטאָן מיט די פּלייצעס און גענומען זיך פאַרן בלייפען, ווי אַ פאַרנומענער, ווי גאָר אַ פאַרנ'מענער מענטש.

האָבן אים די גבאים ווייטער אַריינגערעדט:

— ס'טייטש, ר' חיים! די בהמה אייערע, וואָס פאַנדרע האָט געראַ־טעוועט פון פייער, איז דאָך שוין אַליין אַלץ ווערט אַ וועלכינע פערציק־פופציק קאָרבן, שוין אָפגערעדט פון אייער כבוד —

האָט זיך דער נייער נגיד אַ קרים געטאָן, אַרויסגענומען נאָך אַ דריי־רובלדיקע פון קאָן דערלאַנגט די גבאים און באַרעכנט אַזוי:

— איז נאָך אַ דריירל... „איטאָוואָ" — זעקס רובל. גענוג!

און געבעטן מען זאָל אים מער נישט דולן אַ קאָפּ. און, כדי צו באַווייזן ווי פאַרנומען ער איז, האָט ער זיך צו זיינע קאָרטן־חברים געווענדעט בזו־הלשון:

— יע, איז ווו האַלטן מיר אין דער „פולקע"?...

מען האָט יוי־נישט־איז צוזאַמענגעשלאָגן אַ ביסל געלט. אָבער וואָס מער מען האָט ביים מאָהליוווער אַדוואָקאַט איינגעלייגט, אַלץ מער האָט ער פאַרלאַנגט. כ'מיין, יאָ. ער פאַרשטייט די לאַגע... אַן אָרעמאַן!... נאָר וואָס זאָל ער טאָן? טעלעגראַמעס, פורלעך, הוצאות, דאָס, יענס...

סענדער פון זיין זייט האָט צוגעזאָגט פופציק רובל. אַזאַ שווערע מטבע האָט ער גערעכנט אויסשלאָגן פון פאַרקויפן „דזשירקעליכען", זיין געטרייע קלאַטשע, זיין ציטערדיקע בת־יחידקע, להבדיל, אויף אירע עלטערע יאָרן. נאָר ער האָט דאָס אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג. ער האָט דאָס אַלץ אָפּגעלייגט אויף דער לעצטער מינוט, כאָטש זען האָט ער געזען, אַז די שטוב גייט אונטער, אַז איין סוס אָדער צוויי סוסים שטייען אַצינד אַלעמאָל אין שטאָל און פרעסן אומזיסט האָבער. און קושקע־בראַנד, זיינער און פאַנדרעס קאָנקורענט אין באַלעגאָלישן צעך, דער רירעוודיקער, דער נואף, דער פרעסער, כאַפּט ביי אים אויס אַלע „שודאַקעס".... מען טאָר נישט זינדיקן — אָבער וואָס אמת איז אמת! סענדער אַליין קען זיך מער נישט פּראַווען, קען מער נישט האָווירן אַזוי ווי פריער זיינע אַלטע קונדן. זינט פאַנדרע דער גבור איז געוואָרן זיין איידעם, האָט ער זיך אָפּגעוווינט פון שווערע באַלעגאָלישע אַרבעט. דאָפּלט שווער קומט אים אַצינד אָן צו שפּאַנען זיינע פירפיסיקע „קעסט־קינדער". די סוסים אַליין, מיט זייער פערדישן חוש, האָבן איבער זיך גלייך דערפילט אַ שוואַכערע האַנט, און גענומען בירקען זיך. „שמענדריקע" טרייבט שטיקלעך, כאַפּט אָן און רייסט פאַרן אַרבל: „שמאַרעוואַז" שנאַרכט און וואַרפט פון זיך דעם האַלב־

אַנגעטאָנענעם כאָמעט. און קוקנדיק אויף זיי כראַבּרעט זיך אויף „דזשיר־קעליכע״, די יעגנטעוואַטע קליאַטשע, מאַכט זיך יינגער ווי זי איז, און שטיפט און שטייט נישט איין אויף אַן אָרט... פון שטענדיקן צער און האַרצווייטיק און האָרעוואַניע, האָט זיך נאָך ביי ר׳ סענדערן צעשפּילט דער אַלטער פעלער זיינער, דאָס „געבריך״, נישט פאַר קיין יידן געדאַכט. און גיט ער אַ הויב דעם צעעפּנטן, שווערן כאָמעט איבער „שמאַרעוואָזן״ — זיין שטאַרקסטן פערד — אַזוי פּילט ער, ר׳ סענדער, אַז עס עקט זיך אים דאָס חיות; ווי מיט אַ טעמפּן מעסער טרעפט דאָס אים אין בויך ביז איבערן גאַרטל.

האָט סענדער געוואָלט לויפן זוכן הילף ביים מורא־הוראה. צו זיינע שיך און זאָקן ווערט ער צופאַלן: „געוואַלד, רביניו, ראַטעוועט! דעם מיטל־זייל פון מיין הויז האָט מען מיך אַוועקגענומען, פאַלט איין, יעדינקן טאָג, אַ נייער שטיק שטוב איבער מיין אַלטן קאָפּ..״

אָבער אַפילו צו דערלייכטערן זיין ביטער האַרץ האָט זיך סענדערן נישט איינגעגעבן: זינט מען האָט דעם אַלטיטשקן מורא־הוראה געמאַכט די „רעפּערוּאַציע״ אין מאָהליוו, איז ער אַראָפּ פון זיינע לעצטע כוחות. חסידישע תורה צו שלש־סעודות זאָגט ער נישט מער. אין זיין חיבור, מיט אַלטע בלויע פאַפּיר מיט קעלבערנע אָדערן דורכגענייט, שרייבט ער נישט מער אַריין. זיין געגזנענע פעדער שטייט אַן אויסגעטריקנטע, אַ פאַריתומטע אין ווינקל פון פענצטער. און אָט, שוין באַלד פיר שבתים, אַז ער איז נישט געקומען דאַווענען אין ליובאַוויטשער בית־מדרש. נאָר דעם גבאי לאָזט מען צו אים צו, מער קיינעם נישט. קומט ישראל דער גבאי פון רבין צו מנחה און בייסט זיך די אונטערשטע אויסגעקראָכענע ליפּ. „וואָס הערט זיך?״ — פאַלן צו אים צו אַ מנין חסידים, בשעת יענער ווישט זיך נאָך די הענט צו „אשר יצר״ —

— אַך! — מאַכט ישראל דער גבאי און שאָקלט מיטן קאָפּ, — נקבים־נקבים! חלולים־חלולים!... אַך־אַך!...

ווייסן שוין חסידים, אַז מיטן מורא־הוראה האַלט עס זייער שמאָל. פרעגן זיי נישט מער, זיפצן אָפּ און פאַרגייען זיך אין אין אַ טרויעריקן מנחה־ניגון פון „אשרי־יושבי ביתך״...

וואָלט נאָך סענדער דער באַלעגאָלע איינגעהאַלטן אין זיך זיין ברע־נענדיקן צער און וואָלט צום מורא־הוראה נישט געגאַנגען. בילכערע חסידים, שמויסענע שטריימלעך לאָזט מען צו אים נישט צו, היינט וואָס זאָל ער זיך גיין שטופן מיט זיין באַלעגאָלישן בייטש־שטעקל?... איז

אָבער פון אָסטראָג אָנגעקומען אַ ביטערער בריוול. פּאַנדרע איז ביי זיך, פאַרן משפּט, זייער געפאַלן. בעט ער, ר׳ סענדערן זיין שוועה, ער זאָל, למען־השם, אַריין צום מורא־הוראה בעטן אַ ברכה פאַרן יום־הדין אין מאַהליוועו אָקרוזשנאַי־סוד. דעם רבינס ברכה, אַזוי שרייבט פּאַנדרע, האָט אים שוין איינמאָל געראַטעוועט, פון פּאַניעס הענט ביים פּריזיוו, און וועט אים אַצינד פונעם פּריסטאַוו בלבול אויך ראַטעווען... דאָס בריוועלע איז געווען געשריבן פאַרשטעלט, די גויעשע אויגן וואָס טאַפּן אים דורך, איידער ער גייט פון טורמע אַרויס, זאָלן אים נישט פאַרבראַקירן. אָבער סענדער און מערע האָבן שוין פאַרשטאַנען וועמען מען מיינט דאָ — און וואָס מען מיינט דאָ.

האָט זיך סענדער געמאַכט האַרץ, אָנגעטון זיין פאַרגרינטע שבת׳דיקע קאַפּאָטע און אָוועקגעלאָזן זיך צום קראַנקן מורא־הוראה מיט פּאַנדרעס בריוו אין האַנט. זאָלן יידן זען און רחמנות־האָבן.

דעם שוועל פון רבינס שטוב איז ער נאָך נישט אַריבערגעטראָטן — גייט שוין אַרויס ישראל דער גבאי, אים אַנטקעגן, און מאַכט מיט ביידע הענט, אויף אים און אויף זיין בריוו:

— שששאַ־אַ! דער דאָקטאָר האָט נישט געהייסן...

דערנאָך גייט אַרויס די רביצין:

— שששאַ־אַ! דער דאָקטאָר...

דערנאָך דער שמש. ער זידט אויך דורך די צעפוילטע ציין:

— שששאַ־אַ!

אָן אַ שום דערקלערונג, גלאָט אין דער וועלט אַריין: „שששאַ!״

גייט ר׳ סענדער אַוועק, מיט פּאַנדרעס בריוו אין האַנט, און אין די אַלטע אויגן שטייען אים טרערן. אין די אויערן שיפּעט עס אים. אים דאַכט זיך, אַז אויף דער מורה־הוראה׳ס שוועל האָבן זיך שלאַנגען צו־זאַמענגעקנוילט. זידן אַלע מיט די בייזע צינגער, אים אָפּצושרעקן, נישט צוצולאָזן צום קיואָל פון ברכה און בטחון...

מערע מיטן קיילעכדיקן בויך אונטערן פאַרטוך גייט אים אַרויס אַנטקעגן:

— טאַטע... נו?

— שששאַ! — מאַכט ר׳ סענדער — אַלע מאַכן שששאַ, טאַכטער!... אַלע אין איין קול: שששאַ...

און אויסטועדיק אין שטוב די שבת׳דיקע קאַפּאָטע רעדט סענדער, נישט צו זיך אַליין, נישט צו מערן:

— פֿאַרפֿאַלן .. מ׳עט שוין מוזן פֿאַרקויפֿן די קליאַטשע...

3

מערע האָט פֿאַוואָליע אַרומגעשניטן די צוגעקלעפּטע פֿאַסן פֿון צייטונג־פּאַפּיר אַרויסגעשלעפּט די איינגעקלעמטע ווינטער־פֿענצטערל, אַרויסגענומען די גלעזעלעך מיט עסיק און די „פּימפּערלעך" מיט זאַלץ, וואָס זויגן איין די פֿייכטקייט, אַרויסגעקערט דעם מאָך, אָפּגעקייטלט און אויפֿגעמאַכט די צווייִ האַלבע ראָמען פֿון זומער־פֿענצטערל.

אין סענדערס הייזקע האָט זיך גלייך אַריינגעריסן אַ שפּילעוודיקער וויעסנע־ווינטל, אַ צוויטשעריי פֿון וואָראַבייטשיקלעך און אַ הירזשען פֿון סענדערס געפּענטעטע פֿערד, וואָס פּיטערן זיך דאָ נישט ווייט, אויף אַ פּוסטן פֿאַרוואַקסענעם פּלאַץ ביי דער אַזערע.

— אַה־ה! אַ מחיה! — —האָט סענדער מפסיק געווען אינמיטן תהי־לים־זאָגן און אַ ריב געטאָן זיך די צעכראַשטשעטע ברוסט. עס האָט אים אַ שמעק געטאָן, דעם אָפּגעפּאַרענעם אַלטן באַלעגאַלע, מיט ברייטע שליאַכן, מיט סאָסנעס, מיט היי און דיעגעכץ אין די שענקען...

האָט ער אַרויפֿגערוקט די מעשענע שפּאַקולן אויפֿן שטערן און מיט אַ דאַנקבאַרן שמייכל אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו מערן, זיין טאָכטער. דאָס האָט ז י אים פֿאַרשאַפֿט אַזאַ פֿאַרגעניגן.

— אה! — מאַכט ער — טאָכטערקע...

און איז אינמיטן שטיין געבליבן. ווייל צוזאַמען מיטן פֿריילעכן היר־זשען פֿון זיין „שמענדריקן", האָט סענדער דורכן געעפֿנטן פֿענצטערל דערהערט אַ ווייטן געזאַנגעלע, אַ באַקאַנטן ניגונדל פֿון חיה־שרה׳קע דער משוגענער; און עס האָט אים אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן. פֿון דער פּראַקטיק האָט ער געוווסט, אַז ווו חיה־שרה׳קע — דאָרטן איז אַ צרה. אונטער די פֿענצטערלעך האָט אים חיה־שרה׳קע סוף־ווינטער, באַזונגען די שריפֿה ביים נייעם נגיד, דעם פּריסטאַווס אָפּגעריסענעם קנאָפּ פֿון אַרבל, דאָס אָוועקשיקן דעם אַרעסטירטן פֿאַנדרען קיין מאָהליוו... און אויך ד אָ ס מ אָ ל וועט זי אים, מסתמא, קיין גוטס נישט אָנזאָגן. נישט געדאַרפֿט מפסיק זיין אינמיטן תהילים־זאָגן. ווייל אַזוי שטייט אין די הייליקע ספרים: „ווער עס איז מפסיק אינמיטן לערנען און זאָגט: ווי שיין איז דער בוים, ווי שיין איז דאָס פֿעלד! ברענגט ער אויף זיך אַ סכנה..."

חיה־שרה׳קעס ניגונדל איז דערוויילע אָנגעוואַקסן און זיך דערטראָגן צום אָפענעם פענצטערל. אָנגעהויבן האָט זי, ווי אַלעמאָל, אַלעגאָריש, מיט ווייטע זכרונות פון איר אַמאָליקן לעבן ווען זי איז נאָך געווען קלאָר, ביי זוסיע דעם מילכיקן אין שטוב:

פאַר די קעז און פאַר די פּוטער
דאָ, אויכעט דאָ!
פאַר די מאַסלינקע און ברינדזע
דאָ, טאַקע דאָ.

דערנאָך איז שוין געגאַנגען דאָס נישט־גוטע:

„ניטשיינע" האָב איך אַ קוק געטאָן
דאָ, אויכעט דאָ!
פאַר דעם רב און פאַר דער רביצין —
אונז צו לאַנגע יאָר!
אויס שבתים און יום־טובים
דאָ, טאַקע דאָ.

— מערע, דו הערסט? — איז סענדער אויפגעשפרונגען און צוגע־מאַכט דאָס תהילימל — דער רב — זאָגט זי. אַפּנים דער מורה־הוראה —

מערע איז בלאַס געוואָרן. זי האָט געוואַרט אויפן מורה־הוראה׳ס ברכה נישט וויניקער פאַר פאַנדרען — איר מאַן. דערפאַר האָט זי אַצינד אַרויסגעשטעקט איר באַטיכלטן קאָפּ־האָר פון פענצטערל און גענומען מאַניען חיה־שרה׳קען צום שטוב:

— חיה־שרה׳קע, חיה־שרה׳קע, נאַדיר אַ קאָפּיקע!

חיה־שרה׳קע די משוגענע איז גלייך צוגעלאָפן מיט איר אייביקן ברודנעם פעקעלע אין האַנט און מיט איר פאַרשטאַרטער לאַכעדיקייט אַרום די פאַרקנייטשטע אויגלעך.

— ווו האַלטסטו דיין געלט? — האָט זי מערע אַ פרעג געטאָן פון הינטן אַרום.

— כע־כע, כ׳וויס נישט! — האָט זיך חיה־שרה׳קע צעלאַכט און גענומען זוכן אַרום זיך, טאַפּן די באַרוועסע פיס. און וואָס מער זי האָט געזוכט, אַלץ מער פאַרזאָרגט איז איר משוגענער פנים געוואָרן, ס׳זענען אַרויסגעפאָרן אירע גראָבע חיה־ליפּן.

— אָט האָסט דאָך דיין פעקעלע אין האַנט! — מאַכט צו איר מערע

גוטמוטיק און דערלאַנגט איר אַ גראָשן — שטופּ אַריין אין פּעקעלע, חיה־שרה׳קע!

— אין פּעקעלע, אין פּעקעלע, אין פּעקעלע! — האָט זיך חיה־שרה׳קע דערפרייט, ווי איינע, וואָס האָט צוריקגעפונען איר פאַרלוירענעם אוצר.

— און וואָס איז עפּעס דאָרטן... ביים רב? — גיט זי מערע האַסטיק אַ פרעג.

חיה־שרה׳קעס צעשטרויטער פּנים ווערט גלייך געשפּאַנט, אין אירע משוגענע אויגן צינדט זיך אָן אַ ציטרער פייערל. די לאַכעדיקע קנייטשע־לעך צעוויגן זיך און צעשטראַלן זיך, און פון האַלדז רייסט זיך איר אַ מטורפדיקער כאַ־כאַ און כי־כי... ס׳הייסט: ווילסט ביי מיר עפּעס דער־גיין? וועסט ביי מיר גאָרנישט דערגיין!... און אָפּרוקנדיק זיך פון פענצ־טערל, אויף הינטן, ביזקל מיטן גאָס, הויבט זי אָן ווידער צו ציען איר נודנעם ניגונדל:

„ניטשיינע" האָב אים אַ קוק געטאָן
דאָ, אויכעט דאָ!
פאַר דעם רב און פאַר דער רביצין —
אונז צו לאַנגע יאָר!

— דערלאַנג מיר די שטיוול! — איז סענדער נאָך אומרואיקער גע־וואָרן — כ׳וועל לויפן... ס׳איז נישט קיין גלאַטע מעשה.

4

קיין גלאַטע מעשה איז עס באמת נישט געווען. וואָרום, אַז סענדער איז צוגעלאָפן צום מורה־הוראה׳ס שטוב, איז שוין די גאָס געווען שוואַרץ פון מענטשן... ער האָט שוין מער נישט פאַנאַנדערגעפרעגט; ער האָט זיך נאָר געשטופּט.

וווהין שטופּט איר זיך, ר׳ ייד?
— צום מורה־הוראה, יידן... לאָזט מיך!...
— ער גוססט...
— לאָזט מיך, יידן! לאָזט מיך!

— לאָזט אים, לאָזט אים! פּססס. אַ קלייניקייט. לאָזט אים!...
מען האָט אים געשטורכעט און געשטויסן, נאָר איינציקע יידן, וואָס

האָבן גוט געקענט אים און דעם אומגליק זיינעם מיטן איידעם, האָבן אים געהאָלפן דורכצושטופן זיך:

— לאָזט אים!... אַ ביטער האָרץ.

ר׳ סענדער האָט אַליין נישט געוווּסט מיט וועמענס כּוח ער האָט זיך דורכגעשלאָגן ביזקל טיר, דערנאָך איבערן שוועל. אפּנים, מיטן כּוח פון פאַרגעטערונג און טיפן צער. ווי די הרי־חושך האָבן זיך אים אַנטקעגן געשטעלט: דער גבאי, דעם רבינס שטוב־מענטשן... ער ווייסט נאָר, אַז ער האָט פּלוצלונג דערזען פאַר זיך אַ הויכע וועקסענע ליכט אין אַן ערדע־נעם טאָפּ, דעם שמש פון חברה־לוויה מיט אַ פּוכיקער פעדערל אין האַנט און דעם מורה־הוראה׳ס איינגעפאַלן געזיכט, געלב־גרוי, ווי מיט ערד געמישט; פאַרשאַרטע זילבערנע ברעמען אונטער דער יאַרמעלקע, פאַר־ווונדערטע ברעמען... איינגעזונקענע פאַרמאַכטע אויגן, און די לעפלעך איבער זיי זענען טונקל־בלוי... דעם מורה־הוראה׳ס עלטערן זון מענדלען, דעם יורש פון זיין כּסא הרבנות, וואָס האָט ערשט דאָ נישט לאַנג באַקומען סמיכה אין ליובאַוויטש... די רביצין...

ר׳ סענדער, דער „געבריכיקער״ באַלעגאָלע, מיטן איידעמס בריוו פון אָסטראָג אין קעשענע, מיט דעם אומגליק פון זיין אייגענער הויז אויף די אַלטע פּלייצעס, האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט אַזוי קליין, אַזוי נעבעכ־דיק אַנטקעגן דאָס גרויסע געשעעניש דאָ. נישט אים אַהער אַריינגעטראָגן. אין האַרצן האָט אים פאַרקוועטשט, ווי ביי אַ יידענע פאַרן חלשן:

— רביניו! — האָט ער אַ כליפּ געטאָן און אומגערן געטאָן אַ טראָט צום בעטל.

— ששש אַ! — האָט אויף אים עמעצער געגומען זידן ווי אַ שלאַנג — עם־הארץ!

דער גבאי — —אפּנים.

אָבער סענדערס אַנגעווייטיקט האַרץ האָט זיך מער נישט געקענט איינהאַלטן.

— ר... ר... רביניו! — האָט ער נאָך שטאַרקער אַ כליפּ געטאָן און נאָך אַ גרעסערן טראָט געמאַכט צום בעטל. זיינע באַלעגאָלישע שטיוול האָבן זיך איינגעריסן אין דער הייליקער שטילקייט פון דער גסיסה. אונטער אַלעמענס פאַרטראַכנדיקע בליקן האָט דער בייטש־שטעקל אָנגעקלאַפּט אויפן פאַרשלאָסענעם טויער פון רחמים...

און ס׳איז געשען אַ נס. אַלע אַרום זענען פאַרציטערט געוואָרן. דעם רבינס אַראָפּגעפאַלענע אויגן־פאַרטוכלעך האָבן זיך אויפגעשפּאָלטן, גע־

נומען הויבן זיך, ווי שווערער בליי. אַ פּאָר מאַטע אויגן האָבן אָנגעקוקט דעם כליפּענדיקן באַלעגאָלע, אַזוי פרעמד און אָפּוועזנד, פון יענער זייט וועלט. דערקענט אים. פון אָפּגעשטאָרבענעם גוף איז אויסגעשוווּמען אַ שוואַכער קול:

— סע־ענ־דער!

— גיי־צו! — האָט מען אים פון דער זייט, נישט־פאַרגינעריש, אַ שושקע געטאָן — גו!...

סענדער האָט ווייטער אַ סמאָר געטאָן מיט ביידע באַלעגאָלישע שטיוול.

— ששש־אַ! — האָבן אים בייז־שיפּנדיקע קולות מתרה געווען

אָבער סענדער האָט שוין מער קיינעם נישט געהערט. ער האָט נאָר געוווּסט, אַז ער שטייט שוין דאָרט ביים פאַרשלאָסענעם טויער, וואָס האָט זיך אַצינד קוים־קוים געעפנט פאַר אים. מיט זיין הויכן האַמעטענעם וווּקס האָט ער זיך איבערגעבויגן איבער דעם מורה־הוראה׳ס בעטל און צעיאָ־מערט זיך ווי אַ ידענע:

— ר־ר־רביניו! אויף וועמען? אויף וועמען... בה־הר־הו...

משמעות — ער האָט געוואָלט זאָגן: „אויף וועמען פאַרלאָזט איר אונדז" און נישט דערזאָגט.

דעם רבינס האַלב־אָפּגעשטאָרבענע אויגן האָבן זיך נאָך מער אויפ־געריסן. עפּעס אַזוי מוראדיק פּוסט און פאַרווונדערט האָבן זיי אַצינד געקוקט. סענדערן האָבן גלייך די טרערן אויסגעטריקנט. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם דאָזיקן קוק. קיין טרייסט איז אים נישט געווען, קיין ברכה, קיין בטחון. אַן אָפּגרונט!...

ווי אַ מענטש וואָס טרינקט זיך, האָט סענדער אויסגעצויגן דעם האַלדז כדי צו כאַפּן לופט. אים האָט זיך געדוכט, אַז דער אָפּגרונט ציט אים, רופט אים: „קום, סענדער! מיט מיר, סענדער! מיט מיר צוזאַמען..."

אַ שטרענגע האַנט האָט סענדערן אָנגענומען פאַרן אַרבל און אָפּגעפירט פון בעטל. די שטיוול, דאַכט זיך גייען און די אויגן ציען זיך אויף צוריק... אַזוי האָט ער זיך פון שמש׳ל, געלאָזט פירן, ווי אַ קליין קינד, דורך אַלע טירן, ביז איבערן שוועל...

ווייטער אַ שטופּעניש, אַ שטורכעניש. נישט־פאַרגינערישע אויגן פון נישט־צוגעלאָזטע, בכבודיקע חסידים. נאָר אַצינד האָט זיך שוין סענדער מער נישט געשטופּט מיט די עלנבויגנס. צוליב וואָס? דער לעצטער אָנ־האַלט האָט זיך צעבראָכן, די לעצטע הילף איז פאַרשווונדן. דעם רבינס האַלב־געשטאָרבענע אויגן האָבן געשוועבט פאַר אים. פאַרוואָס האָבן זיי

אַזוי פינצטער געקוקט אויף אים?... „סענדער״, האָט ער צו אים געזאָגט, ווי פון אַ קבר אַרויס. „סענדער!״ און מער גאָרנישט.

אויף דער פרייער גאַס האָט אים שוין אָפּגעוואַרט חיה־שרה׳קע די משוגענע. די פאַרשוומענע אויגלעך אירע האָבן זיך געוואָרפן אין אַ כיטרען געלעכטערל און אין אַ נעץ פון קנייטשעלעך. ווי אַ מיאוסע מחותנתטע וואָס יוֹאַרט אָפּ די כלה, ווען זי גייט פון מקווה און ווינטשע־וועט איר צו, אַזוי האָט אים חיה־שרה׳קע צוגעזונגען. אָנגעהויבן האָט זי מיט די בענקעניש פון איר אַמאָליקן לעבן, קלאָרערהייט, מיט זוסיע דעם מילכיקן:

דאָ, אויכעט דאָ!
פאַר די מאַסלינקע און ברינדזע

און פאַרענדיקט האָט זי מיט אַ משוגענעם אָנזאָג:

„ניטשיינע״ האָב איך אַ קוק געטאָן
דאָ, אויכעט דאָ!
פאַר דעם רב און פאַר ר׳ סענדערן —
אונז צו לאַנגע יאָר!...
אויס שבתים און יום־טובים
דאָ, טאַקע דאָ.

אין פרעמדן שפּאַן

1

זינט דער אַלטער מורה־הוראה איז געשטאָרבן, איז די כמאַרע איבער סענדערס הויז נאָך געדיכטער געוואָרן. סענדער האָט באַשיינפּערלעך געזען, אַז דאָס מזל האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים.

פאַרשטאָפּט איז געוואָרן דער קוואַל פון ברכה, אויסגעלאָשן די הויכע הבדלה־ליכט, וועלכע האָט אים שטענדיק געלויכטן, מיט טרייסט און מיט שפע, אַ פולע וואָך.

פאַרשאָטן מיט ערד זענען די ליפּן, וואָס האָבן שטענדיק געבענטשט; פאַרפלאָנטערט אין תכריכים איז די איידעלע האַנט, וואָס האָט אַריינגע־פירט, אין זיין האַלב־איינגעפאַלענער הייזקע, נח פאַנדרען מיט זיין פרישער גבורה, צו זיין אים אַ שטיץ און אַ זייל אויף די עלטערע יאָרן.

אויף דעם מורה־הוראה׳ס פאָטער־שטול האָט מען אפילו אַוועקגעזעצט זיין יורש, מענדלען. נאָר סענדער האָט צו אָט דעם מענדלען קיין צוטרוי נישט.

סענדער געדענקט נאָך זייער גוט, ווי מענדל, דער נייער מורה־הוראה, פלעגט קריכן צו אים אין וואָגן, פלעגט רייסן סטרונעס פון די פערדישע עקן... אָט דאָ נישט לאַנג, דאַכט זיך, איז עס געווען!... ער האָט אַפילו נישט איינמאָל אָנגעפּאַטשט מענדלען איבערן קורצן הינטן, אויף די אויס־געריבענע מייטקעס. און מיטאַמאָל גאָר איז אָט דער זעלבער מענדל מיטן געפּאַטשטן געזעס, געבליבן זיצן אויף דעם טאַטנס כסא־הרבנות!...

הייגט די צורה אַליין! קיין קדרת־פּנים איז ביי מענדלען נישטאָ: די הויכע איידעלע וווקס פון זיין טאַטן, עליו השלום, די לאַנגע באָרד, די רואיקע אויגן, די שמאָלע האַנט, וואָס רוקט זיך אַרויס פון דער זומערדיקער

ציצענער קאַפּאָטע מיט די טערקישע קווייטן, ווי אַן איינגעדאַרטע בלום — קיין זכר איז דערפון נישט געבליבן! אויסגעוואַקסן איז מענדל אַ קליי־נינקער, מיט אַ גרויסן קאָפּ, מיט אַן איינגעבויגענעם רוקן. אין די אומ־רואיקע בולטע אויגן איז נישטאָ קיין זיכערקייט. און טוט מענדל אָן דעם טאַטנס איבערגעני־צעוועטע פּייבלנע שטריימל, זעט ער אין איר אויס, ווי אַ פּייג אונטער אַ דעכעלע. ער פּילט עס, אַפּנים, אַליין, און קען די עלטערע בכבודיקע חסידים גלייך אין די אויגן נישט קוקן.

אויסער דעם, אין די בחורישע יאָרן, איז אָט דער מענדל געווען גע־כאַפּט אויף דער מעשה, אויף לייענען לשון־קודשדיקע ביכלעך. זיינע ברידער, וועלכע זענען זיך צעפאָרן אין די גרויסע שטעט, זענען גלאַט אַפּיקורסים. הייסט ווי אַזוי זאָל ר׳ סענדער אין אים גלויבן?

מענדלס משפּחה־לעבן איז אויך נישט פון די גליקלעכע. זיין ווייב האָט שטענדיק לעבער־פלעקן אויפן פּנים און איז אַ מרה־שחורהניצע. דאָס מיידעלע זיינס, ווען זי ווערט אין כעס, פאַלט זי אַנידער אויף דער ערד און צאַפּלט און שלאָגט מיט הענטלעך און פיסלעך און די ראָפּע שלאָגט איר פון מיילכל, ווי ביי אַ „געפאַליקער". און ביי זיין עלטערן יינגעלע וואַקסט אַ הויקער אויף דער רעכטער לאָפּאַטקע. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס פון אַן אָנוווקס, אַזוי גרויס ווי אַ ניסל. און אַצינד איז עס שוין, נעבעך, אַזוי גרויס ווי אַ האַלבע חלה. ער גייט מיט אַ זייטל און די חדר־יינגלעך קרימען אים איבער. די יונגע רביצין פּאַרט מיט אים אום, פאַר־שוואַרצטערהייט, צו דאָקטוירים. און מענדל זיפצט, ציט אַ האָר פון דער קיילעכדיקער שוואַרצער בערדל און שאָקלט זיך איבער אַ ספר, ווי אַ קרום בוימל איז זיין לעבן אַרויסגעוואַקסן פון די רבנישע, אַלטע וואָרצלען; ווי אַ קרומען נוס־בוים איבערן קבר פון זיין גרויסן טאַטן, אַ מענטש קען זיך אַליין נישט העלפן, הייסט ווי אַזוי זאָל ער העלפן אַנדערע?

די איינציקע זאַך, וואָס גיט נאָך מענדלען צו אַ געהיימנישפולע ווערדע, איז דער ״תזכרו״ פון קריאת שמע... בשעת מענדל דאַוונט און דערגייט אין קריאת שמע צו „למען תזכרו", קוועטשט ער דעם „זין" מיט אַלע פאָדערשטע ציין:

— למען תזזזזזכרו! תזזז...

פונקט ווי ער וואָלט געשלייפט אַ צעראַצטן שטאָלענעם מעסער אָן אַ נייעם שאַרפשטיין. שפּיציקע זאַמד־שטיינדלעך, דאַכט זיך, און פונקען שיטן זיך אַרום אים. דער אָטעם גייט אים גאָרנישט אויס.

— תזזזזזכרו!

קיין שום ליובאַוויטשער חסיד אין דער וועלט איז נישט בכוח נאָכ־צומאַכן אַזאַ זעגנדיק זידנדיקן, זשומענדיקן „זין״. יעדער פרומער ייד גיט אַ ביסל אַ קוועטש דעם „תזכרו״ אין קריאת שמע, אָבער ווי קומט דאָס צו מענדעלעס שאַרפשטיין!

נאָר צוליב איין „תזכרו״ אַליין קאָן מען נאָך אינעם פריש־געבאַ־קענעם מורה־הוראה קיין בטחון נישט האָבן. ניין; דערצו איז שוין ר׳ סענדער אַ ביסל אַלט־געבאַקן...

און דערווײַלע זיצט נח פאַנדרע אין אָסטראָג און צום משפט איז נאָך ווײַט. פון ביידע זייטן, סיי מצד דעם פריסטאַוו, ימח־שמו זאָל ער ווערן, סיי מצד פאַנדרען און זיין אַדוואָקאַט — האַלט מען אין איין קלייבן עדות, יידישע עדות און גויאישקע עדות. מען זוכט אויס אויף פאַנדרען, וואָס אין אַ קאָרט. אַלע זינד פון זיין אומרואיקער בחורשאַפט ביז היינטיקן טאָג. זיין אַמאָליקן שיכורן, זיין שלאָגן זיך. זיין מאַכן סקאַנדאַלן אונטער פענצטער פון באַלעבאַטים אום יום־טוב, דאָס אַרויפשלעפן צוויי נאַקעטע מענטשן ביים קאַזיאָנעם ראַבינער אויפן גאַניק... אַלץ, וואָס מען האָט געקענט אויסזוכן צו פאַרשוואַרצן זיין נאָמען, איז געוואָרן אויסגעזוכט. און אַ קאַשע האָט זיך פאַרקאָכט, אַז גאָט זאָל שומר ומציל זיין!

איין קלייניקייט!... מען באַשולדיקט אים, פאַנדרען, אַז ער האָט זיך צעיושעט, ווי זיין שטייגער איז, און געשלאָגן פאָליציי בשעת יענע האָט געטאָן אירע פליכטן אויף דער יידישער שריפה. געשלאָגן די סטראַזשניקעס און אויפגעהויבן אַ האַנט אויף דעם פריסטאַוו אַליין. אַ סימן איז — דער אָפּגעריסענער קנאָפּ פון אַרבל... אַ שיינער סימן! אַזאַ סימן שמעקט, זאָגט מען, מיט „סימביר״, מיט אַרעסטאַנטסקע ראָטעס.

סענדער דערציילט נישט מערען, ווי עס האַלט מיט איר מאַן. זי איז דאָך, געלויבט דער אויבערשטער, אין אַכטן חודש. זי טאָר זיך צופיל צום האַרצן נישט נעמען. עס קען חס־ושלום טרעפן אַ סיבה... דערציילט מען איר דערפאַר באָבע־מעשיות: אַט מאָרגן, איבערמאָרגן, אין אַ וואָך אַרום וועט פאַניעס גערעכטיקייט אַרויסשווימען, ווי בוימל אויף וואַסער, און פאַנדרע וועט קומען אַהיים!... סענדעריכע, די מאַמעלע אירע, היט אָפּ מערען אויפן מאַרק און סענדער — אין גאַס. פאַר „גוטע שכנים״ היט ער זי. טאַטע־מאַמע האָבן מורא, מען זאָל איר נישט אונטערטראָגן די „פּאַטשט״ מען זאָל זי נישט איבערשרעקן...

און דאָ שטייען נאָך דריי פערד אויף האָבער. אַמאָל דער, אַמאָל יענער סוס מוז איינגעשפּאַנט ווערן אין פייטאָנדל, כדי צו פירן „שודאַקעס״

צום פֿאַרעכאַד, און אָנגעקומענע געסט — אויף אכסניות. ס׳איז נאָך אַ נס, וואָס ס׳איז שוין נאָך פּסח צייט; ברויכט מען נישט צו שפּאַנען דריי פערד צום שליטן, שלעפּן זיך דרייסיק ווייאָרסט קיין אָרשע און צוריק און איבערלאָזן די שטוב, אַ גאַנצן מעת־לעת. אויף די צוויי פאַרחושכטע, פאַרהאָרעוועטע ווייבער...

און ווער עס זאָל העלפן איז נישטאָ. באַלעבאַטים האָבן אָפּגעגעבן יעדערער זיין נדבה פֿאַר פאַנדרעס אַדוואָקאַט און האָבן זיך באַרואיקט. אָפּגעטאָן אַ מצווה און אַראָפּ פון מאַרק. די באַלעגאַלעס אין צעך קלאַפּן מיט די בייטש־שטעקלעך אין טיש אַריין, טומלען און האַרמידערן, ברומען ווי די פּוסטע פּעסער אַרויס. דערנאָך צעפאָרן זיי זיך, יעטוועדער מיט זיין פערדל אין זיין זייט... סענדער וואָלט שוין אַראָפּגעגנידערט פון זיין באַלע־גאַלישער ווערדע אין יאַטקע אַריין, צו פאַנדרעס געוועזענע חברים, צו שמחה׳לע טורערו, למשל, אויסגיסן דאָס האַרץ. אָבער זינט דער מורה־הוראה איז נפטר געוואָרן גייט אַלץ קאַפּויער. ווו סענדער רירט זיך צו — דאַרטן רייסט זיך אָ אַ שטיק און פאַלט אין כף־הקל אַריין. וואָרום אין אַסטראָג האָט מען, אַנומלטן, אויך שמחה׳לע טורערו אַריינגעזעצט אַלץ פאַר דער שריפה ביים נייעם נגיד...

ס׳האָבן זיך געפונען שטאַטישע פויערים, וואָס האָבן אַליין געזען, מיט די אייגענע אויגן, ווי שמחה׳לע האָט זיך, נאָך האַלבע נאַכט, געדרייט אַרום דעם נייעם נגידס שטאַל. טאַקע אין יענער נאַכט, ווען די שטאַל האָט אָפּגעברענט. ער האָט כלומרשט פאַררויכערט זיין פּיפּקע, שמחה׳לע. אָנגעשפּאַרט זיך אָן ווינקל און שוועבעלעך געריבן... און וויפיל דאַרף אַ הילצערנע שטאַל, וועלכע איז אָנגעפּראַבקעט מיט שטרוי? איין אָנגע־צונדענע שוועבעלע אַ וואָרף־אונטער דער אָפענער קראָקווע און פאַרטיק! געברענט האָט די שטאַל, אין אָנהויב, טאַקע פון דאַך־ווינקל צום גאַס־צו...

זיי דערציילן, די עדות, אַז ווי נאָר שמחה׳לע האָט זיי דערזען, האָט ער אויסגעלאָשן די שוועבעלע און האָט זיך באַהאַלטן. דערנאָך איז ער ווידער אַרויס און גענומען רייבן שוועבעלעך. אָ, זיי האָבן געטשיקעוועט! זיי קענען שווערן אויפן צלם... און, איידער זיי זענען אָפּגעגאַנגען אַ האַלבע גאַס אַראָפּ, האָט שוין פון שטאַל געזעצט אַ רויך...

— פאַרוואָס דווקא שמחה׳לע טורערו? אפשר אַ טעות? ס׳איז דאָך געווען פינצטער, נאָך האַלבע נאַכט...

— ס׳איז טאַקע געווען נאָך האַלבע נאַכט, אָבער דער שניי האָט גוט געלויכטן. און ווער קען דאָס נישט דעם קצב מיט דער באַראַשקענער

שפּיציקער היטל ביז איבער די אויערן? ס'איז שמחה'לע, נישט קיין אַנדערער!

און נאָך עטלעכע גויעצלעך האָבן זיך אָפּגעזוכט: דער האָט געהערט, דער האָט געזען. דעם האָט זיך געדוכט. דער האָט געהערט, אַז יענער האָט געזען. אַ גלוסטעניש צו זאָגן עדות אויף יידן האָט אָנגעכאַפּט די גויאישקע שכנים אין שטאָט, ווי די תאווה זייערע נאָך פּסח'דיקן ספּירט און נאָך געפילטע יידישע פיש...

דער שווערער חשד, וואָס איז געהאָנגען איבער שמחה'לען האָט זיך נאָך פאַרשטאַרקט, ווען די מאָהליוווער „אָבצעסטווע", וואָס האָט געזאָלט אויסצאָלן סטראַכאָווקע, האָט אַ נעם געטאָן אויפן צימבל דעם נייעם נגידס שטוב־מענטשן: מיכאַלקען דעם גואישקן משרת און די יידישע דינסט־מיידל.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז שמחה'לע טורערו האָט געסטראַשעט בשעת די „מורקע", ס'הייסט: דעם נייעם נגידס קראַנקע בהמה — האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זיינע קצבישע הענט. ער האָט בפירוש געסטראַשעט, אַז די בהמה וועט שוין קיין גאַנצע נישט בלייבן, און אַלס אַן אויפגאַב האָט ער מכבד געווען מיכאַלקען מיט אַ רעכטן ריב אין זייט אַריין. דריי טעג האָט זיך מיכאַלקע פון אָרט נישט געקאָנט רירן.

— פאַרוואָס־זשע האָט מיכאַלקע ביז איצט געשוויגן?

— גוטע מענטשן האָבן אַזוי אַן עצה געגעבן... שמחה'לע דער קצב איז אַ ראַזבאָיניק. אַלע האָבן פאַר אים מורא...

דער נייער פּריסטאַוו, דער המן, צוזאַמען מיטן קאָנטראָליאָר פון דער מאָהליוווער „אָבצעסטווע", האָבן די אַלע פאַרדאַכטן גוט צוזאַמענגעשטו־קעוועט: איז אָט, הייסט דאָס, ווי שקלאָווער יידעלעך פירן זיך אויף! זייער חוצפּה, זייער גזלעוואָיע! דער איינער שלאָגט אַ פּראַוואָסלאַוונעם און צינדט אונטער אַ שטאַל און סטראַשעט צו דערהרגענען, אויב מען וועט אויסזאָגן...

און דער צווייטער, דער א ו נ ט ע ר צ י נ ד ע ר ס אַ ח ב ר, שלאָגט פּאָליציי און רייסט אָפּ פּאָפּאָנעס!... זאָל זיך טאַקע „יעהאָ פּרע־וואָסכאָדיטעלסטוואָ", דער מאָהליוווער גובערנאַטאָר אַריינמישן און מער נישט צו לאָזן, אַז פּראַוואָסלאַוונע זאָלן אַזוי פאַרשלאָפּט ווערן ביי יידן.

און מאָהליווער גאַטשאַלסטוואָ האָט זיך גנאַדיק אַריינגעמישט, אַראָפּ־געגנידערט פון דער גובערנסקער שטאָט אין שטעטל אַריין. און אַרעסטירט אויך שמחה'לע טורערו, פאַנדרעס חבר.

זיצן זיי,ביידע געוועזענע גוטע ברידער פון יאַטקע און פון טרונק־בראָנפן, און וואַרטן אויף זייער משפט; יעדערער מיט זיין בלבול אויפן קאָפּ. און אַ סברה איז, אַז פאַנדרע, דער באַשיצער פונעם נייעם נגיד און פון זיין בהמה, איז מער אין סכנה פאַרשיקט צו ווערן אויף אַרעס־טאַנטסקע ראָטעס, ווי שמחה׳לע טורערו, דער אונטערצינדער...

2

אַלס אַ צוגאָב צו ר׳ סענדערס צרות אויף די עלטערע יאָרן איז נאָך אָנגעקומען פון פאַנדרען אַ בריוו מיט אַ יללה איבער דער מורה־הוראה׳ס פּטירה. ווי־געשריען: ז י י ן מורה־הוראה, וועלכער האָט אים אויס־געלייזט פון פּריזיוו, מיט וועמענס כוח ער איז אַרויס פון יאַטקע. אָט דער זעלבער מורה־הוראה, וועלכן ער האָט אין מאָהליוו, אויף זיינע אייגענע אָרעמס, אַרויפגעטראָגן אין שפּיטאָל צו דער אָפּעראַציע, ווי מען טראָגט אַרויף אַ קליין קינד... אוי און ווי. אַצינד ווייסט ער שוין, פאַנדרע, אַז ער איז אַ פאַרפאַלענער. וואָס אים אַדוואָקאַט, ווען אַדוואָקאַט! ער וועט שוין פון פאַניעס הענט קיין גאַנצער נישט אַרויס...

אָנגעשריבן איז דער בריוו געווען אויף אַ פאַרשטעלטן צעקאַליע־טשעטן יידישן־רוסיש. ווייזט אויס — דורך אַ צווייטן אַרעסטאַנט אין אָסטראָג. וואָרום ווי קומט פאַנדרע צו שרייבן רוסיש?.... ביי סענדערן אין שטוב האָט אויך קיינער קיין גוואיש נישט געלייענט. האָט דאָס ר׳ סענדער אָוועקגעטראָגן, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, צום נייעם נגיד, דעם נייעם נגידס בנאָק, וועלכער גייט אין שטאָט־שול, זאָל אַזוי גוט זיין און איבערלייענען.

דעם נייעם נגידס מיטלסטער זונדל — אַ צעלאָזענע בריאה מיט אַ פאַרשטאָפּט נעזל און מיט אַ רימענעם פּאַסעק אויף די דאַרע לענדן, איבער דער גרויער שול־קורטקע, האָט גראָד געהאַלטן אין רעכטן מיטן טשעפּען זיך מיט זיין יינגסטער שוועסטער. די יונגערע שוועסטער האָט געהאַט אַ צונעמעניש „ציג״, וואָס האָט איר געגומען דעם לעבער... זי איז באמת געווען אַ ביסל ענלעך צו אַ ציג מיט איר אַרויסגערוקטער שמאָלער גאָמבע און מיט פּערל־באָמבעלעך און די אויסגעצויגענע בלאַסע אויערן. און ווען זי גייט און די באָמבעלעך שאָקלען זיך, איז זי גאָר ענלעך... און קייען קייט זי, וואָס־נישט־איז, אַ גאַנצינקן טאָג, אַ מאַנדל־בייגעלע, אַ סוכאַריקל, אַ דאָס, אַ יענץ. דער דאָקטאָר האָט איר געהייסן

עפּעס קייען אַלע פּאָר שעה, כדי זי זאָל זיך „פּאָפּראַוועןײ. קייט זי און באַוועגט מיט ציגענע העויות די אונטערשטע בלאַסע ליפּ און די באַמבע־לעך שאָקלען זיך.

דער שול־תּלמיד, איר גערעטענער ברודער מיטן פאַרשטאָפּטן נעזל, האָט איר דאָס מאָל אַוועקגעלייגט אַ שטיקל „משניותײ מיטן אמתן ניגון פון אַ קלויזניק. ער האָט זיך דערביי געצופּט די בלאַסע גאָמבע זיינע, ווי אַ ישיבה־בחור צופּט זיך דאָס שיטערע בערדל, ווען ער לערנט, און צוגעזונגען גאָר מיושבדיק:

קאָזי קאָזינע,
שהלך לגינה
ואכלה לבאָטשווינע,
אָמר רבינא —
מאי דינא?
ווטל דובינע,
והכה לקאָזינע.

ביים בחורל איז דאָס, דורכן שטענדיק־פאַרשטופּטן נעזל, אַרויסגעקומען מיטן „דלדײ אַנשטאָט אַ „נוןײ: קאָזי קאָזידע שהלך לגידע, ואכלה לבאָטשווידע... און מיט אַ זופּ אין זיך, אַריין נאָך יעדן „דלדײ. און ס'האָט געזאָלט הייסן: אַ ציג אַ ציגעלע, וואָס איז אַריין אין גאָרטן, און האָט אויפגעגעסן די באָטשווינע. פרעגט רבינא: וואָס איז דער דין? מ'נעמט אַ דובינע און מען איז מכבד די „קאָזינעײ. די ציג, הייסט דאָס...

די גערעטענע מויד האָט נישט קלאָר פאַרשטאַנען דעם טייטש פונעם שטיקל „משניותײ. נאָר יעדער גראַם האָט זי געטראָפן, ווי אַ קויל אין האַרצן. צעפּוקעט און צעזעצט איז זי געוואָרן. האָט זי זיך געיאָגט נאָך איר גערעטענעם ברודער, דעם בעל־דרשער, מיט אַ טיפן קאַלאָש אין האַנט, כדי צו וואַרפן דעם „בראַטאַקײ אין קאָפּ אַריין, און דערביי האָט זי נאָך געמעקעט.

— זע־עה, מאַמע! ער טשע־ע־פּעט זיך!

האָט דער גערעטענער בחור מורא געקראָגן פאַרן טיפן קויטיקן קאַלאָש און צוריק געשריען:

— זע, מאַמע, די צי־י־יג!

באַהאַלטן זיך אין קאָכשטוב, הינטערן פּריפּעטשאָק, האָט זיך דער גערעטענער ברודער דערפילט אַ ביסל זיכערער און האָט דער גערעטע־נער שוועסטער אויסגעזונגען אַ נייע וואַריאַציע:

אָמר רב אחא:
נוטל פליאַכע
והכה לקאַזאַכע...
מעה—ע—עה! — — —
אוי! מאַמע!

פאַרוואָס עפּעס „אוי מאַמע" אין מיטן דרינען? ווייל דער טיפער קאַלאַש פון דער שוועסטער האָט אים פאָרט דערטאַפּט, דערלאַנגט אים פלוצלונג איבערן קאָפּ און איבערגעריסן, אין רעכטן מיטן משניות... און די ציג אַליין שטייט נאָך אַקעגן אים, אירע קאָזע־אויגן שפּאָטן, איר אויסגעצויגענע גאָמבע מעלה־גרהט אַ מאַנדל־בייגעלע, און אירע אויערינגלעך באָמבלען צו:

— אַ־האַ־אַ!

אויף דער דאָזיקער גרויסאַרטיקער סצענע פון צערטלעכקייט צווישן נגידישן ברודער און נגידישע שוועסטער איז גראָד אָנגעגאַנגען ר' סענדער מיט פאַנדרעס האָרטן בריוו.

אין כעס אויף דער „ציג" האָט זיך דאָס געראָטן בחורל, מיט סימנים פון קויטיקן קאַלאַש אויפן שטערן, לאַנג געבריקעט, געבורטשעט, נישט געוואָלט לייענען קיין באַלעגאָלישן בריוו; ביז ריקליע, דאָס יידישע דינסט־מיידל מיט איר גוט האַרץ, און די מאַמע — די נגידיתטע מיטן זויערן פנים, האָבן זיך אַריינגעלייגט אין ענין, און איינגעבעטן דעם געראָטן בחורל ער זאָל טאָן אַ יידן אַ טובה.

האָט דאָס בחורל געגומען לייענען הברות־ווייז, איבערגעקרימט דעם שלעכטן רוסיש און געטייטשט מיט משונהדיקע יידישע ווערטער. און די מאַמע און די טאָכטער מיט די באָמבעלעך האָבן אונטערגעכאַפּט און געהאָלפן טייטשן.

ר' סענדער איז געזעסן אין דער נגידישער קאָכשטוב אויפן טרפה'ן בענקל, ווי אַ בעטלער, און מיט האַרצקלעמעניש צוגענומען יעדן וואָרט און יעדן טייטש, ווי אַן אָרעמאַן — אַן אָפּגעריבענע נדבה. די טייטשן־נדבות האָבן זיך געקליבן, ביזקל סוף בריוו, שווערע און מגושמדיקע, ווי אַלטע גראָשנס פון יעקאַטערינאָס צייטן. זיין שווערקייט האָט ער דער־פילט אַזש אונטערן גאַרטל... און ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן אַוועקצו־גיין מיטן צעקנייטשטן בריוו אין האַנט, האָט ער שוין קלאָר געשפּירט, אַז דער אַלטער, גריזשענדער פעלער — דאָס „געבריך" — ציט און שניידט אים, ווי נאָך י ע נ ע ם י ו ם ־ כ פ ו ר, ווען פייוקע, אוריס

האָט אים אַ בריק געטאָן מיטן פיסל אויף צוריק... וואָס וועט זיין אַצינד? ווען אַזאַ יונג ווי פאַנדרע האָט פאַרלוירן דעם בטחון, היינט וואָס זאָל טאָן אַזאַ אַלטער, קראַנקער ייד ווי סענדער איז?

די בעסטע זאַך וואָלט געווען אויסליגן אַצינד דעם ווייטיק, צולייגן אַ הייסן קאָמפּרעס און זאָגן תהילים... פון דער פּראַקטיק ווייסט סענדער, ווי דאָס היילט, ווי דאָס באַרואיקט. אָבער אויסליגן זיך האָט מען אים נישט געלאָזן. פאַנדרעס משפט אין „אָקרוזשנאַי־סוד" האָט זיך אָנגערוקט אַלץ נעענטער. דאָס קומט אַ שליח פון מאָהליוווער אַדוואָקאַט, אויס־פרעגן אים און סטראַשען אגב, אַז אויב מען וועט נישט סילוקן דאָס רעשט געלט, וועט ער איבערררייסן די „אַרבעט"... און דאָס שיקט נאָך אים דער נייער פּריסטאַוו, ימח־שמו, סענדער זאָל זיך מטריח זיין אין סטאַן.ביידע צדדים ציען פאַרן צונג און ציען דעם קליאַק פון די ביינער. איין צד, כדי צו פאַרטיידיקן פאַנדרען, און אַנדערער צד — צו באַ־גראָבן אים.

און וואָס נעענטער עס ווערט צום משפט, אַלץ ווייטער רוקן זיך אָפּ די חשובע באַלעבאַטים פון ר' סענדערן. די מיילער ווערן שוויינג־דיקער, די אויגן — פאַרשעמטער. סענדער פילט דאָס גוט און זעט דאָס זייער גוט דורך זיינע מעשענע שפּאַקולן. יעטוועדער האָט מורא פאַר זיך, האָט פחד צו שטעקן אַ פינגער אין הייסן טאָפּ. הויב זיך נאָך אָן מיטן נייעם פּריסטאַוו! ער זאָל זיך נאַר דערוויסן, וועט ער יעדערן אַריינגעמען אין „שפּיל". אויף גאַנץ שטאָט וועט ער זיך אָנזעצן פאַר זיין יונסקן אָפּגעריסענעם קנעפּל.

די גאַנצע אחריות פאַר פאַנדרען זיין אײדעם, וואָס דאַרף געמשפּט ווערן, און פאַר מערען זיין טאָכטער, וואָס דאַרף געלעגן ווערן, איז אַזוי געפאַלן אויף סענדערס האַלדז און אים צוגעדריקט. ער האָט איב־גאַנצן אָפּגעלאָזן די לייצעס פון זיינע דריי פערד. און אין שטוב האָט זיך שוין געפילט אַ דוחק...

האָט ער גענומען זוכן אַ קונה אויף זיין קליאַטשע, אויף „דזשיר־קעליכען" און נישט געפונען. צום זומערדיקן יאַריד מיט די אָנגעפּאַרענע, נישט־שטאָטישע קונים איז נאָך געווען ווייט. האָט אים „קושקע־בראַנד", זיין קאָנקורענט, געגעבן אַן עצה, ער זאָל דערוויילע אויסבאַרגן זיינע פערד און טיילן די פּרנסה אויף דער העלפט.

זינט ר' סענדער איז אַ באַלעגאָלע אויף דער וועלט האָט ער קיין־מאָל נישט אויסגעליען זיינע פערד. „עס ווייסט אַ צדיק די זעל פון

זיין בהמה״... און דער גוטער באַלעגאָלע ווייסט ווי פרעמדע לאַפּעס ציען אָן די לייצעס, ווי פרעמדע בייטשן שמייסן... אָבער די נויט האָט געצוווּנגען — האָט ער גענומען אויסבאַרגן אַמאָל „שמאַרעוואָזן״, אַמאָל „דזשירקעליכען״ אָבער נאָר די עלטערע אין צעך האָט ער זיי אויסגע־באָרגט. עלטערע באַלעגאָלעס כראַברען זיך נישט מיטן פייפנדיקן אַרויס־פאָר און מיטן קנאַקנדיקן אַריינפאָר. עלטערע שאַנעווען אַ לעבעדי־קע זאַך...

נאָר איין „שמענדריקען״, אָט דעם דינפיסיקן שטיפער, אָט דעם „איידעמל אויף האָבער״, וואָס סקאַליעט די פערדישע ציין, ווען מען מוסרט אים, א י ם האָט סענדער קיינעם נישט פאַרטרויט. ווי אַ בן־זקונים האָט אים סענדער געהאַלטן. זאָל ער בעסער עסן אומזיסטע היי און נישט גיין אין פרעמדן שפאַן.

נאָר איינמאָל אין אַ בייזער שעה נאָכן דאַוונען, האָט זיך קושקע־בראַנד אָנגעזעצט אויף סענדערן. ער איז אַראָפּגעקומען צו סענדערס געלעגער און געבעטן ער זאָל אים אויסבאָרגן „שמענדריקען״. דווקא „שמענדריקען״. אָט גראָד דער יונגער פערדל פעלט אים, קושקען, אין שפאַן צו זיין יונגער קליאַטשע. זיי פאַסן זיךביידע. זיי זענען פון איין „מאַשטש״ (קאָליר) זענען זיי. ער, קושקע, האָט אויסגעכאַפּט אַ פאָר גאָר וואַזשנע „שידאָקעס״ — אַ פריץ מיט אַ פריצטע. ער מוז זיי אָפּפירן מאָרגן גאַנץ פרי אויף אַ גויעשקער חתונה קיין קופּיאַל, אויפן זשלאָ־בינער שליאַך, בסך־הכל דרייסיק וויאָרסט אַהין און דרייסיק — צוריק. עס פּאַסט אים נישט, קושקען, צו שפּאַנען שוואַרץ־און־ווייס אָדער רויט און פּאָפּיליאַטע, אַ יונגע קליאַטשע מיט אַ משא־פערד, וואָס טראָגט פו־דיקע פּאַדקאָוועס אויף די קאָפּיטעס און האָט קאָלטונעוואַטע „בערד״ אויף די באַבקעס... ער קען קאַליע מאַכן דעם גאַנצן עסק. אַ פריץ אַן ערל איז דיר נישט קיין שקלאָווער טאַבאַק־נאָז... ער ריכט זיך, קושקע, אויף גאַנצע צען זילבערנע רובל. אויסער עטלעכע גריוויניקעס אויף בראָנפן... וואָס איז דאָ וואָס צו רעדן: — פרנסה אויף דער העלפט! בראָנפן — אויף דער העלפט! האָבער נעמט ער אויך אויף זיך...

ר׳ סענדער האָט אויסגעהערט דעם גאַנצן דרוש קוקנדיק אין זיין אַלטן תהילימל אַריין, דערנאָך האָט ער פּאַוואָליע אַרויפגערוקט די מע־שענע שפּאַקולן אויפן שטערן און האָט אָנגעקוקט קושקען, דורכגענומען זיינע לעבעדיקע אויגן, זיין פאַרפרעסן פּנים, זיין קיילעכדיק, זאַפרענדיק

בערדל אַרום די רויטע באַקן, און האָט שטיל און דייטלעך אַרויסגע־רעדט:

— איך באַרג נישט „שמענדריקען״!... „שמאַראָוואָזן״, אויב דו ווילסט...

קושקע־בראַנד איז אָבער נישט פון יענע, וואָס לאָזן זיך אָפּשטופּן מיט אַ וואָרט. בפרט, ווען עס האַלט ביי פּרנסה. ער האָט זייער גוט געוווּסט, אַז מיט אַ פינף־רובלדיקע וואַרפט מען זיך אַצינד נישט אַרום ביי סענדערן אין שטוב. האָט ער זיך נישט געפּוילט און אַראָפּגעקומען נאָכאַמאָל צו סענדערן, נאָך מעריב, ווען די סענדעריכע קומט פון מאַרק... אַזוי און אַזוי, ר׳ סענדער, שפּאָרט זיך נישט איין! גיט צו פאַרדינען אַ יידן און פאַרדינט אַליין! נישט אַלע טאָג מאַכן זיך אַזעלכע גויעשקע פּריצים. אַ פינגער אין קאַלט וואַסער דאַרפט איר דערביי נישט אַרייג־שטעקן! איך, קושקע, שפּאַן „שמענדריקען״ איין לעבן אייער שטוב און שפּאַן אים דאָ אויס. אָט איז סענדעריכע און אָט איז אייער מערע, זאָלן זיי אַליין זאָגן...

— קושקע! — מאַכט סענדער און קוקט זיך אום אַ ביסל צעשראָקן אויף זיין אַלטשיטשקער — בינד מיר נישט קיין זעקל האָבן אונטער דער מאָרדע! דיין פערד בין איך נ י ש ט...

אָבער דאָ איז געשען דאָס, וואָס קושקע־בראַנד, דער ממזר, האָט לכתחילה אויסגערעכנט. סענדעריכע האָט זיך אַריינגעמישט מיט איר מיילעכל און מיט אירע פלינקע הענטעלעך:

— סענדער, גאָט איז מיט דיר! עס גייט צו אַ קינפּעט אָן עין־הרע. קיין וויקעלע איז אין שטוב נישטאָ. קיין הון אויף אַ יאַיכל, קיין לעפל איינגעמאַכץ אויף א רפואה וואָס וועט דיין „תכשיט״ אויסשטיין אין שטאַל, אַז אַליין איינשפּאַנען קענסטו נישט...

די ווייבערישע טענות האָבן גובר געווען. סענדעריכע, נישט סענדער, האָט „שמענדריקען״ אויסגעבאָרגט.

אָבער בשעת קושקע איז גאַנץ פרי געקומען איינשפּאַנען דעם „איי־דעמל אויף האָבער״, אין זיין נייעם פאַיעטאָן, האָט זיך סענדער אַרויס־געדרוקט פון שטוב און אָוועקגעשלעפּט זיך מיט זיין מיחוש איבער די פּוסטע, נאָך נישט אויפגעאַקערטע, קרויט־גערטנער. ער האָט זיך גע־שלעפּט, האַלטנדיק זיך ביים גאַרטל, און געזיפצט. געזיפצט האָט ער אויף דעם, וואָס פרעמדע האַלטן זיין איידעם אין אָסטראָג, זיין שטיץ

אויף דער עלטער. פרעמדע לייענען זיינע בריוו; פרעמדע שפּאַנען זיינע פערד... ער אַליין, דאַכט זיך, שלעפּט אַצינד אַ פרעמדן יאָך. אין אַ פרעמדן שפּאַן גייט ער און האָט מורא פאַר אַ פרעמדער בייטש... אַ לעבן אָפּגעהאָרעוועט ר׳ סענדער! אַ לעבן אָפּגעהאָרעוועט...

אין קנעכטשאפט ביי מאיר פענטע

1

אויף מארגן פרי, בשעת קושקע־בראַנד איז אָנגעפאָרן מיט „שמענד־ריקען" צוריק פון קופיאַל, וווהין ער האָט אָפּגעפירט זיינע „פּריצים" — איז סענדער אינדערהיים נישט געווען.

אַ שליח איז געקומען פונעם מאַהליוווער אַדוואָקאַט און אַרויסגערופן ר׳ סענדערן צו זיך. ער האָט אים אויסגעפרעגט וועגן פאַנדרעס זכות־אָבות. אויסגעפרעגט און פאַרשריבן. ער האָט אויך געפרעגט: צי אים, סענדערן, איז נישט באַקאַנט, אַז פאַנדרע האָט אַמאָל געראַטעוועט די פּריצטע פון „היפל", בשעת אירע פערד האָבן פונאַנדערגעטראָגן די קאַרעטע?...

ר׳ סענדער האָט גענומען בעקען און מעקען. ער האָט זיך געשעמט. ער האָט זייער גוט געוווּסט, וואָס מען האָט אַמאָל גערעדט וועגן פאַנ־דרען. אַז צווישן אים און דער געראַטעוועטער פּריצטע איז עפּעס נישט־גלאַטיק, אַז פאַנדרע קלינגט אָן אַלע פאַרנאַכט אין טויער פון „הויפל" און דער סטאַראָוש פאַרנייגט זיך פאַר אים...

— מ... יאָ, — מאַכט סענדער זייער דערשלאָגן דערפון, וואָס אַפילו פאַנדרעס באַשיצער פאַרקען זיך אין זיינע אַלטע וועש — יאָ... עפּעס האָט ער געהערט זאָגן... איידער פאַנדרע איז געוואָרן זיין איידעם....

מאַכט צו אים דעם אַדוואָקאַטס באַהעלפער, אַז אַצינד איז נישט קיין צייט פון רעדן האַלבע ווערטער. אַזאַ העלדישקייט, ווי ראַטעווען אַ פּריצטע, קען פאַנדרען אין „אָקרוזשנאָי־סוד" שטאַרק צונוץ קומען... אַזאַ מסירת־נפש!... און צי ווייסט מען דאָ נישט, אין שטעטל, ווו איז אַצינד די בעל־דברטע אַליין, די פּריצטע, הייסט דאָס?

— פונוואַנען זאָל ער, סענדער דער באַלעגאָלע, וויסן אַזעלכע זאַכן ? וואָס פאַר אַ מחותן איז ער מיטן גויעשקען „הויפל״? ער ווייסט נאָר, אַז פאָרן פאָרט די פריצטע אַראָפּ אין איר „אימעניע״, בשעת די גרויסע היצן. און אַ גאַנץ יאָר, זאָגט מען, איז זי אין „פּייטערבאַרג״...

— מען מוז דערגיין איר אַדרעס, — מאַכט דער אַדוואָקאַטל און לייגט צוזאַמען די פּאַפּירן, — מען מוז איר שרייבן, אויב זי איז דאָ נישטאָ... זי זאָל באַשטעטיקן דורך אַ בריוו, אויב זי אָדער איר קוטשער קענען נישט אַרויסטרעטן אַלס עדות...

סענדער איז אַוועק דאַוונען און האָט פאַר זיך געשמייכלט. ער האָט געזען באַשיינפּערלעך, ווי דער אויבערשטער באַשאַפט די רפואה פאַר דער מכה. פון די אַמאָליקע רכילות וועגן פאַנדרען און דער נישט־יונגער פריצטע פון „הויפל״, וואַקסט גאָר פאַר אים אויס אַ ישועה, מיט עטלעכע יאָר שפּעטער...

פאַר קושקע־בראַנד איז געווען ווי געוואונטשן דאָס, וואָס ר׳ סענדער איז אינדערהיים נישט געווען. וואָרים „שמענדריקע״, סענדערס „איי־דעמל אויף האָבער״, האָט אויסגעזען פאַרמאָגערט, פונקט ווי ער אַליין וואָלט די גאַנצע נאַכט געהוליעט אויף דער גויעשקער חתונה... פון זיין צוימל האָט זיך געגאָסן אַ שיטערע שוים, און אַרום די רימענע פּאָסן, ביים שוואַר־אָטעמדיקן בויך, איז געווען ווי אָנגעזייפט מיט פעטע מולינעס. זיין פייכטער רוקן האָט געדריכערט אינעם קילן מאַיאָווען פרי־מאָרגן, זיינע גרויסע שטיפערישע אויגן זענען געווען אומרואיק, גע־בלאָנדזשעט אויף אַלע זייטן. און אויף זיין שוואַרצער פעל, פון הינטן, זענען, אין שמאָלע צלמים, געווען צעוואָרפן אַ סך העלערע פּאָסן... סימנים פון בייטש. קענטיק געווען, אַז קושקע האָט בכלל נישט געשאַ־נעוועט דעם ציטערדיקן תכשיט פון זיין קאָנקורענט.

סענדעריכע, די קליינינקע באַלעגאָלטשיכע, מערעס מאַמע, איז אַפילו גלייך אַרויסגעלאָפן אַ קוק צו טאָן ווי „שמענדריקע״ זעט אויס. אָבער קושקע־בראַנד, דער ממזר, האָט איר גלייך דערלאַנגט אַ הויפן זילבער: צען זילבערנע האַלבע רובלס נוץ־געלט, און פאַר גילדן אַ צוגאָב — „אויף בראָנפן״. אַלץ ווי ס׳איז געווען אָפּגערעדט. דערמיט האָט ער זי אינגאַנצן פאַרבלענדט. וואָרים סענדעריכע האָט שוין לאַנג נישט געזען אין אירע אויסגעהאָרעוועטע אַלטע הענטלעך אַזאַ מטבע.

מיט דער דאָזיקער פאַרבלענדעניש האָט זיך קושקע באַנוצט, אויף

גיך אויסגעשפּאַנט דעם פּאַרמאַטערטן „שמענדריקען", און אַריינגעפירט אים דורכן פירהויז, אין שטאַל אַריין.

ער האָט נאָך קיין צייט נישט געהאַט צו פאַרריגלען די שטאַל־טיר — דערהערט ער ווי מערע רופט אים, פון שטוב אַרויס, ער זאָל אַריינגיין טרינקען אַ גלאָז טיי. ער, קושקע, איז דאָך מסתמא אויסגעמאַטערט פון וועג.

צו טרינקען טיי ביי איין טיש מיט אַזאַ הויכער און שיינער ווייבל, ווי מערע איז, איז גאָר נישט פון די טאָג־טעגלעכע זאַכן. בשעת פּאַנדרע איז געווען אויף דער פריי, האָט מען אַפילו אין איר זייט נישט געטאָרט קוקן... קושקע האָט זיך אַזש באַלעקט און אינגאַנצן פאַרגעסן אויפן אייזערנעם ריגל פון שטאַל.

אַזוי איז „שמענדריקע" געבליבן אין דער נישט־צוגעשלאָסענער שטאַל אָן השגחה.

צום אומגליק איז נישט ווייט פון דער שטאַל־טיר געשטאַנען אַ גרוי־סער צעבער אייז־קאַלטע וואַסער. דאָס האָט סענדעריכע אָנגעגרייט אויף פאַיען די פערד און געלאָזן שטיין עס זאָל אָנוואַרעמען אין פירהויז, ווייל אין יענעם פרימאָרגן האָט נאָך געכאַפּט אַ פרעסטל מיט זילבערנעם אָנלויף אויף די שינדל־דעכער און מיט אייז־שייבעלעך אין די בלאָט־קעס; ווי עס טרעפט, ווען־נישט־ווען, אין די ערשטע מאַי־טעג אין רייסען. אין אָנגעגרייטן צעבער זענען אַרומגעשווומען אַ סך אַזעלכע אייז־שטרודלעך. און „שמענדריקע" האָט פון שטאַל אַרויסגעצויגן זיין אויסגעבויגענעם שיינעם האַלדז מיטן קליינעם ראַסאָווען קאָפּ און צוגעַ־כאַפּט זיך צום צעבער. פריער האָט ער געצויגן פּאַוואָליע, מיט אַ ביסל שרעק, וואָרפנדיק מיט דער מאָרדע פאַר קאַלטקייט. דערנאָך — אַלץ שטאַרקער און דורשטיקער, כראָשקענדיק דעם דינעם אייז מיט זיינע שטאַרקע ציין. צעהיצט און באַדעקט מיט שוים, ווי ער איז געווען, האָט ער זיך אָנגעזליאָקעט אַ פולן בויך, אַ סך אייז־וואַסער אויפן הייסן ניכ־טערן מאָגן. און ס'איז אים באַקומען ווי אַ פלויך פון עמער אין אַן אָנגעגליטער פלאַש...

2

ווען ר' סענדער איז געקומען, נאָכן דאַווענען, אַהיים צום אָנבייסן און דערזען דעם הויפן זילבער אויפן טיש, האָט ער דאָס געלט נישט

געציילט. קודם־כל איז ער אַרויס אין שטאַל, געוואָר־ווערן וואָס שמענ־דריקע מאַכט, נאָך אַ גאַנצע נאַכט טרייבן איבערן זשלאָבינער שליאַך, וועלכער האָט ביי באַלעגאַלעס נישט קיין איבעריק גוטן נאָמען מיט זיין שטיינינקייט און מיט זיינע טיפע גריבלעך.

אין דער האַלב־טונקלקייט פון שטאַל, ביים קרום־געשניטענעם זאַ־שיק, האָט סענדער דערזען זיין תכשיט, ווי ער שטייט טרויעריק און פאַרקלערט און קייט נישט. קיין האָבערל איז נישט געווען גערירט... סענדער האָט אים ליבלעך אַ פּאַטש געטאָן איבערן האַלדז. שמענדריקעס קאָפּ האָט זיך אַ שאָקל געטאָן, ווי ביי אַ קוקלע, אַראָפּ און אַרויף. ער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויפן באַלעבאָס און ווייטער געבליבן שטיין אַ פאַרטראַכטער. נאָר אַ פּאָדים שליים איז אים גערונען פון מויל, ווי ביי אַן איבערגעגעסענער קו, און זיינע אויערן האָבן אים אַ ביסל געציטערט.

דאָס האַרץ איז סענדערן איינגעפאַלן. ער איז אַריינגעלאָפן צוריק אין שטוב מיט קולי־קולות:

— ווו איז קושקע? דער געלער פרעסער ווו איז?...

כדי צו באַרואיקן אים, האָט אים סענדעריכע צוגעטראָגן דאָס הייפל זילבער־געלט: „נאָ, נאָ! פינף רובל מיט פינף־און־פערציק קאָ־פּיקעס!...”

האָט איר אָבער סענדער אַ שטויס געטאָן די האַנט אַזוי, אַז עטלעכע מטבעות האָבן זיך צעשאָטן. איינמאָל פאַר אַלעמאָל, ווו איז קושקע? ער האָט אַוועקגעקוי־לעט שמענדריקען, דער ממזר!...

— ווו קושקע, וואָס קושקע? דער פערד איז געקומען אַ פרישער, אַ געזונטער פון שפּאַן...

אַזוי האָט עדות געזאָגט מערע, באַשיצט איר מאַמען. אַ סימן — קושקע איז אָט־אָ דאָ געזעסן און זיך גאַנץ רואיק געטרונקען אַ גלאָז טיי מיט קאַנדל־צוקער....

מען לויפט אַרויס אַלע דריי אין פירהויז, מען כאַפּט זיך צום צעבער, ערשט — יאָ! דאָס גאַנצע וואַסער מיט די אייז־שייבלעך איז אויסגע־זליאָקעט. קיין טראָפּן איז נישט געבליבן.

סענדער האָט זיך געכאַפּט רייסן די רעשטלעך האָר פון קאָפּ. אַצינד ווייסט ער! אַצינד איז שמענדריקע אַ פאַרפאַלענער. ער איז פון אַ סיבירער ראַסע. אָנגעטרונקען זיך מיט קאַלט וואַסער אויפן הייסן מאָגן — איז ער אַ פאַרפאַלענער.

אין שטוב איז געוואָרן אַ בהלה: „שטאַל־טיר... ריגל... וואַסער... אייז... קושקע...״ מערע האָט געקרעכצט און סענדעריכע האָט זיך געבעטן ביים מאַן:

— ווי גאָט איז דיר ליב, סענדער, דו ווייסט דאָך ווו מערע האַלט!...

אַז די ערשטע בהלה איז אַריבער, איז סענדעריכע אַוועקגעלאָפן מיט אירע פלינקע פיסעלעך, אויפצוזוכן ביי די יאַטקעס ר׳ גרשון־יאָצרע — דעם יידישן „טעווע... וועטערענאַר״, ווי מען רופט אים.

יאָצרע איז געקומען, אַריינגעטאָן מיט זיין שלאַנגישער נישט־זויבערער הענטעלע אַ חלבנע ליכטל, ווו מען באַדאַרף, אַריינגעגאָסן שמענדריקען אַ פלאַש צעלאָזענע ביטער־זאַלץ אין גאָרגל. אָבער די ביטערע פליסיקייט האָט געראָנען מער אויף דער ערד ווי אין שמענדריקעס פאַרקלעמטן גאָרגל. דערנאָך האָט יאָצרע געאָכצעט און געזיפצט אויף די שווערע צייטן, אויפן יקרות, גענומען אַ האַלבן זילבערנעם קערבל פון קושקעס פרנסה, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין סענדערס שטוב צוזאַמען מיטן אומגליק, און איז אַוועק. אַוועקגייענדיק האָט ער צוגעזאָגט קומען מאָרגן. מאָרגן וועט ער זען.

שמענדריקע איז אַלץ געשטאַנען, ווי פאַרחלומט, לעבן פולן זאַשיק. נאָר די מאָרדע האָט זיך ביי אים געשאָקלט פונעם שטאַרקן בלוט־שלאָגן אין די אָנגעדראָלענע אָדערן.

פאַרנאַכט־צו האָט מען ביי סענדערן אין שטוב דערהערט אַ טראַסק הינטער דער בערוועגע־וואַנט. מען לויפט אַריין אין שטאַל, ערשט שמענדריקע איז אַנידערגעפאַלן, און פאַלנדיק שטאַרק אָנגעקלאַפט זיך דעם קאָפּ אָן דעם שפּיץ פון זאַשיק. וואָרים צווישןביידע אויערן איז ביי אים אויפגעשפרונגען אַ גרויסער בייל. שמענדריקע איז געלעגן אויסגעצויגן אויף אַ זייט, מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלדז, וואָס איז אַצינד געווען ווייך און נאָכגיביק, ווי אַ טייג. זיין אויפגעלאָפענער בויך האָט שווער געאָטעמט, די גרויסע אויגן האָבן זיך געקרימט, ווי פון אַ שטעכעדיקער ליכטיקייט. און די נאָזלעכער — צוויי גרויסע איבער־געהאַקטע פּימפּערלעך — האָבן געסאָפּעט אַ פערדישע סאָפּעניש אויס־געמישט מיט אַ מין הייזעריקן בויך־קרעכץ. און אַ היץ האָט פון זיי געשלאָגן. אַ דריבנע ציטערניש איז געלאָפן איבער זיין גלאַטער, אויס־געכאָליעטער פעל ווי אַ בייזער ווינטל, פאַר אַ שטורעם, איבער אַן אַטלאַסדיקער פעלד מיט צייטיקע זאַנגען... וואָס איז דאָ צו רעדן? שמענ־דריקע איז „אַ פאַרבייאיקער״.

ג

צו־מאָרגן האָט מען שמענדריקען געשלאָגן אַן אָדער. געלאָזן שטראָמען זײַן פערדיש בלוט. איז אים אַ ביסל גרינגער געוואָרן. ער האָט אונטערגעצויגן די פאָדערשטע פיס אונטער זיך. און דאָס האָט סענדערן געגעבן אַ שטיקל האָפענונג, אַז שמענדריקע וועט נאָך קומען צו זיך. ער האָט געטרונקען צוקער מיט די ציטערדיקע סאַמעטענע ליפּן, און איז ווידער אַרײַנגעפאַלן אין אַ היגער־פּלעט. אַזוי האָט זיך דאָס געביטן עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד. דאָס ווערט שמענדריקען בעסער, דאָס ווערט אים ערגער. און נאָך אַ צען טעג קרענקען איז שמענדריקע ווי־נישט־איז אויפגעשטאַנען אויף זײַנע אויסגעמאָגערטע פיס. נאָר ס'איז שוין מער נישט געווען יענער שמענדריקע. אַ טרויעריקער שמענדריקע־שאָטן מיט אויסגעלאָשענע אויגן איז דאָס געווען.

ר' סענדער האָט אים אַרויסגעלאָזט אויסלופטערן זיך אויפן פוסטן גאָרטן און האָט גלייך דערזען, אַז זײַן געוועזענעם „אײדעמל אויף האָבער" ציט אויף איין זײַט, אַלץ — אויף רעכטס און אויף רעכטס. אַזוי ציט אַ לייכטן שיפעלע, מיט אַ פאַרדרייטן רודער, אַרויף שטראָם. ווי שטאַרק מען זאָל נישט אַרבעטן מיט די וויאָסלעס, וועט עס אַלץ ציען אויף איין זײַט, צום זײַט פון פאַרקלעמטן רודער...

אַ מין גלגול איז אַרײַן אין שמענדריקען. דעם באַלעבאָס זײַנעם האָט ער כמעט ווי נישט דערקענט. סענדער האָט אים געפּרוּווט מכבד זײַן מיט אַ שטיקל צוקער אויף דער פלאַכער דלאָניע, קיצלען אים אונטערן האַלדז, רעדן צו אים, אָנרופן אים מיט כלערליי ליבלעכע נעמען. שמענדריקע איז געבליבן קאַלט און טרויעריק. ער האָט נאָר געקרימט אויף סענדערן מיטן לינקן אויסגעלאָשענעם אויג.

גרשון־יאָצרע איז נאָך אַמאָל געקומען, האָט בודק געווען די אויג אויפן פרייען גאָרטן, ביים העלן ליכט פון טאָג, און האָט סענדערן אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז ווי עס ווײַזט אויס, האָט שמענדריקע פאַרלאָרן די ראיה אויף איין זײַט, און אין אַ צייט אַרום וועט ער, מסתמא, אינגאַנצן בלינד ווערן, אויף ביידע אויגן.

צי די פערדישע קדחת, נאָכן קאַלטן טרונק, האָט פון אים געמאַכט אַזאַ תל? צי דאָס אַנידערפאַלן און אָפּשלאָגן זיך מיט דער גאַנצער שווערקייט פון קראַנקן קאָפּ אָן שפּיץ פון זאַשיק? אפשר ביידע זאַכן צוזאַמען. גרויסע חלוקי־דעות איז געווען צווישן סענדערן און קושקע־

בראַנד און גרשון־יאַצרע, מיט זידל־ווערטער און מיט שוים אויף די ליפּן. איינער האָט באַשולדיקט דעם צווייטן אין שמענדריקעס אומגליק. נאָר וואָס קומט אַרויס פון די אַלע פּוסטע קריגערייען? אַז ס'איז אויס שמענדריקע, אַ סוף מיט שמענדריקען!

מחמת גרויס געטרייישאַפט האָט סענדער נישט געהאַט קיין האַרץ צו פאַרקויפן אים גלייך אויפן שטעל פאַר עטלעכע רובל. ער האָט אַלץ געהאָפט, אַז ס'וועט זיך „אויסשטיין", די גאַנצע פינף־רובלדיקע פרנסה, וואָס שמענדריקע האָט אַריינגעבראַכט מיט זיין לעצטן פאַר קיין קאָפּיאַל און צוריק, האָט סענדער אַריינגעפּאַקט אין באַבסקע און אין באַלעגאַ־לישע רפואות. מיט סקיפּעדאַר האָט מען שמענדריקען די ציטערדיקע פיס געריבן, מיט כ'לערליי קרייטיכער אים געפּאָיעט, געקאָכט האָבער מיט צוקער און געקאָ־רמעט אים דערמיט, כדי ער זאָל זיך „פּאָפּראַווען", אַפילו אַ „זנאַכער" אַ גויעשקען גערופן, ער זאָל „אָפּשפּרעכן"... הייל שמענ־דריקען און הייל די וואַנט!... ס'האָט אים געצויגן אויף איין זייט, אויף רעכטס, אַלץ אויף רעכטס...

דעם לעצטן פּרווו האָט סענדער געמאַכט, מיט אַ פּאָר וואָכן שפּע־טער, לעבן שטוב און פּאַרטאָג, ווען קיינער איז אויף דער גאַס נישטאָ, ווען נייגעריקע לויפן נישט אָן אויפן בייז־ווונדער. ער האָט זיין פּאַר־אומגליקלעכטן „איידעמל אויף האָבער" איינגעשפּאַנט אינעם לייכטן, זומערדיקן פּאַיעטאָנדל. אפשר וועט שמענדריקע דערפילן דעם כאָמעט מיט די האַלאַבאַליעס און וועט זיך דערמאָנען ווי צו גיין אין שפּאַן. אַ טרויעריקער פּאַרהער איז דאָס געווען!

סענדער האָט בכיון געצויגן די לייצעס אויף לינקס. און שמענדריקע האָט זיך יעטוועדער מאָל אויסגעדרייט און געצויגן אויף רעכטס, און זיין פּאַרלאָשענע לינקע אויג האָט זיך אַזוי משונהדיק געקרימט, אַז דאָס ווייסל מיט רויטע אָדערן האָט אינגאַנצן פּאַרגאָסן דאָס אויג־עפּל. נישט מיט גוטן, נישט מיט בייזן, אַפילו די בייטש האָט שוין דאָ גאָרנישט געקענט העלפן.

שמענדריקע... — האָט סענדער אַ כליפּ געטאָן און אַראָפּ פון פּאַיע־טאָנדל — וואָס איז פון דיר געוואָרן?...

ער האָט מער נישט געוואָלט מוטשען זיין געוועזענעם תכשיט. און מיט מי און מאַטערניש אויסגעשפּאַנט אים פון די האַלאַבאַליעס. פּאַר די פּאָר וואָכן, וואָס שמענדריקע איז קראַנק געוואָרן, איז ר' סענדער אַליין אַראָפּ פון די כוחות. דאָס לייב איז אים מאָגער געוואָרן און זיין אַלטער

„פעלער", אונטערן גאַרטל, האָט זיך געלאָזן פילן אַ סך שאַרפער. דער „פערשעל" האָט אים אַפילו אָנגעזאָגט, נישט איינמאָל און נישט צוויי מאָל, ער זאָל זיך היטן פאַר מאָגער־ווערן און נישט טאָן קיין שווערע אַרבעט, אויב ער, סענדער, וויל נישט מען זאָל אים מוזן פירן קיין מאָהליוו אין שפּיטאָל. וואָרים מאָגער ווערן מיט איין מאָל — איז די גרעסטע סכנה פאַר אַ מענטשן מיט אַזאַ „פעלער". אַ שטאַרקער בויך, אַזוי האָט אים דער פערשעל דערקלערט, איז בעסער ווי צען „באַנדעס". נאָר ווו היטן זיך, ווען היטן זיך? אַז די גאַנצע שטוב גייט אונטער. שמענדריקע גייט אויס ווי אַ ליכט, און פאַנדרע, להבדיל, זיצט אין אָסטראָג און וואַרט אויף זיין משפּט.

4

אָפּקויפן שמענדריקען האָט מער קיינער נישט געוואָלט. נישטאָ קיין נאַראָנים אויף שקלאָווער מאַרק. סיידן יאָקע דער שינדער. פיר רובל האָט ער פאַרן אינוואַליד געבאָטן, און אַ קאָפּיקע נישט מער. נאָר דאָס וואָס די רויע פעל איז ווערט און אַ רובל פאַר דער טרחה.

סענדעריכע האָט שוין כמעט ווי מסכים געווען. זאָל שוין נעמען אַ סוף מיט די פערדישע רפואות. בדיל־הדל מאַכט זיי דאָך דער קאַליקע! נאָר סענדער האָט זיך איינגעשפּאַרט: ניין און ניין! דעם שינדער וועט ער שמענדריקען נישט פאַרקויפן. אַזוי לאַנג ווי ער לעבט. זאָלן דאָס אַנדערע טאָן...

און גאָט האָט געהאָלפן און ס'האָט זיך אָפּגעזוכט גאָר אַ וואַזשנער קונה. מ א י ר פ ע נ ט ע איז דאָס געווען.

ווער עס איז אַן אַפּיקורס און גלויבט נישט, אַז אדם הראשון איז באַשאַפן געוואָרן פון ליים, דער זאָל גיין און זיך באַקענען מיט מאיר פענטע, וועט יענער זען, ווי אַזוי דער שאַפער, כביכול, האָט געקנאָטן אַ יידן פון אַ שטיק ליים און דער נ י ש ט ־ ג ו ט ע ר האָט אים איבערגעשלאָגן אינמיטן. אַזוי איז מאיר געבליבן — האַלב־גולם האַלב־ייד, מיט אַ טיפער מגושמדיקייט אין אַלע אברים, אַפילו אינעם קוק פון זיינע שטענדיק־ווייטיקדיקע אויגן אין יעדער באַוועגונג פון זיינע פליישיקע ליפּן. מיט פלאַקסענע שיטערלעכע האָר און באָרד איז פאַרשאָטן דער ליימענער קאָפּ, און רעדן רעדט ער מיט בלויזע ברומענדיקע הברות *) דאָס איבעריקע

* זילבן.

פאַרשלינגט ער אין זיך אַריין בשעתן רעדן, פאַרזשליאָקעט מיטן שווערן שליימיקן צונג פון אַן אמתן בופעל. אַזוי, למשל, אַז ער בעט ביי טריינען, זיין ווייב, זי זאָל אים דערלאַנגען וועטשערע, הערט זיך דאָס אָן ווי אַ פאַרגרייזטע טעלעגראַמע מיט פאַרקירצטע ברומיקע ווערטער:

— טריי־ע, גי־מי־שיי־וועטשע — און לאָמך־אָפּ־סען!

פענטע איז זיין צונעמעניש. און געגעבן איז עס אים געוואָרן דער־פאַר, ווייל ער באַנוצט די זעלבע פענטע פון שטריק צו דער ווייב אַזוי ווי צו זיין פערד, בשעת מען לאָזט אים אַרויס אויף פאַשע. וואָרים אַ ווייבל האָט ער — אַ בראַנד נישט קיין ווייבל. ער האָט מיט איר חתונה געהאַט, ווי אַ האַלצערנער סלופּ מיט אַ קאַץ. ער שטייט און זי דראַפּעט זיך אויף אים. נאָר, אַז זי צעיאַכמעט זיך און הויבט אָן צו שילטן און צו וואַרפן זיך מיט אָקרישקעס פון טעפּלעך — קען דאָס שוין אַזאַ האָלץ ווי מאיר אויך נישט פאַרטראָגן, פאַרטרייבט ער זי אין אַ ווינקל, כאַפּט זי אָן, ווי מען כאַפּט אַ פאַרזינדיקטע קוויטשענדיקע קאַץ, פאַרפענטעט זי מיט אַ שטריק, וואַרפט זי אַריין אין בעט און לאָזט זי דאָרטן ליגן ביז זי באַרואיקט זיך.

— ליי! — מאַכט ער צו זיין געפענטעטער יידענע און באַטראַכט זי מיט אַ פּאָר ווייטיקדיקע אויגעלעך פון אונטער ליימענע ברעמען, — ליי, אור־קרי־מי־ניט־אין־עזיק!

דאָס הייסט „ליג, און קריך מיר ניט אין היזק!"

מאיר פענטע איז אַ באַלעגאָלע. נישט קיין עכטער נאָר אַ מין סאָרט אונטער־באַלעגאָלע, וואָס אין צעך נעמט מען אים נישט אָן און ווייטער ווי די שקלאָווער־ברעמלעך פאָרט ער נישט אַרויס. דער כוח פון זיין שלימזלדיקן פערדל וואָלט אויף דעם נישט געקלעקט. און באַנוצן טוט מען אים צו שטאָטישע באַדערפענישן: אָוועקצופירן אַ פעסל קרויט אין אַ קעל־לער, אָפּפירן אַהיים עטלעכע זעק בוראַקעס פון מאַרק, אַ קופּע שפענער פון אַ גאַס, וווּ אַ נייע הויז ווערט געבויט. אין שפּאַן ביי אים, צווישן די קרומע האָלאָבליעס פון זיין פויערישן וועגעלע אויף נידעריקע רעדלעך, זענען שוין איבערגעוועזן כל־ערליי פאַדלעס און פאַרזעענישן. דאָס וואָס קיין אָרעמער באַלעגאָלע און קיין פויער פון דאָרף קען שוין מער נישט געברויכן, נישט צום וואָגן און נישט צום שליטן, גראָד דאָס איז פאַר מאיר פענטע אַ סחורה. מער ווי אַכט קאָרבן פאַר אַ „פערד" האָט ער קיינמאָל נישט געצאָלט. פשוט דערפאַר, ווייל אַ גרעסערע מטבע, ווי אַכט רובל, האָט מאיר קיינמאָל אין די אויגן נישט געזען. האַנדלט ער אין אַ שטיק

„פּאַדלע״ און ציט פון איר די חיונה ביז זי פּאַלט. לאָזט ער זי אָפּשינדן און נעמט אָפּ אַ וועלכע פיר רובל פּאַר דער פעל און נאָך אַ דריי־פיר רובל באַרגט ער אויס, צאָלט וווכער און האַנדלט איין אַ נייע פּאַדלע. גאַנצע פעק מיט מעשיות דערציילט מען וועגן פּענטען און וועגן זיינע אָדלערס. וועלכע פּאַרזעענישן זענען שוין נישט איבערגעוועזן ביי אים אין שפּאַן! הינקענדיקע און טויבע און בלינדע, מיט אָפּגעהאַקטע אויערן, קרעציקע און מיט אויסגעקראָכענע עקן. מאיר פּענטע אַליין אין געוויס געזונטער פּאַר זיינע שלימזלדיקע פערד. ער וואָלט בעסער גענומען די משאות אויף זיינע אייגענע פּלייצעס, ווי אַ גאָסקע־טרעגער, וואָלט ער זיי גיכער צוגעשטעלט ווו מען באַדאַרף. נאָר ער איז פויל אָט דער פּענטע, ווי אַ טערק. צו קיין שום משא וויל ער זיך, מיט זיינע האַלציקע הענט נישט צורירן; אויף זיינע ליימענע פּלייצעס וויל ער קיין יאָך נישט נעמען. און ס׳איז אַ טעאַטער צו קוקן, ווי מאיר פּענטע גייט זייט ביי זייט מיט זיין קאַליקע אין שפּאַן. דאָס אָרעמע באַשעפעניש שלעפּט מיט די לעצטע כוחות און מאיר גייט נאָך, הענט און בייטש־שטעקל פאַרוואָרפן אויף הינטן. ווי אַ חשובער באַלעבאָס נאָך שלש־סעדות, אַזוי שפּאַנט פּענטע נאָך זיין וועגל. באַטראַכט די וועלט מיט טעמפּע ווייטיקדיקע אויגעלעך. די נישט־געשמירטע רעדלעך סקריפּען־צו, די טרוקענע דערהיצטע אַקסן קוויטשען. נאָר, אַז די דאָזיקע קעצישע מוזיק בלייבט שטיין, גיט זיך מאיר אַ כאַפּ פון זיין טעמפּער פאַרטראַכטקייט:

— ביאָ! — גיט ער אונטער חשק זיין פּאַדלע. — גע־כאַלע־אַ־דו־גע־! דאָס הייסט: גיי, כאַלערע, אַז דו גייסט!

און טאָמער פאַרעקשנט זיך דאָס קאַליקע־פערדל און וויל ווייטער נישט שלעפּן, איז מאיר פּענטע נישט פויל, שטעקט פּאַוואָליע אַריין דעם בייטש־שטעקל אין גאַרטל, נעמט אָן זיין ברויט־געבער פּאַרן צוים מיט דער לינקער האַנט און דערלאַנגט אים אין דער פּערדישער באַק מיט דער רעכטער. דערנאָך בייט ער איבער די הענט. נעמט אָן דעם צוים מיט דער רעכטער האַנט און דערלאַנגט אים אַ פּראַסק מיט דער לינקער. די צײנער שיטן זיך דעם אָרעמען פערד פון מויל, אָבער מאיר איז רואיק און געלאַסן. מיט זיינע טעמפּע אויגעלעך זעט ער נישט קיין אונטערשיד צווישן יינגלעך־שקצים, וואָס ווילן אין חדר נישט גיין און צווישן פּאַדלעס וואָס ווילן אין שפּאַן נישט גיין. אַזוי ווי ער זעט נישט קיין שום גרויסן אונטערשיד צווישן אַ פערד און צווישן אַ ווייב „וואָס קריכט אין היזק״...
אָט דער דאָזיקער פּענטע האָט דאָס אויסגעדונגען „שמענדריקען״ פּאַר

גאַנצע זיבן קאָרבן. סענדער אַליין האָט זיך אַקעגנגעשטעלט. נאָר סענדע־ריכע, זיין ווייבעלע, האָט זיך אויף אים אָנגעזעצט, און מערע זיין טראַ־געדיקע טאָכטער האָט אונטערגעהאָלפן: אַ קינפּעט גייט... וויקעלעך... הינער... איינגעמאַכץ... און דער ווייבערישער צד האָט ווייטער מנצח געווען.

שלעפּט נעבעך שמענדריקע דער אינוואַליד מאַיר פּענטעס לאַסטן. שמענדריקע שלעפּט רעכטס און מאיר פּענטע גלייכט אים אויס אויף לינקס. לינקס אין רעכטס, רעכטס און לינקס. עס קומט צו פּייערדיקע פּעטש איבער די פּערדישע אָפּגעמאָגערטע באַקן. שמענדריקע נעמט אויף די אויסטערלישע שווערע פּעטש שטומערהייט. נאָר זיין בלינדעוואַט לינק אויג דרייט זיך מיט צער און מיט אַ מאָדנער פאַרווונדערונג. עס זעט אַזוי אויס, ווייל דאָס אויג איז שוין אַצינד איינגאַנצן פאַרלאָפן מיט ווייסל און מיט רויטע אָדערן. אַזוי האַמפּערן זיך מענטש און בהמה ביז זיי קומען אָן צום באַשטימטן אָרט.

סענדער דערזעט ווען־נישט־איז זיין תכשיט, זיין געוועזענעם „איי־דעמל אויף האָבער", וואָס פּאַר אַ ביטערן לעבן ער פירט, אין וואָס פּאַר אַ קנעכטשאַפט ער איז אַריינגעפאַלן קראַנקערהייט, און קערט אָפּ דעם קאָפּ. אַהיים קומט ער, נאָך אַזאַ באַגעגעניש, אַ פינצטערער, אַ שווייגנ־דיקער. ער עסט נישט און זאָגט תהילים, און אינמיטן תהילים־זאָגן הויבט ער אויף אַ פּאָר פינצטערע, פאַרגרעסערטע אויגן דורך די אַלטע שפּאַקולן און וועגדעט זיך — נישט צו סענדעריכען, נישט צו מערען, נישט צו זיך אַליין:

— אָט, מ׳עט נאָך זען... נישטאָ וואָס צו רעדן!...

ער גיט אַ מאַך מיטן האַנט און זאָגט ווייטער תהילים.

ווייסן נישט די שטוב־מענטשן, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן און פרעגן פונדעסטוועגן נישט איבער. זיי זעען ווי אַ גרויסער ווייטיק שטאָמלט פון סענדערס מויל אַרויס.

אין זיין אָנגעבלוטיקטן האַרץ האָבן די ווערטער גאָר אַ ביטערן טייטש:

— אָט מ׳עט נאָך זען!... הלואי זאָל איך ליגן זאָגן. אַזאַ עולה וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן שמענדריקען וועט אַזוי גלאַט נישט אַריבערגיין!...

„אונטערבאַרג"

1

צווישן שקלאָווער אָזערע און דניעפּער איז דאָ אַ שמאָלער פּאַס ערד — אַ גרענעץ צווישן זיי ביידן. די אָזערע, וועלכע טראָגט איר וואַסער פון טיפן וואַלד, שלאָגט־זיך־אָן אָן ערדענעם גרענעץ און צעגיסט זיך אין איר גאַנצער ברייט. און דער בלויער דניעפּער פאַרקירעוועט דאָ מיט אַ האַלב־קײַלעכדיקן, שײַנעם בויג קיין מאָהליוו. אין אַ טיפער קעסל־גרוב פליִצט ער דאָ דער פּיל־באַזונגענער דניעפּער. און דער הויכער זאַמדיקער ברעג פון זײַן קעסל־גרוב דערגייט ביזקל ערדענעם גרענעץ פון דער אָזערע. בשעת אַ גרויסן געוויסער, וויעסנע־צייט, ווען די שנייען שמעלצן זיך, ווערט די קעסל־גרוב פול. ווי אַ ברודנע טייג גייט דער דניעפּער אויף. עס ברויזט און עס קראַכט. קריעס ברעכן זיך און דרייען זיך ביים פאַרקירעווען מיטן שטראָם. און די אָזערע, איבער אים, ווערט שוואַרץ און ברוגזדיק. די ליימיקע בעבעכעס אין איר בויך קערן זיך איבער פון פרילינג־גלוסטעניש. זי רייסט זיך צום דניעפּער איבער דעם ערדענעם גרענעץ און קען זיך נישט דורכרייסן... נאָר שמאָלער ווערט דער פּאַס ערד צווישן זיי ביידן, און בלאָטיק ווערט ער פון שפּריצן און שוים, וואָס שטורמען אים אָן פון ביידע זייטן. פורן פאָרן פאָרזיכטיק און די רויטע קאָפּ־כוסטעס פון די דורכפאַרנדיקע גויות שפּיגלען זיך אָפּ אין צוויי וואַסערן, פון רעכטס און פון לינקס. ער וואָלט שוין לאַנג דורכגעריסן געוואָרן, דער שמאָלער פּאַס ערד, פון דעם וואַסער־אָנפאַל און פון די קריעס, ווען נישט די גרויסע הרעבליע אײַנמיטן, וועלכע רעגולירט דעם צופלוס פון דער אָזערע. די הרעבליע איז באַדעקט מיט אַ הילצערנעם בריק פון דיקע ברעטער, און אונטער אים רוישט דאָס שווערע וואַסער,

וואָס פאַלט, ווי אַ רונד־פאַרבויגטער שטיק־גלאָז, אין טיפן טאָל פון דניעפּער. פאַלנדיק צעשיט זיך דאָס שטיק גלאָז אין ווייסן שטויב און שוים און מאַכט אָן אַ רעש, אַ געפּילדער. דער פּאַס ערד טרייסלט זיך אונטער די ריטמישע וואַסער־קלעפּ פון דער הרעבליע. עס דאַכט זיך — אַ גאַנצער רייטער־עסקאַדראָן גאַלאָפּירט דאָ גאָר נאָענט. הונדערטער פאַדקאָוועס קלאַפּן און יאָגן קיינמאָל נישט אַריבער...

אונטער דער הרעבליע פון טיפן דניעפּער־טאָל הויבט זיך אויף אַ זעקס־שטאָקיקע מיל פון בערווענעס מיט אַ סך מעליקע פענצטערלעך. זי קוקט מיט גאווה איבער גאַנץ שקלאָוו, און אויפן שפּיץ דאַך ביי איר דרייט זיך אויף איין פיסל, אַ מעשענער ווינט־האָן, מאַכט קונצן... זי האָט זיך מיט וואָס צו גרויסן, די זעקס־שטאָקיקע מיל! אַזאַ הויכן בנין, פון בלויזע בערוועגעס, איז זעלטן־ווו צו געפינען אין גאַנץ רייסען. סיידן די הילצערנע יידישע שול, להבדיל, אויף רישקאָקי, נישט ווייט פון יידישן בית־עלמין. איין מייסטער, זאָגט מען, האָט זייביידן געבויט. קיין פּלאָטניק וועט זיך היינטיקע צייטן אונטערנעמען צו בויען אַזוי־פיל שטאָקן פון בלויזן געהילץ, אויף הילצערנע שטאָלצן. מבינים זאָגן, אַז ס'איז אַ וווּנ־דעלעכער בנין.

בשעת אַ גרויס געוויסער, וויעסנע־צייט, זענען די אונטערשטע שטאָקן פון מיל פאַרגאָסן. די קראַפט פון דער הרעבליע ווערט פאַרשלונגען פון דעם אויפגעברויזטן דניעפּער. בלייבן שטיין די גרויסע וואַסער־רעדער מיט די איבערגעקערטע „שעפלעך". דאַן הויבט אָן צו אַרבעטן די פּאַראָווע מאַשין פון דער זייט, געהייצט מיט בעריאָזעווע שייטן. אַזוי רוען קיינמאָל נישט די גרויסע מילשטיינער מיט די ברייטע לעדערנע פּאַסן. עס מאָלט זיך און עס מעלט זיך און עס שטויבט זיך, טאָג־איין און טאָג־אויס. פון די טונקעלע אָפענע טירן און טירלעך, אין דער גרויסער מיל, קריכן אַרויס מעליקע מענטשעלעך מיט רויטע אָנגעפּודערטע פּנימער און בערד און מיט רויטע אויגן. עפּעס מאָדנע נפשות! אַ ווייס־האָריקע רויט־אויגיקע ראַסע פון „אַלבינאָסן", וואָס וווינען אין דעם מעליקן נעפּל פון מיל... אַנטקעגן דער זעקס־שטאָקיקער גרויס פון בנין זעען זיי אויס, ווי קאַר־ליקלעך, ווי ווייסע מייז אַנטקעגן אַ גרויסן העלפאַנט. קריכן זיי אַרום די דאָזיקע געהיימנישפולע נפשותלעך, שלעפּן אַרויס פולע ווייסע זעק מיט מעל און שלעפּן אַריין שוואַרצע זעק מיט קערנער. און אַ ווייסער שטויב באַגלייט זיי ביים אַרויסקריכן און אַריינקריכן...

הינטער דעם דאָזיקן מיל שניידט זיך אַריין דער שליאַך, וועלכער

לויפט איבערן פּאַס ערד און איבער דער הרעבליע, אין אַ ליימיקן באַרג אַריין. כדי צו געווינען פּלאַץ האָבן זיך מענטשן און הייזקעס אַריינגעגראָבן אין ליים, אָפּגעשפּאָלטן די קיילעכדיקע גרינקייט פון באַרג, זיין ליימיקע פלייש אויפגעדעקט און געמאַכט פון אים אַ הויכע רויטע וואַנט. צוויי שורות פון טונקעלע פאַררעגנטע בערווענע הייזקעס טוליען זיך אין איר רויטלעכן שאָטן.

און שיין איז דאָ דער שפּיל פון פאַרבן זומער־צייט, ווען איבער דעם רויטן אָפּריס פון ליימיקן באַרג שטייען אָנגעטורעמט בייכיקע ווייסע וואָלקנדלעך, ווי פאַרקילטע עקס־לאָזיאָנען, ווי פאַרגליווערטע שאָסן פון הימלישע האַרמאַטן. אונטער דער פּוכיקער ווייסקייט פון די וואָלקנדלעך גאַרטלט זיך אַ גרינער ראַנד פון קוסטעס. אונטער די קוסטעס — די פליישיקע רויטקייט פון דער הויכער ליימיקער וואַנט. און טיף אונטערן באַרג — אַ העלער קופּערטער זשאַווער, אַן אויסגוס פון העל־גרינעם כאָמעטענעם מאָך איבער די אַלטע שינדל־דעכער. אונטער דעם — די גלייכמעסיקע גרויקייט פון די הילצערנע הייזקעס מיט פאַרטוכלעך פון פרישע סעדלעך און פריזבעס, מיט פינטעלעך פון רויטן מאָן אין די סעדלעך. איין פריילעכע פאַרב פרעגט דאָ אויס די צווייטע פאַרב, שטרייכט אונטער איר זאַפטיקייט. און דער ברעג פון דער באָענטער אָזערע שטייט־צו צו קאָמפּאַניע פאַרבן מיט איר קילער בלויקייט; שטייט־צו, חנפעט זיך צו זיי און שמייכלט אונטער... און אַלץ צוזאַמען הייסט: דער „אונטער־באַרג״.

לויפט אַן דער שליאַך פון צווישן צוויי וואַסערן, איבערן שמאָלן ערד־פּאַס, איבער דער הרעבליע, שפּאַרט זיך דורך צווישן די צוויי שורות הייזער פון דעם „אונטערבאַרג״ שלאָגט זיך אָפּ אַן וואַלד און פאַרקירעוועט זיך לינקס — צום זשלאָבינער טראַקט — באַרג־אַרויף, און רעכטס — צום פאַרנצאָווקער וואַלד — באַרג־אַראָפּ, וווהין פּראָסטע יונגעלייט גייען זומער שפּאַצירן מיט זייערע כלות...

וווינט אינעם „אונטערבאַרג״ אַ סאָרט יידן, וואָס איז האַלב־שטאָטיש און האַלב־דאָרפיש. מעקלער און ישובניקעס איז אויסגעמישט אין זייער קליידונג, קרעמער און האָראָפּאַשניק — אין זייערע פּנימער און אין זייער רעדן. אַ קורצע קאַפּאָטע מיט אַ שפּענצער איבער דאָרפישע פּלודערן, וועלכע זענען פאַררוקט אין בונט־רויטע, נישט־געפּוצטע כאָליאַוועס. פאַר־גרעבטע פּנימער און איידעלע מידות. האַלבע פּסוקים און גמרא־ווערטלעך שווימען אין אַ זאַפטיקן באַלעגאָלישן לשון...

זיי פאַרמיטלען טאַקע, די דאָזיקע יידן, די דערפער פון הינטער דעם ליימענעם באַרג מיט דער יידישער שטאָט אויף יענער זייט הרעבליע. זיי פאַרטרעטן זיי ביידן. זייערע קינדער לערנען חומש מיט רש״י אין גוטע חדרים אין שטאָט; און ווען זיי קומען פון חדר אַהיים לערנען זיי זיך איינשפּאַנען אַ פערד און אַרומגיין אַרום עופות. מיטן גראָבן פינגער טייטשן זיי איין אַ בלאַט גמרא מיט תוספות, און מיטן זעלבן פינגער מאַכן זיי גריבלעך אין די בייטן פון זייערע גערטנער און פאַרזייען אוגער־קעס און קרויט און פאַסאָליעס. העלפן טאַטע־מאַמע...

כמעט יעדער ייד פון „אונטערבאַרג״ האָט אַ פערדל און אַ וועגל, אַ פּאָר בהמות, געגנדז און הינער, אַ גערטנדל הינטערן הויז און אַ סעדל פון פאַרנט. אין די סעדלעך וואַקסן געלע איריסן, חנעוודיקע מאַן־בלומען, וואָס שטעקן נייגעריק אַרויס די פאַרביקע פוסטע קעפּלעך זייערע פון צווישן די פלעקענער און קוקן נאָך אַלע פאַרבייגייער. דאָ שטופּן זיך, יאָלדיש און באַרימעריש, די „פּאָדסאָלניקעס״ און אויף זייערע הויכע העלדזער זענען אָנגעהאָנגען גאַנצע טעלער פול מיט זונען־שיין. אונטער זייערע לאַנגע פיס טוליען זיך באַשיידן די אַגרעסן־קוסטעס און עס באַמבלען זיך אַלטמאָדיש די וויינפּערלעך מיט זייערע לאַנגע רובינען־אויר־רינגלעך.

די יידן פון ,אונטערבאַרג״ זענען שטיל און געזונט, ווי דער וואַלד, וואָס אָטעמט אויף זיי מיט זיין פעכיקן אָטעם פון פּראַנצאָוועקע; ווי די אָזערע, וואָס שפּיגלט אין זיך אָפּ אַ טייל פון זייערע הייזער. און די רויטע וואַנט פון ליים־באַרג וואַכט, ווי אַ פעסטונג, איבער זייער לעבן און אַרבעט; דאָס אויסזען פון אַן אַלטער פעסטונג פאַרשטאַרקן נאָך די טיפע שמאָלע לעכער, וואָס געפינען זיך אין אָפּגעשפּאָלטענעם באַרג, הויך איבער די הייזער און קוימענס. שוואַלבן האָבן אויסגעפּיקעט די דאָזיקע לעכער, וועלכע זעען אויס ווי פאַרמאַסקירטע שיס־קוקערס. שקלאָווער שוואַלבן איז אויך געפעלן געוואָרן דער „אונטערבאַרג״, וואָס איז אַזוי נאָענט צו די טראָסטינעס און צו דער אָזערע, ווו עס מערן זיך כאַליאַסטרעס פון כלערליי פליגן. האָבן זיי דאָ דערפּאַר פאַרלייגט זייער קאָלאָניע, געגרינדעט אַ גאַנצע שוואַלבן־מלוכה אינדערהויך פון אָפּגע־שפּאָלטענעם ליים־באַרג. אָט איז דער נעסט און אָט זענען די מזונות!... נאָר אָנשטאָט צו קלעפּן זייערע בולטע, קונציקע נעסטן אָן די נישט־זיכערע יידישע הייזער, האָבן זיי זיי בעסער איינגעגראָבן הויך־הויך, אין

רויטן ליים פון בּאַרג, און אַזוי טיף אויסגעפּיקעט זיי — מיט אַ גאַנצן אָרעם קען מען דעם גרונט נישט דערטאַפּן.

שקצים, ווייסע־חברהניקעס, געסטן־טרייסלער, אייעלעך־רויבער, האָבן שוין נישט איין מאָל געפּרוווט אַרויפקלעטערן מיט סכנות־נפשות, אַרייַנ־געשטעקט אין די נעסטן נאַקעטע דינע אָרעמס ביזקל סאַמע פּלייצע... און נישט דערגרונטעוועט. אָט ווי פּראַקטיש עס זענען די שקלאָוער שווּעלבעלעך פון „אונטערבאַרג״! מיט זייער פויגלשן חוש האָבן זיי לכתחילה געפילט, אויף וואָס פאַר אַ המצאה יידישע קינדער וועלן פאַלן און האָבן זיי איבערגעכיטרעוועט.

2

דאָרט ווו עס דערלויפט די לעצטע הייזקע פון „אונטערבאַרג״ און דער וועג פאַרנעמט זיך רעכטס, אויף פראַנצאָווקע, שטייט אַ בודקע פון ברעטער. אין בודקע פאַרקויפט מען זעלצער־וואַסער.

פאַרמאַטערטע גויים, מיט טאָרבעס, וועלכע קומען זומער אַראָפּ פון זשלאָבינער שליאַך, כאַפּן דאָ אַ טרונק. און בשעת זיי איז קיל און גוט אויפן האַרצן, איז „אונטערבאַרגער״ יידן אַ סך לייכטער אייַנצוהאַנדלען ביי זיי זייער חזיר־האָר, זייער פלאַקס, זייערע קוישן אייער.

און שבת, ווען יידן האַנדלען נישט, איז די בודקע, פונדעסטוועגן, אָפן. באַלמעלאָכעס, וועלכע גייען שפּאַצירן מיט זייערע כלות אין פראַנצאָווקער וואַלד, כאַפּן זיך אַריין אין דער הילצערנער, קילער בודקע און טרינקען דאָ זעלצערקע אויף באַרג, אַ קאָפּיקע אַ גלאָז. אומדערוואַכן מאָנט מען ביי זיי אויף. אָבער נאָר סטאַלע יונגעלייט באַקומען דאָ קרעדיט. געהילף־יונגען מוזן דאָס אַרויסטרייסלען מזומנע קאָפּיקעס פון טיכעלע גלייך אין טיש־קעסטל אַריין... אַ ייִנגעלע אונטער בר־מצוה שטייט דערביי און גיט אַכטונג. אַ ייִנגעלע מיט ממזרישע אויגן. וואָווקע רופט מען אים, און רעדן רעדט ער, דער סרוליאַק, עפּעס גאָר ווי אַ גרויסער סוחר: „מיין סחורה״... „אייז קאָסט מיך אַליין טייער״... „איך קען אויף באַרג נישט געבן״...

ער היט, דער ממזורוק, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. ער האַלט קאָפּ. ווען ער קען נישט, דעם הייסט ער מוחל זיין און אַריינטרייסלען קודם־כל די קאָפּיקע אין טיש־קעסטל. אַנדערש לאָזט ער נישט קוועטשן די הענטל פון סיפאָן. נישט וואָווקע, נישט דער קאָפּיקענער קונה וועט דאָך קיין געלט

מיט די בלויזע שבתדיקע הענט נישט האַלטן... אַזוי נאַרט מען אָפּ דעם רבונו־של־עולם אין זיין שבתדיקן דרימל און אַלע זיינען צופרידן.

בשעת פאַנדרע איז געווען אויף דער פריי און האָט זיך געחתנט, פלעגט ער דאָ שבת כאַפּן אַ טרונק זעלצערקע. צעהיצט פון גיין, פון דער הייסער זון, פון זיין העלישער ליבע צו מערען און פון זיין שבתדיקן געווענטענעם גאַרניטער, וועלכער ברענט אונטער די פאַכוועס, פלעגט ער זיך אָפּשטעלן אין בודקע, איידער פאַרקירעווען קיין פּראַנצאָווקע אויפן שפּאַציר. אים האָט וואָווקע גוט געקענט. פאַנדרע איז געווען אַ גוטער טרינקער און אַן אָנגעלעגטער קונה אויף באַרג.

שפּרייזט פאַנדרע אַריין אין בודקע. קוים וואָס ער קריכט דורך מיט זיינע ברייטע פּלייצעס דורך דער שמאָלער טיר. פון זיין זיבן־פודיקן געוויכט און פון זיינע טריט גיט זיך די גאַנצע בודקע אַ שאָקל, די ברעטער פון דיל קנאַקן אונטער זיינע שבתדיקע שטיוול.

זעצט זיך פאַנדרע אַנידער אויף דעם איינציקן הילצערנעם באַנק, צעשפּרייט די קני און די לאַקירטע כאַליאַוועס, גיט אַ זויג די לעצטע שיריים פון טשאָלנט פון צווישן די געזונטע ציין און רעדט צום צוועלף־יאָריקן סוחר אַזוי:

— אַ נו, וואָווקע! וויז מיר נאָר וואָס דו קענסט! עפן אָקאָרשט אויף דעם שפּונט און פּליוכע מיר אַן די אמתע גלאָז זעלצערקע! ס'זאָל אַ זעץ טאָן אין נאָז ווי פּסחדיקער כריין, מוראַשקעס זאָלן אַוועק אַ קאָזאַצקע איבער דער צונג, סע זאָל בורטשען אין בויך און אין אַלע אברים.

וואָווקע, דער ממזרוק, גיסט אַן פאַנדרען די טיפסטע גלאָז, אָ ן גלעזערנע צאַצקעס, וואָס איז באַשטימט פאַר גוטע קונדן און נעמט אין זיך אַריין מער זעלצער־וואַסער, ווי די גראָבע גלעזער מיט די געחכמהטע דעקן... „כיל־כיל־כיל" כאָרכלט דער גרויסער קופּערנער סיפאָן, ווי אַ געקוילעטער אינדיק. און צערייצט פאַנדרעס דורשט. נאָר פאַנדרע האַלט זיך איין. ער פאַרלענגערט די הנאה, ער רייבט זיך די לאַפּעס. ער קוקט נאָך אַ ווייליטשקע אויף די וואַסער־פּענכערלעך, וואָס טאַנצן איבערן פלאַך פון פולן גלאָז, וואָס האָפּקען זיך און שפּריצן אַזוי שטיפעריש און אַפּעטיטלעך. דערנאָך ערשט נעמט ער אַן די גלאָז מיטביידע הענט און ציט אין זיך אַריין די גאַנצע פליסיקייט מיט די שפּיצן ליפּן, פונקט אַזוי, ווי דאָס טוט „שמאַרעוואָז" — ר' סענדערס געזונטעסטער פערד — בשעת ער איז דורשטיק.

אין צוויי־דריי צי איז די גאַנצע זעלצערקע פאַרשוווּנדן אין פאַנדרעס

אינערלעכקייטן, כאַטש ברענענדיק־קאַלט איז דער טרונק. וואָרים „אונטער־באַרגער" יידן זשאַלעווען נישט קיין אייז אַרום אַ סיפּאָן. די אָזערע איז נאָענט צום שטוב. און ווינטער־צייט גרייט מען זיך אָן גאַנצע קעלערן מיט בלויע שטיקער געפראָרנס. און פאַרפעלט אין שטאָט אייז פאַר חולאים, לויפט מען נאָך אים צום „אונטערבאַרג".

אָבער מחמת דער שטאַרקער אָנגעקילטקייט פון טרונק פילט אין אים נישט פאַנדרע די „שטאַרקייט". די קעלט האָט דערשטיקט די קיצלדיקע פּענכערלעך. עס בייסט נישט געגוג אויף דער צונג, עס שלאָגט נישט אָפּ אין נאָז...

פּאָסמאָקעוועט זיך פאַנדרע מיט אַן אומצופרידענער מינע פון אַ „טרינ־קער", וואָס האָט זיך גערעכט אויף „ביינציקער" און מען האָט אים דאָ אונטערגערוקט „פּערציקער" בראָנפן. דריקט ער אויס זיין אומצופרידנ־הייט אַזוי:

— אוי, וואָווקע! ס'איז עפּעס נישט דאָס! ס'איז עפּעס גאָר נישט ד אָ ס? ווו בורטשען, ווען בורטשען, וואָס בורטשען?... סע הויבט גאָר נישט אָן צו בורטשען... אַנו, גיס מיר אָקאָרשט אָן נאָך אַ גלאָז... אפשר האָב איך אַ טעות געהאַט.

כאַפּט זיך צו וואָווקע צום קופּערנעם סיפּאָן און גיסט אָן אַ צווייטע גלאָז, און פאַנדרע טרינקט ווייטער אויס ביזקל דעק און איידער ער האָט נאָך דערזופּט דעם לעצטן טראָפּן — שאָקלט ער שוין מיטן קאָפּ אויף „ניין"; ס'הייסט: אַז ס'איז נאָך אַלץ נישט דאָס וואָס מען מיינט...

אָפּגעריסן די ליפּן פון גלאָז פּאָסמאָקעוועט ער זיך נאָך אַמאָל, פּרווט אָפּשטויסן דעם גאַז, פּרווט אָפּשלוקעכצן — עס שלוקערכצט זיך נישט.

— פּע! — מאַכט ער — וואָווקע, וואָס איז מיט דיר היינט געוואָרן? דו האָסט זיך דאָך מיר אינגאַנצן אויסגעוועבט? דאָס איז דאָך אָפּגעקילטער „פּאָמינעס", נישט קיין זעלצערקע. אָפּגעזייעטע לאָקשן־וואַסער איז דאָס, וואָווקע, דו הערסט? ציגענע טרינקעכץ... ווו האָסטו דעם סיפּאָן איינגע־האַנדלט? ביי „פלאָקסינען" דעם זעלצערמאַכער! טו זאָג אים, דעם אַלטן אַנזעצער, ער זאָל אַ ביסל מער אונטערגעבן... אַ ביסל מער יענע מעשה... ווי הייסט דאָס דאָרטן?... מילא, בקיצור, פּ י י ף מ י ר אָ ן נאָך אַ גלאָז זעלצערקע! לאָמיך זען וואָס דו קענסט. און לאָמיך דערפילן דאָס האַרץ!...

3

וואָווקע כאַפּט זיך פאַרן קראַן, בלייבט שטיין און גיט אַ ביסל פאַר־שעמט אַ פרעג ביי פאַנדרען: אפשר זאָל ער אים אין גלאָז אַריינמישן אַ ביסל מעל־צוקער ווען עס בעסער זידן...

— מעל־צוקער? — פאַרקרימט זיך פאַנדרע, — וואָס בין איך עפּעס אַ מעוברתע יידענע? וואָס רעדסטו נאַרישקייטן, וואָווקע? דו ווייסט וואָס דו רעדסט? אויב זידן, דאַרף עס זידן אָן מעל־צוקער... דו הערסט, וואָווקע? דיין מעל־צוקער גיב אַוועק דער מאַמען דיינער אויף אַ זיסן קוגל. און מיר גיס אָן די אמתע זעלצערקע, אָן חכמות, וואָווקע! קוועטש אַ ביסל בעסער דיין פאַרזשאַווערטן סיפאָן! די גאַנצע מאַכאַרייקע אין בויך זאָל זיך אים דאַרטן איבערקערן...

קוועטשט וואָווקע, דער ממזר, מיט אַלע כוחות. און דער קופּערנער סיפאָן סטאַרעט זיך: כריפּעט און כאַרכלט און גאַרגלט פונעם אייז־צעבער אַרויס, כדי צופרידנצושטעלן פאַנדרען, דעם גרויסן ליבהאָבער פון זעל־צערקע, דעם בעסטן שבתדיקן קונד אויף באַרג, דעם שענסטן מבין... אָבער פאַנדרע בלייבט פאַרט נישט צופרידן. די דריטע גלאָז באַפרידיקט אים אויך נישט. זי דראַפּעט נישט גענוג אין האַלדז, זי שלאָגט נישט אין די נאָזלעכער.ווישט זיך פאַנדרע אַרום, מעשה־שצאָגעל, מיט זיין צוזאַמענ־געלייגטער נאָזטיכל, הויבט זיך אויף אַ ביסל ברוגזלעך און רעדט צו וואָווקען אַזוי:

— איז דריי קאָפּיקעס פאַר דריי גלאָז בין איך דיר שולדיק!... נאָר געדענק, וואָווקע, מער טרינק איך ביי דיר קיין זעלצער־וואַסער. מעג איך שטאַרבן אַ טרונק... דו הערסט? סיידן דו וועסט זיך פאַסטאַרען דעם קו־מענדן שבת...

מיט אַ פולן בויך קאַלטע וואַסער, איבערן הייסן אָפּגעגעסענעם טשאָלנט, שפּרייזט פאַנדרע אַרויס פון דער הילצערנער בודקע. דער דיל גיט ווייטער אַ קנאַק און די בודקע גיט זיך אַ שאָקל צו פאַנדרען און אַ שאָקל אויף צוריק. פונקט, ווי זי וואָלט אים אַרויסבאַגלייט מיט אַ היל־צערנעם „גוט־שבת". פאַרקירעוועט זיך פאַנדרע צום וואַלד, ווו חברים באַלעגאָלעס און קצבים וואַרטן שוין אויף אים און מאַכט מיט די פלייצעס, ווי איינער זאָגט: „נאַ, שלעכט געטראָפן היינטיקן מאָל"...

נאָר דאָ הויבט אָן די קאַלטע זעלצערקע צו אָנוואַרעמען זיך אין געזונטן גוף. די פענכערלעך הויבן אָן צו ברויזן. גיט פאַנדרען אין נאָז

אַ זעץ די ערשטע „שטאַרקייט" אויסגעמישט מיט דעם טעם פון אַריינ־ געריבענעם פעטן קוגל... דרייט ער אויס דעם שטאַרקן קאָפּ צו דער בודקע און רופט פון פולן בויך אַרויס:

— וואָווקע!

וואָוקעס ממזריש, געשוירן קעפּל מיט די אָפּגעשטאַנענע אויערלעך רוקט זיך אַרויס פון טירל.

— נאַ!... — שרייט צו אים פּאַנדרע מיט אַ קול פון אַ מענטשן, וואָס גייט איין אויף אַ פּשרה, — דיין זעלצערקע — נישקשה! דו הערסט? ניש—ק—שה!

פּאַנדרע איז נאָך נישט דערגאַנגען צום אַלטן שייער, וועלכער שטייט ביים זייט פון וואַלד־שטעג, ערשט דאָס זעלצער־וואַסער האָט גענומען שפּילן אויף נייע סטרונעס, עס זעצט נאָכאַנאַנד, עס בורטשעט אונטערן גאַרטל, עס שלוקערכצט זיך... און פּאַנדרעס פאַרגעניגן וואַקסט. פילט ער, אַז ער האָט זיך אומזיסט־אומנישט געטשעפּעט צו וואָווקען. זיין קצביש־באַלעגאַלישער יושר דערלאָזט אים נישט צו פאַרשוויגן אַזאַ אומגערעכ־טיקייט פון זיין זייט. דרייט ער זיך אויס צו דער בודקע און שרייט נאָך העכער:

— וואָווקע!

וואָווקעס כיטרע קעפּעלע רוקט זיך אַרויס פון דער הילצערנער טיר־לאָך. זיין וועלפּישער אויערל האָרכט:

— דיין זעלצערקע, וואָווקע, — גו־ט! אָבער גאָר גוט! אַן אַנטיק, וואָווקע!...

באַקומען דעם צווייטן קאָמפּלימענט רוקט זיך דאָס קעפּעלע אַריין צוריק, און פּאַנדרע גייט אָפּ נאָך אַ וועלכענע צען טריט. ערשט דאָ דערפילט ער דעם עכטן טעם פון אַלע דריי גלעזער זעלצער־וואַסער, וואָס ער האָט אין זיך אַריינגענומען. עס האָט זיך אין אים צעבולבלט און צע־בלעזלט. ס'האָט זיך אין אים צעשפּילט אויף אַלע כלים. פון אַלע באַהעל־טערלעך אין אים, פון אַלע מאָגן־טיפענישן שפּאַרט זיך אַ ברויזנדיקע זיסע שטאַרקייט. און עס שלאָגט אין נאָז, ווי אַ גוטער ספּירט. נאָך אַ פּאָר טריט — און עס אַרבעטן שוין אַלע שפּונטן, עס פייפן אַלע פייפעלעך און עס שיסן די ראַקעטן. דער גרינער וואַלד שטוינט און סאַראַקעס אויפן וועג דערשרעקן זיך, קען אין זיך פּאַנדרע זיין גרויסע דאַנקבאַרקייט פאַר אַזאַ גוטן טרונק אויך נישט איינהאַלטן; דרייט ער זיך אום אַ דריטן מאָל

און שרייט פון דערוויטנס. נאָר זיין לייבן־קול רייסט זיך שוין דאָסמאָל איבער פון זיסע אויסשטויסעניש:

— איק... וואָווקע! איק...

וואָווקעס קעפּעלע שטעקט זיך אַרויס אין טירל.

— אוי, אוי, וואָווקע! — שרייט צו אים פאַנדרע, — אַ רוח... איק... אין דיין טאַטנס טאַטן אַריין! דיין זעלצערקע — איק... הפלא!! עס צענעמט, וואָווקע! עס גראַגערט! עס טערעבענצע־עט! אָט־אָ נאָך אַמאָל! איי־יק! איי־אי, וואָווקע!

— ☆ —

אַזעלכע סצענעס האָט די בודקע געזען כמעט אַלע שבת, סך־הכל — מיט איין יאָר פריער, ווען פאַנדרע איז נאָך געווען אַ בחור, ווען ער האָט זיך נאָך נישט געווען צוגעוווינט צו סענדערס פערד און מורא געהאַט צוצוטרעטן צו מערען, זי זאָל ניט „אַ בריק־טאָן". און אַצינד —

אַצינד, אָנהויב וויעסנע־צייט, עס איז נאָך צו פרי צו טרינקען זעל־צער־וואַסער. גוים פון שליאַך זענען נישט דורשטיק, באַלמעלאַכעס און געהילף־יונגען גייען נאָך נישט שפּאַצירן אין פראַנצאָווקער וואַלד. נאָר די בודקע אין „אונטערבאַרג" האָט זיך שוין גענומען אויסטשוכען פון איר ווינטערדיקן שלאָף. איר פאַרשלאָסענער אייזערנער פּרענט איבערן טיר הענגט שוין שלאָס־אַראָפּ, באַלכסון, ווי אַ פאַרחלשטער אָרעם. די הילצערנע טירל איז אויפגעמאַכט. וואָווקעס טאַטע־מאַמע קערן אויס דאָס שפּינוועבס, וואַרפן אַרויס טויטע פלעדער־הייבלעך, וואָס זענען דערפרוירן געוואָרן שפּעט אָסיען־צייט און נישט צייט געהאַט צו אַנטוויקלען זיך אין ברוינע און ווייסע „זומער־פויגעלעך". שטייט שוין די בודקע אָן אָפענע און לופטערט זיך. זי גענעצט, דאַכט זיך, און בענקט נאָך קונים... צי וועט אָבער פאַנדרע אויך היינטיקן זומער קומען באַזוכן זי, טרינקען זיין פאַרציע זעלצערקע נאָכן טשאָלנט?

מיט עטלעכע חדשים צוריק האָט זי אים, מיט אירע פּוסטע קוקערלעך, געזען אַוועקגיין, די בודקע. זי האָט אים געזען אַוועקגיין אויפן מאָהליוווער שליאַך, צווישן צוויי סטראַזשניקעס, מיט אַנטבלויזטע שווערדן. און זינט דאַמאָלס איז ער נאָך צוריק נישט געקומען. צי וועט ער?...

א בייזע באגעגעניש

1

ראַניעצקע, נאָך אַ געכאַפּטן און געהיפּטן דאַוונען און פּאָר אָנבייסן, האָט זיך ר׳ סענדער גענומען קלייבן צום „אונטערבאַרג״, צו בערן — זאָווע דעם מילנערס איידעם, כדי איבערצוגעבן אים „דזשירקעליכען״ — די ציטערדיקע קליאַטשע זיינע.

ווי אַ טאַטע, וואָס איז פּאַראַרעמט געוואָרן און פירט אָפּ זיין טאָכטער צו ווערן אַ דינסט אין דער פרעמד, אַזוי האָט זיך ר׳ סענדער געשעמט מיט זיין שטיקל אַרבעט, וואָס ער קלייבט זיך דאָ אָפּצוטאָן. אויסטערליש און מיאוס האָט אים אויסגעזען צו פאַרהאַנדלען אינמיטן מיטוואָך אַ טרייע ברויטגעבעריןֿ, און בלייבן אויף דער עלטער אַ באַלעגאָלע אָ יורד, ביי איין פערד; אָן „שמענדריקען״ — זיין פּאַראַומגליקטן „איידעמל אויף האָבער״, און אַצינד — אָן „דזשירקעליכען״... דערפאַר האָט ער זיך גע־פּעדערט, געוואָלט אָפּפטרן דעם עסק ווען האַלב שטאָט שלאָפט נאָך, ווען אַלע קלייטן זענען געשלאָסן. זאָלן לייט און באַלעגאָלעס פון צעך נישט זען. נאָר דער רבונו־של־עולם און דאָס באַגינען־ליכט מעגן זען זיין צער.

אין זיין קליינעם פּאַיעטאָנדל האָט ער געשפּאַנט „שמאַרעוואָזן״ — זיין שטאַרקסטן פערד, מיט די צעגאָסענע ברוינע און ווייסע פלעקן איבער דער פעל. „דזשירקעליכען״ אַליין האָט ער געלאָזן אויף שפּעטער. זי קען ער פּשוט אָנבינדן אָן זיך פון בריטשקע, מיט איין בלויזן שטריקל, און זאָל זי נאָכלויפן... אַזוי אַרום וועט ער אין „אונטערבאַרג״ נישט דאַרפן לאַנג עוסקן זיך מיט איר. אָפּגעבונדן, אָפּגענומען די ממתקים און אַוועק פון די אויגן אין פרעמדן שטאַל אַריין! געגוג וועט זיין צו עסן זיך דאָס האַרץ צוליב אַ פערדיכע. — פאַנדרע איז בילכער!

ס׳איז טאָקע נישט אַזוי שיין „דזשירקעליכע״ זאָל באַכלויפן הינטער דער ברישקע, ווי אויף אַ גויעשקען יאַריד. דערפאַר אָבער איז ער, ר׳ סענדער, נאָכן מסחר, פּטור פון איבערשפּאַנען. יעדער איבעריקער אָנציען די לייצעס און פאַרוואַרפן דעם כאַמעט קומט אים אָצינד אָן מיט טעם־טויט. שמענדריקעס חולאת און זיין טרויעריקער סוף האָט אים, ר׳ סענדערן, אינגאַנצן דערשלאָגן. זיין קאַרק איז אָפּגעמאָגערט געוואָרן, זיין גערירטער, פעסט־פאַרגאַרטלטער בויך איז אים איינגעפאַלן. און זיין אַלטער פעלער האָט זיך געלאָזט פילן מער ווי אַלעמאָל. נישט אַריבער אַ טאָג אָן אַ שאַרפן שניידן אין לייב און אָן הייסע קאָמפּרעסן.

ווי שווער ר׳ סענדער איז אָצינד אויפן קער, דאָס האָט מען געקענט אָנזען פון זיין פאַיעטאָנדל גופא, וועלכן פאַנדרע האָט, פאַר זיין אַרעסט, איבערגעלאַקירט אויפסניי, די רעדער איבערגעקאָוועט און די מעשענע טיילן אויף די האָלאָבליעס געפּוצט... פאַרדריפּעט איז אָצינד געוואָרן דאָס פאַיעטאָנדל אונטער די בלעכערנע פליגלען, איבער די אָפּגענוצטע רעדער, איינגעטריקנטע און פרישע בלאָטע קריכט אַראָפּ פון די ספּיצעס און מישט זיך מיט דעם דיעגעכץ אויף די דינע אַקסן. ר׳ סענדער האָט אָצינד קיין כוח נישט אויסצוציען זיך אונטער די רעדער מיט אַ נאַסן וויעכיטש און וואַשן. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויפן פאַיעטאָנדל, ווי אויף זיין גאַנצן מזל. וואָס איז? פּריצים, אפשר, פירט ער אויף אַ חתונה? ער פאָרט דאָך נאָר איבערצוגעבן דזשירקעליכען אין פרעמדע הענט, פאַרקויפן אַ שטיק פלייש פון אייגענעם לייב... ווערן אַ יורד. הייגט פאַר וועמען דאַרף ער דאָ יוצא זיין? זאָל טאָקע די ברישקע בלייבן פאַרדריפּעט. זאָל טאָקע די קבצנות נישט שרייען מיט פרישן לאַק און מיט מעשענע בלעכלעך!

מיט אַ צעבראָכן האַרץ האָט זיך ר׳ סענדער באַשלאָסן אויף דעם פאַרקויף. ווען נישט דער מאָהליוועער אַדוואָקאַט — דער כלב, פאַנדרעס באַשיצער, וואָלט ער זיך נאָך אפשר אָפּגעשוויגן פון סענדעריכען — זיין רירעוודיק ווייבעלע, און פון מערען — זיין שווערמוטיקער, טראָגעדיקער טאָכטער... נאָר דער משפט איבער פאַנדרען אין „אָקרוזשנאָי סוד״ האָט זיך צוגערוקט גאָר נאָענט, און דער אַדוואָקאַט האָט געהאַלטן אין איין טענהן, אַז ער לייגט נאָך צו צום באַלעגאַלישן פּראָצעס. הכלל... דער באָבעס ירושה לייגט ער צו! מיט קבצנים, זאָגט ער, אין אַזעלכע זאַכן, טאָר מען זיך קיינמאָל נישט אָנהויבן. די וועלט, מאַכט ער, איז זיי ווייניק...
די התלהבות, אַרויסצוהעלפן אַן אָרעמען יידן פון גויעשע הענט, האָט

שוין לאַנג איבערגעברענט אַפּילו ביי די באַרעמהאַרציקע באַלעבאַטים פון ליובאַוויטשן בית־מדרש. געפעלט האָט דער אַלטער מורה־הוראה, מיט זיין טיפן קוק אין מיט זיין רואיקן וואָרט. פאַר מענדלען, זיין קליינינקען יורש מיט זיין געקוועטשטן „תזזכרו" אין קריאת שמע, האָבן בכבודיקע חסידים קיין גרויסן דרך־ארץ נישט געהאַט. דעם לעקיש האָט קוים גע־קלעקט די שכירות צו היילן זיינע אייגענע שלימזלען אין שטוב, די נישט־געראָטענע קינדער זיינע. מ'האָט צוליב דעם געמוזט צוזאַמענרופן אסיפות און מאַכן אַ קאַראָבקע אויף די ערב־שבתדיקע הייוון. חסידישע ווייבער זענען געווען שטאַרק נישט צופרידן פון אַזאַ נייער הוצאה און האָבן זיך געבונטעוועט. מחלוקתן זענען, צוליב דעם, אַוועק צווישן די מאַנסבילן, צווישן אַזעלכע, וואָס האַלטן מיט זייערע ווייבער און צווישן די, וואָס זענען קעגן די ווייבער. מען האָט זיך אַפילו איינמאָל שבת, נאָך מפטיר, געפּאַטשט צוליב די הייוון. און דער חלול־השם איז געווען גרויס. היינט ווען וועט דאָס אַצינד ליגן אין קאָפּ עפּעס אַ נחקע פאַנדרע?

די הכנות צו זיין משפט האָבן זיך אויך אַ ביסל צו לאַנג פאַרצויגן. דער נייער פּריסטאַוו מיט די דראָטענע וואָנסעס, ימח־שמו זאָל ער ווערן, האָט געהאַט אַ האַנט אין אַזאַ פאַרשלעפּעניש. עדות איבער עדות האָט ער אויסגעזוכט, זיינע קעגנער געסטראַשעט, און האט אַלע געמיטער מיד געמאַכט. איז דערפאַר שווער געוואָרן אַרויסצוציען, ביי וועמען־נישט־איז, אַ פרישן גילדן אויף אַזאַ אַלטגעבאַקענער מצוה.

און געקומען איז אַ טאָג, ווען ר' סענדער האָט דערזען, אַז עס העלפט נישט, אַז ער שטייט איינער אַליין מיט זיין טרייער קליאַטשע אַקעגן אַ שטאָט מיט קאַלטע לונג־און־לעבערס, אַקעגן אייגענע ווייב און טאָכטער, איינמאָל פאַר אַלעמאָל: „פאַרקויף" און „פאַרקויף"!

מיט טענות, אַז צום זומערדיקן יאַריד איז נאָך ווייט, און קיין אמתע קונים זענען נישטאָ, האָט ער זיך מער נישט געקענט אַרויסדרייען. סענ־דעריכע, די בריהצקע זיינע, האָט אים „געהאָלפן" און, אויפן מאַרק, געקראָגן פאַר אים אַ סוחר — דעם מילנערס איידעם פון „אונטערבאַרג".

הכלל, דזשירקעליכע איז איצטער באַזאָרגט אויף איר גאַנצן פערדישן לעבן. אַ קלייניקייט אַ מיל! גאַנצע צעבערס מיט מיעקינע און מיט קלאַיען. האָבער — האַלב אומזיסט. מיטן מילנער זענען די גוים, די יקרותניקעס, גוט אויסצוקומען... די גוטע וואַסער פון דניעפּער און די פּאַשע אַרום אַזערע זענען אויך באַענט. אָט איז די מיל און אָט איז פּאַשע! וואָס וועט

איר דאָרטן פעלן דער טייערער דזשירקעליכען „דיינער״?... מען וועט זי דאָרטן פאַרמאָרן, זאָגסטו, מיט משאות? מיט שווערע וועגענער קאָרן? וואָס דען? אומזיסט אפשר זאָל זי שטיין און פרעסן פון זאַשיק, ווי ביי דיר אין שטאַל, דו קבצן איינער?

און ר׳ סענדער האָט נאָכגעגעבן.

גאָר גלאַט איז אָבער דער משא־ומתן, פון אָנהויב אָן, נישט צוגעגאַנגען. וואָרים ווען דער מילנערס איידעם איז אַריין צו סענדערן אין שטאַל אוז דערזעז „שמאַרעוואָזן״ מיטן ברייטן רוקן, מיט דער גלאַנציקער געפלעקטער פעל און מיט האָריקע באַבקעס אויף די הינטערשטע פיס, האָט אים אָנגענומען אַ חשק אָפּצוקויפן דווקא דעם דאָזיקן חברה־מאַן און איבערלאָזן דזשירקעליכען ביי איר אַלטן באַלעבאָס. אָבער ר׳ סענדער האָט, מיט אַ געפּאַלענעם קול, געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער בלייבט אַצינד ביי איין פערד, פון גאַנצע דריי... פריער... אים אַליין איז שמאַרעוואָז נויטיק צום לעבן, ווייל ער טויג זיך סיי פאַר דעם פאַיעטאָנדל — פירן שודאַקעס צום פאַרעכאַד, סיי פאַרן משא־וואָגן, ווען די אָנגעלאָדענע לייוועס סחורה קומען אָן מיטן דניעפּער. נאָר אויב ער, דעם מילנערס איידעם, וויל אים קוילענען — טו זאָל ער!...

דער אויסגעפּאַשעטער, גוטמוטיקער איידעם פון „אונטערבאַרג״, האָט געוווסט אין וואָס פאַר אַ צרה ר׳ סענדער געפינט זיך, צוליב וואָס און צוליב וועמען ער צעשיידט זיך מיט זיין קליאַטשע — האָט ער נאָכגעגעבן און פון שמאַרעוואָזן מער קיין וואָרט נישט גערעדט.

2

בשעת ר׳ סענדער האָט שוין געהאַלטן ביים אָנבינדן זיין קליאַטשע הינטער דער געשפּאַנטער ברישקע, האָט פון דער אָזערע אַ בלאָז געטאָן אַ קילער באַגינען־ווינטל. דזשירקעליכע, ווי איר שטייגער איז, האָט גלייך געכאַפּט אַ ציטער. גענומען קלאַפּן מיט איין פּאַדקאָווע און טרייסלען מיט דער פעל אויף איין ליטקע. געגעבן סענדערן צו פאַרשטיין, מיט קלאָרע סימנים, אַז ס׳איז איר קילבלעך, יאָ, ס׳איז איר עפּעס קאַלט. און ס׳וואָלט געוועז אַ יושר איינצודעקן זי מיט דער אַלטער לעכערדיקער קאָלדרע. יאָ, מיט דער רויטער קאָלדרע...

סענדער האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק. דערנאָך ברוגזדיק גענומען

בורטשען אונטערן נאָז, נישט צו דזשירקעליכען זיין קליאַטשע, נישט צו זיך אַליין:

— בערע דעם מילנערס איידעם — דער חזיר, וועט דיך שוין איינ־דעקן... דיין נייער באַלעבאָס! אַ ביזעמנע פוטער וועט ער דיר קויפן... וואַטאָווע מייטקעס וועט ער דיר לאָזן אויפנייען... אָן כּעגדערן מעגסטו שוין פאַרגעסן מעגסטו...

ער האָט זיך געאיילט, ר׳ סענדער. אַליין קיין טיי נישט געטרונקען און די פערד נישט געפאַיעט. אָפּגעלייגט שמאַרעוואָזס „אַנבייסן״ אויף שפּעטער, נאָכן עסק. און דזשירקעליכע... זאָל זי דער נייער באַלעבאָס פאָיען! יאָ, בערע דעם מילנערס איידעם, ציקאָריע מיט מילך זאָל ער איר געבן...

אַרויספאָרנדיק, האָט ר׳ סענדער געמיינט, אַז אַזוי פרי וועט ער קיינעם פון זיינע לייט נישט טרעפן. אָבער ווי אויף צו־להכעיס איז אויף אים עק שטאָט, אָנגעפאָרן, מיט אַ סקריפּעריי און מיט אַ קוויטשעריי פון נישט־געשמירטע רעדער, נישט קיין אַנדערער, ווי מאיר פענטע. דער זעלבער קלאַציקער ייד מיט די טוטווייע אויגן, וואָס האָט ביי אים אָפּגע־קויפט שמענדריקען פאַר גאַנצע זיבן רובל.

האַרצרייסנדיקע טענער האָבן פון זיך אַרויסגעלאָזן די טרוקענע רע־דער. מיט טענות האָבן זיי זיך געדרייט און מיט אַ „ס׳טייטש״ און מיט וויגעשרייען. מיט אַ הייזעריק בילן פון אויסטערלישע הינט און מיט אַ קרייען פון ווילדע הענער. מיט פּזרס און תלישא־גדולהס און מיט שלשלתן... וואָרים צו שמירן דיגעכץ אויף די אַקסן — דאָס האָט פענטע געהאַלטן פאַר גאָר אַן איבעריקן ווילטאָג. ביי דעם קראַנקן גאַנג פון די אייביקע פאַדלעס וואָס ער האָט געהאַנדלט איין, האָט ער קיינמאָל קיין מורא נישט געהאַט די אַקסן זאָלן זיך אָנצינדן. און טאָמער יאָ — איז דאָ בלאָטעס און ברונעמער אויף יעדער גאַס. נעצט מען איין אַ שמאַטע און מ׳לעשט...

ר׳ סענדער האָט שוין פונדערווייטנס דערקענט דעם געשמאַקן מזמור פון פענטעס וועגל אויף די בן־פּקוע־רעדלעך, נאָר ס׳איז שוין שפּעט צו פאַרקירעווען אַן אַ זייט וואָרים זיין וועג צום „אונטערבאַרג״ האָט זיך שוין געווען פאַרנומען צום שמאָלן פאַס ערד, וואָס צווישן דניעפּער און אָזערע.

אין מאיר פענטעס פויערישן וועגל זענען געווען אָנגעוואָרפן שפענער און האַלבע ציגל, קאָרע פון בוימער און לײַדיקע פעסלעך, ביינער און

שמאַטעס, אַלץ אַזעלכע מיני סחורות, וואָס וואַלגערן זיך אַרום אומעטום און קיינער, דאַכט זיך, דאַרף זיי נישט. און פונדעסטוועגן ציט פון זיי אַזאַ פוילער גולם, ווי מאיר פענטע איז, זיין חיונה. אין שפּאַן איז געגאַנגען אַ פּערדישע באַשעפעניש. סענדער האָט קוים־קוים דערקענט זיין געוועזענעם „איידעמל אויף האָבער", דעם אַמאָליקן שטיפער אויף דינע געטאָקטע פיס, וועלכער פלעגט לאַכן מיט איין לעפץ פון דעם באַ־לעבאָס חכמות. אָט דאָס איז שמענדריקע? די גריווע איז ביי אים אַצינד געוועזן האַלב אייסגעקראַכן, דער עק אויסגעפליקט, איין טייל קירצער, דער צווייטער לענגער. די זייטן איינגעפאַלן. אויפן רוקן — רויטלעכע רויע פלעקן, אַן האָר, ווי פון אָפּבריען מיט זודיקע וואַסער, אָדער פון אַכזריותדיקע שמיץ. און די גאַנצע פעל — איין מיתה־משונה־קאָליר. ווי איבערגעבליבענע גראָז אויפן פליין, סוף זומער... די דאָזיקע באַשעפעניש האָט געשלעפּט דעם שווערן וועגל מיט איין זייט, אַלץ רעכטס און רעכטס, צום געזונטן אויג צו... און „פענטע" האָט איר אַלע ווילע אויסגעגליכן דעם איינגעדרייטן קאָפּ מיט אַ שטורך פון רויטן קולאַק אין מאָרדע, מיט אַ שטאָך פון עק בייטש־שטעקל. און אַלץ אַזוי קאַלט און קלאָציק, ווי אַ ליימענער גולם. און דער אַמאָליקער קאַפּריזנער שמענדריקע האָט אויפגענומען די גראָבע שטורכענישן אונטערטעניק און אומעטיק, ווי אַ זאַך, וואָס קומט אים, אַפילו אַ שנאָרך נישט געטאָן. נאָר זיין בלינדע לינקע אויג האָט נאָך יעדן שטורך געגעבן אַ פּאָר־אַרויף מיט איר בלוטיקער ווייסל, און מיט דעם שטאָל־בלויען גלאַנץ פון אַ טויטן שוואַרצאַפּל. אַזוי האָט שמענדריקע געשלעפּט אויפן פּאָס ערד די משא פון פענטעס חיונה און די משא פון זיינע פאַרלוירענע יאָרן. געשלעפּט אין ציק־צאַקען, ווי אַ קרויט־וואָרעם. איין טראָט רעכטס און איין שטויס־אָפּ — לינקס.

דזשירקעליכע, די אָנגעבונדענע קליאַטשע, הינטער ר' סענדערס בריטשקע, האָט שמענדריקען גלייך דערשמעקט. פּאָרט אָפּגעשטאַנען שיינע עטלעכע יאָר אין איין שטאַל! האָט זי נאָכלויפנדיק אַ וואָרף געטאָן אַרויף דעם ווייבערישן צייגעריקן קאָפּ, ווי מען גריסט אַן אורח פונדערווייטנס, און האָט זיך שטאַרק צעהירזשעט הינטער ר' סענדערס רוקן:

— הי—הי—אי—אי!

דאָס האָט געזאָלט זיין אַן אָנזאָג: „קוקט, קוקט, באַלעבאָס! שמענ־דריקע קומט אָן..."

אָבער דער געוועזענער קאַוואַליר איז אַצינד געגאַנגען ווי אַ למך, נישט דערקענט און נישט אָפּגעענטפערט מיט אַן איידעלן הירזשען, דורך

די אַנגעבלאָזענע נאָזלעכער, ווי דער שטייגער איז פון יונגע העפּלעכע אָגערס, ווען אַ קליאַטשע באַגריסט זיי... מיט אַ זייטל, מיט אַ זייטל האָט ער געשלעפּט זיין אומגליק און מאיר זעגטעס יאָך. הי—הי—אי—אי! מען שפּאַנט און מען שלעפּט און צום גרוב איז נאָך ווייט...

אויסגעגליכן זיך מיט ר׳ סענדערס פּאַיעטאַנדל איז מאיר פּענטע, וועלכער פּענטעט זיין ווייב, שטיין געבליבן. אויפגעהויבן זיינע ווייטיק־דיקע אויגעלעך און אָנגעקוקט סענדערס קאַוואַלקאַדע מיט טעמפּער פאַר־וווּנדערונג. אַפּנים דערפאַר פאַרוווּנדערט, וואָס ער זעט „דזשירקעליכען" פון הינטן אויף אַ שטריק און ר׳ סענדערן אַליין אַזוי פרי. און עפּעס גאָר פּלוצלונג האָט ער אַרויסגעוואָרפן פון זיך עטלעכע אָפּגעהאַקטע אומגע־לומפּערט־ברומיקע אויסגעשרייען, האַלבע ווערטער, ווי זיין שטייגער איז:

— גו־מאָן! העי? זי שיי־באַ־גאַצן־בלי־די מיצי־

מאיר פּענטע האָט דערמיט געמיינט זאָגן ר׳ סענדערן: „גוט מאָרגן", און אגב מודיע זיין אים, אַז... „זי איז שוין באַלד אינגאַנצן בלינד, די מציאה"... ס׳הייסט שמענדריקע.

פון אַזאַ פּלוצלעכן ברוך־הבא האָט ר׳ סענדערן אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ און פאַרקוועטשט אין האַרצן. ע ר האָט נאָך טענות, אַזאַ מנובל! מיט אַ יאָר פריער וואָלט ער דעם פּענטע פאַר אַזאַ גוט־מאָרגן אַראָפּגעלאָזט מיטן בייטש איבער דער ליימענער צורה זיינער. אָבער, געבראָכן און דער־נידעריקט ווי ר׳ סענדער איז אַצינד געווען ביי זיך אַליין, האָט ער גאָר־נישט געענטפערט. נאָר איינגעהויקערט האָט ער זיך אויף דער קעלניע, איינגענורעט דעם פּנים אין באָרד, ווו די געלע ראָגאָזשע־האָר האָבן די לעצטע צייט גענומען נאָכגעבן און גרויען — צו... פינף און זעכציק יאָר. און עפּעס אַ פאַרגעסענער פּסוק האָט אים מיטאַמאָל גענומען אַרומטאַנצן אין נישט־אויסגעשלאָפענעם קאָפּ: „ודמו הנה נדרש"... אַ פּסוק פון חומש, ווען יעקב אבינוס זונדל טשעפּעט זיך צו זיינע ברידער און לאָזט זיך נישט דערקענען, מאַכט ראובן צו זיי: „כ׳האָב דאָך אייך געזאָגט, פאַרזינדיקט זיך נישט אָן קינד... און אָט ווערט אונדז אָפּגערעכנט פאַר זיין בלוט"...

האָט ער זיך דען, סענדער, נישט געבעטן ביי זיין „סענדעריכען" מען זאָל אָט דעם גולם — „פּענטען" נישט פאַרקויפן דאָס קראַנקע פערדל? און ווער ווייסט?... צי מאַכט זיך דאָס אַצינד שמענדריקע אַליין נישט געפּגרט?... דער פאַרקויפטער „בן־יחיד" — אַ גלגול פון מכירת־יוסף איז דאָס נישט קיין פערד... ער זעט דאָך אַלץ מיט זיין בלינדעוואַטן אויג, און פאַרשטעלט זיך, אַז ער זעט, כלומרשט, גאָרנישט...

מיט אַ געהיימנישפולן שרעק אין ניכטערן האַרצן האָט ר׳ סענדער אַ שמיץ געטאָן שמאַרעוואָזן און אַוועק אין גאַלאָפּ. מיט דער נאַכטאַנצנ־דיקער דזשירקעליכען פון הינטן. וואָס גיכער אַוועק פון „פאַרשטעלטן״ אומגליק, פון לעבעדיקן פאַרוואורף.

און מאיר פּענטע האָט נאָכגעקוקט מיט זיינע ווייטיקדיקע אויגן און נישט פאַרשטאַנען. וואָס עס טוט זיך דאָ היינט מיט ר׳ סענדערן.

די גרויסע מיל פון „אונטערבאַרג״ און די הרעבליע, וואָס פאַרבינדט די אָזערע און דניעפּער, האָבן זיך דערנענטערט. לינקס איבער דער משו־פּעדיקער קעסל־גרוב, ווו דער דניעפּער פאַרקירעוועט אויף מאָהליוו, האָבן זיך שוין אויסגעצויגן גאָלדענע פּאַסן שיין פון באַלויכטענע וואָלקנדלעך. נאָר איבער די טראָסטינעס און אייאיר אין אָזערע, פון דער רעכטער זייט, איז נאָך געהאָנגען אַ מילכיקער נעפּל. פונעם דאָזיקן נעפּל אַרויס האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט, אַ טיפער און טרויעריקער, דער קול פונעם שקלאָווער וואַסער־אָקס — —אַזאַ מין משונהדיק־גרויסע זשאַבע, וואָס בלאָזט פון איר גאָידער, ווי פון אַ דודל־זאַק, אַ מאָדנעם איינטאָניקן ניגון, ווען די זון גייט אויף און ווען זי פאַרגייט: „בו־הו!״... „בו״ — אין זיך אַריין און „הו״ — פון זיך אַרויס; אַזוי, אַז עס שאַלט אויף, ווי אַ פאַרזופּטער רעווען פון אַ קו, וואָס בענקט אַהיים, און ווי אַ געבראָכענע תקיעה פון אַן אַנגע־שפּאָלטענעם שופר, אויסגעמישט צוזאַמען:

— בו־הו! בו—הו—או!

מיט אַ נאָגנדיקן אומעט האָט אַ וויי געטאָן אויף סענדערן פון דעם דאָזיקן זיפץ און פון די פאַרעדיקע טראָסטינעס. עפּעס ווי אַ קול פון יענער וועלט וואָלט אים גערופן, פון די שליימיקע טיפענישן אין דער אָזערע... און גראָד אַצינד, ווען זיין שרעק פאַר שמענדריקעס „פאַרשטע־לעניש״ איז נאָך נישט אַריבער... פון אַ פּחד אַוועק, אין אַ פּחד אַריין. און פאַר סענדערס אויגן זענען מיטאַמאָל אַרויסגעשווומען ברענענדיקע ליכט צו אַ צוקאָפּנס. דער מורה־הוראה גוסט!... די געשטאַרבענע אויגן, מיט טונקל־בלויע הייטלעך איבער זיי, שפּאַלטן זיך מיטאַמאָל אויף און אַ גוססדיקער קול רופט אים צו זיך:

— סענ—דע—ער! בו—הו—או!

נאָך אַ שמיץ איבער שמאַרעוואָזס ליטקע. וואָס־גיכער אַוועק פון דעם פאַרכשופטן פּאַס ערד, צווישן די ביידע וואַסערן, ווו מאָדנע זאַכן זענען זיך מתדמה אין דער ערשטער טאָג־ליכטיקייט.

דאָס בערוועגע בריקל איבער דער הרעבליע האָט אַ ברום געטאָן

אונטער די רעדער פון פאַיעטאָנדל, און די גרויסע מיל האָט זיך אָנגערוקט, ווי אַ כמאַרע, מיט אירע מעליקע פענצטערלעך און פינצטערע אָפענע טירן.

אַ פלאַכער צונג וואַסער פון דער אָזערע האָט אַ בליאַסק געטאָן אויף דער צווייטער זייט הרעבליע, ביים אַריינפאָר אין „אונטערבאַרג". אינעם דאָזיקן אויסגוס רוט זיך די אָזערע אויס, פאַר איר שטורמישן אַריינפאַל אין דניעפּער. שמאַרעוואָז, וועלכער איז נאָך היינט געווען נישט־געפּאָיעט, האָט זיך אַ קער געטאָן צום וואַסער. ער האָט דעם וואַסער־אויסגוס גוט געקענט. ר' סענדער זיין באַלעבאָס האָט אים דאָ נישט איינמאָל געלאָזט אַריינשפּאַצירן ביז די קני, צווישן אייאיר און וואַסער־קראַסקעס, כדי צו טרינקען רואיק און ברייטלעך פונעם גאַנצן גלאַנציקן פלאַך. אָבער דאָס מאָל, ווייזט אויס, איז סענדער געווען געררייצט פון דער בייזער באַגעגעניש מיט שמענדריקען, פונעם טרויעריקן רוף, וואָס דער וואַסער־אָקס האָט אים געררופן... און אויסער דעם וואָלט ער דאָך געמוזט צו ווייט אַריינלאָזן שמאַרעוואָזן אין וואַסער אַריין כדי דזשירקעליכע, פון היינטן, זאָל אויך קענען טרינקען. האָט ער דערפאַר מיט כעס אַ ריס־געטאָן די לייצעס אויף צוריק. אַ ריס־געטאָן — און דערפילט אַ שניידנדיקן ווייטיק אונטערן גאַרטל. דער „פעלער" האָט זיך צעלאָזן: דאָס האָט אויפגעבראַכט זיין כעס נאָך מער. האָט ער האַסטיק אַראָפּגעלאָזט די בייטש איבער שמאַרע־וואָזס ליטקע איינמאָל און צוויי מאָל. געקילט זיך דאָס האַרץ... שוין אַ דריטן מאָל, אַז ער שמייסט היינט זיין פערד. אָבער דאָס מאָל האָט שמאַרעוואָז נישט פאַרשוויגן און אָפּגעענטפערט מיט אַ בריק פון פאָד־קאָווע אין דער קעלניע, אונטער סענדערס פיס, אַזוי צו זאָגן:

— וואָס האָט איר צו מיר היינט, באַלעבאָס?

האָט אים סענדער גלייך פאַרשטאַנען, און אַ ביסעלע פאַרשעמט, מיט אַ שוואַך האַרץ, ווי נאָך אַ תענית, אָפּגעבורטשעט:

— כ'האָב נאָך היינט אַליין קיין טיי נישט געטרונקען! ביסט אויך נישט קראַנק צו זויפן אַ ביסל שפּעטער...

א גרוב אין אזערע

1

דער מקח פאַר „דזשירקעליכען" איז שוין מיטן מילנערס איידעם געווען אָפּגעמאַכט פון פריער. דערפאַר האָט דער האַנדל אַצינד לאַנג נישט געדויערט. מיט אַ פאַרשמאַכט האַרץ האָט ר׳ סענדער צוגענומען דאָס פעקעלע פינף־רובלדיקע. זעכציק „רובעלעס" פאַר זיין געטרייער קליאַטשע. פריש־בלוטיק געלט פאַרן שוואַרץ־יאָר אין מאָהליוו... און דער מאָהליווער אַדוואָקאַטל וועט נאָך אַלץ טענהן, אַז „מיט קבצנים טאָר מען זיך נישט אָנהויבן".

ר׳ סענדער האָט דעם ביטערן פּדיון גוט פאַרוויקלט אין אַ שטיקל צעראַטע, פאַררוקט אינעם וואַלענעם בוזים, פאַרשטופּט אין דער טיפער, לייוונטענער קעשענע און פאַרקוועטשט מיטן ברייטן באַלעגאַלישן גאַרטל, כדי עס זאָל זיך גוט האַלטן. יאָ, עס זאָל זיין גאַנץ און טרוקן. וואָרים פאַנדרעס יונגע יאָרן שרייען פון אָסטראָג...

דזשירקעליכע, צוגעבונדן צו אַ פרעמדן זאָשיק, אין אַ פרעמדער שטאַל, האָט זיך געפּרוווט אויסדרייען צו ר׳ סענדערן. אָבער דאָס שטריקל האָט נישט דערלאָזן. האָט זי עטלעכע מאָל אַ וואָרף־געטאָן מיטן קאָפּ אַרויף און אַראָפּ, ווי איינער זאָגט:

— אַזוי גאָר, ר׳ ייד! פאַרקויפסטו מיך טאַקע?... אָט אַזאַ מין מענטש ביסטו דאָס?...

פון מאָהאָריטש האָט זיך סענדער אָפּגעזאָגט, געטענהט, אַז ער איז נאָך פאַר טיי. נאָר בערע דעם מילנערס איידעם איז צו אים צוגעשטאַנען מיט זיין לויכטנדיקן אויסגעפּאַשעטן פּנים, מיט אַ בנעימותדיקן רעדן:

— וואָס הייסט, ר׳ סענדער, מירן גאָר נישט „באַנעצן״ די קליאַטשע? אַ גאַמולקע צום פֿאַרבייסן וועט זיך נאָך אויך געפֿינען...

אויף ר׳ סענדערס ניכטערן האַרצן איז דאָס ביסל משקה אַרויפֿגעפֿאַלן ווי אויף גליענדיקע קוילן. אַ שכורע פֿאַרע האָט אים אַ זעץ־געטאָן אין מידן קאָפּ. דאָס ציען און שניידן אין געבריך האָט נאָכגעלאָזן. די ביטער־קייט אין האַרצן האָט זיך גענומען מישן מיט אַ שאַרפֿער זיסקייט. און ביים דריטן קעליש׳אָק, האָט שוין די צונג גענומען שטאַמלען צו בערע דעם מילנערס איידעם אַזוי:

— גאָט זאָל שוין... שוין געבן, אַז... אַז... איר הערט? אַז... עס... עס...

דער קול ביי ר׳ סענדערן איז איבערגעגאַנגען אין אַ קוויטש. טרערן האָבן אים גענומען שטיקן. ער האָט זיין ווינטשעווען אָן אַ ווענדונג, נישט געקענט ענדיקן, נישט געהאַט מיט וואָס צו ענדיקן.

דעם מילנערס איידעם האָט געוווּסט פֿון סענדערס בראָך און האָט אים זאַט און גוטמוטיק געטרייסט:

נישקשה ר׳ סענדער, בטחון! דער אויבערשטער וועט נאָך העלפֿן. מ׳עט נישט לאָזן פֿאַנדרע זאָל פֿאַרפֿאַלן ווערן איבער אַ יונסקן קנעפּל...

אַזאַ גוט וואָרט האָט אָבער סענדערן אינגאַנצן צעגומען:

— וואָס ווייסט איר? — האָט ער הייזעריק אונטערגעקוויטשעט — וואָס האָט מיר פֿריער געפֿעלט?... נישט אַנדערש אַ בייז אויג. וואָס ווייסט איר, וואָס די שריפֿה פֿון נייעם נגידס שטאַל האָט פֿון מיר געמאַכט? אַ לעבן אָפּגעהאָרעוועט, ר׳ בערע... און אָט! — פֿאַנדרע אין אָסטראָג, שמענדריקע, להבדיל, פֿאַר זיבן קאַרבן פֿאַרקויפֿט... אַ קאַליקע געוואָרן... און איצטער... איצטער...

אויף אַזאַ קול ביי אַ מאַנסביל און באַלעגאָלע האָט זיך דעם מילנערס איידעם נישט געריכט. אויף אַזעלכע טענות, וואָס שמעקן אַ ביסל מיט ווייבערישע תחינות — אוודאי און אַוואַי נישט. האָט ער אַ קוק געטאָן אויף ר׳ סענדערן פֿון דער זייט און דערזען, אַז ס׳איז אין אים מער קיין זכר נישטאָ פֿון יענעם אייַנגעפֿונדעוועטן האָרעפּאַשנעם חסיד, פֿונעם עלטסטן אין באַלעגאָלישן צעך. עפּעס אַ שטעמפּל פֿון שלימזל און גע־פֿאַלנקייט איז אַצינד געלעגן אויף סענדערס אַרבעטסדיקער נאָז, אויף זיינע אויסגעמאָגערטע פּלייצעס אונטער דער ברייט־געוואָרענער דעליע. „ער וועט שוין לאַנג נישט ציען״... איז דעם מילנערס איידעם דורכגעלאָפֿן

אַ געדאַנקל אין פעטן קאָפּ. נאָר אָנשטאָט צו רעדן פּוסטע דבורים, האָט ער בעסער ר׳ סענדערן אָנגעגאָסן אַ פערטן קעלישאָק בראָנפן.

2

צוריק פון „אונטערבאַרג״ איז שוין ר׳ סענדער אַרויסגעפאָרן נאָר מיט איין שמאַרעוואַזן אין שפּאַן. אַציגד איז ער געפאָרן מיטן רוקן צום גרויסן ליים־באַרג און מיטן פּנים צום שמאָלן פּאַס ערד, וואָס ציט זיך צווישן דניעפּער און אָזערע. נאָר ס׳האָט זיך אים, ווי עס ווייזט אויס, נאָך אַלץ געדוכט, אַז דזשירקעליכע, די פאַרקויפטע קליאַטשע זיינע, לויפט נאָך, אויף אַ שטריקל אָנגעבונדן, הינטער דער בריטשקע און טענצלט־צו מיט אירע לייכטע פּאַדקאָוועס צום טאַקט פון די רעדער, ווי זי האָט צוגעטענצלט מיט אַ שעה צוריק... וואָרים סענדער האָט אַלע ווײַלע געכאַפּט אַ קוק אויף הינטן, און זיינע וואַסערדיק־בלויע אויגן האָבן דערביי אומרואיק געבלאַנדזשעט. צי האָט זיך אים דאָס געדוכט דערפאַר, ווייל ער האָט איפּן ניכטערן האַרצן גענומען אַ ביסל משקה?... צי דער איינטאָניקער געריש פון דער נאָענטער הרעבליע האָט ביי סענדערן אַרויס־גערופן אַזאַ אָפּקלאַנג אין מידן קאָפּ — ווער ווייסט? ביי ר׳ סענדערן, וועלכער איז אַלעמאָל געווען אַזוי צעזאַמענגעוואַקסן מיט זיינע סוסים, איז עס אוודאי געווען דער זעלבער געפיל פון אַ מענטשן, ביי וועלכן מען האָט, נישט פאַר קיין יידן געדאַכט, אַראָפּגענומען אַ פוס, און וואָס אַ שטיק צייט נאָך דער אָפּעראַציע „פילט״ ער נאָך אַלץ, ווי די אַראָפּגע־נומענע פוס „טוט וויי״, באַוועגט זיך, מאַכט מיט די פינגער...

ער האָט זיך אַזוי אַ פּאָר מאָל אומגעקוקט: אפשר אַ נס?... פאַרקויפט דאַכט זיך דזשירקעליכען, אַליין צוגעבונדן זי צום פרעמדן זאַשיק, און זי לויפט גאָר נאָך און שמייסט מיטן עק... מ׳קען אַזעלכע מעשיות!... אָנשטאָט זיין קלאַטשע, האָט ער אָבער גאָר געזען די טראָסטינעס אין אָזערע, וועלכע האָבן זיך שוין באַפרייט פון באַגינען־נעפּל, און בויגן זיך אַציגד פון אַ פרישן פרימאָרגנדיקן ווינטל, און מאַכן־נאָך דאָס טרוקענע שמייסן פון אַ פערדישן עק...

די טראָסטינעס און אייאיר האָבן סענדערן דערמאָנט אָן דער אומעטיקן רוף פון „וואַסער־אָקס״, ווען ער איז געפאָרן מיט דער קליאַטשע צום „אונטערבאַרג״. „בר־הר־או!״... האָט אים אימיצער גערופן פון די שליימיקע טיפעגישן אין דער אָזערע, פון דער מילכיקער פאַרע, וואָס

איז געשטאַנען איבערן אייאיר, און אַן אומעט אַן אַ נאָמען האָט אים ווידער פאַרקוועטשט דאָס האַרץ: „אַך, וואָס גיכער, וואָס גיכער זיין אינדערהיים!...

די גרויסע מעליקע מיל, מיט אירע שוואַרצע אָפענע טירן, האָט זיך ווידעראַמאָל אָנגערוקט; און איר שאָטן איז, ווי אַ כמאַרע, אָנגעגאַנגען אויף סענדערן און אויף זיין ברישקע. דער הילצערנער בריק איבער דער הרעבליע האָט ווידער אַ ברום געטאָן אונטער די געשמידטע רייפן פון די רעדער. דאָס גערויש פונעם וואַסער־פאַל אונטערן בריק האָט אַ רגע פאַרשלונגען סענדערן און זיינע נישט־פריילעכע מחשבות; און דער שמאָ־לער פאַס ערד, צווישן די צוויי שקלאָווער וואַסערן, האָט זיך אָנגעהויבן.

ערשט דאָ האָט ר׳ סענדער דערזען דאָס, וואָס ער האָט נישט באַ־מערקט פריער, פאַרנדיק צום „אונטערבאַרג״, ווען די באַגעגעניש מיט מאיר פענטען און מיט „שמענדריקען״ האָט אים אינגאַנצן צעטומלט. ער האָט אַצינד באַמערקט, אַז דער שמאָלער פאַס ערד, צווישן דניעפּער און אַזערע, איז עפּעס שמעלער געוואָרן. פון ביידע זייטן, אין ערדיקן זאַמד, זענען נאָך געווען צו דערקענען אויסגעשווענקטע משופּעדיקע לעכער, געבראָכענע טיפע זיג־זאַגן, ווי אַן אַלטער געפלאָכטענער פּלאַנקען. הערן האָט סענדער געהערט, אַז היינטיקן נאָך־פּסח, מיט עטלעכע וואָכן צוריק, איז געווען אַ שטאַרקער ג ע װ י ס ע ר, אַז די גרויסע מיל איז שטיין געבליבן און די קעסל־גרוב פון דניעפּער איז געווען פול מיט שטורעמדיקע שוואַרצע כוואַליעס און ווייסע קריעס. אַפילו די שטילע וואַסערן פון אַזערע האָבן זיך צעבושעוועט און אַריבערגעשפּריצט אין דניעפּער. מ׳האָט אַפילו מורא געהאַט די הרעבליע זאָל נישט אויפרייסן און דער פאַס ערד מיטן גאַנצן שטיק שליאַך זאָל נישט אָפּגעשווייבקט ווערן צווישן ביידע וואַסערן. נאָר ס׳איז אַריבער בשלום. דאָס וואַסער איז אָפּגעפאַלן, און דער וועג צום „אונטערבאַרג״ איז גאַנץ געבליבן. גאַנץ שטאָט איז געקומען זען גאָט וווּנדער. און חדר־יינגלעך זענען געלאָפן זען אַ אַנדייט פון מבול אין חומש... נאָר מחמת זיין שוואַכן געזונט און צרות זענען סענדערן אין קאָפּ נישט געלעגן אַזעלכע נאַרישקייטן. און אָט זעט ער נאָך אַצינד די סימנים וואָס די פאַרפלייצונג האָט דאָ איבערגעלאָזט. ווי מיט מוראדיק־גרויסע ציין האָט זי אויסגעפרעסן גאַנצע שטיקער ערד פון ביידע זייטן. אויף די ווערבעס זעט מען נאָך די בלאָטע פון ברודיקע כוואַליעס, וואָס האָבן געשלאָגן איבער די צעקעמטע ווייכע צווייגן...

אין דער פאַרע פון בראָנפן אויפן פוסטן מאָגן, האָבן ביי סענדערן אין קאָפּ געגומען שווימען פסוקים און טייטשן פון פרשה בראשית „וישכו

המים״... און די וואַסערן, הייסט דאָס, זענען שטיל געבליבן. פאַרשטאָפּט זענען געוואָרן די קוואַלן פון אָפּגרונט און די פענצטער פון הימל האָבן זיך געשלאָסן. און אָט בלאָזט שוין אַ ווינטל איבער די אָפּגעפּאַלענע וואַסערן, און ער, ר׳ סענדער, פּאָרט איינער אַליין מיט זיין פאַרדריפּעטער ברישקע... אין שפּאַן — איין איינציקער שמאַרעוואַז, איבערגעבליבן פון זיין גאַנצער באַלעבאַטישקייט, פון גאַנצע דריי פערד... איבערן גאַנץ־געבליבענעם פּאַסיק ערד, צווישן צוויי וואַסערן טוט ער פּאָרן. אַ נייער נח נאָך אַ שקלאָווער מבול...

„וישלח את היונה״... און נח האָט פון זיך געטאָן אַוועקשיקן די טויב צו זען, אויב די וואַסערן זענען גרינגער געוואָרן פונעם פּנים פון דער ערד... האָט די טויב... די טויב, הייסט דאָס, וועלכע טויב?... ווער וואָרקעט עס דאָ? ווער פאַרגייט זיך דאָס אין אַזאַ פּאַסקודנעם געלעכטערל?... אַ קול פון אַ טויב און מכשפה צוזאַמענגעמישט...

3

ער גיט זיך אַ קער, ר׳ סענדער, ערשט, ווי פון אונטער דער ערד, איז, לעבן זיין ברישקע, אויסגעוואַקסן חיה־שרה׳קע די משוגענע. זי גייט נאָך שמאַרעוואַזן מיט גיכע פאַרהאָוועטע טריט, מיט איר אייביקן פּעקעלע אין די אָרעמס — אַ נישט־כשר געבוירן קינד, וועלכן זי דערטרינקט דערנאָך אין אַ קאַריטע ביי אַ ברונעם, אָדער אַ פּעקעלע מיט שמאַטעס — פאַרבונדן ווי אַן עופעלע... דאָס יאָר האָט נאָך חיה־שרה׳קע נישט גע־בראַכט אויף דער וועלט איר יערלעכן ממזרל. דריקט זי דערווייל צום משוגענעם האַרצן איר פּעקל שמאַטעס און האָלובעט אים, לויפנדיק, ווי מען האָלובעט אַ לעבעדיקע זאַך. אירע בולטע און כיטרע אויגלעך מיט אַ מאָדנעם אומרייניקעם גלאַנץ טוקן זיך בשעת מעשה אין פּעטע הויט־זעקעלעך, שפּרינגען און צאַפּלען זיך ווי פישלעך אין אַ גאַנצן נעץ פון באַוועגלעכע לאַד־קנייטשלעך. סענדער האָט גלייך דערזען, אַז אַ משוגע־ברויזנדיק געלעכטערל קאָכט איר חיה־שרה׳קען. אָט־אָט פּלאַצט עס אַרויס פון אירע גראָבע תאוהדיקע ליפּן; נאָר זי האַלט זיך איין מיט אַלע כוחות. בלויז דער „שוים״ פון איר דערשטיקטן געלעכטערל שלאָגט איר דורך די אייפּגעבלאָזענע נאָזלעכער, איינטאָניק און דריבנע:

— הין—הין—הין...

אַ פאַרציטערטער איז סענדער געוואָרן. נישט־ווילנדיק האָט ער זיך

אַ ריב געטאָן די פֿאַרגאָסענע אויגן, אָפּגעווישט די זיסלעכע פּאַרע פֿון בראָנפֿן, די פֿאַרביקע שפּינוועבס פֿון „פּרשה בראשית"... פֿון וואַנען, אַ שטייגער, האָט זיך דאָ גענומען חיה־שׂרה׳קע אינמיטן דרינען? פֿון די טראָסטינעס, ביים ברעג אָזערע, אַרויסגעקראָכן? צי פֿון הינטערן מיל — ווו זי האָט געגעכטיקט מיט אויסוואָרפֿן?... אירע בראָרוועסע טריט זעגען דאָך ווייך, ווי ביי אַ קאַץ, הייגט ווי אַזוי זאָל מען הערן ווו און ווען זי איז אַרויסגעלאָפֿן אויפֿן שליאַך?... צי אפֿשר האָט זי זיך גאָר אָנגעהאָנגען הינטערן הויכן זיץ פֿון דער בריטשקע, אַזוי ווי שקצים חדר־ייִנגלעך טוען, און מיטאַמאָל איז זי דאָ אַראָפּגעשפּרונגען?... יאָ, יאָ, זיכערער ווי אַלץ איז, אַז שוין „אונטערבאַרג" האָט זיך זיך פֿאַרטאַיעט אויף דער הינטער־שטער אַקס־ברעט פֿון פֿאַיעטאָנדל און איז מיטגעפֿאָרן... נישט אומזיסט האָט ער עפּעס פֿריער געהערט אַן אָטעמען הינטערן פּלייצע...

אַ שווייס האָט ר׳ סענדערן אַרויסגעשלאָגן אונטער דער באַלעגאָלישער היטל. צי אַזוי, צי אַנדערש — וואָס איז די נפֿקא־מינה? קיין גוטס וועט חיה־שׂרה׳קע נישט אָנזאָגן, קיין גליק מיט איר געלעכטערל וועט זי נישט ברענגען. אַזוי איז געווען אינעם טאָג ווען מען האָט פֿאַנדרען אַרעסטירט און אויך דעמאָלט, ווען דער אַלטער מורה־הוראה האָט געגוססט...

אָנגעשראָקן ווי ר׳ סענדער איז געווען פֿון דער בייזער באַגעגעניש מיט שמענדריקעו, פֿון די מאָדנע שטימען אין אייאיר, קלאָגנדיקע רופֿן פֿון „וואַסער־אָקס", פֿון שאָטנס און שאָרכן, וואָס זענען פֿון פֿרי־אָן געשוווּ־מען אויף אים פֿון אַלע זייטן, אויפֿן פֿאַרכשופֿטן פּאַס ערד, צווישן די צוויי וואַסערן, — האָט אים דאָס באָרוועסע אַרויסשפּרינגען פֿון חיה־שׂרה׳־קען דער משוגענער מיט איר געלעכטערל אינגאַנצן דערשיטערט. מיט אַ באַהאַלטענער אימת־מות האָט ר׳ סענדער אַ צי געטאָן די לינקע לייצע, געוואָלט אַ נעם־טאָן אָן דער זייט, כּדי וואָס גיכער אויסצומיידן די נישט־גוטע נאָענטקייט פֿון דער משוגענער. ער האָט אָבער שלעכט אויסגערעכנט זיין באַוועגונג. זיין לייכטע שכּרות, אויפֿן ניכטערן האַרצן, האָט געמאַכט שטרויכלען זיין געניטן אָרעם. צר־שמאָל איז געווען דער אונטערגעשווענק־טער פּאַס ערד פֿאַר אַזאַ פּלוצלעכן קער. מיט איין פֿאָדערשטע פֿאָדקאָווע האָט זיך „שמאַרעוואָז" אַ גליטש געטאָן פֿון ברעג אָזערע, און באַלד אַ כאַפּ־געטאָן צו זיך די צווייטע פֿוס, כּדי צו האַלטן גלייכגעוויכט. און דאָ האָט ער דערזען, גאָר נאָענט צו זיינע פֿערדישע אויגן, דעם רואיקן פֿאַרטאַיעטן, כלומרשט פֿרידלעך־שמייכלדיקן פֿלאַך פֿון וואַסער.

שמאַרעוואָז האָט אַזש אַ הירזשע־געטאָן פֿון פֿאַרגעניגן און אַ צי־

געטאָן דעם אויסגעבויגענעם שטאַרקן האַלדז צום אָפענעם טרונק. אין איילעניש און כאַפּעניש און גערייצטקייט אַ גאַנצן פרימאָרגן האָט אים דער באַלעבאָס נישט אָנגעפּאַיעט. לעבן מיל, „אונטערבאַרג״, האָט ער זיך שוין היינט איינמאָל געריסן צום וואַסער און דער באַלעבאָס האָט נישט דערלאָזן... האָט ער דאָס מאָל אָנגענומען סענדערס נישט־געלונגענעם צי מיט דער לייצע פאַר אַ צייכן, אַז דער באַלעבאָס האָט זיך דערמאָנט אָן אים און דערלויבט אים אַצינד צו טרינקען פון אָזערע מיטן פולן מויל. אין נישט קלערנדיק קיין סך האָט ער זיך נאָך שטאַרקער אַ ריס־געטאָן אַראָפּ דעם הלייאיקן משופּעדיקן ברעג אַזוי, אַז ר׳ סענדער האָט פאַרלאָרן די אויבערהאַנט איבער די לייצעס, און דערזען פאַר זיך נאָר דעם קיילעכ־דיקן, מוראדיק־אויסגעוואַקסענעם פערדישן הינטן. דעם פערדס קאָפּ און אויערן זענען עפּעס ווי אַריינגעפאַלן אין דער קרומקייט פון ברעג.

— ביסט שכור... ביסט משוגע!... — האָט ר׳ סענדער געמורמלט צו זיך אַליין און געכאַפּט ציען אויף צוריק. נאָר ס׳איז שוין געווען צו שפּעט. שמאַרעוואַז האָט זיך עקשנותדיק געררוקט אין צעווייקטן ליים, געצויגן זיך צום וואַסער מיט אָנגעבלאָזענע נאָזלעכער און מיט פלאַטערדיקע פאַר־שפּיצטע ליפּן. די אויערן האָט ער דערביי מיט אַ פערדישער בייזקייט צוגעדריקט צום פאַטילניצע. מיט דעם האָט ער סענדערן געוואָלט געבן צו פאַרשטיין:

— חרטה, באַלעבאָס, גייט ביי מיר נישט אָן!...

האָט ר׳ סענדער, נאָך האַסטיקער, געפּרוווט אַ ריס־טאָן די ביידע לייצעס און דערפילט אַ שניידנדיקן ווייטיק אונטערן גאַרטל. ביז די שלייפן איז דער ווייטיק דערגאַנגען. די לעצטע צייט האָט זיין אַלטער פּעלער דערלאָזן אַן אָנשטרענגונג נאָר ביז אַ געוויסן גראַד.

— ס׳אַ סכנה! — האָט סענדערס האַרץ אַ צאַפּל־געטאָן, — דאָ, אינמיטן דער ברייט פון אָזערע, האָט ער קיינמאָל זיינעם אַ פערד נישט געפּאָיעט. סיידן ביים אַריינפאָר צום „אונטערבאַרג״, אָדער ביים אַרויס־פאָר — צום שטאָט, ווו דער ברעג איז פלאַך און זאַמדיק. אין קלעם פון ווייטיק און געפאַר איז ער געבליבן זיצן אַ פאַרגליווערטער. דער גאַנצער געשפּאַן האָט זיך דורך שמאַרעוואַזס אַראָפּגליטשן, ווי איבערגעבראָכן אינמיטן. און אויפן סאַמע שפּיץ פון איבערברוך — אויף דער קעלניע — ר׳ סענדער מיט די איינגעקלעמטע הענט אין ביידע לייצעס. ער האָט גערעכנט, אַז שמאַרעוואַז, זיין איבערגעגעבענער פּירפיסיקער פריינט, וועט זיך גלייך אַרומזען און וועט נאָכגעבן. אָבער דעם פערדס דורשט איז

אַצינד געוועזן שטאַרקער פון יעדן שכל־הישר און פּאַר סענדערס הענט — אוודאי און אַוודאי. די אָדערן פון בויך האָט ער זיין באַלעבאָס געצויגן.
האָט זיך סע:דער גענומען בעטן ביי אים:
— פּאַוואָליע, שמאַרעוואָז! איך האָב צו דיר קיין כוח נישט...
און ווי ער קווענקלט דאָ אַזוי: צי פאַרלאָזן זיך אויפן פערדס געזונטן חוש און לאָזן אים אָנטרינקען זיך, צי נויטן אים אויסצוקירעווען זיך, און ווי־נישט־איז אַרויס פון ליימיקן אָפּריס אויפן שמאָלן שליאַך, — ערשט חיה־שרה׳קע האָט זיך צעכאַכאָטשעט... איר פּאַסקודנער געלעכטערל, וועל־כער האָט זיך ב״ז אַהער קוים־קוים אָנגעהערט, אין די נאָזלעכער געפּאָנ־פּעט ביי איר, האָט פּלוצלונג אַרויסגעפּלאַצט און צעשאָטן זיך הינטער סענדערס פּלייצע, ווי ווערימדיקע אַרבעס אין אַ מעדניצע:
— כהי־כהי־כהי — כע־כע־כע...
ווען אַ בייזער לץ וואָלט פּלוצלונג, אינמיטן שמונה־עשרה, צעבראָכן איבער סענדערס פּאַטילניצע אַ גרויסן פּוסטן טאָפּ, וואָלט ר׳ סענדער אַזוי נישט אויפגעציטערט געוואָרן ווי אַצינד, אין זיין גייסטיקער און קערפּער־לעכער אָנשטרענגונג. נישט־ווילנדיק האָבן זיך אים די אָרעמס אָפּגעלאָזן, דער קאָפּ האָט זיך האַסטיק אומגעדרייט און דער ציטערנדיקער מויל האָט זיך צעשריען:
— אַווע־עק .. צו אַלדי קאַדיק!... משו־וגענע דו!...
אָבער חיה־שרה׳קע האָט פּונקט ווי געוואַרט אויף אַזאַ קללה. וואָרים נישט קלערנדיק קיין איין־איינציקע רגעלע האָט זי גלייך אָפּגעענטפערט מיט אַלטן זמרל, מיט איר אַלטע בענקעניש נאָך איר פאַמיליע־גליק, ווען זי איז נאָך נישט געוועזן משוגע, ביי זוסיע דעם מילכיקן אין שטוב:
— פאַר די מאַסלינקע און ברינדזע.
דאָ, אויכעט דאָ!
די רגע פון סענדערס אָפּהענטיקייט האָט שמאַרעוואָז אויסגענוצט נאָך ברייטער. און מיט זיין פערדישער איינגעשפּאַרטקייט און דורשט געמאַכט נאָך אַ פּאָר טריטלעך. דאָס מאָל שוין אין וואַסער, איבערן קליי־איקן אונטערגעשווענקטן גרונט פון אָזערע.
און מיט איינמאָל האָט זיך די גאַנצע בריטשקע אַ האַטשקע־געטאָן, אַזוי, אַז ר׳ סענדער איז שיעור נישט אַראָפּגעפאַלן פון קעלניע איבערן פערדס רוקן. נאָר ער האָט זיך דערכאַפּט מיט ביידע הענט אָן די אויס־געריבענע אייזנס פון זיין זיץ, און זיינע אויפגעריסענע אויגן האָבן נאָך פּאַספּעיעט צו זעז, אַז שמאַרעוואָז מיט זיין גאַנצער פאָדערשטער טייל פון

גוף האָט זיך שווער אַ פּליוך געטאָן אין עפּעס אַ שליימיקער קויטיקער מאַסע, אָן אַ שום האַלט, ווי אין אַ ברודנער פּעטשאַ אַריין. „בר־הו", האָט דער שליימיקער הליי אַ זיפּץ־געטאָן, ווי פון אַ בויך־אַרויס; ווי פריער מיט אַ שעה — דער „וואַסער־אָקס" אין די טראָסטינעס... נאָר אַ סך טיפער און משונהדיקער האָט דער שליים אַצינד אַן אָכצע געטאָן, און פאַרגאָסן דעם פערד ביז איבער די אויגן און די בריטשקע ביז איבער די פאָדערשטע ר'עדער. אינעם געווירבל פון שוים און שרעק און בלאָטע האָט זיך נאָך אַריינגעמישט חיה־שרה'קעס שטעכעדיקער ניגונדל, ווי אַ גלעקל צום ברום פון אַ קעסל־פּויק; געצויגן, ווי אַ מתים־מאַרש, האָט ער יעצט געקלונגען:

„ניטשיינע" האָב איך אַ קוק־געטאָן
דאָ, אויכעט דאָ;
נאָך דעם פערד און נאָך דער בריטשקע —
דאָ... טאַקע דאָ!...

4

ערשט דאָ האָט זיך שמאַרעוואַז געכאַפּט, אַז ער האָט זיך צופיל פאַר־לאָזן אויף זיין פערדישן שכל און אויף זיין בהמה'שן חוש. דער באַלעבאָס, וואָס האָט אַזוי כעסדיק געצויגן די לייצעס — איז געווען גערעכט.

האָט ער אַר־יסגעוואָרפן די מאָרדע זיינע איבערן וואַסער, כדי צו כאַפּן לופט און מיט די שטאַרקע הינטערשטע ליטקעס גענומען אַרבעטן אויף צוריק. געוואָלט אָנטאָפּן אַן אָנהאַלט אין משופּעדיקן ווייכן ליים און נישט געקענט. דער שליימיקער גרונט האָט זיך אַוועקגעגליטשט פון אונטער זיינע ברייטע פאָדקאָוועס. דאָס גאַנצע געוויכט פון דער בריטשקע און פון סענדערס שווערן גוף, אויף דער קעלניע, האָבן אַצינד געדריקט מיט אַן אומברחמנותדיקער קראַפט אויף די רימענע פאַסן אונטערן כאָ־מעט. אָט־אָט ברעכט דאָס אים איבער דעם לאַנגן, אָנגעשטרענגטן קאַרק. נאָר איין מינוטקעלע איז ער נאָך געווען בכוח צו האַלטן דעם קאָפּ מיט די אַרויסגעקראָכענע אויגן איבערן וואַסער. אַ מינוט שפּעטער האָט ער שוין ווידער געמוזט אַראָפּלאָזן די מאָרדע אונטערן שליים. ער איז געווען געצווונגען אָפּצוטונקען זיך ביז איבער די אויערן און לאָזן „בולבעצ־קעס", און באַלד ווידער אַרויפגעוואָרפן די נאָזלעכער מיט אַ מיאומהדיקן הירזש און מיט אַ כראָפּ און מיט אַ הוסט — אַלץ אויסגעמישט צוזאַמען. אויף פּשוטן פערדישן לשון האָט דאָס שוין געהייסן:

— גערואַלד, באַלעבאָס! איך ׳טרינק זיך...

אַ קאַלטער שווייס האָט סענדערן אַרויסגעשלאָגן איבערן גאַנצן לייב. דאָס האָט אַרויסגעפּרעסט דער זעלבער טויט־שרעק, ווי אַמאָל אין וואַלד, בשעת די וועלף זענען באַפאַלן אים און פאַנדרען... די לעצטע פּאַרע פון די פיר קעלישקעס בראַנפן אויפן ניכטערן מאָגן, האָט זיך אויסגעוועפּט. די מורא פאַר חיה־שרה׳קעס געזאַנגעלע איז אויך פאַרשוווּנדן געוואָרן. נישט געווען אַצינד קיין אָרט פאַר אַזעלכע איידעלע שרעקן. די גראָבע חיהשע אימה פאַרן טויט האָט אַלץ אַוועקגעשטופּט. מענטש און פערד האָבן אַצינד קראַמפּהאַפטיק פאַראייניקט זייערע כחות, כדי אַרויסצוקריכן פון ליימיקן אָפּגרונט. שמאַרעוואַז האָט זיך שנאַרכענדיק נאָכאַמאָל אַ וואָרף געטאָן אויף די הינטערשטע פיס און ר׳ סענדער האָט גלייכ־צייטיק שאַרף פאַרצויגן די לייצעס אויף הינטן, איבערגעוואָרפן זיין געוויכט אויף אַן אַנדער פונקט, כדי צו דערלייכטערן שמאַרעוואָזן זיין מוראדיקע אָנשטרענגונג. נאָר אָנשטאָט צו דערטאַפּן אַ האַלט אין שליים און אַ רוק טאָן זיך אויף צוריק, האָט די גאַנצע בריטשקע אַ שווים געטאָן פאָראויס, אַזוי לייכט און אומבאַהאָלפן, ווי אַ שטיקל פּראָבקע־האָלץ. און שמאַרעוואָזס פאָדקאָוועס האָבן פאַרלוירן יעדע באַרירונג מיטן ליימיקן גרונט. פונעם פאַרצווייפלטן צאַפּל האָט ער זיך נאָך ווייטער און טיפער אַראָפּגעגליטשט, נאָכשלעפּנדיק נאָך זיך דעם גאַנצן געשפּאַן.

אַצינד איז שוין דער פערד געזונקען מיט דער גאַנצער לענג פון רוקן און האַלדז, וואַרפנדיק מיטן קאָפּ און גריוע אויף „ניין, ניין, ניין״... און כאָרכלענדיק מיט ראָפּע און בלאָטיקן שוים אינעם שליימיקן כף־הקלע. אַפנים די אונטער־געשוווּנקטע, ממזרשע גרוב, וואָס איז דאָ איבערגעבליבן נאָך דעם גרויסן „געוויסער״, האָט ערשט איצטער צעעפנט איר קוויטיקן פּיסק און, ווערגנדיק זיך פון זשעדנעקייט, גענומען שלינגען דעם גאַנצן געשפּאַן.

סענדער האָט דייטלעך פאַרנומען, מיט דעם אונטערשטן טייל פון זיין גוף, ווי שמאַרעוואָז פויקט, ווי פון זינען אַראָפּ, מיט ביידע הינטערשטע פאָדקאָוועס, אין דעם אויסגעבויגענעם פאַרנט פון קעלניע אונטער אים, און דערשיטערט זיין לעצטן אָנהאַלט איבערן וואַסער. גלייכצייטיק האָט ר׳ סענדער דערשפּירט אַ שאַרפע קעלט אין די קני. ער גיט אַ קוק, — דער ברודיקער תהום האָט שוין פאַרגאָסן די גאַנצע אויסהילונג פון דער בריטשקע, דעם הינטערשטן וויכן זיץ. ער אַליין זיצט נאָך כלומרשט אויף דער קעלניע. אָבער זיין זיץ האָט שוין פאַרלאָרן זיין האַרטקייט,

זיין ממשות. נאָר די גרויסע פּאָלעס פֿון זיין באַלעגאַלישער דעליע האָבן זיך אָנגעבלאָזן פֿון ביידע זייטן, ווי צוויי נאַסע פֿענכערס, און האַלטן אים נאָך קוים־קוים. בולבעסלעך און שוואַרצער שוים שפּרינגען פֿון אונטער די פּאָלעס. און שמאַרעוואַז, האַלב־דערשטיקט, קעמפּט שוין אונטערן וואַסער אָן אַ שום זין און אָן אַ שום האָפֿענונג. און די שאַרפֿע קעלט שטייגט דערווייליע, אָט איז זי דערגאַנגען ביזן גאַרטל, אָט — ביז איבער די עלנבויגנס, ביז די פּאַכוועס... און די שליימיקע גרוב ציט נאָך און ציט, פֿאַרזויגט...

— ראַ־טע־ווע־וועט! — האָט זיך ביי סענדערן אַרויסגעריסן אַ ברייטענדיקער געשריי. ער האָט מער זיין אייגענעם קול נישט דערקענט.

נישט געווען אָבער ווער עס זאָל ראַטעווען. פּוסט און וויסט איז געווען דער פּאַס ערד צווישן די צוויי וואַסערן. קיין גויעשקע פּורל, קיין ייד אויף אַ רפואה. מאַרק־טאָג איז היינט נישט געווען און צו פֿרי איז נאָך אויך געווען. און דאָס גאַנצע געשעעניש האָט זיך אָפּגעשפּילט אויפֿן שטילסטן פּונקט, צווישן שטאָט און „אונטערבאַרג״. נאָר איין חיה־שרה׳קע די משוגענע האָט אונטערגעכאַפּט דעם ברילענדיקן געשריי און דריבנע, מיט אַ זלידנעם נעלעכטערל, אָפּגעענטפֿערט:

„ניטשיינע״ האָב איך זיך אויסגעגליטשט
דאָ, אויכעט דאָ!
אָכן פֿערד און נאָכן וואָגן — —

5

מער האָט סענדער קלאָר נישט געהערט, ווייל די אויערן זענען אים פֿאַרגאָסן געוואָרן מיט ברודיקע וואַסער. זיינע אויגן האָבן נאָר געזען, ווי זיין גרוי־געלבע באָרד איז אַרויפֿגעשווומען פֿון ברוסט און געלייגט זיך פֿלאַך אונטערן נאָז, ווי אַ בינטל פֿאַרוועלקטע וואַסער־פֿלאַנצן; און מיטן גוף האָט ער געפֿילט, אַז אונטער אים, צווישן די פֿאַרטרונקענע האָלאָבליעס, וואַרפֿט זיך אַ גאַנצע מאַסע פֿון לעבעדיקן פֿלייש, ווי געבונדענע חזירים אין אַ נאַסן זאַק. און איין פֿאַדקאָווע פֿויקט נאָך קוים־קוים אין קעלניע, אונטערן וואַסער. מער פֿון קאָנוווּלסן, ווי פֿון זינען.

— איך טרינק זיך!... — האָט אין סענדערן נאָכאַמאָל העל אויפֿגעפֿלאַקערט דאָס באַוווסטזיין, ווי אַ ליכט, ווען זי האַלט ביים אויסלעשן זיך. מיט דער לעצטער קראַפֿט פֿון זיין ווילן, האָט ער אונטערן וואַסער אַ וויקל־

געטאָן די אָפּגעלאָזענע לייצעס אַרום די דלאָניעס, און קראַמפּהאַפּטיק, מיט דעם גאַנצן געוויכט פון קאָפּ און אויבערשטן האַלבן גוף, אַ וואָרף געטאָן זיך אויף הינטן. ס'האָט געזאָלט זיין די לעצטע און שטאַרקסטע הילף שמאַרעוואָז אַרויסצוראַטעווען זיך פון גרוב מיטן באַלעבאָס צוזאַמען.

דעם פערדס פאַרבלאָטיקטע אויערן האָבן זיך נאָר איין רגע באַוויזן איבערן וואַסער און באַלד צוריק אַראָפּגעזונקען. פון דער פאַרצווייפלטער האַסטיקייט, מיט וועלכער סענדער האָט אַ ריס געטאָן דעם שפּאַן, האָט ער נאָר דערשפּירט, אַז זיין אַלטער פּעלער אונטערן גאַרטל האָט זיך געגעבן אַ טרען־אויף, ווי אַ יאָרן־לאַנג געוואַשענע העמד. אַ ווייטיק, ווי אַ צעראַצטער קיך־מעסער האָט אים דעם לייב אויפגעטרענט, און אַלע מוסקולן פון בויך האָבן צוזאַמענגעבראָכן. נאָר דריי מאָל אין לעבן האָט סענדער איבערגעלעבט אַזאַ שמערץ: צום ערשטן מאָל — בשעתן אָנרייסן זיך אויף דעם אָרשער שליאַך; צום צווייטן מאָל — יום־כיפור בשעת פּייוקע, אוריס מזיק, האָט אים געגעבן אַ טערעבענץ מיטן קאָריק פון שטיוול, אויף הינטן, און אַצינד — צום דריטן מאָל... נאָר אַצינד איז עס געווען שמערצלעכער און שרעקלעכער וויביידע מאָל פון פריער. אַלע פריערדיקע ווייטיקן האָבן זיך פאַראייניקט און אַרויסגעשטויסן זיינע געדערים, ווי אין אַ טיפן זאַק אַריין.

פון אַזאַ איבערנאַטירלעכער שמערץ האָט אים פאַרשווינדלט אין קאָפּ. און אַזוי ווי ער האָט זיך אַ וואָרף־געטאָן מיטן רוקן איבער דער קעלניע, אַזוי איז ער שוין געבליבן ליגן. די הענט זענען שווער, ווי בליי, אַראָפּ־געפאַלן פון ביידע זייטן. נאָר די אָנגעוויקלטע לייצעס האָבן זיי נאָך אַ ביסל אויפגעהאַלטן. פונעם אַנידערפאַל און זינקען פון אַזאַ שווערן קערפּער, האָט די שליימיקע גרוב נאָכאַמאָל אַ קרעכץ־געטאָן. „בור־הור" האָט זי סאָפּענדיק אַ שליקעכץ געטאָן פון אַזאַ צווייטן צו־גרויסן ביסן — אַ גאַנצן באַלעגאָלע מיט צוויי אָנגעבלאָזענע נאַסע פּאָלעס פון זיין דעליע. — ענדלעך האָט מיט אַ שעה צוריק געקרעכצט דער וואַסער־אָקס אין אייאיר, סענדערס בייזער נביא, אין די פאַרנעפּלטע טראָסטינעס...

...פון ערגעץ־ווו, מיט וואַסער־בולבעסלעך צוזאַמען, זענען אַרויסגע־שווומען אַ פּאָר אויגן מיט געלב־בלויע פאַרטעכלעך איבער זיי. ער וואָלט געמעגט שווערן, אַז דאָס זענען דעם מורא־הוראהס אויגן בשעת דער גסיסה. נאָר בולטער זענען אַצינד די אויגן. ווי ביי אַ גרויסער זשאַבע קריכן זיי אַרויס פון וועקסענעם געזיכט, און זיין קול — אַ מאָדנער, אַ היילכיק־פוסטער, ווי ביי אַ וואַסער־אָקס אין זומפּ, רופט אים צום טויטן־בעט:

— סענ־דע־ער, בר־הו־או־או!

— רבינין, — האָט זיך סענדער געגומען בעטן — אַ לעבן אָפּגעהאָ־רעוועט... איך קען נישט... רב־רב —

נאָר אָנשטאָט ענדיקן, אָנשטאָט זאָגן, אַז ער קען צום רבינס בעט נאָענט נישט צוגיין, האָט גאָר דער מויל געמאַכט בול־בול, בול־בול. און אַ מגושמדיקע מאַסע האָט אים פֿאַרכליאָבעט.

אָנשטאָט אים האָט גאָר דער מורא־הוראה פֿאַרענדיקט, פֿריילעך אי־בערגעקרומט ווי אַ קונדס:

— סע־ענ־דע־ער! בול־בול־בול־בול...

פֿון דעם מורא־הוראהס שטיפֿעריי איז עפּעס מיטאַמאָל געוואָרן לייכט אויפֿן האַרצן און זיכערער איז געוואָרן.. נו? צוליב וואָס גערדאַרפֿט אַזוי שרעקן זיך?... שמענדריקע, פֿאַנדרע, די וואָלפֿיכע אין וואַלד, חיה־שרה׳קע, שמאַרעוואָז, מערע די טראָגעדיקע טאָכטער זיינע — אַלע שטיפֿן־מיט און בלעזלען מיט די ליפּן... איינער מאַכט בול־בול און פּלאַצט ווי אַ פּענכער און דער צווייטער שווימט אַרויף — — — — — — — — — — — — —

5

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך חיה־שרה׳קע די משוגענע אַרויסגעלאָזט איבערן „אונטערבאַרג" מיט אַ שפּאָגל נייעם געזאַנגעלע, וואָס זאָגט, על־פּי שטייגער, קיין גוטס נישט אָן...

שוין שפּאַנענדיק, מיט די באָרוועסע פֿיס, איבער דער הרעבליע, לעבן מיל, האָט זי געוויגט אין די אָרעמס איר פּעקעלע שמאַטעס און געצויגן די נשמה מיט איר איינגעגעסענער בענקשאַפֿט נאָך זוסיע דעם מילכיקן — איר געוועזענעם מאַן, בשעת זי איז נאָך געווען קלאָר:

פֿאַר די קעז און פֿאַר די פּוטער —
דאָ, אויכעט דאָ!
פֿאַר די גאָמולקעס און ברינדזע —
דאָ, טאַקע דאָ!...

און, אַרײַנשפּרײַזנדיק צווישן די הייזער פֿון „אונטערבאַרג" האָט זיך שוין איר לידל פֿאַרנומען אויף דער געשעעניש פֿון היינטיקן טאָג:

„ניטשיינע האָט ער זיך אויסגעגליטשט
דאָ, אויכעט דאָ!
ואָכן פֿערד און נאָכן „סענדער" —
אונדז צו לאַנגע יאָר!...

דאָ האָבן זיך נייגעריקע קעפּ אַרויסגערוקט פון די פענצטער, און דער גאַנצער „אונטערבאַרג״ האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז מיט ר׳ סענדערן האָט זיך עפּעס געטראָפן.

— חיה־שרה׳קע, חיה־שרה׳קע! — האָט מען איר פון די פענצטער נאָכגעשריגן, — וועלכער סענדער? ווו סענדער?

נאָר חיה־שרה׳קע ווער דען ענטפערן? זי האָט נאָר צוגעזונגען אַלע־גאָריש, ווי אַ הייזעריקער, כיכענדיקער „אָראַקעל״:

וישט קיין כאָמעט, נישט קיין בריטשקע
אָ, אויכעט דאָ!

האָבן זיך אונטערבאַרגער יידן אַ לאָז־געטאָן צו דער אָזערע. בערע דעם מילנערס איידעם, וואָס האָט אָקאָרשט אָפּגעקויפט „דזשירקעליכען״, איז געלאָפן דער ערשטער מיט אַ לאַנגער הראַבליע אין האַנט.

אַ צוואַנציק קלאַפטער נאָך דער הרעבליע, ביים מיטן אויסגוס פון דער אָזערע, האָט מען געפונען אַ צערודערטן שטיק וואַסער און איבערן אויפגעשווומענעם שליים און גרונט־פּוילעניש — אַ גרוי־גרינע, נאַסע און אָנגעבלאָזענע פּאָלע פון ר׳ סענדערס באַלעגאָלישער דעליע. ווי אַ ריזיקער געשוויר האָט זי זיך קוים־קוים געוויגט איבערן בלאָטיקן וואַסער — סענדערס אַרויפגעשווומענער, לעצטער ווייטיק.

דער משפט

1

אַ האַלבן טאָג האָבן יידן פון „אונטערבאַרג״ געאַרבעט מיט האַבליעס, מיט שטריק און מיט דראָנגעס, און נישט געקענט אַרויסציען, פון דער שליימיקער גרוב, דעם דערטרונקענעם באַלעגאָלע מיט זיין פערד. קיינער האָט נישט געגלויבט, אַז די שטילע, תמעוואַטע אָזערע איז בכוח אויסצושווענקען אַזאַ טיפע און ענגע גרוב,ביים סאַמע ברעג. ווי אַ מויז אין אַ קלעם־פּאַסטקע איז אַהין אַריינגעפאַלן ר׳ סענדער מיט זיין „שמאַרע־וואָזן״ צוזאַמען. און ס׳איז נישט מעגלעך געווען צו רירן זיי פון אָרט.

ערשט שפּעטער, נאָך וואַרמעס, ווען עס זענען אָנגעפאָרן אַלע באַלע־גאָלעס פון צעך און אַלע פּאָזשאַרניקעס מיט די כלים פון שטאָט, האָט מען זיי אַרויסגעשלעפּט.

דער חזן פון חברה־לויה, אַ פינצטערער ייד מיט כמורנע קאַטאָ־וועסלעך, האָט אויף דערטרונקענע, אויף מענטש און פערד, להבדיל, געזאָגט אַזאַ פּסוק: „הנאהבים והנעימים... די פאַרליבטע און די טייערע אין זייער לעבן און טויט האָבן זיי זיך נישט צעשיידט...״ און ס׳איז אין דעם געווען אַ שטיק אמת. וואָרים סענדער איז געווען אַזוי פאַרפלאָנטערט מיטן גאַנצן געשפּאַן, אַזוי פאַרגאָסן און צוזאַמענגעקלעפּט מיטן ליימיקן שליים, אַז מען האָט זיי געמוזט אַרויסציען אינאיינעם.

ווען מען האָט מיט דער פּאָזשאַרנער קישקע אַ ביסל אָפּגעשווענקט די מוראדיקע קויטיקע מאַסע, וואָס האָט פריער אויסגעזען ווי אַן אויסגע־גראָבענע סטראַשידלע פון דור המבול, האָט מען דערזען סענדערן מיטן געזעס אויף דער קעלניע און מיט די שפּיצן שטיוול פאַרקלעמט צווישן די האָלאָבליעס. מיטן קאָפּ איז ער געווען פאַרוואָרפן אויף הינטן אין דער

אויסהוילונג פון בריטשקע, צופוסן פון ווייכן, צעראַטענעם זיץ, און אינ־גאַנצן אויסגעבויגן ווי אַ בייגל. די אויסגעהאָרעוועטע הענט זענען געווען פאַרקראַמפּט און אַרומגעוויקלט מיט די לייצעס פון פערד און דער אָפענער מויל — פאַרשטאָפּט מיט שוואַרצער בלאָטע. אַזוי האָט ער צום לעצטן מאָל, ווייזט אויס, אַ ריס־געטאָן דעם פערד, כדי אַרויסצוראַטעווען אים, זיך איבערגעבויגן און מער נישט געקענט זיך אויסגלייכן... אַזוי איז ער דערטרונקען און פאַרגליווערט געוואָרן.

— נישט אַנדערש, — האָבן ווייבער גיזאָגט, — אַז שוין דעם פאַר־געגאַנגענעם יום־כיפור איז אויף אים נגזר געוואָרן אַזוי, ווי אין מחזור שטייט: „מי באש ומי במים”... ווער מיט פייער און ווער מיט וואַסער... דער שטן אַליין האָט אים אין אָזערע אַ גרוב געגראָבן און פאַרטאַיעט זיך... דאָס געוויסער, ערב־פּסח, האָט די גרוב מיט שיטערן ליים פאַרדעקט. און ערשט היינט, אין אַ בייזער שעה, האָט דער נישט־גוטער פאַרמאַניעט דעם קרבן: קום, קום, פערדעלע, טרינק זיך אָן!...

און אַלטע חסידים פון ליובאַוויטשער בית־מדרש, ווו סענדער, עליו השלום, האָט געדאַוונט, האָבן געגומען זוכן און נישטערן, פאַרוואָס קומט אַ פרומען באַלעגאָלע אַזאַ שטראָף? און האָבן נישט געפונען. סיידן... דערפאַר אפשר, וואָס בשעת דער פטירה פון אַלטן מורה־הוראה, שוין נאָכן וידוי, האָט זיך ר׳ סענדער צו־גראָב אַריינגעריסן אין „מעבר יבק *) אַריין... מיט די באַלעגאָלישע שטיוול אַריינגעשפּאַנט אין קדשי־קדשים פון לעצטן אָטעם... די מיתת נשיקה *) געשטערט... אויפגעמאַכט די געשלאָ־סענע אויגן, וואָס זענען שוין די אויבערשטע וועלטן, מיט געוואַלד... געצוואונגען א י ם עליו השלום, אָנקוקן נאָכאַמאָל די זינדיקע וועלט... איז אָט... נישט פּאַר קיינעם געדאַכט — כרת־יאָרן...

נאָר אין באַלעגאָלישן צעך האָט קושקע־בראַנד דער פרעסער, דער אַלטער קאָנקורענט פון סענדערס הויז, דערקלערט דעם סוד פון סענדערס אומקום גאָר אַנדערש. דערציילט האָט ער, אַז ער האָט מיט זיינע אייגענע אויערן געהערט פון יאָשע קאָזיאָל, פון זיין אייגענעם טאַטן הייסט דאָס, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, אַז סענדער פאַרדאָן האָט מיט זימלען

---

* „מעבר יבק” — הייסט די גאַנצע פּראָצעדור אַרום אַ גוסס און אַרום אַ געשטאָר־בענעם. פאַראַן אויך אַ ספר מיטן זעלבן נאָמען.

---

* מיתת נשיקה” — אַ טויט דורך גאָטס קוש, פון וועלכן עס שטאַרבן אַלע הייליקע.

זיין טאַטן... יאָ, אַז זייביידע האָבן נישט מער און נישט ווייניקער, ווי דערהרגעט אַ מענטשן אין וואַלד... דערציילט האָבן זיי אַפילו, אַז זיי האָבן נאָר אָנגעבראָכן דיביינער אַ מיאוסן גוי... זיי האָבן אין אים, כלומרשט, דערקענט איינעם פון די פיר גזלנים, וועלכע זענען אַמאָל אָנגעפאַלן אויף דער פּאָטשט, וועלכע זימעל האָט געפירט דורכן אָרשער וואַלד... האָבן זיי אים, הייסט דאָס, דערטאָפּט און צעבלוטיקט: נאָ דיר פאַר דער צעשניטענער בויד! און נאָ דיר פאַר אַברהמלען דעם שמייסער, וואָס איר האָט דערשטאָכן!... נאָר אין דער אמתן האָבן זיי דעם ערל געשאָכטן ווי אַ חזיר, צווישן געדיכטע יאָדלעס, פינף וויאָרסט פון שליאַך, באַגראָבן און פאַרדעקט מיט מאָך... איז אָט! בלוט רעכנט זיך...

נאָר ווער איז דאָס מחויב גלויבן, דרייסיק יאָר שפּעטער, אין אַזעלכע באָבע־מעשיות?... ס'האָט טאַקע געהאַלטן דערביי, אַז קושקע־בראַנד זאָל פאַר אַזאַ דרשה קריגן מיט אַ שטיק צעבראָכענעם כאָמעט איבערן קאָפּ... מ'האָט זיך אָבער אין צעך דערמאָנט, אַז ס'איז דאָ אַ נאָענטערער מענטש אָפּצורעכענען זיך מיט קושקען. פאַנדרע — הייסט דער נאָענטער. נאָר דערווייל זיצט ער אין אָסטראָג... האָט מען זיך דערפאַר צוריקגעהאַלטן און גערעדט צו קושקען אַזוי:

— וואָרט, פאַנדרע וועט אַרויס פון גויעשקע הענט, וועט ער דיר שוין באַצאָלן פאַר אַלץ!...

אָבער נישט די געהיימניספולע חסידישע שושקעריי אין בית־מדרש און נישט די קולות אין באַלעגאָלישן צעך האָבן געמינערט איין האָר פון סענדערס כבוד נאָכן טויט. אדרבא. ר' מענדל דער לעקיש, דער יורש פון מורה־הוראהס שטול, האָט אים מספּיד געווען, סענדערן; געגעבן אַ משל מיט שוואַרצע סחורה און מיט ווייסע סחורה, וואָס האָט זיך געקלעפּט צום נמשל, ווי אַן אַרבעס צום וואַנט... האָט ר' מענדל דערזען, אַז דער משל נעמט נישט, האָט ער אָנגעשראָקן דעם עולם מיט אַ פּסוק: „כי מפני הרעה נאסף הצדיק...” כדי נישט צו דערלעבן די שלעכטע צייטן גייט דער פרומער אַוועק פון דער וועלט. איז נישט אַנדערש, רבותי, אַז אויף שטאָט גייען נייע גזירות... וואָרים מען זעט דאָך שוין, ברוך־השם, וואָס יידן האָבן אויסצושטיין פון המנען (ס'איז געווען אַ ווונק אויף דעם נייעם פּריסטאַוו), וואָס האָט זיך אָנגעזעצט אויף שטאָט מיט כלעריי בלבולים און צוטשעפּענישן...

באַלעבאַטים האָבן געהערט אַזעלכע ווערטער און האָבן פרום געזיפצט, נאָר באַלעגאָלעס האָבן פעסטער אָנגערוקט די היטלעך איבער די האַרטע

קאַרקן, און אין זייערע אויגן האָט געברענט אַ שוואַרצע שנאה צו המנען פון אַלע צייטן.

2

דאָס געלט, וואָס סענדער האָט אָפּגענומען אינעם טאָג פון זיין טויט פאַר דזשירקעליכען, זיין פאַרקויפטער קליאַטשע, האָט מען געפונען גאַנץ אין זיין טיפער בוזים־קעשענע. דער ברייטער גאַרטל, וועלכער האָט צו־געקוועטשט דאָס שטיקל צראַטע, וואָס האָט סענדערן געדינט אָנשטאָט אַ טייסטער, האָט דאָס שליימיקע וואַסער נישט צוגעלאָזט צו מאַכן אַ תל פון דאָס ביסל פּאַפּיר־געלט. האָט מען די פּאַפּירענע פינפערלעך צעלייגט אויף אַ פּאַלומעסיק און געטריקנט, בשעת שבעה־זיצן. אין אַ לינדער אויוון. און אויך דאָס ביסל געראַטעוועטע בלוטיקע געלט האָט מען אַריינ־געוואָרפן אין וואַגשאַל פון גערעכטיקייט, אין אַדוואָקאַטס קעשענע, כדי אַריבערצוּוועגן דעם שווערן בלבול פון צורר־היהודים, פון נייעם פּריסטאַוו, ימח שמו זאָל ער ווערן! אָבער אינגאַנצן אַריבערוועגן האָט מען נישט געקענט. מען האָט נאָר אָפּגעצויגן פון אַרעסטאַנטסקע ראָטעס אויף אַס־טראָג. אָבער פאַרמשפּט האָט מען אים פאָרט — נח פאַנדרען.

עטלעכע דרייסטע יידן, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזן אָפּשרעקן פונעם פּריסטאַווס סטראַשונקעס, האָבן אַפילו עדות געזאָגט, אַז איידער „זיין בלאַהאָראָדיע" איז צוגעלאָפן צו דער שריפה אינעם נייעם נגידס הויף, האָט ער זיך במחילה אויסגעצויגן ווי גרויס ער איז, מיטן נייעם שינעל, איבער דער בריקל פון קאַנאַווע. זיי האָבן אַפילו אַ ווונק געגעבן, די עדות, אַז ס'איז דאָ סברא אַזאַ, אַז „זיין בלאַהאָראָדיע" האָט געהאַט אַ ביסל אין קאָפּ... וואָרים מען ווייסט, אַז ביז צוועלף אַ זייגער אין דער נאַכט האָט מען געזען צי קאָפּעלעך בראַנפן ביים פּאָטשטמייסטער אינדערהיים. בכן, וואָלט מען געקענט שווערן, אַז „יעהאָ בלאַהאָראָדיע" האָט אָפּגעריסן דעם קנעפּל פון אַרבל ביים אַנידערפאַלן, מיר בעטן איבער זיין כבוד, איבערן בריקל... און פאַנדרע האָט מיטן קנעפּל גאָר נישט צו טאָן... פאַנדרע איז ערשט אָנגעלאָפן שפּעטער...

האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער פּאָטשטמייסטער אַליין, אויך אַ גע־שמאַקער גוי מיט אַן אָנגעגאָסענעם רויטן קאַרק און האָט עדות געזאָגט אין אַקרוזשנאַי סוד, אַז... ווו? וואָס? ווער? ווען?... זיין בלאַהאָראָדיע דער פּריסטאַוו, זיין גוטער פריינט, האָט טאַקע גענומען אַ גלעזל, נאָר

נישט אַזוי פיל ער זאָל פאַרלירן דעם קאָפּ. עס איז אַ חוצפּה פון יידן צו זאָגן וועגן אַ פּריסטאַוו, וואָס איז געקומען צו לויפן, אָן קיינעמס הילף, אינמיטן דער נאַכט, צו מאַכן אָרדענונג אויף אַ שריפה און טאָן זיין פליכט... צו זאָגן אויף אים, אַז ער איז געווען שיכור און איז געפאַלן פון די פיס... אַ סימן איז — די פּריסטאַוויכע ביי אים, ביים פּאָטשטמייסטער אין שטוב, האָט געוואָלט דעם מאַן אָפּהאַלטן, ער זאָל אַליין נישט לויפן און שיקן די דעסיאַטניקעס אַ קוק טאָן. האָט אָבער „זיין בלאַהאָראָדיע" שטרענג אַ זאָג געטאָן צו איר: „סלוזשבאַ ניע דרוזשבאַ"... יאָ, אָט וואָס פאַר אַ געטרייער דינער פון צאַר און פאָטערלאַנד דער פּריסטאַוו איז!... נאָר שקלאָווער יידן זענען אים אַ דם־שונא דערפאַר, וואָס ער מאַכט צו פיל פּאָראָנדקעס, הייסט ריין־האַלטן די אָפּטריטן, קערן די קוימענס, גראָבן גריבער פאַר די פּאָמוניצעס, און נישט פלויכען דעם שמוץ אין מיטן די גאַסן, אָט־וואָס!...

זענען געקומען עטלעכע פּאָזשאַרניקעס און האָבן עדות געזאָגט, אַז מיט עטלעכע מינוט פריער, איידער דער פּריסטאַוו איז אָנגעלאָפן, האָט פּאַנדרע אַרויסגעראַטעוועט אַ בהמה פון אַ ברענענדיקער שטאָל פול מיט שטרוי. איינער אַליין האָט ער דאָס געטאָן און איינגעשטעלט דעם לעבן פאַר פרעמדע האָב־און־גוטס...

זענען אָקעגנגעקומען פאַרשריבענע אַקטן וועגן פּאַנדרעס אויפפירונגען, ווי אַזוי ער האָט, למשל, אַרויפגעשלעפּט צום קאַזיאָנעם ראַבינער אויפן גאַניק צוויי נאַקעטע מענטשן, וועלכע ער האָט פריער צוזאַמענגעבונדן מיט אַ גאַרטל — אַ זכר און אַ נקבה, וואָס ער האָט ערגעץ־ווו דערטאַפּט... און ווי אַזוי פּאַנדרע פלעגט שטענדיק מאַכן סקאַנדאַלן, ווען ער האָט זיך אָנגעשיכורט. אַלע יום־טוב פלעגט ער עס טאָן. אָדער ער פלעגט פאַרמאַכן די לאָדן אין גאַנצע שטאָט, אָדער ער פלעגט פליוכען וואַסער פון ברונימער אויף דער גאַס און אָנמאַכן אַ גאַנצע פאַרפלייצונג. אָדער ער פלעגט גלאָט אַזוי זיך אָוועקשטעלן און זינגען מיאוסע לידלעך אונטער פרעמדע פענצטער... אַלע אַלטע העמדער האָט מען פּאַנדרען איבערגעקליבן. אַלע ביינדעלעך געוואָשן אים. דער פּריסטאַוו האָט זיך, ווייזט אויס, גוט פּאָסטאַרעט, אויסגעזוכט אַלע פאַרשימלטע חטאים פון זיין קרבן און אַרויסגעלייגט זיי אויפן רויטן געוואַנט פון טיש, אין אָקרוזשנאָי סוד, פאַר אַלע ערלים אין די אויגן.

האָבן זיך אָוועקגעשטעלט נייע עדות פון פּאַנדרעס צד, צוויי באַלע־גאָלעס פון צעך, און דערציילט העלדישקייטן פונעם געמשפּטן. ווי אַזוי

ער האָט זיך געראַנגלט מיט אַ סטאַדע װעלף, דערשלאָגן אַ בייזע װאָלפיכע און געראַטעװעט זיין שװער פון טױט... און װי גוט און פרום ער איז געװאָרן נאָך דער חתונה, אַז אַלע קענען זיך גאָר פון אים נישט געגוג אָנלויבן.

זענען אויפגעשטאַנען גויעשע עדות, װאָס דעם פריסטאַװס צד האָט ערגעץ־װו אויסגעקראַצט, און אויפגעװאָרפן, אַז דער באַשולדיקטער האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געטאַנצט אינמיטן מאַרק, בשעת ער האָט זיך באַפרייט פון פּריזיװ דורך אַ גרויסן נומער. געטאַנצט האָט ער און זיך משוגע געמאַכט. אָט, הייסט עס, װאָס פאַר אַ טרייער „װיערנאָפּאָדאַני״ (אונטערטאַן) ער איז אַלעמאָל געװען, דער ייד נח פּאַנדרע.

איז אויפגעשטאַנען דער אַדװאָקאַט, נחס באַשיצער, און דערװיזן מיט דאָקומענטן, אַז געטאַנצט האָט זיין קליענט מחמת שמחה, װאָס ער װעט נישט דאַרפן לאָזן אייגעם אַליין זיין קראַנקן טאַטן, װעלכן ער אַליין האָט אויסגעהאַלטן די גאַנצע צייט. מחמת זיין עלטערער ברודער איז שוין לאַנג געװען אין קאַזאַרמע און געגעסן די קייזערלעכע קאַשע פון קעסל. פּאַנדרע, זיין קליענט, איז געװען אַ כשרער לגאַטניק, נאָר מחמת די יידישע אָפּגעלאָזנקייט אין די קליינע שטעטלעך, האָט מען פאַרגעסן מאַכן די פּאַפּירן אין דער ריכטיקער צייט...

האָט מען זיך אַזוי געאַמפּערט ביז דער פּראָקוראָר איז אויפגעשטאַנען און פאַרלאַנגט, אַז דער „סוד״ זאָל זיך מער נישט פאַרנעמען מיט זייטיקע מעלות און חסרונות פון דער געמשפּטן. דאָ, אין מאָהליװער קרייז־געריכט, װערט נאָר געשטעלט די פראַגע: צי דער באַשולדיקטער „מעשצאַנין״ פון שקלאָװ, װעלכער װערט אָנגערופן נח פּאַנדרע, פיר און צװאַנציק יאָר אַלט, האָט געװיזן אַ װידערשטאַנד דער פּאָליציי, בשעת טאָן אירע פליכטן, צי נישט?...

זענען אַרויסגעטרעטן צװיי שקלאָװער סטראַזשניקעס, אין די נייע שינעלן, װאָס דער נייער פּריסטאַװ האָט פאַר זיי אויסגעכלאַפּאָטשעט, און האָבן עדות געזאָגט, אַז פּאַנדרע האָט זייביידן אַנידערגעװאָרפן. בשעת זיי האָבן אים געװאָלט אָפּפירן אין סטאַן, װען יעװאָ בלאַהאָראָדיע דער פּריסטאַװ האָט געהייסן...

אַזאַ קלאָרע און קורצע באַשולדיקונג, װאָס האָט נישט צו טאָן מיט קיין קנעפּל און מיט קיין פּריסטאַװ, װאָס האָט „בודטאָ־בי״ פריער גענומען אַ כוסה און זיך אויסגעגליטשט — האָט געמאַכט אַ שװערן איינדרוק. אַלע גוטע מיילער פון די באַשיצער זענען אַ װיילע פאַרשטומט געװאָרן.

ג

פֿאַנדרע אַליין איז געווען שטאַרק דערשלאָגן פֿון „זיצן“ זעקס חדשים פֿאַרן משפּט; פֿון דער ידיעה, אַז סענדער, זיין שווער, האָט געהאַט אַזאַ ביטערן טויט; פֿון מערעס בלייבן איינע אַליין אין שטוב מיט איר אָרעמינ־קער מאַמעלע, אַ פּאָר וואָכן פֿאַר אַ קימפּעט, צווישן פֿאַרשימלטע כאַ־מעטן, אָן פֿערד און אָן פּרנסה... האָט ער זיך צוגעהערט מיט איין אויער אי צו זיינע באַשולדיקער, אי צו זיינע באַשיצער. נישט אַלץ האָט ער פֿאַרשטאַנען פֿון „פּעטערבורגער רוסיש“... דער באַצאָלטער אַדוואָקאַט זיינער האָט זיך אַלע ווײַלע צוגעבויגן צו אים און עפּעס געפֿרעגט און עפּעס דערקלערט. פֿון דער רואיקייט און זאַטקייט, מיט וועלכער די גויעשע ,סודיאַס“ *) און די גויעשע פּריסאַזשנע האָבן זיך צוגעקוקט און צוגעהערט צום גאַנצן געראַנגל איבער אים, דעם יידישן באַלעגאָלע פֿון קליינשטעטל, איז פֿאַנדרען אָנגעגאַנגען אַ חלשות, ווי פֿון געפּרעגלטן חזיר־פֿלייש ביי בויך־ווייטיק. וואָס ווייסן זיי און וואָס קענען זיי וויסן, אָט די ווילד־פֿרעמדע, מיט זייער טרפֿהנעם יושר, פֿון אים און פֿון זיין אומשולדיקייט? אָט אַזוי באַצאָלט מען אים דאָס פֿאַר איינשטעלן דעם לעבן פֿאַר פֿרעמדע האָב און גוטס?... ווי אַ פֿאַרסמאַרקעטן ייִנגעלע אין חדר טוט מען אים די אָרעמינקע, פֿאַרלאַטעטע מייטקעלעך אויס, און יעטוועדער צימבלט אַריין: „אַ פֿאַנדרעלע, אַ פֿאַנדרעלע זאָל זיך לייטישער אויפֿפֿירן“!... אַ קונץ אַ גרויסער, ווען הונדערטער גויים זעצן זיך אָן אויף איין יידן! צום ערשטן מאָל אין לעבן איז אים אָנגעקומען אַ מאָדנער געדאַנק, וואָס אַן אַנדער מאָל וואָלט ער זיך פֿאַר אים געשראָקן: אם־ירצה־השם, אַז ער וועט אַרויס פֿון גויעשקע הענט מוז ער זיך בענטער באַקענען מיט כאַצע דעם הינקענדיקן אין שקלאָוו. אָט דער כאַצע קירזשנער, זאָגט מען, איז אַ „צישיליסט“. ער האַלט נישט פֿון פּראַוויטעלסטווע, זאָגט מען. מוז מען דערגיין — פֿאַרוואָס? נישט אומזיסט אַפּנים...

אַ זומערדיקע היץ איז געשטאַנען אויף דער מאָהליווער געברוקירטער גאַס, און אין זאַל פֿון „סוד“ — מענטשלעכע פּאַרע פֿון צעוואַרעמטע עדות אין פֿון נייגעריקע. פֿאַנדרעס שטאַרקער גוף, וואָס איז געווען אָפּגעלאָזן פֿון גאָרנישט טאָן אַזוי פֿיל חדשים, פֿון האַרצווייטיק, בענקשאַפֿט אַהיים און פֿון שלעכטע עסנס — איז אַצינד געווען דאָפּלט אָפּגעשוואַכט. אַלע

---

* ריכטער.

אויגן אַרום אים און הינטער אים האָבן געשטאָכן און אין קאָפּ איז גע־שטאַנען אַ טשאַד ווי פון אַ צר־פּרי געשלאָסענעם, איבערגעהייצטן אויוון. טאַטע אין הימל: ווען וועט זיך דאָס שוין אַלץ ענדיקן?

דער טרוקענער קול פונעם פאַרזיצנדן אין סוד האָט אים אויפגעוועקט: וואָס האָט דער באַשולדיקטער צו זאָגן קעגן אַזעלכע עדות ווי די צוויי סטראַזשניקעס, וועלכע ער האָט אַנידערגעוואָרפן?...

וואָס האָט ער צו זאָגן? וואָס קען ער זאָגן מיט זיינע עטלעכע צענדליק ווייס־רוסישע, פּויערישע ווערטער, וועלכע קלינגען דאָ, צווישן אַזוי פיל אויסגעפּוצטע פּריצים, אַזוי פרעמד און אַזוי האַמעטנע? נאָר ער וועט זאָגן... יאָ. ער קען נאָר זאָגן, אַז בשעת דער פּריסטאַוו האָט געהייסן אַרעסטירן אים, האָט ער, פאַנדרע, נאָך נישט געוווסט, וואָס עס טוט זיך מיט אים. פאַרסמאַליעט פון פייער איז ער געווען און צעשלאָגן פון דער בהמהס קלאָען, וואָס ער האָט אָקאָרשט געראַטעוועט... די ברענענדיקע שטאַל איז שיער נישט איינגעפאַלן אויף אים... ער האָט סטראַזשניקעס נישט אַנידערגעוואָרפן. ער האָט זיך נאָר אַ דריי געטאָן — האָבן זיי זיך אויסגעגליטשט... ער האָט נישט אויסגערעכנט זיין קראַפט.. דערנאָך האָט ער זיך ווי אויסגעטשוכעט און געלאָזן זיך אַפּפירן אין סטאַן, ווי זיין „בלאַהאַראָדיע" דער פּריסטאַוו האָט געהייסן. קיין וואָרט האָט ער אַפילו נישט גערעדט. און יעהאָ בלאַהאַראָדיע דעם פּריסטאַוו האָט ער נישט גע־טשעפּעט. ווי קומט ער, פאַנדרע, צו אַזעלכע זאַכן? ווי גאָט איז אים הייליק. ער האָט נאָר נישט געלאָזן שלאָגן אַן עלטערן יידן, זיינעם אַ „שודאַק", וואָס ער האָט אָקאָרשט געבראַכט מיט דער בויד פון אָרשע. ער האָט נאָר אַ שטעל־געגעבן דעם אָרעם צווישן דעם פּריסטאַווס האַנט און צווישן דעם נייעם נגידס באַק... נישט דערלאָזן שלאָגן...

— שלאָגן גאָר?

דאָ איז יעהאָ בלאַהאַראָדיע, דער נייער פּריסטאַוו פון שקלאָוו אויפ־געשפּרונגען מיט זיינע דראַטענע וואָנסעס און מיט אַ הייליקן צאָרן. וואָס הייסט שלאָגן? ווי קומט ער, דער פּריסטאַוו, צו שלאָגן? ער ווייסט אַפילו נישט, מיט וואָס מען עסט דאָס... ער האָט נאָר געטאָן זיין „אָביאַזאַנאָסט"... ער האָט נאָר שטרענג אויסגעפרעגט ביים באַלעבאָס פון שטאַל מכוח די סיבות פון דער שריפה. ווייל זינט יידן האָבן פאַרסטראַכירט די הייזער זייערע, ברענט ביי זיי עפּעס צו פיל אין די קוימענס און אין די שטאַלן...

האָט דער אַדוואָקאַט פאַרלאַנגט מען זאָל אויסהערן דעם נייעם נגיד אַליין. צי האָט אויף אים דער פּריסטאַוו אויפגעהויבן אַ האַנט צי נישט.

ער אַליין זאָל דערציילן. איז דער צעקראָכענער נייער נגיד צוגעגאַנגען צום טיש און שטיל, ווי אין שמונה־עשרה, מיט אָפּגערונענע באַקן און מיט ציטערדיקע ליפּן דערקלערט, אַז... אַז... ער געדענקט נישט. באמת, ער געדענקט נישט... יעהאָ בלאַהאָראָדיע — אַ האַנט אויפגעהויבן אויף אים? דאַכט זיך, אַז נישט... אַ שריפה איז געווען און צעטומלט איז מען געווען... אַ האַנט? המ... אים דאַכט זיך — ניין! דאַכט זיך, אַז... געוויס נישט! המ... געוויס, דאַכט זיך, אַז נישט...

דער מאָהליוער אַדוואָקאַט האָט אַפילו געוואָלט פאַרקאָכן אַ גאַנצע קאַשע פון „געוויס" און „דאַכט זיך". איינס פון דיביידע האָט ער מיט גרויס קלוגשאַפט געטענהט: אָדער „דאַכט זיך", אָדער „געוויס"... אַ פּנים, האָט ער זיך דערלויבט צו ווייצלען, אַ פּנים, אַז דער עדות האָט „דאַכט זיך געוויס" פאַר אימיצן מורא... דערפאַר „דאַכט זיך געוויס" זאָגט ער נישט דעם אמת...

אָבער דער פּראָקוראָר האָט איבערגעריסן. דעם אַדוואָקאַטס חכמות האָבן איבּ נישט געפּאַסט צום עסק, וואָס האָט אַ ייד אַ באַלעגאָלע, האָט ער אַרויסגערופן און אָנגעוויזן אויף פאַנדרען, וואָס האָט אַ ייד פון דער גאַס אַריינצומישן זיך בשעת אַ פּריסטאַוו טוט זיינע פליכטן? בשעת ער פרעגט אויס די סיבות פון אַ שריפה?...

וואָלט ער געווען איינגאַנצן קאַליע געמאַכט, אָט דער ערל מיטן גרינעם פּנים פון אַ מענטשן, וואָס ליידט שטענדיק פון לעבער. דער יידישער אַדוואָקאַט האָט אָבער צוגעגרייט אַן איבעררעשונג. אַלס אַ לעצטן און וואָגיקן באַווייז פון פאַנדרעס מסירת־נפש פאַר אַ פרעמדן, אַפילו פאַר אַ קריסט, האָט ער הויך איבערגעלייענט אַ בריוו פון דער פּריצטע אין שקלאָווער „הויפל", אַ בריוו מיט באַגלויבטע און באַשטעטיקטע אונטער־שריפטן פון נאָטאַריוס.

„זי איז אַצינד אין פּעטערבורג, האָט די פּריצטע געשריבן, זי איז שוואַך אין געזונט און קען אַליין נישט קומען עדות זאָגן, נאָר אָט באַשטעטיקט זי שריפטלעך מיט דער אייגענער האַנט, אַז דער שקלאָווער מעשצאַנין נח פאַנדרע האָט זי מיט עטלעכע יאָר צוריק געראַטעוועט פון דריי צעבושעוועטע פערד, ווען זי האָט שוין געהאַלטן, אַז זי איז אַ פאַר־לוירענע. זי ווייסט אויך אויף געוויס, אַז בשעת אָפּהאַלטן די פערד האָט נח פאַנדרע, אַ קצב צו יענער צייט, אַוועקגעוואָרפן אַ גאַנצן קאָשיק מיט פלייש, וואָס ער האָט געדאַרפט פונאַנדערטראָגן זיינע קונדן. ער האָט זיין סחורה מפקיר־געווען פאַר הינט, אַבי ראַטעווען אַ מענטשן. — און דערמיט

דריקט זי אים נאָך אַמאָל עפּנטלעך אויס איר דאַנקבאַרקייט פון אַ דוואָר־יאַנקע".

דאָס האָט ווידער אַמאָל אויף די פּריסיאַזשנע געמאַכט אַ גוטן רושם. דער פּריסטאַוו, דער צורר, האָט זיך געביסן אַ וואָנסע, פאַרגעסן, אַז דערמיט מאַכט ער קאַליע ניקאָלאַי דעם ערשטנס אַנבליק, צו וועמען ער איז, ווי מען זאָגט זייער ענלעך... דער פּראָקוראָר איז נאָך גרינער געוואָרן און יידישע פּנימער האָבן אויפגעלויכטן. נאָר איין פּאַנדרע איז רויט געוואָרן ווי אַ קראַפּ און נישט געהאַט ווו די אויגן אַהינצוטאָן. דער בריוו פון זיין מליץ־יושרטע — די אַלטע פּריצטע, האָט אים דערמאָנט אַמאַליקע גבורות, אַמאַליקע הייסע זינד און אַמאָליקע רעדערייען פון יידן, אַז ער וועט זיך נאָך שמדן, דער פּאַנדרע, און חתונה האָבן מיט דער נפקא...

עס האָט אַזוי אַרום אויסגעזען, ווי יידן און גויים וואָלטן זיך געהוידעט אויף דער וואָג פון גערעכטיקייט. אַמאָל זינקט די גויעשע שאָל, אַמאָל — די יידישע, מיט פּאַנדרען אינמיטן. אַ פאַרגעסענער שטיקל חומש האָט זיך פּאַנדרען דערמאָנט. שוין לאַנג, לאַנג, אַז ער האָט דאָס אין חדר געלערנט... ער געדענקט נישט קלאָר אין וועלכע סדרה, אָבער איין זאַך געדענקט ער, אַז בשעת די יידן זענען אַרויס פון מצרים און געוואָלט גיין אין ארץ־ישראל, איז זיי „עמלק" באַפאַלן פון הינטן... מסתמא אַזעלכע געשמאַקע גויעצן ווי דער פּריסטאַוו מיט זיין גאַנצע כאַליאַסטרע דאָ... זיצט משה אויפן שפּיץ באַרג, זעט־צו די מלחמה און טוט תפילה. הויבט משה רבינו אויף די הענט — —געווינען יידן, לאָזט משה אָפּ די מאַטע הענט — אַזוי געווינט עמלק... אַך, ווען דער אַלטער מורה־הוראה וואָלט געלעבט, און וואָלט פאַר אים גאָט געבעטן — וואָלט גאָר אַנדערש געווען! און אַצינד... ווער ווייסט?... אָט האָט זיך עמלק ווייטער אַוועקגעשטעלט — דער פּראָקוראָר מיטן גרינעם פּנים. ער אַרבעט מעשים. עס שיט זיך פון אים פּריצישער „רוסיש", ווי פון אַ לעכערדיקן זאַק. ער טענהט, אַז ס'איז שוין קלאָר דערוויזן געוואָרן, אַז דער ייד נח פּאַנדרע האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט „די היטער פון געזעץ און אָרדענונג" און אויפגעהויבן אַ האַנט אויף דער פּאָליציי, בשעת זי האָט דערפילט אירע פליכטן. דעם פּריסטאַוו געשלאָגן איבערן האַנט און אָפּגעריסן אַ פּאָפּאַנע מיטן צוויי־קעפּיקן אָדלער — דער סימבאָל פון דער רוסישער פּראַוואָסלאַווונער מאַכט; און די צוויי דעסיאַטניקעס האָט ער גלאַט געשלאָגן און אומגעוואָרפן צו דער ערד, געטראָטן מיט שטיוול פון אַ באַלעגאָלע די פּאָליצייאישע

רעכט... ווענדעט ער זיך דערפֿאַר צו די פּריסיאַזשנע, זיי זאָלן זיך נישט לאָזן פֿאַרפֿירן פֿין אויסגעזוכטע שטיפֿערייען — אַזוי־גערופֿענע העלדיש־קייטן, מיט וועלכע מען וויל דאָ באַקרוינען דעם האַרטן קאָפּ פֿון דעם באַשולדיקטן, זיי האָבן נאָר צו געבן אַן ענטפֿער אויף דער געשטעלטער פֿראַגע און ווייטער גאָרנישט. ער פֿאַרלאַנגט פֿאַר דעם באַשולדיקטן נישט ווייניקער ווי דריי יאָר „אַרעסטאַנטסקע ראָטע״ און פֿאַרלירן אַלע בירגער־לעכע רעכט. זאָל דאָס דינען אַלס מוסטער און אָנזאָג פֿאַר זיינע ברידער פֿון איין גלויבן, זיי זאָלן זיך מער נישט דערלויבן אַזעלכע „בעזאָבראַ־זיעס״ א. אַ. וו.

די מאָהליוער פּריסיאַזשנע האָבן אָבער אין פֿאַנדרעס „העלדיש־קייטן״ פֿאַרט געפֿונען אַ ביסל „זכות אבות״, און האָבן אים פֿאַרמשפּט בלויז צו אַנדערהאַלבן יאָר אַסטראָג, אָפּרעכענענדיק די זעקס חדשים, וואָס ער איז געזעסן ביז צום משפּט.

פֿאַנדרע איז צום סוף פֿון זיין משפּט געוואָרן רואיקער, שטייפֿער. דער טשאַד פֿון קאָפּ איז אים אַוועק, און די אָפּגעלאָזענע אָרעמס האָבן זיך ווידער אָנגעגאָסן מיט אייזן. דער צערונענער כוח זיינער האָט גענומען אומקערן זיך, ווי ביים בלינדן שמשון, ווען זיינע אָפּגעגאָלטע האָר הויבן אָן ווידער צו שפּראָצן... רואיק, מיט אָפֿענע גרויע אויגן האָט ער אויס־געהערט זיין פּסק־דין. שוין בשעת דעם פּראָקוראָרס געשמאַקע דרשה, האָט ער, נח, פּעסט באַשלאָסן צו באַקענען זיך מיט „ציציליסטישע״ סודות פֿון כאַצע דעם הינקענדיקן... נאָך אַ קיילעכדיקן יאָר מוז ער זיצן און וואַרטן צו דערגיין דעם אמת... נאָר נישקשה. ער וועט דאָס איבערוואַרטן...

ער איז געשטאַנען און אויסגעהערט זיין פּסק — די גרויסע עולה, וואָס עס ווערט אים דאָ אָפּגעטאָן, נאָך אַלע קלענערע גויעשקע עולות אין משך פֿון אַ האַלב יאָר צייט... און די דאָזיקע לעצטע עולה ווערט נאָך אָפּגעטאָן מיט אַזוי פֿיל פּריצישע אָנשטעלעניש, מיט אַזוי פֿיל יום־טובדיקן פֿאַראַד! נישט מעגלעך, אַז אַזאַ זאַך זאָל פֿאַרשוויגן ווערן! מסתמא איז ער נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער... פֿריער, שפּעטער — אימיצער וועט זיך אָפּרעכענען פֿאַר אַלץ און פֿאַר אַלעמען...

ווי אַ וואַרעמער רעגן פֿון וווּנדערלעכער טרייסט זענען אים די דאָזיקע מחשבות געפֿאַלן איבערן האַרצן. און אין זיין אַנטבלויזטן, פֿאַרוואַקסענעם און פֿאַרעקשנטן האָפּ האָבן זיך געבאָמבלט די אומקלאָרע, האַלב־פֿאַרגע־סענע פּסוקים פֿון דער סוף מעשה מיט עמלקן:

„פאַרשרייב דאָס צום געדענקען אין אַ בוך און טו אין די אויערן פון יהושען... אַז מעקן און אָפּמעקן וועל איך עמלקס געדעכעניש פון אונ־טער די הימלען"...

שעפּטעלע גנבֿ

1

פֿאַר די זעקס חדשים, וואָס פֿאַנדרע איז געזעסן אין אַרעסט, ביזקל משפּט, האָט ער זיך שוין געוועזן אַ ביסל געוווינט צו דער פֿאַרעפּושטער לופֿט, צו דער סבֿיבֿה פֿון אַרעסטאַנטן, צו די קראַנקע פּענצטערלעך. פֿונדעסטוועגן, אַז מען האָט אים נאָכן סוד איבערגעפֿירט אין אָסטראָג, אָפּצוקומען דעם יאָריקן שטראָף, האָט אים ווידער פֿאַרכאַפּט דער אָטעם, און ער איז ביי זיך אַראָפּגעפֿאַלן. דער בטחון, וואָס פֿאַנדרע האָט אין זיך דערפֿילט צום סוף פֿון זיין משפּט, דאָס פֿאַרמעסטן זיך מיט דעם שלעכטן מזל זיינעם — זענען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. אַ סך האָבן דערביי געווירקט די גרויע אַרעסטאַנטסקע קליידער, מיטן גערוך פֿון פֿרעמדן שווייס, וואָס ער האָט אויף זיך אַציננד אָנגעטאָן צום ערשטן מאָל. ער האָט אַציננד געמוזט אָנטאָן דעם קורצן אַרעסטאַנטסקן כאַלאַט מיט די ברייטע פּלודערן און שיידן זיך מיט זיין היימישן אָנטועכץ, וואָס איז מיט אים מיטגעגאַנגען איז געפֿענגעניש פֿון מיטן ווינטער אָן. צו־וואָרעם און צו־אָפּגענוצט איז שוין געווען דאָס באַלעגאַלישע, ווינטערדיקע אָנטועכץ, די וואַטאָווע פּאָדיאָווקע מיט די לאַנגע שטיוול. ס׳האָט זיך אָבער פֿון זיי פֿאָרט אָפּגעגעבן מיט היים, מיט קעלביע, מיט פֿרייע שליאַכן, מיט ווייב... אויפֿן קנאָפּ פֿון דער טונקעלער פּאָדיאָווקע, וועלכן מערע האָט אים אין איילעניש צוגענייט מיט ווייסע פֿאָדים, אַ טאָג פֿאַרן אַרעסט, האָט ער אָפּטמאָל געקוקט, און דאָס האַרץ האָט אים זיס גענאָגט... שוויצנדיק אין די היימישע קליידער, האָט ער נאָך געהאַט אַ טרייסט, אַז ער זיצט אומזיסט, דערווייל... אַז נישט היינט, מאָרגן, וועט מען אויפֿפּלאָנטערן דעם גאַנצן אמת, און ער, פֿאַנדרע, וועט אַרויס ריין, אַזוי ווי ער איז

געקומען. דערפאַר איז ער די ערשטע צייט „געזעסן", ווי מען זיצט אין אַ שלעכטן, אָנגעפּיקעטן שענק, אויפן מיטן שליאַך, בשעת אַ גוס־רעגן. מען מוז נאָר איבערוואַרטן און ווייטער פאָרן... די בייזע נייעס וועגן מורה־הוראהס טויט, וואָס איז צו אים דערגאַנגען אין מאָהליווער אַרעסט, האָט אים צום ערשטן מאָל געוועזן דערשלאָגן. ער האָט צום ערשטן מאָל אַ טראַכט געטאָן, אַז דער מזל האָט זיך פון אים געגומען אָפּטאָן: דערנאָך זענען אָנגעקומען: אַלץ ערגערע און ערגערע ידיעות וועגן די פערד אין דער היים, וועגן ר' סענדערן, להבדיל. און די אומרואיקייט איז גע־וואַקסן, און די „שפּילקעס", אויף וועלכע ער איז געזעסן, זענען געוואָרן שאַרפער.

און אָט, ערשט היינט, עטלעכע טעג נאָכן משפט, אַריינשפּרייזנדיק אַן איבערגעטאָנענער, אַ פאַרמאַסקירטער, ווי אַן אָרעמער פּורים־שפּילער, אין דער לופט פון אָסטראָג, האָט ער דערפילט, אַז ער זיצט אויף אַן אמת, אַז אַצינד איז ער אַן אַרעסטאַנט מיט אַלע אַרעסטאַנטן גלייך, אַז מען מוז זיך אונטערגאַרטלען און פאַרשטשירען די ציין. מען מוז אויס־האַלטן נאָך אַ קיילעכדיקן יאָר אָן אַ ווייב, וועלכע איז אַצינד איינע אַליין און ליגט שוין אפשר אין קימפּעט... מען מוז! און קיין איבעריקער כוח אונטערצוהאַלטן זיך איז נישטאָ. וואָרים פילן פילט ער זיך נאָכן משפט, ווי אַ שיכור, וואָס הויבט זיך אָן אויסצוניכטערן.

ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ געמיש פון אַלערליי פרעמדע פּנימער, קאַצאַפּישע און פּויערישע, כיטרע און גזלנישע, פאַרגרעבטע און אויסגע־פּייניקטע. ביי אַ סך איז אויף די כאַלאַטן געווען אָנגענייט אַ געלער טויז פּיק — אַ קין־סימן פאַר רוצחים. דאָס זענען מער נישט געווען יענע פאַרבייגייענדיקע טיפּן פון אַרעסט־הויז — צופעליקע גנבים און גוט־מוטיקע בראָדיאַגעס. דאָ האָבן פון די שמוציק־גרויע כאַלאַטן, ווי פון אָנגעפּוילטע שאָלעכצן, אַרויסגעקוקט סטאַלע, איינגעפונדעוועטע פאַר־ברעכער, האַרטע אויגן, געזאַלצענע שמייכלעך. און דאָס אַלץ איז געווען דורכגעוועוזלט מיט אַ פאַרעלטערטן ריח פון מאַכאָרקע און פון שלעכט־פאַרדייעטן בראָנפן. מען טאָר דאָך „פּאָ זאַקאָנו" אין די טורמעס נישט רויכערן און נישט טרינקען, פונדעסטוועגן רויכערט מען און מען זויפט אויף וואָס די וועלט שטייט... אויסער דעם — דער ספּעציפישער ריח פון זויער קרויט און שוואַרץ ברויט און מענטשלעכע אומריייניקטן, וואָס אָן זיי קען מען זיך גאָר אַ רוסישן אָסטראָג נישט אויסמאָלן, און וואָס זייער אָנזאָג פילט מען שוין אין די רוסישע „אוטשאַסטקעס"...

צווישן די וואַסערדיקע אויגן, פאַרלעדערטע צורות און פלאַקסענע קעפּ האָבן דאָ און דאָרטן געבליאַסקעט אומרואיקע אויגן... עפּעס באַקאַנטע אויגן. און נעזער... עפּעס באַקאַנטע נעזער! ער וואָלט שווערן, פאַנדרע, אַז דאָס זענען יידן. אומעטום, קיין עין־הרע, זענען דאָ יידן. נאָך אַזעלכע שלעק ווי דו, נח! הכלל, פאַנדרע, מען ווערט נישט פאַרפאַלן!...

ווי אַ נאַקעטן מענטשן, וואָס קומט אַריין פון פּאַדער־צימער אין באָד און דערזעט פאַר זיך: פריער אַ מיש־מאַש פון פאַרע און לייבער, און דערנאָך ערשט — אַ פרייע שעפל, אַ ליידיקן אָרט צו וואַשן זיך — אַזוי איז געגאַנגען פאַנדרען. ס'האָט אים גענומען קלאָרער ווערן פאַר די אויגן. דער פינגער פון סטאַראָזש האָט אים אָנגעוויזן אַ פרייען אָרט און פאַנדרע האָט גלייך גענומען אויסלייגן פון זיין פעקעלע אויף דער ברייטער שמוציקער און אויסגעגלעטער „נאַרע" *), וואָס דינט די אַרעס־טאַנטן אַלס שטול און אַלס טיש און אַלס בעט. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט, אונטערגעצויגן אַ פוס אונטער זיך און פאַרטראַכט זיך. ער וואָלט שוין געוואָלט, אַז מען זאָל אים געבן אַרבעט, אַ שווערע קאַטאָרזשנע אַרבעט. אַז מען אַרבעט, פאַרגעסט מען; אַז מען האָרעוועט, טראַכט מען נישט. זיין געדיכטע, איינגעשטאָנענע בלוט אין די אָדערן האָט דאָס פאַרלאַנגט, און זיין פוסטע קעשענע אויך. אָן אַ קאָפּיקע איז ער געבליבן. ווער וועט אים שיקן? אויף וועמען זאָל ער האָפן? אויף דער אַרעמינקער שוויגערל אפשר, וואָס שטייט אַצינד אין שקלאָווער מאַרק אַ גאַנציקן טאָג ביי אַ טישל מיט גויעשקע קאָפּיקענע לעקעכלעך?... ווער ווייסט, צי זי און מערע אַליין האָבן אַצינד צו עסן? שיין אויסגעפידלט, פאַנדרע! „בייע נגידים" האָט זיך דיר געגלוסט צו באַשיצן!...

און ווי ער זיצט אַזוי און פלאָנטערט זיינע מחשבות, ערשט אַ קליינ־געוויקסיקער אַרעסטאַנטל שאַרט זיך צו אים צו, אַ יונגערמאַנטשיק מיט אַ פּאָר יידישלעך־לעבעדיקע אויגן און מיט אַ געשוירענעם קאָפּ בלוי־שוואַרצע האָר... אויף זיינע דינע פיס האָט ער געשלעפּט נאָך זיך אַ פּאָר צו־גרויסע, אָבער גוטע שטוביקע פּאַנטאָפליעס. זיי האָבן זיך, מיט זייערע בלויע און רויטע קווייטן, גאָרנישט געפּאַסט צום מיאוסן אָסטראָג־אָנצוג, וועלכן דער אַרעסטאַנטל האָט אויף זיך געטראָגן, ווי אַ זיק. ווייזט אויס, פון דער היים האָט מען אים די פּאַנטאָפליעס צוגעשיקט. המ... אַ „שצאָגעל" — איך בעט איבער אייער כבוד!

---

* פּאָליצע.

צוגעשאַרט זיך, האָט דער אַרעסטאַנטל אומרואיק אַרומגעקוקט פאַנ־דרעס ברייטע פּלייצעס, זיינע אייזערנע ליטקעס אונטערן גרויען שטאָף, זיין האַרטן קין מיט דער גריבעלע אין מיטן, זיינע ברייטע לאַפּעס מיט די שטאַרקע באַלעגאַלישע פינגער, און ער האָט, אַ ביסל נישט זיכער, אַ פרעג געטאָן:

— אַ... אַ יהודי?

— אומ־הו! — גיט פאַנדרע אַ שאָקל מיטן שווערן קאָפּ — דו אויך?

אַ פריילעכער פייערל האָט זיך צעטאַנצט ביים אַרעסטאַנטל אין די יידישלעך־בולטע אויגן:

— וואָס דען! זעסט נישט?... נאַר — דו, כע־הע, כ'האָב קוים געגלויבט. געזונט ביסטו ווי צען גוים!...

פאַנדרע האָט דערפילט זיין גרויסן שטאַרקן לייב אונטערן כאַלאַט, און, ווי אַ ריז צו אַ קאַרליקל, שוואַך אַ שמייכל געטאָן

— אויף ווי לאַנג? — איז דער אַרעסטאַנטל ווייטער געוואָרן ביי־געריק.

נישט אין באַלעגאַלישן צעך, נישט ביי סענדערן אין שטוב איז פאַנדרע געוווינט געוועזן צו אַזאַ קורצן און פילדייטיקן סאָרט רעדן. האָט ער פריער אַ טראַכט געטאָן און ערשט דערנאָך געענטפערט:

— אַ יאָר מיז איך נאָך זיצן.

— פהע! — האָט דער שוואַרצער אַרעסטאַנטל אַ פאַרשקע געטאָן מיט ביטול — ס'הייסט, אויך מיר אַ „זיצן"! — אַ „כאַדאַק" געלקחנט?

פאַנדרע האָט ווידעראַמאָל געמוזט אַ טראַכט טאָן, וואָס יענער מיינט מיטן „כאַדאַק", און האָט זיך נישט דערטראַכט. ביז דער אַרעסטאַנטל אַליין האָט אים אַרויסגעהאָלפן. לאָזט זיך אויס, אַז „כאַדאַק" איז גאָר אַ ראשי־תיבות. דאָס מאַכט: „כאַראַשי־דאַברי־קאָן". צי האָט, הייסט דאָס, פאַנדרע נישט געגנבעט אַ פערד?

— ניין — מאַכט פאַנדרע — אַ באַלעגאָלע גנבעט נישט קיין פערד. ב י י אַ באַלעגאָלע, אפשר, גנבעט מען יאָ.

— מיט אַ פויגל אין זיין אימיצן?

פאַנדרע האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס מיינט אַ מעסער.

— ניין.

— מיט אַ „קנאַקער" אויך נישט?

— וואָס „קנאַקער", ווען „קנאַקער"? אַ בלבול האָט מען אויף מיר

געמאַכט. כ'האָב, כלומרשט, געשלאָגן אַ פּריסטאַוו מיט צוויי דעסיאַטניקעס. מאַלע וואָס שונאים זאָגן!...

2

פּאַנדרע האָט דאָס אָפּגעזאָגט מיט אַ צווײדײטיקן שמײכעלע. און דער שוואַרצער אַרעסטאַנטל, מיט די שצאַגעלסקע פּאַנטאָפּליעס, איז זיך פאַר־גאַנגען אין אַ גליקלעכן געלעכטערל. אין דרייען האָט ער זיך געבויגן. דורך זיינע געצוקטע באַוועגונגען, האָט ער פּאַנדרען באַוויזן זיין פּאַטיל־ניצע מיט אַ ווייסן און ברייטן שראַם אין זיינע געדיכטע און געשווירענע האָר. אַפּנים — אַ פאַרהיילטע וווּנד.

— אַזוי? אַ פּריסטאַוו? מער גאָרנישט? מאַמע, איך חלש! צוויי דע־סיאַטניקעס אויך? כאָטש גוט מכבד געווען זיי?

פון אַזאַ קיצלדיקן לאַכן איז פּאַנדרען פריילעכער געוואָרן אויפן האַרצן. צום ערשטן מאָל, פאַר גאַנצע זעקס חדשים, זינט מען האָט אים אַרעסטירט, הערט ער, אַז מען זאָל אים לויבן פאַר אַזאַ שטיקעלע אַרבעט, און נאָך מיט אַזאַ קינדערשע פריילעכקייט. מאַכט ער צום אַרעסטאַנטל:

— כ'וואָלט געוווּסט, אַז מ'וועט מיך אַזוי פאַרמשפּטן, וואָלט איך שוין בעסער מכבד געווען... פאַר איינע הוצאות...

— ביסט נאָך גליקלעך אָפּגעקומען — טרייסט אים יענער מיט לאַך־טרערן אין די אויגן, אַ יאָר, זאָגסטו?.. אויך מיר אַ שטראָף!

דאָ האָט זיך פּאַנדרע געכאַפּט, אַז ער באַלעבעטשעט אפשר צופיל מיט אַן אומבאַקאַנטן פאַרשווינדל. נאָך פאַרן משפּט האָט אים דער אַד־וואָקאַט מתרה־געווען, ער זאָל מיט די סטאַראַזשעס נישט צופיל רעדן, נישט מיט אַרעסטירטע, וועלכע ער קען נישט. וואָרים ער קען זיי דערנאָך האָבן אַלס שלעכטע עדות קעגן זיך אַליין... ס'איז שוין אַפילו נאָכן משפּט, פונדעסטוועגן — אַ קשיא אויף אַ מעשה, מיט אַן אַרעסטאַנט קען מען דאָך טאָן וואָס מען וויל... האָט ער דעם פאַרשווינדל איבערגעשלאָגן אין מיטן שמו"ה:

— הער!... און ווער ביסטו?

פאַרוווּנדערט זיך יענער, ווי אַ פריילעכער לערערל, ווען דער תלמיד ווייסט נישט, וויפל עס איז צוויי מאָל צוויי.

— איך?... אַ גנבֿ!

די קורצקייט און אָפנהאַרציקייט פונעם פאַרשווינדל האָט פּאַנדרען

אַ פּליוך געטאָן אין פּנים מיט וואָרעם בלוט. ער איז אַזש רויט געוואָרן פון אַזאַ אומגעריכטן ענטפער. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז יענער באַ־רימט זיך מיט זיין פּאַך, ווי אַ קרעציקער מיט זיין פּאַרך. נאָר דער פּנים ביים יונגערמאַנטשיק איז דערביי געבליבן פריילעך און אָפן, גאָרנישט ווי ביי אַ קרעציקן; נאָר דווקא ווי ביי אַ מענטשן, וואָס שיט ברייטהאַרציק אויס זיין טייסטער פול מיט גאָלד צו אַ פרעמדן אין שויס אַריין און האָט אַ האָר ניט מורא, אַז יענער זאָל עפּעס אַוועקלאַטכענען... פּאַנדרע האָט געמוזט אַ שמייכל טאָן. ער האָט צום פּאַרשוינדל, גלייך נאָכדעם, געקראָגן דעם אמתן צוטרוי און מיט דער איבערגענומענער קורצקייט באַשטעטיקט:

— אַזוי, ברודער־לעבן! פּראָסט און פּשוט.

דער יונגערמאַנטשיק האָט אַזאַ התקרבות אָנגענומען, ווי אַ פּאַרדינטע זאַך, און נאָך ערנסטער דערקלערט:

— ניין, נישט אַזוי פּשוט. מען שטעלט איין דאָס לעבן, אָט! געבליבן אַצינד ביי די פּאָר שקראַבעס אויף די פיס. נאָר אַז דער אויבערשטער וועט מיר העלפן און איך וועל אַרויס, אָדער אַנטלויפן פון דאַנען — האָט ער צוגעגעבן שטילערהייט און אַרומגעקוקט זיך — וועל איך ערשט אָנהויבן צו אַרבעטן. גאָט וועט מיר נאָך העלפן.

ער האָט גערעדט וועגן זיין פּראָפעסיע מיט ליבשאַפט און בענקעניש, ווי גאָר אַ גרויסער סוחר, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אַן אומגליק, און האָט איבערגעלאָזן שיפן אויף גרויסע וואַסערן און געפּאַקטע פורן מיט סחורות אויף ווייטע שליאַכן. און אָט זיצט ער דאָ, נעבעך, איינגעשפּאַרט און ווייסט נישט, וואָס פון זיין האָב און גוטס איז געוואָרן. נאָר ער איז פול מיט בטחון, אַז דער רבונו של עולם וועט אים נישט פאַרלאָזן...

דאָס אַריינגעמען גאָט אין אַזאַ קאָמפּאַניע איז אָבער פּאַנדרען אַ האָר נישט געפעלן געוואָרן. און כדאי צו דערמאָנען דעם געשוירענעם יונגג־מאַנטשיק, וווהין ער שלעפּט דעם רבונו של עולם, האָט ער אים איבער־געשלאָגן אין מיטן ברען פון ווינטשעווען זיך:

— דו, וואָס גנבעסטו?... פון קעשענעס?

— איך... קעשענעס? — האָט זיך יענער באַליידיקט — פון שעפּטעלע גנב האָסטו גאָרנישט געהערט?

— נישט אויסגעקומען...

— ניין? ס'אַ חידוש! גיב אַ פרעג אין גאַנץ מאָהליוו! שעפּטעלע? אַלע קענען אים. קעשענעס? כע! נעם אַ ביסעלע העכער! אָט, אויפברעכן טיש־קעסטלעך, קאַסעס, צומאַכן שליסלען צו קראָמען פון גאָלד־הענדלער...

פאַר איין זייגער אין אַ פרעמדער קעשענע, וועט שעפטעלע דעם לעבן נישט איינשטעלן. צוליב וואָס? ער קען בעסער אַוועקנעמען אַ גאַנצן טשעמאָדאַן מיט זייגערס... פריער, זעסטו, האָב איך געאַרבעט נאָר אויף שריפות...

פאַנדרע האָט ווייטער נישט קלאָר פאַרשטאַנען:

— זע! אַ וואָלנער פאַזשאַרניק געווען? איך — אויך! דאָס האָב איך אויף אַ שריפה פאַרטשעפּעט מיטן פּריסטאַוו...

— איך? מיט מיין גופעלע? — האָט שעפטעלע אַ לאַך געטאָן — וואָס רעדסטו, מענטש איינער! ווי קום איך צו אַזעלכע שווערע מלאכות? נאָך איידער די פאַזשאַרניקעס האָבן זיך אַ ריר געטאָן, פלעג איך שוין אַנטלויפן.. אין ערשטן טומל און רויך, ווען געשלאָסענע טירן עפענען זיך, נאָך איידער די באַלעבאַטים כאַפּן זיך צו זייערע „ממתקים", האָב איך זיי שוין געהאַט אין קעשענע. מ'האָט מיך אָפטמאָל אָנגענומען פאַר אַ שטוביקן, די שליסעלעך געשטופּט אין האַנט. שפּילסט זיך מיט אונדזערע יידן, בשעת עס צינדט זיך ביי זיי אָן?... זיי ווייסן דען אויף וואָסער וועלט זיי זענען? די בעסטע זאַך איז צו „אַרבעטן" צווישן יידענעס אויף אַ שריפה און ווען דער באַלעבאָס איז אין שטוב נישטאָ. אָן אַנטיק, זאָג איך דיר!... „ציפקע! אייזיק! בערקע! זלאַטקע!" — שרייען זיי און כאַפּן זיך צו די פערענעס, שטיקן זיך מיט די קישנס און די אָרעמס און ווייסן נישט, וואָס עס טוט זיך מיט זיי.

— המ... — מאַכט פאַנדרע און לאָזט אַראָפּ די אויגן.

— נאָר איינמאָל — דערציילט ווייטער שעפטעלע — בין איך שיער נישט נהרג געוואָרן, צו שפּעט בין איך אַנגעלאָפן... אַ באַלקע מיט אַ טשוואָק האָט זיך אָפּגעריסן און געפלעט מיר דעם מוח. אָט, זעסטו אַ ווייסן שראַם אין די האָר? איז דאָס מיר פון דאַמאָלסט אָן געבליבן. פאַ־זשאַרניקעס האָבן מיך אַרויסגעטראָגן אַ געחלשטן און געפונען ביי מיר עפּעס אַזעלכענעס אין די קעשענעס... רבינו־תמס תפילין האָבן זיי ביי מיר נ י ש ט געפונען!... אַצינד טו איך נאָר קאַלטע אַרבעט. ווען מען שליסט די געשעפטן, ווען מען פאַרט אַוועק אויף דאַטשעס אָרעמעלייט טשעפּע איך נישט. מיינע יאַטן וועלן זיך אויך נישט דערוועגן. נאָר גאָרנישט... אַז דער אויבערשטער וועט מיר העלפן און כ'וועל אַרויס אויף דער פריי, וועל איך חתונה האָבן און אַוועק — קיין אַמעריקע! פריער מוז איך אָנקלייבן די מטבע. כ'האָב נאָך אָפּצוזיצן אָנדערהאַלבן יאָר. נאָר אפשר וועט זיך מיר איינגעבן צו מאַכן עס בקיצור...

— מען אַנטלויפט פון דאַנען?

— כ בין שוין איינמאָל אַנטלאָפן. געמאַכט זיך געפּגרט און אַנטלאָפן פון שפּיטאָל. מיצו דאַרף נאָר האָבן, זאָג איך דיר, די מטבע אין האַנט. מיינסט, אַז איך זיץ דאָ און לייען תחינות? אָדער איך עס אפשר די פּאַסקודסטווע פון פּאָניעס קעסל?... אַזוי לאַנג זאָל פּאָניע־גנב קרענקען און ווייטיקן! מיינע יאַטן „אַרבעטן" אַפילו איצטער אויך. אָבער אָן מיין קאָפּ קענען זיי זיך נישט באַגיין. אַז מען דאַרף — פרעגט מען מיך אָן, און אַז איך דאַרף — זעען דאָס סטאַראָזשעס. פאַר אַ טרונק בראָנפן האָסטו זיי אין גאַרטל. מען שיקט מיר צו דאַרע קישקע, פראַנצויזישע בולקעס, פּאַפּיראָסן, געבראָטענע הינער, געלט. מיט געלט מאַכט מען אַלץ. ווען נישט אָט דער „טשורילאָ", אַ בראָך זאָל אים אויסקייקלען, וואָלט איך דאָ געלעבט ווי אַ גראַף... ווער איז טשורילאָ? קענסט אים נאָך נישט? וועסט אים באַלד קענען. אַ גוי אָן אַרעסטאַנט, אַ גלית הפלשתי! אַ גזלן אַ גוי! ער גייט אַרום געשמידט אין קייטן און מאַכט אַלעמען דעם טויט. אַפילו די סטאַראָזשעס האָבן פאַר אים מורא... ער נעמט ביי אַלעמען אָפּ דאָס עסן, ער שלאָגט מכת־רצח... מען זאָגט אַפילו, אַז ער איז אַ תליון און הענגט „ציציליסטן". פאַר יעדן קאָפּ רעכנט מען אים אָפּ אַ ביסל אָסטראָג און מען שענקט אים אַ דריי־רובלדיקע. אַנומלטן האָט ער זיך אַליין באַרימט, אַז ער האָט געהאָנגען אַ יידל פאַר שיסן עפּעס אַ „קנעפל". פאַרן לייגן שלאָפן איז דאָס געווען. קיין אַנדער צייט האָט ער נישט געפונען צו דערציילן אַזעלכענע מעשיות! האָב איך, מאַכט ער, דער ראַזבאָיניק, אַ נעם געטאָן דעם יידליק, אַז אַלע ביינדעלעך האָבן ביי אים אַ קנאַק געגעבן. אַזאַ דאַרער בחורל, מיט אַ בערדעלע אַרום האַלדז. זי האָט זיך אים אויסגעשעאָטן פון צו לאַנג זיצן אין „אָדינאָטשקע". „ביע פּלאַטש, מאַכט ער, מאַי מילי!" *) — האָב איך צו אים געזאָגט און אויסגעדרייט אים די הענטלעך אויף הינטן. דער יידליק, מאַכט ער, האָט אויסגעלופּעט גרויסע אויגן און געגומען וואַרפן זיך ווי אַ וואָרעם. איין שטיוועלע איז אים אַזוי אָוועקגעפלויגן. גרויס געוואָרן, אַפּנים, אויפן פוס. „געוואַלד, טאַטעלע, מאַמעלע!" האָט ער געקוויטשעט ווי אַ צוגעשטיקטע קאַץ. „איך בין דאָך נישט ווינאָוואַט, ס'איז אַן אַנדערער געווען... אַן אַנדערער!"... דערזעענדיק די פּעטליע, האָט ער צוגעקוועטשט דאָס באַבערדלטע העל־דזעלע צום ברוסט און געגומען וואָיען ווי אַ משוגענער הונט. האָב איך אים מיט צוויי פינגער אָנגענומען פאַר זיין בערדעלע, אַרויפגעבויגן דעם

---

* נישט וויין, מיין טייערער!

קאָפּ און אָנגעטאָן די פּעטליע. אומזיסט, מאַכט טשורילאָ, האָב איך אַזוי לאַנג געזייפט דאָס שטריקל. דער האַלדז איז ביי אים געווען נאַס פון שווייס און גליטשיק ווי אַ וואָרעם... „לאָז מיך", האָט זיך דאָס יידליק גענומען בעטן ביי מיר, „לאָז מיך איין מינוטקעלע, איך מוז גיין אין אָפּטריט"... מאַך, זאָג איך אים, דאָ אויף אַן אָרט, זאָג איך, כאָ־כאָ! וואָס זשאַלעוועסטו אַצינד דיינע מייטקעס?..."

פאַנדרע איז געזעסן אויף דער „נאַרע" מיט אויפגעריסענע גרויע אויגן. מוראַשקעס זענען ביי אים געלאָפן איבערן ברייטן רוקן. פון היץ און קעלט האָט אים שעפּטעלע גנב אַריינגעוואָרפן מיט זיין צינגל.

שעפּטעלען אַליין איז עפּעס מיטאַמאָל אויסגעגאַנגען לופט, ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און גענומען רייבן זיך אַ שלייף. נאָך אַ מינוט שווייגן, האָט ער שוין גאָר שטיל, כמעט שושקענדיק, פאַרענדיקט:

— ער האָט געמיינט, טשורילאָ, אַז מירן אים העלפן לאַכן. קיינער האָט נישט געלאַכט. אַפילו אָט די גראָבע גוים דאָ... אַ סך זענען אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן.

דאָס געשלעג מיט גליתן

1

צוואַרעמעס האָט זיך אין אָסטראָג אַרײַנגעשאָטן אַ נײַע כאָפּטע אַרעסטאַנטן פֿון די, וואָס אַרבעטן נישט ווײַט פֿון געפֿענגעניש. ס׳האָט פֿון אַלעמען געטראָגן מיט געפֿרײַעטע אַרעסטאַנטן־קליידער און מיט זויערן שווייס.

צוויי יונגע אָסטראָזשניקעס, אין קײַלעכדיקע פֿאַררויכערטע היטלעך און מיט פֿאַרקאַטשעטע אַרבל, האָבן אַרײַנגעטראָגן אַ מין גרויסע פֿאָמוּ־ניצע פֿון בלעך פֿול מיט געקעכץ. דאָס איז געווען דער „באַק״, דער קעסל פֿון געפֿענגעניש. געטראָגן האָט מען אים אויף אַ פֿלאָקן פֿון אַן אַלטער מיעטלע*) דורכגערוקט דורך צוויי אײַזערנע אויערלעך. מ׳האָט אים אַוועקגעשטעלט אויפֿן מיטן דיל און אַראָפּגענומען דעם בלעכערנעם בודעק. באַלד זענען אַלע אַרומיקע אַרעסטאַנטן פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אין אַ געדיכ־טער פּאַרע און אין אַ שאַרפֿן גערוך פֿון זויער־קרויט און בריוקווע. ווען דער עפּושדיקער נעפּל איז אַוועק, האָט פֿאַנדרע דערזען אַ מין־גרוי־ברוינע בראַי, פֿון יענע מיני בראַיען, וואָס בלײַבן איבער אין ברויז נאָכן אָפּציִען דעם בראָנפֿן, און וואָס גייען אויף אונטערקאָרמענען אָקסן פֿאַר דער שחיטה. פֿון די יאַטקע־צײַטן האָט דאָס פֿאַנדרע גוט געדענקט... נאָר דאָ, אין בראַי, זענען נאָך אַרומגעשווומען שטיקער „כראַפּקעס״ פֿון קרויט־קעפּ, נישט־געשאָבענע שטיקער מערן, שטיקער חזיר־בויך מיט נישט־אָפּגע־סמאַליעטע בערשטל־האָר. שוין איינמאָל אַ געקעכץ פֿאַר מענטשן!

אָט די דאָזיקע פֿאַילע האָט דאָס דער „סטאַרשער״ — אַן עלטערער

---

* בעזים.

אַרעסטאַנט מיט אַ סיוועה פּאַנישער באָרד — גענומען אויסטײלן זײנע חברים מיט אַ גרויסן צינענעם לעפל, אַזוי טיף ווי אַ באָד־שעפל. יעטווע־דער אַרעסטאַנט איז צוגעלאָפן, לויט דער רייע, מיט זיין בלעכערנעם קענדל; באַקומען אַ פולע כלי בראַי און אַ שטיק נישט אויסגעבאַקענעם שוואַרץ ברויט — אַ צוגאָב, אויסגעדרייט זיך מעשה סאָלדאַט און אַוועק־געטראָגן זיין פּאַרציע צו זיין אָרט אויף דער פינצטערער נאַרע. עטלעכע האָבן צוליב באַקוועמלעכקייט געגומען דעם שטיק ברויט צווישן די ציין און דאָס קענדל הייסע באַרשץ צווישן ביידע לעדערדיקע לאַפּעס. דאָס האָט נאָך מער פאַרגרעסערט זייער ענלעכקייט מיט אויסגעמושטרירטע חיות, ביי וועלכע די ווילדקייט רופט זיך אָפּ דאַמאָלסט, ווען עס האַלט ביים פרעסן. די לעפל, מייסטנס הילצערנע, האָט מען געצויגן פון די כאָליעוועס, פון אונטער די צוקאָפּנס. צוליב גרויס ריינלעכקייט אַרומגע־לעקט זיי מיט דער צונג. גלייך נאָך דעם איבערגעצלמט זיך און אַ נעם געטאָן זיך „שאַרבען״. עטלעכע אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן קיין אייגענע קענדלעך נישט געהאַט, זענען געשטאַנען גרייט מיט די לעפל אין די הענט, ביז מען וועט איינטיילן דעם באַרשץ די עלטערע אייגעפונדעוועטע אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן זיך שוין באַזאָרגט מיט אָסטראָג־באַלעבאַטישקייט, כדי דערנאָך צוצוכאַפּן זיך צו די שיריים און עסן בקאָמפּאַניע, אַלע פון איין „באַק״.

פאַנדרע איז געשטאַנען אַ הונגעריקער און נישט געוווסט וואָס ער זאָל דאָ טאָן. קיין אייגענע שיסל האָט ער נאָך נישט געהאַט און קויפן זיך „קאַטש״ אויפן אייגענעם חשבון האָט ער נישט געקענט. קיין קאָפּיקע ביי דער נשמה איז אים מער נישט געבליבן. פאַרן משפט אין אַרעסט־הויז, ווען עס זענען אים אויסגעגאַנגען די פאַר גילדן פלעגט ער עסן פון קעסל. אַ ברירה האָט ער געהאַט? זאָל דוכטן, אַז ער איז אַ סאָלדאַט... דאָס עסן איז אָבער דאָרטן געווען אַ סך בעסער. נאָר דאָ, אין אָסטראָג, דערזעענדיק אַזאַ „פּאַילע״ איז אים אָנגעגאַנגען אַ חלשות. און מיט אָט דעם־אָ וועט ער זיך דאָס מוזן שפּייזן אַ יאָר נאָכאַנאַנד...

צווישן די איידעלע אַרעסטאַנטן, כמעט אַלע יידן, וואָס האָבן געוואַרט אויף אַן עסן פון דער היים איז, פאַרשטייט זיך, געווען אויך שעפּטעלע גנב. ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. געזעסן אויף דער „נאַרע״ און געוויגט מיט איין שצאָגעלסקען שטעק־שוך אויפן פיסל, ווי אַ זיידענער באַלעבעסל, וואָס ווייסט, אַז זיין יונגע פלוניתטע וועט אים שוין באַזאָרגן

מיט אַלדאָס גוטס... דערזעענדיק פֿאַנדרען אין פֿאַרלעגנהייט, האָט ער צו אים פֿריינטלעך אַ פּייף געטאָן:

— פּיו, נח! מ׳עט מיר באַלד ברענגען, וועסטו אויך עסן!... וועסט שוין זען, —— האָט ער צוגעגעבן און פֿאַרקוועטשט איין גנבישע אויג, — מיינע יאַטן — וועסט זען...

אַרום דעם טיף־אויסגעשעפּטן „באַק״ האָבן זיך אַרומגעזעצט די יינגערע אַרעסטאַנטן, אָן כלים, און גענומען „שאַרבען״ לעפֿעל־איין לעפֿל־אויס, אַז אַ רויק איז געגאַנגען. דערביי האָט איינער געהיט דעם צווייטן, דער איינער זאָל חס־ושלום נישט אַריינכאַפּן אַן איבעריקן זופּ. אַזוי האָט דאָס געקלאַפּט און געפּאַרן, מיט אַ געוויסן טאַקט פֿון אַ מזמור. דער אייביקער טאַקט פֿון רויען קאָמוניזם ביי געפֿאַנגענע און בעטלער...

די עלטערע אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן שוין געהאַט אָפּגעגעסן אַ רעכטע העלפֿט פֿון זייער מוטנע געמישעכץ אין די קענדלעך, האָבן זיך אַ ביסל אויסגעטשוכעט פֿון זייער ווילדן אַפּעטיט, אומגעקוקט זיך אויף די יידישע מפֿונקים, וועלכע זענען געבליבן זיצן אויף די ערטער, און, צווישן איין חיהשן פֿאַסמאַקעווען זיך און צווייטן, גענומען אָפּלאַכן, טשעפּען זיך:

— אויך מיר פּריצים!

— זשידאָוואַ־אַ!

— עסן כלומרשט ווי די פֿייגעלעך, די זשוליקעס!

— און... ווי די גוטע מוזשיקעס, לויפֿן אַ גאַנצע נאַכט.

— האָבן אָבער קיין חשק נישט אַרויסצוטראָגן די „פּאַראַשע״ *).

— קויפֿן זיך אָפּ ביי אַ „באַש־בראַט״.

— סוקיני־די׳עטי!

— זשידאָווסקי וועלמאָזשי טוזאָווי! **)

— כ׳געפֿעלט זיי נישט דעם קיסרס „כאַרטש״!

— געענדזולעך געבראָטענע דערלאַנג זיי!

— אין מאָרדע דאַרף מען זיי געבן!

— די הינטישע אויערן אָפּרייסן!

— ער, כאַ־כאַ, וועט זיי שוין לערנען ווי צו פּיעסטשען זיך...

— אָט טשורילאָ וועט באַלד קומען.

---

* די גרויסע נאַכט כלי אין אָסטראָג.

** ס׳הייסט יחסנים מיט שאַנד צייכנס, וועלכע זענען אַנגענייט ביי גזלנים אַרעסטאַנטן אויף די כאַלאַטן און זעען אויס, ווי אַ טויז פּיק...

— אַט גייט ער, אָ!

און ווי זיי לאַכן אַזוי אָפּ, ערשט די שווערע דעמבענע טיר גיט זיך אַ שליס־אויף מיט דעם גאַנצן געברום פון אירע אייזנס. און דער סטאַראַזש קומט אַריין מיט אַ קאַרב פול פּעקעלעך איינגעוויקלט אין אַלט־פּאַפּיר. און נאָך אים אַ גרויסער דריי־גאַרנדיקער גוי, אַן עוג־מלך־הבשן, מיט אַ פליכעוואַטן קאָפּ און מיט אַ פּאָר רויט־פּאַרלאָפּענע אויגן, אָן וויעס. און זייערע שוואַרצאַפּלען... ניין, דאָס זענען גאָר קיין שוואַרצאַפּלען נישט געווען. אין זיי איז געשטאַנען יענער ווייסער בליאַסק, וואָס גיט אַרויס סאַמאָראַדנע זשוליקעס און שפּיאָנען! אַ געמיש פון דורכדרינגענדער כיטרעקייט און חוצפּה. מיט שווערע קלאָציקע פיס האָט ער אַריינגע־שפּרייזט, און ביי יעדן טריט אַרויסגערופן אַ דערשטיקטן קלונג פון די פּאַרדעקטע קייטן אונטערן ברודיקן געוועב פון די אַרעסטאַנטסקע מורא־דיקע פּלודערן. זיין אָנגעשוואָלענע מאָרדע פון אַ שיכור איז געווען אַרומגעזוימט מיט אַ שטעכיקער, שוין לאַנג נישט־געגאָלטער רויטער בערדל מיט סיווע פלעקן. דאָס האָט זיין רויען פּנים געמאַכט נאָך מגושמדיקער ווי ער איז.

— אַט דאָס איז ער! — האָט שעפּטעלע גנבֿ אַ שטורך געטאָן פּאַנדרען. און גלייך פּאַרטאַיעט זיך, ווי אַ מייזל דערזעענדיק אַ קאַץ.

לויט דעם, וואָס שעפּטעלע האָט אים פריער געוועזן דערציילט פונעם אַרעסטאַנט טשורילאָ, האָט אים זיך פּאַנדרע פאַרגעשטעלט אַלס אַ מין מענטש־מאַלפּע, אינגאַנצן האַריק מיט זעכציק ציין אין פליישיקן פיסק, דאָפּלט אַזוי פיל ווי ביי אַ מענטשן. דער נאָמען „טשורילאָ" האָט זיך עפּעס אָפּגעגעבן מיט וואַלד און מיט אַכזריותדיקער אומגעלומפּערטקייט. איז פּאַנדרע אויף אים געווען שטאַרק נייגעריק. דער אַרעסטאַנט האָט אָבער פּאָרט אויסגעזען אַ סך מענטשלעכער. דער אָפּגעברענטער פליך מיט גרויסע זומערשפּרינקעלעך האָט נאָך דעם איינדרוק פון דער דאָזיקער „מענטשלעכקייט" פאַרשאַרפט. אָבער גלייכצייטיק האָט פּאַנדרע, מיט זיין געניטער געוווינהייט אָפּצומעסטן אַלע שטאַרקע יונגאַטשעס, גלייך דער־קענט, וואָס פּאַר אַ כוח פון אַ בופלאָקס עס דרימלט אין טשורילאָס, מכלומרשט פוילע, טריט, וואָס פּאַר אַ שווערע זיכערקייט — אין יעדער באַוועגונג. ער איז אַזוי זיכער, דער גרויסער גוי, און אַזוי אָפּגעלאָזן, אַז ער קען אַמאָל כאַפּן קלעפּ פון אַ ש ו וואַ כ ע ר ן... מען קען נישט וויסן.

פּאַנדרע האָט אים מיטן קוק דורכגעטאַפּט די ברייטע אַרעסטאַנטסקע

בגדים. און מיט אַ שפּלקייט אָפּגעשטעלט זיך אויף די גרויסע, גלאַטע, אַ ביסל געדראָלינע הענט. איז מיט די דאָזיקע רויטע פינגער האָט ער דאָס פאַרבראָכן דעם „צישיליסטל״ די דאַרע הענטלעך אויף הינטן, כדי צו בינדן אים פאַר דער תליה, ווי מען בינדט אַ קאַלב?... און דערביי האָט ער נאָך געשמייכלט, דער כאַמרוליע, מיט זיינע ווייסלעכע אויגן אָן וויעס, און, כלומרשט טרייסטנדיק, זיס געריעדט צום געבונדענעם בחורל:

— ניע פּלאַ־אַטש, מאַי מילי!*)

2

אַלע אַרעסטאַנטן מיט די בלעכערנע שיסעלעך געקעכץ האָבן, דער־זעענדיק טשורילאָן, גענומען סאָפּען מיט די נעזער, שושקען זיך.

— ווי די שמשים, להבדיל, דערזעענדיק דעם גבאי... — האָט זיך פאַנדרע געטראַכט.

און די יינגערע אַרעסטאַנטן, וואָס זענען געזעסן אַרום די שיריים פון „באַק״, האָבן זיך אומגעקוקט, ווי די קעץ, איידער זיי הויבן אָן צו זליאָקען מילך פון שיסל. און גאָר פּלוצלונג האָט דער עלטסטער פון זיי אַ קלונג געטאָן מיטן לעפל אינעם הילכיקן בלעך פון „באַק״ און הויך אַ שושקע געטאָן:

— לאָווי, רעביאַטאַ!**)

האָבן זיינע חברים־אַרעסטאַנטן גלייך פאַררוקט די הילצערנע לעפל אין די כאַליאַוועס און גענומען כאַפּן מיט ברודיקע פינגער די שטיקלעך צעקאָכטע חזיר־פלייש אויפן דנאָ פון דער בלעכערנער פאַמוניצע. געכאַפּט און געשלונגען און אומגעקוקט זיך. אַפּנים מורא געהאַט, טשורילאָ זאָל נישט פאַרלאַנגען אַ „לייבן חלק״.

דער גלית האָט אָבער אַפילו נישט געקוקט אין זייער זייט. שפּאַטיש און שטעכיק האָט ער נאָר דורכגענומען מיט די ווייסע אויגן יענע מפונ־קעדיקע אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן געוואַרט אויף זייערע פּעקעלעך פון דער היים. ווי אַ גנבישע בלענד־לאַמטערנע האָט ער איבערגעפירט זיין קוק פון איין יידישן אַרעסטאַנט צום צווייטן. און ווער עס איז אַזוי אָנגעקוקט

---

* ווין זשע נישט, מיין טייערער!

** כאַפּט, קינדער!

געוואָרן, דער האָט זיך צוזאַמענגעקאָרטשעט. בלויז איין פֿאַנדרע איז רואיק זיצן געבליבן און באַגעגנט טשורילאָס קוק מיט קאַלט־גרויע אויגן פֿון אונטער די שוואַרץ־געדיכטע ווייעס. אין שאָטן פֿון דער „נאַרע״ האָבן די דאָזיקע פּאָר אומבאַקאַנטע אויגן געמוזט בליאַסקען גאַנץ באַזונדער. וואָרים טשורילאָס שפּאָט־שמייכעלע איז גלייך אויסגעלאָשן געוואָרן. ער האָט אַ צי־געטאָן מיט דער ברייטער פֿאַנישער נאָז, ווי אַ רויב־חיה וואָס דערשמעקט אַ צווייטע חיה אין שאָטן און ווייסט נאָך נישט, צי דאָס איז אַ חיה צו פֿ אַ ר ב י י ס ן, אָדער צו ב י י ס ן ז י ך מיט איר.

דער אַריינגעקומענער סטאָראָזש מיטן קאָרב האָט דערווייל געטיילט די פּעקעלעך צווישן די איידעלערע אַרעסטאַנטן, וועמען די משפּחות אין שטאָט האָבן עפּעס צוגעשיקט, אָדער וועלכע האָבן זיך געקויפט עסן פֿאַר אייגן געלט.

שעפּטעלע דער מפֿונק האָט אויפֿגעפּאַקט זיין פּאַפּירן פּעקעלע. ס׳איז דאָרטן געלעגן פֿאַרוויקלט אַ גוט־דורכגעבראָטענע הון מיטן אַ האַלבן העל־קאָרענעם ב״ויט, פּריש און מיט קימעל באַשאָטן; אַ פּאָר ציבעלקע־לעך, אַ ביסעלע זאַלץ אין אַ פּאַפּירעלע.

פֿאַנדרע האָט געמיינט, אַז אָט די מפֿונקדיקע אַרעסטאַנטן וועלן זיך גלייך צוכאַפּן צו די געבראַכטע עסנס. ער האָט אָבער מיט פֿאַרוווּנדערונג דערזען, אַז קיינער פֿון זיי רירט זיין עסן נישט אָן. אַלע האַלטן אָפֿן און גרייט די פּעקעלעך און קוקן באַשיידן און אַ ביסל דערשראָקן אָן אַ זייט; וואַרטן ווי הונגעריקע יינגלעך אויף קידוש פֿון אַן עלטערן.

אַז דער סטאָראָזש האָט אָפּגעגעבן דעם לעצטן פּעקעלע, האָט ער ווידער אויפֿגעשלאָסן די דעמבענע טיר מיט די געקעסטלטע אייזנס, אַרויס און אָפּגעשלאָסן הינטער זיך. ערשט דאַן האָט טשורילאָ, מעשה פּריץ, פֿאַרלייגטביידע געדראָלענע הענט אויף זיין גרויסן כאַלאַט ביי דער פֿליישיקער און שטאַרקער ברוסט, און אַזוי האָט ער גענומען שפּרייזן, מיט פּאַוואָליע־טריטעלעך פֿון אַ קאָטער, צווישן די אַרעסטאַנטן מיט די פּעקעלעך עסנוואַרג. די קייטן אונטער זיינע ברייטע פּלודערן האָבן אים מאוימדיק און איינגעהאַלטן צוגעקלונגען. נאָך אים, מיט אַ גרויסער בלעכערנער שיסל אין ביידע הענט, איז נאָכגעגאַנגען אַ קורנאָסע גויעצל — אַן אַרעסטאַנט, און מיט חניפֿהדיקער נאָכגיביקייט אַריינגעקוקט טשו־רילאָן אין די אויגן אַריין. ווי אַ לייב און הינטל, וואָס גייען אַרויס אויף ראַזבאָי, האָבן זיי ביידע אויסגעזען.

מיט פאַרלייגטע הענט האָט טשורילאַ אַ בריק־געטאָן איין אַרעסטאַנט אין קני און אָנגעוויזן מיטן ברייטן נעזל פון זיין צעקרימטער אַרעסטאַנט־סקער „שקראַבע״ *). אויף דעם אָקאָרשט־באַקומענעם פּעקעלע האָט ער דאָס אַזוי אָנגעוויזן:

— וואָס האָסטו דאָרטן, פּאַרשיווע מאָרדע?

דער קורנאָסער גויעצל, הינטער אים, האָט דאָס גלייך איבערגעלייגט אויף זייַ מיאוסן קולכל און מיט אַ בריק פון פּיסל, ווי אַ פּאַיאַץ וואָס מאַכט נאָך אַן אַטלעט:

— באַווייז, פּאַרשיוויעץ!

די געשטורכעטע „פּאַרשיווע מאָרדע״ האָט גלייך אויפן אָרט און אונטערטעניק אויפגעעפנט איר פּעקעלע; און טשורילאָ האָט זיך גנאָדיק געלאָזט אָפּבּרעכן: אַ העלפט פון דער דאַרער קישקע, וואָס האָט זיך דאָרטן געפונען, אַ שטיק פון קעז, פון דער גרינער אוגערקע... דער שמש זיינער, דער גויעצל, האָט דאָס פלינק אויפגענומען אין דער בלעכערנער כלי און צוגעוואָרפן דאָס רעשט, ווען ס׳געהערט, אַזוי ווי מען וואַרפט צו אַ הונט. אין דער זעלבער צייט האָט שוין טשורילאָ גאַנץ ברייטלעך בודק־חמץ געווען ביי אַ צווייטן אַרעסטאַנט. שטאָלץ, מיט פאַרריסנע נעזער, ווי די גאָר גרויסע אַקציזניקעס, אַזוי האָבן זיי זיך ביידע גערוקט — דער רוּיבער מיט זיין באַהעלפער. געשטורכעט, אין דער מאַמען געזידלט און ברייטלעך געגנישטערט. און קיינער האָט נישט געסמעיעט צוצורירן זיך צום צוגעשיקטן עסנוואַרג, איידער אָט די שיינע רעוויזיע איז פאַר־ביייגעגאַנגען. אָפּגעגעבן אַ חלק — זענען די באַגזלטע עפּעס גלייך געוואָרן פריילעכער און גענומען רייבן אין די פּיסקעס אַריין, לאַכנדיק און טשמאָ־קענדיק, ווי די שאַקאַלן נאָך אַלייב, פּונקט ווי ס׳איז זיי אָקאָרשט גאָרנישט געשען און קיינער האָט זיי נישט באַליידיקט...

צו שעפּטעלעס גנב איז נאָך די ריי נישט דערגאַנגען. ער איז געזעסן איבער זיין פּעקעלע און געוואַרט. שוין אַפּנים געוווינט געווען צו אַזאַ גזלוואַניע. נאָר פּאַנדרע אַליין האָט מיט אויפגעריסענע אויגן צוגעזען די גאַנצע סצענע; און ביסלעכווייז, אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, האָט אים אַ צאָרן אַרומגענומען. די נאָז־פליגלען האָבן זיך ביי אים אָנגעבלאָזן. די אָדערן פון האַלדז — אָנגעגאָסן זיך מיט בלוט. דער גאַנצער פאַר־שטיקטער כעס זיינער, אין משך פון אַ האַלב יאָר צייט, קעגן אַלע זיינע

---

* גראַבער, לעדערנער פּאַנטאָפל.

גויעשקע פייניקער: סטראַזשניקעס אויף דער גאַס און סמאַטריטעלעס אין אַרעסט, פאַלשע עדות ביים פּראָקוראָר און קאַלטבלוטיקע שופטים אין „סוד" — האָט אין אים אַצינד אויפגעברויזט. מילא, יענע מאַכן דעם טויט און זאָגן כאַטש, אַז ס'איז „פּאַ זאַקאָנו", קוקן אין די ביכער און טוען אָן צרות. אָבער וואָס קאָמאַנדעוועט דאָ נאָך אָט דער פּאַניע־חזיר? אָט דער בלוטיקער תלין? אָט דער געמיינסטער אַרעסטאַנט צווישן אַרעס־טאַנטן?

— פאַרוואָס עסטו נישט? — האָט פאַנדרע שטיל, אָבער שטרענג, אַ פרעג געטאָן ביי שעפּטעלע גנב.

— דו זעסט דאָך! — האָט שעפּטעלע נאָך שטילער געענטפערט און אַ סאָפּע געטאָן מיט דער נאָז.

— עס, זאָג איך דיר! — גיט אויף אים פאַנדרע אַ מרוקע — האָב קיין מורא נישט!

— די קישקעס וועט ער אַרויסלאָזן, — סאָפּעט שעפּטעלע און די אויגעלעך לויפן ביי אים אַרום ווי ביי אַ מייזל — ער וועט אַלץ צונעמען אין בלוטיקן.. גיי דערנאָך קלאָג זיך! ער איז דאָך אַ זייערער... יאָ, הויב זיך מיט אים אָן! אַ־אַ־אַ גוי צעקוועטשט פאַדקאָוועס ווי בויגל, ברעכט האַלאַבליעס איבערן קני...

טשורילאָ מיט זיין קורנאָסן באַהעלפער זענען שוין געשטאַנען גאָר נאָענט. דערהערט, אַז שעפּטעלע רעדט עפּעס צופיל מיט זיין נייעם חבר, האָט ער אויף אים פונדערווייטנס אַ וואָרף געטאָן מיטן אָקסענעם קאָפּ און, סטראַשענדיק, אויסגעזונגען דורך די ציין:

— ראַזגאַ־וואַ־אַריוואַי! *)

אויסגעלערנט אַפּנים, אַזאַ ניגון און אַזאַ וואָרט ביי נאַטשאַלסטוואָ. ווי נאַטשאַלסטוואָ אויף אים, אַזוי ער — אויף זיינע שוואַכערע אָסטראָג־חברים.

— כי־כי, — האָט אים דער קורנאָסער באַהעלפער אונטערגעחנפעט, — געזען? ער מסרט. ער זשאַלעוועט זיין „כאַרטש"...

— עס, זאָג איך דיר! — האָט שוין פאַנדרע אַ ברום געטאָן אויף שעפּטעלען, — עסן זאָלסטו! דו הערסט?

— נאָ — האָט אים שעפּטעלע גנב אַ רוק געטאָן זיין פעקעלע — עס דו! זיי אַ בריה אַז דו ווילסט!

---

* רעד נאָך אַ ביסל!

נישט אומקוקנדיק זיך אויף קיינעם, האָט פֿאַנדרע גאַנץ רואיק אָנגענומען די געבראָטענע הון פֿאַרביידע פֿאָלקעס און, מיט איין לייכטער באַוועגונג, צעריסן זי אויף צוויי גלייכע טיילן, פֿון צוגעברוינטן הינטן ביזקל העלדזל.

אין דער זעלבער רגע האָט טשורילאָ אַ שפּרונג געטאָן, ווי אַ חיה, און אַ טראַסק געגעבן מיט זיין שווערער לאַפּע איבער פֿאַנדרעס אָרעם אַזוי, אַז איין העלפֿט הון האָט אַוועקגעטאַנצט איבערן קויטיקן דיל, אַוועקגעקייקלט זיך ביז דער „פֿאַראַשע" אין ווינקל:

— שטאָ־אָ־אָ־אָ?

די ווייסע גזלנישע אויגן פֿון דעם „גלית" זענען דערביי שיער נישט אַרויסגעקראָכן, אַ שוימל האָט זיך באַוויזן אין די ווינקלען פֿון זיין פֿליישיקן מויל. ער האָט אַזש געגנומען זאַאיקען פֿון מוראדיקער אויפֿרעגונג:

— אך, טי־טי, אין דיין מאַמ... מאַמען אַריין! טי־טי־טי!

פֿאַנדרע האָט זיך דערמאָנט, אַז פּונקט אַזוי האָט זיך דער האַלבשיכורער פּריסטאַוו צעזאַאיקעט, בשעת דער שריפֿה ביים נייעם נגיד, ווען ער, פֿאַנדרע, האָט אים אָפּגעשטויסן זיין אויפֿגעהויבענע האַנט אין דער ווייסער הענטשקע... איז דאָך דאָס אָבער געווען אַ פּריסטאַוו!... אָבער אָט דער חזיר דאָ? ער אויך?

— האַלט צו דיין חלק! — האָט פֿאַנדרע דערלאַנגט שעפּטעלען די צווייטע גאַנץ־געבליבענע העלפֿט פֿון דער הון. און מיט איין רוק אַראָפּגעגליטשט זיך פֿון די נאַרעס און געבליבן שטיין אויף ביידע שטאַרקע פֿיס אַקעגן טשורילאָן.

3

אַלע אַרעסטאַנטן זענען אויפֿגעשפּרונגען פֿון די ערטער. קייענדיק געשמאַק און שלינגענדיק דעם לעצטן ביסן האָבן זיי זיך אַרומגעשטעלט אַרום ביידע קעגנער. די שמחה פֿון אַן אומזיסטער פֿאָרשטעלונג. פֿון אַן אומגעריכטער אָפּרישונג האָט ביי זיי אַלעמען אויפֿגעגלאַנצט אין די גלייכגילטיקע אויגן. אַלע גויים האָבן ווי איין מענטש דערפֿילט, אַז דער נייער זשיד־אָווסקער אַרעסטאַנט איז נישט פֿון יענע, וואָס לאָזן זיך שפּייען אין דער קאַשע. און די יידישע און שוואַכע, שטענדיק באַגזלטע אַרעסטאַנטן, האָבן אין האַרצן גאָט געבעטן עס זאָל עפּעס פֿאַרקומען אַזעלכעס,

אַז מען זאָל פּטור ווערן פון טשורילאָס הערשאַפט, פון זיינע קולאַקעס, פון זיין מיאוסן מויל, פון זיין אַרויסרייסן דעם ביסן פון האַלדז. בלויז עטלעכע פון די פאַרדאָרבנסטע גויים, וואָס האָבן אויף טשורילאָן געקוקט ווי אויף זייער גליתן, ווי אויף אַ מין פאַרשטייער פון זייער גויעשקער מאַכט און פון ווייער אַרעסטאַנטסקער הפקרות, האָבן בייז געבורטשעט אויף דער חוצפה פון אַ „באָוויטשאָק" אַ יידן, צו האָבן אַ העזה און פאַר־טשעפּען זיך מיט זייער ע ל ט ס ט ן... זיי האָבן געבורטשעט און אונ־טערגעוואָרעמט טשורילאָן:

— מאַך פון אים אַ קרויט מיט ראָסל!...

— ווייז אים, ווו די ראַקעס ווינטערן!

— די הייסע גיב אים!

אין גאַנצן אַרום האָט דאָס אויסגעזען, ווי אַ קאַריקאַטור אויף אַ ביבל־סצענע צווישן יידן און פּלשתים, ווען די יהודים וואַרטן מיט ציטערניש און די פּלשתים — מיט רויע פרייד. און ביידנס חיילות קוקן אויס די אויגן מיט וואָס ס'וועט זיך ענדיקן דודלס אַרויספאָדערונג צום גרויסן זעקס־איילעדיקן גלית, מיט די זעקס פינגער אויפן האַנט און מיטן קופּערנעם הוט אויפן גרויסן קאָפּ...

טשורילאָ האָט זיך אָבער נישט געאיילט. ער האָט בלויז ווידער פאַרלייגט ביידע לאַפּעס אויפן האַרצן און אָפּגעמאָסטן פאַנדרען פון אויבן אַראָפּ און פון אונטן אַרויף. פאַנדרעס וווקס איז געווען ווייט נישט קיין קליינע. אָבער ער, דער גוי, איז פּאָרט געווען מיט אַ קאָפּ העכער פאַר אים. האָט זיך אים לכתחילה אויסגעדוכט, אַז מיט אַזוי פיל, ווייניקסטנס, איז ער שטאַרקער פאַר אים... נאָר דאָ האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף פאַנדרעס פּלייצעס, דריי־אַרשיניקע געזעצטע פּלייצעס, און דער קיילעכ־דיקער קאָפּ זיצט פעסט אויף זיי, באַהעפט דורך אַ ברייטן האַלדז מיט צוויי אָנגעבלאָזענע בלוילעכע אָדערן פון ביידע זייטן, וואָס גיסן זיך צוזאַמען מיט דער געקאָוועטער קיילעכדיקייט פון זיינע אַקסלען. און אָן אַ פּאָר אויגן האָט זיך טשורילאָ אָנגעשטויסן, וואָס קוקן אים אָן גלייך און אָפן, מיט אַ גרויען פייער פון אונטער די שוואַרצע ווייעס. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז שוין פריער, ביים אַריינשפּרייזן אין אָסטראָג, איז אים דער דאָזיקער או'מבאַקאַנטער קוק נישט געפעלן געוואָרן, און ס'איז אים געוואָרן קאַלעמוטנע, אין זיין פערציק־יאָריגן לעבן, פון אַ „קולאַק" אין דאָרף, פון אַ „בראָדיאַגע" אויף דער וואָלגאַ און אַ ראַזבאָיניק אין די פּאָליעסער וועלדער, האָט ער שוין געהאַט געניטע פּראַקטיק, כדי צו דער־

פילן מיט ווען ער האָט דאָ צו טאָן וואָס פאַר אַ גופעלע דאָ שטעקט באַהאַלטן, אַקעגן אים, אין די גרויע פאַלדן פון די אַרעסטאַנטן־קליידער. אָ, אַזוי לייכט ווערט ער דאָ דעם יונג די קישקעס נישט אַרויסלאָזן...

אָבער דער גאַנצער כבוד פון אַ „יאַ־טעבע־דאַם" און פון אַ הער־שער איבערן גאַנצן אָסטראָג איז דאָ געשטאַנען אין קאָן. אַצינד איז שוין געווען צו שפעט חרטה צו האָבן: געדאַרפט זיך פריער אומקוקן, וואָס פאַר אַ נייער „פויגל" עס זיצט דאָ אויף די נאַרעס... און, כדי אונטערצוגעבן זיך אַליין מוט און אָפּציען אַ ביסל דעם בייזן מאָמענט פון אָנגריף, האָט זיך טשורילאָ געפּרוווט כראַברען, כלומרשט פון אויבן אַראָפּ אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ צו פאַנדרען, חוצפּהדיק אַ פרעג געטאָן נישט אים, נאָר סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין:

— זשיד?

— זשיד... נאָוויטשאָק!*) — האָבן עטלעכע גוטמוטיקע אַרעסטאַנטן חניפהדיק פאַרענטפערט פאַנדרען. ס'הייסט, ער ווייסט נאָך נישט ווער דו, טשורילאָ, ביסט. אַז נישט וואָלט ער זיך נישט דערוועגט.

— זשידאָק, זשידאָק, קאַק־זשע! — איז טשורילאָס קורנאָסער באַהעל־פער צוגעשפּרונגען מיט דער שיסל אָנגערויבטע עסנוואַרג... ער האָט די בלעכערנע כ'לי געהאַלטן איןביידע הענט, ווי אַ הינקענדיקער שמש — שלח־מנות. און זיין קוויטשעדיקער „אויסזאָגן פון חדר" האָט געדאַרפט באַדייטן: „צי אַזוי צי אַזוי, קלעפּ מוז דער ייד באַקומען"...

דאָס הינטישע אַריינמישן זיך פון זיין קורנאָסן נאָכלויפער איז דאָס מאָל דעם צערייצטן טשורילאָ נישט געפעלן געוואָרן. האָט ער אים, פאַר אַזאַ קוויטש, דערלאַנגט אַ כמאַל איבערן אָפּגעגאָלטן שאַרבן מיט דער בערישער לאַפּע און אַזוי פלינק און וואָגיק, אַז יענער האָט זיך איבער־געדרייט אין דרייען, מיטן קאָפּ אָן דעם שטיינערנעם דיל אַנידערגעפאַלן; און די שיסל מיט עסנוואַרג האָט זיך צעשאָטן אַרום אים. דאָס האָט ביי טשורילאָן באַדייט, אַז אַצינד, אין אַזאַ ערנסטן מאָמענט, איז נישטאָ קיין אָרט פאַר אַזעלכע הינטישע שטיק. און פאַר איינע הוצאות האָט ער שוין מיט דעם דאָזיקן כמאַל אַ ביסל אָפּגעקילט דעם אייגענעם כעס און אַ ביסל באַפרידיקט די הייסע נייגעריקייט צו שלעגעריי ביי זיינע פאַר־הערער. אַזוי אַרום — אָפּגעצויגן נאָך אַ ווײַלעצקע דעם געפערלעכן אַרויסטריט אַקעגן זיין אומבאַקאַנטן קעגנער.

---

* אַ ייד, אַ נייִלינג!

פּאַנדרע האָט אָבער קיין אויג פון אים נישט אַראָפּגענומען, מיט אַ האָר פון ברעם נישט אַ ציטער געטאָן. די גאַנצע דעמאָנסטראַציע פון גבורה איבערן קורנאָסן גויעצל איז אים, ווייזט אויס, גאָר ווייניק אָנגעגאַנגען. נישט אויסהאַלטנדיק מער דעם גרויען קוק, האָט טשורילאָ, מיט געמאַכטן צאָרן, שטרענג אַ ברום־געטאָן:

— טשורילו זנאַיעש? *)

— כאַ־כאַ — כאַ־כאַ! — זענען זיך חניפהדיק נאָכגיביק פאַרגאַנגען אַרום אים עטלעכע אַרעסטאַנטסקע העלדזער.

פּאַנדרע האָט געשוויגן. ער האָט אַצינד קלאָר דערפילט, אַז דער גרויסער ערל וואָלט שוין געוועןאַ בעלן אַרויסצודרייען זיך מיט כבוד פון געפערלעכן שפּיל. ער, פּאַנדרע, דער זשיד און „גאָוויטשאַק״, דאַרף נאָר געבן אַ צייכן פון חרטה, נאָר איינמאָל שוואַך אַ שמייכל טאָן, וועט שוין טשורילאָ, דער אומבאַגרענעצטער הערשער און פּאַטשער אין אָס־טראָג, איינגיין אויף אַ פּשרה און וועט לאָזן די אַנטשיידונג אויף אַן אַנדערש מאָל...

נאָר אַצינד האָט זיך ביי פּאַנדרען צעשפּילט דער האָנאָר. עס האָט אים נישט געפּאַסט אָפּצוטרעטן פאַר שעפּטעלען, וועלכער האָט געהאַלטן די גאַנץ געבליבענע האַלבע הון אין האַנט און פאַרגעסן אויף איר... ס'האָט אים נישט געפּאַסט פאַר די איבעריקע דערנידעריקטע און באַרויבטע אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן פאַרזאָרגטע געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ רעטער פון הימל. שעפּטעלעס מויל איז געווען האַלב־אָפן פון פאַרוווּנדערונג, און די אויגן פון די אונטערדריקטע האָבן געגליט פאַר אויפרעגונג. הייבט ווי אַזוי זאָל ער, פּאַנדרע, אינמיטן דערינען, אָפּנאַרן זייער האָפענונג, לאָזן זיי אַליין?...

— דו שווייגסט? זשיד! — האָט זיך טשורילאָ ווייטער געכראַבּרעט, דערזעענדיק, אַז זיין קעגנער טרעט נישט אָפּ און היט יעדע באַוועגונג זיינע מיט האַרטע און אָפענע אויגן.

— חזיר! — האָט פּאַנדרע דאָס מאָל קורץ און זאַכלעך אָפּגע־ענטפערט.

שפּילעוודיק, ווי אַ גבור, וואָס איז כלומרשט זיכער אין זיין נצחון, האָט טשורילאָ אַ הייב געטאָן זיין לאַנגן און שווערן אָרעם און מיט ביטול, אָבער אומגלויבלעך פלינק, געלאָזן אַראָפּגליטשן צוויי שווערע

* טשורילאָן קענסטו?

רויטע פינגער איבער פֿאַנדרעס פּנים. די פינגער האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אָן נאָז. און פֿון ביידע נאָזלעכער ביי פֿאַנדרעען האָט גלייך אַ שפּאַר־געטאָן מיט בלוט.

— וואָט קאַק! — כאַ־כאַ... — האָבן זיך גענומען טרייסלען די בייכער ביי די אָסטראָזשניקעס.

פֿאַנדרע האָט זיך געריכט אויף אַן אָנגריף פֿון אַ חיה, אָבער נישט אויף אַזאַ שפּילעוודיקן, שקאָצקעוואַטן שלאָג אין נאָז מצד אַזאַ גרויסן גוי. האָט ער זיך דערפֿאַר אין דעם ערשטן מאָמענט אַ ביסל צעטומלט. עפּעס ווי פֿאַרחלומט האָט ער זיך אַ וויש געטאָן די נאָז, וואָס האָט אים הייס גענומען קיצלען... שוין באַלד אַנדערהאַלבן יאָר נאָך דער חתונה — און פֿונדעסטוועגן האָט אים מיטאַמאָל אָפּגעקלונגען דער אַמאָליקער מערעס פּאַטש, בשעת ער האָט זי צום ערשטן מאָל אָנגעכאַפּט... אַ מאָדנע אומפֿאַרשטענדלעכע זיסקייט פֿון י ע נ ע ם ו ו י י ט י ק האָט אים אָצינד זיך צעגאָסן אין די ביינער. דערפֿאַר האָט ער זיך פֿאַרלוירן. און ס'איז קיין חידוש נישט. שוין באַלד זעקס חדשים, אַז ער זיצט פֿאַרשפּאַרט און בענקט נאָך מערען, נאָך אַלע אירע זאַפּטיקע אברים... אָבער אין אַ רגע אַרום האָט ער זיך שוין אויסגעטשוכעט. בלוט האָט ער דערזען, נאָכן וויש, אויף דער דלאָניע. בלוט... און נישט מערען. אָנשטאָט איר איז אַקעגן אים, אין רויטלעכן נעפּל, געשטאַנען עפּעס אַ גרויסער פֿליכעוואַטער גוי, און אַרום אים האָט געדונערט אַ גויעשקער בראַוואָ־געלעכטער:

— וואָט־קאַק! האַ־האַ־האַ...

4

דערזעענדיק פֿאַנדרעס פֿאַרלעגנהייט און אונטערגעוואָרעמט פֿון אונטערטעניקסטן געלעכטער — האָט טשורילאָ פֿאַרגעסן זיין פֿריערדיקע פֿאָרזיכט, זיין אויסגערעכנטקייט פֿון יעדער באַוועגונג, און אַ ביסל אָפּגעלאָזן ווידער אויפֿגעהויבן זיין שווערן אָרעם צו געבן דעם אמתן קלאַפּ... אין דער זעלבער רגע האָט זיך דער גאַנצער געזעצטער גוף פֿון פֿאַנדרען אַ צאַפּל געטאָן. ווי אַן איבערגעבויגענע, איבערגעצויגענע שטאָלענע ספּרוזשינע, איז ער בליץ־שנעל אויפֿגעשפּרונגען, מיט דער גאַנצער שווערקייט פֿון זיין גוף און האַרטקייט פֿון זיין פֿויסט, און אַ מוראדיקער ביין־ברעכנדיקער זעץ איז געפֿלויגן דעם גוי אין מאָרדע אַריין, פֿון אונטן־אַרויף...

טשורילאָס אָקסענער און לאַכנדיקער מויל האָט זיך גלייך צוגעהאַקט, ווי אַ שופלאַד, מיט אַ קנאַק און מיט אַ קלונג פון דערשיטערטע ציין. פּאָר זיינע ווייסלעכע אויגן האָבן זיך גענומען שיטן גרויע קעסטעלעך און פונקען... פּאַנדרעס פּאַרסקאַליעטער און געבלוטיקטער פּרצוף, אַקעגן אים, האָט זיך עפּעס צעטיילט אין עטלעכע טיילן... טשורילאָ האָט אַ בריל־געטאָן פאַר ווייטיק און חרפּה און געוואָלט זיך אָנכאַפּן פאַר איין שווי־מענדיקן טייל פון זיין קעגנער, איינקלעמען זיך מיט אַלע צען פינגער און בעגל... איז אָבער גאָר אַ צווייטער טייל פון פּאַנדרען אויסגעוואַקסן אין אַ נייער מ׳ראדיקער קראַפּט און אַרויסגעוואָרפן פון זיך אַ נייעם קיילעכדיקן זעץ, ווי אַן אַלט־מאָדישער האַרמאַט וואָרפט פון זיך אַרויס אַ שטיינערנעם קנויל. דאָס מאָל איז דער קלאַפּ געפלויגן אַ ביסל פון דער זייט, געטראָפן אין לינקן שלייף אַריין...

טשורילאָ האָט זיך אַ גליטש־געטאָן מיט איין פוס, באַלד אָבער דער־כאַפּט זיך מיט דעם צווייטן פוס און געבליבן שטיין אין אַ מילכיק־רויטן תהו־ובהו. צו דער פאַרווונדערונג פון אַלע אַרעסטאַנטן און פון פּאַנדרען אַליין איז ער פונדעסטוועגן שטיין געבליבן. נאָר דער שווערער קאָפּ האָט זיך אים געשאָקלט, פון רעכטס נאָך לינקס, ווי ביי אַ נישט־דערקוילעטן באַיק. ער האָט שוין גאָרנישט געזען, נאָר טאַפּנדיק געשטרעקט די לאַנגע שווערע לאַפּעס מיט פאַרקראַמפּטע בעגל, אומגעלומפּערט געפּאַכעט מיט זיי, און שאַרף, ביז אין חזירשן ביין געפילט, אַז די קאַריערע פון אַ „קאָט״ *) איז געענדיקט, אַז פון זיין גאַנצער ממשלה אין אָסטראָג איז קיין שטיק מער געבליבן און דער דאַך פאַלט אים איבערן קאָפּ...

— נאָזשאַ! (אַ מעסער) — האָט ער פאַרצווייפלט און סתם אין דער וועלט אַריין אַ בריל־געטאָן. דער בריל אַליין איז געווען פייכט, פאַרכליבעט פון בלוט, וואָס האָט זיך אים געגאָסן פון אַלע שפּאַרונקעס. נישט פּאַנדרע, נישט קיינער פון די פאַרגאַפטע אַרעסטאַנטן האָבן פאַרשטאַנען, וואָס דאָס מיינט. צי טשורילאָ שרייט בלינדערהייט, מען זאָל אים ג ע ב ן אַ מע־סער, צי ער סטראַשעט זיין קעגנער, אַז ער וועט באַלד צ י ע ן אַ מעסער. און נישט וואַרטנדיק, ביז דער צעמזיקטער גוי וועט זיך דערקלייבן צו זיינע פליודערן, האָט זיך פּאַנדרע אויף אים צום דריטן מאָל אַ וואָרף געטאָן. דאָס מאָל מיט אַ ביסל רחמנות. ער האָט אים מער קיין בלוט נישט געוואָלט לאָזן. אַצינד האָט ער נאָר געוואָלט אים אומוואַרפן. קודם־כל

---

* אַ צונעמעניש פון אַ „קולאַק״ ביי די אָסטראָזשניקעס.

זאָל ער זיך אָקאָ־שט אויסציען אויפן דיל; דערנאָך וועט מען זען... האָט פּאַנדרע דערפֿאַר נאָר איין וויג־געטאָן מיטביידע מאַסיווע פּלייצעס אויף צוריק, און מיט די אויסגעשטרעקטע פֿויסטן, ווי מיט צוויי סוקאַטשעס, אַ שטויס געגעבן דעם ערל אין האַרצן. און... איז באַגאַנגען אַ נישט־פֿאַר־אויסגעזעזענעם פֿעלער.

מחמת רחמנות האָט ע ר צו קלאָציק אַ שטויס געטאָן. ער האָט נישט אויסגערעכנט, אַז דער געשלאָגענער, פֿאַרבלענדטער גלית שטייט שוין אַזוי שוואַך אויף זײַנע אַרעסטאַנטסקע שקראַבעס. האָט ער, דערפֿאַר, זיך אַליין פֿריער נישט באַוואָרנט מיט בויגזאַמקייט אין די עלנבויגנס און מיט שטאַנדהאַפֿטיקייט אין די קני. פֿונעם האַרטן און גראַדן טערעבענץ, וואָס איז מער געווען אויסגערעכנט אויף וואָג ווי אויף ווייַ צו טאָן, איז דער גלית אַנידערגעפֿאַלן מיט דער גאַנצער לענג פֿון זיבן־פּודיקן גוף! און מיט אים צוזאַמען און א י ב ע ר אים — פּאַנדרע מיט זײַן אייגע־נעם כבוד...

— ווי אַמאָל איבער דער וואָלפּיכע... — איז פּאַנדרען דורכגעלאָפֿן אַ בריענדיקער געדאַנק — עפּעס אַלץ חזרט זיך איבער...

אָבער נ י ש ט אַלץ האָט זיך דאָס מאָל איבערגעחזרט. אויפֿצו־שפּרינגען, ווי אַמאָל איבער דער וואָלפּיכע אין פֿינצטערן וואַלד, האָט פּאַנדרע נישט באַוויזן, נישט געקענט מער. וואָרים... אויפֿגעוועקט פֿונעם פּלוצלעכן אַנידערפֿאַל, האָט טשורילאָ באַקומען זײַן ווילדע פֿלינקייט און, דערפֿילנדיק דאָס לעבעדיקע געוויכט פֿונעם אויסגעצויגענעם שונא ביי זיך אויפֿן בויך און ברוסט, האָט ער אים גלייך אַרומגעכאַפּט מיט ביידע לאַפּעס; אָרעמס און רוקן אים פֿאַרקוועטשט ווי אַ ווערג־שלאַנג, און די שווערע קני פֿאַרוואָרפֿן איבער פּאַנדרעס פֿיס...

די אייזערנע ריפּן ביי פּאַנדרען האָבן אַזש אַ קרעכץ געטאָן. און מיט אַ קאַלטן שרעק האָט ער דערפֿילט, אַז ער קען מער מיט הענט און פֿיס קיין ריר נישט געבן, ווי יענער בחורל, דער „ציציליסטל", וועלכן טשורילאָ האָט פֿאַרבראָכן די הענט פֿאַר דער תּליה, די פֿיס געפּענטעט... אים האָט זיך געדוכט, אַז באַלד, פֿאַרן דערשטיקן אים, וועט אויך אים טשורילאָס פֿאַרבלוטיקט מויל תּליניש־זיס אויסזינגען:

— ניע־ע פּלאַ־אַטש, מאַי מילי־י!

נאָר אָנשטאָט דעם, האָט פּאַנדרע גאָר נאָענט דערהערט אַ בלוט־דורשטיקן כאָרכלען, און אַ צעמזיקטער, גרויסער מויל האָט זיך אויפֿגע־ריסן אונטער זײַנע אויגן, און צעבלוטיקטע גרויסע ציין האָבן, בלינ־

דערהייט, געזוכט אָפּצובייסן אים די נאָז, אַרויסצורייסן אים דעם גאָרגל פון האַלדז... אָט, אָט... נאָך איין רגעלע!... איבער זיין צוגעבויגטן האַלדז און נאַקן האָט זיך שוין געטראָגן דאָס צופרידענע כאַכאָטשען פון די גויעש־קע אָסטראָזשניקעס:

— וואָט־וואָט־וואָט! האַ־האַ־האַ־אַ...

איין שעפּטעלע האָט, ערגעץ־ווו איבער אים, ווי אַ דערשראָקן קינד, אַ קוויטש געטאָן.

— אײַ־אײַ, מאַמע ע!

מיט אַן איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג פון ווילן האָט פּאַנדרע איינגעשטילט די פּלוצלעכע שווינדלעניש וואָס איז אים באַפאַלן. מיט אַ צוריקגעקערטער קאַלטבלוטיקייט פון אַ געניטן פּאָזשאַרניק און פויסט־שלעגער, וואָס איז אַרייַנגעפאַלן אין אַ טויט־סכנה, אין אַ קלעם פון אַ מיאוסן סוף, — האָט ער זיך גענומען ראַטעווען, אויסרעכענענדיק די מינדעסטע באַוועגונג זיינע, שפּילנדיק אין גליק אויף דער ווייטיקער פאַר־בלענדעניש פון זיין קעגנער.

מיטן גאַנצן כוח און געצווונגענער האַסטיקייט פון אַ גבור, וואָס זעצט אַלץ איין אין קאָן, אַלץ אויף איין מאָל, האָט פּאַנדרע אַ צי־געטאָן לופט, איינגעפּרעסט זיין אָנגעאָטעמטע ברוסט, ווי אַ קיילעכדיקן פּאַנצער, אין טשורילאָס קייכנדיקע אָפּגעפּלאַכטע לונגען, און אַ וואָרף געטאָן קאָפּ און האַלדז אַרויפצו אַזוי הויך ווי ער האָט נאָר געקענט. דורך אַזאַ דאָפּלטן מאַנעוור, האָט ער שטאַרק פאַרגרעסערט דעם שטח צווישן גליתעס רייס־ציינער און צווישן זיין אייגענעם פּנים און האַלדז. אין דער דאָזיקער משונהדיקער אָנשטרענגעניש האָט ער זיך געהאַלטן נאָר איין רגע, נאָכ־קוקנדיק מיט אויסגעגלאָצטע אויגן טשורילאָס צאַפּלענען... און גאָר פּלוצלונג האָט זיך פּאַנדרע אָנגעצילט, אַ וויג־געטאָן דאָס גאַנצע געוויכט פון האַרטן קאָפּ ווי אַ קורצע גומענע נאַהייקע מיט אַ פּודיקן קניפּל, געגעבן אַ לאָז אַראָפּ די אויסגעגאַלטע שטיינערנע גאָמבע מיט דער בלוי־רויטער גריבעלע אין מיטן, און אָנגעטראָפן דעם ערל פּונקט אין ביינער־דיקן וואָרצל פון דער ברייטער, פּאָנישער נאָז...

אַמאָל, אין די יינגלישע יאָרן אין חדר, פּלעגט פּאַנדרע ווייזן אַ קונץ די דערשטוינטע חברימלעך זיינע. ער פלעגט צעקנאַקן אַ וואַלד־ניסל מיט דער גריבעלע פון גאָמבע. מען האָט נאָר געדאַרפט דעם ניסל אַוועקלייגן אויפן ברעג טיש און צוזאָגן, אַז נאָכן צעקנאַקן געהערט די יאָדרע אים, פּאַנדרען. אַמאָל, אין די קינדער־יאָרן, האָט ער זיך גאָר נישקשהדיק

איינגעאַרבעט אין דער דאָזיקער כשרער פּרנסה.. אַצינד, אין דער מואימ־דיקער געפאַר צו בלייבן אָן אַ נאָז אָדער אָן אַ גאָרגל, האָט זיך אים דער דאָזיקער קונץ דערמאָנט, ווי אַ ליכטיקער שטראַל אַ שיין געטאָן, און איז אים שטאַרק צונוץ געקומען. מיט דער אויסגעוואָקסענער מאַנסביליש־געשטאַרקטער גאָמבע און פאַרהאַרטעוועטער גריבעלע האָט ער צעקנאַקט דעם ערלס נאָז־וואָרצל, ווי אַ גרויסן וואַלד־נוס. דערביי האָט פאַנדרע זיך אַליין געשפּאָלטן דאָס פלייש ביז אין ביין. עס האָט זיך אָבער געלוינט! טשורילאָס אייזערנער קלעם, פון קני און לאַפּעס, האָט זיך גלייך אָפּגעלאָזן. די סכנה איז אַריבער. פאַנדרע האָט אַרויסגעכאַפּט ביידע אָרעמס און אַ נעם־געטאָן דעם ערל פאַר ביידע אויערן. צוליב זיכערקייט האָט ער געוואָלט אַ זעץ טאָן דעם אָקסענעם שאַרבן אָן דער שטיינערנער פּאָדלאָגע... ער האָט אָבער דערפילט, אַז דער גלית־קאָפּ גיט נאָך. האָט ער אים פאַר־זיכטיק צוריק אַראָפּגעלאָזן.

טשורילאָ — דער שרעק פון אָסטראָג, דער טיראַן פון אַלע אַרעסטאַנטן, ווי גרויס און שווער ער איז געווען, איז געלעגן אַ געחלשטער.

פאַנדרע איז אויפגעשפּרונגען. פון זיין צעשונדענער גאָמבע האָט געטריפט מיט בלוט. מיט דעם גויס בלוט, צי מיט אייגענע?... אפשר מיט ביידנס צוזאַמען.

ער האָט אָנגעכמורעט דעם שטערן און אַרומגעקוקט זיך. די אָסטראָזש־ניקעס האָבן זיך מיט גרויס דרך־ארץ אָפּגערוקט אונטער דעם גרויען פייער פון זיינע אויגן.

נאָר איין שעפּטעלע גנבֿ האָט אַרומגעטאַנצט ווי אַ וויעוויאָרקע מיט אַן אָפּגעביסענעם עק:

— אוי, נח! אַ מגיפה אין דיר! נעם, עס די האַלבע הון! פאַפּראָווע זיך!

שווער־אָטעמדיק, האָט אים פאַנדרע אָפּגעשטויסן פון זיך. אַצינד האָט ער פאַרלייגט ביידע הענט, אַזוי ווי דאָס האָט פריער געטאָן דער אַלמעכ־טיקער טשורילאָ. נאָך אַמאָל כמורנע אָנגעקוקט די אַרעסטאַנטן אַרום זיך, און אַרויסגעוויזט דורך די שטאַרקע ציין נאָר איין־איינציקע האַלב־שפּאָ־טישע, האַלב־צאָרנדיקע הברה:

— נו — ???

דאָס איז געווען אַ וואָרענונג און אַן אַרויספאָדערונג צוזאַמען. דאָס האָט געהייסן, אַז פון היינט אָן פאַרנעמט ער, פאַנדרע, גליתעס אָרט. ס'האָט געהייסן, אַז פונקט אַזוי וועט ער זיך אין אָסטראָג באַגיין מיט

יעדן מיאוסן גוי, אויב מען וועט דאָקוטשען אים, אָדער די איבעריקע יידן־אַרעסטאַנטן.

אין דער דעמבענער טיר האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּעריי מיט אַ שליסע־ייי. דאָס זענען די סטאַראָזשעס אָנגעלאָפן אויף די לעצטע קולות פונעם גרויסן געשלעג.

ווי נח׳ן אַזוי שמחה׳לען

1

אַ טאָג נאָך פּאַנדרעס פּסק־דין, איז אין מאָהליוווער אָקרוזשנאָי סוּד פאַרגעקומען דער פּראָצעס פון שמחה׳לע טורערו, וועלכן מ׳האָט באַשול־דיקט אין אונטער׳צינדן די שטאָל פונעם נייעם נגיד.

אַזוי ווי איין פּראָצעס האָט זיך געקייטלט מיטן צווייטן, און אַזוי ווי אַ טייל אַרויסגערופענע שקלאָווער עדות האָבן געהאַט צו זאָגן אויףביידע פּראָצעסן, האָבן, דער ציוויל־מאָנער מצד דער געליטענער „אָב־צעסטוואָ", און דער אַדוואָקאַט מצד דעם באַשולדיקטן, ביידע געפּועלט, אַז שמחה׳לעס ד״עלאָ זאָל זיך אָנהויבן גלייך נאָך פּאַנדרעס. אויף אַזאַ אופן וועט מען פאַרשפּאָרן מי און צייט און הוצאות אויף ביידע זייטן.

מען מוז צוגעבן, אַז די דאָזיקע השתדלות איז אָנגעקומען אַ סך לייכטער, ווי דאָס סטאַרען זיך פריער, פאַר פּאַנדרען, אַז זיין משפט זאָל פאַרקומען אין אַ קרייז־געריכט מיט פּריסיאַזשנע... דער מאָהליוווער אַד־וואָקאַט האָט, למשל געזאָגט, אַז פאַר כלומרשט שלאָגן אַ פּריסטאַוו מיט סטראַזשניקעס, בשעת יענע פירן אויס זייערע פּאָליציייאישע פליכטן, ווי מען האָט פּאַנדרען באַשולדיקט, קומט אייגנטלעך געמשפּט צו ווערן אַדמיניסטראַטיוו, אונטער די אויגן, און עס קומט פאַרשיקט צו ווערן אויף אַרעטאַנטסקע ראָטעס. נאָר ער, אַזוי האָט דער מאָהליוווער אַדוואָקאַט געזאָגט, וועט צו אַזאַ זאַך נישט דערלאָזן. האָט ער צוגענומען ווו אַ קאָ־פּיקע ביי פּאַנדרעס שווער און שוויגער און האָט איין זאַך געטאָן: ער האָט נישט דערלאָזן... אָט וואָס אַ מאָהליוווער אַדוואָקאַט קען, אַז ער נעמט זיך פאַר אַ דיעלאָ!

און שקלאָווער שתדלנים, וועלכע האָבן אים געדונגען ראַטעווען אַ יידן,

האָבן קיין טענות נישט געהאַט. אדרבא, זיי האָבן אין ליובאַוויטשער בית־מדרש באַוווּנדערט זיין געשליפן צינגל, זיין מיניסטערישן קאָפּ. ער האָט דאָך דאָ פּשוט באַוויזן נסים ונפלאות, דער מאַהליוּוער אַדוואָקאַט! נעמען נעמט ער טאַקע די גוטע געלט, האָבן זיי מסכים געווען, ער איז אָבער ווערט!

און אַז סענדעריכע און מערע זענען צוגעפאַלן צו די דאָזיקע יידן מיט אַ גרויס געוויין: ס׳טייטש! מ׳האָט דאָך אים פאַרט פאַרמשפט! ער איז דאָך געבליבן „זיצן״... הייבט פאַרוואָס האָט אייער שיינער אַדוואָקאַט צוגענומען אַזוי פיל געלט? די לעצטע העמד האָט ער דאָך אויסגעטאָן פון אונדזער לייב, שטוב האָט געגעבן. שטאָט האָט געגעבן. די קליאַטשע צוליב אים פאַרקויפט און סענדער אַליין — — —

האָבן באַבערדלטע יידן גערעדט צו די צוויי נאַרישע ווייבער מיט חכמה:

— הויב זיך אָן מיט יידענעס!... וואָס־זשע ווילט איר נאָך! אַנשטאָט פאַרשיקן אייער פאַנדרען אמני.. אַנדי... אַדמי־ניס־טראַ־טיוו, אויף ווער ווייסט וויפל יאָרן אַרעסטאַנטסקע ראָטעס און גאָט ווייסט ווהין — האָט דער אַדוואָקאַט געמאַכט אַזוי, אַז דערפון איז געוואָרן בלויז אַנדערטהאַלבן יאָר אָסטראָג. דאָ נישט ווייט — אין מאָהליוו... איר שפּילט זיך מיט אַ בלבול? ניין, אַז ר׳ סענדער, עליו השלום, וואָלט דאָס דערלעבט, וואָלט ער קיין טענות נ י ש ט געהאַט...

געווען אַפילו יונגע־לייטלעך אַפּיקורסים, וואָס האָבן אונטער די אויגן געזאָגט, אַז דאָס האָט דער מאָהליוּוער אַדוואָקאַט לכתחילה אָנגעשראָקן אַזוי די שקלאָווער פאַרזאָרגער כדי דערנאָך אַרויסצושטעלן אַ פאַרשפּילטע דיעלאָ, ווי אַ געווונענע. זיי האָבן אַפילו געגעבן אַ משל מיט יענעם גוטן יידן, צו וועלכן אַן אָרעמאַן איז געקומען קלאָגן זיך, אַז ער ווערט דער־שטיקט מיט זיין הויזגעזינד אין דער ענגער דירה. האָט אים דער רבי אָנגעזאָגט, ער זאָל, למען־השם, אַריינגעמען צו זיך אין דירה דעם ברודערס אלמנה מיט אירע קינדערלעך, דערנאָך — די ציג, דערנאָך — די קאַטש־קעס מיט די הינער... איז דאָך דער אָרעמער ייד געקומען צו לויפן מיט אַ נייעם געוואַלד: ס׳טייטש, רבי, ס׳איז דאָך אַ סך ענגער געוואָרן! האָט אים דער גוטער ייד געהייסן גלייך אַרויסטרייבן די אלמנה מיט די קינדער, די ציג, להבדיל, מיט די קאַטשקעס און הינער... איז דעם אָרעמאַן געוואָרן אַ ליכט אין די אויגן. די לעצטע פאַר גראָשן האָט ער

דעם גוטן ייד געבראַכט אַ פּדיון: לאַנג לעבן זאָלט איר, רבי! איר האָט דאָך מיך פּשוט מחיה געווען...

נאָר ווער הערט זיי, אַזעלכע יונגע־לייטלעך, און ווער פרעגט ביי זיי? איר זאָלט געווען דינגען שלאָסבערגן פון „פּייטערבאַרג", וואָלט איר זיי אויך נישט צופרידנגעשטעלט.

אָפּגעראַטעוועט פאַנדרען פון אַזאַ הארבע שטראָף, אַצינד — אַזוי האָט דער מאַהליווער אַדוואָקאַט געזאָגט — טוט ער אַן זיין אַדוואָקאַטן „דעליע" און גייט ראַטעווען פאַנדרעס „פּריאַטעל". ס'הייסט: שמחה'לע טורערו. אַט וועט מען זען! קומען קומט אים „פּאַ זאַקאָנו", דעם שמחה'לען, מ'זאָל אים פאַרשיקן, סיביר... נאָר ער, אַזוי האָט דער מאַהליווער אַדוואָקאַט פאַרזיכערט, וועט צו אַזאַ זאַך נישט דערלאָזן...

2

אַן אַנלויף פון גויעצלעך איז געווען אויף שמחה'לעס משפּט. שמחה'לע טורערו האָט זיך שטענדיק אַרומגעשלאָגן מיט שטאָטישע און מיט דאָרפישע גויים, אויפן מאַרק און אויסערן מאַרק. ווער רעדט, ווען ער איז נאָך געווען נישט־ניכטער, האָט ער דאָך אַן ערל נישט דורכגעלאָזט נישט צו פאַרטשעפּען אים:

— די בעסטע פלייש פרעסטו דאָך אונדז אויף, דו חזיר איינער! פאַר גראָשנס — די ווייכע זאַדיקעס... יידן לאָזטו איבער געסמאַליעטע פיסנאָגעס און מענוסע־שמאַלץ. און צו וועמען האָט מען טענות? צו שמחה'לען... טו גאַ־זשע דיר, חזיר, אין מאַרדע אַריין...

האָט מען אים אַצינד, אין אַזאַ יום הדין, דערמאָנט אַלע זיינע מעשים־טובים, געשטופּט זיך עדות־זאָגן: ווער שמחה'לע איז, ווען ער איז און וואָס פאַר סחורקע דאָס איז. יעדן פון די גויים האָט זיך פאַר־גלוסט אַ שטויס־טאָן מיט דער לאַפּטיע. אַזאַ חשק נעמט אָפּטמאָל אַן באַשיידענע קליאַטשעס צו בריקען אַ געבונדענעם, בייזן הונט... אָבער נישט אַלע גויעצלעך האָבן קלאָר געוווסט, וואָס פאַר אַ שייכות זייער עדות־זאָגן האָט מיטן באַשולדיקטן און מיט דער שריפה ביים נייעם נגיד.

מ'האָט, למשל, אַרויסגערופן איינעם פון די גויעשקע עדות, אַן ערל מיט פינצטערע ברעמען און מיט צוגעוואַקסענע אויערן לעפלעך, און מ'האָט אים באַשוואָרן: זאָג נאָר, אַזוינער און אַזוינער! האָסטו געזען אין יענער נאַכט דעם קצב שמחה'לע, וועלכן מען רופט טורערו, אַ שקלאָווער מעש־

צאַנין, ווי ער האָט אונטערגעצונדן די שטאָל פון מעשצאַנין חיים?

— אַ קאַק־זשע! — צלמט זיך דאָס גויעצל.

— דערציייל פּאַדראָבנע!

— טאַק וואָט! — הויבט אָן דאָס גויעצל דערציילן און גיט זיך געוויסנהאַפטיק אַ וויש די ברייטע נאָז מיט דער פויערישער אויסגעהאָרעוועטער לאַפּע. „ספּליו־העטאָ" — איך שלאָף מיר אַזוי אויף די „„פּאָלאַ־עטסי" *) ביי מיר אין „איזבאָ". שלאָף איך מיר אַזוי און אַלע מיינע הויזלייט שלאָפן מיט מיר אויף די פּאָלאַטיעס. איך שלאָף און זיי שלאָפן. און פּלוצלונג, אַכטי, ביעסי ניעטשיסטיע! ווי גאָט איז מיר הייליק: דרר, דררררר...

דאָ בלייבט דאָס גויעצל שטיין, כדי צו מאַכן אַ גרעסערן איינדרוק. ווי דאָס טוען אַלע פּויערים, ווען זיי ווילן עמיצן איבערציייגן. ער בלייבט שטיין און דער פּאַרזיצנדער אין אַקרוזשנאַי סוד מוז אים אונטערוואַרעמען, ער זאָל ווייטער רעדן.

— ווי גאָט איז מיר הייליק, — גיט דאָס גויעצל אַ טרייסל מיט דער קוטשמע האָר, — הער איך פּלוצלונג: דרר, דרר... און נאָך אַמאָל דררר, דרר...

— און וואָס איז דאָס געווען אַזעלכעס?

— טאַק־שטאָ, אייער בלאַהאָראָדיע, שטיי איך מיר אויף פון די „פּאָלאַטיעס", קריך אַריבער איבער דער „זשאָנקע", דערנאָך איבער דער באַבקע, דערנאָך איבערן דיעדקאָ, דערנאָך איבער דער דאָטשקע, דערנאָך איבער... איבערן זון... דערנאָך?... ניין, פריער איבערן זונדל דערנאָך איבער דער דאָטשקע, און אפשר... גיב מיר גאָט זכרון! די דאָטשקע איז גאָר געשלאָפן צווישן דער באַבקע און זשאָנקע... אָט אַזוי איז עס טאַקע געווען. קריך איך אַראָפּ פון די פּאָלאַטיעס און גיי אַרויס אין „סעני", אין פירהויז הייסט דאָס, און דערזע גאָר... טפו, וואָס איך דערזע!

— וואָס דערזעסטו, קרעסטיאַנין מיקיטאַ?

— קיצקאָ! (אַ קעצל) — ענטפערט דער גוי מיט האָרץ. — זי הייסט דאָס גראַבלט אין טיר, די פּאַסקודע! מ'האָט זי פאַרגעסן אַריינגעמען אין שטוב פאַרן שלאָפן גיין.

— איז וואָס, קרעסטיאַנין מיקיטאַ, האָט דאָס צו טאָן מיט דער דיעלאָ פון מעשצאַנין שמחה'לע, וועלכער ווערט אָנגערופן טורערו?

---

* ברייטע פּאָליצעס אין די פּויערישע הייזקעס אָנשטאָט בעטן.

— אָט דערצייל איך דאָך, וואָשע בלאַהאָראָדיע. איך דערצייל אַלץ פּאָדראָבנע. גיי איך צוריק פון פירהויז אין שטוב אַריין. הויב זיך אויף אויף די פּאַלאַטיעס. קריך אַריבער: אַפּריער איבערן זונדל, דערנאָך... שטיי! דערנאָך איבערן דיעדקאַ, דערנאָך איבער דער „דאָטשקאַ"... ניין. אַפּריער איבער דער באַבקע, דערנאָך איבער דער דאָטשקע, דערנאָך... אָט־אָט — איבער דער זשאָנקע! און לייג זיך צוריק אַנידער. און ווי איך ליג אַזוי, ערשט איך דערהער... אַך, טי האָספּאָדי!

דאָ בלייבט דער גוי ווייטער שטיין און קראַצט זיך געהיימנישפול אין דער קאַלטונ־וואַטער פּאַטילניצע.

— און וואָס דערהערסטו,קרעסטיאַנין מיקיטאַ?

— דערהער איך, אַ פערד פּאָבריקעוועט. אַלץ נעענטער און נעענטער; ווי גאָט איז מיר ליב, אַלץ נעענטער און נעענטער, טאָם־טאָם־טאָם מיט די פּאָדקאָוועס. וואָס פאַר אַן „אָקאַזיע"? קלער איך מיר און קריך ווייטער אַריבער איבער דער זשאָנקע, דערנאָך... דערנאָך איבער דער באַב... ניין, אַפּריער איבער דער דאָטשקע, דערנאָך איבער דער באַבקע...

— מאַך דאָס בקיצור, קרעסטיאַנין מיקיטאַ!

— „פּריקאַזאַנאַ" — איך זאָל דערציילן פּאָדראָבנע, דערצייל איך פּאָ־דראָבנע, טאַק־שטאָ, אייער בלאַהאָראָדיע. אַצינד הייסט מען — קירצער, איז קירצער! קריך איך אַריבער איבערן ווייב, איבער די אַלטע לייט און איבערן גאַנצן „פּריפּלאָד". איך ריגל אויף די טיר פון פירהויז און כאַפּ אַ קוק. ערשט... יענער דער זעלבער רייט אויף אַ פערד איבער דער גאַס! אַנטלויפט. ווי גאָט איז מיר הייליק, יענער דערזעלבער...

— ווער איז דאָס „יענער דערזעלבער"?

— אַ סטאַלאָ־ביט, — מאַכט דער גוי טיפזיניק און קוקט זיך אום אויף שמחה׳לען, — דער אונטערצינדער. נישט אַנדערש, דער אונטערצינדער אַליין...

— פונוואַנען ווייסטו, אַז ס׳איז געווען דער אונטערצינדער און נישט גלאַט אַזוי אַ רייטער אויף אַ פערד?

— „אַ ווידעאָמאָ" — מען ווייסט שוין פאַרוואָס. ווי נאָר ער איז פאַרבייגעלאָפן יענער דער זעלבער — האָט מען געגומען קלינגען אין גלאָק...

3

אַזעלכע מיני עדות זענען נישט געווען קיין אויסנאַם. די „אָבצעסטוואָ",

וואָס האָט קיין חשק נישט געהאַט צו צאָלן סטראַכאָוווקע און דער נייער פּריסטאַוו, וועלכער האָט זיך אָנגעזעצט אויף שטאָט, האָבן זיך אַ ביסל צופיל פּאָסטאַרעט און צוזאַמענגעשלעפּט כשרע פּראַוואָסלאַוונע עדות פון רעכטס און פון לינקס. יידישע עדות געפּסלט, ווו נאָר ס'האָט זיך געלאָזן.

אָבער מיט עטלעכע פון די פריערישע עדות־זאָגער האָט אין אָקרוזש־נאָי סוד געטראָפן דאָס, וואָס עס טרעפט מיט דרעסירטע פערד, ווען מען האַלט זיי אויף צו לאַנג אין צירק אויף דער אַרענע און מען צווינגט זיי צופיל צו טאַנצן און צו בוקן זיך פאַרן עולם...

מ'האָט זיך מיט זיי אָפּגעמוטשעט אַ גוטן האַלבן טאָג און קיין שום טאָלק האָט מען נאָך אַלץ נישט געזען. ס'איז אין געריכט געוואָרן אַזוי פריילעך, אַז אַפילו שמחה'לע טורערו אַליין, וועלכער איז געזעסן אַן איינגעהויקערטער, אַ געפּאַלענער, אָן אַ טרונק בראָנפן אַזוי פיל טעג אין אַרעסט, — אַפילו ער האָט אויך גענומען לאַכן, באַווייזן דעם פּראָ־קיראָר אַליין די האַלב־אויסגעהאַקטע ציין, וואָס זענען אים איבערגעבליבן נאָך אַלע גרויסע און קליינע שלעגערייען — —ניכטערהייט און שי־כורערהייט — אין זיין פּערציק־יאָריקן קצבישן לעבן. האָט דער אָנגע־ברוגזטער פּראָקוראָר דערזען, אַז די פּריסיאַזשנע און דער באַשולדיקטער אַליין לאָזן זיך וווילגיין ווי אין אַ טעאַטער, האָט ער באַלד ארויסגערופן די שטאָטישע גויים, וואָס זענען געגאַנגען האַלבע נאַכט, גראָד דאַן, ווען שמחה'לע, ווי זיי זאָגן, האָט אונטערגעצונדן. און דאָ האָט גלייך גענומען עפּושן מיט שלעכטע שוועבעלעך און מיט סמאַלינעס פון שטרוי...

די צוויי שטאָטישע גויים האָבן קלאָר עדות געזאָגט, אַז זיי האָבן אַליין, מיט די אייגענע אויגן, געזען ווי שמחה'לע, וועלכער ווערט אָנגע־רופן „טורערו", האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם נייעם נגידס שטאַל און געריבן שוועבעלעך... אַנטלאָפן איז ער, ווי נאָר ער האָט זיי דערזען; און ווי נאָר זיי זענען אָפּגעגאַנגען אַ ביסל איז ער צוריק אַרויס פון באַהעלטער. און אין אַ מינוט אַרום האָט שוין די שטאַל געפלאַקערט...

כדי אָפּצושוואַכן דעם רושם האָט זיך דער מאָהליוער אַדוואָקאַט אַריינגעמישט:

— און פון וואַנען נעמט זיך דאָס ביי די עדות אַזאַ זיכערקייט, אַז ס'איז געווען ער, דער באַשולדיקטער?... ס'איז דאָך, זאָגן זיי אַליין, געווען שפּעט ביינאַכט... און זאָלן אָקאָרשט די עדות זאָגן: די לבנה האָט געשיינט?

— ניין, קיין לבנה איז נישט געווען. נאָר דער שניי האָט געגוג געד־לויכטן. און צוויטנס: האָט דאַמאָלסט דער באַשולדיקטער זיך אַליין באַלויכטן מיט די שוועבעלעך, וואָס ער האָט געריבן, נאָר ווי ער האָט דערהערט, אַז מען גייט, ווייל דער שניי האָט ווייך געמאַכט די טריט. און דריטנס: ווער קען דאָס נישט די באַראַשקענע היטל, וועלכע שמחה׳לע טראָגט סיי זומער, סיי ווינטער איבער די אויערן. דער באַשולדיקטער האָט איין אָפגעריסענעם אויער, בשעת אַ געשלעג אַפּנים... שעמט ער זיך. אָט זאָל מען נאָר אָנקוקן...

— איר דערקענט אים דאָ, אויפן באַנק פון באַשולדיקטע?

— יאָ, מיר דערקענען אים.

— און זיין היטל וועט איר דערקענען?

— יאָ. געוויס וועלן מיר דערקענען.

און שמחה׳לעס באַראַשקענע היטל, מיטן שפּיץ און מיט די פּאָר־שמאָלצעוועטע בר׳עגעס, איז מיט גרויס כבוד אַרויסגעפּאָרן אויפן טונקל־רויטן געוואַנט, אויף דעם טיש פון גערעכטיקייט. און מיט גרויס פּאַטשאָט געגומען גיין דורך די פּויערישע פינגער פון די עדות, דערנאָך דורך די איידעלע הענט פון די פּריסיאַזשנע. די לעצטע האָבן זי באַטראַכט — מען קען נישט זאָגן, אַז מיט גרויס פאַרגעניגן... ווייל אַפּנים האָבן זיי בשעת־מעשה געמאַכט, ווי זיי וואָלטן איינער דעם צווייטן איבערגעגעבן אַלס אַ „קאָזוס יורי״ *) אַ געפּגרטע קאַץ, אָדער אַן ענלעכן געשמאַקן חפץ.

דערנאָך האָבן צוויי סטראַזשניקעס מיט דער זעלבער וואַטאָווער „טיאַ־רע״ פייערלעך געקרוינט שמחה׳לען אַליין; אָנגעכלאָבוטשעט אים איבערן גאַנצן שטערן און איבערן אָפּגעריסענעם אויער. און, כדי צו שאַפן דאָס זעלבע בילד, ווי ביים אונטערצינדן, געבעטן שמחה׳לען מוחל זיין און שטעלן זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער פּאַרענטשע, אונטער דעם הויכן זיץ פון די „סודיאַס״, ווי לעבן אַ בערווענע־וואַנט, מיט אַ פּושקעלע שוועבעלעך אין האַנט... און געהייסן אָנרייבן.

— אָט אַזוי האָט ער דאַמאָלסט אויסגעזען?

— פּונקט אַזוי! — האָבן די עדות באַשטעטיקט,ביידע ווי איין מענטש.

4

— פּונקט אַזוי! — האָט די עדות באַשטעטיקט, ביידע ווי איין מענטש.

---

* זאַכלעכער באַווייז.

פריסיאַזשנע מיט אַ זייער קלוגן שמייכעלע, אַז מען קען זיך נישט פאַר־לאָזן אויף... פויערים, וואָס האָבן געזען שפעט ביינאַכט אַ באַראַשקענע היטל. קנאַפּ היטלען אַזעלכע פאַראַן אויף דער וועלט? איבער דער ענלעכ־קייט פון אַ היטל קען מען אַ מענטשן נישט באַשולדיקן...

האָבן די שטאָטישע גויים געשוואָרן, אַז ביי דעם שיין פון אַ שוועבעלע האָבן זיי געזען שמחה׳לען און נישט קיין אַנדערן.

האָט מען שמחה׳לען אַליין געפרעגט, וואָס, אַ שטייגער, האָט ער צו זאָגן אויף דעם.

האָט שמחה׳לע טורערו דערזען, אַז מיט לייקענען אינגאַנצן וועט ער דאָ קאַליע מאַכן, איז ער אַריבערגעטרעטן איבער דעם אַדוואָקאַטס חכמה, ווי איבער אַ בלאָטקע, און געטענהט אויף זיין פויערישן מאַרק־רוסיש אַזוי: וואָס זאָל ער זאָגן... ער איז דאַמאָלסט שפעט אין דער נאַכט געגאַנגען פון שענקט־הויז. נאָך דער אַרבעט נעמט מען אַלעמאָל אַ ביסל בראָנפן. דערפאַר קען זיין האָט ער זיך אָנגעשפאַרט אָן דער בלינדער וואַנט פון שטאַל... יאָ, ער געדענקט. ער האָט פאַררויכערט זיין פּיפּקע, געמאַכט אַ דעכעלע איבער דער אָנגעצונדענער שוועבעלע... עס קען גריילך זיין, אַז צווישן די שפּאַלטן פון דער בערוועגע וואַנט האָט אַרויסגעשטעקט אַ שטרוי און האָט זיך אָנגעכאַפּט... איז אפשר דער פייער אַזוי־אַרום אַריינגעצויגן געוואָרן אין שטאַל... אָבער ער אַליין ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן...

— „ניע ווינאָוואַט!" — אַזוי האָט שמחה׳לע פאַרענדיקט זיינע ווערטער. די יידישע קאָפּ האָט אים נישט געדאַרט, דעם שמחה׳לע טורערו!

האָט זיך דער מאַהליוער אַדוואָקאַט ווייטער אויפגעהויבן, אַ ביסל פאַר־שעמט, וואָס זיין קליענט האָט זיך נישט געלאָזט גיין אויף דעם גליטשיקן וועג פון לייקענען שטיין און ביין, אויף וועלכן ער האָט אים געוואָלט אַרויפפירן. אויפגעשטאַנען, און מיט גרויס פרסום פאַרטייטשט שמחה׳לעס ווערטער: איז העכסטנס איז דאָ געשען אַן אומגליק און נישט קיין בייזער ווילן...

דאָ איז אָבער דער פּראָקוראָר אַרויס מיט לשון:

— פּאַזוואָלטיע!... אָבער די עדות זאָגן דאָך, אַז ס׳האָט געברענט פון דאַך־ווינקל, איבערן ווענטל. ווען דער פייער, ווי דער באַשולדיקטער וויל אונדז איינרעדן, איז אַריינגעצויגן געוואָרן דורך אַ שטרוי אין אַ שפּאַלט, וואָלט דאָך געברענט פון מיטן שינדל־דאַך. הייסט דאָס, אַז עפּעס איז דאָ נישט אַזוי...

איז דער אַדוואָקאַט געבליבן אָן לשון. און שמחה׳לעס קעפל האָט דאָ ווייטער אַרויסגעהאָלפן:

— ווייסט מען דען נישט, אַז ווינטער ליגט שניי אויפן דאַך?... ווי אַזוי וועט אייך ברענען אַ דאַך אונטער אַ הורבע שניי? אַ פייער שפּאַרט זיך קודם־כל דאַרטן, ווו ס׳איז אָפן. אַלע ווייסן, אַז די קראָקווע איבער אַ שטאַל איז געמאַכט אַ ביסל אָפן, כדי די שטרוי און היי פאַר דער בהמה זאָלן זיך בעסער טריקענען... האָט זיך דער ערשטער פייער אַרויס־געריסן דאַרטן, ווו ס׳איז אָפן...

איז דער מאָהליווער אַדוואָקאַט אויפגעשטאַנען מיט אַ מינע, פּונקט ווי ער אַליין האָט דאָס געמאַכט אַזאַ וואַזשנעם פּירוש, און געבעטן דאָס אַריינטראָגן אין פּראָטאָקאָל.

— יאָ, — מאַכט דער פּראָקוראָר, — ס׳איז זייער שיין און זייער פיין. אַן אומגליק דורך אומפאָרזיכטיקייט מיט פייער קען געשען. אָבער צוליב וואָס... זאָל דער באַשולדיקטער גלייך זאָגן! צוליב וואָס האָט ער זיך געדאַרפט באַהאַלטן, ווען ער האָט דערהערט די טריט פון די עדות? פאַררויכערן אַ פּיפּקע איז דאָך קיין שום עולה נישט...

אויף אַזאַ קונציק־פאַרבויגטע און שפּיציקע פראַגעלע האָט זיך שמחה׳לע אָנגעשטאָכן ווי אַ פיש אָן אַ שאַרפן העקל אין וואַסער. ער האָט אַ צוק געטאָן און געבליבן אַ ווײַלע אָן לשון.

— ניקאָק ניע זנאַיו!... — האָט ער דערנאָך שטיל און זעלנעריש־טעמפּ געענטפערט. נאָר אַלע האָבן באַמערקט, אַז ער איז שוין נישט מער אַזוי זיכער ווי פריער.

דאָ איז דער מאָהליווער אַדוואָקאַט געקומען צו הילף, צעפּאָכעט זיך מיט די שוואַרצע אַרבל פון זיין „דעליע":

— איר האָט דאָך אַלע געהערט, אַז דער באַשולדיקטער איז דאַמאָלסט געווען נישט גאַנץ ניכטער. ווי זאָל ער געדענקען יעדע באַוועגונג און צוליב וואָס ער האָט זי דאַן געמאַכט? אָבער איר, — האָט ער זיך פּלוצים געווענדעט צו די עדות — זאָגט! בשעת דער באַשולדיקטער האָט זיך, לויט אייערע רייד באַהאַלטן, צי האָט שוין ד אַ מ אָ ל ס ט די שטאַל געברענט, צי נישט? אויף ד ע ם זאָלט איר געבן אַ קלאָרע תשובה...

— בשעת דער „רעזניק" טורערו האָט זיך באַהאַלטן, האָט נאָך די שטאַל נישט געברענט. שפּעטער...

— ווען שפּעטער? פרימערנאָ? מיט אַ האַלבע שעה שפּעטער? מיט אַ פערטל שעה?

— מיט אַ פּאָר מינוטן שפּעטער. ווען מיר זענען בלויז אָפּגעגאַנגען אַ שטיק גאַס...

— נו זעט איר, — האָט זיך דער מאָהליוּוער אַדוואָקאַט געווענדעט צו די געשווירענע, — בשעת די עדות האָבן, כלומרשט, געזען דעם באַשולדיקטן, האָט די שטאָל נאָך נישט געברענט. עס זענען אַריבער עטלעכע מינוטן!... פּאָר עטלעכע מינוט קענען געשען אַ סך זאַכן און אַ סך אַנדערע פּאַרשוינען מיט שוועבלעך קענען זיך אָנשפּאַרן אָן שטאָל. איך זוך קיינעם נישט צו באַשולדיקן. איך פרעג נאָר, ווי אַזוי קען מען משפּטן אַ מענטשן דערפאַר, וואָס מען האָט נישט געזען. דערפאַר, וואָס מען איז נאָר משער?...

די געשווירענע האָבן זיך איבערגעקוקט, די שטימונג פאַר שמחה״לען האָט זיך אַ ווײַלע געבעסערט.

5

נאָר איין ווײַלע... די ווײַטערדיקע עדות, וואָס מען האָט אַרויסגערופן, האָבן ווידער קאַליע געמאַכט. שמחה׳לען האָבן זיי אויסגעמאָלט אַלס אַ לאָטרע און ראַזבאָיניק, וואָס קיין מעשה איז אים נישט צו קליין. אַלעמען שלאָגט ער און אַלעמען סטראַשעט ער. אַ קאָפּ לאָזט ער נישט אויפהויבן!

אַ שווערער עדות איז געווען מיכאַלקע, דעם נײַעם נגידס גויעשקער משרת. מיכאַלקע האָט דערציילט די גאַנצע מעשה מיט דער „מורקע״, דאָס הייסט: מיט דער קראַנקער בהמה, וואָס שמחה׳לע האָט געוואָלט אָפּהאַנדלען פאַר עטלעכע רובל. און אַז ס׳האָט זיך אים נישט אײַנגעגעבן, האָט ער פאַר כעס דערלאַנגט אים, מיכאַלקען, אַ קלאַפּ אונטער דער לעפּעלע. דריי טעג איז ער אָפּגעלעגן פון שמחה׳לעס קלאַפּ... און ריקליע, די ייִדישע דינסט־מיידל, האָט וויינענדיק געמוזט צוגעבן דאָס, וואָס ס׳איז שוין איינמאָל געווען פאַרשריבן אין פּראָטאָקאָל ביים פּריסטאַוו, אַז אין דער נאַכט פון דער שׂרפה, שפּעט בײַנאַכט, איידער איר באַלעבאָס איז אָנגעפאָרן מיט דער בויד פון אָרשע, האָט זי געזען שמחה׳לען אַרומ־דרייען זיך אַרום שטוב. ווען איז דאָס געווען? אַ זייגער האַלב צוועלף בײַנאַכט. זי האָט געוואַרט אויפן באַלעבאָס און נישט דערוואַרט זיך. איז זי אַרויס אויפן גאַניק אַ קוק טאָן, צי די בויד פאָרט נישט און האָט גאָר דערזען... שמחה׳לען. זי האָט זיך דערשראָקן און אַרײַנגעלאָפן אין

שטוב און דערציילט דער באַלעבאָסטע. די באַלעבאָסטע איז שוין גע־לעגן אין בעט.

— פאַרוואָס האָט זי זיך דערשראָקן? וואָס האָט זי זיך צו שרעקן פאַר אַ קצב, וועלכן זי קען?

— דערפאַר ווייל ער... ווייל טורערו האָט געסטראַשעט... שטענדיק האָט ער געסטראַשעט ווו נאָר ער האָט זי, ריקליען, געזען, האָט ער זיך געטשעפּעט צו איר. זינט דער מעשה מיט דער „מורקע" איז ער געווען אין כעס אויף איר באַלעבאָס...

— ווי אַזוי האָט ער געסטראַשעט? וואָס האָט ער געזאָגט?

— דעם ערשטן מאָל אין שטאָל: „אַ בהמה וועט איר האָבן? כאַ־כאַ! אַ קדחת וועט איר האָבן!..." אַזוי האָט ער געזאָגט.

— און מער גאָרנישט?

— דערנאָך, אין יאַטקע... נישט איינמאָל: „דיין באַלעבאָס, ריקליע, איז דאָך פאַרסטראַכירט... אָבער קיין בהמה וועט איר נישט האָבן.."

אויסער דאָס דאָזיקע עדות זאָגן, האָט זיך דער נייער נגיד אַליין נישט אויף קאַטאָוועס דערשראָקן פאַר דעם חשד, וואָס דער האַלב־שיכורער פּריסטאַוו האָט אויף אים געוואָרפן בשעת דער שריפה, אַז ער אַליין, הייסט דאָס, האָט געמאַכט „בורא מאורי האש", כדי אָפּצונעמען סטראַכאָווקע... דאָס האָט אים געצווּנגען צו רייַנוואַשן זיך אַליין און אויפרירן די גאַנצע מעשה מיט דער „מורקע". נישט קוקנדיק אויף אַלע עצות פון שכנים און קצבים, נישט צו טשעפּען זיך מיט שמחה׳לען, וועלכער וועט זיך מיט אים פריער אָדער שפּעטער אָפּרעכענען, האָט ער זיך געשטעלט אַלס אַן עדות און, בלייך ווערנדיק און שטאַמלענדיק, באַשטעטיקט, אַז אַלץ וואָס מיכאַלקע האָט געזאָגט איז אמת און אַלץ וואָס דאָס דינסט־מיידל האָט דערציילט איז ווייטער אמת. אַי, פאַרוואָס האָט ער די גאַנצע צייט געשוויגן און נישט איבערגעגעבן דאָרטן ווו מען באַדאַרף? מ׳האָט אים נישט געעצהט, מ׳האָט אים געוואָרנט נישט אָנהויבן זיך... האָט ער געשוויגן. אַצינד געפינט ער זיך סיי־ווי־סיי צווישן צוויי פייערן. ס׳איז איב אַזוי שלכט און אַזוי שלעכט. נישט צו זאָגן עדות, וואָלט זיך די „אַבצעסטווע" געטשעפּעט, אַצינד, אַז ער האָט יאָ דערציילט דעם אמת, איז ער מיטן לעבן נישט זיכער. ער קלערט שוין גאָר נישט פון סטראַכאָווקע. זאָל עס גיין צום וואַטעמאַכער די פאָר הונדערט רובל פאַר־זיכערונג! ער קלערט שוין אינגאַנצן אַריבערפאָרן קיין מאָהליוו מיט דער פאַמיליע, פאַרקויפן די הויז אין שקלאָוו און אַריבערפאָרן...

— פאַרוואָס עפּעס אַריבערפאָרן?

— ווייל ער האָט מורא... אָפענע ווערטער. ער האָט מורא פאַר שמחה׳לע טורערו. ער האָט זיך אויף אים אָנגעזעצט. דער פּיאַניצע! היינט האָט ער אונטערגעצונדן די שטאַל און מאָרגן, אַז ער וועט אַרויס אויף דער פריי, וועט ער אונטערצינדן די שטוב... אָדער ער וועט נאָך אָפּטאָן אַ שענערע מעשה. מענטשן ווייסן! דאָס עדות זאָגן דאָ אָקעגן אים וועט אים טורערו נישט פאַרשווייגן... נאָר, ער, דער נייער ניגד, האָט מער קיין אַנדער ברירה נישט...

דאָס האָט אינגאַנצן איבערגעדרייט שמחה׳לעס דיעלאָ אויף דער שוואַרצער זייט. דאָס שמייכעלע פונעם מאָהליווער אַדוואָקאַט איז אויס־געלאָשן געוואָרן. דאָס קוועקלען זיך פון די געשווירענע האָט אינגאַנצן אויפגעהערט. זיי האָבן זיך מער נישט איבערגעקוקט, נישט געשושקעט זיך, נאָר געשוויגן; אָדער פאַרצייכנט עפּעס אויף פּאַפּירלעך. דעם פּראָ־קוראָרס געלבלעכער פּנים איז אינגאַנצן רויט געוואָרן בשעת ער האָט „באַוויזן" מיט אַ סך ראיות און מיט קונציק־אויסגעשניטענע שטיקלעך פון דעם עדות זאָגן, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ בייזן ווילן און מיט אַ נקמה; אַז די אָנגעצונדענע שוועבעלעך האָט דער באַשולדיקטער אַרײַ־בערגעוואָרפן אין שטרוי, דורך דער עפענונג אונטער דער קראָקווע, און נאָך דערפאַר האָט די שטאַל געברענט פון ווינקל אונטערן דאַך... עס קען גרײַלעך זיין, אַז דער באַשולדיקטער, ווי זיין געערטער פאַרטיידיקער וויל האָבן, איז דאַמאָלסט געווען אַ ביסל נישט גאַנץ ניכטער, נו, איז דערפאַר דאַרף מען אים פאַרשווייגן? אַזאַ געפערלעכער פאַרשוין דאַרף איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָנגעלערנט ווערן. ער טאָר נישט אַרויס פונעם מאָהליווער „הויז פון גערעכטיקייט" אומבאַשטראָפט...

אין זיין לעצטן וואָרט איז שוין שמחה׳לע אַליין געווען נישט זייער האָפערדיק ביי זיך. לויטן נאָז פון זיין באַשיצער, האָט ער שוין געזען, ווו עס האַלט. ער האָט נאָר נאָכאַמאָל איבערגעחזרט, אַז ער איז דאַמאָלסט, נאָך דער אַרבעט, געגאַנגען אַהיים טויט־שיכור און געדענקט נישט קלאָר, וואָס ער האָט געטאָן. ער האָט געבעטן רחמנות האָבן אויף זיין ווייב און קינדער...

אַזוי ווי אויך עטלעכע פון די עדות האָבן פריער דערציילט וועגן שמחה׳לען, אַז ער איז באַקאַנט אַלס אַ טרינקער, אַ לאָטרע, וואָס גייט איז גאָס נישט אַרויס אַן „אַ האַלבע קווערטל" אין קעשענע, האָט שמחה׳לעס רחמנות־בעטן אַ ביסל געהאָלפן ווייכער צו מאַכן די הערצער פון די

גויעשע געשווירענע. סוף־כל־סוף איז דאָך יעדער פון זיי געווען אַ ביסל געכאַפּט אויף דער משעה, אויפן ביטערן טראָפּן, הייסט דאָס. און, למשל, זיין בלאַהאָראָדיע. דער פּריסטאַוו, וואָס האָט זיך אַזוי מוסר־נפש געווען פאַר אָרדענונג אויף דער שריפה, איז דאַמאָלסט, זאָגט מען, אויך געווען אַ ביסל נישט גאַנץ פעסט אויף די פיס — קען מען נישט וויסן...

זענען דעם אַדוואָקאַטס ווערטער מקוים געוואָרן. ער האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט נישט דערלאָזן... קיין סיביר האָט מען שמחה'לען נישט פאַרשיקט. מ'האָט אים נאָר פאַרמשפּט אויף אָסטראָג. כמעט אויף אַזוי פיל צייט. ווי פאַנדרען, בלויז אויף אַ יאָר מיט דריי חדשים. מ'האָט אים אַפילו אָפּגערעכנט די דריי חדשים, וואָס ער איז געזעסן אין אַרעסט־הויז ביז דעם משפּט.

ניין: דער מאָהליוועער אַדוואָקאַט נעמט טאַקע די גוטע געלט. ער איז אָבער ווערט

וואס א גנב פארגינט זיך!

1

ווען שמחה׳לע טורערו איז, נאָכן משפט, איבערגעשיקט געוואָרן פון אַרעסט אין אָסטראָג, אָפּצוקומען זיין שטראָף, איז נאָך דאָרטן דער שטיינערנער דיל נישט געווען אָפּגעוואַשן פון טשורילאָס בלוט. די באַענטע „נאַרעס״ זענען נאָך אויך געווען פאַרשפריצט.

שעפּטעלע גנב האָט מיט זיינע שפּיציקע אויגלעך באַלד דערקענט אינעם ניי־געקומענעם, אַ יידן; און טאַקע פון אים האָט זיך שמחה׳לע דערוווּסט פון גרויסן געשלעג אין אָסטראָג, מיט אַ טאָג אַנדערהאַלבן פריער. שעפּטעלע האָט אים קיין נאָמען נישט אָנגערופן, נאָר ווערליק די באַשרייבונג פון די קלעפּ, וואָס מען האָט אין דעם גלית אַריינגעלייגט, האָט שמחה׳לע פאַרשטאַנען, אַז שטאַמען טוען זיי פון פאַנדרעס הענ־טעלעך... הייגט ווו־זשע איז דער בעל־דבר אַליין?... פאַנדרע ווו איז? ער זיצט אין קאַרצער פאַר שלאָגן זיך. ס׳טייטש? טשורילאָ, נישט פאַנדרע, האָט זיך דאָך אָנגעהויבן? טו גיי, טענה זיך אויס מיט פּאַניע־קוואָס! זוך יושר ביים „סמאָטריטעל״!... וויבאַלד — דעם ערשטן טאָג, ווי נאָר פאַנדרע איז אַריבער די שוועל פון אָסטראָג, איז ער שוין פאַרמישט אין אַ געשלעג, איז ער דאָך, מסתמא, דער רעכטער „בויאַן״! אגב, זיצט ער דאָך טאַקע פאַר בויאַנסטוואָ אויף אַ שריפה — דאַרף מען א י ם אָנלערנען... ס׳האָט אַפילו נישט געהאָלפן די עדות פון יידישע און גויעשקע אַרעסטאַנטן, אַז טשורילאָ האָט נחן דער ערשטער צעבלו־טיקט. אַרעסטאַנטן זענען קיין עדות נישט.

— און ווו איז דער בעל־גוף אַליין? — פרעגט שמחה׳לע און קוקט זיך אַרום.

— נאַ, — מאַכט שעפּטעלע — אַזוי גיך וועט ער שוין צוריק נישט קומען, ער ליגט אין קרענק, אין שפּיטאָל ליגט ער. האָסט דען אַ באַגריף ווי דיין חברל האָט אים צעטרייבערט? די צעבראָכענע נאָז וועט זיך אַזוי גיך אויך נישט פאַרהיילן. און דערנאָך וועט מען שוין ביידן אין איין קאַמער נישט לאָזן זיין, אַזוי האָבן די סטאַראָזשעס געזאָגט. זיי האָבן געהערט אין קאַנצעלאַריע. אָדער טשורילאָ אָדער פאַנדרע וועט דאָ זיצן. ביידע — נישט. ס׳איז אַ גרויסע סכנה. טשורילאָ־חזיר וועט אַזאַ חרפּה נישט פאַרטראָגן. אַזאַ קאַטאָרזשניק, וואָס הענגט מענטשן, האָט נישט מער וואָס צו פאַרלירן. און אַזאַ בחורעץ ווי פאַנדרע, איז דאָך עפּעס אויך נישט קיין „גימפּל שלאָג מיך"! איינער פון זיי וועט דאָ בלייבן אויף די נאַרעס אַ דערוואָרגענער. און אפשר ביידע צוזאַמען.

— אַי, אַ שלאַק אין גרויסן גוי אַריין! — זיפצט אָפּ שמחה׳לע מיט פאַרדרוס — געמיינט מ׳עט זיצן מיט פאַנדרען צוזאַמען.

— מ׳עט זעז, — מאַכט שעפּטעלע, און קוקט געהיימנישפול אויף דער סטעליע — מ׳עט נאָך עפּעס טאָן. איך און מיינע יאַטן.

שמחה׳לע האָט אָבער נישט געגלויבט: ווי אַזוי, אַ שטייגער, קען דאָס אַ געבונדענער אויפבינדן אַ צווייטן? צווישן די געבונדענע קעלבער, למשל, אין שעכטהויז, האָט ער אַזאַ וווּנדער קיינמאָל נישט געזען.

באַטראַכט שעפּטעלע דעם נייעם „האָז" מיט איין אָפּגעריסענעם אויער פון אויבן אַראָפּ:

— מ׳זאָגט דאָך דיר „יאַטן"? דו פאַרשטייסט, צו ניין? מ י י נ ע יאַטן. אַז שעפּטעלע־גנב זאָגט: „יאַטן" — איז יאַטן. איך זע, אַז דו האָסט נאָך נישט געהערט פון שעפּטעלען. מיט געלט קען שעפּטעלע אַלץ מאַכן.

— טו זאָג־זשע מיר, — מאַכט שמחה׳לע מיט אַ קרומען שמייכל — זאָג־זשע מיר, טייערער בן־פּקוע מיינער, אַז דו ביזט שוין יאָ אַזאַ בריה, איז אפשר קענסטו דאָ קריגן אַ ביסל יענע־מעשה, כ׳מיין אַ ביסל בראָנפן? פאַר געלט, מיין איך, נישט אומזיסט. כ׳האָב שוין פיר חדשים אין מיין מויל נישט געהאַט. כ׳בין אויס מענטש...

— אויך מיר אַ זאַך! — גיט זיך שעפּטעלע אַ קרים. — די סטאַראָזשעס אַליין וועלן דיר אַריינשוואַרצן. האָסט גענוג געלט?

שמחה׳לע האָט זיך אַ טאַפּ געטאָן אין אַ פאַרשטעקטן אָרט, און באַלד חרטה געקראָגן. מאַלע וואָס אַ שעפּטעלע גנב קען זיך פאַרוועלן!... פונדעסטוועגן האָט ער, נאָך אַ מינוט שווייגן, האַלב־בורטשענדיק, אַרויסגערעדט:

— נאַ, אויף אַ האַלבע „קווערטל" וועט נאָך סטאַיען!

שעפּטעלע האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער האָט שמחה׳לעס פאַר־דאַכט גאָר נישט באַמערקט.

— דאָ, אין אָסטראָג, קאָסט אַ „סאָטקע" וויפל אַ קוואָרט אויף דער פריי. מיין נישט!

— אויף אַ טרונק בראָנפן איז מיר גאָרנישט צו טייער...

שעפּטעלע האָט זיך געשטעלט אויף ביידע דינע פיסלעך אין זיינע שצאַגעלסקע שטעק־שיך. אויף זיין שוואַרצן פנימל איז געווען אויסגע־גאָסן אַ מינע פון אַ גרויסן נדבן, וועלכער שעמט זיך מיט זיין גוטסקייט.

— נאָר געדענק, — מאַכט ער אַ ביסל פאַרשעמט — זאָלסט זיין אַ מענטש! וואָס הייסט אַ מענטש? נישט פאַרלירן דעם קאָפּ זאָלסטו, אַ ביסל בראָנפן ק ע נ ס ט ו נעמען? אַך, יאָ. אַלע זאָגן אַז זיי „קענען", דערנאָך מאַכן זיי אַן אַ טאַראַראַם. מיר זענען אין אָסטראָג, זענען מיר. איך טו דאָס נישט צוליב דיר נאָר צוליב פאַנדרען, ווייל דו ביסט פאַנד־רעס אַ חבר. און דיין אפּותיקי, — האָט שעפּטעלע צוגעגעבן גאָר קאַלט — פאַר דיין אַפּותיקי האָב קיין מורא נישט! ביי אַן אָרעמאַן האָט נאָך שעפּטעלע קיינמאָל נישט געגנבעט.

אָפּגעזאָגט, אויסגעדרייט זיך צו שמחה׳לען אויף ביידע שטעק־שיך און אַוועק אין אַן אַנדער ווינקל. שמחה׳לע איז געבליבן זיצן ווי אַן אָפּגעשמיסענער פון אַזאַ איידעלן האָנאָר ביי אַן אָסטראָזשניק. ער האָט פאַר אים געקראָגן דרך־ארץ.

און שעפּטעלע האָט געהאַלטן וואָרט. ווען די אַרעסטאַנטן זענען אַוועק אויף דער אַרבעט, אויסער אים און דעם ניי־אָנגעקומענעם שמחה׳לען, האָט ער זיך צוזאַמענגערעדט מיט די סטאַראָזשעס, מיט גאָר באַזונדערע רמזים און מיט גנבישע ווערטלעך, האַלב־יידיש, האַלב־רוסיש, וואָס די גויים מיט די שליסעלעך האָבן, ווייזט אויס, זייער גוט פאַרשטאַנען. און נישט שפּעטער ווי אין אַ שעה אַרום האָט מען שוין דאָס ביסל משקה געבראַכט צוטראָגן. איין חלק — אין אין אַ פלאַכער אַפּטייק־פלעשל, פון כאַליעווע אַרויסגעצויגן, און דעם צווייטן חלק אין עפּעס אַ גומענעם פענכער, זייער אַ פאַרדעכטיקע כלי, וואָס מען באַנוצט אויף שדים וויסן וואָס, וועלכער לאָזט זיך אָבער אַריינשטופּן אונטערן לעדערנעם גאַרטל. אין מיט די זעלבע ווונקען און גנבישן לשון, ווי פריער, האָבן דאָס די סטאַראָזשעס איבערגעגעבן שעפּטעלען. אויף זייערע ברייטע שטיוואַלעס האָבן זיך די צוויי פאַליצייאישע שמוגלערס נישט פעסט געהאַלטן, און די

וויינפּערלעך אויף זייערע רויע נעזער האָבן גאָר פֿיין געבליט. קענטיק געווען, אַז קודם־כּל האָבן זיי פֿון ביטערן טראָפּן אַליין גוט פֿאַרזוכט, און בלויז די שיריים אַריינגעשוואַרצט אין אָסטראָג, אונטערן סאַמע נאָז פֿון „סמאָטריטעל״. ס׳האָט זיי אָפּנים געלוינט. וואָרים פֿאַר ווייניקער ווי אַ האַלבע קוואַרט האָט זיי שעפּטעלע באַצאָלט ווי פֿאַר אַ גאַנצן „שטאָף״, און נאָך אַ פּאָר פּיאַטאַקלעך אַ צוגאָב געגעבן זיי. אַוועקגייענדיק, מיט נישט זיכערע טריט, האָט זיך נאָך דער סטאַרשער אומגעדרייט צו שעפּטעלען און אים אונטערגעוווּנקען מיט איין פֿאַרגאָסן אויגל:

— אַ שטאָ, שעפּטעל! גאָל נאָ ווידומקו כּיטראָ? — ס׳הייסט: וואָס זאָגסטו עפּעס, שעפּטעל! קבצנים זענען קלוג אויף אַ שפּיצל?

— כיטראָ, ווי לאַנג קרענקסטו! — האָט זיי שעפּטעלע האַרציק צוגעוווּנטשן, און אַזוי קונציק פֿאַרשלונגען די „ברכה״, אַז ס׳האָט געקלונ־גען, ווייניקסטנס, ווי „זדראַוויע זשעלאַיעם״.

יאָ, שעפּטעלע גנבֿ האָט געהאַלטן וואָרט. אָבער נישט שמחה׳לע דער קצבֿ. ס׳איז אַ חרפּה און אַ שאַנדע צו דערציילן, וואָס מיט שמחה׳לע טורערו איז געשען, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָנגעשנאַטשקעט. צי מחמת דעם, ווייל ער האָט געטרונקען אויפֿן ניכטערן האַרצן; וואָרים ווי יעדן „נאָוויטשאָק״ איז אים אָנגעגאַנגען אַ חלשות פֿונעם קעסל אין אָסטראָג... צי מחמת דעם, וואָס ער האָט שוין לאַנג נישט געהאַט אַ ביסל משקה אין מיל; צי מחמת די בראָנפֿן גופֿא האָט זיך אָפּגעגעבן מיט ריזינע פֿון פֿענכער און האָט אים אינגאַנצן פֿאַרטשאַדעט... ווי עס זאָל נישט געווען זיין, אָבער דער סוף איז געווען גאָר נישט קיין גוטער.

לכתּחילה האָט שמחה׳לע שטיל געשלוקערצט און געגרעדט עפּעס צו זיך אַליין, גאָר פֿיין און גאָר שיין. דערנאָך האָט ער זיך פּלוצלונג גענומען טשעפּען צו שטיין און ביין און צו מענטשן. אַלץ איז ביי אים געווען גלייך. דערנאָך האָט ער גענומען קלאַפּן מיט די פֿויסטן אין די „נאַרעס״ און שרייען, אַז ער וועט דעם שקלאָוער נייעם נגיד, דעם מערידאַלניק, אַריינזעצן אַ מעסער אין בויך, מער גאָרנישט. און גאַנץ שקלאָוו וועט ער אַוועקלאָזן מיטן פֿייער. אָט זאָל ער נאָר אַרויס פֿון אָסטראָג, וועט מען זען!... ס׳האָט נישט געהאָלפֿן שעפּטעלעס אַריינמישן זיך, דאָס דערמאָנען שמחה׳לען, אַז ער האָט דאָך עפּעס צוגעזאָגט... שטיל זאָל זיין! ער קען נאָך אָנמאַכן אַ חתונה מיט די סטאָראָזשעס, וועלכע האָבן דעם ביטערן טראָפּן אַריינגעשוואַרצט...

פֿאַר אַזאַ אָנשרייען האָט אים טורערו געענטפֿערט מיט אַ שטויס אין

האַרצן, אַז יענער האָט זיך איבערגעקוליעט. און איין שצאָגעלסקער שטעק־שוך איז אים געפּלויגן אין דער לופטן. בלויז די גויעשקע אָסטראָזשניקעס האָבן פון שמחה׳לעס שיכורע שטיקלעך געקליבן נחת. זיי האָבן געקוקט מיט אַ מין באַגייסטערונג פון באַהאַלטענע שיכורים אויף אַזאַ גאונות, וואָס שמחה׳לע האָט דאָ אַרויסגעוויזן. אָקאָרשט, דאַכט זיך, אַריין אין אָסטראָג און האָט שוין געפונען אַ דרך ווי אַזוי צו „פּאָטיאַפּען״ אַ ביסל משקה. אָט דאָס הייסט אַ חברה־מאַן! מיט אַ צערטלעכקייט פון עלטערע ברידער, איבער די שטיקלעך פון אַ יונגערן, האָבן זיי גערעדט פון שמחה׳לעס העלדישקייט:

— העט, ווי עס צענעמט אים, דעם יידליק, אין זיין מאַמעס־מוטערס טראַכט!

— טפו! — האָט ער אַ שפּיי געטאָן אויף דער „פּאָכליאַבקע״ פון אָסטראָג און אָט!... עפּעס בעסערס געקראָגן — געקומען, געקויפט און אַריינגעגאָסן... מאָלאַדיעץ!

אָבער די שליסלער און דער „סמאָטריטעל״ האָבן וועגן דעם געהאַט גאָר אַן אַנדער מיינונג. זיי זענען שוין געווען אָנגעלערנט פון דעם אייערנעכטיקן געשלעג צווישן פּאַנדרען און טשורילאָן. זענען זיי באַ־צייטנס אָנגעלאָפן אויף שמחה׳לעס געשרייען און האָבן אים קודם־כל באַרואיקט מיט עטלעכע ניש־קשהדיקע קלעפּ. דערנאָך אַרויפגעשלעפּט אויף די נאַרעס און געלאָזן אים דאָרטן ליגן אַ וויינענדיקן, אַ פאַר־סמאַרקעטן. שפּעטער איז נאָך דער סמאָטריטעל געקומען, האָט עפּעס אויסגעפרעגט און עפּעס פאַרשריבן. שפּעטעלע האָט זיך דערביי געהאַלטן אָן אַ זייט, ווי אַ מענטש, וואָס זעט שמחה׳לען צום ערשטן מאָל. נאָר אַז דער סמאָטריטעל איז אַוועק פון קאַמער, האָט ער אויסגעגאָסן זיין האַרץ פאַר די יידישע אַרעסטאַנטן:

— ווער זאָל זיך ריכטן! דערציילט האָט ער, אַז ער איז פּאַנדרעס אַ חבר. מיין איך דאָך אַ גבר! ערשט ווו? וואָס? ווען? אַ קאָפּ האָט דאָס פון אַן אינדיק!... נאַ, צרות וועט ער שוין האָבן. ער זאָל נאָר מיך נישט פאַרמסרן, דער יאָלד!

2

שוין באַלד צוויי טעג, אַז פּאַנדרע זיצט אין קאַרצער. אין פינצטערן קעלער פון אָסטראָג. אויף ברויט און וואַסער זיצט ער. פון אַ קראַטן־

פענצטערל, וועלכע איז איינגעבויט, כמעט אונטער דער סאַמע שטיינערנער סטעליע, טריפט אַ מין ברודנע ליכטיקייט — אַ גלאַנץ פון אַ בלאָטיקער וואַסער אין אַ רעגנדיקן טאָג; כאָטש דרויסן ברענט און בראָט דער זומער.

בייטאָג מאַטערט פאַנדרען די פייכטע דושנעקייט און בייגאַכט — די שטשורעס. זיי זענען אַזוי חוצפּהדיק, אָט די קליינע חיהלעך, אַז זיי שפּרינגען אין שלאָף, איבערן פּנים, און זיי קיצלען, טאַפּנדיק מיט די לאַפּקעס, אין די האָר. אַפילו בייטאָג, ווען פאַנדרע זיצט אַ ווײַלע פאַר־קלערט אויף דעם איינגעבויטן ציגעלנעם „בענקעלע״, דערפילט ער פלוצלונג ווי אימיצער אַ קליינינקער, אַ פלינקער און אַ פאַרזיכטיקער דראַפּעט זיך אויף זיין כאַלאַט, דערקריכט ביז די קני, דערשרעקט זיך פלוצלונג און אַנטלויפט מיט אַ דינינקן קוויטש.

נאָר דאָס אַלץ וואָלט נאָך געווען צו פאַרטראָגן. נאָך אַ טאָג צי צוויי איבערקומען. פאַנדרע איז קיין מפונק נישט. אין מוח עגבערט אים בלויז דאָס, וואָס דער סמאַטריטעל פון אָסטראָג האָט אויף אים געשריגן, נאָכן געשלעג מיטן גוי, אַז באַלד נאָכן אָפּקומען די שטראָף אין קאַרצער, וועט מען אים פאַרשפּאַרן, אַזאַ „בויאַן״ ווי ער איז, אין אַ באַזונדער קאַמער. אַז די קאַנצעלאַריע וועט צושטעלן אַ ראַפּאָרט מען זאָל אים, פאַנדרען, פאַרלענגערן דעם „סראָק״, ער זאָל האָבן צו געדענקען...

די טורמע אין דער הויך, אַנטקעגן דעם לאַך ווו ער זיצט, זעט אים אַציגנד אויס ווי אַ ליכטיקער פּאַלאַץ פול מיט פרײלעכע פּרצוף־פּנימער... פונקט אַזוי האָט זיך אים פריער פאַרגעשטעלט דער ברייטער שליאַך אויף אָרשע אַקעגן דער קאַמער אין אַרעסט, ווו ער איז ביזקל משפּט אָפּגע־זעסן גאַנצע זעקס חדשים. ס׳איז גאָר קיין שליאַך נישט געווען — אַ מלוכה איז דאָס געווען! אַ לאַנגער קאָרידאָר צווישן ברוינע שטאַמען פון סאָסנעס און גרינע ווענט פון יאָדלעס. און ער, פאַנדרע, זיצט אויף דער קעלניע און טרייבט סענדערס פערד אין אַ בלויען עק־וועלט אַריין... ווען איז דאָס געווען? שוין דאַכט זיך אַ סך צייט אַריבער... סענדער... מערע...

מערעס געשטאַלט, מיט אירע באַגולדעטע קײלעכדיקע פּלייצעס ביים נאַכט־לעמפּל. ווי ער האָט זי געזען צום לעצטן מאָל אין בעט, גיט אים אַ ברען אין האַרצן, ווי אַן אָנגעגליטער שטיק אייזן. שוין באַלד אַ פּאָר וואָכן, אַז ער האָט פון איר קיין שום ידיעה נישט געהאַט. זי ליגט אַפּנים אין קימפּעט. וואָרים אַפילו סענדעריכע, די מאַמעלע אירע, איז צום „סוד״ אין מאַהליוו נישט געקומען. נישט געקענט, ווייזט אויס, לאָזן

מערען איינינקע אַליין; אָדער אויף הוצאות נישט געהאַט. און וואָס וועט זיין ווייטער? אַט אַזוי וועט ער זיך דאָס אַלעמאָל איינשטעלן פאַר יידן. פאַרן נייעם נגיד, פאַר שעפּטעלע גנב און פאַר אַנדערע צעשראָקענע האָזן, אַן אייגענע בלוט און פלייש פאַרגעסן און גיין אַלץ טיפער אין דרערד אַריין? פון שטוב אין סטאַן, פון סטאַן אין אַרעסט, פון אַרעסט אין אָסטראָג, פון אָסטראָג אין קאַרצער... און וווהין נאָך ווייטער?

אַ פוסטע שטאַל האָט זיך אים פאַרגעשטעלט. סענדערס שטאַל אַן פערד. פאַרשימלטע קאַמעטן, פאַרזשאַווערטע רעדער, פאַרפוילטע שטרוי, אַן אויספאַרקויפטע שטוב.

נישט געפאָלגט האָט ער מערענקען. אויפגעריסן זיך פון שלאָף און געלאָפן ראַטעווען. דאָס לעבן איינגעלייגט פאַרן נייעם נגידס כבוד און פאַר זיין בהמה. געלאָזן ליגן מערענקען אַיינע אַליין. ער געדענקט נאָך ווי זי האָט געציטערט, ווען ער האָט זי איינגעדעקט מיט דער קאָלדרע... דאָס האַרץ האָט אים אָבער געזאָגט, בשעת דער פּריסטאַוו האָט אים אַוועקגעפירט אין סטאַן, אַז אַזוי גיך וועט ער מערענקען נישט זען...

— אוי, פאַנדרע! — האָט ער זיך אַליין געמוסרט — ווען וועסטו שוין ווערן אַ מענטש!

און פינצטער איז אים געוואָרן אויפן האַרצן פון דעם אייגענעם מוסר, פונקט ווי ער וואָלט מיטאַמאָל אַריינגעקראָכן, מיט לייב און לעבן, אין דער ענגער, געלבלעכער און נישט־געזונטער הויט פון דעם נייעם נגיד...

אַ שאָרך האָט זיך דערהערט הינטערן וואַנט, און טריט האָבן זיך דערנענטערט. אַ פאַרריגלטע פאָרטקע אין טיר פון קאַרצער האָט זיך קרעכצנדיק אויפגעעפנט, און די טונקעלע האַנט, וואָס האָט אים שוין צוויי מאָל אַריינגעגעבן וואַסער און ברויט, האָט אים איצט דורכגע־שטופּט אַ פּעקעלע, פאַרוויקלט אין פּאַפּיר, און צוריק אָפּגעשלאָסן.

אין פּעקעלע האָט פאַנדרע געפונען אַ שטיק קעלבערנע געבראָטנס, אַ מאַלאָסאָלנע אוגערקע מיט אַ מחיהדיקן ריח פון „אוקראָפּ", אַ האַלבן פרישן קימעל־ברויט.

אַ וואַרעמקייט האָט זיך צעגאָסן אין פאַנדרעס האַרצן, אַ ליכט איז אים אויפגעגאַנגען אין די אויגן. אין דער אומגעריכטער מתנה האָט ער דערפילט שעפּטעלעס האַנט, אַן אָפּגעשפּאָרטע פאַרציע פון זיין עסן. פאָרט אַ יידיש האַרץ! ניין, שעפּטעלע גנב האָט אים נישט פאַרגעסן. ס'איז דיר נישט דער נגיד מיטן פליך! שעפּטעלע זאָרגט זיך פאַר אים דאָרטן, ערגעץ־ווו אין דער הויך...

פאַנדרע האָט געשמאַק אַריינגעריבן. די דורכגעבראָטענע ביינדעלעך פון דאָס קעלבערנס האָט זיך, צווישן זיינע שטאַרקע ציין, צעמאָלן פּונקט ווי דאָס פלייש אַליין. די מאַלאָסאָלנע אוגערקע האָט זאַפטיק געקנאַקט, און דאָס קימעל־ברויט האָט זיך פריינטלעך געלאָזן רייסן אויף געשמאַקע שטיקער... די מייז, אין די ווינקעלעך פון קאַרצער, האָבן זיך מיט דרך־ארץ צוגעהערט צו אַזאַ מוזיק געשאָקלט מיט די וואָנסעלעך פון גרויס גלוסטעניש און געלעגט זיך, ווי הונגעריקע פּאַצעטן, מיט די פאָדערשטע לאַפּקעס איבערן קעפּל. געוואַרט אויף ברעקלעך... אָבער פאַנדרע האָט דאָס מאָל קיין ברעקעלע נישט געלאָזן פאַלן. זינט ער איז פון דער היים האָט ער אַזאַ מאכל־מלכים נישט געגעסן. דער יידישלעכער, קנאָבלדיקער טעם פון פלייש האָט אים אינגאַנצן אויפגעמונטערט. ער האָט אין זיך אַריינגענומען דאָס עסן מיט אַלע חושים זיינע. דעם געשמאַק מיטן גומען, די ווייכקייט און קרוכלעקייט — מיט די האַרטע פינגער און דאָס אַפּעטיטלעכע קנאַקן — מיט די אויערן. נאָכן עסן איז ער אַ גוטע ווײַלע געבליבן זיצן, כדי צו פילן ווי זיין געזונטער אויסגעמאַטערטער גוף זויגט אין זיך איין, מיט אַ מין פריילעכער ציטערניש, אַלע זאַפטן פון דאָס געגעסענע. דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען און, איינגעבויגענערהייט, גענו־מען מעסטן די עטלעכע טריט, וואָס האָבן זיך געלאָזט מאַכן. אַרומשפּאַצירן איבערן קאַרצער גלייכערהייט האָט דער נידעריקער סופיט נישט געלאָזן. צעגאַנגען זיך אַ ביסל — האָט פאַנדרע פריילעך אַ רייב־געטאָן ביידע פאַרמאַזאַליעטע הענט, ווי זיין שטייגער איז נאָך אַ זאַטן עסן. אַ גערויש פון צוויי ריב־אייזנס האָט זיך דערהערט אין קעלער און פאַנדרעס קול האָט דאַנקבאַר אָפּגעברומט:

— נאַ, געלויבט דער אויבערשטער, אָפּגעגעסן...

דאָס האָט אים ווידער אָן עפּעס דערמאָנט. ווי אַ ווידער־קול פון דער היים, האָט זיך אים אָנגעהערט זיין אייגענער קול. האַ?... ווען ער האָט דאָס צום לעצטן מאָל געזאָגט אַזאַ וואָרט? יאָ, אַצינד דערמאָנט ער זיך: פאַרן לויפן מיטן האַק אויף דער שריפה. נאָכן טעפּל מיט לעבלעכע פּאַסאָליעס וואָס ער האָט אויפגעגעסן... אַ פריער, געדענקט ער, האָט זיך אים געוועלט געגלוסט מילכיקע רעטשקענע קאַשע. דערנאָך האָט ער זיך איבערגעבעטן און באַגנוגנט זיך מיט אָפּגעשטאַנענע פּאַסאָליעס...

דאָ האָט אויף אים ווידער אָנגעוואָרפן אַ טרויער און ער האָט זיך אַנידערגעזעצט: וואָס איז פון דיר געוואָרן, פאַנדרע? אַ דעמב ביסטו

פריער געווען. אַצינד וואַרפט דיך שטענדיק אַ קדחת. אָט איז דיר גוט, אָט איז דיר שלעכט...

נאָר אין אַ שעה אַרום האָט ער ווידער דערפילט, אַז אימיצער זאָרגט זיך פאַר אים. וואָרום דער עלטערער סטאַראָזש האָט ווידעראַמאָל אויפֿגעמאַכט די פאָרטקע אין טיר פון קאַרצער און אַריינגערעדט שטילערהייט, מיט אַ ריח פון איבערגעברענטן בראָנפן:

— טאַק־שטאָ!... ווי רופט מען דיך!... שעפטעל לאָזט דיר זאָגן, זאָלסט קיין מורא נישט האָבן. וועסט צוריקגיין אין דער זעלבער קאַמער ווו דו ביסט געווען...

3

צומאָרגנס אינדערפרי, ווען מ׳האָט נאָך אַרויסגעפירט פון קאַרצער און צוריק אַריינגעלאָזן אין דער גרויסער קאַמער פון אָסטראָג, האָט זיך מיט אים שעפטעלע דערפרייט, ווי מיט אַ טאַטן. די יידישע אַרעסטאַנטן האָבן אים באַגעגנט ווי זייער שמשון הגבור, זייער אויסלייזער. אַפילו אַ סך פון די גויים האָבן אים באַגריסט מיט דרך־ארץ:

— נו, אָנגעבראָכן אַ „קאָט״ *) די ביינער, אָפּגעזעסן אַ ביסל. אַצינד זיי מיט אונדז!

פאַנדרע האָט זיך גלייך דערפילט צווישן אייגענע. זינט מען האָט אים פאַרשלעפּט פון דערהיים האָט אים געפעלט די וואַרעמקייט פון משפּחה. און אָט האָט ער, מיטאַמאָל, דערפילט איר ווייטן אָטעם. עס, מען ווערט נישט פאַרפאַלן, פאַנדרע, אַפילו צווישן אָסטראָזשניקעס!...

זיין גוטער מוט איז אָבער פאַרשטערט געוואָרן, ווען שעפּטעלע האָט אים צוגעפירט צו די נאַרעס, ווו שמחה׳לע איז געלעגן, איינגעקאָרטשעט און שווער־אויסגעניכטערט, נאָכן נעכטיקן טרונק און מיט בלויע „לאַמטערנעס״ אונטער די אויגן, וואָס די צערייצטע סטאַראָזשעס האָבן אים געשטעלט, כדי צו „באַרואיקן״ אים...

שעפּטעלע האָט געוואָלט זען דעם רושם, וואָס אַזאַ פלוצלעכע באַגעגעניש, וועט מאַכן אויף ביידע חברים. ער האָט אין האַרצן נישט געגלויבט, אַז פאַנדרע וועט זיך חברן מיט אַזאַ נפש, וואָס קען אַפילו קיין האַלבע „קווערטל״ בראָנפן נישט איינהאַלטן אין קאָפּ. און דער איינדרוק

* אַ קולאַק, וואָס טעראָריזירט אַלעמען אין טורמע.

איז געווען גאָר אַ זעלטענער: ביי פֿאַנדרען האָט זיך געעפֿנט דער מויל, די אונטערשטע ליפּ איז געבליבן הענגען ווי ביי אַ קינד, ווען עס וווּנדערט זיך. און גאָר פּלוצלונג האָט זיך די ליפּ אַ הויב־געטאָן און דאָס גאַנצע פֿאַרגרעבטע פּנים האָט זיך אים צעגליט אין איין גוט־ברודע־רישן שמייכל. נאָר שמחה׳לעס מינע איז געבליבן שטאַר און כמורנע ווי געווען. כאָטש הערן האָט ער שוין פֿריער געמוזט הערן, אַז פֿאַנדרע איז צוריקגעקומען. ער איז געלעגן אַן אָפּגעשוואַכטער און געקוקט מיט אַ זלידנער שטעכיקייט אויף זיין אַמאָליקן חבר פֿון יאַטקע. אָנגעקוקט אים אַזוי און דערנאָך הייזעריק אַרויסגערעדט:

— נו וואָס?.. אויסגעפּירט? מען טרעפֿט זיך, אַ?

— וואָס מאַכסטו שמחה׳לע? — האָט אים פֿאַנדרע גענומען טרייסלען.

— לאָז! — האָט שמחה׳לע קורץ און טרוקן אַ כריפּע געטאָן און זיך אָפּגערוקט, איינגעצויגן זיך ווי אַן אָנגעטראָטענער וואָרים.

פֿאַנדרע האָט אַ הויב געטאָן מיט ביידע פּלייצעס.

— אָט, — מאַכט שמחה׳לע טורערו געהיימנישפֿול און קוקט ווידער אַן זיין חבר מיט שטאַרע אויגן — האָסט גאָרנישט אויסגעפּירט! מיר דרייען זיך און מיר דרייען זיך און מיר קומען אַלעמאָל צוזאַמען

— וואָס מיינסטו מיט דעם? — גיט פֿאַנדרע שטיל אַ פֿרעג.

— וואָס איך מיין? — פֿרעגט איבער שמחהלע מיט זיין גיפֿטיקן כריפּען — מ׳מיין, אַז ס׳האָבן דיר נישט געהאָלפֿן דיינע באַלעבאַטישע שטיק, האָט געיאָלדעוועט מיטן שווער... צום מורה־הוראה געלאָפֿן, געוואָלט זיך איינקויפֿן אין חסידות, אַנטלאָפֿן פֿון שמחה׳לען. אַריינגעקומען אין יאַטקע מיטן בייטש־שטעקל אונטערן אָרעם און געדרייט מיט דער נאָז... קלאָמפּערשט נישט דערקענט...

שמחה׳לע איז אַ ווייִלעטשקע אַנטשוויגן געוואָרן, ווי אַ בייזע ביק, וואָס לאָזט אַריין איר שטעכל און איר זעל אין אַ פֿאַרהאַסטן לייב אַריין. און דערנאָך, פּונקט ווי די זעלבע גוססדיקע ביק, האָט שמחה׳לע קורץ און באַפֿרידיקט, אַ ברום־געטאָן:

— און אָט זענען מיר ווייטער צוזאַמען!

די לופֿט אין אָסטראָג איז פֿאַנדרען גלייך שווער געוואָרן. ער האָט געזען, אַז עפּעס דריקט שמחה׳לען אויפֿן האַרצן, אפֿשר שוין זייער לאַנג. און אָט, אָפּגעשוואַכט פֿון טרונק, האָט ער דאָס, אַפּנים, מער נישט געקענט איינהאַלטן אין זיך. פֿאַנדרע האָט אָבער קלאָר נישט געקענט פֿאַרשטיין, וואָס אייגנטלעך שמחה׳לע האָט צו אים. זיין אַמאָליקע חזקה אין יאַטקע,

זיין האַק און קלאַץ האָט דאָך ביי אים טורערו אַליין אָפּגעקויפט, באַלד נאָכן פּריזיוו, ווי נאָר ער איז געקומען פון פּריסטסווע אַ באַפרייטער. היינט וואָס־זשע וויל ער דאָ אַצינד?... האָט זיך זיין רחמנות צו שמחה׳לען גענומען מישן מיט צאָרן:

— איז וואָס עפּעס האָסטו זיך מיטאַמאָל דערמאָנט?

שמחה׳לע האָט אים מער נישט געענטפערט. נאָר אין האַרצן ביי אים האָט בייז געכריפּעט.

האָט שעפּטעלע דערזען אַז די גוטע פריינטשאַפט „וועגן וועלכער דער קצב האָט אים נעכטן דערציילט, איז גאָר נישט אַזוי הייס, האָט ער אַ ווונק געטאָן פאַנדרען מיט איין אויגל און אָפּגעפירט אים אָן אַ זייט:

— לאָז אים! — מאַכט ער שטילערהייט, — ער האָט זיך נאָך נישט אויסגעניכטערט. דאָס האָב איך זיך פאַר אים פאַסטאַרעט...

פאַנדרע מיט זיך געמאַכט באַקוועם לעבן שעפּטעלען אויף די נאַרעס:

— נישט געדאַרפט געבן אים טרינקען.. אויפן ניכטערן האַרצן מסתמא? נאָכן אַריינגיסן בויאַנעוועט ער אַלעמאָל.

— גיי ווייס, אַז ער האָט אַ קאָפּ פון פּיסקליאַטע! — מאַכט שעפּטעלע מיט די פּלייצעס — געמיינט דיינער אַ חבר. וועסט דאָך נישט גלויבן! ער האָט מיר שיכורערהייט דערלאַנגט אַ טראַסק אין האַרצן, פּיל איך דאָס נאָך אַצינד. נאַ, אָבער מער קיין בראָנפן קריגט ער נישט! מעג ער זיך אַפילו אויסציען בעטנדיק.

מ׳האָט אויפגעשלאָסן די טיר און גענומען אַרויספירן די אַרעסטאַנטן אויף דער אַרבעט. פאַנדרע איז גלייך צוגעשפּרונגען און געשטעלט זיך אין דער ריי. נאָך צוויי טעג זיצן אין קאַרצער האָט זיך אים געגלוסט אויף דער פרישער לופט. אָבער דער סטאַראָזש האָט אים אַרויסגעשטופּט:

— דו, וואַרט

— דאָס געפעלט מיר נישט — טראַכט ביי זיך שעפּטעלע, נאָר פאַנדרען האָט ער קיין וואָרט נישט געזאָגט.

מ׳האָט אַלע אַרעסטאַנטן אַרויסגעפירט. געבליבן זענען נאָר אויסער פאַנדרען: שמחה׳לע — אויף די נאַרעס און שעפּטעלע גנב.

— זע, — מאַכט פאַנדרע — דיך טשעפּעט מען גאָר נישט?

— מיך? — מאַכט שעפּטעלע און גיט אַ וואָרף דאָרט קעפּל ווי אַ הענדל צום שלאָגן זיך — אַזוי לאַנג קרענקט פּאַניע, ווי איך וועל אויף אים האָרעווען...

— ווי אַזוי מאַכסטו דאָס?

— אַזוי ווי בראַנפּן פאַר דיין שמחה׳לען.. שעפּטעלע קען אַלץ.

— ביסט דאָ, זע איך, אַ גאַנצער מאַנאַפּאַלטשיק...

— פאַר געלט קריגט מען אַלץ... ווילסט אפשר אויך אַ „סאַטקעלע״? שעם זיך נישט!

— כ׳ווייס? — מאַכט פאַנדרע מיט אַ קראַץ אין פּאַטילניצע — ווערסט אויך נעמען אַ קאַפּעלע?

— איך? — מאַכט שעפּטעלע מיט ווירדע — איך אַליין טרינק נישט קיין „סיוווכע״ שעפּטעלע איז געווינט צו בעסערע געטראַנקען! און ליקער פראַנצויזישן ווילסטו נישט? און שאַמפּאַניער מיט געזאַלצענע מאַנדלען איז אַ הונט?

— ויי זאַגכטו פּאַשמאַ?... ווי?

— ס׳אַ נפקא־מיני ווי עס הייסט. אַבי ס׳איז גוט. אַנגעקילטער וויסער ווין מיט סירופּ און מיט רויטע יאַגדעס איז אויך בעסער ווי אַ געשוויר אויף אַ צאַן.

— און דו האָסט דאָס אַלץ געטרונקען?

— און נאָך אַ מין! שפּילסט זיך מיט שעפּטעלען? כ׳וועל אפשר גיין זשאַלעווען פרעמד׳ געלט? מיט וויניק האַרצקלאַפּעניש קומט דאָס מיר אָן? פאַר מיר און פאַר מיינע יאַטן פאַלט דאָס מיר שטענדיק אַרויס דאָס האַרץ... און פאַרוואָס נאָר טרינקען אַליין? פאַרוואָס נישט גוט עסן? אָט, למשל... וואָס אכלסטו, נה, אינדערהיים?

— דאָס לעצטע מאָל, — מאַכט פאַנדרע — פאַרן אַוועקגיין אין אַרעסט, האָב איך געגעסן מיין ווייבס אַ געקעכץ. פאַסאָליעס אויף ביינער געקאָכט. אַ ביסל לעבלעך, אָבער גאַנץ געשמאַק געווען.

— כאַ־כאַ־כי־כי! — צעלאַכט זיך שעפּטעלע מיט אַ קוויטש, — קישקע און קאָפּ האָט מען דיר פאַרשטאָפּט; איינגעשמועסט דיר, אַז בעסערס איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ, אַ? נישטאָ קיין געפילטע טייבעלעך מיט שוואָמען, נישטאָ קיין ראַזשינקע־קוגעלעך אינמיטן וואָך... פּודינג הייסט עס. נישטאָ קיין הינערשע „קאַנקלעטן״, נישטאָ קיין קאָמפּאָטן!... אויף צוויי ווייַנטרויבן מאַכט מען נאָר „שהחיינו״ דעם צווייטן טאָג ראש־השנה, אַ? און פון אַנאַנאַסן מיט ראָם האָסטו מסתמא אויך נישט געהערט? און באַנאַנעס ווייסטו וואָס דאָס איז? אַ שטיק האָניק איז דאָס נישט קיין פּרי!... אַמאָל, ברודער, בין איך אויך געווען ווי דו. געמיינט, אַז מיט אַ זיסער אוגערקע מיט הערינג און מיט זויער קרויט און מעל־צוקער ענדיקן זיך אַלע פּאַטראַוועס כ׳האָב פון דרייצן יאָר אָן געהאָרעוועט ביי אַ שלאָסער.

נאָכגעלאָפן נאָכן שטיקל ברויט אַ פּאַרסאָפּעטער און קיינמאָל אים אין האַנט נישט געהאַט. דער מייסטער האָט מיך געשלאָגן מיט אַן אייזערנעם פּרענט און רק געשריגן, אַז איך פויל זיך. האָב איך זיך אַרומגעקוקט: וואָס טויג מיר מאַכן שלעסער און זיין הונגעריק? כ׳וועל בעסער ב ר ע כ ן שלעסער און זיין זאַט. האָב איך זיך אַזוי געשטאָפּט מיט כלערליי פּאַס־קודסטווע ביז איך בין זאַט געוואָרן. ערשט שפּעטער האָב איך זיך גענומען צוקוקן ווי לייט עסן. פריער — ווי ס׳עסן מאַהליוזער גבירים אין די גוטע קוכמייסטערקעס, דערנאָך אין גרעסערע שטעט: אין קיעוו, אין כאַרקאָוו, אין מאָסקווע... אין אויסלאַנד בין איך שוין אויך געווען. פון דאַנציג האָסטו געהערט? פון אַנטווערפּען?... נישט איינמאָל איז מיר דאָרטן אויסגעקומען אַריבערצישוואַרצן אַ ביסל סחורה פון מיינע יאַטן, איבערשלייפן שטיינד־לעך... וואָס זאָל איך דיר דאָ לאַנג בראַיען, ברודער! לייט עסן און זויפן און נואפן. אַז עס גייט אַ רויך. און אַ נאַש־בראַט דערציילן זיי באָבע־מעשיות: הכלל מען דאַרף אַרבעטן, און אַרבעטן, און אַרבעטן... אַז מע האָרעוועט. אַזוי זאָגן זיי, פאַרגעסט מען אויף אַלע צרות אין דער וועלט. און אַליין טוען זיי גאָרנישט... מיין רבי אין „תלמוד תורה" האָט מיר אַמאָל אויך פאַרהאַקט אַ קאָפּ, אַז כדי צו ווערן אַ למדן, דאַרף מען שלאָפן אויף דער ערד און עסן ברויט מיט זאַלץ. אַזוי, האָט ער געזאָגט, זאָגן די „חכמים"... ס׳איז אַיין חכמה, ברודער, סיי ביי די גרויסע למדנים, סיי ביי די גרויסע גבירים. דערוויייל־וואָס האָרעוועט ביי זיי אַ נאַש־בראַט פאַר קאַלטע פּאַסאָליעס, און ישיבה־בחורים יאָלדן — באַגנוגענען זיך מיט ברויט און זאַלץ. אי עס קאָסט ביליק, אי מען האָט די אמתע מצוה... מען גיט דאָך, כלומרשט, אָרעמע לייט צו פאַרדינען. די גאַנצע עולם־הבא האָט מען און די גאַנצע עולם־הזה — איז נישט געריהרט. האָב איך מיך, ברודער פאַנדרע, אַרומגעזען, אָפּגעלאָזן אַ ביסעלע עולם־הבא און גענומען פאַר־זוכן פון עולם־הזה. מכוח עולם־הבא וועט מען זען... און כ׳האָב גאָר קיין חרטה נישט

— ביי אונדז אין שקלאָוו, — מאַכט פאַנדרע פאַרקלערטערהייט — רעדט כאַצע דער הינקענדיקער קירזשנער אויך אַזוי. מ׳זאָגט, אַז ער איז אַ... סיצ... אַ צישיליסט. אָבער ווי קומסטו צו אַזעלכע זאַכן?...

— זאָג בעסער, — מאַכט שעפּטעלע — ווי קומט צו אַ גנב אַזעלכע דיבורים?... נאָר געדענק, פאַנדרע, מיינע ווערטער! אם־ירצא־השם, אַז גאָט וועט מיר העלפן און כ׳וועל אַרויס פון פּאַניעס הענט און אַוועקגיין קיין אַמעריקע, וועל איך אויך ווערן אַ „צישיליסט", פּונקט ווי דיין הינ־

קענדיקער קירזשנער. דאָרטן, זאָגט מען, איז אַ מלוכה אַזאַ, אָן אַ קיסר. דאָרטן טשעפּעט מען נישט פּאַר אַזעלכע זאַכן... און דאָ, ביי פּאָניען, פאַרזעצט מען אין הד־גדיא סיי גנבים סיי ציציליסטן; סיי פּאַר אויפבּרעכן שלעסער, סיי פּאַר זינגען אַ לידל אַזאַ. אַפילו פּאַר לייענען, זאָגט מען, אָן „אויסלענדיש ביכל"... אויב אַזוי איז שוין גלייכער אויפצומאַכן שלעסער און עפּעס האָבן דערפון.

4

פאַנדרע האָט שווער צעקייט שעפּטעלעס שטעכנדיקע און קערנדיקע רעדעריי. ס'האָט עפּעס אַי געקריצט צווישן די ציין, אַי געשמאַק געווען... ניין, האָט זיך פאַנדרע געטראַכט, ד אָ ס, וואָס ער האָט שוין ביי זיך אַמאָל באַשלאָסן, בשעתן משפּט אין „אָקרוזשנאַי סוד"... אַז כ'וועל מירצעשעם אַרויס פון אָסטראָג מוז איך זיך טאַקע באַקענען מיט כאַצע דעם הינקענדיקן. וואָס זענען דאָס פּאַר אַ מיני ביכלעך אַזוינע און וואָס זענען דאָס פּאַראַ לידלעך? און אין אַמעריקע איז גאָר קיין קיסר נישטאָ?... זייער מאָדנע.

ס'האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט אויספרעגן ביי שעפּטעלען וועגן אָט די אַלע זאַכן נאָר ער האָט נאָך אַלץ נישט געהאַט דעם זעלבן צוטרוי צו שעפּטעלע גנב, ווי שעפּטעלע צו אים. האָט ער דערפאַר, סתם אין דער וועלט אַריין, נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט:

— אַזוי די מעשה... ביסטו שוין גאָר אַ גאַנצער דייטש? אין אויסלאַנד געווען?...

— און כ'וועל נאָך מירצעשעם זיין! און דו, ברודער, — מאַכט שעפּטעלע גאָר שטיל — טאָמער וועסטו אַמאָל דאַרפן מאַכן פּליטה, שוואַרצן אַ גרענעץ...

— איך? — ווי קום איך צו אַזעלכע זאַכן? כ'האָב אַ ווייב, אַ קינד. מסתמא שוין געבוירן געוואָרן...

— כע־כע, — לאַכט אים שעפּטעלע אויס — דו זיצסט צום ערשטן מאָל. אָסטראָג, ברודער, איז אַ זאַך, אַזאַ זאַך —

— וואָסער זאַך?

— מען אַנטלויפט פון אים, מען שטופּט אים אַוועק, מען וויל פאַרגעסן, און דער אָסטראָג שלעפּט אַריין צוריק. וועסט זען. צי אַזוי צי אַזוי, דער, וואָס זיצט איינמאָל זיצט צוויי מאָל. ס'איז אַ כישוף איך אַליין

אויף דער פריי, לעב, דאַכט זיך, אַ גוטן טאָג. נאָר כ׳בין שטענדיק אומ־רואיק. קיין נעכט שלאָף איך נישט. די היטל ברענט אויפן קאָפּ. מען ברענט טאָג און נאַכט און מען רויכערט, ווי אַ צופיל־אַרויסגעדרייטער לאָמפּ. אַנגעקומען אין אָסטראָג — דרייט מען צוריק אַריין דעם קנויט. מען רוט זיך אויס. נאָך עטלעכע חדשים האָט מען שוין ווייטער כוח צו „אַרבעטן״. און ס׳גלוסט זיך אַנטלויפן. פּאַרטאַיעט מען זיך פּאָר אַ חולה־מסוכן און מען לויפט. פון שפּיטאָל איז אַ סך לייכטער צו אַנטלויפן. דאָס מאָל האָב איך זיך נישט גוט אויסגערוט. דער ערל, אַ רוח אין זיין געפּגרטער נשמה, האָט דאָ פאַרביטערט דאָס לעבן. אַצינד, אַז דו האָסט פון אים געמאַכט אַ טרפהן „קאַנקלעט״, וועט מען זיך אַ ביסל צוזען. ער וועט שוין צוריק אַהער נישט קומען.

— אויב ער וויל, זאָל ער קומען! קריכן אויפן קאָפּ וועל איך אים נישט לאָזן.

— מען זאָגט דיר — ער וועט נ י ש ט קומען. איך ווייס עס שוין פון סטאַראָזש, פון קאַנצעלאַריע ווייס איך דאָס. מ׳האָט מורא איר זאָלט זיך ביידע נישט שעכטן. מ׳וועט אים איבערפירן אין אַן אַנדער קאַמער. דערווייל היילט מען אים די נאָז. און דו, פאַנדרע, אַן חכמות זאָג איך דיר: היט זיך! ווו דו זאָלסט אים נישט באַגעגענען.

— כ׳האָב אים — מאַכט פאַנדרע — אין דרערד! אַז ער האָט מיר ביז איצט דעם גאָרגל נישט אַרויסגעריסן, וועט ער מיר שוין דעם קאָפּ אוודאי נישט אָפּבייסן.

— אין איך זאָג דיר, פאַנדרע, געדענק! אַזאַ ווילדער חזיר ווי טשור־רילאָ — קענסט קיינמאָל נישט וויסן, וואָס ער קלייבט זיך דיר אָפּטאָן. איז אָט, — פּירט שעפּטעלע אַרויף אויפן פריערדיקן שמועס, — אויב דו וועסט אַמאָל דאַרפן שוואַרצן אַ גרענעץ, דו, אָדער אַ חברה־מאַן פון דיינע גוטע־בריד׳ער, אַפילו כאַצע דער הינקענדיקער... ס׳אַלץ איינס. געדענק, אַז ס׳איז דאָ אַ שעפּטעלע אויף דער וועלט! כ׳וועל דיר געבן אַן אַדרעס. דערמאָן נאָר מיין נאָמען, וועט מען דיך שוין אַריבערפּעקלען...

פאַנדרע האָט זיך צעלאַכט. אַן איינפאַל פון אַ שעפּטעלען! ווען וועט ער אַ שקלאָוואָר באַלעגאָלע, דאַרפן שוואַרצן גרענעצן?...

— נאַ, — מאַכט פאַנדרע, — שוואַרצן צי נישט שוואַרצן — דיין „אויסלאַנד״ וואָלט איך געוועט אַ בעלן אַנצוזען. שיינע זאַכן זעט מען עפּעס אין אויסלאַנד?

— פּי־ו! — מאַכט שעפּטעלע און שטעלט זיך ווידער אויף ווי

אַ הענדל. — וואָס דען! ווי דאָ ביי פּאַניען אפשר? די גאַסן אַלע אויס־געברוקירט, נישט מיט קיילעכדיקע שטיינער, וואָס טרייסלען אַרויס די נשמה, נאָר מיט הילצערנע ציגל און מיט אַזאַ מין האַרטן פּעך, וואָס מען גיסט פון אייזערנע טשאַנעס. עס פּאַרט זיך אויף דעם, ווי אויף גומע. היינט די שניפּסן אַליין, די האַרטע שליאַפּעס מיט שפּענצערס אין טאַליע? כ'וואָלט געוואָלט זאָלסט מיך אָנקוקן ווי איך שפּאַציר מיר אין דאַנציג אויפן ברעג ים אין לאַקירטע קאַמאַשן, מיט אַ זיידענעם העמד אונטערן רעקל, אַ ברילנטאַנטל אין שניפּס און מיט זילבערנעם שטעקעלע אין האַנט. אַ פּרינץ זאָג איך דיר! וואָס זעסטו דאָ פון מיר? מער ווי די שטעק־שיך זענען ביי מיר אין אָסטראָג נישט געבליבן. היינט די דייטשקעס? אַ געזונט אין זיי. שיקסעס זענען דאָס? פּאַמפּעשקעס זאָג איך דיר זענען דאָס, גאָגעלעך אין זיסער סמעטענע...

— און אויף די אַלע הולטאַיסטווּעס סטאַיעט דיר, שעפּטעלע, פון דיין „אַרבעט”?

— אַמאָל סטאַיעט, אַמאָל נישט. כ'מיין, וואָס איז די נפקא־מיני? וואָס אַ שעפּטעלע גנב פאַרגינט זיך, ווערט זיך דען אַ יידישער נגיד פאַרגינען? אַ גראָבער בויך אפשר? וואָס ווייסן זיי וואָס גוט איז? כ'האָב זיי דאָרטן געזען זומער. פירן זיך אויף ווי די חזירים. פּאַליושקען זיך, פון יוצא־וועגן, אין די געזאַלצענע בעדער ביים ים. דער עיקר אָבער איז פרעסן און שפּילן קאָרטן אַ גאַנצינקן טאָג. דאָס הייסט ביי זיי: „פּאָפּראַוועון זיך”.

פּאַר פּאַנדרעס אויגן האָבן זיך ווייטער געוויקלט נייע מענטשן, קאָ־לירן און וווּנדער; ווונדער און קאָלירן און אויסטערלישע מענטשן... אַלץ אַזעלכע זאַכן, וואָס אימיצער האָט פון אים ביז אַהער קאָרג און אייפער־זיכטיק באַהאַלטן, פון זיין האַמעטנער נייגעריקייט פאַרבאָרגן. אָבער די ווונדער, וואָס זענען געלאָפן פון שעפּטעלעס מויל, ווי אַ פאַרביקע סטענגע, ביי אַ קונצנמאַכער אויף אַ יאַריד, האָבן זיך פּלוצלונג געמוזט איבעררייסן. גראָב און מיאוס האָט זיי איבערגעריסן דער סמאָטריטעל פון אָסטראָג. ער איז אַריינגעקומען מיט צוויי סאָלדאַטן, די בלויזע שווערדן אויף די אַקסלען, צוגערופן פּאַנדרען, אַראָפּגעטריבן שמחה'לען פון די נאַרעס אַזן אַרויסגעלייענט זיי פון אַ פּאַפּיר, אַז פון היינט אָן שיקט מען זיי אויף אַרבעט. אויף דער מיאוסטער אַרבעט. פּאַנדרען פּאַר בויאַנעווען און שלאָגן זיך. און שמחה'לע טורערו — פּאַר אַריינגנבענען בראָנפן אין אָסטראָג און פּאַר אָנשיכורן זיך. אַ ל ע אָ פּ ט ר י ט ן אין אָסטראָג און אין די נאָעטסטע פּראָוויטעלסטווענע געביידעס וועלן זיי מוזן רייניקן;

אַרויספֿירן, אונטער אַ קאָנוואָי, היינטערן שטאָט און באַגראָבן. דערפֿאַר וועט יעדער באַקומען דריי קאָפּיקעס אַ טאָג, אויסער „כאַרטש”. און נישט גערעדט קיין כר, אַרעסטאַנטסקע מאָרדעס! מאַרש, און געגאַנגען זאָל ווערן!

שעפּטעלע האָט זיך צוזאַמענגעקאָרטשעט. ער האָט אַ טאַפּ געטאָן זיינע שצאָגעלסקע שטעק־שיך, וואָס זענען אים נאָך איבערגעבליבן פֿון זיין אַמאָליקער גדולה, און געבליבן זיצן אויף די נאַרעס איינער אַליין, אין דער גרויסער קאַמער פֿון ליידיקן אָסטראָג.

די יאטקע רעכנט זיך אפ...

1

צוזאַמען מיט דער געבראָטענער הון, האָט שעפּטעלע גנב צו מיטאָג באַקומען אַ צעטעלע, אַ געלבלעך וואַקס־פּאַפּירל, וועלכער איז געווען פאַרשטעקט אין פּאָלקע, אונטער דער צוגעברוינטער הויט. געלב אין געלבלעכן איז שווער געווען צו דערקענען... אָבער שעפּטעלע האָט דאָס באַלד אָנגעטאַפּט מיט די פלינקע פינגערלעך. קייענדיק אין שאָטן פון די „נאַרעס" האָט ער זי קונציק אַרויסגעצויגן פון באַהאַלטער, אַזוי ווי מען ציט אַרויס אַן אָדער, דורכגעלאָפן מיט די שפּיציקע אויגעלעך און, כלומרשט, אַריינגעוואָרפן צווישן די אָפּגענאָגטע ביינדלעך. אָפּגעגעסן — האָט ער דאָס צעטעלע אַרויסגעזוכט, גוט דורכגעקייט אים צוזאַמען מיט אַ שטיקל ברויט און אַרויסגעשפּייט אין „פּאַראַשע". ער האָט דאָס אָפּגע־אַרבעט אַזוי קונציק, אַז אַלע ארומיקע אַרעסטאַנטן האָבן געמיינט: נישט אַנדערש, שעפּטעלע האָט אויסגעשפּייט אַ שלעכטן ביסן.

דערנאָך איז ער געזעסן פאַרטראַכט, געוויגט מיט איין שצאַגעלסקן שטעק־שיכל. די אויגעלעך זיינע האָבן געקוקט אין איין פּינטל, דאָס קע־פּעלע האָט געאַרבעט.

פאַרנאַכטלעך. ווען די אַרעסטאַנטן זענען זיך ווייטער צוזאַמענגעקומען אין דער גרויסער קאַמער, נאָך אַ טאָג אַרבעט, האָבן זיי שעפּטעלען גע־טראָפן אין דער זעלבער פּאָזע אויף די נאַרעס. דאָס פּיסטעלע האָט זיך געוויגט ווי פריער. נאָר דאָס מאָל האָט זי זיך געוויגט מיט מער טאַקט. וואָרים שעפּטעלע האָט דערביי אונטערגעזונגען מיט זיין פּאַלצעטל עפּעס טרויעריקס. אַ גנביש לידעלע האָט ער געפּאַנפעט:

מ׳האָט דאָך מיר אַ שטריק געפלאָכטן,
און אַ מעסער אָפּגעשאָכטן, —
פאַניע, פאַניע גנב!
פאַניע, פאַניע־קוואַס!

— זינגסט, אַ? — האָבן אים מידע אַרעסטאַנטן נישט פאַרגינען, — ס׳איז דיר וווּל?

האָט שעפּטעלע גאַרנישט געענטפערט, נאָר ווייטער געזשומעט:

פון דער מאַמען אָפּגעריסן,
חיט נאַהייקעס מיך געשמיסן —
פאַניע, פאַניע גנב!
פאַניע, פאַניע־קוואַס!

עס זענען אָנגעקומען אויך שמחה׳לע טורערו און פאַנדרע פון זייער מיאוסער טאָג־אַרבעט.

זינט מ׳האָט זיי באַשטראָפט מיט רייניקן די אָפּטריטן, איז זייער כבוד אין אָסטראָג געפאַלן. מחמת דער דערנידערונג און מחמת דעם נישט־געזונטן ריח, וואָס זיי האָבן אַרום זיך פאַרשפּרייט. די צוויי באַשטראָפטע אַליין האָבן זיך עפּעס געפילט ווי מצורעים און גענומען האַלטן זיך אַ ביסל אָן אַ זייט. פאַר פאַנדרען האָט מען נאָך מורא געהאַט, געהאַט דרך־ארץ פאַר זיין גבורה. פונדעסטוועגן האָט ער באַמערקט, אַז מען דרייט זיך שטענדיק אַרויס פון זיין נאָענטקייט, דער עיקר — די יידישע אַרעסטאַנטן. אַ פאַלק פון מפונקים!... אָבער מיט שמחה׳לען, זיין חבר, האָט מען געמאַכט גאָר ווייניק מחזקות:

— אָטוואַלירַאַי! — האָט מען אים צוגעשריען.

— טורערו, רוק זיך!

— מאַרש מיט די פּאַדערשטע קאָפּיטעס!

און אַזוי, ווילנדיק נישט־ווילנדיק, האָבן זיך פאַנדרע און שמחה׳לע געמוזט אַריבערטראָגן אין אַ ווייטן ווינקל פון קאַמער, נאָענט צו דער „פּאַראַשע״. און אַזוי, ווילנדיק נישט־ווילנדיק, געמוזט מתקרב זיין זיך איינער צום צווייטן.

פאַנדרע האָט דאָס אַלץ אויפגענומען מיט זיין געבוירענער, געזונטער גוטמוטיקייט. נאָר שמחה׳לע האָט אונטערגעבורטשעט, שטעכווערטלעך געוואָרפן. כלומרשט... א י ם שטייט נישט אָן צו חברן זיך צוריק מיט פאַנדרען. און נח האָט נאָך אַלץ קלאָר נישט געוווּסט, צי שפּילט ער דאָס טעאַטער דער טורערו, צי ער מיינט ער דאָס מיט אַן אמת. פאַרן איינלייגן

זיך שלאָפן אויף די נאַרעס, פּלעגט זיך אַלעמאָל ביי שמחה׳לען צעשפּילן די גאַל. ער איז געווען בייז, וואָס ער קען מער קיין טרונק־בראָנפן נישט קריגן דורך שעפּטעלעס השתדלות — פאַנדרעס חברל. און דערפאַר, וואָס פאַנדרע וויל זיך מער אינעם דאָזיקן עסק נישט אַריינמישן...

— רעד, רעד! — פּלעגט אים פאַנדרע גאַנץ קאַלטבלוטיק אָפּענטפערן מיט אַ בראָוזען שמייכעלע אונטער די קליינע וואָנסעלעך.

און באַלד נאָכדעם — איינגעשלאָפן מיט אַ כראָפּען פון אַן אָנגעהאָ־רעוועטן פערד אין אַ שלעכט־אויסגעבעטער שטאַל.

— ער כראָפּעט שוין דער באַלעגאָלע! — פּלעגט שמחה׳לע נישט־פאַרגינעריש אָפּוואָרטשען פאַר זיך. צי אפשר — מיט אַן אינערלעכער פרייד פון אַ באַהאַלטענעם גוטן־פריינד, וועמען דער מזל האָט נאָך יאָרן פון דערוויטערונג, ווידעראַמאָל צוזאַמענגעפאָרט אין איין אָסטראָג, ביי איין מיאוסער קאַטאָרזשנער אַרבעט... ווער קען דערגיין אַ טאָלק ביי שמחה׳לען?

ערנסטער און פריינטלעכער ווי אַלע איז פאָרט געבליבן נאָר איין שעפּטעלע־גנב. ער האָט קיין מינוט נישט פאַרגעסן, אַז פאַנדרע האָט זיך איינגעשטעלט פאַרן גאַנצן אָסטראָג, געשלאָגן זיך מיטן גוי; אין קאַרצער געזעסן און באַשטראָפט געוואָרן מיט דער ערגסטער אַרבעט. און אַצינד, אַז מען האָט פרייער אָפּגעטעמט פון טשורילאָס לאַפּעס און פון זיינע „פּרעטענזיעס", מאַכן זיי אַן אָנשטעל, די אָסטראָזשניקעס, אַז פאַנדרע איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ?... ניין, אַזאַ זאַך קען מען נישט דערלאָזן!

— פאַנדרע! — איז שעפּטעלע צוגעגאַנגען האַרט צו נחן שוין אויף מאָרגן נאָך דער באַשטראָפונג. באַלד אָבער האָט אים אַ שטיק־געטאָן דער ריח פון פאַנדרעס קליידער.

שעפּטעלע האָט זיך זייער ערנסט פאַרשטאָפּט זיין שפּיציקע נאָז מיט צוויי פינגערלעך. און אָן אַ שום קאַטאָוועס גערעדט צו נחן אַזוי:

— איך בעט איבער דיין כבוד, פאַנדרע, איך האָב אַ שוואַכן קאָפּ...

— הכלל, — האָט אים פאַנדרע גוטמוטיק צוגעשאָקלט, — הכלל, שעפּטעלע, רעד אָפּ דיין חלק און... גיי!

— זאָלסט נישט מיינען, — מאַכט שעפּטעלע מיטן צוגעקוועטשטן נאָז — אַז איך וועל דאָס לאָזן... מיינע „יאַטן" אַרבעטן שוין... וועסט זען אַ קונץ, עס וועט אָנקומען אַ פּאַפּיר פון „קאַרצעראַליע" — ווי דער „סטאָ־ראָזש" זאָגט — „פּאַ פּריקאַזו" אַזוי און אַזוי... און מען וועט דיך באַפרייען

פון... פון אַזאַ פּאַסקודסטווע... נישט קראַנק זענען די קרעציקע פּאַניעס צו טאָן אַזאַ מלאכה!

האָט שמחה׳לע דערהערט, אַז אים דערמאָנט מען גאָר נישט, האָט ער זיך עפּעס צוזאַמענגעקנייטשט און גענומען בורטשען.

פּאַנדרע האָט זיך אומגעקוקט און ס׳האָט אים אַ קוועטש געטאָן אין האַרצן. ס׳איז נישט גוט צו לאָזן שטעקן אַ חבר אין קויט און אַליין אַוועקלאָזן זיך אין באַד אַריין...

האָט ער שטילערהייט אַ פרעג געטאָן ביי שעפּטעלען:

— נו. און שמחה׳לע? טורערו — נישט?

— שמחה׳לע?... — האָט זיך שעפּטעלע גענומען דרייען — צוויי, זעסטו, מיט איין מאָל איז שווער... מ׳דאַרף נישט צופיל אָנציען די לייצעס.

— טו זאָל שמחה׳לע פריער אַרויס, — מאַכט פּאַנדרע — נישקשה, גוטער־ברודער, פּאַנדרע קען וואַרטן, פּאַנדרע וועט נישט שטאַרבן...

— כ׳האָב שוין די יאַטן אָנגעגעבן דיין נאָמען.

— אָן שמחהן גיי איך נישט איבער אויף קיין אַנדער אַרבעט. כ׳וועל זיך אַליין אָנבאָטן. סיידן —ביידע.

— כ׳וועל זיך פּרווון, — מאַכט שעפּטעלע אומצופרידן — נאָר ס׳וועט געדויערט לענגער. און ווער ווייסט, צי די „יאַטן" וועלן וועלן. אויף דיר האָב איך אַ טענה: האָסט מיך געראַטעוועט פון טשורילאָן. אָבער אויף דיין שמחה׳לען — וואָס?

2

דאָס מאָל, ווען פּאַנדרע איז צוריקגעקומען פון זיין אַרבעט, האָט אים שעפּטעלע צוגערופן מיט אַ ווונק צו זיין זיץ אויף די נאַרעס. צוגייענדיק האָט נאָך פּאַנדרע אויפגעכאַפּט זיין פּאַרטראַכט־גנביש לידל:

וישט קיין זיידעס, נישט קיין באָבעס,
נישט קיין וואָך און נישט קיין שבת; —
פּאָניע, פּאָניע גנב!
פּאָניע, פּאָניע־קוואַס!

— דאַרפסט מיך עפּעס? — בלייבט פּאַנדרע שטיין אַ פּאָר טריט פאַר די נאַרעס, און סטאַרעט זיך נישט צו אָטעמען. זינט דער וואָך צייט,

וואָס ער אַרבעט אַרום די אַפּטריטן, דוכט זיך אים, אַז מיט זיין אַטעם אַליין פאַרשפּרייט ער אַרום זיך אַ נישט־גוטקייט.

— האָב קיין פאַריבל נישט, ברודער פאַנדרע! — אַזוי זאָגט אָפּ שעפּטעלע און לייגט צו אַ ברעג פון זיין כאַלאַט צום נעזעלע מיט די פינצטערע שמאָלע לעכעלעך, — דו ווייסט דאָך... כ׳האָב אַ שוואַכן קאָפּ.

— שטאָפּ, שטאָפּ! — מאַכט צו אים פאַנדרע גוטמוטיק — פאַרענט־פער זיך נישט!

— קום צו אַ ביסל נענטער! — מאַכט צו אים שעפּטעלע שטיל, און קוקט זיך אַרום — נאָך נעענטער. אָט אַזוי! דו ווייסט, נח, דו האָסט געטאָן אַ נאַרישקייט, וואָס דו האָסט זיך איינגעשפּאַרט: „טורערו און טורערו״... באַצייטנס געדאַרפט לאָזן מאַכן די מאַכאַרייקע אין דער „קאַרצעראַליע״ *) וואָלסטו זיך שוין געקאָנט אַרומוואַשן, אָנטאָן אַ נייעם כאַלאַט. אַצינד זענען מיינע „יאַטן״ פאַרנומען מיט אַ סך בילכערע אַרבעט, מיט...

דאָ האָט זיך שעפּטעלע נאָכאַמאָל אַרומגעקוקט און גאַנץ שטיל צו־געגעבן, מער מיט די ליפּן ווי מיטן קול:

— מיט מ י ר אַליין...

פאַנדרע האָט אַ מאַך געטאָן מיט די פּלייצעס. דערנאָך געכאַפּט זיך און אָנגעקוקט שעפּטעלעס געהיימנישפולע מינע מיט גרויסע אויגן.

— טאָמער, — מאַכט צו אים שעפּטעלע מיט די ליפּן — טאָמער ווערסטו הערן: שעפּטעלע איז אַ „פאַרבייאיקער״... אפשר נאָך היינט ביי־נאַכט... טאָ מיש זיך נישט און העלף מיר נישט!... דו הערסט?

פאַנדרע האָט שטום אַ בויטש געטאָן מיטן קאָפּ: מסכים.

— נישט דיין עסק!... שעפּטעלע ווייסט וואָס ער טוט. פאַרשטייסט?

פאַנדרע האָט ווידער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. אַ סימן, אַז ער פאַרשטייט.

— נאָר מיין נישט, — מאַכט צו אים שעפּטעלע און בייט איבער דעם טאָן — מיין נישט, אַז שעפּטעלע פאַרגעסט עפּעס. איז נישט מיין נאָמען שעפּטעלע! כ׳וועל באַלד אַליין אָנהויבן „אַרבעטן״ ווועסטו זען! ס׳וועט נישט לאַנג געדויערן. אַז שעפּטעלע זאָגט איז געזאָגט. מיט געלט מאַכט מען אַלץ. שמחה און דו — איר קענט זיין זיכער. נאָר שמחה׳לען — קיין וואָרט נישט! אַ פּיאַניצע דערציילט מען נישט. פאַרשטייסט?

---

* קאַנצעלאַריע. אומישנע פאַרגרייזט.

פאַנדרע האָט זיך אַרומגעקוקט און אַ שאָקל געטאָן: יאָ!

ער איז שוין געווינט געווען צו שעפּטעלעס באַרעדעוודיקייט, ווען ער באַרימט זיך, און צו זיין גנבישער קורצקייט, ווען ער פאַרקלערט עפּעס אַ „שפּיצל", ווען ער האַנדלט איין ביי די סטאַראָזשעס בראָנפן און פאַרקויפט עס אין אָסטראָג פאַר אַ דרייענדיקן מקח, ווען ער באַרגט אויס שפּיל־קאָרטן די אַרעסטאַנטן פאַר דריי קאָפּיקעס פון יעדן קאָן. וכדומה נאָך אַזעלכע פאַרבאָטענע געשעפטלעך... נאָר דאָס מאָל האָבן אים שעפּטעלעס באַנעמען זיך, שעפּטעלעס קורצקייט, שעפּטעלעס מינעס אויסגעזען גאָר מאָדנע. ס'האָט זיך פאַנדרען געדוכט, אַז ביי שעפּטעלען זענען אָנגעצויגן אַלע אָדערן, ווי די סטרונעס. אַז ביי אים איז אויסגע־רעכנט יעדעס וואָרט. אַפילו דאָס וויגן מיט דער אַראָפּגעהאָנגענער פּיסעלע פון די נאָרעס איז אויך אויסגערעכנט. כלומרשט: איך, שעפּטעלע, זיץ מיר און זינג מיר... ס'איז מיר טרויעריק, און מער גאָרנישט! ס'איז אָבער נ י ש ט „גאָרנישט. ניין.

כ'וועל מיר הענגען, כ'וועל מיר טרינקען
און אין קייטן מער נישט הינקען...
פאָניע, פאָניע־חזיר!
פאָניע, פאָניע־קוואַס!

פאַנדרעס באַלעגאָלישער געהער האָט אין שעפּטעלעס נגונדל דער־כאַפּט אַ נייעם קלאַנג, אַ מין פאַרשטיקטן הירזשען פון אַ דורשטיקן זשערעבטשיק. אַזוי פּלעגט אַמאָל „שמענדריקע" אַ הירזשע טאָן, דער־שמעקנדיק דעם דניעפּער הינטער די ביימער, אויפן זומערדיקן שליאַך... ניין, אויך אַזאַ קילכל, אויף אַזאַ איידעלער גנינה, ביי שעפּטעלע גנב, האָט זיך פאַנדרע אַליין נישט געריכט.

3

אינמיטן דער נאַכט, אין אָסטראָג, האָבן זיך כמעט אַלע אַרעסטאַנטן אויפגעכאַפּט פון טיפסטן שלאָף. די גויים האָבן געברומט און געבורטשעט אויף אַלערליי קולות און נוסחאות, פון אַ לייב, ביז אַן אָקס, ביז אַן אויפגעטשוכעטן חזיר. און די יידן האָבן געקוואָקצעט ווי אויפגעשראָקענע הינער אין שטייג, געאָכצעט פון איבערגעריסענע שווערע חלומות און געמעקעט. און איבער אַלעמענס אויפכאַפּעניש, איבער אַלעמענס בור־טשעניש און קרעכצעניש, האָט זיך געטראָגן אַ דינער, שניידנדיקער פאַלצעט:

— אוי, דעי בויך, אי־י!

— וואָס האָסטו זיך צעוואָיעט, זשידאָק! — האָבן גראָבע קולות געברומט.

— יִנס שני־דט! — איז זיך שעפּטעלע פאַרגאַנגען.

— אָנגעפּרעסן זיך מיט געפּילטע זשידאָווסקע הינער און לאָזט מענטשן נישט שלאָפן!

— דעם פּע־ערשעל! — האָט שעפּטעלע געקוויטשעט.

— אין מאָרדע דערלאַנגט אים! — האָבן אויסגעטשוכעטע בויאַנעס געגעבן אַן עצה — די בעסטע רפואה!...

אָבער שעפּטעלע האָט זיך אַזוי געוואָרפן אויף די נאַרעס, ער איז זיך פאַרגאַנגען אין אַזעלכע געוואַלדן פון אַ שוואַכער געווינערין, בעת דאָס „באַנעמעני־ש" כאַפּט זי אָן, אַז קיינער פון די אַרעסטאַנטן האָט קיין האַרץ נישט געהאַט צוצוגיין נענטער און „באַרואיקן" אים מיט דער „בעסטער רפואה", ס'הייסט, מיט אַ קלאַפּ.

דאָס גערודער איז אָסטראָג איז דערווײַלע געוואַקסן. אַ טייל אַרעס־טאַנטן האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר שעפּטעלען: מען איז דאָך, הייסט עס, נישט מער ווי אַ מענטש. איר זעט דאָך, ווי עס וואַרפט אים! און אַ טייל האָט געבונטעוועט: נישקשה, ער וועט נישט קראַפּירן ביז אינדער־פרי! מען מאַכט נישט אַזאַ טאַראַראַם אינמיטן דער נאַכט!

צעשויבערטע קוטשמעס האָר, פאַרגרעבטע פּנימער און האַרטע גזלנישע אויגן האָבן זיך ווילד און מאַוימדיק געמישט ביים געלבן נאַכט־לעמפּעלע, וואָס ווינקט אין דער הויך, פון דער געמויערטער וואַנט אַראָפּ.

— אוי־אוי־אוי, ברי־דער! — האָט שעפּטעלעס שאַרפער קוויטש דורכגעשניטן דעם גאַנצן טומל.

איינער אַ גרויסער נישט־אויסגעשלאָפענער גוי איז צוגעלאָפן צו שעפּטעלען מיט די קולאַקעס:

— בראָנפן אַ ביסל נעם! דו סוקין־סין!

— אויסגעגאַ־נגען! — האָט שעפּטעלע געקרעכצט ווי אַ געווינערין.

— אויס־גע־גאַנגען... — האָט אים דער בייזער גוי איבערגעקרימט.

— אויף צו שאַכערען אין אָסטראָג, אין דיין מאַמען אַריין, האָסטו אַלעמאָל געגנוג! דאַ?

— אָט! — גיט זיך שעפּטעלע אַ קאָרטש־צוזאַמען און וואַרפט אַרויס

פון אונטערן צוקאָפּנס אַ לײדיקע אַפּטײק־פלאַש, אײנע פון יענע פלעשלעך, װאָס דער סטאַראָזש שמוגלט אים אַלעמאָל אַרײַן אין כאַליאַװע.

נאָר אין רעכטן מיטן טומל האָט זיך געגעבן אַ שליס אויף די געקאָ־װעטע טיר, און דער פאַרשלאָפנער נאַכט־סטאַראָזש איז אַרײַנגעקומען מיט זײַן לאַמטערנע אין דער האַנט. ערשט דאָ איז זיך שעפּטעלע פאַר־גאַנגען אין די גאָר הויכע טענער. אַ צאַפּלעניש און אַ קאָרטשעניש האָט אים אָנגענומען.

— װאָס פאַר אַ טאַראַראַם שעפּטעל! — האָט אים דער שליסלער גראָב אַ פרעג געטאָן — װײַזט אויס, אָבער, מער פון יוצא־װעגן פאַר די אויפ־געװעקטע אַרעסטאַנטן. װײַל פאַר שעפּטעלעס „לא־יחרץ״־געלט האָט ער אַלעמאָל געפּילט אַ טיפּן דרך־ארץ.

— דעם פּערשעל! — האָט שעפּטעלע געאָכצעט — אױ־װײ, גיכער!
— אָװו, שעפּטעל, װעל איך דיר אַצינד נעמען דעם פּערשעל?
— אין שפּיטאָל! — האָט אים שעפּטעלע געװיזן מיט אײן ציטערנ־דיקן פינגערל.

— װוּ שפּיטאָל? — האָט דער סטאַראָזש געװיגט מיט זײַן לאַמטער־נע — די „קאַרצעראַליע״ איז אַצינד געשלאָסן. אָן דער „קאַרצעראַליע״ קען מען גאָרנישט מאַכן... האַלט זיך אײַן, שעפּטעל!

— זאָג... אַז פאַר מיר!... — האָט אים שעפּטעלע געפירט אויף אַ דרך — אױ, אױ, דער באַרימהאַרציקער שװעסטער זאָג!

דער סטאַראָזש איז װאָרטשענדיק און קלינגענדיק מיט די שװערע שליסלען אַרויסגעגאַנגען; און שעפּטעל האָט זיך אַלץ געװאָרפן, געכליקעט, געקװיטשעט, געפּרוּװט לויפן צו דער „פּאַראַשע״ און איז אַראָפּגעפאַלן פון די „נאַרעס״ אַ האַלב־געחלשטער. און אין אַ שעה אַרום, װען די באַרעמהאַרציקע שװעסטער, מיט דעם געהילף פון סמאָטריטעל און נאָך צװײ געזונטע שפּיטאָל־משרתים מיט „נאָסילקעס״ זענען אָנגעקומען אין אָסטראָג, איז שוין שעפּטעלע געלעגן בלאַס װי קרײַד, די צײַנער האָבן אים געקלאַפּט, די אויגן האָבן בײַ אים געסטאַרטשעט װי בײַ אַן אָפּגע־שטאָנענעם שלײַען. אויף די פראַגן פון „פּאַמאָשניק״, האָט ער קוים געענטפערט. נאָר זײַן אײַנגעפאַלענער בויך האָט זיך קרענקלעך געהויבן. אַזוי האָט מען אים, קוים מיטן לעבן, אַרויסגעטראָגן פון דער האַלב־פינצטערער אַרעסטאַנטן־קאַמער.

4

בשעת שעפטעלע האָט זיך געוואָרפן אין די גרויסע יסורים און אַלע האָבן זיך געטומלט, האָט זיך איין שמחה׳לע טורערו געמאַכט, אַז ער הערט נישט, און זיך נישט גערירט פון אָרט. פּאַנדרע, וואָס האָט עפּעס יאָ געוווּסט, האָט זיך נאָר געמאַכט, אַז ער רודערט זיך מיט אַלעמען גלייך, כאָטש נאָענט צו שעפטעלען איז ער קיין איינציקן מאָל נישט צוגעגאַנגען. ער האָט גוט געדענקט, וואָס שעפטעלע האָט אים פריער אָנגעזאָגט, אויף זיין גנבישן לשון...

דערנאָך, אַז מען האָט שעפטעלען אַוועקגעטראָגן אין אַרעסטאַנטסקן שפּיטאָל און פּאַנדרע איז צוריקגעקומען צו זיין געלעגער אויף די נאַרעס, האָט ער שמחה׳לען געטראָפן אויפן זעלבן אָרט, אויסגעצויגן מיט אָפענע אויגן. און זאָל דאָס אים גאָר אָנהויבן צו אַרן די גאַנצע „קאָפּעדראַציע״ אינמיטן דער נאַכט... איז דאָס פּאַנדרען געווען אַ גרויסער חידוש. פונ־אַנדערפרעגן האָט ער גאָרנישט נישט געוואָלט. עס, גלייכער איז, וואָס ווייניקער באַלעבעטשען... ער האָט גוט געדענקט, וואָס שעפטעלע האָט אים אָנגעזאָגט.

אָבער אויסציענדיק זיך צוריק אויפן געלעגער, האָט ער פּלוצלונג דערהערט, ווי שמחה׳לע בורטשעט אים גיפטיק אונטערן סאַמע אויער:

— הע? לעבן זאָל ער אַזוי, ווי דער בויך טוט אים וויי!...

פּאַנדרע איז אַ ווילע געבליבן ליגן מיט אַן אָפענעם מויל. ער איז נשתומם געוואָרן: פונוואַנען האָט דאָס שוין טורערו דערשמעקט?... צי האָט ער פריער נישט אונטערגעהערט, דער לאָטרע?

מאַכט צו אים שמחה׳לע שטילערהייט, פונקט ווי ער וואָלט טרעפן אַ רעטעניש:

— כ׳האָב, מיינסטו, פריער נישט געזען, ווי ער שושקעט זיך מיט דיר, דער גנב? זינגט, דאַכט זיך, און שושקעט זיך, כאַ —

— נו, איז דיין עסק? — גיט צו אים פּאַנדרע אַ רעד דורך די ציין.

— מיינער, נישט מיינער, מיך נאַרט מען נישט... אָקאָרשט, דאַכט זיך, געזונגען גנבישע לידלעך און מיטאַמאָל האָט אים די כאָלערע גע־כאַפּט, כע —

— און אַז דו ווייסט, שמחה, טאָ האַלט ביי זיך! שפּיל זיך נישט מיט... מיט...

— מיטן גנב? — ווערט שמחה׳לע אין כעס, — כ׳האָב אים אין דר׳ערד

מיט אַלע זיינע „יאַטן" צוזאַמען!...

— כ'ווייס דאָך, — רייצט זיך מיט אים פֿאַנדרע אין דער שטיל — כ'ווייס דאָך פֿאַרוואָס דו ביסט אויף אים אָנגעבלאָזן, ס'איז אַלץ ווייל ער האָט פֿאַר דיר מער קיין בראָנפֿן נישט געוואָלט דאָקאָזען, נאָך אַזאַ טומל, ווי דו האָסט אָנגעמאַכט...

— דו ווייסט? — גיט שמחה'לע אַ קריץ מיט די ציין, — הע, אָבער איך ווייס אויך...

— ווי די וואַנט זאָלסטו שווייגן! — גיט פֿאַנדרע שטיל אַ ברום, — דו הערסט?

— קאָמאַנדעווע דאָ נישט! — הויבט זיך שמחה'לע אויף פֿון גע־לעגער, — כ'האָב דיך, פֿאַנדרע, אין כאָליאַווע! רייניקסט אָפּטריטן אַזוי ווי איך!

אַזאַ לשון האָט פֿאַנדרען אינגאַנצן אויפֿגערעגט. פֿון נישט שלאָפֿן נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרבעט, פֿון שעפּטעלעס סוד, וואָס ער האָט אין זיך געטראָגן, פֿון דעם גאַנצן האַרמידער, וואָס האָט זיך אָקאָרשט דורכגעטראָגן אין דער שטינקענדיקער לופֿט פֿון אָסטראָג, איז זיין געזונטער געמיט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. איז ער מיטאַמאָל ווי פֿון די כלים אַרויס:

— שווייג, לאַטרע! איך זע, דו טשעפּעסט זיך זינט דו ביסט אַריין אַהער אין קאַמער. דו רעדסט נאָך? דו?... וואָלסט נישט אונטערגעצונדן, אַ רוח אין דיין טאַטן אַריין, וואָלט איך דאָ נישט געזעסן...

— בעסער — מאַכט שמחה'לע מיט אַ בייזן געלעכטערל — בעסער אונטערצינדן, ווי ראַטעווען בהמות ביים פֿראַנצעוואַטן נייעם נגיד, וואָס האָט דערנאָך עדות געזאָגט אַקעגן דיר...

ביים וויטן אָפּשיין פֿון נאַכט־לעמפּל, האָט פֿאַנדרע דערזען טורערוס פֿאַסקודנינקן שמייכעלע, און איז נאָך מער צעקאָכט געוואָרן:

— פֿאַררעד מיר נישט די באַק־ציינער, דו פּיאַניצע! אפשר אַ ליגן?... פּיפּקעס האָט זיך דיר מיטאַמאָל פֿאַרגלוסט רויכערן אינמיטן דער נאַכט. און דווקא ביים נייעם גבירס שטאַל, אַ? דערצייל מיר מעשיות? איך קען דיך דאָך... אַלץ איבער דיר! כ'וואָלט פֿון שלאָף נישט אויפֿגעריסן געוואָרן, כ'וואָלט זיך נישט געכראַבערעט, כ'וואָלט זיך מיטן פּריסטאַוו נישט גע־טשעפּעט. כ'וואָלט —

— כ'וואָלט, כ'וואָלט, כ'וואָלט... — קרימט שמחה'לע איבער, — וואָלסט שוין געזעסן! צי אַזוי, צי אַזוי...

— רעד ווערטער! פאַרוואָס? כ׳האָב אימעצן באַגנבעט? אַ ממזר אפשר האָב איך לעבעדיק באַגראָבן?

— די יאַטקע — רעדט שמחה׳לע אַרויס געהיימניספול און די אויגן גלאַנצן ביי אים גאָר מאָדנע, ד י י א ַ ט ק ע ר ע כ נ ט ז י ך ד אָ ס...

אַ שוידער האָט פאַנדרען דורכגענומען פון אַזעלכע שושקענדיקע, נישט־קלאָרע ווערטער — :

— דו רעדסט עפּעס ווי אַ קאָרטן־וואָרפערקע, ווי דער תנכניק אין אָרשער ברעמל רעדסטו!

— אַ יאַטקע רעכנט זיך אָפּ, — מאַכט שמחה׳לע מיט דעם זעלבן קול און מיט דער זעלבער מינע — אַן אויוון טאָר מען אין אַ שטוב נישט איבערדרייען... הייסט אַז מען דרייט איבער אַ פּרנסה פון אַ טאַטן, פון אַ זיידן און מעז ווערט גאָר אַ „שמייסער״ אינמיטן דרינען...

— רעד, רעד!

— כ׳איז ד״ר מיטאָמאָל נישט אָנגעשטאַנען, הע!... כ׳געדענק גוט, ווי דו ביסט איינמאָל זומער אַריינגעקומען צו מיר אין יאַטקע, מיטן בייטש־שטעקל אונטערן פאַכווע. ס׳האָט פון דיר געשלאָגן מיט דיעגעכץ אויף ד׳ אמות. ס׳איז מיר שיעור נישט גוט געוואָרן. אַלע יאַטקע־הינט זענען פון דיר אַנטלאָפן. און ד ו האָסט נאָך געדרייט מיט דער נאָז! ס׳האָט ד״ר נישט געשמעקט אין יאַטקע, וואָס?

— יאָ! און אַז נישט? נאָך אַ פּאָר איבערן וואַלד...

— אַהאַ!... איז נאַ־דיר! רייניק אַצינד אָפּטריטן! עס שמעקט בעסער, וואָס? ס׳אַלץ ד״ יאַטקע...

5

אַזעלכע שטעכעדיקע, געהיימנישפולע דבורים האָט פאַנדרע פון שמחה׳לעס מויל קיינמאָל נישט געהערט. ער שיט דאָך גאָר מיט סתרי־תורה, דער פּיאַניצע! ער קריכט אין לעבער אַריין. און פונדעסטוועגן גלוסט זיך הערן וואָס ער דרשנט דאָ...

שמחהלע האָט אָפּנים אָנגענומען פאַנדרעס שווייגן פאַר אַ שוואַכקייט, וואָרים ער האָט זיך מער צעלאָזן:

— ביסט אַנטלאָפן, אַ? ס׳איז דיר נישט מער אָנגעשטאַנען! די באַלעגאָלעס אין צעך זענען בעסערע גוטע־ברידער. פון דער יאַטקע אַנט־לויפט מען אָבער נישט. דו האָסט מערען געלאָזן איינע אַליין און ס׳לעבן

איינגעשטעלט פאַר אַ בהמה, אַ געוועזענער קצב — פאַר אַ בהמה, אַ? נו, האָט דיר ד י י אַ ט ק ע אָוועקגעקוילעט אַלע דריי פערד, וואָס דו האָסט געקראָגן אין נדן. און ר׳ סענדער אַליין — ווייסטו דאָך...

פאַנדרע האָט זיך מיט אַלע כוחות איינגעהאַלטן נישט אָנצוכאַפּן שמחה׳לען פאַרן דאַרן גאָרגל. יעדעס וואָרט האָט אים געטראָפן ווי אַ שווע־רע בייטש איבערן פּנים. נאָר עפּעס אַן אינערלעכע ברענעדיקע נייגעריקייט האָט אים געצווונגען אויסצוהערן שמחה׳לעס זלידנע ווערטעלעך. לסוף האָט ער פאָרט נישט אויסגעהאַלטן. זיינע שטאַרקע פינגער האָבן זיך איינגעקלעמט אין שמחה׳לעס כאַלאַטביים ברודיקן קאָלנער:

— שווייג, זאָג איך דיר, לאַטרע! איכל, איכל...

— איכל, איכל... — קרימט אים איבער שמחה׳ל טורערו, — לאָז אָפּ זאָג איך דיר! וועסטו זיך שלאָגן — וועל איך דיך ביינאַכט אָפּשעכטן ווי אַ קאַלב פאַר אַן אָסטראָזשניק צאָלט מען נאָר דריי רובל שטראָף...

— אָבער, וואָס האָסטו צו מיר, טורערו! — הויבט אים אָן פאַנדרע צו טרייסלען ווי אַ לולב — אַ גלגול איז אין דיר אַריין! זינט דו האָסט מיך דערזען, דאָ, אין אָסטראָג, איז... איז פון דיר נישט אויסצוהאַלטן!...

שמחהלעס אויגן פלאַקערן אויף ווי ביי אַ משוגענעם:

— ווען איך האָב דאָ דעם שינד־מעסער שטעך איך דיר אים אַריין אין בויך. כ׳בין דיר אַ שונא אין לעבן!

פאַנדרע איז געבליבן זיצן, ווי אַ פאַרשטיינערטער, אויף די נאַרעס, געקוקט אויף שמחה׳לעס צעקרימטן פּנים און זיינע אייגענע קוקערס נישט געגלויבט. אַ שוים האָט ביי שמחה׳לען אַרויסגעשלאָגן אויף די ליפּן. ווי ביי אַ משוגענעם הונט. יענער האָט נאָר אַ היבשע ווײַלע געבילט און געהאָווקעט. נאָר פּלוצלונג, גאָר פּלוצלונג, ווען טורערוס ווילדע באַנע־מעניש און זיין מוראדיקע אמת־זאָגעריי איז דערגאַנגען ביז צום העכסטן גראַד, האָט דאָס מיטאַמאָל געפּלאַצט ווי אַ פּענכער פון אַ פיש. אַ נאַסע שמאַטע איז מיטאַמאָל פון שמחה׳לען געוואָרן. ער איז אַנידערגעפאַלן מיטן צעפּאַטעלטן קאָפּ אויפן געלעגער און גענומען עפּעס כליפּען, ווי אַ שיכור, וואָס הויבט זיך אָן אויסצוטשוכען.

פאַנדרע האָט זיך איבערגעבויגן איבער זיין שלים־מזלדיקן חבר:

— וואָס טוט זיך מיט דיר היינט, שמחה?... שמחה!...

— שפּיי מיר אין פּנים! — האָט זיך דערהערט שמחה׳לעס כליפּען פון דער פינצטערניש אויף די ברייטע נאַרעס. — שפּיי זאָג איך דיר; מעגסט! אַז דו ביסט געוועזן אין יאַסקע, האָב איך זיך נאָך געהאַלטן פאַר

דיין גלייכן. איך — דו, דו — איך... ווי נאָר דו ביסט אַוועק פון יאַטקע האָב איך גלייך דערזען. כ׳האָב מיך אַליין פיינט געקראָגן ווי אַ שפּין... מעגסט עס וויסן. דאָ אין אָסטראָג, באַלד ווי איך בין איבערגעשיקט געוואָרן אַהער, בין איך געלעגן אויף די נאַרעס נאָכן טרונק, אַ צעהרגע־טער, אַ פאַראומערטער, ווי אַ הונט. גראָד דאַמאָלסט ביסטו אַרויס פון קאַרצער. האָב איך דערזען, ווי אַלע האָבן זיך מיט דיר דערפרייט. יידן און גויים. ווי מ׳יט אַ טאַטן!... אַרומגערינגלט דיך ווי... ווי אַ טייערן אתרוג. שעפּטעלע גנב וועט דאָך פאַר דיר גיין אין פייער און אין וואַסער... כ׳האָב שטענדיק געוואָלט זאָלסט זיין מיין גלייכן. כ׳האָב דיך געוואָלט צוגעוווינען צו בראָנפן, צו שלעגעריי. נאָר עס נעמט דיך נישט. ווו איך קריך אַרויס ווי אַ נאַסער הונט — טרעטסטו אַרויס ווי אַ גאַנצער העלד. אַט, אַפילו פון שלאָגן זיך מיט אַ גוי אין אָסטראָג... וואָס אמת איז אמת: כ׳האָב שטאַרק הנאה געהאַט, וואָס מען האָט דיך באַשטראָפט צו רייניקן די אָפּטריטן אַזוי ווי מיך. נאָר דיך נעמט גאָרנישט. גאָרנישט נעמט דיך. איך אָבער, איך — —

— ✡ —

אין יענער נאַכט, נאָך אַלע אויפרעגונגען פון שעפּטעלעס געוואַלדן און פון שמחה׳לעס „באַנעמעניש״, איז פאַנדרע שפּעט און שווער איינגע־שלאָפן. און ס׳האָט זיך אים געחלומט די יאַטקע, דעם טאַטנס פאַרקויפטע יאַטקע, אין געשטאַלט פון אַ האַרבער, גרויסער קצבטע האָט זי זיך אים געחלומט, מיט האָריקע בראָדאַווקעס אויפן פנים און שטערן, ווי די הערנער ביי אַ יונג קעלבל, מיט מאַנסבילשע שטיוול אויף די גרויסע אומגעלומפּערטע פיס און מיט אַ גרויסן פאַרבלוטיקטן פאַרטוך אויפן ברייטן בויך. אַ פּיסק פול מיט פלאַכע אָקסענע ציין, אויגן — שוואַרצע און בולטע, ווי ביי אַ געשוונדענער קו. די גראָבע אָנגעפּרוירעגע הענט זענען איינגעשמיר׳ט אין בלוט און מעגוסע־שמאַלץ. שטייט זי אַזוי, דאָס פאַרזעעניש, און האַקט קנאָכענס איבער דער אַלטער אָנגעשפּאָלטענער ירושה־קלאָץ... און פון איר מויל זעצט איר אַ בלוטיקע פאַרע און אַ שוים. זי קיילט אַזוי די קנאָכנס און רעדט צום טאַקט:

— אַ יאַט—קע, פאַנ—דרע, רע—כנט—זיך אָ—כעט — אַ יאַ—אַט—קע...

אויפן מאהליווער שליאך

1

דער אָנבייסן.

אומגעפער — אין אַ וואָך אַרום, נאָך דער אומרואיקער נאַכט אין אָסטראָג, זענען, עטלעכע וויאָרסט פון שטאָט, צווישן קוסטעס, געזעסן פּאַנדרע און שמחה׳לע און געגעסן אָנבייסן. צו וואַרעמעס איז נאָך געווען ווייט, האָבן זיי דערווײַלע דערכאַפּט דאָס האַרץ, נאָך אַ שווערער אַרבעט פון זעקס אַזייגער פאַרטאָג. האַרט ביי די קוסטעס, אויפן מאָהליווער שליאַך, איז געשטאַנען איינגעשפּאַנט די לאַנגע מיאוסע פּאָס פון אומריינלעכקייטן, די ביידע אַרעסטאַנטן האָבן אַהער אַרויסגעפירט, אויסגעליידיקט און באַגראָבן, אונטער דער אויפזיכט פון אַ באַוואָפנטן קאָנוואָי. די זעלבע צוויי סאָלדאַטן פון קאָנוואָי, מיט שווערדן ביי די אָנגעגורטע לענדן, מיט רע־וואָלווערן אין די רימענע שיידלעך און מיט ליאַרם־פייפלעך אויף די ברוסטן, זענען אַצינד געזעסן אַקעגן די יידישע אַרעסטאַנטן און האָבן אויך צוגעביסן. ס׳איז געווען צו באַמערקן, אַז צווישן קאָנוואָי און די אַרעסטאַנטן איז דאָ אַ פאַרטרויליכקייט. דער קאָנוואָי איז, ווייזט אויס, געווען זיכער, אַז די אַרעסטאַנטן זענען שטאַטישע, שטילע, נישט קיין ווילדע בראָדיאַגעס, וואָס רייסן זיך פון די קייטן צו אַנטלויפן פאַר דער צייט. און, משמעות, אַז אויך די אַרעסטאַנטן האָבן זיך שוין צוגע־ווינט צו זייערע אויפזעער און האָבן געוווסט, אַז גלאַט אין דער וועלט אַריין וועלן זיי זיך נישט זידלען, נישט טרייבן, נישט פייפן; און שיסן — אוודאי און אַוודאי נישט... האָבן זיי זיך אַזוי איינגעאָרדנט צו זיין אי נאָענט אי פונדערווייטנס אין איין אין דער זעלבער צייט, כדי נישט צו

שטערן איינער דעם צווייטן אינעם אָרעמינקען פרישטיק אויף דער פרייער לופט.

די סאָלדאַטן פון קאָנוואָי האָבן געגעסן חזיר מיט שוואַרצן קאַזאַרמע־ברויט. געשמאַק און גרונטאָוונע האָבן זיי געגעסן, אַזוי ווי אַמאָל אין דאָרף, איידער זיי זענען אַוועק דינען דעם קיסר. פאַרזיכטיק און מיט קאַרגער גענויקייט האָבן זיי אונטערגעכאַפּט יעדע פּיצעלע ברויט מיט דער דלאָניע און נאָכגעוואָרפן אַפּעטיטלעך אין פולן מויל אַריין. יעדן פּירקאַנטיק אָפּגעשניטענעם ביסן שוואַרץ־־ברויט האָבן זיי באַדעקט מיט אַ ווייסן דינינקן און גלאַנציקן שטיקל חזיר־פעטס, דורכגעוועבט מיט קאָראַלן־רויטע אָדערלעך, ווי אַ קלין אין שפּאַלט אַריינגעפּאַסט צווישן די פויערישע ציין און קרעפטיק געכראָמשקעט. און די צוויי יידישע אַרעס־טאַנטן האָבן געגעסן אומרואיקער, פאַרדאַגהטער, ווי יידן עסן. אָן אַ שום מעטאָדע. איין ביסן צו גיך, דעם צווייטן צו פאַמעלעך. געגעסן האָבן זיי דעם זעלבן שוואַרצן ברויט, ווי די סאָלדאַטן, נאָר צוגעביסן מיט אַ גרויסער, פאַרגעלבטער אוגערקע מיט זאַלץ, וואָס זיי האָבן ערלעך געטיילט צווישן זיך און געשניטן מיט אַ שאַרפער שפּענדל; ווייל קיין שום מעסער טאָרן אַרעסטאַנטן ביי זיך נישט האַלטן. ס׳איז געווען איינע פון יענע אוגערקעס מיט די בולבעוואַטע נעזער און מיט איבערגעצייטיקטע קערלעך אין בויך. וואָס גיבן זיך שוין אָפּ מיט אַ זויערקייט און וואָס זאָגן אָן דעם האַרבסט... פונדעסטוועגן האָבן זיך די אַרעסטאַנטן, קענטיק, געקוויקט מיט דער לעצטער ברכה פון דער ערד און פון זומער. דער זאַפט און ריח פון דער אוגערקע איז זיך זיי צעגאַנגען איבער אַלע ביינער. וואָרים אין אָסטראָג, אויסער דער „פּאַילע" פון קעסל און אויסער אַ שטיקל אַריינגעשמוגלטע דאַרע קישקע, עסן זיי זעלטן ווען אַ פריש שטיקל גרינס, אַ רעטאַך, אַ ציבעלע. זינט שעפּטעלע גנב ליגט אַ קראַנקער אין שפּיטאָל איז נישטאָ אַפילו ווער עס זאָל זיי מהנה זיין מיט אַ בעסערע זאַך ווי דאָס ברודנע געמישעכץ אין בלעכערנעם „באַק". נישט פאַנדרע, נישט שמחה׳לע באַקומען געלט פון דער היים, ווי אַלע אַנדערע יידישע אָסטראָזשניקעס. מערע, פאַנדרעס ווייב, און זיין שוויגער — די ביטערע אַלמנהלע, שלאָגן זיך קוים דורך מיט דער הוצאה פון שטיין ביי אַ טישל אויף שקלאָווער מאַרק. דעם לעצטן כאָמעט האָבן זיי שוין פאַרקויפט נאָך סענדערס טויט. און די דריי קאָפּיקעס אַ טאָג, וואָס פאַנדרע באַקומט, אויסער „כאַרטש", פאַר זיין שווערער און מיאוסער אַרבעט, גיט ער אויס אויף רויכערן... זיין שטראָף־אַרבעט האָט אים דערצו געבראַכט. אין

דער הייב האָט ער קיינמאָל נישט געריוכערט, נאָר דאָ, ביים רייניקן די אַפּטריטן אין אַסטראָג און אין שפּיטאָל, האָט ער זיך ביי שמחה׳לען אויסגעלערנט צו דרייען גויעשקע „ציהאַרקעס״ פון שטיקלעך צייטונגס־פּאַפּיר, מיט מאַכאָרקע געפילט...

דער גיפטיק־ביטערער געשמאַק האָט אים פריער פאַרשאַפט נישט־גוטקייט, קאָפּ־שווינדל. נאָר אָט האָט ער זיך, כמעט, ווי צוגעווינט צום שאַרפן טעם, וואָס רייצט אַזוי די יאַסלעס און דעם גומען און פילט אָן די לונגען מיט אַ באַטויבנדיקן רויך. דאָס פאַרטרייבט די שמאַיע און לאָזט אַראָפּ אַ רויכיקן שלייער, אַ לייכטע שכרות צווישן אים און צווישן זיין אומריינע אַרבעט.

אָבער די דריי קאָפּיקעס אַ טאָג סטאַיען אים קוים, קוים. ער, אַזוי ווי שמחה׳לע טורערו, מוזן זיך טיילן מיטן קאָנוואָי מיט זייער מאַכאָרקע. דאָס איז אַ מין שטום־אָפּגעמאַכטער כאַבאַר. אַ סאָלדאַט וועט דיר דאָך טאַטע און מאַמע פאַרקויפן פאַר אַ „ציהאַרקע״, און יידישע אַרעסטאַנטן זעען דערפאַר אַ מענטשלעכן שמייכל אויף די פאַרגרעבטע פּנימער פון די באַוואָפנטע אויפזעער, זיי הערן דערפאַר אַ ווייכערן קול פון די הייזעריקע העלדזער. וואָס זענען געוווינט צו שרייען און צו זידלען זיך. נישקשה, עס לוינט זיך פאַרביידע צדדים.

אַזוי האָרעוועט פאַנדרע, טאָג־איין, טאָג־אויס, אויף דאָס ביסל ביטערן רויך, וואָס ער בלאָזט דורך די נאָזלעכער, און — אויף דער אַרעסטאַנטס־קער „פאַילע״ אין בלעכערנעם „באַק״. און שעפּטעלעס גליקן, וואָס ער האָט אים צוגעזאָגט שטילערהייט, איידער ער איז אַוועק אין שפּיטאָל ?... פון די דאָזיקע גליקן הערט מען עפּעס נישט און מען זעט נישט.

דערפאַר אָבער איז איין זאַך בעסער געוואָרן : די חברשאַפט צווישן אים און שמחה׳לען. זינט שמחה׳לע האָט זיך צעבונטעוועט אינמיטן דער נאַכט און דערנאָך צעכניקעט זיך, ווי אַ צוציק, איז ער בעסער געוואָרן. פאַנדרען האָט זיך איינגעגעבן צו דערווייזן זיין אַמאָליקן חבר פון יאַטקע, אַז ער איז אים דער זעלבער גוטער פריינד, אַז ער בלאָזט זיך גאָר נישט.

פאַנדרע דערווייזט דאָס אים ווו נאָר ער קען. ווו שמחה׳לע איז שוואַך, דאַרטן העלפן אים נח׳ס אָרעמס אַרויס ; ווי אַמאָל ביים קיילען די גראָבע קנאָכנס אין יאַטקע... זיי האָבן זיך שוין ביידע איינגעאַרבעט אין דער מיאוסער מלאכה, זיי טוען עס כמעט מיט צופרידנקייט, אַבי אַרויספאָרן אַלע טאָג, כאָטש אַ פּאָר שעה, אויפן מאָהליוווער שליאַך,

וועלכער פירט אַהיים; אַבי אָנאָטעמען זיך מיט וואַלד איידער מען ווערט איינגעשפּאַרט אויף דער גאַנצער נאַכט.

— נישקשה, שמחה! — אַזוי מונטערט פּאַנדרע זיין חבר ביים רייניקן די אָפּטריטן, — פריער האָבן אַנדערע אַרעסטאַנטן געאַרבעט אַזוי פּאַר אונדז, איצטער — מיר פאַר זיי... מיר׳ן נישט שטאַרבן, שמחה!

שמחה׳לע, ווי זיין שטייגער איז, גיט עפּעס אַ בורטש, פּאַרציט זיך מיט זיין „ציהאַרקע" און שפּייט אויס. נאָר פונעם סאָרט בורטשען, וואָס יענער בורטשעט, דערקענט פּאַנדרע, אַז זיינע ווערטער זענען שמחה׳לען צום האַרצן, אַז ער איז גאָר נישט אַזוי בייז, ווי מען וואָלט געקענט מיינען.

אַ גליקלעכער טאָג איז היינט אויסגעפאַלן. דאָרפישע גויים, בעלי־גופים, זענען פאַרבייגעפאָרן. דערזעענדיק די אַרעסטאַנטן ביי זייער אַרבעט, האָבן זיי זיך איבערגעצלמט און אָפּגעשטעלט זייערע פורלעך. אַ באַיאָרנ־טער גוי אין אַ באַראַשקענער „מאַגערקע" האָט אַרויסגענומען פון אַ זאַק אַ פּאָר אוגערקעס און דערלאַנגט די אַרעסטאַנטן. און זיין גויה, אין אַ נייער בלוי־רויטע כוסטע אויפן קאָפּ, מיט אַ קיילעכדיקן פרישן פּנים ווי אַ ריבן, האָט זיי דערלאַנגט אַ שטיק חזיר אין אַ שטיקל ריינעם, דאָרפישן לייוונט.

— ביאַרי ראָדנאַי! — האָט זי פּויעריש־פריינטלעך גערעדט צו די אַסטראָזשניקעס און געוואָרפן אַ פּאָר בלויע אויגן אויף פּאַנדרען. נח׳ן האָט דער דאָזיקער קוק דערמאָנט אַמאָליקע שיקסעס אין די היי־שייערן, פ א ר דער חתונה...

זיי ביידע האָבן לאַכנדיק צוגענומען די מתנות און באַדאַנקט. אַרבעטנדיק, באַלד צוויי וואָכן אויפן שליאַך, הינטער שטאָט, זענען זיי שוין געוווינט צו דער פּויערישער גוטהאַרציקייט, און זאָגן זיך מער נישט אָפּ פון אַזאַ מתּנה. זיי ווייסן, אַז אַן אָפּזאָג וואָלט געווען ערגער ווי אַ פּאַטש אין פּנים. זיי ווייסן אויך מיט וואָס פאַר רחמנות פּויערים באַציען זיך צו אַרעסטאַנטן. נישט ווי צו פאַרברעכער באַציען זיי זיך, נאָר ווי צו מענטשן, וואָס זענען אַ ר י י נ ג ע פ אַ ל ן א י ן אַ ן א ו מ ג ל י ק. היינט — יענע, מאָרגן — מיר. ביי די אָנגעשטעלטע פון „קאַזנאַ", ביי דעם פּאַדאַטקעס־אויפמאָנער, ביים סטאַנאָוואָי מיט זיינע דעסיאַטניקעס איז דאָך ק י י נ ע ר נישט זיכער...

ווען די פּויערים זענען אָפּגעפאָרן, האָט פּאַנדרע לאַכנדיק איבער־געגעבן דעם קאָנוואָי דאָס חזיר־פלייש, וואָס ער האָט באַקומען און די

אוגערקעס געגומ̇עט פֿאַר זיך און פֿאַר שמחה׳לען. און אָט זיצן זיי זיך אַזוי, צווישן די קוסטעס, און בייסן אַלע צו מיט וואָס גאָט און פּויערים האָבן געגעבן. סיי דער קאַנוואַי, סיי די אַרעסטאַנטן — אַלע פּיר קייען געשמאַק און דער איינגעשפּאַנטער פֿערד אויפֿן שליאַך, צווישן די האָ־לאַבליעס פֿון דער לאַנגער אומריינער פּאַס, רייבט אויך אַריין פֿון אַן אונטערגעבונדענער טאַרבע, און וואַרפֿט צו זיינע פּירער מיט דער מאָרדע. קוקט! — אַזוי רעדט ער, דאַכט זיך, צו זיינע באַלעבאַטים אויף שטום־לשון, איר עסט זיך ווי מענטשן, עסט געזונטערהייט! און אָט עס איך מיר אויך, ווי אַ פֿערד עסט. אַ דאַנק, אַ דאַנק!

2

טשורילאָס אָנפֿאַל.

דער בלעטער־וואַלד, פֿון ביידע זייטן שליאַך, איז געשטאַנען אַן אַלולדיקער, פֿאַרטראַכט אין זיין תשובה־טאָן, נאָך אַלע זומערדיקע שטי־פֿערייען און בליערייען. יום־טובדיק האָט ער זיך געגרייט צום ווינטערדיקן יום־הדין. צו אָפּשמייסן הושענות מיט אַלע באַבלעטערטע צווייגן; צו די ערשטע פֿרעסט...

אין צימרינגדיקע קרינאַלינעס האָבן זיך בוימיכעס אויסגעפּוצט און אין געלבע, אַלמאַדישע טשיפּעקעס. אין לעכלדיקע שלייערן, ברוין ווי ציקאָריע, און אין געדיכטע ברוסט־טיכער — טאַבאַק־בלעטער מיט ציט־ראָנען־הויט געמישט, און מיט קאָראַלענע פֿרענז... לעבן זיי — זייערע מאָגערע מענער — יונגע קליאָנען און דעמבעס, מיט זאַפֿרענדיקע בערד, מיט וואַקס־בלאַסע קיטלען און מיט גאָלדענע עטרות. יעטוועדער בוים מיט זיין אָנטועכץ פֿון אָסיען־בלעטער און מיט זיינע פֿאַרבן, וואָס ער האָט זיך צוגעקלערט. און אינמיטן דרינען שטייט גאָר אַ געזונטער בוקס, אינגאַנצן ווי מ׳ט פֿאַרקילט בלוט פֿאַרגאָסן און שרייט: „געוואַלד, דער האַרבסט האָט מיך אָוועקגעקוילעט!״ און לאַכט בשעת־מעשה...

צווישן זיי אַלעמען — די יאָדלעס מיט זייערע טונקעלע נאָדלען — שטייען אין קופּקעלעך און אין שערענגעס. קיל און צוריקגעצויגן שטייען זיי אין דעם גאַנצן פֿאַרביקן געטומל, אינעם יום־טובדיק אויסגעפּוצטן בוימער־המון. דאָס זענען די אויפֿגעקלערטע יונגעלייטלעך. גרינע אַפּי־קורסים זענען דאָס! זיי האַלטן נישט פֿון ימים־נוראים אין וואַלד. פֿאַרן

קומענדיקן ווינטער האָבן זיי קיין מורא נישט. גרין זענען זיי זומער און ווינטער גרינט זיך זיי אויך.

פון דאָס ביסל שוין אָפּגעפּאַלענע און אָפּגעפּוילטע בלעטער, צווישן די קוסטעס, טראָגט זיך אַ ריח פון געפּרייעטע שוואָמען. און צעריסענע „יידענע ציצית" שוועבן אין דער קלאָרער לופט, טשעפּען זיך אָן צווייגן. זיי בליאַסקען און פאָכען אויף די גרינע נאָדלען פון די סאָסנעס און אויף די געלבע שישקעס פון יעלניק, ווי צעלאָזענע מאָטיקלעך רוי־זייד אויף די שטעכיגע וואַליקעס פון קראַץ־מאַשינעס. דובראָוונע וואָלט פון זיי גאַנצע טליתים געקענט אויסוועבן.

— אָט, — מאַכט פאַנדרע און ווישט זיך דעם אוגערקע־זאַפט פון זיינע דיקלעכע רויטע ליפּן, — וויפל מאָל מיינסטו בין איך דאָ מיט „שמאַרעוואָזן" דורכגעפאָרן? אויפן זעלבן שליאַך. די בייטש האָט גע־קנאַקט, און אויפן האַרצן איז געווען פריילעך...

שמחהלע איז אָבער אַ ביטערער יונג. ער האָט פיינט זיסע רעדערייען. ער האָט ליב אַ שנאַפּס. ער האָט ליב פּאַרגעסן, אָבער נישט דערמאָנען זיך.

ענטפערט ער פאַנדרען אָפּ מיט אַ צו־להכעיס:

— יקום פּורקן מני שמיא!...

דער יקום־פּורקן שפּרינגט אַראָפּ ווי אַ האָן אין ראָסצענעס. ער פּאַסט זיך גאָר נישט צום אלולדיקן וואַלד, דערפילט דאָס פאַנדרע, דער באַלע־גאָלע, דער געוועזענער שמייסער אויף ימים־נוראימדיקע שליאַכן, קוקט ער שמחה'לען, קאָפּשאָקלענדיק, און פאַרריכט מיט אַ געצויגענעם, שטילן ברום:

— אי, יע—ילה תחנונינו מע—ע—ווע—רב...

קען שוין אויך שמחה'לע טורערו נישט אויסהאַלטן און העלפט צו:

— וי—בא עד ביי—ווי—קע—ער *)!

די סאָלדאַטן פון קאַנוואָי קוקן זיך אום, פאַרוווּנדערט פון אַזאַ פאַר־בענקט געזאַנגעכץ.ביידע יידישע אַרעסטאַנטן פאַרשעמען זיך אַ ביסל און בלייבן אַ ווײַלע זיצן מיט אַ נאַרישוואַטער מינע; ווי קינדער ווען דערוואַקסענע, גראָבע מענטשן שלאָגן זיי איבער אינמיטן שפּיל. זיי דערפילן פּלוצלונג די אומריינע, טרפהנע סביבה אַרום זיך. און כדי איבערצוגיין אויף אַן אַנדער זאַך, ווייזט פאַנדרע אָן אויף די שאָלעכץ פון די געשענקטע און אויפגעגעסענע אוגערקעס:

---

* ויבא עד בקר.

— א גאַנץ גוטע אומה — פּאַניע...

— יאָ, יאָ, — מאַכט שמחה׳לע טורערו, — אַ טייערע אומה! צלמען זיך איבער און פלעטן דעם מוח.

— אָט, — מאַכט פּאַנדרע און שאָקלט מיטן קאָפּ, — נאָר נישט אַריינגעפאַלן צו „פּראַוויטעלסטווע״ אין די הענט, אָבער אַזוי... איך בין מיט זיי שטענדיק גוט אויסגעקומען.

— אַ? מיט זייערע שיקסעס מיינסטו אוודאי?... שעם זיך נישט, בח!

אַ געלעכטער האָט פּאַנדרען אויפגעעפנט זיינע ווייסע ציין. שמחה׳לעס שטאָך האָט אים מיטאַמאָל דערמאָנט אָן דער געזונטער פרישער גויה מיט דער נייער כוסטע אויפן קאָפּ, וואָס האָט אים, מיט האַלבער שעה צוריק, געשענקט אַ שטיק חזיר, אָנגענומען אים, אַפּנים, פאַר אַ „זייעריקן״. ער האָט אין אירע לעבעדיקע אויגן דערזען אַ באַקאַנטן פייערל. ער קען שווערן, אַז זי וואָלט אים אויסגעביטן אויף איר אַלטן מאַן, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איר מוזשיק טראָגט אַ נייעם שעפּסענעם קאָזשוך און ער, פּאַנדרע, — אַן אַרעסטאַנטן־שינעל. פּאַנדרע איז שוין געווען גוט אויסגעהונגערט. אַ הייסע לוסט האָט געשפּילט אין זיין, דורך־אַרבעט, אָפּגעפרישטער בלוט. מערעס געשטאַלט, וועלכע ער האָט שוין אַזוי לאַנג נישט געזען, האָט זיך אָפּגערוקט; ערגעץ־ווו אָן אַ זייט האָט זי זיך אָפּגערוקט אַקעגן דער אָקאָרשט געזעענער גויה, מיט דעם קיילעכדיקן פּנים און מיט דעם קעצישן בלויען פייער אין די אויגן.

— ווער אַ טרונק־בראָנפן, — האָט ער שמחה׳לען צוריק־געשטאָכן, און ווער — אַן אַנדער זאַך. האָסט געזען די גויה מיט דער כוסטע? ווי אַ קאַץ אויף פלייש האָט זי געקוקט...

נאָר לאַנג שעפּן דעם יצר־הרע האָט מען אים נישט געלאָזן.

— נו, ווסטאַוואַי!... — האָט זיך דערהערט די גראָבלעכע קאָמאַנדע פון קאָנוואָי. די סאָלדאַטן זענען אויפגעשטאַנען נאָך דער אכילה און, מער פון געוווינהייט, ווי פון בייזקייט, גענומען טרייבן די אַרעסטאַנטן צום פאָס, כדי צו פאָרן צוריק אין שטאָט אַריין, צום אָסטראָג־צו און צום שפּיטאָל.

פּאַנדרע האָט אָפּגעבונדן דעם זעקל האָבער מיט סיעטשקע פונעם פערדס מאָרדע, מיט אַ געניטער האַנט אויסגעקערעוועט די פאָס מיטן גאַנצן שפּאַן און געלאָזן זיך טריט ביי טריט נאָכן פערד, מיטן ציימל אין האַנט. און שמחהלע טורערו — פונעם צווייטן זייט פערד, ביי דער צווייטער האָלאָבליע. הינטער זיי ביידן — די צוויי סאָלדאַטן פון קאָנוואָי

מיט אַנגעצונדענע „ציהאַרקעס״ אין די מיילער. פֿאַנדרעס און שמחה׳לעס מאַכאַרקע האָבן זיי געדרויכערט. דערפֿאַר האָבן זיי נישט אַזוי שטאַרק מקפּיד־געווען אויפֿן שטילן גאַנג פֿון פֿערד. כאָטש וויסן האָבן זיי גוט געוווּסט, אַז די אַרעסטאַנטן זענען אויסן אויסצוציִען דאָס פֿאַרעניש דורכן וואַלד, אַזוי לאַנג ווי עס לאָזט זיך.

די פּראָצעסיע פֿון דעם אומריינעם וואָגן, מיט דעם פּאָס, מיט דעם קאָנוואָי און אַרעסטאַנטן, האָבן זיך אַזוי געשלעפּט איבערן שליאַך, אונטער פֿאַרגעלבטע צוזאַמענגעפּלאָכטענע צווייגן פֿון ביידע זייטן, ווי דורך גאָלדענע טריאומף־טויערן מיט פֿאַרוועלקטע רויזן... ווען פֿאַנדרע איז נאָך געווען אַ ייִנגל, איז די פּריצטע פֿון שקלאָווער „הויפֿל״ צום ערשטן מאָל אַראָפּגעקומען מיטן פֿאַרעכאָד אין איר „אימעניע״. און צוליב איר כבוד וועגן האָבן, דאַמאָלסט, שקלאָווער יידן געלאָזן אויספֿלעכטן מיני אַרקעס מיט בלומען, מיט גרינס און מיט סטענגעס, מיט שמאַכטעס און גאָלדענע פּאַפּירלעך. און אָט פֿאַרט ער אַצינד אויך דורך אַזעלכע טויערן, נאָך אַ סך שענערע און העכערע, וואָס דער אלול אַליין האָט פֿאַר אים אויסגעצאַצ־קעט... אָבער ווי אַ בייזער וויץ פֿון אַ נ י ש ט ־ ג ו ט ן זעט דאָס פֿאַנדרען אויס אין זיין איצטיקער שמוציקייט און פֿאַרשטויסנקייט; ווי אַ פֿייער־לעכער קאַטאָוועס פֿון אַסיענדיקע לצים: „מאַכט אַ וואַרע פֿאַר אַפּטריט־רייניקער! צאַצקעט אויס טויערן פֿאַר אַסטראָזשניקעס!״...

און בוימער שאָקלען זיך איבער אים און איבער זיין פּאָס, אין זייער געלב־רויטער פֿאַראַד־אַנטועכץ, טרייסלען מיט געלבע גלחישע קוטשמעס האָר, הוידן מיט לאַנגע בראָקאַטענע אַרבל, ווי בשעתן רויכערן ווייראַך:

— מיר מאַכן! מיר מאַכן!...

צי האָט זיך אָבער, הויך צווישן די צווייגן, אויף אַ קאַראַלענעם באַלקאָן, נישט באַהאַלטן זרש?... טאַקע זרש אַליין, המנס ווייב. אַ גרויסן טאָפּ פֿאַמינעס האַלט זי גרייט אין אַ באַצירטע הענט, כדי אָפּצוגיסן פֿון אויבן די, וועלכע פֿירן מיט אַזוי פֿיל פּאָמפּע די מיאוסע פּאָס דורכן יום־טובדיקן וואַלד? — —

דער שליאַך האָט זיך פֿאַרנומען אויף לינקס, און אַ גאַנצע שטיפֿערישע קאָמפּאַניע פֿון יונגע בעריאָזקעס זענען, ווי פֿון אַ ווינקל, אַרויסגעלאָפֿן מיט אויסגעקאָלכטע דינע שטאַמען און מיט פֿאַרגעלבטע בלעטער־קרוינען, ווי יונגע שיקסלעך אין ווייסע קליידלעך מיט צעפּלאָשעטע בלאָנדע צעפּ זענען זיי נייגעריק אַרויסגעלאָפֿן, כדי אָנצוקוקן די פּראָצעסיע פֿון פּאָס

און אַרעסטאַנטן. און אַזוי אַרום — פֿאַרשטעלט מיט זיך אײַנגאַנצן דעם פֿאַרקירעוועטן שליאַך.

אויף אַ זײַטיקן שטעג, צווישן די בעריאָזקעס, האָט פֿאַנדרע דערזען אַ שײנעם פֿאַיעטאָן, בלוי־לאַקירט, מיט צוויי גוטע פֿערדלעך געשפּאַנט, און אויף דער קעלניע — אַ געזונטן קוטשער מיט אַן אָנגערוקטן קאַרטוז איבער די פֿײַערדיקע אויגן. די אָנגעצויגענע לײַצעס אין די הענט — גרייט אַרויסצופֿאָרן אויפֿן שליאַך, ווען דער באַלעבאָס וועט אים נאָר הייסן.

אָבער דער באַ־עבאָס אַליין — אַ שוואַרץ־חנעוודיקער „שצאָגיל״, אין אַ נײַעם פּאַלטאָ איז געזעסן אין פֿאַיעטאָן אויפֿן ווייכן זיץ, דער פּנים האַלב באַהאַלטן און געוואַרט. ווײַזט אויס, אויף אימיצן, אויף אַ צווייטן, וואָס איי אַראָפּגעגאַנגען אין בעריאָזקע־וועלדל צוליב זײַן באַדערפֿעניש. איז דאָס אויסגעקומען פֿאַנדרען אַ ביסל מאָדנע. פֿאַרוואָס שטייט עפּעס דער פֿאַיעטאָן אין וועלדל פֿאַררוקט און נישט אויפֿן רעכטן שליאַך? נאָר גיי פֿרעג קשיות בײַ פּריצים! ווען פֿאַנדרע איז געווען אַ באַלעגאָלע האָט ער פֿון פּריצישע „שודאַקעס״ געזען גרעסערע משוגעתן...

ווען די פּאַס מיט אירע באַגלייטער איז אָפּגעפֿאָרן, האָט זיך הינטער איר דערהערט אַ קול פֿון אַ קוקושקע, אָבער אַזוי שיין און קלאָר, און זאָל עס פֿעלן אַ האָר:

— קו־קו! קו־קו!...

ווי קומט אַ קוקושקע זאָל קוקעווען סוף זומער, אלול־צײַט?... נישט אַנדערש, אַז דער פֿאַרשוין אין פֿאַיעטאָן רופֿט דאָס אַזוי זײַן חבֿר, וואָס איז אַראָפּגעגאַנגען אין וועלדל. „אַן אײַנפֿאַל פֿון אַ פּריץ״! טראַכט זיך פֿאַנדרע און גיט אַ מאַך מיט די פּלייצעס.

נאָר דער פֿערד פֿון אָסטראָג לאָזט אים לאַנג נישט טראַכטן וועגן זײַטיקע זאַכן. דער פֿערד פֿון אָסטראָג גיט פּלוצלונג אַ פֿיר מיט בײדע אויערן, און פֿאַנדרע, וועלכער האַלט אים בײַם צוים, שפּיצט זיך אויך אָן. וואָרים פּלוצלונג דערהערט ער עפּעס אַ טעמפּן קלונג. ער וואָלט געמעגט שווערן — אַ באַקאַנטער קלונג פֿון קייטן, וואָס איז אים שוין אויסגעקומען צו הערן נישט איינמאָל, צווישן די רוצחים אין אָסטראָג מיט די געלבע „טויזן״ אויף די כאַלאַטן.

דער לאַנגער וואָגן מיט דער פּאַס גיט זיך נאָך אַ ביסל אַ קערעווע אין שלענגל פֿון שליאַך, לאָזט איבער די לעצטע בעריאָזקעס הינטער זיך, און פֿאַר פֿאַנדרעס אויגן וואַקסט אויס, ווי פֿון אונטער דער ערד, אַ צווייטער קאָנוואָי: צוויי „אונטערפֿירער״ סאָלדאַטן מיט בלויזע שווערדן אויף

די אַקסלען, און אַ גרויסער גוי, אַן אָסטראָזשניק, אַן „עוג מלך הבשן" — אינדערמיטן. זאָל עס צומאָל נישט זיין דער געשלאָגענער גלית, וועלכן ער, פאַנדרע, האָט דאָ נישט לאַנג אַזוי פיין מכבד געווען? ס'איז עפּעס טשורילאָ דער אָסטראָזשניק און נישט טשורילאָ... אָנשטאָט אַ נאָז זיצט אים אַ צעקוועטשטער בוריק אינמיטן פּנים. און דער מאוימדיקער פּרצוף־פּנים זיינער גייט גלייך אויף אים, גלייך אויף אים...

אפּנים, פון שפּיטאָל פירט מען אים דאָס איצטער איבער, אין אַן אַנדער אָסטראָג, כדי זיי ביידע זאָלן זיך נישט אומברענגען, ווי צוויי קאָטערס אין איין זאַק. אַזוי האָט אים טאַקע שעפּטעלע געזאָגט... און פּונקט דאָ, אין וואַלד, דאַרפן זיי זיך אַצינד טרעפן, גראָד דאָ.

ווייזט אויס, אַז טשורילאָ האָט אויך דערקענט דעם, וועלכער האָט אים צעטרושצעט די נאָז מיט דער האַרטער גאָמבע, ווי מען צעטרושצעט אַ וועלשענעם נוס. ער האָט דערקענט דעם, וועלכער האָט אים אין איין מינוט געמאַכט פאַר אויס „וויקידאַילאָ" אין אָסטראָג און דערנידעריקט פאַר אַלע אַרעסטאַנטן אין די אויגן. די בלוטיקע קוקערס זיינע האָבן פלוצלונג אויפגעפלאַקערט מיט אַ העלישן פייער און ער האָט האַסטיק אַ טראָט געטאָן פאָראויס.

פון אומגעריכטיקייט און פון מוראדיקן קוק, אויף ביידע זייטן צעקוועטשטער נאָז, איז פאַנדרען דורכגעלאָפן אַ קאַלטער שוידער אונטערן כאַלאַט. ער האָט דערפילט, אַז אַ באַרג פון שנאה רוקט זיך אויף אים אָן. אַ חיה־שרעקעניש וואָס האָט נישט מער וואָס צו פאַרלירן. זי גייט אַפילו, די חיה, אונטער אַ קאָנוואָי, אָבער צי זענען זיי באמת גענוג שטאַרק, די צוויי זעלנערלעך, איינצוהאַלטן אַזאַ חיה ווען זי צעיושעט זיך?

ווי אַ בליץ האָט פאַנדרען אויפגעלויכטן אין קאָפּ שעפּטעלעס וואָרענען אים, ער זאָל זיך, למען־השם, היטן פאַר טשורילאָן... אלולדיק ווייך, ווי ס'איז אים געווען אויפן האַרצן אינעם האַרבסטיקן וואַלד, איז ער נישט געווען גרייט צו שלאָגן זיך. האָט ער דערפאַר, כמעט נישט־ווילנדיק, געמאַכט אַ קליינע באַוועגונג אָפּצולאָזן דעם צוים פון פערד און באַהאַלטן זיך הינטער דעם פאַס, נעענטער צו זיין קאָנוואָי. אָבער באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דערמיט וועט ער מאַכן צונישט דעם גאַנצן נצחון איבער טשורילאָן. האָט ער, דווקא, אויף צו־להכעיס זיך אַליין, אויסגעגלייכט דעם רוקן און שטאַרקער אַ צי געטאָן דעם פערד פאַרן צוים: ניין, ברודער פאַנדרע, גיי גלייך, אַז דו גייסט!...

אין דער זעלבער רגע האָט טשורילאָ נאָך האַסטיקער אַ שפּרייז געטאָן

פון צווישן דעם קאַנוואַי אַן אַ זייט, דער צעמזיקטער נאָז זיינער האָט זיך ביי אים אָנגעגאָסן מיט בלויע בלוט, ווי די קרעלן ביי אַ געשלאָגענעם אינדיק. ער האָט זיך פּלוצלונג איבערגעבויגן, און אַזוי גיך, אַז זיין גרויסער גוף האָט זיך ווי איבערגעבראָכן אין צווייען. זיינע פליישיקע, רויטע לאַפּעס האָבן אָנגעכאַפּט אַ געקאַלכטן שטיין; איינעם פון די שטיינער, וואָס זיצן פעסט פון ביידע זייטן שליאַך, ביי יעדן פערטל וויאָרסט, און האָט אים אויסגעריסן, ווי אַ מערעלע. באַלד איז דער גרויסער גוף אויפגעשפּרונגען, אויסגעגלייכט זיך, ווי אַ שטאָלענער בויגן, און דער שווערער שטיין האָט געגעבן אַ פלי פון זיינע הענט... ס'איז געווען אַ שליידער פון אַ געניטן פלאָקן־שיסער און מוח־פלעטער. וואָרים געפלויגן איז דער שטיין גראָד אויס, ווי אַ קויל, און איז געווען געצילט פונקט אין פאַנדרעס קאָפּ אַריין.

אָט די גאַנצע ריי פון באַוועגונגען האָט דער גרויסער גוף אָפּגעשפּילט, איינס נאָך איינס, אַזוי אימפּעטיק און אַזוי פלינק, אַז דער קאַנוואַי פון ביידע באַגעגנטע גרופּן אַרעסטאַנטן, האָט זיך פאַרלוירן; נישט באַוויזן אָפּצוהאַלטן דעם צעיושעטן גלית נישט צו באַשיצן נח פאַנדרען פונעם אָנפאַל.

אָבער נח אַליין האָט זיך נישט פאַרלוירן. ער האָט שאַרף געהאַלטן אַן אויג אויף טשורילאָן. און נישט קוקנדיק אויף דער בליץ־שנעלקייט, מיט וועלכער דער וואָרף איז געטאָן געוואָרן, האָט זיך פאַנדרע נאָך גיכער איינגעבויגן, און דער האַלב־פּודיקער שטיין איז, פייפנדיק און זשומענדיק, דורכגעפלויגן איבער דער גאַנצער לענג פון איין האַלאַבליע און דורכגעבראָכן ביידע דעמבענע דעקן פון דער אויסגעליידיקטער פאַס.

ווי א קויל פון אַן אַלטצייטיקן האַרמאַט האָט דער שטיין אָנגעפּראַלט אין דעם הילכיקן פּראָנט פון פאַס, ווי אין אַ ריזן־באַראַבאַן אַריין, און האָט זי דורכגעשאָסן אַזוי, אַז קליאָפּקעס פון שפּונט זענען געפלויגן פון דער צווייטער זייט, צו פאַנדרעס קאַנוואַי צו. דער דאָפּלטער טערעבענץ, דורך ביידע דעקן, איז געווען אַזוי אומגעריכט־שטאַרק, אַז דער פערד איז אויפגעשפּרונגען דיבאָם. און פאַנדרע, וועלכער האָט פאָספּעיעט אויסצור־גלייכן זיך, האָט אים קוים דערהאַלטן פאַרן צוים. שמחה'לע האָט זיך אַ האַלב־געחלשטער אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד. און די סאָלדאַטן פון ביידע קאַנוואָיען האָבן אויפגעהויבן אַ געוואַלד מיט אַ פינף־גאָרנדיקן אין דער מאַמען אַריין. זיי האָבן זיך צעפייפט מיט די ליאַרם־פייפלעך, אַרויס־געכאַפּט די רעוואָלווערן פון שיידלעך, און אַזוי אַרום אָפּגעטריבן טשורילאָן; געצוווּנגען דעם צעיושעטן גלית אָפּצוגיין אָן אַ זייט, הינטער

די איבערגעפאַלענע יידישע אַרעסטאַנטן, הינטער דער דורכגעבראָכענער פּאַס.

— הפּאַס באך! *) — שאָקלט דער סטאַרשער פון קאָנוואָי צו פּאַנדרען. און צוזאַמען מיט זיינע חברים טיקעט ער ווייטער די געלאָדענע רעוואָל־ווערן אין טשורינאָס מאָרדע, אין זיין געמזיקטן נאָז אַריין: דו, אַזעלכער און אַזעלכער! אוביוועץ! **)

דערנאָך האָט דער סטאַרשער אַרויסגעכאַפּט אַ בלייפּען פון אַרבל־אומשלאַג, געטונקט אין מויל, ווי אין אַ טינטער, און מיט אַ מאַטערניש און שרייב־העוויות פון אַ „הראַמאָטנעם" *) פאַרשריבן עפּעס אינעם זעלבן קאָפּיקענעם ביכעלע, ווו ער פאַרשרייבט שטענדיק די צאָל פון די אויס־געליידיקטע פּעסער.

אָבער טשורילאָ אַליין, דער אָנמאַכער פון גאַנצן טומל, איז זיך גע־שטאַנען קאַלטבליטיק. נאָר זיין פליישיקע ברוסט האָט זיך ביי אים געהויבן, ווי אַ בלאָזאַק, נאָך דער אָקאָרשט־געמאַכטער, נישט־מענטשלעכער אָנ־שטרענגונג. סאָפּענדיק אַזוי, האָט ער אויסגעהערט אַלע סטראַשונקעס פון די סאָלדאַטן און גײשוויגן אָפּגעאָטעמט זיך, האָט ער, ווי זיין שטייגער איז, פאַרלייגט די שווערע הענט אונטער די פּאַכוועס, און מאומדיק, ווי אַ העס־לעכער ריז, אַריבערגעקוקט איבער די קעפּ פון די צערייצטע זעלנערלעך מיט זייערע שווערדלעך און ביקסלעך. זיין בלוטיקער קוק האָט געזוכט דעם שונא זיינעם... און ער האָט אים געפונען. ווי אַ ווילדער אָקס, איבער אַ נידעריקן שטעכיקן צוים, אַזוי האָט ער אַ ווײַלע אַריבערגעקוקט צו זיין גאַנץ־געבליבענעם זשידאָווסקן פּיינט. אַ קריץ־געטאָן מיט אַלע ציין און אַרויסגעפּאָנפּעט פון דער צעפּלעטשטער נאָז:

— ניע אוידיאָש, זשיד! כ'וועל דיך נאָך דערטאַפּן!...

פּאַנדרע איז שוין געווען געקומען צו זיך פון דער סכנה, וואָס האָט זיך אַריבערגעטראָגן איבער זיין קאָפּ. ער האָט אָבער טשורילאָס קול נישט דערקענט. ס'איז מער נישט געווען יענער זעגעדיקער חוצפּהדיקער קול, וואָס האָט געוואָרפן אַ מורא אויף אַלע אַרעסטאַנטן. דער קול איז אַצינד געווען אָנגעשפּאָלטן און צוגעשטיקט, ווי די צעקאַליעטשעטע נאָז אַליין. אינעם דאָזיקן פּאָנפּאָטן שילטן־זיך און סטראַשען, האָט פּאַנדרע דערפילט

---

* גאָט האָט געראַטעוועט!

** רוצח!

* וואָס קען לייענען און שרייבן.

די גאַנצע שוואַכקייט און צעבראָכנקייט פון אַ כבוד פון אַ געוועזענעם „וויקידאַילאָ״, וואָס האָט פאַרפולט זיין גאַנצן כבוד און זיין גאַנצע זי־כערקייט; וועלכער האָט שוין אַצינד מורא אַרויסצורופן זיין שונא אויף אַן ערלעכן, אָפענעם געשלעג, נאָר ער זוכט אַ מיטל ווי צו באַפאַלן אים פון הינטן, אומגעריכטערהייט; אָפטאָן אים אַ מיאוסן שפּיצל... דאָס האָט פאַנדרען צעעפנט זיין שטייפן מויל און אַנטפּלעקט זיינע שניי־ווייסע ציין, אין אַ ראַם פון גוטמוטיקן ברייטן שמייכל. דאָס האָט געהייסן: „טשורילאָ, כ׳בין גרייט! אַז ס׳וועט זיך מאַכן, וועל איך דיר נאָך געבן אויסגאָב״!...

פאַנדרעס ווייסע ציין האָבן נאָך מער צערייצט דעם גלית דאָס טרפהנע בלוט זיינס. האָט ער זיך נאָך שאַרפער און נאָך מיאוסער צעפאָנפעט:

— רעזאָט וואָס ווסיעך זשידאָוו פּרעקליאָטיך!... ס׳הייסט: אויסקוי־לענען דאַרף מען אייך, אַלע יידן פאַרשאָלטענע!

דער קאָנוואָי האָט אָבער אים מער נישט געלאָזן דרשנען. דער סטאַר־שער האָט אַ פייף געטאָן מיט זיין פייפל און אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— מאַרש, מאַרש!

טשורילאָס אונטערפירער האָבן פאַרוואָרפן די בלויזע שווערדן אויף די אַקסלען, און מיט די רעוואָלווערן אין די הענט אונטערגעכאַפּט:

— מאַרש!

אין דער זעלבער מינוט האָבן אויף די רעדער, אונטער דער צעבראָ־כענער פאַס, אַ סקריפּ־געטאָן. דער וואָגן האָט זיך גערירט. און ביידע גרופּעס אַרעסטאַנטן, ווי די פונאַנדערגעריסענע צעקריגטע הענער, זענען זיך אין איילעניש צעגאַנגען אויפן מאָהליוווער שליאַך. יעדערער אין זיין זייט.

א מאדנע נקבה

1

דעם ווייטערדיקן וועג, דורכן וואַלד, האָבן אונדזערע אַרעסטאַנטן געמאַכט מיט אַ צעבראָכענער פּאַס. ביז צום אָסטראָג איז נאָך געבליבן אַ פּאָר וויאָרסט

פּאַנדרע האָט זיך געווישט דעם שווייס. ס'איז אויף אים אָנגעקומען יענע שוואַכקייט פון נאָך אַן איבערגעלעבטער געפאַר, ווען אין קאָפּ ווערט קלאָר און דער גוף איז מאַט ווי נאָך אַ קרענק. ערשט אַצינד האָט ער קלאָר באַגריפן, אַז עס איז געגאַנגען אום איין האָרעלע זיין שאַרבן זאָל צעטרושצעט ווערן, ווי אַ קירבעס אונטערן האַמער.

— מעגסט בענטשן גומל! — מאַכט צו אים שמחה'לע און אין האַרצן איז ער צופרידן, וואָס ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז די פּאַס איז צעבראָכן געוואָרן. וואָרים ביז מען וועט זי פאַרריכטן, וועט מען דערווייַלע נישט אַרבעטן. שמחה'לע טורערו האָט זיך צו זיין מיאוסער אַרבעט בשום־אופן נישט געקענט געוויינען.

פּאַנדרע האָט צו אים שוואַך אַריבערגעשמייכלט, איבער דער גריווע פון פערד, אַזוי ווי עס שמייכלט אַ גענעזן קינד. ער האָט אים עפּעס געוואָלט זאָגן צי דער זאַך. נאָר אין דער זעלבער רגע האָט זיך פון דער ווייטנס ווידער אַמאָל דערהערט דער רופנדער קול פון אַ קוקושקע:

— קו־קו!, קו־קו!

— אַ קוקושקע, ווי איך בין אַ רבֿ! — מאַכט פּאַנדרע נישט צו דער זאַך, אַ ביסל פאַרקלערט — נישטאָ אָנהויב אָסיען קיין קוקושקעס. אפנים ווייטער דער פאַרשווין אין פּאַיעטאַן. אָן אָקס אַ ביסל מיטן פריץ אין פּאַיעטאָן!...

— קיין אַנדערע זאַכן ליגן דיר איצטער נישט אין קאָפּ? — גיט שמחה'לע אַ מאַך מיט די פּלייצעס.

— אַ געוווינענער קאָפּ... — שמייכלט פּאַנדרע מיטן גענעזענעם שמייכל,

— טאָ זאָל אין אים ליגן וואָס עס ליגט.

שמחהלע ענטפערט מער נישט. ער גייט נאָך נאָכן פערד און טראַכט, אַז פּאַנדרעס לשון האָט זיך געביטן. דאָס ציגעלע האָט זיך אים אין אָסטראָג פאַרשאַרפט. אַ נייע „עברי" אויסגעלערנט זיך. אפנים ביי שעפּ־

טעלע גנב... שניידט אָפּ ווי מיט אַ חלף. אין אַמאָליקע צייטן, אַלס אַ קצב און דערנאָך אַלס באַלעגאָלע, פלעגט ער קוים אַ פּאָר ווערטער קענען צוזאַמענבינדן. און זוכנדיק אַ וואָרט האָט ביי אים, בשעת מעשה, געברומט אין בויך, ווי אַ ווידער־קול פון אַ פוסטן ברונעם.

די צעבראָכענע פאַס גופא האָט זיך דערווייל געלאָזט הערן איבערן גאַנצן שליאַך. זי האָט זיך צעלאָזן מיט איר שווערן ריח, אויף צו להכעיס די אלול־בוימער מיט זייער גאָלד און צימרינג און זאַפרען־פאַרבן, אויף צו להכעיס זייער זיסלעכן, יערנדיקן שוואַמען־געדוך. אַזוי פירט זיך אויף אַ גראָבער יונג. אַן אויסוואורף, צווישן אויסגעפוצטע מחותנים, ווען ער דערפילט זיין אייגענע גראָבקייט, זיין נידעריקייט: „באָט אייך און ווייסט! כ׳האָב אייך אין דר׳ערד מיט אייער חתונה!...״

אַפילו גויים אין פורלעך, וואָס זענען געוווינט צו הנאַי *) אויף די פעלדער, האָבן זיך, פאַרבייפאָרנדיק, געכאַפּט פאַר די נעז:

— דוך טאַ, האָספּאָדי, קאַקאָי!**)

— טיזשאָלי דוך־טאָ! ***) — האָבן זייערע פלוניתטעס באַשטעטיקט. גוטמוטיקערע האָבן זיך צעווערטלט מיט די אַרעסטאַנטן.

— זדאָראָווא, זאָלאָטאָראָטניקי! ****).

— „זדאָראָווא, איבער־אַ־יאָר דו!״ — האָט זיי שמחה׳לע מיט גרויס פריינטשאַפט אָפּגעענטפערט, גויעש און יידיש פאַרשלונגען. די גויים האָבן עס אָנגענומען פאַר אַ וואַרעמען דאַנק.

אַרעסטאַנטן טאָרן נישט רעדן מיט זייטיקע מענטשן. נאָר די סאָל־דאַטן פון קאָנוואָי האָבן אויף דעם געקוקט דורך די פינגער. דאָס האָבן געמאַכט די „ציהאַרקעס״ און די „סאָלאָ״ *), וואָס זיי האָבן היינט באַקומען צום אָנבייסן פון זייערע אַרעסטאַנטן. זיי האָבן אַפילו געוווּסט פון דער גרויסער פריינטשאַפט צווישן פאַנדרען און טשורילאָן און די סיבות פון דער דאָזיקער פריינטשאַפט. רופט זיך אָפּ דער סטאַרשע פון קאָנוואָי:

— נאָי **), דאָס האָסטו אים, דאַכט זיך, אַזוי באַאַרבעט די „רילאָ״ ***), דעם אוביוועץ ****)?

פאַנדרע האָט גאָר שטיל אַ לאַך געטאָן. דערמיט האָט ער געוואָלט

---

* מיסט. ** אַ ריח! — רבונו של עולם. *** אַ שווערער ריח! **** אַ גאָט־העלף, אָפּטריט־רייניקער!

---

* חזיר־פעטס. ** נח. *** שנוק. **** רוצח.

זאָגן, אַז ס׳איז אַן אמת און אַז ער, פּאַנדרע, פאַרגעסט נישט, אַז דער וואָס פרעגט איז אַ סאָלדאַט און דער וואָס ענטפערט איז בלויז אַן אָס־טראָזשניק... דאָס איז דעם קאַנוואַי געפעלן געוואָרן.

— אַדנאַ סלאַוואַ! — רופט זיך אָפּ דער צווייטער קאַנוואָיניק, — אַ פאַרקוקעניש געמאַכט פון אים! יעי באָהו!...

— היינט וועט מען שוין מער נישט אַרבעטן, — שלאָגט אים איבער דער סטאַרשע, וויסנדיק, אַז אַזאַ אָנזאָג וועט די אַרעסטאַנטן הנאה טאָן, — כ׳מוז אָפּגעבן אַ ראַפּאָרט אין „קאַרצעראַליע״, וואָס דער טשורילאָ האָט אָפּגעטאָן. ער וועט שוין קריגן זיין לוין! סטאַלאַ ביט —

און ווי ער רעדט דאָ אַזוי און גיסט בוימל אויף די הערצער פון זיינע אַרעסטאַנטן, ערשט עפּעס אַ שוואַרץ־חנעוודיקע ווייבעלע אין אַ געפּאַ־סעקטן העל־בלויען קליידל, מיט אַ ווייסן פאַרטוך און מיט אַ ווייסן קאָפּ־טיכל לויפט זיי אַקעגן אויפן שליאַך. פון דאָרטן, ווו דער וועג פאַרקערעוועט זיך צום אָסטראָג און צום שפּיטאָל, איז זי אַרויסגעלאָפן. דערזען די פּראָ־צעסיע פון אַרעסטאַנטן און פּאַס מיטן קאַנוואַי, איז זי אַ רגעלע שטיין געבליבן אין פאַרלעגנהייט און געהאַט בדעה אַריינצולויפן צווישן די בוימער פון וואַלד. זי האָט זיך אָבער, קענטיק, מישב געווען, גענומען שמעקן די לופט, פאַרשטעלט זיך די נאָז מיט אַ האַלבן פּנים, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געלאָזן זיך גיין געלאַסענער און דווקא דעם קאַנוואַי אַקעגן. די צעבראָכענע פּאַס פון די „זאַלאַטאַראָטניקעס״ האָט איר, הייסט דאָס, נישט פאַרשמעקט. נאָר זי האַלט זיך פעסט און גייט אַקעגן. זי וויל, הייסט דאָס, ווייזן, אַז זי איז נישט קיין ציטעריקע און וויל קיינעם נישט פאַרשעמען...

אַז זי האָט זיך דערנענטערט, האָט מען, לויט איר מלבוש, דערקענט, אַז ס׳איז נישט קיין אַנדערע ווי אַ „באַרמהאַרציקע שוועסטער״ פון נאָ־ענטן שפּיטאָל, מיט אַ צעקנייטשטן פאַרטוך — נישט זייער קיין זויבערער, מיט אַ קאָפּ־טיכל — אויך נישט פון אונטערן פּרעסל און מיט אַ רויטן צלמל אויפן אָרעם־באַנד. און עפּעס איז אויף איר דאָס גאַנצע אָנטועכץ צו לאַנג און צו אָנגעפּאַלדעוועט אויף דער איינגעפּאַלענער ברוסט. זי פּלאָנטערט זיך אין אירע מלבושים, ווי אַ טעכטערל אין דער מאַמעס קליידל. און אינגאַנצן איז זי עפּעס פאַרשמאַיעט און פאַרהאַוועט ווי אַ ריירעוודיקע יידנקע, וואָס האָט איר בייטעלע פאַרלאָרן, ווייסט נישט ווו, און לויפט עס אָפּזוכן אויפן מאָהליווער שליאַך.

האָט פּאַנדרע געמיינט, אַז מען האָט זי דאָס אַרויסגעשיקט פון שפּי־

טאָל אַנצויאָגן טשורילאָן, וועלכן מען האָט אָקאָרשט פון דאָרטן אויס־געשריבן.

— זע, מאַכט ער צו שמחה׳לען — ס׳איז נישט קיין גלאַטע מעשה. טשורילאָ האָט עפּעס אַוועקגעלקחנט זאָג איך דיר! מ׳וועט אים נאָך אומקערן...

אָבער שמחה׳לע ענטפערט נישט. ער קוקט נאָר שאַרף אָן דאָס „באַרמ־האַרציקע שוועסטערל״ און בורטשעט:

— אַ — אַ — מאָדנע נקבהקע!

באַמערקט, אַז מען באַטראַכט זי צו שטאַרק, האָט זיך דאָס שוועסטערל צעטומלט, געגומען פּלאָנטערן זיך אין לאַנגן קליידל, אָפּגעלאָזן איין האַנט פון די פאַלדן. דעם שוואַרץ־חנעוודיקן האַלב־פאַרדעקטן פּנימל נישט גע־ווּסט ווו אַהינצוטאָן.

דערזען אַזאַ פאַרשעמעניש פון אַ נקבה, האָבן די סאָלדאַטן פון קאָנוואָי געמיינט אַז דאָס האָבן איר זייערע פאַרדרייטע וואָנצעס אַזוי „דעם קאָפּ פאַרדרייט״; אַז זייער כוואַטסקער גאַנג און דער קלונג פון זייערע שווערדן האָבן דאָס איר געטראָפן גלייך אין האַרצן אַריין... האָבן זיי אויפן יונישן שטייגער געגומען קאָקעטירן, טרייבן גראָבע קאַטאָוועסלעך:

— וווהין איילסטו זיך, שוועסטערל?

— דעם עק אַראָפּגעלאָזט.

— באַווייז די מאָרדעלע!

— דאָס קליידל העכער!

— שפּעטער נאָך „סלוזשבע״... ווילסט?

— וועט מען אַ הוליע־טאָן, אַ?

דערהערט אַזעלכע זיסע רייד, איז דאָס שוועסטערל אינעם אומגע־לומפּערטן קליידל געוואָרן אַ ביסל זיכערער, געמאַכט אַפילו אַ מינעלע מיט אַ פּיסקעלע פון אַ דינסט־מיידל, וואָס לאָזט זיך ליבן און באַוווּנדערן... שמחה׳לען, דעם ממזר, האָט אַזש אַ געלעכטער אָנגעשפּאַרט:

— וואָס זאָגסטו?... — מאַכט ער שטילערהייט צו פאַנדרען — וואָס זאָגסטו עפּעס צו דער יענטעצקע אין שלומפּער?

— טאָקע אַ מאָדנע נקבהקע! — באַשטעטיקט פאַנדרע שמחה׳לעס פריערדיקע ווערטער און האַלט אַ ביסל אָפּ דעם פערדל, כדי בעסער אַריינקוקן דעם שוועסטערל אין די אויגן אַריין. עפּעס באַקאַנטע אויגן.

חנדלענדיק זיך אַזוי און קוקנדיק פונדעסטוועגן אָן אַ זייט, מיט אַ פאַרשטעלטן מויל, האָט זיך דאָס שוועסטערל באַלד אויסגעגלייכט מיטן

פערד און וואָגן. אַ ציי־געטאָן דורך די פינגער מיטן נעזעלע, פאַרקרימט זיך זייער שטאַרק און אגב טאַקע פאַרשטעלט דאָס גאַנצע געזיכט און געכאַפּט לויפן. משמעות — פון שלעכטן ריח אַנטלאָפן. נישט אויסגע־האַלטן...

די סאָלדאַטן פון קאָנוואָי האָבן איר נאָכגעהירזשעט ווי די איינגע־שפּאַנטע זשרעבעצעס, וואָס דערזען אַ קליאַטשע אין פרייען פעלד. דרייען זיי די נאָזלעכער מיט אַ „היי־היי" און וואַרפן מיט די גריוועס. און אַרויס פון שפּאַן קענען זיי נישט...

— אך, ווען נישט די סלוזשבע! — מאַכט דער סטאַרשע מיט פאַר־דראָס און דרייט די וואָנסעס. און ס'איז קענטיק געווען, אַז דאָס שטיק חזיר־פעטס, וואָס ער האָט מיט אַ האַלבער שעה צוריק אַריינגעפּאַקט אין זיך, האָט זיך שוין אין אים גוט צעוואַרעמט.

— פּאַשאָל! — האָט דער יינגערער סאָלדאַט מיטאַמאָל אַ געשריי געטאָן אויף די אַרעסטאַנטן, כאָטש יענע האָבן געשפּרייזט נישט ערגער ווי פריער. און ס'האָט זיך געפילט אַ האַס אין זיין געשריי. אַ האַס צו די צוויי גרויע אַרעסטאַנטן, וואָס שטייען אַצינד צווישן אים און דער אַנט־לאָפענער נקבה.

פאַנדרע האָט, אָבער, נישט קלאָר געהערט, וואָס דער סטאַרשע רעדט און דאָס, וואָס דער יינגערער פון קאָנוואָי בייזערט זיך, דאָס האַלב־פאַרדעקט פנימל פון דער „שפּיטאָל־שוועסטערל" איז אים עפּעס אויסגע־קומען שטאַרק באַקאַנט. אָט די שוואַרצקייט פון שמאָלינקן שטערן, אָט דער לעבעדיקער קוק פון אונטערן קאָפּ־טיכל! אַפילו די געמאַכטע חנדלעך... עפּעס צו יידישלעך האָט זי אויסגעזען, די שפּיטאָל־שוועסטער מיטן רויטן צלמל אויפן אַרבל.

שמחה'לע האָט אַפּנים געטראָפן זיינע געדאַנקען, וואָרים ער האָט אים געמאַכט אַ קצבישע העויה מיט איין אויג און מיט איין באַק, פונעם צווייטן זייט פון שפּאַן, און האָט אַריבערגעמורמלט צו אים איבער דער גריווע פון פערד: — אַ מאָדנע נקבהקע, אַ?

און נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, גערעדט שטיל, נישט צו פאַנ־דרען, נישט צו זיך אַליין:

— ציגענע וסים היינט אין וואַלד. דאָס — פריצים אין פאַיעטאָנען, דאָס גזלנים, דאָס נקבות... ווען נישט דאָס יענטעוואַטע קליידל, וואָלט מען געקענט שווערן, אַז ס'איז שעפטעלע... ווי איך בין אַ ייד! נאָר ווו האָט ער דאָס אַהינגעטאָן די וואָנסעלעך, דער גנב?

— קו־קו!... — האָט זיך דערהערט גאָר נאָענט הינטער דעם קאָנוואָי.

שמחה׳לעס אומגעריכטע ווערטער און דאָס נאָענטע קוקעווען פון הינטן, האָבן פאַנדרען אינגאַנצן אויפגעשראָקן מיט זייער פלוצימדיקער קלאָרקייט און צוזאַמענטרעפן. עפּעס ווי ער וואָלט געהאַלטן אין אָנרייבן אַן־איינציק שוועבעלע און דאָס גאַנצע קעסטעלע האָט אים אויפגעריסן אין די הענט.

ער האָט זיך האַסטיק אַ קער געטאָן, און נאָך אים שמחה׳לע און דער קאָנוואָי. אַפילו דער פערד האָט דערפילט, אַז מען מעג אַ ווײַלע שטיין בלײַבן און האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַ נייע, גאָר אומגעריכטע סצענע האָבן זיי אַלע דערזען. דאָס אָקאָרשט־שעמעוודיקע, נישט־פלינקע „שוועסטערל״ פון שפּיטאָל, איז אַצינד געלאָפן אַראָפּ־שליאַך, נישט ווי אַ נקבה מיט אַ שווערן שלומפּער, נאָר ווי אַ יונגער פּאָזשאַרניק אויף אַ שריפה. איר צו לאַנגן אָנטועכץ האָט זי אַצינד געהאַלטן אין ביידע הענט, פון ביידע זייטן, ווי מען האַלט צוויי פאָלעס ביים איבערלויפן אַ בלאָטע. אונטערן הויך־פאַרריסענעם קליידל האָבן זיך אַצינד געבאָמבלט אַ פּאָר דינע פיס, אין שוואַרצע מאַנסבילשע הויזלעך. גיך־גיך האָבן די פיסלעך פאַבריקעוועט אַראָפּ־שליאַך אַזוי, אַז דאָס קאָפּ־טיכל האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אויפן נאַקן און אַנטפּלעקט אַ געשוירענע פּאָטילניצע. איינע פון יענע מאָגערינקע און געשוירענע פּאָטילניצעס פון יונגע ווייבלעך, וואָס שטייען אויף פון אַ טיפוס.

— קו־קו, קו־קו, קו־קו! — האָט זיך ווידער אַמאָל דערהערט אַ פויגל־שער קול. דאָס מאָל איז דאָס קוקעווען געווען צו האַסטיק, נישט־נאַטיר־לעך, און מען האָט קלאָר געהערט, אַז נישט קיין אַנדערע, ווי דאָס אַנט־לאָפענע „שוועסטערל״ לאָזט פון זיך אַרויס אַזעלכע טענער. ס׳איז אָבער פאָרט געווען זייער ענדלעך צו דעם „קוקו״ פון יענעם פאַרשוין, וואָס איז פריער געזעסן אין פאַיעטאָן, צווישן די בעריאָזקעס... הייסט עס, אַז ס׳איז אַן אָפּגערעדטער צייכן?

די סאָלדאַטן פון קאָנוואָי זענען נשתומם געוואָרן. די מיילער האָבן זיך ביי זיי אויפגעמאַכט. וואָרים באַלד נאָך דעם דריי־גאָרנדיקן קוקעווען איז, ווי אויף אַ ווונק פון אַ קונצנמאַכער, אַרויסגעפלויגן אויפן שליאַך אַ פאַיעטאָן, וואָס האָט זיך געווען פאַרטאַיעט אינעם בעראָזעווען וועלדל. ווי אַ וויכער האָט ער זיך געטראָגן גלייך אויף דער שפּיטאָל־שוועסטערל, וואָס לויפט אים אַקעגן.

— קו־קו! — האָט עמיצער פון פאַיעטאָן אַרויסגעזונגען.

ווען ס'איז געבליבן נאָך אַ צען טריט צווישן פּאַיעטאַן און דער לויפנדיקער נקבה, האָט זיך דער גאַנצער געשפּאַן אַ וואָרף־געטאָן אַן אַ זייט, און שאַרף אַ קערעווע געטאָן זיך אויף צוריק אַזוי שניידיק איז דער קער געמאַכט געוואָרן, אַז דיביידע צעיאָגטע פערדלעך זענען אויפ־געשפּרונגען אין דער הויך, שיער די האָלאָבליעס נישט דורכגעבראָכן, שיער דעם פּאַיעטאַן נישט אומגעוואָרפן. דער קוטשער איז אָבער, ווייזט אויס, געווען אַ גוטער אַנטרייבער. ער האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט אויף דער קעלניע, מיט אָנגעצויגענע לייצעס, און אויסגעהאַלטן גלייכגע־וויכט מיט זיין אייגענעם גוף. די דאָזיקע געפערלעכע רגע, פון אויסקירעווען זיך, האָט דאָס „שוועסטערל״ מיט די שוואַרצע מייטקעס גוט אויסגענוצט. ווי אַ ווערוריק האָט זי, אינמיטן לויפן, דערלאַנגט אַ שפּרונג־אַרויף אין פּאַיעטאַן, און פון גרויס אימפּעט אַריינגעקייקלט זיך אין זיין טיפן צו־פוסן, פאַרשווונדן געוואָרן... באַלד אָבער האָט זי זיך צוריק באַוויזן איבערן הויכן לען פון זיץ, שוין איינגאַנצן אין אַ קאָפּ־טיכל און מיטן פּנים צום דערשטוינטן קאָנוואָי, צו פּאַנדרען און צו שמחה'לען. איר ווייסן קאָפּ־טיכל האָט אַצינד די מאָדנע נקבה געהאַלטן אין האַנט און געפאָכעט מיט אים חוצפּהדיק און פריילעך, ווי איינע, וואָס געזעגנט זיך מיט קלעפּעדיקע קאַוואַליערן. אי, הייסט דאָס, זי חנדלט זיך נאָך מיט זיי, אי זי וויל פון זיי וואָס גיכער פּטור ווערן.

— קו־קו! — האָט זי זיך מיט זיי באַכאַמאַל אַ רייץ־געטאָן פון דערווייטנס. ס'הייסט: אָט ווייסט איר אַצינד מיין סוד און... קושט אַ בער!

די פערד מיטן פּאַיעטאַן האָבן זיך בעת־מעשה געטראָגן ווי אַ רוח. דאָס ווייסע טיכל האָט געפאָכעט, און באַלד איז דער גאַנצער געשפּאַן, מיט דער מאָדנער נקבה און שווייגנדיקע פאַרשוינען, פאַרשווונדן געוואָרן אינעם בויג פון מאָהליוווער שליאַך. נאָר געלבע בלעטלעך זענען נאָך זיי שטיפעריש נאָכגעפלויגן.

ביים קאָנוואָי האָבן זיך פאַרמאַכט די אָפענע מיילער. די גויעשקע קעפּ זייערע האָבן זיך געבראָכן איבער אַזאַ „פּורים־שפּיל״, איבער אַזאַ פאַרבלענדעניש פון ווייב און מאַן בשעת אַזאַ משוגענעם גאַלאָפּ, וואָס האָט זיך, אין איין רגע, פאַרבייגעטראָגן פאַר זייערע אויסגעלופּעטע אויגן. דער ייִנגערער האָט זיך אַפילו איבערגעצלמט:

— טשודיסאַ — אַדנאַ סלאָוואַ! *).

* ניסים, מיט איין וואָרט!

— דאָלזשנאָ, ס'ליובאָווניטשקאָם אוטיקלאָ! *) — מאַכט דער סטאַר־שע מיט זיכערער זעלבסטצופרידנקייט פון א יון, וואָס איז גוט באַקאַנט אין ענינים פון ליבע. דערביי האָט ער נאָך צוגעגעבן אַ פעפערדיק וואָרט מיט אַ שפיי דורך די ציין, אַז די רויטע בלעטער פון אלולדיקן וואַלד זענען נאָך רויטער געוואָרן.

— געווען פאַרנומען די זונה! — באַקלערט זיך דער יינגערער סאָל־דאַט — דערפאַר, הייסט דאָס, האָט זי אונדז געלאָזן אין ראָסל.

און מיט אַ בייזקייט פון אַן אָפּגענאַרטן קאַוואַליער, האָט ער זיך פּלוצלונג צעשריען אויף די אַרעסטאַנטן:

— נו, טראָהאַי, סוקיני־דיעטי! **) וואָס האָט איר זיך פאַרקוקט ווי די וואָראָנעס?...

דער וואָגן פון אָסטראָג האָט זיך ווייטער אַ ריר־געטאָן מיטן הייזעריקן סקריפּ פון שלעכטע רעדער און מיט אַ טראָסקעריי פון דער דורכגעבראָ־כענער פּאָס. דער אַקעגנדיקער ווינט האָט דורכגעבלאָזן אירע ביידע לע־כער און געוואָרפן אויפן קאָנוואָי פון הינטן דעם ספּעציפישן גערוך. פונקט ווי ער וואָלט זיי אלולדיק געוואָלט מוסרן, מעורר־לתשובה־זיין:

— אַ מענטש... דער אָנהויב זיינער איז ערד און דער סוף זיינער איז ערד. דאָס לעבן — מיסט און די ליבע — מיסט.

אָבער די סאָלדאַטן פון קאָנוואָי האָבן זיך נישט געקענט באַרואיקן. אייפערזיכטיק און פאַרדראָסיק האָבן זיי אַלץ געשמועסט צווישן זיך וועגן דער מאָדנער נקבהקע אויפן שליאַך.

דאָס האָט פאַנדרע אויסגענוצט. ער האָט זיך גיך אומגעקוקט, אַ סאָפּע־געטאָן מיט דער נאָז, כדי צו פאַרמאַסקירן זיין קול, און אַריבערגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער איבער דער גריווע פון דעם פערד צו שמחה'לען:

— ברודער, שמחה, דו האָסט געטראָפן!

— יוי? — מאַכט שמחה'לע און פאַרקוועטשט איין אויג

— שווייג! — גיט פאַנדרע אַ סאָפּע מיט דער נאָז, אַ ווונק אויפן קאָנוואָי, און גיט האַסטיק אַ צי דעם פערד ביים אָפּגעלאָזענעם צוים.

אָנקומענדיק צום אָסטראָג, האָט זיך דער קאָנוואָי אָנגעשטויסן, אין הויף, אויף אַ שטיקל גערודער: סטאַראָזשעס מיט שליסלען, דער נאַדזי־ראַטעל, דער „פּאָמאָשניק סמאָטריטעל" האָט עפּעס געמאַכט מיט די הענט

* מיט אַ ליובאָווניקל, ווייזט אויס, אַנטלאָפן!

** רירט זיך, הינטישע זין!

און געבייזערט זיך. אַ צווייטע „באַרמהאַרציקע שוועסטער" פון שפּיטאָל, אַ הויכע און אַ דיקע, איז געשטאַנען אַ פאַרוויינטע און עפּעס דערציילט...

האָט דער סטאַרשע פון פאַנדרעס קאַנוואָי איינגעזען, אַז איצטער איז געקומען די ריכטיקע צייט צו דערוויזן, פאַר גאַנץ נאַטשאַלסטוואָ אין די אויגן, זיין טריישאַפט צום קיסר, ירום הודו, און ווי „הראַמאָטנע" ער איז, האָט ער פון אַרבל־אומשלאַג אַרויסגעשלעפּט זיין קאָפּיקענע העפטעלע און, האַלטנדיק די האַנט אונטערן קאַזיראָק, צוגעטראָגן צום פּאָמאָשניק, כדי אָפּצוגעבן אים ראַפּאָרט וועגן דער צעבראָכענער פּאַס, וועגן טשורילאָס מעשים, וועגן –

נאָר דער פּאָמאָשניק האָט אויף אים גאָר אויסגעשטעלט אַ פּאָר גזלנישע אויגן און אַ געשריי־געטאָן:

— פּ'שאָל וואָן!... אין קאַנצעלאַריע גיי!

אין יענעם טאָג האָבן פאַנדרע און שמחה'לע טאַקע מער נישט געאַר־בעט. אין דער גרויסער קאַמער פון אָסטראָג האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז שעפּטעלע גנב איז מיט אַ פּאָר שעה צוריק אַנטלאָפן פון שפּיטאָל. ער האָט ערגעץ־ווו פּאַטיאַפּעט אַן אַנטוּעכץ פון דער באַרמהאַרציקער שוועס־טער, וואָס יענע האָט אַריינגעוואָרפן אין קאָרב פון שוואַרצע וועש, און האָט דאָס אויף זיך אָנגעטאָן. אַנשטאָט דעם האָט ער אין קאָרב איבער־געלאָזן זיינע אַרעסטאַנטסקע קליידער. דעם שפּיטאָל־כאַלאַט, די גרויע פּלודערן די שצאָגעלסקע שטעק־שיך... מען רעכנט, אַז אימיצער האָט אים באַזאָרגט מיט ציוויל־קליידער, וועלכע ער האָט אָנגעטאָן אונטער די ווייבערישע. ווייל אין איין סיטצענעם קליידל „ווּעסטו אין סענטיאַבער ווייט נישט אַנטלויפן"... אַזוי איז ער דורכגעגאַנגען דעם פּאַטרול ביים טויער און געמאַכט פּליטה. יאָ, אין קאָרידאָר, אויפן פּריטעלקע פון פענצטער, האָט מען געפונען אַן אָפּגעבראָכן און פאַרבלוטיקט שטיקל גלאָז. מען רעכנט, אַז דערמיט האָט זיך שעפּטעלע גנב אויסגעקראַצט זיינע ווענסע־לעך. וואָרים אַ נקבה מיט שוואַרצע ווענסעלעך וואָלט אַפילו אַ פּראָסטער סאָלדאַט נישט דורכגעלאָזן...

פאַנדרע האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער איז פאַרגאַפּט און פאַר־וווּנדערט. און שמחה'לען איז אַראָפּ אַ משא פון קאָפּ. אַ רעטעניש האָט זיך אים אויפגעקלערט. אַצינד האָט ער שוין קלאָר געוווּסט, ווו שעפּטעלעס שוואַרצע ווענסעלעך זענען אהינגעקומען.

ענדע — ערשטער טייל „עמי־הארצים".